STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04371

DEM MEKHASHEFS TALMED

Hanns Heinz Ewers

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הײנץ האנס עװערס

דעם מכשפס תלמיד

ײדיש: עלים באָרנשטײן

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

װאַרשע, 1926

הילע געצייכנט י. טיקאטשינסקי
עדרוקט אין „רעקארד" דזיקע 18

HANS EWERS

UCZEŃ CZAROWNIKA

WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno 27.

Druk. „RECORD" Warszawa, Dzika 18

דעם מכשפס תלמיד

פיל וווּנדער זענען פאַראַן, דאָך דאָס
גרעסטע וווּנדער איז דער מענטש.

סאָפאָקלעס אַנטיגאָנע 334.

I.

Wer Schönes hier und Zartes sucht,
der sei gewarnt : Jn diesen Blättern
schläft manches Grau'n, und aus den Lettern
grinst oft, was scheuslich und verrucht.

Osc. Panizza, Heilige Antonius.

— פּאָ פּאָרט-זשע מיט מיר! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

דער אַלטער גייסטלעכער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ,

— אוממעגלעך, — האָט ער געענטפערט, ס'איז מיר פּשוט אוממעגלעך.

דער קליינער גאַרדאַ-דאַמפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט :ביידע האָבן אויסגעשטיגן צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם, פראַנק ברוין האָט זיך אַרומגעקוקט, און געפינענדיק ענדלעך דעם פּאָרטיער פון זיין האָטעל, האָט ער צו אים אַ ווינק געטון און אים איבערגעגעבן דעם באַגאַזש-צעטל און די האַנט-וואַליזע. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צום גייסטלעכן :

— צי קען איך אייך אַ ביסל באַגלייטן, הויכוועדי-קער?

— אַנטשולדיקט מיר, — ניין, — האָט געענטפערט דער אַלטער. — איך מוז איצט גיין אין דער פּלעבאַניע, כ'האָב דאָרט צו דערליידיקן עטלעכע גייסטיקע ענינים. אָבער אויב עס איז אייך ניחא, וועל איך אייך היינט אין אָוונט באַזוכן אין האָטעל.

— איר וועט מיר פאַרשאַפן גרויס פרייד. — אַלזאָ, צום ווידערזען, ביזן נאַכטמאָל, דאָן ווינטשענבצאָ!

דער גייסטלעכער האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— אויף ווידערזען.

פראַנק ברוין האָט זיך געלאָזט פּאַמעלעך גיין צום האָטעל צו, וועלכער איז געשטאַנען האַרט באַם ים. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ צימער, אַרומגעוואַשן זיך און אָנגעשריבן עטלעכע בריוו. ער האָט געמאַכט אַ קורצן שפּאַציר און זיך אומגעקערט גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָט זיך געלאָזט הערן דער גאָנג. אָבער ער איז נישט גלייך אַריינגעגאַנגען אין עסזאַל. ער איז פריִער אַרויף אין זיין צימער, זיך זאָרגפעלטיק אָפּראַזירט, גאַנץ געלאַסן; דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם אָוונט-אַנצוג.

מ'האָט שוין געהאַט אַריינגעטראָגן דאָס דריטע מאכל, ווען ער איז אַראָפּגעקומען אונטן.

ער האָט געטראָפן דעם גייסטלעכן זיצן באַ אַ טישל לעבן דעם פענסטער.

— כ'האָב אייך אַ ביסל געלאָזט וואַרטן, — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — אָבער דאָס איז שוין באַ מיר אַזאַ מיאוסע טבע — ער האָט גענומען אין האַנט אַריין די וויין-רשימה און זיך אָן עצה געהאַלטן מיט זיין גאַסט. באַלד האָט ער אויסגעפונען די מאַרקע, וואָס יענער האָט ליב געהאַט.

— דאָס איז מאָדנע, — האָט ער געלאַכט. — גראָד דאָס-זעלביקע, וואָס איך אַליין האָב ליב.

אָבער ער האָט קוים אויסגעטרונקען אַ האַלב גלעזל און איך גאַנץ ווייניק געגעסן. ער האָט זיך שוין נישט געהייסן דער-

לאַנגען קיין צווייט מאכל און האָט נאָר כסדר געזאָרגט דערפאַר, אַז דעם גלחס טעלער זאָל חלילה נישט שטיין אַ רגע ליידיק. צום דעסערט האָט ער אים אָפגעשיילט עטלעכע קאַליווילישע עפּל; דער אַלטער האָט זיי געגעסן מיט קערן.

— קיין עפּל עסט איר אויך נישט? — האָט ער גע־פרעגט.

— אדרבא, — האָט געענטפערט פראַנק ברוין.

ער האָט גענומען אַ פעניצל און עס לייכט באַשיט מיט זאַלץ.

דער גייסטלעכער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מיט זאַלץ? עפּל מיט זאַלץ?

— אוודאי, הויכוועדיקער. אַזוי אַרומעט קען מען ערשט רעכט אַרויספילן דעם טעם פונם עפּל.

דער גלח האָט באַלד איינגעטונקען זיין פעניצל אין זאַלצ־מעסטל.

— צופיל, דאָן ווינטשענצאָ, צופיל! — האָט געלאַכט דער דייטש. יענער האָט באַלד אָפגעשאָקלט דאָס זאַלץ.

— אַזוי איז גוט?

— יאָ, אַזוי איז גוט.

דער אַלטער האָט פאַרזוכט.

— יאָ — יאָ — איר זענט גערעכט. דער ריינער טעם פון דעם עפּל קומט אַזויערנאָך בעסער אַרויס. איך וועל זיך דאָס גע־מען אין זינען אַריין, דאָקטאָר; און באַ דער נאָנטסטער געלעגנ־הייט וועל איך עס אויס׳ערנען אונדזער ביסקופּ. ער שעצט שטאַרק אַזעלכע קליינע מעדנים — מ׳דאַרף תמיד קענען דער־טאַפּן דעם קערן פון דער זאַך!

— אוודאי, דאָן ווינטשענצאָ. — דאָס איז ס׳ערשטע.

— אַנטשולדיקט מיר — וואָס הייסט עפּעס דאָס ערשטע?

פראַנק ברוין האָט אָנגעפילט דאָס גלעזל פון זיין גאַסט.

— נו, כ׳מיין — דער דיאַגנאָז איז אומעטום און תמיד דאָס ערשטע. ווען מיר וואָלטן, למשל, וועלן מאַכן אַן עפּל וואָלטן מיר פריִער געמוזט גענוי וויסן — —

— אַן עפּל — מאַכן? — האָט א'ם איבערגעריסן דער גלח. — אָבער מיר האָבן כּלל נישט בדעה צו באַשאַפן קיין צפּל!

— אלמאי זאָלן מיר נישט האָבן בדעה? — האָט געזאָגט פראַנק בּרוין. — מיר ווילן אַלצדינג מאַכן. אָבער לאָמיר נעמען עפּעס אַנדערש, אויב די קונסט צו מאַכן עפּל ווייזט זיך אייך אויס אַזוי ווייט. אָט לאָמיר נעמען עפּעס אַ קראַנקהייט — די באָלערע למשל. איז ערשט אַמאָלס קענען מיר צוטרעטן מיט דער פּלאָג זי צו באַקעמפן, ווען מיר קענען געטוי יענע באַצילן, און זייער לעבנס-אופן, וואָס רופן אַרויס די דאָזיקע קרענק.

— די גענויע דערקענטעניש איז תמיד דאָס ערשטע — אין אַלע זאַכן. נישט אמת, הויכווערטיקער?

— אָ, יאָ, — געוויס!

דער בייסטלעכער האָט אויסגעטרונקען זיין גלעזל.

— איצט פאַרשטיי איך, וואָס איר מיינט דאָקטאָר. אָבער אַנטשולדיקט מיר, כ'בין נאָך נישט אַזוי אינגאַנצן מסכּים צו דעם וואָס איר נעמט מיר פלוצלינג אַוועק דעם עפּל און שטעלט דערפאַר אריין די כאָלערע. — אַן עפּל האָט איר געוואָלט — מאַכן — נישט אמת, דאָקטאָר? אַזאַ, וואָס ליגט אָט דאָ, און וואָס וואַקסט אויף די ביימער. פון דער כאָלערע אָבער ווילט איר גראָד דעם היפּוך: איר ווילט זי פאַרטיליקן! מ'דאַרף זי באַקעמפן — אָבער נישט באַשאַפן!

דער אַנדערער האָט געלאַכט.

— גיין? — און אלמאי נישט? ס'פאַרשטייט זיך, אַז איר, חשובער בייסטלעכער, וועט זיך דערמיט נישט וועלן אָפּגעבן. און איך — נו, איך וועל אויך זיכער דערצו קיין געלעגנהייט נישט האָבן. אָבער אַנדערע מענטשן? צי דערפינדן מיר נישט יאָר בּאַ יאָר עפּעס אַ נייע שיינע זאַך, וועלכע זאָל אַ וואָס מעגלעך גרעסערע צאָל מענטשן, ווי ווייט מעגלעך, ראַש און זיכער דאָס לעבן צונעמען? טאָרפּעדן און פּלעמיאָטן? אונטערוואַסער-שיפלעך און עראָפּלאַנען? לידיט, מעליניט, ניטראָגליצערין וכדומה נאָך אַזעלכע פיינע זאַכן? אלמאי זאָל מען דאָס נישט וואַרפן

עפעס א מוראדיקע דזשומע אויפן לאַנד פון שונא, אַזוי עפּעס אַ שוואַרצע אָדער אַ געלע מגפה, וועלכע וואָלט בעסער געאַרבעט, ווי אַלע כלי-זינס אין דער וועלט?

דער גייסטלעכער האָט זיך איבערגעצלמט:

— ה ליקע מוטער! — האָט ער אויסגערופן. — זאָלן אונדז אַלע גוטע הייליקע דערפון באַהיטן!

דער דייטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, דאָס האָף איך אויך. די מלחמה איז בכלל אַ גאַרישע זאַך און זי האָט נאָר עטלעכע זייטן, וועלכע לויבן זיך צו פאַראינטערעסירן דערמיט. אָבער די מעגלעכקייט צו באַשאַפן אַ מגפה איז פאַראַן, דאָס וועט איר נישט אָפּלייקענען, דאָן וויב-טשענצאָ? איטלעכער פּושער קען עס שוין — היינט. באַשאַפן עפּל, דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שווערער: אָבער מיר וועלן זיך דאָס אויך אויסלערנען — שפּעטער אַ ביסל. מיר זענען דאָך נאָך אַזוי יינג.

— יינג?

— נו, יאָ, היכוועררדיקער! דער עלטסטער מענטש, וועמענס ביינער מיר האָבן געפונען, איז געשטאָרבן מיט פירטהאַלבן מיליאָן יאָר צוריק.

— און דאָס רופט איר אַן יינג?

דער גלח האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, גלייך אין די אויגן. שוין-זשע האָט ער נישט אַמאָל? — — אָבער ער האָט זיכער אַ טעות געהאַט. ניין, ער האָט דאָסדאָזיקע פּנים נאָך נישט געזען. נאָר דער אויסדרוק האָט אים דערמאָנט — — יאָ, דאָס האָט ער געקענט! אַ שמייכלדיקס, מיט אַ מינע פון גדלות, באַצווינגענ יק — קענגן אייגענעם ווילן. ער האָט זיך שוין אַמאָל דערשראָקן פאַר דידאָזיקע געזיכטס-שטריכן — — עפּעס ערגעץ-ווו אויף אַ בילד? אָדער אויף עפּעס אַ געמעל אין אַן אַלטן ספר? ער האָט זיך פאַרטראַכט און זיך איינגעקוקט אין זיין שכן.

גלאַטיק ראַזירט איז געווען דאָסדאָזיקע פּנים, שמאָל און ברוין, די אויגן האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע פאַרב, זיי האָבן געקענט זיין בלוי, אָבער אויך גרין אָדער גרוי.

אויפן הויכן שטערן — לייכט געוועלבט איבער די שמאָלע ברעמען — זענען אַרונטערגעפאַלן ווילדע לאָקן פון אַש־בלאָנדע האָר; די ליפּן איבערן האַלב־אָפענעם מויל האָבן זיך אויסגעבויגן עטוואָס אַראָפּצו. דער אַלטער גייסטלעכער האָט דורך זיי דערזען די געזונטע, ווייסע ציין, צווישן וועלכע ס'האָט ערטערווייז אַרויסגעבליצט דאָס גאָלד. דאָסדאָזיקע פּנים האָט אויסגעוויזן צו זיין יונג, זייער יונג — און פונדעסטוועגן האָט עס אויך געקענט זיין אַלט — נאָר, ווי אַלט? די מאַטע אָפּאַל־אויגן האָבן געלאַכט אומשולדיק, כמעט גוטמוטיק. „אַ גאַנץ ווויל יינגל", האָט געטראַכט דער גייסטלעכער, „אַ קינד, אַן אמתדיק קינד".

דער פרעמדער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל אויפן דאָזיקן לאַנגן, פאַרשנדיקן בליק. אָבער איצט האָבן זיך אָפּגעקערט זיינע אויגן, אַרומגעבלאָנדזשעט אַ ווײַלע און געקוקט דורכן אָפענעם פענסטער צום ים אַרויס. און דער גלח האָט גיך תופס געווען: פאַרחלומטע, פאַנטאַסטישע, פאַרבלאָנקעטע שליחים פון דער נשמה־וועלט, ווו אַלע בענקשאַפטן וווינען. דערנאָך האָט דער אומבאַקאַנטער ווייטער אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אים גלייך אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, ערנסט, כמעט דראָענדיק. איצט האָט דער אַלטער כמעט נישט געזען יענעמס אויגן — אָבער ער האָט געפילט דייטלעך דעמדאָזיקן בליק. און פונדעסטוועגן האָט זיך אים געדאַכט, ווי דידאָזיקע מורקווירדיקע, תקיפות־דיקע קראַפט וואָלט נישט פון אים אַרויסגעגאַנגען, אָדער — אָדער נישט בלויז פון אים — —

— ניין, ניין, הויכווערדיקער! איר קענט מיך נישט. היינט אינ־דערפרי, בשעת איר האָט זיך אין סירמיאָנע אַריינגעזעצט אין דאַמפער, האָט איר מיך געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן! דער דייטש האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און דאָס איז געווען אַ פריש, געזונט, קינדיש געלעכטער.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט דער גלח אַ פרעג געטון עטוואָס צעטומלט און דאָך באַלד באַרויִקט דורך דעם גוטמוטיקן געלעכטער.

— איר קענט לייענען די רעיונות?

— צי דען איז דאָס אַזוי שווער? איר האָט אַ Telle-tale-face — — טרינקט-זשע, דאָן ווינטשענצאָ!

ער האָט אויפסניי אָנגעפּילט דאָס גלעזל.

— רייכערט איר?

ער האָט אים דערלאַנגט זיין טעשל.

— כמעט אַלע מענטשן האָבן אַזעלכע פּנימער און איבערהיפּט די גייסטלעכע. — ס'איז זיך שווער דערפון אָפּצוגעוויינען. עס איז נישט גוט אַזוי אַרומצוּוואַנדערן איבער דער גאָרער וועלט, ווי אַן אָפן בוך.

— דאַנקען גאָט, נישט אַלע מענטשן קענען לייענען.

— אמת, דאַן ווינטשענצאָ, עס איז דאָ מוראדיק אַ סך אַנאַלפאַבעטן. — אָבער דאָ קומען מיר ווידער צוריק צום זעלביקן: דאָס לייענען איז דער עיקר. דאָס איז דאָס זען, דאָס דערקענען. און דאַן קומט ערשט דאָס אַנדערע — דאָס שרייבן: דאָס איז די יצירה.

— דאָס איז נישט פאַר אונדז, ליבער דאָקטאָר, נישט פאַר די גייסטלעכע.

— און פונדעסטוועגן קען איך איינעם, וואָס האָט עס געקענט.

— אַ גייסטלעכער?

— יאָ, ער איז אַ גלח, אַזוי גוט ווי איר, נאָכמער: ער טראָגט דעם זעלביקן נאָמען וואָס איר, און איך רעכן, אַז איר זענט אים מחויב צו קענען.

— ווינטשענצאָ — ? — ווינטשענצאָ אַלפיערי — איר מיינט דאָך אוודאי נישט דעם הייליקן פּאַטער ווינטשענצאָ אַלפיערי פון פּאַדואַ?

— אים טאַקע מיין איך.

— און איר קענט אים?

— יאָ, איך מיין, אַז איך קען אים גוט.

— אָ, דאָס איז אַ זייער באַקאַנטער מענטש! ער איז געווען דער בעסטער פּרעדיקער פון גאַנץ איטאַליע.

— ער קען לייענען און שרייבן. ער איז אַ שעפער.

— דערציילט-זשע מיר עפעס פון אים. כ'האָב אים איינמאָל געהערט אין פּאַדוואַ רעדן — דאָס איז געווען מיט אַכט — ניין, מיט ניין יאָר צוריק. איך געדענק שוין נישט מער, וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער כ'וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי ער האָט גערעדט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט אַוועקגעטראָגן מיין נשמה אויף ווייטע הויכן. ווו איז ער איצט? מ'זאָגט, אַז דער פּויפּסט זאָל — —

פראַנק ברוין האָט אים איבערגעריסן:

— יאָ, יאָ — מ'זאָגט! מ'זאָגט! — איבעריקנס, קען איך אייך פאַרזיכערן, דאָן וויטשענצאָ, אַז זיין הייליקייט האָט זיכער נישט געהאַט קיין שום יסוד איבערצורייסן אַלפיעריס טעטיקייט. דאָס איז געווען אַ מיאוסע אינטריגע מצד די רוימישע יעזויטן און סוף-כל-סוף אַ ריין פּערזענלעכער אָנגריף אויף דער מאַכט פון קאַרדינאַל מערי דעל וואַל, וועלכער האָט פּראָטעזשירט אַלפיערין. איך בין איבערצייגט, אַז דער פּויפּסט האָט גוט דורכגעזען דעמדאָזיקן אומגעלומפּערטן שפּיל; אָבער ער האָט געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דעררדאָזיקער מחלוקת. ער האָט אַלזאָ געמאַכט אַ פּשרה און אַרויסגעשיקט דעם פּאַדואַנער קיין שפּאַניע.

— פּרעדיקט ער אַלזאָ איצט אין שפּאַניע?

— יאָ, אין מאַדריד. און מיטן זעלבן געוואַלטיקן דערפאָלג. — אָבער איך זאָג אייך, די באַוועגונג, וועלכע ער האָט געשאַפן, איז כלל נישט קיין געפערלעכע. ער איז אַ געהילף פון דער קירך. — נעמט און פאַרשפּאַרט אים אויף אַ זעקס יאָר אין אַ קלויסטער — און עס קען פון אים אַרויסקומען אַ מחמד, אַ לוטער. ער קען לייענען, פאַרשטייט אָבער ווייניק פון דעם, וואָס ער לייענט. און אַזוי שרייבט ער — — פאַרשטויבטע, אָפּגעבלאַקירטע ביכער.

דער ביסטלעכער האָט אים אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט:

— אַלפיערי שרייבט — — וואָס שרייבט ער אַזוינס? ווידער האָט זיך דער דייטש צעלאַכט.

— ער שרייבט, נאטירלעך, קיין זאך נישט! אבער ער שאַפט — און דאָס וואָס ער שאַפט איז פאַרשטויבט און אָפּגע־בלאָקירט. ס'איז פסולת, אומגעפערלעך. — אָבער דאָך: ער שאַפט, שאַפט — — און דערפאַר האָב איך אים ליב.

— נו, גוט, דאָקטאָר — אַבער וואָס אייגנטלעך שאַפט ער?

פראַנק ברוין האָט זיך טיף איבערגעבויגן איבערן טיש. אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויפן פלאַט און לייכט אויסגעשטרעקט פאַר זיך די הענט. דאַן ווינטשענצאָ האָט ווידער דערשפּירט דעם לייכטן צוואַנג פון דידאָזיקע מערקווירדיקע אויגן, אָבער זיין בליק איז געבליבן, ווי צוגעשמידט צו יענעמס הענט.

דאָס זענען געווען גרויסע, שטאַרקע הענט, ווי די אכזריות־דיקע לאַפּעס פון אַ רויב־חיה. שמאָלע, צעשפּרייטע פינגער, אָבער ביינערדיק און דיק אין די געלענקען — — גרויזאַמע פינגער, וועלכע מוזן זיך, ווי שטריק אַרום דעם האַלדז צונויפקלאַמערן. ווילדע, אומברחמנותדיקע, מוראַדיקע הענט — —

פונדאַנען איז געגאַנגען דער כוח, פונדאַנען, מער נאָך, ווי פון די אויגן — —

דער גייסטלעכער האָט זיך איינגעקוקט אין דידאָזיקע הענט, גלייך ווי פונוויטנס האָבן זיך דערטראָגן צו אים די לאַנגזאַמע, כמעט פייערלעכע ווערטער:

— דער פּאַדואַנער שאַפט, ער איז אַ שעפער. פון טויזנט גופים רייסט ער אַרויס טויזנט נשמות און צעשמעלצט זיי אין איין איינציקער אין די פלאַמען פון זיינע רייד. אָט שטייען זיי דאָרטן, מענער, ווייבער און קינדער — איטלעכער באַזונדער — אַ יאָמערלעך, עלנט בילד! און דער פּאַדואַנער כאַפּט זיי און פאָרמט זיי אין איין גרויסע גאַנצקייט, אין איין מעכטיקע מאַסע: אַ ריזיקע, משוגעדיקע מאַסע, אַ ריזיקע משוגעדיקע חיה. — אָט דאָס שאַפט ער, דאָס שאַפט ער, דאַן ווינטשענצאָ!

דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און זיך פּאַמעלעך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אַנלען פון דער שטול. ער האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַרויסגעבלאָזט פאַר זיך לייכטע שלענגלעך רויך.

— נאָר לײדער, לײדער — האָט ער פֿאָרגעזעצט און זײַן שטים האָט געקלונגען כמעט טרויעריק, — קען ער נישט גוט לײענען, דער פּאַדואַנער. און דעריבער צעקלאַפּט ער טויזנטער קלײנלעכע געדאַנקען אין זײערע קעפּ און גיט זײ נישט אַנשטאָט זײ קײן אַנדערן — עפּעס אַ — נו — אַ גרויסן! מיט אַלעמען געשעט עס פּונקט אַזוי, װי מיט אײַך, דאָן װינטשענצאָ: דאָס גאַנצע לעבן װעלן זײ געדענקען, װי אַזוי ער האָט גערעדט — — אָבער, װאָס ער האָט געזאָגט, דאָס האָבן אַלע פֿאַרגעסן! — די חיה איז דאָ, די הערלעכע, מעכטיקע חיה — — אָבער זי קען נישט לויפֿן און נישט בײַסן! — אַן עלנט, קלאָגעדיק באַשעפֿעניש! ער האָט געקענט זײַן אַן אַנטיכריסט — און װעט דאָך בלײַבן אויפֿן גאַנצן לעבן אַן אומגעפֿערלעכער פּרעדיקער! אָ, װי גערן װאָלט איך אים אויסגעלערנט לײענען! — — נו, טרינק־זשע, דאָן װינטשענצאָ!

דער גײַסטלעכער האָט געשװיגן. ער האָט גענומען אין האַנט אַרײַן דאָס גלעזל, עס אויפֿגעהויבן און צוריק אַנידערגעשטעלט. ער האָט שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— הער דאָקטאָר, צי זײַט איר קאַטויליש?

דידאָזיקע פֿראַגע איז געקומען פּלוצלינג און אומדערװאַרט. אָבער דער אַנדערער האָט זיך אויף קײן רגע נישט געקװענקלט מיטן ענטפֿער.

— לעת־עתּה נישט, — האָט ער רויִק געזאָגט. — אָבער װער װײסט, צי איך װעל עס נאָך אַמאָל נישט װערן!

ער האָט לײַכט געפּויקט מיט די פֿינגער אויפֿן טיש.

— אָבער לאָמיר דאָס לאָזן צורו, דאָן װינטשענצאָ, מיר װילן זיך דאָך נישט מתװכּח זײַן איבער רעליגיעס! כ'האָב זיך הײַנט אײנדע־פֿרי געװענדט צו אײַך אויפֿן דאַמפֿער און, הגם איך בין פֿאַר אײַך געװען אַ גאַנץ פֿרעמדער מענטש, האָט איר מיר געגעבן אַזעלכע ליבנסװערדיקע ידיעות, אַז ס'װאָלט שוין פּשוט געװען אומדאַנקבאַר פֿון מײַן זײַט, װען כ'זאָל זיך איצט אַרײַנלאָזן אין אַ דיספּוט, װעלכער װערט סוף־כּל־סוף תּמיד דראַסטיש.

— ניין, ניין! — האָט געלאַכט דער גלח. — איך וואָב געוויס נישט וואָס מורא צו האָבן. איך שטיי אויף אַ פעסטן און שטאַרקן גרונט.

— איר מיינט אַזוי? — כמעט ווי אַ מיטלייד האָט גע־קלונגען אין דעם דייטשס שטימע. — איר שטייט דאָרט, ווו אַל־פיערי שטייט. האָרט, ווי די שטיינער פון אייערע בערג, ווייזט זיך אייך אויס דערדאָזיקער גרונט, און דאָך איז עס נאָר אַ נישט ממשותדיקער געמיש פון נעפּל־פלעקן. אָך — אַ גרונט. אַ גרונט! גיט דעמדאָזיקן מאַן נאָר אַ פעסטן פּונקט אויף וועלכן ער זאָל קענען שטיין, און ער וועט רוים פון אירע יסודות רירן! — מיר קומען תמיד ווידער צוריק צום אייגענעם: די גרויסע דערקענטע־ניש — דאָ שטעקט דער סוד.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, דאָקטאָר!

— כ׳גלייב אייך, הויכוועדריקער! — אָבער צי דען וואָלט נישט גלייכער געווען אָוועקצוואַרפן דידאָזיקע טעמע? — כ׳האָב אייך געבעטן, אַז איר זאָלט מיר אָנווייזן אַ שטיל, איינזאַם אָרט אין אייער פּאַראַפיע, ווו כ׳זאָל קענען רויק אַרבעטן אַ פּאָר חדשים. איר האָט מיר גערעדט וועגן די סקאַדראַ —

— יאָ, — האָט דער גלח קורץ געענטפערט, — וואָל די סקאַדראַ.

— איז דאָס אַ שטיל אָרט?

— יאָ.

— און איינזאַם?

— אָ, יאָ, זייער איינזאַם! איר וועט אין דער גאַנצער וועלט נישט געפינען קיין מער אָפּגעלעגן דאָרף.

פראַנק ברוין האָט צו אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— נאָר זייט נישט בייז אויף מיר, הויכוועדריקער גייסט־לעכער! מיר זענען דאָך אַלע זינדיקע — —

ער האָט אויסגעזען אַזוי אומשולדיק און גוטמוטיק, אַז דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אָנגענומען זיין האַנט און זי לאַנג געדריקט.

— כ'בין כלל נישט בייז. — אָבער כ'האָב אייך שוין היינט אינדערפרי געגעבן גענויע ידיעות.

— און כ'ווייס שוין אַלץ גאַנץ גענוי — כ'האָב ליידער אַ זייער גוטן זכרון. כ'וועל אַלזאָ וווינען בײַ דעם פיינעם בעל־אכסניה פעפּינאָ ריימאָנדי און וועל — — — אָבער אַלמאַי ווילט איר נישט מיטפאָרן, דאָן ווינטשענצאָ? איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר מוזט מאַכן אַן אינספּעקציע־נסיעה איבער אייער פּאַראַפיע — — און דאָסדאָזיקע דערפל אין די בערג ווילט איר נישט באַזוכן? דערצו געהערט עס צו אייער ענגערער געמיינדע און איז אפילו אייער געבורטס־דאָרף אויך?

דער גלח האָט אים איבערגעריסן:

— פאַרוואָס ווילט איר אייגנטלעך, אַז איך זאָל מיטפאָרן?

— פאַרוואָס? ס'איז אפשר אַ קאַפּריז — — איר וועט עס מיר מוחל זיין! איך האָב פאַר זיך אַן אַרבעט, זעט איר; איך שרייב, הייסט עס, און כ'דאַרף דערצו האָבן אַ שטיל ווינקל ערגעץ־ווו אין די בערג. דאָרט וויל איך אַרבעטן — — ווער ווייסט, אפשר אויך נישט. אָבער אויף יעדן פאַל וויל איך זיין אַליין אַ פּאָר חדשים, אינגאַנצן אַליין, מיט זיך זעלבסט. און דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי אַ קאַלט, אייז־קאַלט באָד. מ'שטייט אַ ביסל לעבן דעם, מען קווענקלט זיך נאָך, מ'וואַרט נאָך אַ רגע, צוויי — איידער מ'גייט אַריין דערין. זעט איר, דאָן ווינטשענצאָ, ווען איר וואָלט מיטגעפאָרן, וואָלט איך נאָך געהאַט אַ פּאָר טעג געזעלשאַפט, איידער כ'וועל אַריינגיין אין מיין קאַלט באָד.

— פאַר אייער געזונט, דאָקטאָר!

דער גלח האָט פריילעך געלאַכט און אויסגעטרונקען זיין גלעזל.

— אַלזאָ זאָל איך נאָך זיין, הייסט עס, אַ ווײַלע אייער וואַרעם באָד־מאַנטל? — אָבער ליידער: ס'לאָזט זיך נישט, ס'לאָזט זיך באמת נישט — ס'איז פּשוט אוממעגלעך.

— אוממעגלעך? אַ גייסטלעכער, וואָס קען נישט באַזוכן זיין געמיינדע־דאָרף?

— וואָס קען נישט — זאָגט בעסער: וואָס וויל נישט! — כ'האָב היינט אין אָװנט געטראָפן אין דערהיים אַ בריוו, פון וועלכן ס'דרינגט אַרויס, אַז ס'איז גלייכער, אַז איר אפילו זאָלט קיין וואָל די סקאָדראַ נישט פאָרן.

— באמת, הויכוועדדיקער, איר מאַכט מיך פשוט נייגעריק! — איך זאָל דאָרט אַהין נישט פאָרן? מיינט איר, אַז איך קען ווערן פאַרן דאָרט געפערלעך — אָדער אפשר גאָר — — דאָס דאַרף פאַר מיר?

— ניין, ניין, דאָקטאָר, ביידע זאַכן נישט! — אָבער לויט די ידיעות, וועלכע איך האָב באַקומען, איז שוין אַפּנים אין וואָל די סקאָדראַ נישט אַזוי רויק און שטיל. עפּעס קומט דאָרטן פאָר.

— צַך, צַך — איר גיסט מיר אַריין וואַרעם וואַסער אין מיין אייז-קאַלטן באָד! — — נו, און וואָס אייגנטלעך קומט דאָרטן פאָר, אַז ס'זאָל מיך קענען פאַרינטערעסירן?

— כ'ווייס נישט, צי ס'וועט אייך פאַרינטערעסירן, מסתמא גאָרנישט. — מען האַלט דאָרטן אָפּ סעקזאַנטישע פאַרזאַמלונגען.

— ווער?

— די לייט פון וואַל די סקאָדראַ דער אייגנטלעכער בעל-דבר הייסט פיעטראָ נאָסקלער, אָדער מיסטער פעטער, ווי ער האָט זיך אַליין ליב אָנצורופן. דער אַמעריקאַנער, גיי דער עולם זאָגט.

פראַנק ברוין האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— ווער איז דאָס דער דראָזיקער מיסטער פעטער?

— לאָזט מיך, הער דאָקטאָר, וועל איך אייך דערציילן בסדר אַלץ, ווי אַזוי דאָס איז געשען; דאַן וועט איר תיכף פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג פון די אַלע זאַכן. איר דאַרפט וויסן, אַז פון אונדזערע אָרימע באַרג-דערפער וואַנדערן אויס יאָר-יערלעך אַזוי פיל מענטשן קיין אַמעריקע, ווי פון קיין שום קאַנט אין גאַנץ טרענטינאָ. דאָס רוב פאַרבלייבן זיי שוין דאָרטן, אָבער טייל קענען פאָרט נישט פאַרגעסן זייער אַלטע היים און קערן זיך אום

צוריק, ווי באַלד זיי האָבן נאָר אָנגעזאַמלט גענוג געלט, כּדי זיך דאָ צו קויפן אַ שטיקל ערד. אַזאַ איינער איז געווען פּיעטראָ באַסקלער. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט ער אַזוי געוואַנדערט, אַלס זעכצניעריק יינגל. צוערשט איז ער געווען אין ניו־יאָרק, דערנאָך אין טשיקאַגאָ, און צום סוף ערגעץ־ווו אין פּענסילוואַניע. ער האָט אין ערגעץ נישט געהאַט קיין הצלחה און האָט קוים פֿאַרדינט אויף חיונה פֿאַר זיך און פֿאַר זיין פֿרוי — אַ בערגאַמאַסקערין, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין דאָרט באַקענט. — אַ גליק נאָך, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער! — עס שיינט מיר, אַז ער האָט דאָרט אין פּענסילוואַניע געהאַט באַציִונגען מיט עפּעס אַ פֿאַנאַטישער סעקטע, צו וועלכער ער איז מתחילת, דאַכט זיך, צוגעטרעטן בלויז צוליב מאַטעריעלע טעמים. דידאָזיקע לייט האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אים אַזוי, אַז ר'האָט שוין אינגאַנצן נישט געדאַרפֿט קלערן וועגן דאגת פּרנסה. פֿון דעם קליינעם לאָטוטניק איז געוואָרן אַן אמתער שוסטער — און אין אַ שטיקל צייט אַרום אַ שיך־סוחר. דערנאָך איז אינטערגעקומען דאָס גרויסע גליק: אויף אַ לאָטעריע, וועלכע די געמיינדע האָט איינגעאָרדנט לטובת דעם אויפֿבוי פֿון אַ נייעם קלויסטער, האָט פּיעטראָ אַרויסגעצויגן דאָס גרויסע געווינס: צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. ער איז נאָך דאָרט פֿאַרבליבן אַ יאָר, אָבער צוליב דער איינגעפֿירענער פֿאַרזיכטיקייט פֿון אינדזערע בערג־לייט, האָט ער זיך נישט געקענט באַשליסן אַריינצולייגן זיין עשירות אין אַ וועלכן ס'איז געשעפֿט. דערצו האָט אים גענומען נאָגן, נאָך שטאַרקער ווי ווען עס איז, די בענקשאַפֿט נאָך דער היים.

איז ער אַלזאָ צוריקגעקומען. ער האָט זיך אין ערגעץ נישט פֿאַרהאַלטן, דורכגעמאַכט דעם זעלביקן וועג, אָדער אומוועג — מיט וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק, איבער אַמסטערדאַם, מינכען און ווין. אַפֿילו דאָ, אין דער שטאָט, איז ער נאָר געבליבן איין נאַכט, און האָט זיך אומגעקערט אין זיין דאָרף אַריין. ער האָט באַלד אויסגעפֿונען אַ פֿאָלוואַרק, וועלכן ער האָט אָפּגעקויפֿט, און אַזוי זיצט דאָרט דער אַמעריקאַנער שוין באַלד דריי יאָר.

דער דייטש האָט געלאַכט.

— אַזוי, אַזוי! און מיסטער פעטער פאַרטרייבט זיך אַלזאָ די צייט דערמיט, וואָס ער פאַרשפּרייט די פרעמדע תורה, וועלכע איז אים אַזוי גוט אויסגעפאַלן, אין זיין אייגענער היים?

— יאָ, אַזוי אַן ערך, — האָט באַשטעטיקט דער גלח. — איבעריקנס איז עס גאָר קיין תורה נישט, כ'האָב זיך אומזיסט די מי געגעבן צו דערגיין, וואָס אַזוינס ער וויל אייגנטלעך. דערדאָזיקער מענטש, זעט איר, לעבט אויף זיין שטיקל ערד און האָט אָבער לחלוטין נישט וואָס צו טון. זיין געלט האָט ער, לויט מיין עצה, אַריינגעלייגט אין מלוכהשע פּאַפּירן און אַרום דעם שטיקל באָדן, אויף וועלכן ער הייבט זיך נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אויך אַרום דער באַלעבאַטישקייט פאַרטט זיך און באַזאָרגט אַלצדינג זיין פרוי, מיט דער הילף פון אַ קנעכט און אַ דינסט. מתחילת האָט ער זיך פלייסיק באַשעפטיקט מיט זיין קליינעם גאָרטן און האָט אויך פאַרלייגט אַ שיך-געשעפט. אָבער ביידע פאַרנעמען באַ אים מער נישט ווי אַ שעה אין טאָג. דאַן האָבן זיך צו אים אומגעקערט די דערינערונגען אָן זיינע ברידער אין פענסילוואַניע.

— פון וואָס האָט ער אָנגעהויבן?

— ער פלעגט אָפּריכטן תפילות אין זיין הויז, דערנאָך האָט ער ביסלעכווייז אַריינגעצויגן אַהין אויך אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן באַ אים געאַרבעט, אָבער אַזעלכע, וועמען ער פלעגט אויסלייען געלט. ווייל איר פאַרשטייט דאָך: ער איז דער קרעזוס אין זיין דאָרף, און דעמאָלס קומט שוין דאָס חשיבות ממילא. יעדער איינציקער וויל באַ אים נושא-חן זיין.

— וואָס פּרעדיקט ער אַזוינס?

— מכוח תשובה-טון. ער הייסט דעם עולם מתפלל זיין בציבור און זינגען. זיי אַלע, אַ חוץ זייער טעגלעכער אַרבעט, פאַרלאַנגווייליקן זיך צום טויט אין דאָזיקן פאַרוואָרפענעם דאָרף. מחמת דעם איז פאַר זיי דאָס אָפּריכטן די תפילות דורכן אַמעריקאַנער אַ געווינטשענע צעשטרייונג — ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען וואָס אַמאָל מער מענטשן אויף זיינע פאַרזאַמלונגען. אין אַ קורצער

צייט אַרום איז שוין זיין שטוב געוואָרן צו קליין; איצט האָט ער געהייסן זיין גרויסן שייער איבערמאַכן אויף אַ זאַל.

— צי דען איז ער מיט דער סעקטע זייבער פּאַרמעל אַרויסגעטרעטן פון דער קירך?

— אַרויסגעטרעטן? חס וחלילה! — עס שיינט מיר, אַז אפילו פון זייבע חברה-לייט דאָרטן אין פּענסילוואַניע האָט אויך קיינער זיך פון זיין אמונה נישט אָפּגעזאָגט, צי ער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט, צי אַ קאַטוילישער, אַן אַנגעק, אָדער מעטאָדיסט. כ'האָב אַ פּאָר מאָל גערעדט מיט פּיעטראָ וועגן דעם, אָבער ער ווייסט אַליין נישט קלאָר, צו וואָס אַזעלכעס ס'האָט געשטרעבט יענע פּענסילוואַנישע געמיינדע. ער חזרט תמיד איבער די זעלביקע פּראַזן — רעדט אַלץ כסדר מכּוח תשובה-טון — וועגן הייליק ווערן, שוין דאָ אויף דר'ערד — מכּוח דער באַקעמפונג פון טייוול וכדומה אַזעלכע זאַכן. און צום דאָזיקן צוועק איז אים משמעות די קאַטוילישע קירך אַליין נישט גענוג.

— צי איז ער בכן עפּנטלעך אַרויסגעטרעטן קעגן וועלכע ס'איז איינריכטונגען פון דער קירך?

— יאָ — און ניין. ער זאָגט למשל: דאָס מתודה זיין זיך איז גוט, אָבער ס'איז ווייניק די אייגענע זינד אָנצופאַרטרויען שטילערהייט דעם גלחס אויער, מ'מוז האָבן דעם מוט זיך מתודה צו זיין בפני כל עם ועדה. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען באַקעמפן דעם שלעכטן גייסט. אומעטום קריכט דער טייוול אַרום צווישן אונדז, מ'דאַרף אים אַרויסטרייבן מיט געזאַנג און מיט תפילות.

— דאָס אַלץ איז כמעט אין סטיל פון דער „אויסלייז-אַרמיי”, דזאָן ווינטשעסטער. — און ס'דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז גראָד נישט אין אינטערעס פון דער קירך, אַז איר זאָלט פאַרלייגן די הענט און זיך רויק צוקוקן, ביז דידאָזיקע באַוועגונג וועט אייך איבערן קאָפּ אויסוואַקסן.

— איר קענט נישט אונדזערע בערג, אַזיסטן וואָלט איר דערויף גאַנץ אַנדערש געקוקט. מ'דאַרף זיך כלל נישט קימערן וועגן דעם — דערלויבן דעם עולם אַלצדינג, דאָס איז אין דאָ-

זיקן פאַל דאָס איינציקע, וואָס מיר קענען טון. זעט איר, דידאָזיקע לייט וואַקסן-אויף דאָרט טיף אין טאָל, אַרומגערינגלט פון בערג, וואָס שפּאַרן הויך אין די וואָלקנס אַריין. די ריזיקע ווענט קלעמען זיי איין, און זיי ווייבען פּונקט ווי אין אַ תּפיסה. זייער וועלט איז אַזוי אָן אַ שיעור קליין, קיינמאָל זעען זיי נישט דעם האָריזאָנט, קיינמאָל רייסט זיך זייער בליק נישט אַרויס מחוץ די ד׳ אמות פון זייער ענגן, טיפן לאָך, און אַזוי וואַקסן זיי אויף׳ אַ דור נאָך אַ דור; ענג, קליין, מיט פעלזן-ווענט אַרומגערינגלט, און אָרים איז זייער לעבן. פאָרט נאָר אַהין, וועט איר שוין זען, ווי גערעכט איך בין! יעדער איינציקער פון זיי איז אַ בעל-מום; איינער אויפן גוף, דער אַנדערער איז אויף דער נשמה פאַרקריפּלט. ווי די בלינדע טאַפּן זיי אַרום, און אויף אַזוי ווייט האָבן זיי פאַרגעסן ווי אַזוי ס׳זעט אויס דאָס לעבן, אַז אויב זיי קריגן זיך אַמאָל אַרויס אין דער וועלט, דערקענען זיי זי פּשוט נישט.

דרייסיק יאָר איז פּיעטראָ געווען אין אַמעריקע און פונדעסטוועגן ווייסט ער נישט מער וועגן דערדאָזיקער וועלט, ווי אָט דאָס פלעשל אויפן טיש! ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי די בערג וואָלטן זייער גייסט דערדריקט און אים געהאַלטן אין אַן ענגער פּרעס אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער —

ער האָט זיך איבערגעריסן מיט אַ שמייכל.

— איצט האָט איר געוואָלט פרעגן:

— נו, — און איר, דאָן ווינטשענצאָ? — איר זענט דאָך אויך פון דאָרטן!

— כ׳וואָלט דאָס נישט געווען געפרעגט.

— ניין? — אָבער איר האָט עס געטראַכט! זייט זיך מודה!

— געטראַכט — אפשר!

— כ׳האָב עס געוווּסט, — האָט דער אַלטער פאָרגעזעצט. — געוויס. איך אַליין בין פון וואַל די סקאַדראַ און דעריבער קען איך דידאָזיקע לייט בעסער, ווי ווער עס איז. אָבער איך האָב זיך שוין אַלס קליין יינגל אַרויסגעריסן פון דאָרטן אויפן פלאַכלאַנד. זעט איר, שוין דאָ באַ דער אָזיערע לעבן לגמרי אַנדערע

מענטשן. זיי שווימען אַריבער הין און צוריק איבער דער גלויער גאַרדאַ, קיינער פאַרשטערט זיך נישט אין איין אָרט אַריין, און כ׳בין אויך געווען דאָרטן, ווו ס׳איז שוין קיין בערג בכלל נישטאָ און דערנאָך לעבן ים, ווו דער בליק שוועבט אין אומענדלעכע מרחקים. דאָרט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נאָר אין פלאַכע מקומות, נאָר לעבן גרויסע טייכן און לעבן דעם אומענדלעכן ים קענען גרויסע, פרייע און שטאַרקע פעלקער וווינען.

דער אַלטער האָט טיף אָפּגעזיפצט און אויסגעטרונקען דאָס גלעזל.

— מיין טיראָלער פאָלק איז אָבער קליין, שוואַך און עלנט, אַלציינס, צי עס רעדט אויף דייטש, אָדער איטאַליעניש. מיר האָבן געקרוינט דעם גוטן אַנדריי האָפער און דעם העלדישן פאָטער האַספּינגער אַלס העלדן און מיר בילדן זיך איין, אַז זיי האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט. און פרווט נאָר ווען אַ זאָג טון, אַז זיי האָבן געקעמפט קעגן דער פרייהייט און געלאָזט זיך אין פעלד אַריין פאַר דער שוואַרצסטער רעאַקציע — וועט מען אייך נאָך אויסלאַכן.

— און דאָס זאָגט איר, הויכווערדיקער, איר, אַ גייסטלעכער?

— איך בין טאַקע גייסטלעכער, אָבער קודם-כל בין איך איטאַליענער, הגם כ׳בין אויך אַן אינטערטאַן פון האַבסבורגס הויז. אָבער דאָס פאָלק, אויף וועמענס שפּראַך איך רעד, דאָס פאָלק פון פליינען און ים, האָט זיך מיט פראַנקרייכס הילף דערוואָרבן פרייהייט און אייניקייט און איז געווען אין פסדרדיקן קאַמף קעגן רוים און עסטרייך. די העלדן אָבער פון טיראָל האָבן תמיד געקעמפט פאַר דידאָזיקע מלוכות — דאָס איז געווען זייער פרייהייט! נאָך היינט אפילו, נאָך אַ משך פון הונדערט יאָר, דערציילן זיי וועגן גוטן קייזער פראַנץ — — און דאָס איז געווען דער זעלביקער הערשער, וועלכער האָט אַמאָל געזאָגט: פעלקער? וואָס איז דאָס אַזוינס? — איך ווייס נישט פון קיין פעלקער, איך קען נאָר אונטערטאַנען".

פראַנק ברוין האָט זיך לייכט צעשמייכלט.

— און אָט דער זעלביקער קייזער פראַנץ — זייט מיר מוחל,

הויכוועדיקער, — איז כּלל נישט געווען קיין דייטש. ער האָט געהערט צום זעלביקן פֿאָלק, וואָס איר האָט אַזוי ליב: ער איז געווען בלויז אַ ביסל איבערגעשטעלטער אוממענטשלעכער איטאַליענער.

— ס׳קען זיין, אַז איר האָט רעכט, — האָט געזאָגט דער גלח, — איך ווייס נישט דערפֿון. אָבער פֿאַרן פֿאָלק פֿון די בערג איז ער נאָר געווען דער קייזער און פֿאַרן טיראָלער עולם זענען זיינע רייטע הויזן געווען אַ קעגנשטאַנד פֿון יראת-הכבוד און זענען נאָך דאָס אייגענע געבליבן ביז אויפֿן היינטיקן טאָג.

— און פּונקט אַזוי ווי איר, דאַן ווינטשענצאָ, אַזוי דענקען —

— ווינציקע נאָר, גאַנץ ווינציק! די בערג זענען קלעריקאַל, רוימיש און עסטרייכיש! האָבער און ספּעקבאַכער זענען די פֿרייהייטס-העלדן — אויך בא אונדז, וואָס מיר רעדן איטאַליעניש.

ער האָט שווער אָפּגעזיפֿצט.

— דענקען — זיי דענקען איבערהויפּט נישט, דידאָזיקע היל-מענטשן פֿון די באַרג-טאָלן. זיי חלומען נישט אַפֿילו: זיי לעבן קוים. וועגעטירן בלויז, ווי זייערע צעפּראָכיעטע טענענביימער. קליין און פֿלאַטשיק זענען זייערע קאָפּ-שאַרבנס, מאָגערע קרעפֿ העגנען זיי נאָך בא די העלדזער. זיי ליבן גאָט און דעם דערלייזער און די מאַדאָנע, און זענען די פֿרימסטע קריסטן פֿון גאָר דער וועלט. אָבער אַפֿילו אונדזערע גייסטלעכע נעמט טיילמאָל דורך אַ גרויל, בשעת מיר זעען, ווי אַזוי זיי זענען מתפּלל צו זייערע הייליקע. דער ביסקופּ האָט אַמאָל געזאָגט: „אונדזערע בערג האָבן מער געטער, ווי העלאַס און רוים און גאַנץ אַזיע צוזאַמען!“

אָבער טיילמאָל ווידער קערט זיך זייער בליק אינעווייניק, אין זיך אַריין. זיי ווערן פֿאַנאַטיש, עקסטאַטיש, העלזנעוודיק. אין סאַמפּיגליאַ, אויף דער צווייטער זייט אַזיערע, הינטער מאָנטע באַלדאָ, וווינט אַ פּויער, וואָס זאָגט אָן יעדעס פֿייער אויף אַ גרויסן מהלך אין דער סביבה און אָפּטמאָל מיט גאַנצע שעהן פֿריער. און ער איז שוין כּלל נישט דער איינציקער! עס גייט נישט פֿאַרביי קיין יאָר, אַז עס זאָל זיך אין וועלכן פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף

נישט באַווייזן קיין רעליגיעזער פאַנאַטיקער. איר זעט אַליין, אַז דאָס, וואָס ס׳קומט פאָר אין וואַל די סקאַדראַ, איז פאַר אונדז בכלל נישט קיין נייעס; ניי איז מער נישט דאָס, וואָס מיסטער פעטער ווארפט אַהין אַריין עטלעכע אַמעריקאַנישע שלאָגווערטער און ושטעסטן.

— און איר לאָזט די מענטשן צורו, הויכוועדריקער:

— יאָ, דאָס איז די טאַקטיק, וועלכע אונדזער ביסקופ האָט אָנגענומען שוין זייט צוועלף יאָר. ער איז אַ זייער קלוגער מאַן; איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס ס׳קען נאָר זיין. אַ טייל פון אונדזערע גייסטלעכע האָבן תחילת מיט די קעמפ געשאָקלט — הייבט האָבן שוין אַלץ פון לאַנג איינגעזען, אַז ער האָט רעכט. — צי האָט איר קיינמאָל נישט געהערט וועגן די עקסטאַטישע טרוים-גייסטער פון מעטשאָוועניטאַ?

— ניין, הויכוועדריקער, מיר דאַכט זיך, אַז נישט.

— די מעשה איז געווען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. די מענטשן פון אָט דעם פאַרוואָרפענעם טאָל האָבן געפּרעדיקט תשובה; עפּעס אַ קליינער נביא האָט מיט זיי אָנגעפירט. זיי האָבן געמאַכט גרויסע פּראָצעסיעס, געזונגען, מתפּלל געווען, געמאַכט קולות און געלאָזט זיך אין די שכּורותדיקע דערפער. דער קריגערישער געמיינדע-גלח האָט זיי געפּרווט מיט אַלע מיטלען צום שׂכל ברענגען, צעטרשט מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן. און דער דאַמאָלסטיקער ביסקופ האָט זיך געווענדט צו דער מאַכט — די באַוועגונג איז געוואָרן דערשטיקט אין פאַרמעלע קאַמפן. אָבער וואָס איז געווען די פּעולה? עטלעכע טויטע און אַ סך פאַרוווּנדעטע פון ביידע צדדים; דריי מענטשן זענען געבליבן אַריינגעפאַלן אין משוגעים-הויז און נישט ווייניקער ווי זעקס און פופציק אין תּפיסה אַריין. אַ סך האָבן עוקר געווען און אַ גרויסער טייל האָט אויסגעוואַנדערט — ביזן הייבטיקן טאָג נאָך שטייט אַ האַלב דאָרף ליידיק! און איצט דער גרויסער סקאַנדאַל, דער ויצעקו אין אַלע בלעטער — ניין, ניין, אונדזער ביסקופ איז גאַנץ גערעכט: מ׳מוז אַלצדינג טון, כּדי אויסצומיידן אַ נייעם מעטשאָוועניטאַ!

— און איר טוט אַלצדינג דערמיט — וואָס איר טוט גאָרנישט?

— יאָ, דאָקטאָר, גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט! און אויף אַזאַ אופן וועלן מיר דערגרייכן, דעם העכסטן רעזולטאַט. — מיר לאָזן די לייט אינגאַנצן צורו און מיר רוקן זיך שטיל אָפּ אָן אַ זייט. נאָך אַ קורצער צייט גייט דאָסדאָזיקע מערקווירדיקע שיכּרות פאַרביי, אַלע שטראָמען צוריק אין די קאַפּליצעס, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. דאָס איז אַ פלאַקערדיק שטרויפייער, מיט וועלכן די דאָזיקע טרוימער פרייען זיך ווי די קינדער, און ס׳לעשט זיך אויס אַקוראַט אַזוי שנעל, ווי ס׳איז געקומען. — ווייל, זעט איר, ס׳איז קיינמאָל נישט פאַרהאַן דערין קיין ממשותדיקע אידעע, קיינער פון זיי ווייסט נישט, וואָס ער וויל אייגנטלעך. דאָס איז אַן אומשעדלעכע באַרג-קראַנקהייט, מער נישט; אונדזער ביסקופּ רופט דאָס אָן דער טאָל-פיבער.

— און צי ווייסט ער אויך פון דער נייער מגפה אין וואַל די סקאָדראַ.

— אוודאי. איך האָב אים ערשט נישט לאַנג אין טריענט אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון וועגן דעם גאַנצן ענין, זעענדיק, אַז די גאַנצע מעשה דויערט שוין צו לאַנג און נעמט אָן וואָס אַמאָל אַ ברייטערן פאַרנעם. דער ביסקופּ האָט געלאַכט און געהאַלטן, אַז ס׳איז לכל-הפחות אַריינגעטרעטן אַמאָל אַ שטיקל שינוי אין דער דאָזיקער נייער פענסילוואַנישער מאָדע. און ער האָט דערביי אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר שיינע ווערטער, וועלכע כ׳האָב מיר גענומען אין זין אַריין; כ׳וועל זיי אייך איבערחזרן: „לאַנג שוין וועט זיך האָבן אויסגעשוימט דער שגעון פון דאָזיקן ברומענדיקן און ברויזנדיקן באַרג-שטראָם, און מיר וועלן נאָך אַלץ זען דעם טיפן און רויִקן שטראָם פון דער קירך מאַיעסטעטיש פליסן, יענעם שטראָם פון גאָט, וואָס איבער זיינע כוואַליעס פּייט זיך די הייליקע שטאָט, דאָרטן, ווו ס׳הויזן די העכסטע לייט". — אַזוי האָט געזאָגט מיין ביסקופּ און האָט מיר שטאַרק געראָטן רויִק און שטיל זיך צו פאַרהאַלטן — — ווייל יעדער דריק, האָט ער געזאָגט, מוז אַרויסרופן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד.

איצט בין איך שוין דאָרט נישט געווען חדשים לאַנג. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אָפּגעריכט אין זייער קירך די תפילות — פֿאַר איין מענטש — אָדער פֿאַר אַנדערטהאַלבן, אויב איר ווילט! מחמת מיכטער פּעטער ריכט איצט אָפּ זיינע תפילות אויף זונטיק אינדערפֿרי און ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע לויפֿן אַהין. מיין איינציקע גלויביקע איז געווען טערעזע, די טאָכטער פֿון דעם גאַסטהייזער, וואָס כ'האָב אייך פֿאַרגעשטעלט — און וועמענס ווידוי־פֿאָטער איך בין — און ער גיט, איז געווען מיין צווייטער גאַסט. אָבער — מ'קען אים נאָר קוים פֿאַררעכענען פֿאַר אַ האַלבן, ווייל ער איז אַ כּופֿר גמור, וואָס גייט איבעריקנס קיינמאָל נישט אויף קיין מעסע. ער איז נאָר דאַמאָלס סתּם אַזוי מיטגעגאַנגען — אויס העפֿלעכקייט, אַזוי צו זאָגן. און אפֿשר אויך אַ ביסל צוליב אָפּאָזיציע קעגן דעם אַמעריקאַנער! — — זייער שווער איז אים דערדאָזיקער קרבן געוויס נישט אָנגעקומען, מחמת ער הערט זייער שוואַך און האָט זיכער נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט פֿון דעם, וואָס איך האָב גערעדט. איבעריקנס, איז אים דערדאָזיקער גאַנג זיינער גאָר שלעכט אויסגעפֿאַלן: ער איז ביז דאַמאָלס געווען דער ראָש פֿון דאָרף — בײַ די נייע וואַלן אָבער האָט מען אויסגעוויילט דעם אַמעריקאַנער. דאָס שרייבט מיר טאַקע טערעזע, מיין ווידוי־קינד — — זי איז מיין קליינער שפּיאָן אין וואַל די סקאַדראַ.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בריוו פֿון קעשענע און אַריינגעקוקט אין אים.

— תּמיד דאָס אייגענע, תּמיד דאָס אייגענע! — האָט ער פֿאַרגעזיפֿצט. — און ס'זעט זיך נישט קיין סוף. פֿיר מאָל אין וואָך גרויסע תּשובֿה־פֿאַרזאַמלונגען, מיט געזאַנג און ליאַרם אויף אַלע משונהדיקסטע און ווילדסטע אינסטרומענטן. דאָס איז אויך אַזאַ מין אַמעריקאַנישער אויפֿטו, וואָס מיין ליבער שוועסטערזון האָט אימפּאָרטירט אַהערצו פֿון אַמעריקע!

— און ער, הייסט עס, אייערס אַ שוועסטערזון, דאָן ווינטשענצאָ?

— יאָ, צי דען האָב איך עס אייך נאָכנישט געזאָגט? פּיעט-

דאָ איז אַ זון פון מיין איינציקער שוועסטער. און דאָס איז אויך איינס פון די סיבות, וואָרוואָס כ'האָב אים געוואָלט איינשפּאָרן וועלכע ס'איז סיכסוכים מיט דער וועלטלעכער און גייסטלעכער מאַכט, וועלכע וואָלטן סוף-כּל סוף נאָך ערגער געמאַכט דעם גאַנצן ענין. — אָבער איר פאַרשטייט שוין איצט, דאָקטאָר, אַלמאַי איך קען אייך נישט באַגלייטן. איך קען פשוט נישט נאָכאַמאָל אַהינפאָרן און ווידער פרעדיקן פאַר פוסטע בענק — — דאָס וואָלט געווען אַ בזיון פאַר אונדזער הייליקער קירך. פאַרשטאָפּן זיך מיט וואַטע די אויערן, גאָרנישט זען און גאָרנישט הערן און לאָזן די לייט אינגאַנצן צורו, אָט איז דאָס איינציקע ראַציאָנעלע מיטל. — נאָר איך ווייס נישט, צי מ'וועט אייך אויך לאָזן צורו, באַ די דאָזיקע ווילדע קאָנצערטן פון פויקן, טאַצן און פייפעלעך. וואָס אַן אמת, ליגט ריימאָנדיס הויז אין איין עק דאָרף, האַרט לעבן דער לייבער זיערע, דעם אַמעריקאַנערס הויף אָבער מיט זיין שייער פאַר די פאַרזאַמלונגען, ווייט אין אַנדערן עק, אַ ביסל באַרג-אַרויפצו.

פראַנק ברוין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מאַ, דער דאָזיקער געפּילדער וועט נאָך נישט אזוי שרעק-לעך שטערן מיין מנוחה אין וואַל די סקאַדראַ

— ווילט איר פונדעסטוועגן פרוּוון, דאָקטאָר?

— געווים און אפילו שוין מאָרגן. אפשר איז דער אַמערי-קאַנער טאַקע דער מאַן, וועמען כ'קען גראָד דאַרפן.

— וועמען איר — קענט באַדאַרפן?

— יאָ, הויכווערדיקער. איך זאַמל אויסטערלישע מענטשן — דאָס איז שוין אַזאַ שוואַכקייט באַ מיר.

— אָבער וואָס וועט איר מיט אים טון?

— צי קען מען דען דאָס פאָרויס וויסן? דאָס גיט שוין דער מאָמענט — אָט איז אַמאָל געווען אַ קאָלומבוס, האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שיינעם געדאַנק, וועלכן ער האָט אַוועקגע-גנבעט באַ אַ גוטן פריינט. די קאַטוילין איזאַבעלאַ האָט אָפּגעגעבן אין זיין רשות דריי אַלטע שיפן און הונדערט תפיסהניקעס — —

מיט דעם האָט ער זיך איינגעקלאַפּט און אַנטדעקט אַ נייע וועלט. —
ווער ווייס, וואָס פּעטראָ קען נאָך אַנטדעקן?

דער אַלטער האָט געקוועטשט אומגעדולדיק מיט די פּלייצעס.

— ער? — איך זאָג אייך, אַז ער האָט צומאָל קיין איין געדאַנק נישט אין קאָפּ!

— און ווען מ׳זאָל אים געבן עפּעס אַ געדאַנק?

— אַ געדאַנק! — וואָסערן געדאַנק?

— כ׳ווייס נישט. — אַ וועלכן נישט איז. — — אַזעלכן, וואָס ער באַדאַרף! — עפּעס אַ כּוח שטעקט דאָרט אין די טיפע טאָלן פון די בערג — עפּעס אַ מין סודותפולע, קנאַיִשע, עקסטאַטישע קראַפט. און זי גייט לאַיבוד יאָר איין, יאָר אויס — אין געבעכדיקן שטרוי-פייער. — מ׳טאָר קיין שום כּוח נישט לאָזן גיין לאַיבוד.

— אַ קראַנקהייט איז דערדאַזיקער כּוח! וואָס גיבער ער וועט אוועק מיטן רויך, אַלץ בעסער איז פאַר אַלעמען!

— דער דייטש האָט זיך טיף צוריקגעלענט אין זיין שטול, זיינע אויגן האָבן אַנגענומען אַ מאָדנעם גלאַנץ.

— ניין, אַ טיטשקער! — האָט ער גאַנץ שטיל געזאָגט! — דאָס איז נישט אמת. קיין זאַך דאַרף נישט אומקומען, איידער ס׳האָט נאָך געלעבט.

— און פונדעסטוועגן, דאָס שלעכטס!

— ניין, אויך דאָס שלעכטס נישט. דאָס האָט אויך זיין רעכט אויף לעבן, ווי אַלע אַנדערע זאַכן, — נאָר דאָס, וואָס איז קליין, איז מיאוס!

זיין שטים האָט זיך געשטאַרקט און זיין האַנט האָט זיך געקלאַמערט אָן דעם טישטוך.

— אָבער לאָזט עס נאָר אויסוואַקסן — — דאָס, וואָס איר רופט אָן שלעכטס! עס וועט ווערן גרויס — און אַלץ, וואָס איז גרויס, איז שיין.

— איך שטיי אויפן באָדן — —

ער האָט אים איבערגעריסן.

— איך ווייס, דאָן ווינטשענצאָ, אויף וועלכן באָדן איר שטייט. אָבער צי מוזן מיר דעריבער אַלע שטיין אויפן זעלביקן באָדן? דערלויבט־זשע אייער שוועסטערנזון צו זוכן גליק דאָרטן, ווו ער האָפט עס צו געפינען! אַלמאַי זאָל מען פאַרלאַנגען, אַז אויך דערדאָזיקער פלאַם זאָל זיך אויסלעשן, באַשר ער האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין נערונג? פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט צושאַרפן אַהינצו קיין ברענשטאָף, האָלץ און קין, אַז ס'זאָלן פון דעמדאָזיקן טאָל־קעסל אויפפלאַקערן הויכע פלאַמען און אויפשטייגן אין אַ רויטן שטורקאַץ איבער די בערג, אַזש ביז אונטער די וואָלקנס?

— גוט, גוט, ליבער דאָקטאָר! נאָר מיין שוועסטערנזון וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס, וואָס איר זאָגט!

— ער דאַרף עס טאַקע כּלל נישט פאַרשטיין. — אויב ער קען נאָר שאַפן, שאַפן! אויב ער וועט נאָר קענען אויסבילדן פון זיינע באַרגלייט איין איינציקע מאַסע, ווי ס'האָט עס געטון דער פּאַדוואַנער. אַ חיה וויל איך האָבן, אַ ריזיקע חיה, דאָן ווינ־טשענצאָ; און איר מעגט עס מיר גלויבן, איך וועל זי שוין אויס־לערנען בייסן!

דער גלח האָט זיך איבערגעצלמט.

— זאָל אונדז גאָט אין הימל באַשירמען!

דערויף האָט זיך דער דייטש לייכט אָנגעבויגן איבערן טיש, זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— אַזוי — מיינט איר הויכווערדיקער? — — גו, דאַרף מען דאָן אָנקלאַפּן אין אַן אַנדערע טיר!

דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, זיין שטים האָט געציטערט.

— וואָס האָט איר געזאָגט?

אָבער ער האָט נישט באַקומען קיין שום תשובה. זיינע ליפּן האָבן לייכט געציטערט, די הענט האָבן זיך באַ אים גע־טרייסלט. ער האָט קוים געהאַמעוועט זיין אויפרעגונג; מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט ער געגלאָצט אויפן דייטש.

— וועט איר מיר ענטפערן אויף אַ פראַגע, הער דאָקטאָר?

— אדרבא.

— און אַלזאָ — ווער זענט איר?

דאַן איז ער אַנדערער אויך אויפגעשטאַנען; אַ קלאָר קינ־דיש געלעכטער האָט געשפּילט אויף זיין פּנים.

— ווער איך בין — האָט ער געענטפערט — נישט אויס־טע ליש. פראַנק ברוין הייס איך. איך קען לייענען און שרייבן!...

II.

„זאָל צו אינדרא דער געטראַנק
טראַנסמיין אַראָפּרינען".

רעליג. ד. וועדאַ.

פראַנק ברוין האָט געמוזט וואַרטן עטלעכע טעג אויף אַ פּאַסט-געלעגנהייט. די פּאָסט פלעגט נאָר אַמאָל אין האַלבן יאָר — אַמאָל אין האָך קיין וואַל די סקאַדראַ — אָדער ריכטיקער, פאַרנדיק דורך די בערג צו דער גרענעץ צו, פלעגט זי דאָרט פאַרבייפאָרן. הויך איבערן דאָרף פלעגט זי זיך פאַרהאַלטן און אויסלאָדענען דאָס ביסל בריוו און פעקלעך, וואָס זי פלעגט מיטפירן פאַר וואַל די סקאַדראַ. שמעצער האָט שוין דאָרט אָפּגעוואַרט און פלעגט אַלץ אַראָפּטראָגן אין טאָל.

— פאָרט נישט מיט דער פּאָסט, — האָט אים געראָטן דער קעלנער. — פאָרט בעסער מיט אונדזער אויטאָמאָביל. איצט, אין סעזאָן, אָרדענען מיר איין אויספלוגן אַלע פאַר טעג, אויב ס'זענען נאָר פאַרהאַן גענוג בעלנים. איר הייסט דאַן זיך אָפּשטעלן בײַ וואַל די סקאַדראַ און שטייגט דאָרט אויס.

— צי וועט מען קענען מיטנעמען אַהין מיינע קאָפערטלעך?

— פאַרוואָס דען נישט! ס'איז אַ שווערער אָפּעל-אויטאָ,

פון פיר און זעכציק פערד-קראפט. מיט דער פאסט וועט איר זיך דארפן שלעפן אן ערך זיבן ביז אכט שעה, אזויערנאך וועט איר דארט אנקומען אין קנאפע צוויי שעה ארום

— אלזא גוט.

דער אויטא האט זיך אויפגעהויבן אין די בערג, איבער ברייטע, שטויביקע און געשלענגלטע וועגן. די פאסאזשירן האבן געפלוידערט צווישן זיך און געלאכט, באמיענדיק זיך דעם טייערן אויספלוג ווי צום בעסטן אויסצונוצן. עפעס א דיקער הער פון דרעזדן האט געהאט גענוי דורכגעלייענט זיין „בעדעקער". אויס-לעבן נייעם בארג-שפיץ, יעדן נייעם וואסערפאל, האט ער שטענדיק אנגערופן באם נאמען. ווען ס'איז פארבייגעפארן עפעס א וואגן געשפאנט אין א פאר אקסן, אדער ווען אויף עפעס א משונהדיקן קרייצוועג האט זיך דייטלעך אנגעצייכנט א שארפער אפהאנג, האבן די דאמען גענומען מאכן קולות; דאס יונגע פארפאלק וואס איז געזעסן פארנט, האט זיך נאך ענגער צונויפגערוקט.

פראנק ברוין האט זיך איינגעקוקט אין דעם לאנדשאפט, גלייכגילטיק און פארטראכט. ער האט נישט גערעדט קיין ווארט.

— זעט איר דארטן — רעכטס — הייבט זיך אויף דער „מאנטע טערלאגא!" — האט אים דערקלערט זיין שכן. אבער ער האט נישט באקומען קיין שום ענטפער.

דער אויטא האט זיך אפגעשטעלט.

— דא איז וואל די סקאדרא! איר מוזט אויסשטייגן! — האט געזאגט דער שאפער.

ער איז אראפגעשפרונגען, אפגעבונדן די קופערטלעך און זיי אוועקגעשטעלט אויפן שאסיי.

פראנק ברוין איז אראפגעקראכן פון אויטא.

— ווו ליגט דאס דארף?

— אט דארט אונטן. ערשט א ביסל ווייטער אין די בערג איז דא אן אויסבליק אויפן טאל. איך האב זיך אבער בכיוון דא פארהאלטן, ווייל פונדאנען פירט א שטעגל אראפצו.

— און ווי אזוי וועל איך באקומען אין דארף מיינע פעק-לעך?

דער שאָפער האָט געלאַכט.

— יאָ, איר וועט זיי דערוויייל מוזן איבערלאָזן אויפן וועג. גייט דערוויייל אַרונטערצו און שיקט עמעצן אַהער נאָך זיי. — איר קענט זיין גאַנץ רויק וועגן זיי — איבעריקנס איז דאָ אייך פאַרהאַן עמעץ, וואָס קען אַכטונג געבן און —

— העי, אַלטע! — האָט ער אויסגערופן — קומט נאָר אַהער!

פראַנק ברוין האָט זיך אומגעדרייט און דערזען אַן אַלטע בעטלערין, וועלכע האָט זיך דערנענטערט צום אויטאָ און גאַנץ געוויסנהאַפט אַרומגעגאַנגען פון איין פּאַסאַזשיר צום אַנדערן און אויסגעשטרעקט די הוילע האַנט. זי האָט זיך נישט געאיילט, און געוואַרט ביז דער לעצטער אפילו האָט איר געגעבן זיין פעניק; ערשט דערנאָך איז זי צוגעקומען נענטער. איר רוקן איז געווען, צוליב עפעס אַ קראַנקהייט אויסגעקרימט, ווי אַ בויגן שטייף אָנגע-צויגן אויף פאַרנט, אַזוי, אַז איר קאָפּ, באַדעקט מיט צעשויבער-טע גרויע האָר, האָט זיך קוים פון אירע לענדן אַרויסגעהויבן. זי האָט געהאַט אַ גאַבע אויסצודרייען דאָס פּנים צו דער לינקער זייט און האָט מאָדנע געשיקלט פון אונטן אַרויפצו.

— האַללאָ, סיבעללאַ מאַדרוצצאַ, — האָט גערופן דער שאָפער, — קומט נאָר אַהערצו! איר זאָלט אַכטונג געבן אויף די פּעקלעך, וואָס ליגן דאָ אויף דעם ראַנד פון וועג. דערדאָזיקער הער וועט אַראָפּגיין אין דאָרף אַריין און וועט עמעצן צושיקן נאָך זיי. — אַזוי, וועצט אייך אַוועק אויף זיי, דאָס וועט זיין צום-בעסטן!

פראַנק ברוין האָט געגעבן דער בעטלערין עטלעכע ניקל-נע מטבעות.

— וויפיל צייט דאַרף געדויערן אין דאָרף אַריין?

די אַלטע האָט באַוועגט מיט די ליפּן, אויפגעהויבן איר קורצן שטעקן און געגעבן מיט די פינגער משונהדיקע צייכנס.

— זי איז שטום, — האָט דערקלערט דער שאָפער — אָבער דער וועג פירט שיף אַראָפּ אין טאָל. כ'רעכן, אַז אין דריי פערטל שעה אַרום וועט איר זיין אונטן. ער האָט זיך פאַרנייגט,

אָנגעדרייט די קאָרבע און שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין בע-
זעס. אין געדיכטע וואָלקנס שטויב איז פאַרשוווּנדן זיין אויטאָ.

*

פראַנק בראַון האָט גענומען אַראָפּקלעטערן פון די בערג און
האָט זיך אים באַלד געוואָרפן אין אויג, ווי אַנדערש דאָ איז די גאַנ-
צע נאַטור אַרום. ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האָט ער אַרומ-
געשפּאַצירט אויף די ברעגן פון דער גאַרדאַ — אונטער פּאַלמעס,
וואָס אַן אמת, אונטער שווינדזוכטיקע, לאַנגווייליקע, געשוירענע
און האָטעלמעסיקע פּאַלמעס, אָבער ס'זענען פאָרט געווען פּאַלמעס.
באַמבוס-קוסטעס האָבן באַשאָטנט דאָס קליינע גאָרטן-טייכל. מאַג-
נאָליעס און ברייט-בלעטעריקע באַנאַנעס זענען געוואַקסן אויף די
בייט. געשוירענע פּיניען, שפּינדל-דאַרע ציפּרעסן האָבן אַרויסגע-
שטאַרט דאָ און דאָרטן, וווּ-נישט-וווּ איז געשטאַנען אַ שטאַרקער
אייקאַליפּטוס. אויף די רוקנס פון די בערג זענען געוואַקסן ציט-
רינען אונטער שוצדעכער, און ווייט אַהין איבער דער אָזערע האָבן
זיך געצויגן די פּלאַנצונגען פון די פאַרקריפּלטע אייל-ביימער.

דאָ איז גאָרנישט געווען צו זען פון דעם אַלעמען; ווייט
הינטער אים איז געלעגן דער דרום און דער פרילינג, וועלכער
איז אונטן בײַ דער אָזערע געשטאַנען אין זיין גאַנצער פּראַכט,
האָט דאָ קוים געוואַגט צוצוקלאַפּן מיט עניוותדיקע פינגער.

דער שמאָלער שטעג האָט גאַנץ שיף געפירט אַראָפּצו. ער האָט
אָנגעטראָפן עטלעכע ציגן, וועלכע האָבן געצופּט דאָס דינע גראָז
צווישן די פעלזן. דערנאָך איז ער אויף עפּעס אַ שיידוועג שטיין
געבליבן. דאָ האָט זיך ענדלעך געעפנט אַן אויסבליק; פון אַ
ברייטן שטיין האָט ער געקענט אַראָפּקוקן. כמעט רונדיק איז
אונטן געלעגן אַ קליינע אָזערע. איר אַנטקעגן און אויך אויף
ביידע זייטן זענען אַרונטערגעפאַלן די גלאַטע פעלזן-ווענט גלייך
אין וואַסער אַראָפּ, עס האָט אויסגעזען פונדערהייך, ווי ס'וואָלט
דאָרט קיין הונט נישט געקענט פאַרבייַלויפן. זיי צופיסנס האָט זיך
אַ ביסל אויסגעשפּרייט דער טאָל — דאָרט איז געלעגן דאָס דאָרף.
אומרעגלמעסיק פונאַנדערגעוואָרפן זענען געלעגן די דעכער —

ברדין-רויטע בלאָקלעך פֿון פֿאַרשימלטע ציגל. דאָ איז געווען אַ הויפּן הײַזער צונויפֿגעדריקט — דאָרט זײַנען געשטאַנען צוויי — אָדער איינס נאָר — לויט ווי דער באָדן האָט גראָד דערלויבט. לאַנגזאַם האָט זיך אויפֿגעהויבן דאָס דאָרף אויף צפֿון-מזרח-צו אין די בערג — גאַנץ הינטן האָט נאָך מאָל אַרויסגעשײַנט אַ לעצטער, גרעסערער דאָך. אינמיטן דאָרף איז געשטאַנען די קליינע קירך, פֿון איר האָט געפֿירט אַ ברייטער וועג איבער די מיט קוסטעס באַדעקטע שפּיצן פֿון דער צפֿונדיקער זײַט, און איז ווײַטער געלאָפֿן אַרויפֿצו ביז צו אַ גלאַטיקן פֿעלז, וועלכער איז כמעט ווי געהאָנגען איבער דער אַזיערע. זי האָט אויסגעזען פֿון אויבן גאַנץ ליידיק און פֿלאַך, מיט הינטן האָבן זיך אויפֿגעהויבן דרײַ ריזיקע צלמים. דער גרעסטער, עטוואָס העכער, אינמיטן — דאָ איז געהאָנגען דער דערלייזער; אין בײַדע זײַטן האָבן אַרויסגעשטאַרט די צלמים פֿון די לונפּן. דאָס איז, משמעות, געווען אַ קאַלוואַריע-באַרג. ער האָט דײַטלעך געזען אויפֿן וועג די פֿירצן סטאַציעס.

ער איז פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פֿון באַרג. ער האָט אָנגעטראָפֿן אַ ייִנגל, וואָס האָט געפּאַשעט אַ קו.

— ווו איז דאָ די אכסניה פֿון ריימאַנדי? — האָט ער געפֿרעגט.

אָבער דער ייִנג האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן ווי אויף עפּעס אַ רוח, האָט אַ ציי געטאָן די קו מיטן שטריקל אין אַ קוסטע אַרײַן און גאָרנישט געענטפֿערט.

ער איז געגאַנגען ווײַטער. קליינע בײַטן האָבן זיך דאָ איינגעשניטן אין די רוקנס פֿון די בערג, אינגען האָט ער דערזען אַן אײַל-גאָרטן, ווו-ניט-ווו האָבן אַרויסגעשטאַרט אַ פּאָר אַלטע שפּראָצינגען צווישן געשניטענע ווײַנבער-שטאַמען. עפּעס אַ קנעכט האָט באַאַרבעט דעם באָדן מיט אַ לאָפּאַטע.

— ווו איז די אכסניה פֿון ריימאַנדי? — האָט געפֿרעגט פּויאַנק ברדין.

דער פּויער האָט זיך נישט גערירט. ער האָט געהאַט אַ ברייט, באָרדלאָז, האַרט פּנים, אָן אַ שיטער באַריש אין מויל.

אַ ביטערער, פֿאַרגליווערטער, פּויערישער שמייכל איז געלעגן איבער דעם ברייט־צעעפֿנטן מויל.

— פֿראַנק ברוין האָט איבערגעחזרט זײַן פֿראַגע.

— איך בין נישט קיין היגער — האָט ער געזאָגט מיט אַ תמעוועטן שמייכל.

דער דײַטש איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— צום טײַוול — דו מוזסט דאָך וויסן, ווו דאָס גאַסטהויז געפֿינט זיך! — ער האָט אים געגעבן אַ פּאָר העלערס. — נאַ דיר און פֿיר מיך אַהין!

דער קנעכט האָט גענומען זײַן לאָפּאַטע און זיך געלאָזט גיין פֿאָרויס.

— ווי הייסטו? — האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

— אַנדזשעלאָ, — האָט ער געענטפֿערט — אָבער איך בין נישט קיין היגער.

— דאָס ווייס איך שוין. אָבער פֿון וואַנען ביסטו?

דער פּויער האָט אויפֿגעהויבן די לאָפּאַטע און אָנגעוויזן אויף צפֿון. — פֿון דאָרטן! — דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און אָנגעוויזן אויף מערב. — גיין — פֿון דאָרטן! — פֿון טוראַצאָ.

עפּעס אַ הויז האָט זיך געוויזן פֿאַר זיי, האַרט לעבן דער אַזיגרע. ברייטע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפֿירט אויף אַ קליינער וועראַנדע; רייכע רויזן פֿונם מין קרימסאָן־ראַמבלער האָבן זיך געדיכט געשלענגלט איבער איר, אָבער קיין איינע פֿון די קליינע רויטע רויזן האָט נאָך נישט געהאַט געבליט. דער קנעכט האָט אויפֿגעשטעלט די לאָפּאַטע בײַ דער וואַנט און זיך געדרייט אַרײַנצוגיין דורך די נידעריקע זײַטיקע טירן אין שטאַל אַרײַן.

— צי דינסטו אין דאָזיקן הויז? — האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

— יאָ.

— אָבער דו האָסט דאָך מיך געזאָלט אַהינפֿירן אין ריימאַנדיס אַכסניה.

— דאָ איז זי טאַקע.

— דאָ! — דינסטאָ, הייסט עס בײַ אים, בחור? — און פריער האָסטו אפילו נישט געוווּסט, ווו ס'וווינט ריימאַנדי?

דער קנעכט האָט געשמייכלט תמעוואַטע.

— איך בין ניט קיין היגער.

דערנאָך איז ער אַריינגעקראָכן אין זיין שטאַל אַריין; עס האָט אים באַגריסט אַ פריילעך מעקען פון אַ ציג.

פראַנק בּרוין איז אַרויף אויף דער וועראַנדע, געעפנט די טיר און אַריינגעקוקט אין צימער.

— איז קיינער נישטאָ? — האָט ער גערופן. ער האָט גע־פּיקט מיט דער פויסט איבּן טיש, אָבער ס'איז קיינער נישט אַריינגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אויף דער אַזיערע, אויף דעם קליינעם פּלאַץ בּאַר דעם הויז, אויף דער גאַס — — ער האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין מענטש. ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע און גענומען אויפסניי רופן — אָבער אומזיסט.

אפשר האָט אים דער תמעוואַטער קנעכט דאָך פאַרפירט אין אַן אַנדער הויז?

ער איז אַרויסגעגאַנגען און אַרומגעוואַנדערט איבּער די גאַסן פאַרבּיי די הייזער און הויפן. ער האָט געכאַפּט אַ בּליק דאָ און דאָרטן דורך די אָפענע טירן און פענסטער, איז אַריינגעגאַנגען אין די גערטנער. ס'איז אין ערגעץ נישט געווען קיין לעבּעדיק נפש אין דערדאָזיקער טויטער שטילקייט — איין און איינציקער גרויסער, שוואַרצער הונט איז געלעגן אויף דער גאַס און אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— אַ פאַרשאָלטן דאָרף! — האָט ער זיך געטראַכט.

פון דער צפונדיקער זייט האָט זיך צו אים דערטראָגן אַן אומקלאָר געריש. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דערדאָזיקער ריכטונג און באַמערקט, אַז דער וועג איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. באַלד דערנאָך האָט ער געקענט געניי אונטערשיידן — — דאָס איז געווען אַ געזאַנג — דערנאָך צעצויגענע טענער פון אַ האַר־מאָניק און דערצווישן אויך די אָפגעהאַקטע קלאַנגען פון אַ פויק און גלעקלעך.

— דעם אַמעריקאַנערס קאָנצערט, — האָט געטראַכט פראַנק ברוין. — האָט זיך, הייסט עס, דאָס גאַנצע דאָרף דאָרט היינט פאַרזאַמלט.

אַ ווײַלע האָט ער זיך געקשוּבט, צי זאָל ער אפשר אויך גיין אויף דער פאַרזאַמלונג, צום סוף האָט ער אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ. — אַן אַנדערט מאָל!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין צוריק. גאָר ווייטלעך, אויף דער צווייטער זייט אָזערע, האָט ער דערזען אַ קליין שיפל. אַ קליינע בוכטע האָט זיך אַרײַנגערוקט דאָרטן אין די פעלזן, וועלכע האָבן עטוואָס צוריקגעטרעטן. אויפן ברעג פון דער בוכטע האָט ער געזען טאַטראַק און הינטער אים אַ שמאָלן, דרייעקיקן פאַס ערד. טיף הינטן איז פון אויבן אַראָפּגעלאָפן אַ שטראָם אין אַן אויסגעשיילטן פעלז — און ער האָט דאָס אוודאי באַשאַפן דאָסדאָזיקע שטיקל יבשה. ער האָט דערזען, ווי עפעס אַ מיידל האָט זיך אויפגעהויבן אין שיפל. דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן, אַרויסגעהויבן דעם שטעקן פון טאַטראַק און פאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן מיטן פאָדערשטן עק לאַנגע, פון ווערבעס געפלאָכטענע, קוישן.

האָט זיך, הייסט עס, ווידער געפינען עמעצער, וואָס איז נישט געגאַנגען אויף דער פאַרזאַמלונג! — אויבן: סיבילקאַ נאָדרוצאַ, די קרומע און שטומע אַלטע בעטלערין — שפּעטער דער קליינער יאַט מיט זיין קו, און אַנדזשעלאַ, דער קנעכט — וועלכער איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען קיין היגער! — און איצט דאָסדאָזיקע מיידל!

פראַנק ברוין איז רויק צוריקגעגאַנגען צו דער אָזערע. אויף דער ברייטער באַנק פאַרן הויז, אין וועלכן ער איז פריער געווען, איז געזעסן אַ גרויסער מאַן, אין העמד און וועסטל, באַקוועם אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגנס אויף דעם קיילעכיקן שטיינערנעם טיש.

— ווידער איינער. דער פּיפּטער, וואָס איז נישט בא דעם מיסטער פּעטער! — האָט געלאַכט דער דייטש. — כ'האָב בחנם

חושד געווען דאָס דאָרף, עס איז נאָך פאַראַן פאָרט דאָ לעבן

— גוטן אָוונט, — האָט ער געזאָגט. — זענט איר עס פּעפּינאָ רײמאָנדי?

דער בעל־אכסניה איז אויפגעשטאַנען, איבערגעצעבורעט עפּעס און אים פאַרחידושט אָנגעקוקט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס ציבעקל פון די ציין און געזאָגט:

— פונוואַנען קומט איר אַהערצו, הער?

— כ'האָב געוואָלט דאָ בלײַבן און באַ אײַך וווינען — האָט געענטפערט פראַנק ברוין. — איר זענט דאָך רײמאָנדי, וואָס — דאָן וויטשענצאָ האָט מיך רעקאָמענדירט צו אײַך.

דער אכסניהניק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, אַ שיין וועטער — האָט ער געזאָגט.

— צי קען איך באַ אײַך וווינען? — האָט איבערגעחזרט פראַנק ברוין.

— יאָ, יאָ, דער פרילינג דערנענטערט זיך — האָט יענער געברומט.

— צי כ'קען באַ אײַך וווינען? — האָט פראַנק ברוין גערופן נאָך העכער. דאַן איז אים געקומען אויפן זין, אַז שוין דער גלח האָט אים דערציילט וועגן רײמאָנדיס שווערן געהער. און היות ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו שרײַען, האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אויפגעשריבן דערויף זײַנע פאַרלאַנגען.

רײמאָנדי האָט גענומען דאָס בלעטל, אָנגעזאָטלט זײַנע ברילן און געלייענט פאַרזיכטיק וואָרט־באַ־וואָרט.

דערנאָך האָט ער אים אָנגעקוקט פון איבער די גלעזלעך אַריבער און געפרעגט:

— איר ווילט אַ פּאָר חדשים בלײַבן אין וואַל די סקאָדראַ? איר ווילט צוויי שטיבן? — און ווילט באַ מיר וווינען?

פראַנק ברוין האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער דער אַלטער באַלעבאָס האָט עס נאָך אַלץ נישט משיג געווען.

— דאָ — דאָ בלייבן ? — אַ פּאָר חדשים ? מיין הער, צי מיינט איר עס ערנסט ?

דאַן האָט אים דער דייטש אַריינגעשריגן אין די אויערן :

— יאָ, יאָ, יאָ !

ריימאָנדי האָט זיך בעקראַצט דעם קאָפּ און געזאָגט :

— יאָ — איך פאַרשטיי זייער גוט. ביטע, — מיין הער — — וואַרט אונטער אַ ווײַלע.

ער האָט גענומען זיין רעקל פון דער וואַנט און עס אָנ-געטון.

— אַזוי — האָט ער פאַרגעזעצט. — ווילט איר, הייסט עס, הי בלייבן ? עטלעכע חדשים ? — יאָ, און וואָס ווילט איר צאָלן ?

— און וויפיל ווילט איר ? — האָט אָפּגעענטפערט פראַנק ברוין.

זיי זענען ביידע אַריין אין שטוב און זיך אוועקגעזעצט בײַם טיש.

דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דינגען.

— וואָס פאַרלאַנגט דער גאַסט ? צוויי שטיבן ? באַלד צוויי ? — אויב ער באַשטייט ניט אַנדערש, וועט מען מוזן צו-גרייטן צוויי. און וואָס וויל ער צום פרישטיק ? — אויך אייער ? — אַלזאָ גוט — צוויי אייער — —

ער האָט בסדר אַריינגעפלאָכטן דייטשישע ווערטער אין זיין רעדן — האָט אַלזאָ פראַנק ברוין גענומען צו אים רעדן דייטש.

אָבער דער אַלטער האָט גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען.

— ניין, ניין, ער האָט אַלץ פאַרגעסן — — אין משך פון די יאָרן, אַמאָל — יאָ, אַמאָל ! בשעת ר'איז נאָך געווען קייזער-לעכער שיסער. און זיין זעליקע פרוי — זי איז געווען אַ דייטש-קע — פון בריקסן. דערדאָזיקער ציבוק — שטאַמט נאָך פון איר פאַטער. אָבער זיין טאָכטער, יאָ — טערעזע — רעדט אַקוראַט אַזוי גוט דייטש, ווי דער קייזער אַליין — זאָל אים גאָט באַ-שיצן !

— עמעצער מוז מײַנע קופּערטלעך אַהערברענגען, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

— קופּערטלעך — קופּערטלעך האָט ער אײַך? און וווּ זײַנען זײ דען? אויפן שאָסײ אויבן — — האַ, ער איז געקומען מיטן אויטאָמאָביל? נו, דער קנעכט מוז תּיכּף אַרויפגײן די פּאָסט אַהערברענגען — וואָס? — יאָ, יאָ, דער פּאָסטמײסטער איז ער גופא. ער האָט אַרויסגערוקט אַ שופלאָד און אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פּעקל קאַרטלעך און עטלעכע בויגן בריוו־מאַרקן.

— זעט איר — דאָס איז די פּאָסט פון וואַל די סקאַדראַ.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און גערופן דעם קנעכט.

— אַנדזשעלאָ! אַנדזשעלאָ! לײג אַרויף אויפן מוילטיר דאָס משא־זאָטל. און זע, פאַרגעס נישט די שטריק. דו מוזט אַראָפּברענגען די קופּערטלעך, וועלכע שטײען דאָרט אויפן שאָסײ. די אַלטע סיבילאַ טוט אַכטונג אויף זײ.

דער קנעכט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרײַן אין שטאַל.

— זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען אויף דער פאַרזאַמלונג? — האָט אים נאָכגערופן פראַנק ברוין.

— איך בין נישט קײן היגער, — האָט תמעיאַטע געשמײכלט אַנדזשעלאָ.

— געוויס! כ׳קען זיך דאָס פאָרשטעלן — האָט געלאַכט דער דײַטש. — און דעריבער מוזטו דאָ טאָקע לעבן מיט דײַן באַזונדער לעבן.

דערנאָך איז ער מיטגעגאַנגען מיטן אַלטן אויף די טרעפּ אַרויף.

דער באַלעבאָס האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר טירן.

— ס׳זענען דאָ גענוג שטיבן אין מײַן הויז, — האָט ער געזאָגט. — וועלכע ווילט איר?

דרײַ שטיבן זענען געווען פון דער אַזיערע־זײַט, אָבער נאָר אײנע האָט אויסגעזען צו זײַן באַוווינט, די איבעריקע צוויי זענען

געווען כמעט פוסט. ער האָט אויסגעקליבן די ערשטע און אַ חוץ דעם אויך די דערבייִקע שטוב.

— ווער וווינט עס דאָ? — האָט ער געפרעגט. — ער האָט דאָרטן געזען דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער מיט אַ קליינעם האַנטפּאַס אויף דער רעכטער זייט און מיט אַ נר־תמיד אויף דער לינקער. פרישע בוקסצווייגן האָבן געשטעקט אין דער ראַם.

— מיין טאָכטער, — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס — אָבער זי וועט זיך שוין איבערטראָגן ערגעץ אַנדערשווּ.

— אַלזאָ גוט, — האָט געזאָגט פראַנק בורין.

ער האָט צוגעהאָלפן ריימאַנדין איבערטראָגן דעם מיידלס זאַכן אין דריטן צימער אַריין. דערנאָך האָט ער זיך איינגעשטעלט דאָס מעבל לויט זיין געשמאַק.

— קוקט אייך נאָר גוט אַרום, — האָט געזאָגט דער אַלטער — און נעמט אייך אין אייער צימער אַריין אַלץ, וואָס עס געפעלט אייך.

דער דייטש איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און איז ווידער אַרויפגעקומען, אויסגעזוכט אַלצדינג, וואָס אים איז געפעלן, צוגערוקט אַן אַלטן פאָטעל אונטערן פענסטער, אונטערגעלייגט שטיקלעך האָלץ אונטערן וואַקלדיקן טיש. ער האָט אויך געבעטן צו שלעפן אַ קליינעם ווין־קאָרב, וועלכן ער זאָל קענען באַנוצן אַלס קויש אויף פאַפּיר. —

— און דעמאָלטיקן זייגער זאָלט איר אַרויסנעמען, — האָט ער געזאָגט צום באַלעבאָס און אָנגעוויזן אויף אַן אַלטן זייגער, וועלכער איז געהאָנגען איבער דער טיר.

— פאַרוואָס? — האָט יענער געפרעגט.

— כ׳לייד נישט קיין זייגער אין שטוב. נישט קיין זייגער און נישט קיין לוח. — תמיד צו וויסן די דאַטע, תמיד די שעה — גיין, איך לעב אַנדערש.

— אָבער ער גייט כלל נישט — האָט פאַרזיכערט דער אַלטער.

— ער גייט נישט? טאָ מעג ער בלייבן — און אַ לאָמפּ

— אַ לאָמפּ איז דאָ.

דער אַלטער האָט תיכּף געדרעגט.

ענדלעך איז אַלץ געווען פאַרטיק.

— איצט ברענגט מיר וואַסער! — האָט ער אויסגעשריגן.

דער באַלעבאָס איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און אָנגעפילט צוויי גרויסע קענדלעך, אָבער ער אַליין האָט זיי נישט געבראַכט. ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם קנעכט, וואָס איז גראָד אָנגעקומען מיט מוילטיר פון באַרג אַראָפּ.

אַנדזשעלאָ האָט אַריינגעטראָגן די קענדלעך וואַסער, דערנאָך די קופּערטלעך און די וואַליזעס. פראַנק ברוין האָט גענומען פונאַנדערפּאַקן, גיך און געשיקט — ער איז שוין געווען צוגעוווינט צו דערדאָזיקער אַרבעט. ער איז שוין געווען פאַרטיק נאָך איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן.

* *

*

אין גאַסטצימער, לעבן באַלעבאָס, איז געזעסן אַ דיקער, וואָנסעדיקער גרעבעץ־זשאַנדאַרם און געטרונקען מיט גרויסע שלונקען פון געפלאַכטענעם בוטל.

— פאַר אייער געזונט! — האָט ער אויסגערופן צום פרעמדן דייטש.

— אַ דאַנק — האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך צורעכט געמאַכט די וואָנסן

— איר ווייסט, דאָס איז אַ הערלעכער געדאַנק, וואָס איר זענט דאָ אַהער —

אָבער ער האָט זיך פאַרהאַקט, צעלאַכט זיך און ווידער גענומען טרונקען — דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך אים אַפּנים דאָך נישט אַזוי הערלעך אויסגעוויזן.

— פונדעסטוועגן — איז עס גאַנץ גוט — האָט ער פאַר־

געזעצט — זייער גוט! — וואָס האָב איך דיר געזאָגט, ריימאָנ-די — האָט ער אַהינגעברילט צום באַלעבאָס, — וואָס האָב איך געזאָגט? — קומען נישט די פרומע ברידער, וועט קומען אַן אַנ-דערער! — נו, און אָט איז ער דאָ! כ'וואָלט עס אַליין נישט געגלייבט — אָבער אָט איז ער אין דער אמתן! און וועט דיר אַריינברענגען מער געלט, ווי אַלע טייווליענער צוזאַמען.

פראַנק ברוין האָט זיך איינגעהאָרכט.

— ווי — ווער? — האָט ער געפרעגט.

— ווי די טייווליענער! — האָט געלאַכט דער זשאַנ-דאַרם. — איר דאַרפט געמלעך וויסן, אז אין דאָזיקן משוגענעם דאָרף האָט אַן אַמעריקאַנער — —

— יאָ, איך ווייס — האָט אים איבערגעריסן דער אַנדע-רער. — כ'האָב געהערט דערפון, זיי רופן זיך, הייסט עס, טייוול-יענער?

— יאָ, מיין הער! — האָט באַשטעטיקט דער זשאַנדאַרם. — ווייל זיי ווילן פאַריאָגן דעם טייוול און אים עוקר מן השורש זיין — מיט זייערע תפילות און געזאַנג. די דאָזיקע איטאַליענישע לצים! — מאַ, ווען איך וואָלט דאָ געווען, וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען! — וואָס, אַלטער ידיד? — ער האָט לאַכנדיק אַ שטאָך געטון דעם אַלטן אין בויך. — איך יאָג אויך אַרויס דעם טייוול — אָבער בעסער, אַ פייער זוכט עס באַכאַמאַל!

ער האָט הויך אויפגעהויבן זיין גלעזל.

— קום גאָר אַהער, דו אַלטער ריטער, אַלקאָהאָל-טייוול — מיר האָבן פאַר דיר קיין מורא נישט.

ער האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין שלוק און מיט רעש צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. דערנאָך האָט ער זיך אָפגעווישט די וואָנצן.

— אַזוי — דאָס דאָזיקע בעלזעבובל וואָלט שוין געווען פאַרניכטעט. — וואָס, ריימאָנדי, מיר זענען די אמתע טייוול-יענער!

— יענע לייט דאָ טרינקען גלאָז נישט? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— קיין לעק נישט אפילו! — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם. — זיי ווילן זיין פרומע קריסטן און דערקלערן דעם ווייַן, רעמען גאָט אַליין האָט דאָך געהייסן וואַקסן, פאַרן ווערק פון שטן. — דער אַלטער נח פלעגט זיך יעדן טאָג אָנזופן און אָנשיכורן ביז גאָר און איז פונדעסטוועגן געווען אַ פּאַטריאַרך. — שוין באַלד צוויי חדשים, ווי דידאָזיקע פאַרשוינען האָבן נישט באַטרעטן די שוועל אפילו פון דערדאָזיקער שענק — — איך בין דער אַלמנס איינציקער גאַסט און אַ שלעכטער גאַסט דערצו — ווייל איך צאָל נישט, מוזט איר וויסן.

ער האָט זיך פאַרקייכט אין ווילדן געלעכטער.

— טרינק געזונטערהייט, דרענקער, — האָט געזאָגט דער אַלטער שענקער זיפצנדיק. — פאַר אַן אַלטן רעגימענט-חבר מוז דער קעלער אָפן שטיין.

— נו, מאַך גאָר נישט קיין מטבע'ליק — האָט געזאָגט דער גרענעצמאַן — איך קום גענוג זעלטן אהער אין דאָרף אריין. אַלע דריי וואָכן, אויף אַ פּאָר שעה, אויב מ'קען זיך אַרויסרייסן — די פאַרשאָלטענע שמוגלער גיבן נישט קיין מנוחה אין די בערג.

אַ ליכטשיין האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער טיר, וואָס אַ יונג מיידל האָט געעפנט. זי האָט אַריינגעטראָגן אין גאַסטצימער צוויי גרויסע ליכט און זיי אָנגעשטעלט אויפן טיש.

— אייער טאָכטער? — האָט פראַנק ברוין געפרעגט דעם באַלעבאָס.

— יאָ, דאָס איז טערעזע, זיין טאָכטער! — האָט געזאָגט דער גרענעץ-מאַן. — אַ ווויל מיידל. קום נאָר אהער, טערעזע.

אָבער דאָס מיידל האָט זיך גלייך אויסגעדרייט און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען, נישט רעדנדיק קיין וואָרט.

— ברענג עפעס צו עסן, — האָט איר דער פאָטער נאָכגערופן — די געסט זענען הונגעריק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אומגעקערט, פאַרשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש און אַריינגעברענגט גאָפּל-מעסער. דערנאָך האָט זי אָנגעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש.

פראַנק ברוין האָט איר געזאָגט „גוט־אָוונט“, אָבער זי האָט קוים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זי האָט אויך נישט פאַרנומען קיין אָרט באַם טיש, נאָר זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַנדערן פענסטער אויף דער באַנק און האָט אַרויסגענומען אירע נייִ־מכשירים.

ער האָט זיך צו איר צוגעקוקט.

זי איז געווען הויך און שלאַנק — זי האָט געקענט אַלט זיין אַן ערך צוואַנציק יאָר. זי האָט געהאַט שוואַרצע האָר, ווי דער פאָטער, אָבער גרויסע, בלויע אויגן — — מ׳האָט געזען באַשיינפערלעך, אַז איר מוטער איז געווען אַ דייטשקע. ער האָט זי צוגערופן און געבעטן, זי זאָל אים דערלאַנגען ברויט. זי האָט געברענגט דאָס ברויט, אָבער לגמרי נישט געענטפערט אויף זיינע פראַגן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, אומצופרידענע אויגן, דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעקערט אויף איר אָרט.

ער האָט געגעסן און געטרונקען און געפּלוידערט מיטן זשאַנדאַרם, בשעת ריימאָנדי איז געזעסן לעבן אים און געררייכערט שווייגנדיק זיין ליולקע. ער האָט אָבסערווירט דאָס שיינע מיידל — ער האָט גוט באַמערקט, ווי זי האָט פון צייט־צו־צייט געוואָרפן בגנבה שנעלע און פרעגנדיקע בליקן אויף אים. דערנאָך האָט ער געזען, ווי זי האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע עפּעס אַ בריוו, און לייענענדיק אים, ווידער שטיל צו אים אַהינגעבליקט.

פראַנק ברוין האָט אַ טראַכט געטון:

„האָט דאָס פאַר דיר, מיין קינד, די פּאָסט געבראַכט היינט אין אָוונט אַ בריוו! — און ער איז אוודאי פון דאָן ווינטשענצאָ, דיין ווידוי־פאָטער! און ער וואָרנט דיך מסתם אין אים פאַר מיר. — וואָס, מיין קינד? — דעריבער ביסטו עס אַזוי צוריקגעהאַלטן לגבי מיר“.

ער האָט זיך צעשמייכלט און געטראַכט:

„אַלטער מאַן — ווי נאַריש דו ביסט. כ׳וואָלט נישט אָנגעקוקט און נישט אָנגערירט אפילו דיין אָרים קינד. — איצט אָבער — פאַרוואָס רייצסטו מיך, נייסטלעכער? ביסט שוין אַזוי אַלט און דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, אַז מ׳וויל נאָר דאָס — וואָס

ס'איז פאַרבאָטן? — און — דו און איך, אַלטער מאַן? — — וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער קאַמף ווען דאָזיקן קינד! — אַך, ווי נאַריש דו ביסט פאַרט".

ער האָט אַהינגעבליקט צו איר און זי באַגערט אין זעלבן אויגנבליק. איר שטערן איז געווען גלייך געפּאַרמט און ניעט הויך, און שיף בײַ די שלייפן. די געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך געחלעלבט איבער די טיף־בלויע אויגן, וואָס זענען באַשאָטנט געווען פון די לאַנגע ווימפּערן. און די נאָזלעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן און געציטערט בײַ יעדן אָטעם־צוג. איר מויל האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ ביסל צו גרויס און די לייכט אַרויסגעבויגענע ליפּן האָבן געגלאַנצט, ווי דער שטאַרקער פּורפּור פון מילגרוים־בלימעלעך אויפן וואַקס־בלייכן פּנים. עפּעס אַ הכנעה, אַ מין שטילע מילדקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף דידאָזיקע ווייכע פּנים־שטריכן, אָבער אונטער דער דאָזיקער מאַסקע האָט אויסגעזען עפּעס אַנדערש צו דרעמלען.

אפשר עפּעס גאוניש. דאָסדאָזיקע מיידל וואָלט געקענט זיין אַ גוטע קינסטלערין אָדער אַפילו אויך אַ גרויסע קאָקעט־קע — —

ער האָט געזען, ווי איר ברוסט האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן אין דעם צו ענגן קאָרסעט. ער האָט זי אויסגעטון מיט זיינע גיריקע בליקן, אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פון די אַקסלען און די שווערע זילבערנע גאַרטל פון לייב — —

דאַמאָלס האָט זי אויפגעכאַפּט זיין בליק. זי איז רויט געוואָרן — עפּעס אַ בושה האָט זי געהייסן שליסן די אויגנלעדלעך אין אַ פּלוצלינגער האַס האָט זי ווידער אויפגעהויבן, איר האַנט האָט געציטערט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, געבליבן שטיין און אַריינגעלייגט דעם בריוו אין קעשענע. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז ראַש, מיט פעסטע טריט, דורכגעגאַנגען דאָס צימער און פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

פראַנק ברוין האָט איר נאָכגעקוקט, לאַנגזאַם איז פאַרשוואונדן פון זיין פּנים דער ווילדער, תאווהדיקער צוק, זיינע ליפּן

זענען געוואָרן מילדער, די אויגן האָבן אָנגענומען אַ שטילן פאַרחלומטן אויסדרוק.

— דו אָרים, שיין קינד, — האָט ער געמורמלט. דערנאָך האָט ער דורכגעפירט די הענט דורך די האָר און ווילד געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן אַלע רעיונות.

— מיר ווילט זיך זינגען, — האָט ער אויסגערופן. — און דו, באַלעבאָס, ברענג אונדז פון דיין בעסטן ווײַן!

ער איז אַרויסגעלאָפן אין זײַן צימער, אַראָפּגענומען פון וואַנט די גיטאַרע און צוריקגעקומען.

— פאַר אײַער געזונט, הער דרענקער! — האָט ער אויסגערופן.

ער האָט זיך צונויפגעקלאַפּט מיטן זשאַנדאַרם, דערנאָך מיטן באַלעבאָס.

— ס'איז גוט, וואָס ס'זענען נאָך פאַראַן עטלעכע מענטשן אין דעם דאָרף, וואָס ווייסן דעם ווערט פון ווײַן! און וואָס געוועט איר זיך, אַז כ'וועל אײַך איבערשטײַגן אין טרינקען.

— בראַוואָ! — האָט געלאַכט דער גרענעצמאַן. — אָבער געוועט אײַך בעסער נישט. איר ווייסט נישט, וואָס אַלויזי דרענקער קען.

פראַנק ברוין האָט אויסגעשריגן:

— איך וועל זיך וועטן! אַלזאָ אײַער העלם קען מײַן גיטאַרע?

— מײַן העלם? — —

— יאָ — איר האָט מורא?

— איך? אָבער, ליבער הער —

— אַלזאָ אָנגענומען?

— אָנגענומען! — האָט געברומט דער זשאַנדאַרם און אויפגעהויבן דאָס גלעזל. ער איז געלאָסן אויפגעשטאַנען, אָפּגעטשעפּעט דעם פּאַס פון זײַן דיקן בויך און אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל זײַן שווערע שווערט.

— אַלזאָ

— פראַנק ברוין האָט אָנגעסטרויעט די גיטאַרע.

— וואָס ווילט איר הערן?

— ס'איז מיר אַלציינס, — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם. — וואָס איר קענט באַר.

דער דייטש האָט געזונגען פאַרשייטע, סטודענטישע לידער, דערנאָך פעטע קופּלעטן, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט ערגעץ אין אויסגעלאַסענע קאַבאַרעטן און זעלנערישע לידער, פול מיט גראָבן ניבול־פה — און דער גרענעצמאַן האָט אַ באַגייסטערטער מיטגעגרילצט יעדן צווינג.

אומדערשעפּלעך איז ער געווען. פערזן פון נעאַפּאָליטאַנישע גאַסן־זינגער, וואָס האָבן געטריפט מיט קויט, אַנדאַלוזישע קופּלעטן, וועמענס שווערמוטיקע מעלאָדיעס האָבן נאָך שטאַרקער בולט געמאַכט זייער אומפאַרשעמטן אינהאַלט. מאַטראָסן־לידער, וועלכע האָבן, ווי מיט תאוותדיקע קולות פון פאַרשלאָסענע מאַל־פעס, געברילט נאָך ווייבער־פלייש, לידלעך פון מאָנמאַרטער, אין וועלכע ווערט און טאָן האָבן זיך געשיקט צונויפגעבונדן אין ציניש ווינצן —

דער באַלעבאָס האָט גאַנץ ווינציק פאַרשטאַנען. ער האָט שטיל מיטגעברומט די מעלאָדיעס און געזויגן פון גלאָז און פון דער ליולקע. אָבער דער זשאַנדאַרם האָט געהירזשעט פאַר נע־לעבעטער, געזעצט מיט דער ברייטער פויסט אויפן טיש, אַז די פלעשער האָבן אַזש אונטערגעשפּרונגען. און ער האָט געברילט דעם צווינג:

„Kommt ʼne verheiratö-te,
Oder ʼne andere Kröte
Durch den dustern, dustern, dustern
Wald — —"

און אויסגעליידיקט איין גלאָז נאָכן אַנדערן.

און פראַנק ברוין איז אים כלל נישט שולדיק געבליבן. מיט אַ געלעכטערל, שטיל, גלייך ווי ס'וואָלט געווען לויטער וואַסער, האָט ער אַריינגעגאָסן אין זיך דעם וויין כסדר צו גאַנצע

גלעזלעך מיטאמאל — דערנאך האט ער ווייטער אנגעגאסן בײַ די כשרונעס.

„יאָ, אין האמבורג, דאָרט בין איך געוועזן
אין סאמעט און אין זיידנס געהילט,
מיין ערע, די האָב איך פארלוירן,
ווייל כ׳בין דאָך אַ מיידל פאַר געלט!

מיין שוועסטער, די פלעגט מיר תמיד שרייבן:
ליבע אלמא, אַ קום דאָך צוריק!
דיין מוטער ליגט אַ גוססע אין בעט,
זי באַוויינט דיין עלנט גליק.

מיין שוועסטער, איך פלעג איר תמיד שרייבן:
ליבע שוועסטער, איך קער זיך נישט צוריק!
מיין ערע איז שוין לאַנג פארלוירן,
אינדערהיים בליט פאַר מיר נישט קיין גליק.

יאָ, אין האמבורג בין איך געוועזן
אין סאַמעט און אין זיידנס געהילט,
מיין ערע, די האָב איך פאַרלוירן,
ווייל כ׳בין דאָך אַ מיידל פאַר געלט!"

ער האָט געזונגען בארדעל לידער, פארפלייערטע, סענטימענטאַלע לידער פון גאסנפרויען, וועלכע האַנדלען מיט געפילן, ווי מיט האניק-לעקעך אויף די יארידים. און הער אלויזי דרעגקער האָט געשלאָכצט, געקוואַקעט און געקרעכצט, און געזומען אַ מיטן זופ נאָך יעדן טיפן זיפץ.

— הער, דו, זשאַנדאַרם! איך זינג דיר דאָס ליד פון די האַללישע גאַסן-פרויען.

„Gestern Abend in dem Sturm
Ging ich um den roten Turm!”

— — און דערנאָך, ווען דעם גרענעצמאַן האָט אַרומגענומען אַן עצבות און דיקע טראָפּנס האָבן פאַרנעפּלט זײַנע תמעוואַטע אויגן, האָט אים פּלוצלינג פראַנק ברוין גענומען וואַרפן פריילעכע, צוותדיקע, פאַרשייטע סטראָפן אין פּנים אַרײַן.

דאַן האָט זיך צעלאַכט אַלויזי דרענקער און געשמעלצט זיך פאַר תענוג. ער האָט אַרומגעזוכט מיט זײַנע שיכורע אויגן. גלײַך עס וואָלט דאָרט ערגעץ געשטאַנען אַ דיקע מויד און ער וואָלט געוואָלט מיט זײַנע אָנגעשוואָלענע, רויטע פינגער זי אָנכאַפּן בײַ די יאָדערדיקע ברוסטן.

— טרינק, דו חזיר אײנער! — האָט אויסגערופן דער דײַטש.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ, ער איז אַזוש גרין געוואָרן פון כעס און בושה צוזאַמען. אָבער געטראָפן פון יענעמס רויִקן, שמייכלענדיקן בליק — האָט ער זיך אײַנגעבויגן אײַנגעקאָרטשעט. „פּראָזיט”, האָט ער געזאָגט און אויסגעטרונקען.

פראַנק ברוין האָט מיטגעהאָלפן, ער האָט אַוועקגעלייגט די גיטאַרע און געטרונקען.

— נאָך אַ פּאָר פלעשלעך, — האָט ער געזאָגט.

— ניין — ס'איז גענוג, — האָט געפּרעפּלט דער זשאַנדאַרם.

— גענוג — שוין? גיי, ברענג ווײַן, ריימאַנדי!

דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעהויבן. וואַקלענדיק זיך און האַלטנדיק זיך קוים מיט מי אויף די פיס, האָט ער אַוועקגעוואַנדערט צום קעלער — צום אַכטן מאָל שוין. ער איז צוריקגעקומען און אַוועקגעשטעלט די פלעשלעך אויפן טיש. אָבער ער האָט זיך שוין מער נישט אַנידערגעזעצט; שטילשווײַגנדיק, אָן אַ „זײַט-געזונט” איז ער אַרויסגעקראָכן און אַרײַן דרינען, אין זײַן שטוב. מ'האָט געהערט, ווי ער איז שווער אַנידערגעפאַלן אויף זײַן בעט.

די ביידע האָבן נאָך געטרונקען. ס'האָט אויסגעזען, ווי פראַנק ברוין וואָלט ערשט איצט אָנגעהויבן, אַזוי לייכט האָט ער אויפגעהויבן זיין גלאָז, קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט — נאָר כסדר געטרונקען.

— ניין — איצט איז שוין גענוג — האָט געמורמלט דער זשאַנדאַרם.

— טרינק, אויב די ביסט אַ בראַווער חברה־מאַן!

ער האָט אים אַריינגעשטופּט דאָס פולע גלעזל אין דער האַנט. און דער זשאַנדאַרם האָט עס אויסגעליידיקט, פּאַמעלעך, נעפּנדיק און שלוקערצנדיק, אין קליינע זופּן. דער קרעם איז אים אַרונטערגעפאַלן, דאָס גלאָז האָט זיך צעבראָכן אָן קאַנט פון טיש און זיין גרויסער קאָפּ איז שווער אַראָפּגעזונקען אויפן טיש.

פראַנק ברוין האָט געלאַכט. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען די גיטאַרע און צוגעגאַנגען צום פענסטער. טריבע יאַלקנס האָבן זיך פאַרצויגן דאָ און דאָרטן אויפן הימל און פון צווישן זיי האָט אַרויסגעבליקט די שמאָלע לבנה און געוואָרפן אַ מאַט ליכט איבער דער אָזיערע.

* *
*

ער איז שווייגנדיק געזעסן אַ לאַנגע צייט אויפן בענקל אונטערן פענסטער. דערנאָך האָט ער כמעט אומבאַמערקטערהייט גענומען די גיטאַרע אין האַנט אַריין און אָנגעקלאַפּט לייכט אין די סטרונעס — טענער, לייכטע אַקאָרדן. און אויפסניי זענען אויסגעוואַקסן לידער פון די האַלב־פאַרחלומטע קלאַנגען און פון זיין אייגענער שטים, וועלכע האָבן שטיל און עצבותדיק אַרויסגעציטערט אין דעררואיקער שטילער נאַכט.

ברעטאָנישע לידער, לידער, וועלכע דער ים האָט געבוירן, און די איינזאַמקייט — — און די גרויסע בענקשאַפט — — —

„J'aime Paimpol et sa falaise,
Son vieux clocher, son grand pardon,

J'aime encore mieux la Paimpolaise
Qui m'attend au pays breton."

און פון ערגעץ-ווו האָט אים אַ פעלזן-וואַנט אָפגעענטפערט אין עכאָ אַ שטיל געפליסטער: „Au pays breton”

און דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אים כסדר געקלונגען אין די אויערן, מיט אַ שטיל ברומען, ווי עפעס אַ ניגון פון אַן אַלטן שפּיל-זייגער. ער האָט זיך איינגעהערט אין דערדאָזיקער מעלאָדיע, ווי אין אַ שטילן, פאַרבאָרגענעם אמת, וועלכער דרימלט אונטער בליוש און שטיינער. ברעטאַניע — יאָ — ברעטאַניע — און טיראָל — יאָ —

און פּלוצלינג האָט ער תופס געווען — אינסטינקטיוו. ער האָט געפונען די פעסטע זיכערקייט אין דעם, וואָס ער פלעגט אין כסדרדיקע ספקות פאָרשן יאָרנלאַנג. — אַ גרויסע זאַך האָט ער געווונען אין דערדאָזיקער רגע: דעם גלויבן אין דערדאָזיקער לאַנגער קייט פון נייע מחשבות.

יאָ — גאַנץ זיכער — איצט וועט ער קענען אַרבעטן. און ווי שווער ס'האָט זיך אים דאָס אַלץ אויסגעזען — נעבעך נאָך. אַן אומגעהייער מאַטעריאַל, מיט גרויס מי צונויפגעזאַמלט אויף די אייביקע נסיעות און אין טויזנטער ביכער. פאַרפּלאָנטערט, כמעט אומלעזבאַר, אַ ריזיקער לאַבירינט פון פאַנטאַסטישע השערות —

איצט האָט ער געזען דעם וועג — איצט האָט ער געהאַט דעם ציל אין דער האַנט! — אַ באַלעם, וועלכן ר'האָט געוואָרפן מיט זיכערער באַוועגונג, זיכער אין ניצחון האָט זיך אים אויסגעוויזן דערדאָזיקער שפּיל —

ער האָט געהאַט חשק צו דאַנקען עמעצן — פאַר דעמדאָזיקן גלויבן, וואָס ס'האָט אים געשענקט די איינע רגע.

ער האָט כמעט הויך געזאָגט:

— ס'זענען נישט פאַרהאַן קיין גערמאַנער, ס'זענען נישט קיין סלאַוון, נישט פאַרהאַן קיין ראָמאַנער. נישט פאַרהאַן קיין

קעלטן און נישט קיין יידן און נישט קיין גריכן, נישט קיין אַל־באַנער און נישט קיין אַרמענער —

דאָס אַלץ איז אומזין. נאַרישע, דערעסטנע היסטאָרישע ליגנס. —

נאָר דריי ראַסן זענען פֿאַראַן אין אייראָפּע.

די צפֿונדיקע: לאַנגשאַרבנדיק, בלאָנדהאָריק, בלוי־אוי־גיק — — מיין ראַסע.

און די מיטללענדישע — ראָד־אָרום זייער ים —

יאָ — און — צווישן זיי — די בערג־ראַסע. איין פֿאָלק — אַלע: די ווילדע קורדן און די אַלע שבטים פֿון די קאַרפּאַטן און פֿון באַלקאַן. די באַרג־פֿעלקער פֿון די אַלפּן: אין טיראָל און אין וואַלצבורג, אין דער שווייץ און אין בייערן. דערנאָך די אָווערניאַטן און לסוף — דאָס לעצטע ריינגעלע פֿון דער לאַנגער קייט: די לייט פֿון ברעטאַניע. —

קורצשאַרבנדיקע — קליין — ברונעט — — —

— — אָך, די יידן, די יידן — וואָס פֿאַרא גראַניט־זייל פֿאַר זיין בנין! אַ קליינער שיכט — בלוי־אויגיקע, בלאָנדע — צפֿונדיקע ראַסע! היינט איז געווען איינער פֿון זיי, היינע! ווי אַפֿט פֿלעגט ער דערשטוינט און פֿאַרחלומט באַטראַכטן זיין בילד. עפּעס אַ רעטעניש איז דאָ געלעגן, עפּעס אַ מאָדנער סוד. — אָבער איצט האָט ער אים אָנגעכאַפּט: — זיין אייגענע ראַסע איז עס געווען, זיינע — —

דערנאָך אַ גרעסערע טייל — מיטללענדיש בלוט — שפּי־נאָזאַ — דיסקאָסטאַ — דיזראַעלי — און ענדלעך די הויפּט־מאַסע — דאָס אַלפּנפֿאָלק — באַרג־לייט — מיאוס און קורצשאַרבנ־דיק —

ער האָט פֿאַרלוירן, ער האָט צעשלאָגן ראַסן ווי שערבעלעך פֿון פֿלעשלעך, מיט איין קלאַפּ האָט ער לאַנגדיק פֿאַרטיליקט אַל־טע, טויזנטיעריקע פֿראַגן — —

אַזוי קלאָר איז איצט דאָס אַלץ פֿאַר אים געשטאַנען, אַזוי פּשוט און קלאָר.

איצט, ווען ער האָט געהאַט דעם שיכורן גלויבן.

ווי אַזוי איז ער דאָס דערצו געקומען — גראָד איצט ?

פינוואַנען האָבן זיך דערמאָנט צו אים דידאַזיקע אַלטע לי־דער פון ים, וועלכע ער האָט שוין זייט לאַנגע יאָרן נישט געזונגען. און פונוואַנען האָט זיך דערמאָנט צו אים דאָס מאָדנע געפיל, אַז דאָ איז פונקט אַזוי גוט ווי ער היימלאַנד, ווי דאָרט — אין דידאַזיקע לעכער פון די בערג, נישט ווייניקער, ווי אין די היילן פון פעלזן ?

דידאַזיקע לידער — פאַראומערטע — איינזאַמע — פול מיט בענקשאַפט —

ווי דידאַזיקע ראָסע פון די בערג, — און פאַנאַטיש — טרוימעריש — עקסטאַטיש — —

אָ, יאָ, דאָן ווינטשעגזאַ האָט זיי גוט געקענט, זיינע לאַנדס־לייט :

פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען, אַן אומהיימלעך פייערל האָט געברענט אין זיינע אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל און עס אויסגעטרונקען. מיט אַ זיפץ האָט ער עס צוריק אַוועקגעשטעלט —

— אַך — צו אַלדי רוחות, צי קען מען שוין מער נישט שיכור ווערן פון קיין ווייןּ ?!

ער האָט אַרויסגעצויגן דעם פאָרטפעל און אַרויסגענומען פון אים אַ קליין, ווייס פּאַפּירל. ער האָט עס געלאַסן אויפגעוויקלט און אַריינגעשיט זיין אינהאַלט, אַ פיינער, ווייסער פּולווער, אין ווייַן אַריין. און מיט קליינע הפסקות, פאָרזיכטיק און געפנדיק מיט דער צונג, האָט ער אויסגעטרונקען דאָסדאַזיקע גלעזל.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פאַרמאַכט די אויגן, אָנגעשפּאַרט אויפן טיש די עלנבויגנס און אַריינגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די הענט. פאַמעלעך, ווי דער אומרו פון אַן אַלטן זייגער, האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער דער אויבערשטער טייל פון זיין קער־פער.

ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ טיפן זיפץ און איז מיט שלעפּנדיקע פיס אַרויסגעגאַנגען איבערדרויסן, אַ רגע איז ער

שטיין געבליבן אויף די שטיינערנע טרעפּ, דערנאָך אַראָפּ צו דער אָזיערע.

א לייכטער, קילער ווינט האָט געגלעט זיין פּנים. און פּלוצלינג, אָן שום איבערגאַנג, איז נעלם געוואָרן דאָס קלאָרע בילד פון פאַר זיינע אויגן — האָט אָפּגעטרעטן פאַר א געפּרייזטן ים פון פלאַמענדיקן נעפּל. א הייסע כוואַליע בלוט האָט פאַרגאָסן זיינע שלייפן איז אָנגעשוואָלן געוואָרן אין קורצע רעגולערע קלעפּ, האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן קערפּער, איבער פיס און אָרעמס, אַזש ביז די שפּיצן פינגער פון פיס און הענט.

דאָסדאָזיקע פייער — דאָסדאָזיקע העלישע פייער — — —

ער האָט אויסגעצויגן די ברוסט, טיף אָפּגעאָטעמט און ברייט אויסגעשפּאַנט די אָרעמס

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט אויפן אָרט.

אויבן אין דריטן פענסטער האָט ער געזען א שוואַכן ליכט-שימער.

.III

Innocenta — quid est innocentia? —
Ubi libido dominatur, innocentiae leve praesidium est.

Cicero

Il est passè le moment des plaisirs
Dont la vitesse a trompé mes désirs.
Il est passé.

Evariste de Parny, Délire.

פראַנק ברוין האָט זיך אויפגעכאַפט זייער שפעט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט — אַ ביסל פאַרחידושט — נישט איינגאַנצן זיכער וווּ ער געפינט זיך. דערנאָך איז ער אַרויסגעשפרונגען פון בעט און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— מילא, גוט — אַלזאָ אין וואַל די סקאָדראַ — האָט ער געזאָגט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער עפעס, אָבער האָט רעכט נישט געוווּסט, וואָס ער זוכט אייגנטלעך.

דער קאָפּ האָט אים נישט וויי געטאָן, ער האָט זיך געשפירט לייכט און פריש. נאָר עפעס אַ מידקייט איז געלעגן אין אים אַ

ליבע, פלוידערנדיקע מידקייט, וואָס האָט אין אַלע אברים גע־דרעמלט.

ער האָט געלאַכט. יאָ — ער האָט געטרונקען — ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, און געזונגען. הונדערט לידער און הונדערט ניגונים. געזונגען האָט ער און געטרונקען.

מיט וועמען דאָס? — ס'איז דאָרט געווען פעפינאָ ריימאָנדי, דער באַלעבאָס — און דער הער אַלויזי דרענקער, דער דיקער גרינציג-זשאַנדאַרם. ריכטיק — דעם האָט ער אזוי פאַרגלעזלט, אַז ר'האָט זיך אַוועק אונטערן טיש אַראָפּגעקייקלט.

און דערנאָך? וואָס איז געשען? ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און געכגעדענקט. יאָ, דאָס איז עס געווען: ער האָט געפונען דעם ציל. אַ גלויבן האָט ער באַקומען. זיין בליק האָט כמעט צערטלעך געגלאָנדזשעט איבערן טיש, וועלכער איז געווען הויך באַדעקט מיט שטויסן ביכער און בלעטער. אָך — איצט איז עס שוין מער נישט געווען קיין אַרבעט. איצטער איז עס בלויז אַ שפּילעכל.

און ער האָט געלאַכט:

— דאָס האָט מיר דער ווייַן געשענקט — צו וואָס טויג דאָס דענקען — די חכמים זעען, און דאַן פאַרשטייען זיי.

זיין בליק איז געפאַלן אויף די מלבושים. צעקנאָדערט און צעוואָרפן זענען זיי געלעגן אַרום אויף דער ערד. ער פלעגט דאָך תמיד — —

אַזוי שיכור איז ער, הייסט עס, געווען? אפילו אויך דאַ־מאָלס?

ער האָט אויפגעהויבן דאָס רעקל — דאַן איז זיין בליק געפאַלן אויף די הענט; לאַנגע ראַצן האָבן זיך געצייכנט אין דער קוזשר. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל: זיין פנים איז געווען צע־דראַצט און אומעטום באַדעקט מיט קליינע וווּנדן און פאַרגליווערט בלוט.

וואָס איז דאָס געווען? ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אריבערגעפירט די האַנט איבערן שטערן. אָבער ער האָט נישט

געוואַקסן אין זײַנע דערינערונגען — ער האָט זיך כמעט געחפּרט אָקעגן דאָזיקן געדאַנק.

דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; די ליפּן האָבן זיך צונויפגעפּרעסט, פאַרצויגן, האַרט, מיט יאוש, ווי אין געפיל פון באַוווּסטזיניקן ליידן.

— ס'העלפט נישט, — האָט ער געזאָגט. — כ'קען עס פאָרט נישט פאַרגעסן.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, צונויפגעוואַקסט דאָס אָנטאָן און עס אַרויפגעלייגט אויפן בעט. ער איז דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער שטוב מיט לאַנגע, פעסטע טריט.

— אַלזאָ גוט! — האָט ער פאַרגעזעצט. — מ'מוז שאַפן קלאָרקייט.

ער האָט באַמערקט, אַז ער רעדט הויך און האָט געלאַכט דערפון.

— נו, יאָ, ווי אַלע מענטשן, וואָס זענען לאַנג אַליין!

ער איז געבליבן שטיין און אָנגענומען פרישן אימפּעט. האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט הויך אַרויסגעלאָזט וואָלקנס רויך, דערנאָך גערופן הויך, שאַרף, זיך זעלבסט שמייכלדיק:

— לאָמיר מאַכן אַ סוף — אַלזאָ אַזוי איז עס געווען!

און ער האָט אויסגעהאַקט אַ שטיין נאָך אַ שטיין פון די אונטערערדישע געענג פון זײַנע זכרונות.

* *

*

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן: ער האָט דערזען דעמדאָזיקן ליכטשײַן פון דריטן פענסטער אַהער. אַ שוואַכער, דינער שימער — און גלייך ווי איבער אַ לאַנגער לאַנגטע וואָלט דערפון אַ פונק אַראָפּגעקראָכן. ער האָט אים געזען אַהערקומען — — געפילט אים וואָס אַמאָל נענטער און נענטער, פליען — וואָס אַמאָל גע־שווינטער און געשווינטער. אָבער ער האָט זיך נישט געשראָקן, עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי די דאָזיקע מינע אין זײַן ברוסט וואָלט

געהערט מיט גיריקן תענוג אויף דעם הייסן פייער-קוש. ביז איבער די ברעגעס זענען פיל געווען לייב און נשמה — איצט האָט עס געקענט אָנצינדן!

ער האָט שנעל אַהינגעשטעלט צום הויז צו, אַרויסגעשפּרונגען אויף די שטיינערנע טרעפּ. מיט איין בליק אין גאַסט־צימער האָט ער דערזען ליגן דעם זשאַנדאַרם, אויסגעצויגן מיטן בויך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און אַרומגעהאַלטן פעסט מיטביידע תענט דעם העלם.

— ווילסטו אים נישט אָוועקגעבן? — האָט ער געלאַכט.

אָבער ער איז בליק־שנעל אַרויסגעפלויגן אויף די טרעפּ — גלייך ווי ס'וואָלט אים געיאָגט דער גורל. יאָ, דאָס איז עס געווען, וואָס ער האָט געטראַכט, בשעת ער איז אַריין אין זיין צימער: „דאָס איז דער גורל!" ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, און איין רגע איז ער שוין געשטאַנען אין שלאָף־אַנצוג.

און איז אַרויס —

אין דער טיר האָט אויף אים אַ יאָג געטון אַ שטאַרקער צוג און ס'האָט אים צוריק אַ שלאָג געטון אין פּנים זיין אייגענער אָטעם, וואָס ער האָט האַסטיק פון די לונגען אַרויסגעוואָרפן. אַ שווערער, הייסער אַלקאָהאָל־אָטעם. דאָ האָט ער זיך גלייך אומגעקערט. זיין בלוט האָט אפילו גאַנץ שטאַרק געקאָכט, און דאָך האָט גובר געווען די קולטור פון דער קינדער־שטוב.

— איך בין נישט קיין חיה, — האָט ער געפליסטערט.

ער איז צוריק אַריין אין זיין שלאָפשטוב, צוגעגאַנגען צום וואַשטישל, האָט אויסגעמישט דאָס מויל־וואַסער, אויסגעשווענקט געלאָסן דעם גאָרגל און געפּוצט די ציין. דערנאָך האָט ער זיך גיך אַרומגעוואַשן און איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען.

שטייענדיק פאַר איר טיר, האָט ער זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, באַנג מיט שרעק. ער האָט זיך איינגעהערט — — אָבער מ'האָט גאָרנישט געהערט. דערנאָך האָט ער האַסטיק אַ דריק געטון די קליאַמקע, און איז אַריין. ער האָט געזען דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער מיטן קעסביים אין דער ראַם. ער האָט באַמערקט, אַז ס'האָבן איצט נאָך דריי בלויע אַנעמאָנען אַרומגע־

שטעקן. ער האָט געזען דאָס קליינע האַנטפעסל מיט וואַסער אויף דער רעכטער זייט, און אויף דער לינקער זייט, האַרט לעבן פענסטער, דעם נר־תמיד — —

דער לייכטער שיין איז געפאַלן אויף דעם מיידלס בעט. זי איז געווען וואַך, אירע ברייט־צעפנטע, גרויסע אויגן האָבן שטאַרק געקוקט אויף אים. איר פּנים האָט אויסגעזען בלייך און די ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט — אירע בלויע אויגן האָבן זיך תּפילהדיק געווענדט צו דער הייליקער מוטער. אירע פינגער זענען געווען ענג צונויפגעפלאָכטן. יאָ, זי האָט מתפּלל געווען.

ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר בליק און געבליבן שטיין נעבנטער צווישן איר און דער יונגפרוי.

— די מאַדאָנע האָט מיך גערופן! — האָט ער הייס געזאָגט.

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, אַ כאַפּ אָן געטון דאָס העמד און עס אַ ריינטערגעריסן אין לאַנגע שטיקער פון די אַקסלען אַראָפּ. דאָס ווייסע לייב האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן, ווי דער שוים פון כוואַליעס; ער האָט סאַפּענדיק איבערגעחזרט: „די מאַדאָנע שיקט מיך".

זי האָט אַ הויכן געשריי געטון, בשעת ער האָט זיך געוואָרפן אויף איר. זי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ער האָט געפילט איר פויסט אויף זיין פּנים, געפילט, ווי אירע נעגל האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיין לייב. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די היפטן, זי אָפּגעשטויסן צוריק און איר אַראָפּגעדריקט מיט דער רעכטער האַנט דעם קאָפּ. דערנאָך איז עפּעס זיינס אַ פינגער אַריין צווישן אירע שטאַרקע ציין. ער האָט אַ הויכן געשריי געטון און זיך איינגעביסן די צונג פון ווילדן ווייטיק, דאַן האָט ער אָנגעכאַפּט אירע צעפּ, זיי אַרומגעדרייט אַרום זיין האַנט און אַראָפּגעדריקט איר קאָפּ טיף אַריין אין די קישנס — ערשט דאַמאָלס האָבן אירע ציין אָפּגעלאָזט. מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער אַרומגעקלאַמערט איר האַלדז, בשעת ווען די לינקע האָט איר די די הענט אַרונטערגעדרייט

און זיי אַרויפגעצויגן הינטער דעם רוקן צו די אַקסלען אַרויפ־
צו —

אַזוי האָט ער זי גענומען.

אָבער זי האָט נישט צוגעמאַכט די אויגן און נישט גע־שריגן. אומבאַוועגלעך איז זי געלעגן אין אירע שמערצן און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ שרעקלעך מוראדיק געשפּענסט, פאַר וועלכן ס'איז נישט געווען קיין אַנטרינען. און איר בליק האָט גערוט אויף דערדאָזיקער האַנט. וואָס האָט אירע אָרעמס צוגעדריקט, דידאָזיקע מיאוסע, אומברחמנותדיקע און שרעקלעכע האַנט.

אָן באַוועגונג איז זי געלעגן לעבן אים — — קיין שום טרערן, קיין שום זיפצן איז נישט אַרויס פון אירע ליפּן. אָבער דער געוואַלטיקער כוח פון זיינע ווילדע פויסטן האָט גענומען אַריינפליסן אין זיין נשמה: דאָרט האָט די הייסע ברוסט געבוירן אַ פולע, ריינע האַרמאָניע. ער האָט גערעדט, און זיין שטים איז געווען ווייך און שטיל, ווי עפּעס אַ ווייטע מוזיק. מאָדנע ליבלעך האָבן אָפּגעקלונגען זיינע ווערטער אין אירע אויערן.

ער האָט גוט געפילט, אַז זי מוז אים הערן. און אַלע צערט־לעכע ווערטער, וועלכע ער האָט אַמאָל געזאָגט שיינע פרויען, זענען געוואָרן לעבעדיק און גענומען פליסן פון זיינע ליפּן; אַלע, און נאָך אַ סך אַנדערע, שענערע און זעלטענערע. ער האָט געפונען טענער, וואָס האָבן אים אַליין פאַרשיכורט, לאַשטשענדיקע קלאַנ־גען, וואָס האָבן ווי אַ האַרפע געזונגען. ווי זיסער, ווארעמער זו־מער־רעגן האָבן געטריפט זיינע ווערטער, געקילט און איינגעהילט איר נאַקעט, פאַרשמאַכט לייב.

און זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

אָבער ער האָט זי איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס, פאָרזיכ־טיק, צערטלעך, ווי אַ קינד. זיינע פינגער האָבן לייכט געגלעט אירע באַקן, ווי דער אָטעם פון אַקאַציען־בליטן. און זיין אָטעם האָט געשפּילט אַרום אירע שליפן, געציטערט אין אירע האָר, ווי דער ריח פון געהייליקטן ווייררויך.

— די מאַדאָנע וויל אַזוי, — האָט ער געפליסטערט.

זי האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן און אים אָנגעקוקט. און

ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז לגמרי אַן אַנדערער, ווי דער, וואָס האָט נאָר־וואָס —

דעמדאָזיקן האָט זי נישט געקענט. אים נישט. אַ גרויס שטויבען איז געלעגן אין איר שטומען בליק. נאָר וואָס —

ניין, זי האָט שוין נישט געוווּסט, וואָס ס'איז נאָר־וואָס געווען. באַ אים דאָ, איז זי געלעגן אין די אָרעמס, באַ אים דאָ. און נישט ווילנדיק, האָבן אירע פינגער אַ דריק געטון זיין אָרעם. זי האָט זיך דערשראָקן און גיך צוריקגעכאַפּט די האַנט.

ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו רעדן. ס'האָבן גערעדט זיין צונג, זיינע אויגן און הענט. ער האָט געשטריקט זיין נעץ, אַן אייגל נאָך אַן אייגל, פאַרשפּינען איר נשמה אין זיסע ליבעס־ווערטער. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך נישט געווערט, בשעת ער האָט געקושט אירע הענט און ליפּן.

ענגער האָבן געטוליעט זיינע אָרעמס איר לייב, זי האָט געפילט אויף זיך זיין פולסירנדיקן דופק. אַזאַ וואַרעמקייט האָט געשלאָגן פון אים, זי אַרומגענומען און איינגעטוליעט. נישט קיין לייכטע טראָפּנס האָבן שוין געפלאָסן אויף איר הויט: ווי אַ לינד באָד האָט זי אַרומגעהילט זיין זיס־לאַשטשענדיקע ליבע.

און זי האָט זיך נישט געווערט, בשעת ער האָט געזוכט איר'ע ליפּן. איצט האָט אַלץ אויסגעזען ווי אַ חלום — און זי האָט עס געלאָזט געשען.

ער אָבער האָט געפילט, ווי אין זיינע אָרעמס איז אַ ניי לעבן אויסגעוואַקסן. דאָס מיידל איז געווען טויט — — און אויס דעם האַרטן רייפּעלע האָט זיך לייכט אויסגעפּיקט דער שמעטערלינג. און ער האָט גענאָסן מיט תענוג דעמדאָזיקן נצחון: ווי דאָס ווייב האָט אויפגעוואַכט אין איר.

זי האָט זיך נישט געשעמט מיט אירע צערטלעכקייטן. האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, אָבער זי האָט אים געגעבן אַ גאַנץ לעבן פון ליבע. אַ פיבער האָט זי אַרומגעכאַפּט, און די ציין, וועלכע האָבן אים אין שנאה און רציחה זיין פינגער צעטרייבערט, האָבן זיך איצט טיף איינגעגעסן אין זיין גויל אין אומדערזעטלעכער ליידנשאַפט.

זי האָט זיך אַרייַנגעדריקט מיט אירע בריסטן אין זיינע אָרעמס, אַהינטערגעוואָרפן דעם קאָפּ און אים מפקיר געווען איר לייב. זי האָט אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט בײַ די האָר, אַראָפּגעצויגן אים צו זיך און געטרונקען תאוותדיק זיינע הייסע קושן.

איינמאָל האָט זי זיך האַלב אונטערגעהויבן.

— נעם מיך! — האָט זי גערופן, — די מאַדאָנע האָט דיך געשיקט!

דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, גליִענדיק, ווילד פֿלאַמפֿלענדיק און געשטיקט אים מיט אירע האַלדזונגען און קושן.

און זי האָט אָנגענומען זיינע הענט. זיי האָבן איר אויסגעוויזן גוט און שיין, און זיי זענען געווען די הענט פֿון דעם מאַן, וואָס זי האָט געליבט. זי האָט עפּעס געזוכט, וואָס זי האָט געהאַט געזען אין דידאָזיקע הענט — אַמאָל — שוין לאַנג. אָבער זי האָט גאָרנישט געפֿונען. און זי האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז געווען. זי האָט געקושט זיינע הענט.

זיי זענען שוין מער נישט וואַך געווען, אָבער אויך נישט געשלאָפֿן. קיינער האָט נישט גערעדט; זיי זענען געלעגן, הייס אָטעמענדיק קרעכצנדיק פֿאַר תאווה, מיטגעריסן אין דאָזיקן מאַלשטראָם פֿון שטראַלנדיקער לוסט.

— — דאַן, שפּעטער, האָט ער אויפֿגעוואַכט. ער האָט געזען ווי זי שלאָפֿט, שטיל אָטעמענדיק. איר קאָפּ האָט גערוט אויף זיין ברוסט; אירע אָרעמס האָבן אַרומגעהאַלטן זיינע אַקסלען. ער האָט זיך פֿאָרזיכטיק באַפֿרייט פֿון אירע אָרעמס, און שטיל, אָן אַ קוש, איז ער אויפֿגעשטאַנען און שנעל אַרויסגעאיילט.

ער האָט זיך געחידושט, וואָס די טיר איז נאָך אַלץ געשטאַנען ברייט אָפֿן. איצט איז ער אַריין צו זיך אין צימער, געלייגט זיך אין בעט און איז גלייך איינגעשלאָפֿן. פֿעסט, אָן אַ ריר צו טון מיט אַן אבר אפֿילו און אָן חלומות.

* *

*

אזוי אַלזאָ איז עס געשען. — פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַראָפּגעקוקט אויף דער זון־צעגליטערטער אָזיערע. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרק געפיל פון גרויסער צופרידנקייט און זיך מאָדנע אויסגעמישט מיט דער מילדער מידקייט. ער האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעשטרעקט די אָרעמס און זיך פריילעך פונאַנדערגע'אַכט.

נצחונות זענען דאָס געווען, דריי גוטע נצחונות.

„קען איך נאָך, הייסט עס, טרינקען ווי אַמאָל און קען האָבן ווייבעס — און קען ליבן, ווי אַמאָל!"

און ער האָט זיך געפרייט ווי אַ יינגל, וואָס ער איז געווען אַ מייסטער אין דריי גרויסע קונסט־געביטן.

ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די פּיזשאַמע און איז צוגעגאַנגען נאַקעט צום שפּיגל. פלייסיק האָט ער אָפּגעווישט מיט דער שוואָם די טראָפּנס בלוט פון זיין פּנים און אַקסלען, פון די אָרעמס און הענט. זיין צייגפינגער איז געווען שטאַרק אָנגעשוואָלן. ער האָט אים געקילט, געוואַשן מיט באָראָווע וואַסער און אַרומגעלייגט אַ קאָמפּרעס. צערטלעך האָט ער איבערגעפירט די פינגער איבער די וווּנדיקע ליפּן, איבער די קיילעכדיקע האַלבּ־לבנות, מיט וועלכע אירע ציין האָבן זיך טיף אין זיינע אָרעמס איינגעגעסן.

ס'איז אים געקומען אויפן זינען דאָס ליד פון עדיטע שוואַנענהאַלדז און האָט געזאָגט:

„Auf seiner Schulter erblickte sie auch —
Und sie bedeckte sie mit Küssen —
Drei kleine Narben, Denkmäler der Lust,
Die sie einst hineingebissen".

און ער האָט זיך פריילעך צעלאַכט, אַז די וווּנדן פון ליבע טוען וויי מער, פיל מער, ווי די אַנדערע.

דערנאָך האָט ער גענומען אַ באָד און זיך אָנגעטאָן. און ערשט אויף די טרעפּ איז אים געקומען אויפן רעיון, ווי אַזוי

דאָס מיידל וועט זיך מיט אים באַגריסן און אין וואָסערע גשפּילן עס האָט זי דער יינגער טאָג באַגעגנט.

ער איז אריין אין גאַסטצימער; דער באַלעבאָס איז אריינגעקומען און אים געבראַכט דעם פרישטיק. ער האָט אויסגעזען צו זיין אין אַ שלעכטער שטימונג און האָט אים גלייכציייטיק דערלאַנגט דעם חשבון פון וויין.

— איר זענט גאַנץ פּאַרזיכטיק! — האָט פראַנק ברוין אים אריינגעשריגן אין די אויערן אריין.

— יאָ, אוודאי, — האָט געזאָגט דער אַלטער. — ס'איז תמיד גלייכער צו זיין פּאַרזיכטיק.

ער האָט צונויפגעשאַרט דאָס געלט, געניי איבערגעציילט און אַרויסגעגאַנגען. דאָס מיידל איז נישט אריינגעקומען. ער האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, דערנאָך איז ער אוועק אין גאָרטן אַריין.

„אפשר איז זי אויף דער אָזיערע,“ — האָט ער געטראַכט.

אָבער מען האָט אין ערגעץ נישט אָנגעזען קיין שיפל. ער האָט זיך אַ ביסל דורכגעשפּאַצירט און צוריקגעקומען אויף מיטאָג.

ווידער האָט אים דער אַלטער באַדינט, אַלץ נאָך אַזוי פאַרזאָגט.

„צי האָט זי אים נישט אַמאָל עפּעס דערציילט?“ האָט ער געטראַכט.

אָבער ער האָט נישט געקענט באַ זיך פועלן, אַז ער זאָל זיך נאָכפרעגן אויף איר.

אויפן זשאַנדאַרם פּונקטעסטוועגן האָט ער זיך נאָכגעפרעגט.

— דער איז שוין לאַנג אוועק, — האָט געברומט דער אכסניהניק. — ער איז אַוועקגעריסן אין אַ גאַנץ טרויעריקן מצב — ער האָט זיך געפילט נאָך ערגער פון מיר.

— און מיין העלם, — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— אָך, יאָ, — האָט רייזאַנדי געוויגט מיטן קאָפּ — דאָס

האָב איך אייך טאַקע געהאַט צו זאָגן. ער האָט אים מיטגענומען, מחמת ער האָט דאָך נישט געקענט אַרויסרייטן אָן אַ העלם. אָבער ער וועט זיך קויפן אַ נייעם. האָט ער געזאָגט און וועט אייך ברענגען דעם אַלטן, ווען ער וועט קומען צו פאָרן אַהער צו נאָכאַמאָל.

דער דייטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ! — און ווו איז ערגעץ — אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. — זי מוז דאָך פאָרט ערגעץ זיין, — ער וועט זי שוין געפינען.

נאָכן מיטאָג איז ער אַוועק אין זיין צימער, האָט זיך גלייכגעלייגט די ביכער, אַז ער זאָל בשעת דער אַרבעט האָבן אַלץ אונטער דער האַנט. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שום חשק אָנצוהייבן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין איר צימער.

זי איז דאָרט נישט געווען.

ער איז אַלזאָ אַרויסגעגאַנגען, געוואַנדערט איבערן ענגן טאָל, אַרויף און אַראָפּ — האַסטיק, נערוועזש און אומגעדולדיק.

צום נאָכטמאָל האָט אים ווידער דער באַלעבאָס געבראַכט צו טראָגן דאָס עסן. ער איז שוין מער נישט געווען בכוח צו וואַרטן, ער האָט אַלזאָ האַסטיק אַ פרעג געטאָן:

— נו — און ווו איז אייער טאָכטער?

דער אַלטער באַלעבאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים. זיין מרה-שחורה האָט אויסגעזען פאַרשוווּנדן צו זיין און מיט איר די שלעכטע שטימונג.

— טערעזע? — האָט ער רויִק געזאָגט — זי איז געפאָרן אין שטאָט אַריין.

פראַנק בראַון האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ער איז געווען צופרידן, וואָס ר'איז פּטור געוואָרן פון דעם אומאָנגענעמען געדאַנק, אַז זי זאָל עפּעס האָבן געזאָגט איר פאָטער. דאָס האָט אים געפיניקט, הגם ער האָט דערין קיין רגע נישט געגלייבט.

— אין שטאָט אַריין? — האָט ער איבערגעחזרט.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער אַלטער. — זי האָט געוואָלט גיין צום גלח, צו איר ווידוי-פּאַטער.

— איר ווידוי-פּאַטער! — האָט זי זיך געוואָלט, הייסט עס, מתוודה זיין!

ער האָט געלאַכט — סאַ״א פּנים האָט דאָן ווינטשעוו־צאָ געמוזט מאַכן, דערהערנדיק וואָסער פּעולה זיין התראה-בריוו האָט געהאַט! — אָבער ער האָט זיך דאָך דערביי נישט געפילט איבעריק גוט.

ריימאָנדי האָט אָנגעשטאָפּט זיין ציבוק.

— איך האָב איר אויך מיטגעגעבן אַ בריוו צו אים, כּדי אים אָפּצודאַנקען — וואָס ער האָט אייך אַהערגעשיקט.

ווידער האָט פראַנק ברוין געלאַכט, ער האָט שאַרף תופס געווען דעם קאָמיזם פון דער לאַגע. וואָס-זשע האָט דער אַלטער געקענט ענטפערן?

— ווען איז זי אַרויסגעגאַנגען? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— ווען? — זי איז אַוועקגעפאָרן עלף אַזייגער מיט דער פּאָסט.

— אָבער די פּאָסט איז דאָך היינט נישט געקומען צו פאָרן?

— טאַקע היינט! נעכטן איז זי געפאָרן קיין אַטאַלאַ, און היינט איז זי צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. דעריבער איז טערעזע היינט געפאָרן — אַזיסטן וואָלט זי געמוזט וואַרטן אַ גאַנצע וואָך.

— און איצט — האָט געפרעגט פראַנק ברוין, — וועט זי מוזן בלייבן אין שטאָט איבער דער גאַנצער וואָך?

דער באַליבאַס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זיכער נישט — האָט ער געזאָגט. — זי וועט מסתמא איבערנעכטיקן בײַ איר מומען און צוריקקומען מאָרגן צופוס. — וואָס ווילט איר היינט טרינקען, הער?

— גאָרנישט — האָט געענטפערט פראַנק ברוין.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעקוקט און האַרט אַוועקגעלייגט די לילקע אויפן טיש.

— גאָרנישט ? — לגמרי גאָרנישט, הער ?

דער דייטש האָט זיך אויסגעדרייט.

— ניין לגמרי גאָרנישט, מיין פריינט ! איך טרינק בכלל קיינמאָל גאָרנישט — נאָר איינמאָל אין עטלעכע יאָר האָב איך חשק דערצו.

— איינמאָל אין עטלעכע יאָר ?

דער באַלעבאָס איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנגענומען מיט דער ביינערדיקער האַנט בא דער גימבע און זי גענומען רייבן.

— הער, — האָט ער געשטאַמלט, — הער — —

פראַנק ברוין האָט געזען, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר האָט נישט געקענט רעכט אַרויס מיטן לשון. ער איז צונעגאַנגען צו אים.

— אַלזאָ, וואָס איז, אַלטיטשקער ?

— יאָ — הער — האָט געשטאַמלט דער באַלעבאָס. — יאָ — — איך האָב געמיינט, אַז איר וועט יעדן טאָג אויסטרינקען אַ פּאָר פלעשלעך — —

— דאָס וועל איך אַלזאָ נישט טון, — האָט אים איבערגעריסן דער דייטש. — און דאָס איז אייך גאָרנישט צום האַרצן, אמת ?

— יאָ, הער — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס — מחמת דעם, וואָס איר לעבט דאָ אַזוי ביליק — —

— ביליק ? — פראַנק ברוין האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. — ביליק רופט איר אָן אייערע פּרייזן ? נו, ווייסט איר, ריימאָנדי, מיר שיינט, אַז דאָס, וואָס כ'צאָל אייך פאַר דירה און עסן, איז אַ גאַנץ נישקשהדיקע סומע.

— יאָ, הער — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס. — יאָ — — אָבער ס'איז דאָך נישט בלויז דירה און עסן —

— נישט בלויז ? — וואָס־זשע דען נאָך ?

ריימאָנדי האָט זיך געקווענקלט. ער האָט געלאָזן אויסגע-שפּיגן, אָנגעשטאָפּט זיין ציבעק, געעפנט די ליפּן און זיי ווידער צוגעמאַכט.

— הער — האָט ער געזאָגט — הער — —

— וואָס אַלזאָ נאָך, צום טייוול?

— נו, אַלזאָ, הער — איר זענט דאָך געווען היינט בײַנאַכט בײַ טערעזן?

ער האָט אים אָנגעקוקט כיטרע, פון אונטערן שטערן אַפּער.

אַ ווײַלע האָט דער דייטש געשוויגן, ער האָט פּשוט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל אים זאָגן.

— האָט אייך דאָס מיידל אַזוי געזאָגט? — האָט ער גע-פרעגט.

ריימאָנדי האָט לעבהאַפטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, ניין, הער, זי האָט גאָרנישט געזאָגט. גאָרנישט! איך האָב עס אַליין געהערט.

— אַזוי? איר האָט עס געהערט? און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט שטאָק-טויב, ריימאָנדי? איך מוז שרייען, ווי אַ קאַפּ-ראַל, כדי איר זאָלט מיך קענען פאַרשטיין. און דערצו זענט איר נאָך געווען נעכטן אינגאַנצן לוט-שיכור. — איר האָט גאָרנישט געהערט, אַבסאָלוט גאָרנישט! ס'האָט זיך אייך בלויז געחלומט.

אָבער דער באַלעבאָס האָט געפינטלט מיט זיינע קליינע אויגן און געלאַכט מיט אַ הייזעריק, טרוקן געלעכטערל.

— ניין, הער, ניין, ס'האָט זיך מיר כלל נישט געחלומט. איר זענט געווען בײַ דעם מיידל. טערעזע האָט געשריגן — און נאָך ווי געשריגן! דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און בין אַרויסגעגאַנגען. די טיר איז געשטאַנען אָפן; דאָס ליכט האָט גע-ברענט אין דעם נר-תמיד. איך האָב אייך געזען אין איר בעט — — אייך ביידע האָב איך געזען.

פראַנק בראַון האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם אָרעם.

— און דאַן, ריימאָנדי, — — דאַן זענט איר אייך רויק צוריק אַראָפּגעגאַנגען?

דער באַלעבאָס האָט האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, הער, אוודאי! און זייט מיר מוחל, איך וואָלט אפילו קיין איין וואָרט נישט געווען געזאָגט, ווען — ווען —

דער דייטש האָט גאַליק געלאַכט.

— ווען איך וואָלט געווען אַ בעסערער גאַסט, נישט אמת? ווען איך וואָלט יעדן טאָג אויסגעטרונקען אַ פּאָר פלעשלעך וויין, וואָס?

— הער, — האָט געזאָגט דער ווירט — הער — —

אָבער פראַנק ברוין האָט אים איבערגעריסן:

— שווייגט, ריימאָנדי! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס ווייטערדיקע אינטערעסירט מיך לחלוטין נישט. — נו, נאַטירלעך וועסטו נישט באַצאָלט ווערן. היות איך טרינק נישט, מוזסטו פון מיר באַקומען אַנטשעדיקונג.

ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין קעשענע און אַרויסגענומען פון דאָרטן עטלעכע באַנקנאָטן.

— אָט האָסטו דאָ — האָט ער געזאָגט, — צייל דיר איבער.

ער האָט אים צוגעוואָרפן די באַנקנאָטן אויפן טיש און איז אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט לאַנג געלייענט, איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן. ער איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. איז זי נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען?

אָבער דער טאָל איז געשלאָפן.

— אַזוי־ערנאָך איז זי דריי מאָל מיינע! — האָט ער געמורמלט. — צוערשט האָב איך זי גענומען מיט געוואַלט — דערנאָך האָט זי זיך מיר אַליין איבערגעגעבן — און לסוף האָט איר פאָטער זי מיר פאַרקויפט.

* *

*

ווען ער איז צומאָרגנס אינדערפרי אַראָפּגעגאַנגען אונטן האָט אים טערעזע געבראַכט דאָס פרישטיק. ער האָט זי פריילעך באַגריסט, אָנגענומען זי באַם אָרעם. אָבער זי האָט זיך שנעל באַפרייט, געזאָגט אים אַ שטילן „גוט מאָרגן" און גיך אַרויסגעאיילט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איר נאָכגעלאָפן, אָבער אין דער טיר איז ער אַריינגעפאַלן דעם פאָטער אין די אָרעמס.

— טערעזע איז שוין צוריקגעקומען? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, נאָך מיט אַ שעה צוריק — האָט געזאָגט דער אַלטער. — זי האָט נישט געטראָפן דעם גלח.

— זי האָט אים נישט געטראָפן? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— ניין, ער איז אויף אַן אינספּעקציע-נסיעה. האָט זי דאָרט איבערגעלאָזט מיין בריוו און איז גלייך צוריקגעגאַנגען.

— איז זי באַנאַכט געגאַנגען?

— יאָ — האָט דער באַלעבאָס געשאָקלט מיטן קאָפּ — זי איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

— פראַנק ברוין האָט זייער פאַמעלעך געגעסן דאָס פרישטיק. ער האָט געהאָפט, אַז טערעזע וועט נאָך אַריינקומען אין צימער, אָבער זי איז נישט געקומען. שפּעטער האָט ער זי געטראָפן אין גאָרטן; אָבער זי איז גלייך אַוועקגעגאַנגען, ווי נאָר ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין.

ער האָט נאָך עטלעכע מאָל געפּרוווט מיט איר רעדן אין זעלביקן טאָג, און אין די אַנדערע. זי האָט אים אָבער אויסגעמיטן און זיך כמעט אויסבאַהאַלטן פאַר אים, איינמאָל האָט ער געפּרוווט באַנאַכט אַריינדרינגען אין איר צימער, ער האָט אָבער געטראָפן די טיר פאַריגלט.

—„לאָז זי צורו" — האָט ער זיך געטראַכט ער האָט זי נאָך אַפילו באַגערט, אָבער נאָר סתם אַזוי זיך, אומבאַוווסטזיניק אין אויף אַן אויגנבליק. ווייטער האָט ער פאַרגעסן אָן איר.

זיינע אַלע מחשבות זענען געווען פאַרזונקען אין דער אַר-

בעט, ביז טיף אין דער נאַכט אַריין איז ער געזעסן איבער די ביכער, איינגעסדרט זיינע פאַרשידנסטע אויסצוגן און רשימות, צו־זאַמענגעקליבן די כתבים און נאָטיצן, וועלכע ער האָט צונויפגע־שטעלט אין משך פון אַ סך יאָרן. ער האָט געשאַצט אין געליגן, געמאַכט אַ פּלאַן און אים אָפּגעוואָרפן, האָט געשאַפן אַ ניי בילד, און ער האָט געזען, ווי זיין ווערק וואַקסט, נעמט אָן פאָרם, ממשות־דיק געשטאַלט.

זיין מאַסטאַדאָן האָט ער עס אָנגערופן מיט אַ געלעכטער, פון זינט ער האָט געהאַלטן קיוויערס ביינער אין דער האַנט.

* *

*

איינמאָל איז ער געגאַנגען צו מיסטער פּינטערס שייער. די חייטנס מוזיק האָט אים נישט געשטערט, ער האָט נאָר געדאַרפט זיין אַנטיפּאָדנע אַריינשטעקן אין די אויערן אַריין. אַזוי אַז ער האָט כמעט פאַרגעסן אָן דעם אַמעריקאַנערס טעטיקייט — פּונקט אַזוי ווי אָן טערעזעס ליבע.

שפּאַצירנדיק אַזוי, איז ער גראָד דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, בשעת זיי האָבן אינעווייניק אָנגעהויבן עפּעס אַ ליד. ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטן בא דער טיר און זיך צוגעהערכט. זיי האָבן געזונגען דאָס תענית־ליד:

„לאָמיר דיינע לידער זינגען,
דיר דעם חסד־קרבן ברענגען,
גאָט, דאָס לעמעלע פאַר דיר,
איז די זינד מכפר מיר!

יעזוס, טריף אַריין דיין שמאַרץ
טיף אין יעדן קריסטלעך האַרץ,
און זאָל מיר דיין גסיסה־פּיין,
ווי אַ טרייסט אין האַרצן זיין".

אַלע זיבן סטראָפן האָבן זיי געזונגען, ס׳רוב אויסנווייניק, נאָר מאַנכע האָבן געכאַפּט אַ בליק אין סידורל אַריין. פראַנק ברוין האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלטן שייער. דאָס איז געווען אַ גרויסע האַלע מיט דריי שטיינערנע ווענט, בלויז די פאָדערשטע וואַנט איז געווען צונויפגעשלאָגן פון ברעטער. דאָס איבערמאַכן אויף אַ זאַל איז באַשטאַנען דערין, וואָס מ׳האָט אויסגעבראָכן די הילצערנע מחיצה, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם שייער אויף צוויי שטאָק, און מ׳האָט מיט די ברעטער ווייטער איבער דעם דאַך געדעקט. אַ חוץ דעם האָט מען אין אַ זייטיקער וואַנט אַ פענסטער אויסגעהאַקט, וואָס האָט דורכגעלאָזט גאַנץ ווייניק ליכט און לופט. מ׳האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין קירכלעכע באַפּוצונג, בלויז אויף דער הינטערשטער וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויסער קרוציפיקס.

דידאָזיקע תשובה־פאַרזאַמלונג האָט אין אַלגעמיין די גאַנצע צייט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון עפּעס אַ „גאולה־אַרמיי"־פאַרזאַמלונג. מ׳האָט געזונגען און הייס מתפלל געווען; דערנאָך האָט דער אַמעריקאַנער — זיין פּנים האָט פראַנק ברוין אין דער האַלב־פינסטערניש כמעט נישט דערקענט — געהאַלטן אַ דרשה מכּוח תשובה־טון, האָט געוואַלטיק געקעמפט קעגן דעם שטן, דעם פאָטער פון יעטוועדער זינד. ערטערווייז האָט ער אַריינגעבראַכט אין אַ שרעקלעכן ענגליש עפּעס אַ שיינע מליצה אין זיין רעדע, וואָס איז אים נאָך, ווייזט אויס, געבליבן אין זכרון פון פּענסילוואַניע. ער האָט אויפגעפאָדערט תשובה צו טון און פאַרענדיקט מיט אַ הייסער תפילה.

דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון, צי ס׳וויל עמעצער פון די פאַרזאַמלטע „רויסזאָגן זיין נשמה".

אַ שטאַרקער קנעכט, מיט אַ ריזיקן רויטן קראָפּ, איז אַרויסגעטרעטן און אָנגעהויבן „אַרויסזאָגן זיין נשמה".

שטאַמלענדיק האָט ער דערציילט, אַז ער איז פריער געווען אַ שרעקלעכער שיכור, וואָס האָט נאָר תמיד געהאַט איין מחשבה, דעם ווין. ווייניקסטנס דריי מאָל אין וואָך איז ער געווען שיכור, און זונטיק אַליין צוויי מאָל. ער האָט זיך פשוט געטובלט אין די זכרונות פון דערדאָזיקער זינדיקער צייט, איבערגעטריבן מורא־

דיק און זיך גופא געמאָלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן — כּדי איצט וואָס ווייסער און לויטערער צו שטראַלן. איצט האָט אים דער הער יעזוס אין זיין חסד די אויגן געעפנט, און ער מיאוסט זיך מיט דער משקה, ווי מיט דער שרעק עכסטער עבֿירה און געפינט זיין אייביק גליק אין אַרויפֿבליקן צום לעמעל און צום בלוט פון דערלייזער.

— איך בין געווען אַזוי שוואַרץ, ווי דער טייוול אין גיהנום, — האָט ער געבריליצט — און איצט, דורכן חסד פון דערלייזער, בין איך צוריק ריין. גאָט האָט מיך שוין דריי חדשים לאַנג פאַרהיטן פון יעטוועדע זינד און וועט עס אויך ווייטער טון. פריער בין איך געווען פול מיט וויין, היינט אָבער בין איך פול מיטן הייליקן גייסט!

דער ריזיקער מחבל האָט פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, און זיין שטים האָט געקלונגען קוואַקעדיק און קרעכצנדיק און דער געוואַלטיקער קראָפ האָט זיך אָנגעבלאָזן און געבאָמבלט זיך אַהין און אַהער.

פראַנק ברוין האָט נישט געקענט דערשטיקן אין זיך אַ קליין געלעכטערל; אַ ווילע זענען די אויגן פון אַלע פאַרזאַמלטע געווען געווענדט אויף אים. אָבער באַלד דערנאָך האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן די שטימען מיט אַ הייסער תּפֿילה צו גאָטס־זון.

ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויך דאָ, ווי בײַ אַלע פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס, האָט דער הער יעזוס געשפּילט די גרעסטע און כּמעט די איינציקע ראָל. ס'האָט אויסגעזען אַז אַפילו בײַ די אָזיקע אורקאַטוילישע באַרג־פויערים, זענען אַלע קדושים ווי פאַרשווּנדן געוואָרן, מ'האָט אַפילו די הייליקע יונגפרוי מאַריע כּמעט נישט דערמאָנט. אַלע לידער און תּפֿילות זענען געווען אויס דעם קאַטוילישן געבעט־בוך פון דער טרענטינישער דיעצעזע און אַ חוץ די קורצע תּשובֿה־דרשות און דעם „נשמה־אַרויסזאָגן" האָט, דאַכט זיך, דער אַמעריקאַנער מער גאָרנישט באַוויזן אַריבערצושמוגלען פון מעבר־לים אין זיין אַלטער היים אַהער.

און אַזוי זענען כּסדר געגאַנגען אין אַן אייבּטאָניקן נוסח:

געמיינזאַמע לידער און תפילות, אַ קורצע דרשה און אַ „נשמה־אַרויסזאָגעכץ״.

אַ ביסל אַנטוישט און שטאַרק פאַרלאַנגווייליקט האָט פראַנק ברוין פאַרלאָזט דעם זאַל, בשעת די פאַרזאַמלונג האָט צום פערטן מאָל אָנגעהויבן דאָס תענית־ליד. ער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָן ווינטשענצאָ איז גערעכט, אַז גאָר אין גיכן וועט זיי פאַרמיאוסט ווערן דאָסדאָזיקע נישטיקע בטלנות. דערדאָזיקער אַמעריקאַנער איז, דאַכט זיך, כּלל נישט געשניצט פון זעלבן האָלץ, ווי דער פאַטער ווינטשענצאָ אַלפיערי פון פאַדואַ!

* *

*

פראַנק ברוין איז געזעסן איבער זיין אַרבעט. ס׳זענען פאַרביגעלאָפן טעג און וואָכן, און ער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. טיילמאָל פלעגט ער אַרויסקוקן דורכן פענסטער אויף דער אַזיערע — ער האָט זיך דאַמאָלס געמוזט דערמאָנען, ווו ער געפינט זיך אייגנטלעך. ס׳האָט אים שוין מער נישט געחידושט, וואָס דאָס מיידל האָט אים אויסגעמיטן; זי פלעגט רעדן מיט איר, ווי מיט עפּעס אַ פרעמדן. ער האָט זי גאָר געדאַרפט האָבן, ווי דעם פאָטער אירן, ווי דעם קנעכט אַנדזשעלאָ — ווען ער האָט עפּעס פאַרלאַנגט.

דער שטויס מיט בויגנס פאַפּיר אויפן טיש איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. אַזוי האָט ער געוואָלט אָנהייבן: קודם־כּל פאַרניכטן אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ פאַרהאַן געווען; פון גרונט אויס פאַרטיליקן. און דערנאָך ערשט אויפן נייעם פעלד דעם נייעם טעמפּל אויפבויען.

זיכער אין נצחון האָט ער געוואָרפן זיין „ביין!״

מיט גרויסע אותיות האָט ער אָנגעשריבן דאָס קעפּל פון אַ קאַפּיטל: ד י ר אָ מ אַ נ ע ר. און באַלד, שוין באַם ערשטן זאַץ, האָט ער געשריגן, אַז דאָס וואָרט איז אַ פוסטער, דעמפּיקער רויך, אַ קאָמישער זייפנבלאָז, וואָס צעפּלאַצט אין דער לופט.

ער האָט אַ כאַפּ געטון די לענדער. דאָס פירענצישע האַלב אינדזל. — עפּעס אַ פאָלק האָט עס באַוווינט — — — ? יבערער

וואָס באַטייט דער נאָמען? — רוימישע חיילות האָבן אַהינ־
געבראַכט זייער שפּראַך — רוימישע חיילות, וועלכע האָבן גע־
שטאַמט פון דער גאָרער וועלט און וואָס קוים אַ צענט חלק פון
זיי זענען געווען פון איטאַליע. די באַזיגטע האָבן אָנגענומען די
שפּראַך פון די זיגער. דאָס איז אַלץ, און אַ קליינער צומיש —
אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקער. דערנאָך זענען געקומען די גאָטן;
דאַן האָבן די זיגער אָנגענומען די שפּראַך פון די באַזיגטע. און
דערנאָך ווידער די מויערן און בערבערן און יידן פון דרום,
פראַנקן פון צפון. אויף מערב ווידער: אַן ערב־רב פון פעלקער
פון אַלע אינזלען און ברעגן, אַזש ביז לוזיטאַניע. כּסדר אַלץ
נייע פאַרמישונגען — —

נאָר די שפּראַך איז פאַרבליבן, די רוימישע שפּראַך. זי
האָט געזיגט איבער אַלע זיגער.

הלמאי אָבער האָט לאַטייניש איינגענומען אין שטורם דאָס־
דאָזיקע לאַנד און עס פעסט געהאַלטן אַנטקעגן טויזנטיעריקער
הערשאַפט און פרעמדשפּראַכיקע מושלים? ווייל דאָסדאָזיקע לאַנד
האָט נאָך קיין שפּראַך נישט געהאַט, בשעת עס זענען געקומען
די רוימער. קיין שום געמיינזאַמע שפּראַך — נאָר הונדערטער
קליינע לשונותלעך. פּונקט אַזוי ווי די פאַראייניקטע שטאַטן זענען
געוואָרן ענגליש, ווי מעקסיקע און גאַנץ דרום־אַמעריקע זענען
אַרונטערגעפאַלן דער שפּאַנישער שפּראַך. טויזנטער שבטים, און
אַלע שונאים צווישן זיך, טויזנטער לשונות און אַלע פרעמד איינס
דעם אַנדערן.

פראַנק בווין האָט אוועקגעלייגט די פּען און זיך צע־
לאַכט.

איינמאָל, ערגעץ־ווו אין באָליוויאַנישן שאַקאָ, האָט ער באַ־
געגנט אַ שטאַרקן מוראַשקעס־בער. דער חברה־מאַן איז געשטאַנען
אויף אַ וואַלד־לאַנקע, אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און
זיך געקלאַמערט אָן אַ הויכער טערמיטן־נעסט. ער האָט זיך אַרומ־
געקוקט אין איר, נייגעריק, תמעוואַטע און אָן שום שרעק, דער־
נאָך האָט ער גענומען אַרומנישטערן מיט זיינע פאָדערשטע לאַ־
פעס אין לויזן זאַמד, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרבעטן, ער

זאָל אָנטייל נעמען אין דערדאָזיקער געשמאַקער סעודה. די בע־שראַנקטע מוראַשקעס זענען זיך טויזנטערווייז פונאַנדערגעפלויגן און שווייבלדיקע מחנות; דאַן האָט דער בער אַרויסגעלייגט זיין לאַנג, שפּיציקע און ווערעמדיקע צונג און געוועלגערט מיט איר, ווי מיט אַ קלעפּיקער שלאַנג, אין די זיך פונאַנדערלויפנדיקע חיות. „דאָס איז די שפּאַנישע צונג! — האָט געטראַכט פראַנק ברוין — זי פרעסט אויף טויזנטער אינדיאַנער אויף אַמאָל".

— פאַרשאָלט נאָר דאָגאָ! — האָט ער אויסגעשריגן און אויסגעשאָסן דער חיה גלייך אין קאָפּ אַריין. ער האָט פיינט גע־האַט די שפּאַניער.

און אַזוי האָט אויפגעפרעסן די רוימישע שפּראַך די הונ־דערטער לשונות פון דעם האַלבאינדזל, און בלויז איינע איז פון די אַלע פאַרבליבן — דאָס אייסקאַלדונאַ; אין די באַסקישע בערג. ווי לאַנג נאָך? רוימס שפּראַך האָט זיך פעסט באַזעצט און אויס־געהאַלטן עקשנותדיק און שטאַנדהאַפטיק קעגן אַלע דעראָבערער. וואָס אַן אמת, זי האָט זיך גערעכנט, צעדריבלט און זיך אויס־געמישט, אַזוי, אַז נאָך היינט אַפילו פאַרשטייט נישט דער קאַס־טיליאַנער קיין וואָרט פון דעם, וואָס דער קאַטאַלאָניער רעדט, און דער גאַלעגאָ שווייגט תמעוואַטע, בשעת דער אַנדאַלוזיער טענהט עפּעס צו זיך.

אָבער סוף־כל־סוף: די שפּראַך פון רוים האָט געזיגט.

ווו איז אָבער געווען די ראָמאַנישע ראַסע? איז זיך דאָרט געזעסן דאָס פאָלק אין זיין לאַנד און מקבל געווען אַ קליינטשיק טראָפּעלע איטאַליש בלוט. גראַד אַזוי ווי עס האָט שפּעטער — אַ סך מער — גאָטיש, מויריש, יידיש בלוט באַקומען. אָבער דאָס פאָלק איז שוין לאַנג געוואָרן אויסגעשוויצט און ס'איז פאַרבליבן דאָס אַלטע פאָלק, באַזיגט און זיגעריש, תמיד דאָס אייגענע.

סאַראַ פּשטות דאָס איז, אָנצורופן עס ראָמאַניש!

— און פראַנקרייך — צי האָט עס נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך דאָסזעלבע בילד? די באַזיגטע גאַליע האָט אָנגענומען די שפּראַך פון רוים, דערנאָך אָבער האָט זי אויפגעצווינגען די זעל־ביקע שפּראַך די זיגערישע גאָטן, בורגונדער, פראַנקן און נאָר־

מאַניער. פון איין דעראָבערער האָט זי גענומען די שפּראַך, פון דעם אַנדערן דעם נאָמען — און איז פאַרבליבן דיזעלביקע, וואָס זי איז געווען.

רומעניע — אַ לאַנד, וואָס האָט אי דעם נאָמען, אי די שפּראַך פון רוים גענומען. און דאָך האָט דאָסדאָזיקע פאָלק נאָר אַ קליין טראָפּעלע רוימיש בלוט אין זיך, ווינציקער ווי אַלע אַנדערע. בלוט פון פאַרברעכער, וועלכע דער קייזער טראַיאַן האָט אַרויסגעזעצט אין צווייטן יאָרהונדערט איבערן דונאַי.

בלייבט נאָך איטאַליע, דאָס מוטערלאַנד. גריכן אין דרום, גאַליער אין צפון, און צווישן זיי לאַטיום און רוים. און לסוף די גאָטן און וואַנדאַלן, לאַנגאָבאַרדן, נאָרמאַניער און סאַראַצענער און כסדר אַזוי אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער, וואָס אַמאָל נייע בלאָנדע מתנות פון איבער די אַלפּן. די רוימישע שפּראַך האָט מנצח געווען הונדערטער זיגערס.

אַבער וואָס האָט די שפּראַך מיט דעם מין צו טון? חייני-קער ווי גאָרנישט.

צי געהערט דען דער נעגער פון האַיטי צו דער גערמאַני-שער ראַסע, הגם ער רעדט פראַנצויזיש. און צי זענען ס'אייגענע, די אינדיאַנער פון מעקסיקע און בראַזיליע, באשר זיי רעדן שפּאַניש און פּאָרטוגאַליש? צי זענען די שוואַרצע בינזכרים פון די פאַר-אייניקטע שטאַטן געווען גערמאַנער, ווייל זיי האָבן געפּלאַפּלט ענגליש?

עפּעס אַנדערש איז געווען די שפּראַך און עפּעס אַנדערש די ראַסע. איינס מיטן צווייטן געהער זיך כלל נישט אָן! און אַלע מסקנות צו דערקענען די מענטשלעכע ראַסן, וועלכע שטיצן זיך אויף דער שפּראַך, מוזן ממילא פאַלש זיין.

עס איז נאָך גוט, וואָס אין דרום איז די געשיכטע אַ ביסל עלטער, האָט ער געטראַכט. וואָס אַן אמת, קום מיט עפּעס נישטיקע צוויי, ביז דריי טויזנט יאָר, אָבער פונדעסטוועגן פאָרט גענוג אַלט, כדי די לעגענדע וועגן די לאַטייַנישע פעלקער אויף שטיקלעך צו-צעקלאַפּן. אַזיסטן וואַלט יענע חכמה וועגן דער בשותפותדיקייט פון די ראָמאַנישע שבטים, גראָד אַזוי ווי פון די גערמאַנישע, אָנגעהאַלטן

לעולם-ועד, און בלויז מחמת דעם, ווייל ס'איז פעסטגעשטעלט געווארן די בשותפותדיקייט פון דער שפראך. ווי לייכט איז דאך געווען די לאטיינישע וועלט אוועקצובלאזן — און ווי שווער די וועלט פון די גערמאנישע און סלאווישע פעלקער.

נאר דעריבער, מחמת דא פעלט געשיכטע.

מ'האט דא קוים שוואכע אנשפאר-פונקטן, קליינע סענקעס אין דעם גרויסן קלאץ פון עם-הארצישע השערות. — די בולגארן, די פינישע ראסע פון אוראל, וועלכע האט זיך אריינגעריסן אין דונאי-לאנד. דארט האבן זיי זיך אויסגעמישט מיט דעם סלאוויש-רעדנדיקן פאלק און האבן דעם לאנד אנגעווארפן דעם נאמען פונם זיגער, בשעת זיי אליין האבן אנגענומען די שפראך פון די באזיגטע. פארקרובהטע מיטן מאדיארן-שבט, וועלכע האבן זיך, ווי די בולגארן, מיט די באזיגטע אויסגעמישט און אונטערגעגאנגען אין זיי; אבער צוגלייך מיטן נאמען האבן זיי אנגעווארפן דעם באזיגטן פאלק אויך די שפראך.

ער האט זיך פארלוירן, און מיט מאטערניש נאכגעזוכט די כלערליי פונאנדערגעשפריצטע פעלקער-שפליטערן. ער האט אנגעכאפט די קוצא-וואלאכן איבערן פינדוס, די לינזארן פון טעסאליע — זיכער פארקרובהטע מיט דער ראסע פון די פינישע מארדווינער פון קאזאן, און רעדן פונדעסטוועגן ראמאניש. און די לאפן און די סוועגען פון סקאנדינאוויע, וועלכע רעדן שוועדיש, אדער פיניש, און שטאמען פונדעסטוועגן נישט אפ, נישט פון דער אוראלטער און נישט פון גערמאנישע ראסן. ווייטער די טערקישע קומאניער אין אונגארן, און די משונהדיקע פערמיער און סיריענער אין וואלאגדא און ארכאנגעלסק — —

דערנאך האט ער זיך ווידער צוריק געפונען. האט זיך באוואפנט מיט א פרישער שפיז, און איז ארויסגעריטן מיט א פלאטערדיקער פאן אנטקעגן די שפראכן. ער האט שטארק הנאה געהאט, אנשרייבנדיק גאנצע זייטלעך פאפיר, יעדן זאץ אין אן אנדערן לשון, אדער דיאלעקט. שוין זשע בין איך איצט א רוסלעבדער, האט ער געלאכט. איצט א שפאניער? און איצט אן ערסישער בארג-מא און א גוואראניא-אינדיאנער?

ער האָט גענומען די פּיילן דאָרט, ווו ער האָט זיי נאָר געפונען, האָט אויסגעשמידט שאַרפע שפּיצן פון הונדערטער קלייניקייטן, וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט אויפן ראַנד פון וועג.

ער האָט אַמאָל געקענט אַ גוטן גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָר אין זאַקסן. יענער פלעגט געבן דייטשישע לעקציעס און פלעגט מיט ערלעכן פּאַטאָס דעקלאַמירן פאַר זיינע תלמידים קלאָפּשטאָקס אָדעס. שפּעטער איז ער עפּעס אָנגעקומען אין אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטל פון מזרח-פּרייסן. זיין לערערײַ האָט אים, משמעות, איבערגעלאָזט גענוג פרייע צייט, אַז ר'האָט זיך אין איין שיינעם פרימאָרגן גענומען לערנען מאַזוריש. ס'האָט שוין קיינער דאַמאָלס נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דערדאָזיקער שפּראַך. ער אָבער האָט געהאַלטן, אַז אַלע מאַזורן זענען מחויב צו קענען זייער מוטער-שפּראַך, און אַז דאָס איז די הערלעכסטע שפּראַך אין דער וועלט. ער האָט איבערגעזעצט שילערן און קלאָפּשטאָקן אויף מאַזוריש, און ראַמלערן און אייכנדאָרפן און אַלע איבעריקע פּאַטריאָטישע דיכטער. און ס'איז אים באמת געלונגען צו גרינדן אַזאַ קליין פּאַרטייעלע, ער האָט קאַנדידירט אַלס מאַזורישער דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט און האָט באַקומען עטלעכע טיץ שטימען. ער האָט אויך אַנטדעקט עפּעס אַ מאַזורישן עלטערזיידן בײַ זיין געליבטן שילער און פאַרשטייט זיך, בײַ זיך אַליין: איצט יעט ער מער שוין נישט רוען, כל-זמן דאָס גאַנצע לאַנד חעם נישט זיין מאַזוריש, פון דער עלבע ביז צו דער דינאַ.

פריער איז ער געווען אַ דייטש — איצט אָבער איז ער אַ מאַזור, מחמת ער איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט קען מאַזוריש.

— די שפּראַך — דאָס איז געווען די לייבנפּעל פון אַלע אייזלען.

פראַנק ברוינען איז געקומען אויפן זינען דער הער פרידריך ווילהעלם באַנדמאַן. דערדאָזיקער פּאַרשוין איז געווען אַ ראַמענמאַכער און האָט געוווינט אין זיין געבורטס-שטאָט, לעבן דעם הויז פון זיינע עלטערן. ער איז געווען אַן אַלטער בחור און אַ

גרויסע" פּאַטריאָט, מער נאָך ווי דער גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָר; ער האָט פאַרגעטערט ביסמאַרקן און אַלץ, וואָס יענער האָט געטון. שפּעטער, בשעת מ׳האָט ביסמאַרקן אַראָפּגעזעצט האָט זיין בשׂמחה אויסגעקאָכט, ער האָט געכאַפּט און פאַרקויפט זיין הויז און זיין געשעפט, האָט זיך נאָך אָנגעשיכורט אַ לעצט מאָל אין מיליטע־רישן פאַריין, געזעגנט זיך מיט טרערן אין די אויגן מיט זיינע אַלע חברים און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

דער דאַמפּער האָט געלאַנדעט אין האָבאָקען, און היות דער הער באַנדמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט ענגליש, איז ער פאַרבליבן אין דער־דאָזיקער דייטשישער שטאָט און נאָר איין איינציק מאָל געפאָרן אונטער אַ זיכערער השגחה איבערן טייך קיין ניו-יאָרק — צוויי און אַ האַלבע שעה האָט ער דאָרטן פאַר־ווײלט. אָבער ס׳איז אים דאָרט אַ פּנים, פּונקט אַזוי ווייניק גע־פעלן, ווי אין האָבאָקען; איז ער בכן באַלד מיטן צווייטן דאַמ־פער צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. — דריי וואָכן איז ער געווען אונטערוועגנס. פראַנק ברוין האָט אים באַגעגנט אויף דער גאַס און געזאָגט:

— נו, הער באַנדמאַן, איר זענט שוין, הייסט עס, ווידער צוריק אין דייטשלאַנד?

דאַן האָט איבער הער באַנדמאַן פאַרחידושט אָנגעקוקט און אים ברוגזלעך געפרעגט:

„Schpiek ju inglisch”? — ער איז אַן אַמעריקאַנער געוואָרן.

און פראַנק ברוין האָט אָנגעשריבן:

„מיין פּאָפּוגאַי רעדט אַזוי גוט דייטש, ווי דער פּאַסטאָר אַליין. ער געהערט בכן גאַנץ זיכער צו דער גערמאַנישער ראַסע.”

IV.

פאַרבלאָנקעטע נשמה
פון באַלגאַטאַ,
דער שטן איז גוט,
העלווידע איז דאָ!

ג. באַרדוסשי, הימן צום שטן.

טערעזע האָט געקניט אויף דער קליינער ווידוי־באַנק; איר שטערן איז געלעגן אויף די צונויפגעפלאָכטענע הענט. אירע אויגן זענען געווען פעסט געשלאָסן, זי האָט נישט געקוקט אויפן אַלטן גלח, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן איר אין זיין לענקשטול.

זי האָט דערציילט.

אירע ווערטער זענען געפלאָסן אָן הפסקות, קלאַנגלאָז, שטיל, אין דעם איינטאָניקן, רויִקן שטראָם. געדולדיק, נישט אי־בעררייסנדיק זי, האָט געהאָרכט דער גרויער זקן. זיינע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די ווענט פון זיין צימער, זע־

גען לסוף געבליבן הענגען אויף אַ קליין, גאָלד-געראַמט בילדל, װאָס האָט מיט שרייענדיקע פאַרבן פאַרגעשטעלט גענוג אומגע-לומפּערט זיין היימדאָרף װאַל די סקאַדראַ. ער האָט געזען די קײלעכדיקע אָזיערע טיף הינטן אין קעסל, די ברוינע רעשטער, װעלכע האָבן, װי פאַרזשאַװערטע מאָך-פלעקן, געקלעפּט אויף די גרינע שיפּועים.

ער האָט אָפּגעזיפצט. ווי לאַנג איז דאָס, אַז ער פלעגט דאָרט אַרומקריכן מיט זיין געלער ציג! און איצט איז דאָרט געװעסן דערדאָזיקער דייטש —

דער דייטש, װעלכן ער אַליין האָט אַהינגעשיקט. און דער, װעלכער האָט זיין עלנט קינד —

טערעזע האָט געשװיגן. פאַמעלעך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים צוגעקוקט — הילפלאָז, מיט אַ טיפער פראַגע.

דער אַלטער כאָן האָט געזען, װי אירע אויגן האָבן געלויכטן אונטער די װײַסע, גרויסע, בלויע אויגן. — צי איז זי דען אויך נישט קיין דייטשקע?

ער האָט געטראַכט װעגן איר מוטער, אַ טאָכטער פון אַ לערער — איינע פון זיבעצן. האָט זי זיך מסתּם געפילט גליקלעך, װען ריימאָנדי האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, אַ פעלדפעבל פון די קייזערלעכע שיסער. אָבער שפּעטער, גלייך נאָך דער חתונה, זענען אים אָפּגעשטאָרבן די עלטערן; ער איז אַרויסגעטרעטן פון מיליטער און זיך איבערגעטראָגן מיט זיין יונגער פרוי קיין װאַל די סקאַדראַ. איז דען דאָס אָרט, װוהין ער האָט זי געבראַכט, נישט געװען פאַר איר קיין קבר? זי איז געװען פאַראייזאַמט, זי האָט צומאָל קיין איין מענטש נישט געהאַט, מיט װעמען זי זאָל קענען אַ װאָרט אויסרעדן, קיין איינעם נישט. אָבער נישט די שפּראַך איז געװען די סיבה, װאָס האָט זי אָפּגעזונדערט פון די שטאָל-לייט, זייער שפּראַך האָט זי זיך זייער שנעל אויסגעלערנט. נאָר נישט דאָס קליינע ביסל בילדונג, װי אומבאַדייטנדיק ס'האָט נישט געװאָלט זיין, האָט זיי געהייסן קוקן אויף איר, װי אויף אַ פרעמדער, װי אויף אַ גר, װעמען מ'דאַרף פיינט האָבן.

בלויז איר טעכטערל איז איר פאַרבליבן, טערעזע. און

גאַנצע פירצען יאָר האָט זי געלעבט פאַרן דאָזיקן מיידל; שטיל, הכנעהדיק, אין אייביקער פיינלעכער, האָפנונגסלאָזער בענקשאַפט.

זי האָט שנעל פאַרבליט און אָפגעבלאַקירט, און דאָס וואָס ס'איז לסוף געשטאָרבן, נאָך אַ משך פון יאָרן, איז בלויז געווען אַ קלאָגנדיקער שאָטן פון דער שיינער מאַריע פון בריקען.

מיגוטן זענען פאַרגאַנגען.

ער האָט נישט געענטפערט זיין ווידוי-קינד — און האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. — — אין וואָס איז באַשטאַנען די זינד פון דעם מיידל?

געוויס — אַוודאי — דאָס איז געווען אַ חטא. אָבער וואָסער חטא? ווו האָט ער זיך אָנגעהויבן? און ווי אַזוי זאָל ער אים תופס זיין?

ווידער האָבן זיך באַוועגט אירע ליפּן. אומענדלעך שטיל זענען בעקומען די ווערטער; ער האָט זיי כמעט נישט געהערט, גיכער האָט ער זיי אַראָפּגעלייענט פון איר מויל:

— הייליקער פאָטער — איז דאָס אמת? — צי האָט אים טאַקע געשיקט צו מיר די מאַדאָנע?

ס'האָט אים אַרומגענומען אַ פחד, אַ לייכטער שוויס האָט זיך אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן. און ער האָט ווייטער בעגריבלט אין האַרצן:

— ווו איז דאָ איר זינד?

דערנאָך האָט ער שנעל, אומביטלבאַר אַ פרעג געטון:

— צי גייט ער אָפט צו דעם אַמעריקאַנער?

— ניין, — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

דער גלח האָט זיך געחידושט.

— ניין? — האָט ער איבערגעחזרט. — צי איז ער קיינמאָל דאָרט נישט געווען?

— ער איז געווען אַמאָל — האָט זי געענטפערט.

— דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט דערפון — האָט ער פאַרלאַנגט.

האָט זי דערציילט כסדר:

— ער איז דאָרט געווען אינאָווענט; פונקט זיבן אַ זייגער

איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין זאַל. איך ווייס עס גענוי, מחמת איך האָב אים געזען אַרײַנגיין, ווען כ'בין צופעליק געשטאַנען בײַם פענסטער און אַרויסגעקוקט.

זי האָט זיך פאַרוויטלט און איבערגעריסן.

— ניין, הייליקער פאָטער, ניין — זײַט מיר מוחל — עס איז נישט געווען צופעליק. תמיד, ווען ער גייט אַרויס, טרײַבט עס מיך אין מײַן שטוב אַרײַן און צום פענסטער. דאָרטן שטיי איך און קוק אים נאָך. כ'זע, ווי ער גייט, ווי אַט באַווייזט ער זיך אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן — איך וויל דאָס נישט טון, און כ'מוז עס פאָרט.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אירע אויגן זענען געבליבן טרוקן, אָבער איר שטים האָט געוויינט.

— ווייטער, — האָט פאַרלאַנגט דער גלח.

טערעזע האָט דערציילט:

— ער איז דאָרט כמעט קיין שעה נישט אָפּגעווען און איז צוריקגעקומען אויף נאַכטמאָל. דאַן האָט ער דערציילט דעם פאָטער, וווּ ער איז געווען, און האָט געזאָגט, אַז זיי זענען אַלע אידיאָטן, די טייוול-טרײַבערס, און אַז דער פאָטער און דער קנעכט אַנדזשעלאָ זענען די איינציקע מיושבֿע מענטשן אין גאַנצן דאָרף, ווײַל זיי מאַכן נישט מיט דידאָזיקע שטותערײַען — און דאָס איז אַלץ.

דער אַלטער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ שווערע משא וואָלט אים פון האַרץ אַראָפּגעפאַלן, ער האָט זיך געפילט באַפרײַט פון אַ גרויסער אימה. ער האָט נישט געוווּסט, אַלמאַי ער האָט מורא געהאַט, אָבער דידאָזיקע טעמפּע דריקונג האָט אים געמאַטערט שוין וואָכנלאַנג. און איצט האָט עס געשײַנט פאַרשוווּנדן צו זײַן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע שלעכטס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, איז שוין אַ גאָרנישט געווען אין פאַרגלײַך מיט דעם אַנדערן, אומבאַקאַנטן, פון וועלכן ער האָט זיך באַפרײַט.

אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל ענטפערן דעם מיידל. אַזוי ישובֿנדיק זיך, האָט ער ווידער גענומען

אויספרעגן און אויספאָרשן וועגן אַלעמען, וואָס דער פרעמדער טוט.

זי האָט אים געדולדיק געענטפערט אויף אַלעם.

— ער אַרבעט גאַנצע טעג און אָפטמאָל ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. דערנאָך גייט ער שפּאַצירן, טיילמאָל שיפט ער זיך אויף דער אָזערע.

דער אַלטער האָט געפרעגט:

— צי כאַפּט ער פיש?

— ניין — האָט זי געזאָגט, — ער כאַפּט נישט קיין פיש. ער איז גוט צו אַלע בּרואים. — אָבער ער פייניקט מענטשן —

זי האָט זיך געקווענקלט, אָבער דער אַלטער האָט געוואונקען צו איר, זי זאָל ווייטער רעדן.

— ווען ער זעט אַ רויפּע אויפן וועג, הייבט ער זי אויף און טראָגט זי אַוועק אין גראָז, כדי עס זאָל זי קיינער נישט צעטרעטן. ער האָט מיך אָנגעשריגן, ווייל כ'האָב אַוועקגעקערט דאָס שפּינוועבס פון זיין פענסטער, און ער פּאַשעט מיט זיין ברויט די הינער און טויבן. אַלע אונדזערע הויז־חיות לויפן אים נאָך, די בּרדיסטע ציג קלעטערט אַרויף אויף די טרעפּ און קומט צו אים אין שטוב אַריין צוזאַמען מיט אונדזער קאָטער.

דער אַלטער האָט געשמייכלט. ער האָט געזען פאַר זיך דאָס פנים פונם בלאָנדן דייטש, אַזוי יונג, אַזוי פריילעך און שמייכלענדיק.

„ער איז דאָך אַ גרויס קינד", האָט ער געטראַכט.

דאָס מיידל האָט געזאָגט:

— אָבער מענטשן שלאָגט ער. איינמאָל, בשעת דער קנעכט האָט איינגעשפּאַנט דאָס מוילטיר, האָט ער געזען, אַז די רימענס זענען געווען צו ענג צונויפגעדריקט און האָבן אָפּגעריבן דער חיה די ווונדיקע הויט. ער איז געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס, האָט אַראָפּגעריסן די רימענס און אַ זעץ־געטון מיט זיי דעם קנעכט אין פנים אַריין.

— ער האָט גוט געטון — האָט געזאָגט דער גלח.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ; די דאָזיקע קליינע

הסכמה האָט איר צוגעגעבן מוט און אָנגעפילט זי מיט פרייליכן און פרישן בטחון. דערנאָך האָט זי ווידער אין ספקות אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ.

— אויך מיך האָט ער געשלאָגן, — האָט זי געמורמלט.

— דיך אויך? — האָט דער אַלטער האַסטיק אַ פרעג געטון.

— יאָ, — האָט זי טרויעריק געזאָגט. — בכלל קימערט ער זיך נישט וועגן מיר, זעט מיך כמעט נישט און ווייסט אָפט נישט אַפילו, אַז איך בין דאָ. אָבער איינמאָל אינדערפרי, בשעת ער איז בעזעסן און געפּרישטיקט, בין איך אַריינגעקומען אין גאַסטצימער. איך האָב אין כאַפּשטייגל געפאַנגען אַ מויז, האָב זי אַרויסגענומען און זי געוואָרפן פאַרן קאָטער. דאַמאָלס איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיר אַ פּאַטש געטון אין פּנים. דערנאָך האָט ער אַוועקגעטריבן די קאַץ און אַרויסגעלאָזט די מויז.

און דער אַלטער האָט געפרעגט:

— און וואָס האָסטו געטון?

זי האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— איך? — גאָרנישט. ער האָט געשריגן אויף מיר און זיך געבייזערט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ס׳זעבען דאָ נאָך אַ מויז, מעג זיך זיי דער קאָטער כאַפּן אַליין, וויפיל ער וויל, דאָס איז זיין זאַך. און אויב איך פאַנג איינע אין כאַפּשטייגל, מעג איך זי דערטרינקען, אָדער ממיתן. אָבער איך דאַרף נישט אומזיסט פּייניקן קיין חיות. — ער האָט מיך געפרעגט, צי איך פאַרשטיי דאָס? און היות איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט, האָט ער אָנגעכאַפּט מיינע הענט און האָט זיי אַזוי צונויפגעפרעסט, אַז כ׳האָב געמיינט, ער וועט מיר די ביינער צעברעכן. איך האָב נישט געשריגן, אויף להכעיס, נאָר כ׳בין אַראָפּגעזונקען פאַר אים אויף די קניען. ער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט, ביז כ׳האָב אים נישט צוגעזאָגט, מער שוין דעם קאָטער קיין מויז נישט צו געבן.

— און דו האָסט געהאַלטן וואָרט? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— יאָ — האָט דאָס מיידל האַסטיק געזאָגט. — כ'האָב עס אים געמוזט צושווערן בײַ דער מאַדאָנע.

זי האָט זיך ווידער פֿאַרהאַקט און געזוכט ווערטער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי פֿאָרגעזעצט:

— דאַן ערשט האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און כ'בין אַרויסגעגאַנגען. אָבער כ'האָב געהערט, ווי ער האָט נאָך גערעדט מיט זיך אַליין — דאָס טוט ער אָפּט, הייליקער פֿאָטער, און איצט האָט ער גערעדט עפּעס משונהדיקע ווערטער, וואָס כ'האָב זיי נישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט עס געזאָגט אַזוי ווי צו מיר, הגם איך בין שוין דאָרט נישט געווען. ער האָט שטיל געזאָגט: די מעגסט פּײַניקן, אָבער דאָך נישט אָן אַ ציל. פּײַניקן איז גוט. עס איז אַ קונסט — און אפשר די גרעסטע. אָבער די מענטשן זענען נאַרישע חיות, זיי פּײַניקן, נישט וויסנדיק פֿאַרוואָס — אַזוי האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשוויגן, אירע אויגן האָבן געזוכט אַן ענטפֿער. אָבער דער אַלטער גײַסטלעכער איז געבליבן שטום. ווידער האָט ער געזען דעם פֿרעמדנס פּנים, דאָך האָט עס איצט געהאַט דעםדאָזיקן שטאַרן אויסדרוק, וועלכער האָט אים באַצוווּנגען און געשראָקן.

זי איז אויפֿגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט זי געפֿרעגט.

אָבער דער אַלטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ'הייס נישט, האָט ער געמורמלט.

דאַן האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני פֿאַר זײַנע פֿיס און צוגעבלייגט איר קאָפּ אין זײַן שויס. זי האָט געהעשעט, און האָט געפֿילט, ווי אירע טרערן האָבן זײַן סוטאַנע באַנעצט. ער האָט איר געוואָלט העלפֿן און דאָך נישט געקענט. שווײַגנדיק האָט ער אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף איר קאָפּ און לײַכט געגלעט אירע לאָקן.

פּלוצלינג האָט זי זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און אַנגעכאַפּט

זיין האַנט. זי האָט שנעל געאָטעמט, און ער האָט געפילט איר הייסן דריק.

— הייליקער פאָטער, — האָט זי אויסגערופן, — איז דאָס אמת? — — צי האָט אים טאַקע געשיקט די מאַדאָנע?

און אין אירע אויגן האָט געלויכטן אַ פאַרלאַנג, אַ בענקשאַפט און אַ הייסע בקשה וועגן דאָזיקן „יאָ“.

ער האָט עס גוט געפילט, און האָט דערזען אין אירע אויגן דאָס דריטע בילד פון פרעמדן, דעם פאַרחלומטן און מיט יוגנט־פייער אָנגעפילטן יונגנמאַן, וועלכער האָט די הימלען געשטורמט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָסדאָזיקע בילד האָט אָנגעפילט איר גאַנצע נשמה.

דאָס וואָרט האָט זיך אים כמעט מיט גוואַלט געריסן אויף די ליפּן אַרויף, אָבער ער האָט זיך באַהערשט, אַוועקגעדרייט די אויגן און געזאָגט: „כ׳ווייס נישט“.

ער האָט געהערט איר טיפן זיפץ, און איר ווייטיק האָט אים געפייניקט, ווי זיין אייגענע. אירע פינגער האָבן אָפּגעלאָזט זיין האַנט, כדי זי באַלד ווידער אָנצוכאַפּן, און האָבן זיך געקראַמפט אַרום זיינע הענט.

— הייליקער פאָטער — האָט זי געשטאַמלט. — הייליקער פאָטער! — אָדער אפשר — אפשר — —

זי האָט אָפּגעהאַקט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען איר פראַגע. — וועלכע מאַכט האָט געשיקט דעמדאָזיקן פרעמדן? די מאַדאָנע, אָדער? — — און הילפלאָז, אוממעכטיק, ווי דאָס מיידל גופא, האָט ער ווידער געענטפערט: „איך ווייס נישט“.

אַ צעבראָכענע איז זי געפאַלן אויף זיינע קניען. ס׳האָט זי אָנגעכאַפּט אַ שלוכצן און געטרייסלט מיט איר גאַנץ לייב; און ס׳האָט זיך דעם גלח געדאַכט, אַז דאָסדאָזיקע כליפּען וועט זי צעברעכן אויף שטיקער דאָ באַ זיינע פיס. ס׳האָט אים אַרומגענומען אַן אומענדלעך רחמנות. ער האָט אָנגענומען איר קאָפּ און זי אויפגעהויבן.

— האָסטו אים אַזוי שטאַרק ליב? — האָט ער גוטמוטיק געפרעגט.

— יאָ, הייליקער פאָטער — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט — מער ווי מיין לעבן.

ער האָט איר לייכט אַ קוש געטון אין שטערן.

— גיי־זשע, מיין קינד, נעם דיין גורל אויף דיר. ס'איז גאָטס רצון אַזוי.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט, נישט זייענדיק פעיִק אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דערנאָך האָט זי באַדעקט זיינע הענט מיט טרערן און מיט הייסע קושן.

* *

*

פראַנק ברוין איז שפּעט אַראָפּגעקומען, ער האָט געשלאָפן ביז פאַרטאָג. ער האָט געגעסן אָנבייסן, אַרויסקוקנדיק פאַרטראַכט דורכן פענסטער. טערעזע האָט אים באַדינט, זי איז געשטאַנען שטילשווייגנדיק לעבן אים און געוואַרט אויף אַ בליק.

אָבער ער האָט זי כמעט נישט געזען און האָט געוווּסט, ווען זי איז נישט געווען און האָט אויך נישט באַמערקט, אַז זי איז צוריקגעקומען. ער האָט שנעל אָפּגעגעסן און איז אויפגעשטאַנען.

אינאָוונט און אין די אַנדערע טעג, און בכלל תמיד, בשעת ער פלעגט עסן, איז זי געשטאַנען לעבן אים. זי האָט נישט געוואַגט אפילו צו רעדן מיט אים, שטום ווי אַ שקלאַפין פלעגט זי אים באַדינען.

איינמאָל האָט זי צו אים שטיל אַ זאָג געטון:

— איך האָב פאַר אייך אַ גרוס פונם גלח.

ער האָט זי אָנגעקוקט:

— פון וואָסערן גלח?

— פון דאָן ווינטשענצאָ, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט גלייכגילטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַך, אַזוי — אַ שיינעם דאַנק

זיינע געדאַנקען האָבן געשוועבט ערגעץ העט ווייט — ערשט

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך דערמאָנט אָן אירע ווערטער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר — און געזען, אַז זי איז געווען שײן.

— דו האָסט געזען דעם גלח? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אויסגעהאַלטן זײַן בליק. יאָ, מיט פֿיר טעג צוריק בין איך געווען אין שטאָט.

— דו האָסט זיך מתוודה געווען? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט זי שטילערהייט צוגעגעבן:

— ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַזוי באַשערט פֿון גאָט.

פֿראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי? דאָס האָט ער געזאָגט? — ער אויך?

ער האָט איר געגעבן אַ קליין פּעטשל אין באַק און איז אַרויסגעגאַנגען.

טיילמאָל פֿלעגט ער אַ ביסל פּלוידערן מיט איר, אָבער ער האָט זיך נישט צוגערירט צו איר. ער איז געווען גוט און פֿרײַנטלעך צו איר, ווי צו אַ שײן ייִנגל, וועמענס קעגנוואַרט ער האָט געדולדעט. טיילמאָל, בשעת ער פֿלעגט נעמען די גיטאַרע אין האַנט, האָט ער זי צוגערופֿן. זי פֿלעגט דאַן זיך אַוועקזעצן שטיל לעבן אים און זיך אײַנהאָרכן.

אָדער ער פֿלעגט זיך אַרײַנזעצן אין אַ שיפֿל און איר דערלאַנגט די וויעסלעס. זי האָט געשיפֿט און ער איז געזעסן שווײַגנדיק אַנטקעגן איר, און געבליקט פֿאַרחלומט אויפֿן וואַסער. און ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט דערצו, אַז זי פֿלעגט לעבן אים גיין, בשעת ער האָט געשפּאַצירט, געדולדיק, אויפֿמערקזאַם, ווי אַ גוט-דערצויגענער הונט.

איינמאָל אין אָוונט, בשעת זיי זענען געזעסן אין שיפֿל, איז אים געקומען אויפֿן זינען, אַז זי רעדט דאָך דײַטש. דאָס איז אים געווען זייער ליב. ער האָט געפֿילט אַ באַדערפֿעניש מיט עמעצן צו רעדן מכוח זײַן אַרבעט, אָבער היות ער האָט געטראַכט אויף דײַטש, איז ווען ער פֿלעגט רעדן צו איר אין איר שפּראַך, האָט דאָס אים נאָך בולטער דערמאָנט, אַז זי וועט דאָך אים סיי-

ווי נישט פאַרשטיין, איצט אָבער האָט ער דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט. ער האָט זיך מיט איר שואל עצה געווען און זיך באַלד אַליין געענטפערט, דאָס האָט אים געהאָלפן אין טראַכטן, ער האָט אָנגעהויבן זען קלאָרער, שאַרפער, בשעת ער פלעגט אַזוי רעדן צו איר אויפן קול.

שערעזע האָט אים אויסגעהערט, ערנסט, געדולדיק, שטיל־לאַנג, זי האָט נאָבן ווייניק משיג געווען פון דעם אַלעמען. אָבער דאָס האָט איר אויסגעזען צו זיין עפעס אַ גרויסע און וווּנדער־באַרע זאַך.

זי איז געזעסן אַנטקעגן אים און געשוויגן, גליקלעך, און מיט דעם נחת־געפיל, אַז איר האַר רעדט צו איר.

* *

*

פראַנק ברוין האָט נישט געציילט די טעג, דער פרילינג האָט זיך אָפּגעזעגנט און דער זומער איז געלעגן אין טאָל, דאָס האָט ער גוט געוווּסט. ער פלעגט אַרומגיין מיטן מיידל איבער די פעלדער און פּיילן, אַז ס'איז דאָ עפעס בשותפותדיקס צווישן אים און די לייט, וואָס האָבן די ערד באַאַרבעט. זייערע הענט האָבן געוואָרפן די זריעה, געאַרבעט מיט דער ערדקאַם און אַקעראייזן, געשאַפן אַלצדינג, וואָס דאָ איז געוואַקסן. און אַזוי איז געוואַקסן זיין ווערק. ער איז געווען האָפערדיק און פריילעך פון זיין שעפערישן כוח און האָט געלאָזט זיינע פירות אין דער זון זיך צייטיקן.

טייל מאָל, בשעת דאָס מיידל איז געווען אין גאָרטן אָדער ווייט אויף דער אָזיערע, האָט ער גערופן די ווייסע ציג אָדער דעם קאָטער. קיינס פון זיי האָט נישט געהאַט קיין נאָמען, אָבער ער האָט די ציג אַ נאָמען געגעבן מאַרפאַ און דעם קאָטער פריץ. און ווי נאָר די חיות פלעגן הערן, אַז מ'רופט זיי בײַ דידאָזיקע נעמען, זענען זיי שטילערהייט אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאַמאָלס האָט ער זיי אַריינגעלאָזט אין צי־

מער, האָט זיך אַנידערגעזעצט און פֿאַרגעלייענט פֿאַר זיי זיין אַר־
בעט.

אָבער די ציג האָט אים נישט צורו געלאָזט; זי האָט אים לייכט געשטויסן און אַרומגעשנאַפּט זיינע קעשענעס, ווו ער פֿלעגט האָבן צוקער.

— גיי, מאַרפּע — האָט ער געזאָגט — דו האָסט נישט קיין שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ראָסן־פּראָבלעמען.

טיילמאָל ווידער פֿלעגט ער אינמיטן דער נאַכט אַריינגיין צו טערעזען. ער האָט זי אויפֿגעוועקט, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט און גערעדט מיט איר. זי פֿלעגט זיך איינהאָרכן שטיל און אויפֿמערקזאַם ווי תמיד. דערנאָך פֿלעגט ער אַרויסגיין. טיילמאָל איז ער אויך געבליבן, האָט זי מיט אַ געלעכטערל גענומען אין זיינע אָרעמס, און זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געציטערט פֿאַר גליק.

* *
*

איינמאָל אינאָוונט האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. אַנדזשעלאָ, דער קנעכט, איז אַריין, שטרויכלענדיק זיך, געסאַפּעט און איבערגעשלאָגן זיך, איינגאַנצן איבערגענומען מיט דער וויכטי־קייט פֿון זיין שליחות. דער הער זאָל זיך מטריח זיין אין דאָרף אַריין, אין הויז פֿון מאַריאַ אַ וועניער, זיין פֿרוי מאַטילדע איז הרובֿ־קראַנק און האַלט בײַ שטאַרבן. זאָל בכן דער דאָקטאָר תיכף אַהינגיין.

— איך בין נישט קיין אַרצט, — האָט געזאָגט פֿראַנק ברוין.

אָבער דער קנעכט האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. פֿראַנק ברוין האָט איבערגעחזרט, אַז ער האָט לחלוטין קיין ידיעה נישט אין דעראָזיקער קונסט און אַז ער קען בכלל גאָרנישט העלפֿן. דערויף האָט אַנדזשעלאָ יאָושדיק געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: — אָבער וואָס גייט עס מיך אָן?

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אונטערגעברומט:

— איך בין נישט קיין היגער.

פראַנק ברוין האָט דערהערט, אַז אונטן רעדט מען עפּעס צווישן זיך הויך און האַסטיק. באַלד דערנאָך איז אַריין אין שטוב דער באַלעבאָס צוזאַמען מיט טערעזען.

ריימאָנדי האָט געזאָגט:

— ווייניקער שטייט דאָ אונטן און וויל נישט אָפּטרעטן! גייט־זשע דאָך אַהין צו זיין פרוי, הער!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון? — האָט געזאָגט דער דייטש. — איך זאָג דאָך אייך, אַז כ'בין נישט קיין אַרצט!

ריימאָנדי האָט העפלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָבער איר זענט דאָך אַ דאָקטאָר? — האָט ער געזאָגט.

— אמת! — האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. — אָבער כ'בין נישט קיין מעדיצינער. איך דערקלער, אַז כ'קען דער־דאָזיקער פרוי לחלוטין נישט העלפן.

דער באַלעבאָס האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקראַצט זיך די גאָמבע און אויסגעשפּיגן.

— געוויס נישט! — האָט ער באַשטעטיקט, — אָבער די לייט וועלן דאָס נישט גלויבן, זיי רעכענען, אַז ווי באַלד איר זענט אַ דאָקטאָר, דאַרפט איר אייך קענען היילן.

און ס'איז געווען קענטיק אויף אים, אַז אויך ער איז דורכ־אויס אין דערזעלבער מיינונג, און אַז ס'וואָלט אים געווען שטאַרק נישט ניחא, אויב דער פרעמדער דאָקטאָר, וואָס האַלט זיך אויף בײַ אים, זאָל דאָרט נישט אַהינגיין. ער האָט אַלזאָ ווידער גענומען טענהן:

— איצט געפינט זיך דאָרט דער אַמעריקאַנער און וויל זי אויסהיילן מיט תּפילות. מילא, אַזוי פיל ווי יענער, קענט איר דאָך נאָך אויך!

אָבער פראַנק ברוין האָט נישט געפילט קיין שום אַמביציע צו מעסטן זיך מיטן אַמעריקאַנער.

— ניין — האָט ער געזאָגט — איך האָב נישט קיין צייט און קיין חשק צו אַזעלכע שטותערייען.

דאַן איז דאָס מיידל צוגעטרעטן צו אים:

— גייט אַהין צו דער אָרימער פרוי, — האָט זי געבעטן. — אפשר וועט איר דאָך איר קענען העלפן.

ער האָט געלאַכט:

— אָבער, קינד, איך דערקלער דיר נאָכאַמאָל, אַז כ'קען עס דורכאויס נישט!

זי איז געבליבן ערנסט און געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע אויגן.

— און דאָך! — האָט זי זיך געעקשנט. — דו קענסט אַלצדינג!

זי האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם.

— איך בעט דיך, גיי־אַהין צו דער אָרימער פרוי!

ער האָט אַ זיפץ געטון. קוועטשנדיק מיט די פלייצעס, האָט ער אויפגעעפנט דאָס שופלאָד און אַרויסגענומען עטלעכע פלעשלעך און שעכטלעך, אַפּיום־טראָפּנס, כינין, פּיראַמידאָן — און אַלץ, וואָס ער האָט נאָך דאָרט געהאַט. דער באַלעבאָס האָט זיך דערצו טריומפירנדיק צוגעקוקט, און האָט אים אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ.

— דער דאָקטאָר גייט שוין! — האָט ער געשריגן צום פויער.

דאָס איז געווען אַ ברודיקער, פעטער פאַרשוין, מיט שוואַרצע האָר, אַ נידעריקן שטערן, מיט אַ לייכטער התחלה פון אַ קראָפּ. ער איז שנעל געלאָפן פאָרויס. פראַנק ברוין איז אים נאָכגעגאַנגען מיט גרויסע טריט. וועניער האָט אים אַריינגעפירט אין זיין הויז, און דערנאָך דורכן קאָרידאָר אין שלאָפשטוב אַריין.

אַ סך מענטשן זענען דאָרט געווען, און זיי האָבן הויך מתפלל געווען. ער האָט דערקענט דעם דיקן, רויטן קנעכט מיטן קראָפּ און סיבילאַ, די אַלטע קרומע בעטלערין פון שאַסיי.

„ביסטו אויך, הייסט עס, פרום געוואָרן?" האָט ער געטראַכט.

בשעת ער איז אַריין, האָט מען איבערגעריסן דאָס זינגען, ער איז שנעל צוגעגאַנגען צום בעט-צו.

אין שטוב איז געווען אַזוי דעמפּיק, אַז ס'איז פּשוט שווער געווען צו אָטעמען.

— מאַכט אויף דאָס פענסטער, — האָט ער באַפוילן.

ווענייער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. אָבער דאָס ווייב האָט זיך תיכף אויפגעהויבן אין בעט.

— ניין! — האָט זי געשריגן — לאָז דאָס פענסטער זיין פאַרמאַכט. פּיעטראָ נאָסקלער האָט געזאָגט, אַז ס'מוז זיין פאַרמאַכט!

פראַנק ברוין האָט זיך אויסגעדרייט. אין דער זייט, לעבן איר, איז געשטאַנען דער אַמעריקאַנער. ער איז געווען שוואַרץ געקליידט, האָט געטראָגן אַ לאַנגן ראָק, וואָס איז געווען באַם האַלדז ענג פאַרמאַכט, ווי בײַ אַ מיסיאָנער. זיין פּנים איז געווען אָן אַ באָרד, די אויגן, קליינע, שטעכעדיקע, טיף-זיצנדיקע, האָבן אַ ביסל געשיקלט. זיין שאַרבן איז געווען אַ פראָגנאַטישער, קיין גאָמבע האָט ער כמעט נישט געהאַט, די נאָז האָט אויסגעזען אינגאַנצן צעפּלאַטשט, אַקעגן-זשע האָבן אים אויף ביידע זייטן אַרויסגעשטאַרצט די ריזיקע אויערן. אויפן האַלדז האָבן זיך בײַ אים געצויגן אַ סך שקראָפולישע געשווירן; זיינע באַוועגונגען זענען געווען האַסטיקע, כמעט עפּילעפּטישע. פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „דאָ וואָלט איך לייכטער געקענט שטעלן אַ דיאַגנאָז, ווי בײַ דער קראַנקער".

— ווייזט נאָר דעם פולס. — האָט ער געזאָגט.

אָבער די פרוי האָט האַסטיק אַריינבאַהאַלטן די האַנט אונטער דער קאָלדרע און אים פיינטלעך אָנגעקוקט.

ער האָט זיך געווענדט צום פויער, צופרידן, וואָס ער האָט אַ גרונט אַוועקצוגיין.

— דו זעסט, דיין פרוי וויל נישט, — האָט ער פאַרגעזעצט — ווי אַזוי-זשע קען איך דאָ העלפן?

דאַן האָט זיך אָנגערופן דער אַמעריקאַנער:

— גיב דיין האַנט, שוועסטער.

זי האָט געהאָרכיק אויפגעהויבן די האַנט.

ער האָט באַטראַכט איר פּולס און געזען, אַז זי האָט שטאַרק היץ. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ ליכט, כּדי צו קענען בע־סער זען אין דער טונקלקייט, וואָס האָט דאָרט געהערשט, און זי געהייסן ברייט אויפמאַכן דאָס מויל. די צונג און די גאַנצע מויל־הייל זענען געווען פאַרלייגט זי האָט געהוסט און געכאָרכלט.

„אַלזאָ קראַנק איז זי זיכער", האָט ער געטראַכט, „אָן שום ספק!" ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס איר פעלט און האָט זיך איבערגעלייגט, וואָס ער זאָל דאָ טון.

— ווי לאַנג איז זי נישט געשלאָפן? — האָט ער געפרעגט אומזיכער.

דער אַמעריקאַנער האָט געענטפערט.

— שוין זינט דריי נעכט נישט. און פון נעכטן אָן געשפּי־נען מיר זיך דאָ און זענען מתפּלל פאַר איר. ווי באַלד יעזוס וויל, וועט ער אויסהיילן אונדזער שוועסטער. אַלע ישועות קומען פון בלוט פון לעמל.

— געוויס, — האָט באַשטעטיקט פראַנק ברוין, אָבער ער האָט געטראַכט: ס'וועט איר יעדנפאַלס נישט שאַטן, אויב זי וועט זיך גוט איבערשלאָפן: כ'וועל איר געבן אַ ביסל אָפּיום.

— וואַסער! — האָט ער אויסגערופן, — כ'וועל איר געבן אַ רפואה.

די פרוי האָט גענומען שרייען און וואַרפן מיט די הענט.

— ניין, ניין, ער וויל מיך אָפּסמען!

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן הויך זינגען און אַלע אַנוועזנ־דע האָבן איר אונטערגעהאַלטן:

„אָ, זינדיקע נשמה, קוק אויפן לעמל,
אויף דעם קרייץ, אויף דעם קרייץ, אויף דעם קרייץ,
וואָס האָט אויף זיך אונדזער זינד גענומען
אויף דעם קרייץ, אויף דעם קרייץ, אויף דעם קרייץ,
אָ, זע זיין בלוט, אָ, הער ס'געשריי:

ער לייזט דיך אויס פון שקלאַפעריי,
פון שטנס קייטן ווערסטו פריי —
אויפן קרייץ, אויפן קרייץ, אויפן קרייץ!"

דער פויער האָט לייכט אַ ווונק געטון מיטן קאָפּ צו אים און פראַנק ברוין איז אים נאָכגעגאַנגען אין פאָדערשטן צימער אַריין. וועניער האָט אַראָפּגענומען די קאַראַפקע פון דער פאָליצע און זי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— גיי און שיק מיר דאָ אַריין דעם מיסטער פעטער, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין. ער האָט אָנגעפילט צוויי גלעזלעך ביז די העלפט מיט וואַסער און אַריינגעלאָזט אין זיי עטלעכע טראָפּנס אָפּיום.

דאַן איז אַריינגעקומען דער אַמעריקאַנער.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, הער דאָקטאָר? — האָט ער געפרעגט.

— אָט־דאָ שטייט די מעדיצין — האָט געזאָגט דער דייטש. — איך גיי איצט אַוועק און דו זאָלסט זי דאָ דערלאַנגען דער קראַנקער. דו בלייבסט דאָ די גאַנצע נאַכט?

— יאָ — האָט געזאָגט פעטער באַסקלער, מיר וועלן דאָ וואַכן און מתפּלל זיין.

— אַלזאָ גוט — האָט פראַנק ברוין פאָרגעזעצט — איין גלאָז זאָלסטו איר תּיכּף געבן. זי וועט די רפואה גיכער נעמען, אויב דו אַליין וועסט זי איר דערלאַנגען — איך האָף, אַז זי וועט זיך נאָכדעם באַרויִקן און באַלד איינשלאָפן. און ווען זי וועט ווידער אויפוואַכן, זאָלסטו איר געבן דאָס צווייטע גלאָז. האָסטו מיך פאַרשטאַנען?

מיסטער פעטער האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ.

— און דו וועסט אויך אַזוי טון? — האָט יענער געפרעגט.

דערויף האָט געשוויגן דער אַמעריקאַנער. אָבער מ׳האָט זיך לייכט געקענט אָנשטויסן די כּוונה זיינע: צו נעמען די גלעזער

און זיי תיכף אַרויסצוגיסן, ווי באַלד יענער וועט זיך נאָר אויסדרייען מיטן רוקן.

פראַנק ברוין איז בייז געוואָרן. ער האָט אַ כאַפּ געטון פּיעטראָן באַ די אַקסלען און זיי גענומען טרייסלען. „קוק מיך נאָר אָן!" — האָט ער געפאָדערט. — „דו זאָלסט טון דאָס, וואָס איך זאָג דיר! איך פאַרלאַנג אַזוי, דו פאַרשטייסט?"

דער אַמעריקאַנער האָט געמורמלט:

— יאָ, איך וועל עס טון.

ער האָט צוגענומען די גלעזער און איז אַריינגעגאַנגען צו דער קראַנקער.

* *

*

צומאָרגנס האָט פראַנק ברוין באַגעגנט דעם פויער פאַר זיין הויז.

— נו, וואָס מאַכט עפּעס אייער פרוי? — האָט ער געפרעגט.

— איר האָט איר נישט געהאָלפן, — האָט געענטפערט מיט אומצופרידנקייט מאַריאַנאַ וועניער, — איך וועל אייך גאָרנישט באַצאָלן.

— כ'האָב דאָך גאָרנישט פאַרלאַנגט, — האָט געזאָגט דער דייטש. — און איך וויל כלל נישט קיין געלט. איך וויל נאָר וויסן, וואָס עס מאַכט די קראַנקע!

וועניער איז געוואָרן העפלעכער.

— עס איז איר שוין בעסער, מיין הער, זי וועט אַוודאי גיכן געזונט ווערן, איך דאַנק אייך, וואָס איר זענט געקומען.

און ער האָט שנעל צוגעגעבן:

— אָבער געראַטעוועט האָט זי דער אַמעריקאַנער!

דאַמאָלס האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַריין אין זיין הויז.

דאָס גאַנצע דאָרף איז פול געווען מיט דער אויסהיילונג פון מאַטילדע וועניער. מ׳האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען חרוב־קראַנק און אפילו די קונסט פון באַרימטן דייטשן דאָקטאָר וואָלט געווען אומזיסט, אָבער מיסטער פּעטער האָט באַ איר געוואַכט און מתפּלל געווען דריי נעכט כּסדר און האָט אַרויסגעריסן איר לייב פון שטנס נעגל.

* *

*

טערעזע איז אַריינגעקומען צו אים אין צימער.

— אמת, אַז איר האָט עס געזונט געמאַכט מאַטילדען — און נישט דער אַמעריקאַנער?

פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „זי איז אַליין געזונט געוואָרן“, אָבער ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז זיכער דער אַמעריקאַנער, ער האָט אַזוי שיין מתפּלל געווען.

דאָס מיידל האָט נישט געוווסט, צי ער רעדט עס ערנסט.

— ניין, ניין! — האָט זי זיך געשפּאַרט.

— אָבער פאָרט! — האָט ער איר איבערגעריסן — כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז כ׳בין נישט קיין דאָקטאָר, — אַריין! — האָט ער אויסגערופן, מחמת ער האָט דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר.

דאָס מיידל האָט געפּנט. ווען זי האָט דערזען פּיעטראָ, האָט זי זיך דערשראָקן און איז שנעל אַרויסגעלאָפן.

דער אַמעריקאַנער איז צוגעגאַנגען נענטער, פראַנק ברוין האָט אים באַגריסט און אים אָנגעוויזן אַ שטול.

פאַרלעגן האָט מיסטער פּעטער געריבן מיט די גרויסע, רויטע הענט איבער די הויזן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן, פאַר־האַקנדיק זיך, רעדן, אַז ער איז געקומען דאַנקען פאַרן אויסהיילן די שוועסטער. וואָס אָן אמת, זאָגט אפילו דער עולם פון דאָרף,

אַז ער גופא האָט עס אויסגעהיילט די פרוי וועניער, מחמת ס'האָט קיינער נישט געזען, ווי דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן די רפואה. אָבער ער אַליין ווייסט דאָס בעסער.

— אַזוי האָט איר אויפגעקערט דעם עולם? — האָט גע־פרעגט פראַנק ברוין.

— ניין, — האָט געזאָגט מיסטער פּעטער, — נאָך נישט. אָבער כ'וועל עס ערשט טון זונטיק נאָך מיטאָג, אויף דער פאַר־זאַמלונג. כ'וועל דערקלערן, אַז נישט איך, נאָר דער דייטשישער דאָקטאָר האָט אונדזער שוועסטער געזונט געמאַכט.

פראַנק ברוין האָט אים אָנגעקוקט.

— דאָס וועסטו נישט טון — האָט ער רויק געזאָגט.

— און פאַרוואָס עפּעס נישט? — פּיעטראָ האָט זיך גענו־מען רוקן מיט דער שטול אַהין און אַהער. — פאַרוואָס דען נישט? — איך מוז עס דאָך זאָגן. דאָס איז דער אמת. און דעם אמת דאַרף מען טייער האַלטן.

— דו זאָלסט דאָס נישט זאָגן. איך וועל אַהינקומען און זיך צוהערן, און ווײַבאַלד דו וועסט עס יאָ זאָגן, וועל איך אויפ־שטיין און דערקלערן, אַז דו זאָגסט שקר.

דער אַמעריקאַנער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול, אָבער פראַנק ברוין האָט אים אָנגענומען בײַם אָרעם און אים צוריק אַנידערגעזעצט.

— זעץ דיך צוריק אַוועק — האָט ער פאַרגעזעצט — דו וועסט מיך תיכף פאַרשטיין — נישט איך האָב אויסגעהיילט די פרוי פון מאַריאַנאַ וועניער, דו האָסט עס געטון.

פּיעטראָ האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט בײַם קאָפּ.

— איך? — האָט ער געשטאַמלט — איך? — אָבער איר האָט דאָך מיר אַליין געגעבן די מעדיצין?

פראַנק ברוין האָט געלייקנט.

— ניין, כ'האָב געגעבן נישט מער ווי ריין וואַסער, איך בין נישט קיין רופא, איך קען נישט היילן. נאָר דו אַליין האָסט

די קראַנקע געזונט געמאַכט — דו און דיין געבעט — דיר האָט דער הער יעזוס געגעבן די מאַכט פון חסד, נישט מיר!

פיעטראָ האָט געדרייט זיין הוט אין די הענט. ער האָט זיך מיט שוועריקייט געגריבלט אין די מחשבות, פאַמעלעך האָבן זיך געבילדעט אין זיין מוח די געדאַנקען, פראַנק ברוין האָט אים באַכאַמאַל איבערגעחזרט בפירוש דאָס אַלץ. דאַן האָט ער ערשט תופס געווען.

ער איז אויפגעשטאַנען, זיינע אויגן האָבן געגליט.

— הער דאָקטאָר — האָט ער געפרעגט — איז דאָס טאַקע אמת?

פראַנק ברוין האָט אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט און די שטאַרק געדריקט.

— יאָ! דאָס איז טאַקע אמת! און ער האָט געטראַכט: „פאַרוואָס זאָל איך נישט משקר זיין, ווי באַלד עס געפעלט דיר אַזוי שטאַרק?"

עס האָט אים שטאַרק הנאה געטון, בשעת ער האָט אַזוי באַטראַכט דעם אַמעריקאַנער. די ברוסט האָט זיך בא אים געהויבן, ער האָט אויסגעגלייכט די שמאָלע פלייצעס, ס'האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי ער וואָלט אויסגעוואַקסן אין דערדאָזיקער רגע. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און שוין האַלב געעפנט די ליפן, גלייך ער וואָלט וועלן רעדן צו זיין געמיינדע.

און פראַנק ברוין האָט געטראַכט:

„דו דאַרפסט מיר זיין דאַנקבאַר, מיין יינגל. ערשט איצט הייבסטו אָן גלייבן אין זיך".

ער האָט אים באַגלייט צו דער טיר; דער אַמעריקאַנער איז געגאַנגען פאַמעלעך, אומזיכער און וואַקלענדיק זיך, כמעט ווי אַ שיכור. אויף זיינע דינע, בלוט־אָרימע ליפן איז געלעגן אַ שטאָל־צער טריומף־שמייכל. אָבער דערדאָזיקער שמייכל איז פאַרשוווּנדן אין דער רגע, ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטון אויפן אַנדערן, ווען ער האָט זיך נאָר באַוווסטזיניק געמאַכט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם דאָזיקן צווייטן. ער האָט נישט געצווייפלט אין זיך גופא,

אָבער מיטן גרויסן גלויבן אין זיך אַליין, האָט ער אַרויסגעשפּילט נאָך אַן אַנדערן גלויבן: אין דער איבערמאַכט פון פרעמדן.

ער האָט געזאָגט הכנעהדיק:

— איך דאַנק אייך, הער דאָקטאָר.

ס'איז נישטאָ פאַרוואָס — האָט געענטפערט פראַנק ברוין — כ'וועל אינגיכן קומען אויף דיינס אַ פאַרזאַמלונג. — ער האָט געשאָקלט מיט דער האַנט. — אַ גליקלעכן וועג, אליהו.

פּיעטראַ האָט געעפנט די טיר, געזעגנט זיך. — פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן און, פאַרהיקנדיק זיך, געפרעגט: הער — פאַרוואָס רופט איר מיך עפּעס — אליהו?

„מיאוסער שוטה! — האָט פראַנק ברוין געטראַכט. — צי פילסטו דיך דען נאָכנישט פאַר קיין נביא?" — און ער האָט געזאָגט:

— גיי איצט אַהיים. איך וועל עס דיר אַן אַנדערש מאָל זאָגן.

ווי נאָר פּיעטראָ איז אַרויס פון הויז, איז באַלד אַרײַן אין צימער טערעזע.

זי האָט אויסגעזען אויפגערעגט, אירע באַקן האָבן געברענט. ין אָן אָטעם האָט זי געפרעגט:

— וואָס האָט ער געזאָגט? נאָכוואָס איז ער אַהערגעקומען?

— וואָס גייט עס דיך אָן? — האָט פראַנק ברוין געענטפערט. — ער איז געקומען צו מיר און, נישט צו דיר.

אָבער זי האָט געציטערט און שווער געסאָפּעט.

— איך וויל נישט, אַז ער זאָל דאָ אַהערקומען! ער טאָרף דאָ נישט קומען! —

ער איז צוגעטרעטן האַרט צו איר און אָנגענומען איר אָרעם.

ער האָט זי שאַרף אָנגעקוקט, אַזוי, אַז זי האָט אויפגעציטערט. שטיל, גלייך זי וואָלט זיך אַנטשולדיקט, האָט זי געזאָגט: — ער האָט אַ בייז אויג.

פראַנק ברוין האָט זי צוגעצויגן צו זיך און זי לייכט אויפ-

געזעצט אויף זיין שויס. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט איר אַ ווונק געטון, אַז זי זאָל זיין שטיל. ער האָט אָנגעלעגט איר קאָפּ אויף זיין אָרעם און שנעל געגלעט מיט דער האַנט אירע שלייפֿן. זי האָט זיך נישט געווערט, מיט אַ רויִקן אָטעם איז זי געלעגן אויף זיין ברוסט.

ער האָט זי אַרומגעהאַלטן מיט דער לינקער, בשעת ער האָט מיט דער רעכטער אויסגעפֿירט די איינשלעפֿערנדיקע באַוועגונגען. ער האָט זי שאַרף אָבסערווירט, זיין בליק האָט זיך איינגעגראָבן אין אירע אויגן. דערנאָך האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט דאָס לייכטע בלינצלען פֿון אירע אויגן, די בינד-הויט האָט זיך לייכט געטרייסלט, די אויגן זענען געשטאַנען ברייט אָפֿן.

ער האָט אַ באַפֿרידיקטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זי אויפֿגעשטעלט און זי איז שטיין געבליבן אויפֿן זעלבן אָרט. ער איז אויפֿגעשטאַנען, אָנגענומען איר אָרעם, איר האַנט. אַלע אברים האָבן אַרויסגעוויזן גרויס נאָכגיביקייט און אויסגעפֿירט אויטאָמאַטיש די באַוועגונגען, וועלכע ער האָט פֿאַרלאַנגט, און זענען געבליבן אין דער זעלבער פּאָזע, וואָס ער האָט זיי געגעבן. גרויסע טרערן זענען אַראָפּגערונען פֿון דעם קאַטאַלעפּטישן מיידלס אויגן.

ער האָט זי געפּרוּווט שטאַרק שטעכן מיט אַ נאָדל אין אָרעם. אָבער איר פּנים האָט נישט געוויזן קיין שום סימן פֿון ווייטיק. דאָס איז אים גענוג געווען, מחמת ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו דידאַקטיקע שפּילערייען. ער האָט שנעל געשלאָסן מיטן פֿינגער אירע ביידע אויגן-לעדלעך.

אירע אויגן האָבן זיך ווידער געעפֿנט און זיך אויפֿסבי־ פֿאַרשלאָסן. האָבן זיך נאָכאַמאָל ברייט געעפֿנט און זענען לסוף געבליבן האַלב געשלאָסן. די אויגאָפּלען זענען קראַמפּהאַפֿט געווען אויפֿגעהויבן אינדערהייך, די לעפֿלעך זענען כסדר געווען אין צאַפּלענדיקער, ציטערנדיקער באַוועגונג. איר קאָפּ איז טיף אַרונטערגעזונקען אויף דער ברוסט, דאָס לייכטע גערויש פֿון אַ העצ־שען איז אַרויסגעדרונגען פֿון איר קעל. ער האָט אויפֿגעהויבן איר אָרעם: ווי בליי איז ער צוריק אַראָפּגעפֿאַלן. ער האָט אָנ-

גענומען איר עלנבויגן, אָפּגעווּוּכט דעם נערוו און אים שטאַרק אַ דריק געטון. מאָמענטאַל האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן די מוסקולן, וועלכע דערדאָזיקער נערוו האָט באַדינט, און די האַנט האָט אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון חיהשע בעגל.

— לעטאַרגיע — האָט ער געמורמלט, — איצטער לאָזישע דאָס אַזוי, מיין קינד — ס'איז נישט גוט צו האָבן אַן איינגענעם ווילן!

ער האָט זי צוריקגעדריקט אין דער שטול אַראָפּ, אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר אויפן טיש און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט געקוקט אויף איר, געגרויבעלט און געקלערט.

„ווי מאָדנע ס'איז פאָרט”, האָט ער געטראַכט, „צי זעט דאָס נישט אויס, ווי איך וואָלט געווען דער מכשף? — און פונדעסטוועגן ווייס איך גוט, אַז נישט איך פאַרמאָג דעמדאָזיקן כוח, נייערט דו, מיין קינד! און אויב כ'וועל מיט דיר, אָדער מיט דעם שוטה, וואָס דו פאַרטראָגסט נישט, דעם אַמעריקאַנער, וועלן עפּעס דורכפירן, איז עס דאָך סוף-כל-סוף נאָר אייער אייגענער כוח, וועלכער שאַפט און נישט מיינער! איך קען נאָר דענקען, איר אָבער קענט טון! — די וויסנשאַפט האַלט, אַז איר זענט עלנטע זוולאַים און זי איז אפשר גערעכט. — זי וויל אייך היילן, אויף וויפל זי עס בכוח. איך אָבער בין נישט קיין רופא און כ'וויל אייך כלל נישט היילן. אייער קראַנקהייט איז אַ כוח, וועלכן כ'וויל אויסנוצן, אויף וויפל איך וועל אימשטאַנד זיין.

ער האָט אָפּגעזיפצט און אַרויסגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס דורכן אָפענעם פענסטער.

— דאָס הייסט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — אויב כ'וועל האָבן השק דערצו, — מחמת ווער ווייסט, אויב איר וועט מיך נאָך מאָרגן אינטערעסירן? — אפשר איז גאָרנישט כדאי די טירחה, אייך, ליאַלקעס, צו הייסן טאַנצן — ווער קען דאָס וויסן? אפשר זענט איר נאָר נאַרישער, היסטערישער, געוויינטלעכער שטאָף. קליניקבאַשע פאַר בייגעריקע דאָקטוירים! — מחמת זעסטו, מיין טייער

קינד, אויף דער בינע, ווי איך בין האַר, מוז עס הויך אויפשטייגן! די וויכטיקסטע און מלוכהשע אַקציעס!

ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט דורכן פענסטער אויף דעם דאָרף און דער אָזיערע.

— טו נאָר אַ קוק אַהין, מיין פופעלע, — האָט ער אויסגערופן, — דאָרט ליגן דיינע ברעטער! ווילסטו טאַנצן אַ שיינעם „פאַ דע דאַנס" מיט דיין ליבן מיסטער פעטער? און דאָס גאַנצע דאָרף וועט זיין דער כאָר". ער האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. — אַך, דאָס וועט מוזן זיין אַ שיינע פיעסע, ווייל איך — דאַנקען גאָט — בין נישט קיין דאָקטאָר! אַ שאַרלאַטאַן בין איך. — אָבער נאָר אַ שאַרלאַטאַן קען וווּנדער באַשאַפן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און צוגעגענגט צו איר.

— קום, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט — לאָמיר גיין נאָך אַ שריט ווייטער.

ער האָט איר אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן קאָפּ און אַ צי טוענדיק מיטן צייגפינגער, אַרויסגערופן אַ לייכטן ריין אין איר קאָפּ-שיידל. נאָך עטלעכע רגעס האָבן זיך אירע אויגן פולשטענדיק געשלאָסן, דערנאָך האָט זי גענומען טיף אָטעמען, די לעטאַרגיע האָט אָפּגעלאָזט. מער אויס רגילות, איידער כדי זיך באמת איבערצוצייגן אין דעם איינטרעטן פון דער דריטער פאַזע פון איר שלאָף, האָט ער געמאַכט עטלעכע פּרוּוון, ער האָט פעסט געשטעלט, אַז דורך דעם לייכטן אויפרייצן די הויט האָבן זיך די מוסקולן פון דער סאָמנאַמבולין צונויפגעצויגן און דורך דער זעלבער באַוועגונג זיך צוריק אויפגעלעזט. ער האָט גערעדט צו איר און איר געגעבן עטלעכע באַפעלן; זי האָט שטיל געענטפערט און תיכף אויסגעפירט דאָס וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

דערנאָך איז אים דאָס דערעסן געוואָרן, און ער האָט שוין געטראַכט זי אויפצוּוועקן. אָבער ער האָט אגב א רחה, נישט שטאַרק גלייבנדיק אין דערפאָלג, געמאַכט אַ ווייטערדיקן עקספערימענט.

ער האָט איר באַפוילן צו עפענען ברייט די אויגן און האָט פלוצלינג, אָן איבערגאַנג, דערנענטערט זיין פנים צו אירס. געקוקט אויף איר שטאַר און דורכדינגעגנד. אירע באַקן האָבן זיך

פאַרזיפּלט, דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ שפּאַר געטון צום קאָפּ צו. די אַפּלען האָבן זיך געוואַלטיק פאַרברייטערט. ער האָט אָנגענומען איר האַנט, נישט אַראָפּנעמענדיק פון איר דעם בליק, און געציילט דעם דופּק — הונדערט און צוואַנציק קלעפּ אויף אַ מינוט — איצט איז זי געווען אינגאַנצן צוגעשמידט צו זיין בליק.

ער האָט זיך גענומען רוקן הינטערווײַלעכץ; דאָס מיידל איז אים נאָכגעגאַנגען, מיטן קאָפּ פאָרויס אויסגעשטרעקט, מיט אויפגעהויבענע אַקסלען, בשעת די אָרעמס זענען אַראָפּגעהאָנגען לענגויס דעם קערפּער. משונהדיק פּוסט האָט אויסגעזען איר פּנים, די פּנים-שטריכן אומבאַוועגלעך. די אויגן זענען געווען שטאַר, קיין מוסקל האָט נישט געציטערט, קיין שום וואָרט איז נישט אַרויס פון די פעסט געשלאָסענע ליפּן. פאַרשטיינערט איז געווען דערדאָזיקער אויסדרוק, און נאָר איין געדאַנק האָט געטריבן איר מוח. דעם דאָזיקן לייכטנדיקן פּונקט, זיינע אויגן נישט צו פאַרלירן — זאָל עס אפילו אַ וועלט קאָסטן.

און דאָס איז געווען דאָס גרויסע: איצט האָט דאָס מיידל געפילט, וואָס מיט איר איז געשען. זי איז געווען בײַם העלן, קלאָרן באַוואוסטזיין. יעדע מינדסטע באַוועגונג האָט זיך איינגעקריצט אין איר מוח. ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו איר, האָט איר אַ קניפּ געטון אין אָרעם, גענומען דאָס מעסער פון טיש אַראָפּ, אַ שטאָך געטון איינמאָל, אַ צווייט און אַ דריט מאָל, אַז ס'האָט אַזש דאָס בלוט אַ שפּריץ-אויף געטון, זי האָט עס גאַנץ גוט געזען און געוואוסט, וואָס ער האָט געטון, אָבער זי האָט נישט געשפּירט קיין ווייטיק און ס'איז איר נישט געווען אומאָנגענעם. זי האָט אפילו נישט געפילט קיין שרעק — שטאַר און אומבאַוועגלעך איז זי געהאָנגען אָן זיינע אויגן, ווי אַ קליינער פויגל אָן דעם בליק פון שלאַנג.

פראַנק ברוין האָט זי געהאַלטן מיט זיינע אויגן. אָבער זיין בליק איז געווען אַ פרייליכער און שטיל שמייכלענדיקער. ווי עפּעס אַ זיסע וואַרימקייט האָט ער געפילט אין זיך דעם גרויסן, וואַקסנדיקן כוח.

די התפעלות! — האָט ער געמורמלט. — אַ, דאָס מיידל איז גוט — אַן אויסגעצייכנט מאַטעריאַל!

ער האָט גענומען איר קאָפּ אין זיינע אָרעמס און לייכט אַ בלאָז געטון אין אירע אויגן. זי האָט תיכף אויפגעוואַכט. דער שטאַרקער אויסדרוק איז פאַרשוווּנדן, די גאַנצע באַוועגלעכקייט האָט זיך אומגעקערט. זי האָט אויסגעזען דערשטוינט און צעמישט, אָבער נישט איבערגעשראָקן.

— וואָס האָסטו געטון מיט מיר? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— דו ווייסט דאָך.

דאַן האָט ער אויפגעהויבן איר אָרעם און איר אַראָפּגעקושט דאָס בלוט פון די ווּנדן.

— האָט עס וויי געטון? — האָט ער געפרעגט.

— ניין — האָט זי געלאַכט — גאָרנישט! אָבער פאַרוואָס האָסטו עס געטון?

— פאַרוואָס? — האָט ער געלאַכט — פאַרוואָס? כ׳ווייס אַליין נישט. און ווען כ׳וואָלט אפילו געוווּסט און וואָלט עס דיר געזאָגט, וואָלסטו עס דאָך אויך נישט פאַרשטאַנען. — טאָר איך דען נישט מאַכן מיט דיר, וואָס כ׳וויל?

זי האָט אים געקושט אין ביידע הענט.

— יאָ — האָט זי געזאָגט. — דו מעגסט מאַכן מיט מיר, וואָס דו ווילסט.

ער האָט געטראַכט: „ווי רירנד! מיט דער גוטהאַרציקער דערלויבניש פון דיר, פון דיין פאָטער און פון דיין ווידוי-בע-מער! — וואָס אַן אמת, האָב איך איצט אויך באַקומען דיין דער-לויבניש ערשט לאחר-המעשה!"

אָבער ער האָט געזאָגט:

— אַ שיינעם דאַנק, דו ביסט זייער ליבלעך. — אינגיכן וועסטו מיט מיר מיטגיין אויף דער פאַרזאַמלונג פונם אַמעריקאַ-נער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געגעבן קיין שום

ענטפער. איר ברוסט האָט זיך געהויבן, און ער האָט געזען ווי זי האָט געקעמפט מיט זיך. לסוף האָט זי שטיל געזאָגט: „יאָ“.

— ס'איז פאָרט נאָך פאַרהאַן אַ פּיצעלע ווילן? — האָט ער געפרעגט. — קום, מיין קינד, — האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך, און האָט לייכט אַריבערגעפירט די האַנט איבער איר קאָפּ, פּנים, אָרעמס און ברוסט. דאָ און דאָרטן האָט ער געגעבן אַ לייכטן דריק, זוכנדיק ערגעץ אַ באַקוועם אָרט אַרויסצורופן דעם היפּנאָז. ענדלעך האָט ער עס געפונען אונטערן גרויסן פינגער פון דער לינקער האַנט. ער האָט דאָרט לייכט אַ דריק געטון און דאָס מיידל איז אין דער זעלביקער רגע אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

אָבער ער האָט ווייטער אַ בלאָז געטון אין אירע אויגן און זי ווידער אויפגעוועקט.

„איצט איז זי מיינס אַ זאַך“, האָט ער געטראַכט.

— הער זיך איין, אָבער איך בין שרעקלעך הונגעריק! — האָט ער געזאָגט. — צי איז גאָרנישט פאַרהאַן וואָס צו עסן היינט אינאָוונט?

— פאַרוואָס עפּעס נישט? — האָט זי אויסגערופן — איך לויף באַלד אַראָפּ אין קיך, אין איין רגע וועט אַלץ זיין פאַרטיק.

— מאַך עס גיכער, — האָט ער געזאָגט. — און דערנאָך וועלן מיר אַ ביסל אַרויספאָרן אין אַ שיפל אויף דער אָזערע. דו וועסט רודערן און איך וועל דיר דערציילן. ווילסטו אַזוי?

זי האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז.

— צי איך וויל!

ער האָט איר לייכט אַ קוש געטון.

— אָבער ווייסטו, דאָסמאָל קיין שום נאַרישקייטן וועגן מיין אַרבעט. — כ'וועל דיר דערציילן אַ מעשהלע!

— יאָ — יאָ — יאָ! — האָט דאָס מיידל מיט פרייד גערופן — אַ מעשהלע! אַ מעשהלע!

*

*

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. האָט געזען ווי זי איז אַריינגעלאָפן אין גאָרטן אַפצורייסן טרוסקאַווקעס. פלוצלינג איז אונטערג לאָפן צו איר עפעס אַ יינגל און איר געהאָלפן צו טראָגן אין ביידע הענט גרויסע צווייגן מיט ווייסע ווינטערלעך. ער האָט אים דערקענט, דאָס איז געווען דאָס קליינע יינגל, וואָס ער האָט געזען, בשעת ער האָט צום ערשטן מאָל אַראָפּגעפירט אין טאָל פון סקאַדראַ. ער האָט אַ ווונק געטון צו אים און געפרעגט: „ווי הייסטו?"

טערעזע האָט אַרויסגעקוקט.

— ער פאַרשטייט נישט — האָט זי געזאָגט — גינאָ הייסט ער; ער איז טויב-שטום.

זי האָט אים געגלעט איבער דער באַק און אים געגעבן סימנים מיט די פינגער; דאַן האָט דאָס יינגל אַרויפגעקוקט צום פענסטער, איז רויט געוואָרן און זיך געגריסט אומגעלומפערט און פאַרלעגן.

— איז ער דיין האָדעוואַניק? — האָט פראַנק ברוין געפרעגט.

דאָס מיידל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, דאָס איז ער טאַקע. ער איז אַ קהליש קינד, האָט נישט קיין פאָטער און נישט קיין מוטער; קיינער זאָרגט נישט פאַר אים.

זי האָט אים געגעבן אַ פּאָר צייכנס מיט די הענט; זיין מאָגער פּנים האָט אויפגעשטראַלט, און ער איז שנעל אַוועקגעלאָפן אין קיך אַריין.

דער טיש איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין קיך אַריין, דאָרט איז שוין געלעגן דאָס קליינע יינגל אויף דר'ערד לעבן פייער און געשניטן שפענדלעך. ס'איז אַריינגעקומען דער קנעכט, האָט אַראָפּגענומען אַ שווערן קויש פון די פּלייצעס און אויסגעשיט די שייטלעך האָלץ הארט לעבן אים. די ציג מאַרפּע איז אים נאָכגעלאָפן.

— היי אַנדזשעלאָ! — האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. — וואָס מאַכט עפּעס וועניערס פרוי?

דער קנעכט איז געשטאַנען און הויך אויפגעהויבן די אַקסלען אויף זיין פנים האָט זיך צעלייגט זיין געוויינטלעך ברייטער און לעקישעוואַטער שמייכל.

פראַנק ברוין האָט געקוקט אויפן דאָזיקן אידיאָטישן שמייכל — צי איז נישט מעגלעך דידאָזיקע אייביקע, טעמפּע גלייכגילטיקייט כאָטש איינמאָל ארויסצוברענגען פון גלייכגעווויכט? עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ קינדישער, שטיפערישער חשק. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די שטיינערנע טרעפּ, און אָנגעהויבן אַרום הויז מאַכן אַ ראָד מיט די הענט, ווי עפּעס אַ משוגע-געוואָרענער זשוק. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט דעם תמיד-וואַטעשמייכלענדיקן קנעכט, אים אָנגעשטעלט אינמיטן ראָד און גענומען הין און צוריק אַריבערשפּרונגען איבער אים. לסוף האָט ער זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, נאָכדעם זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק אויף די הענט, זינגענדיק און ריטשענדיק דערביי ווי אַ משוגענער. טערעזע איז אָנגעקומען פון גאָרטן, טראָגנדיק אין האַנט אַ קויש טרוסקאַווקעס; אַ ווײַלע האָט זי געקוקט דערשטוינט אויף זיינע משוגענע שפּרונגען, דערנאָך האָט זי גענומען שרייען און לאַכן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. דאָס יינגל גינאָ האָט אַרויסגעקוקט פון דער קיך, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט; ער האָט פון גרויס פרייד געפּאַטשט מיט די הענט.

אָבער דער קנעכט איז געשטאַנען שטום און טויב ווי אַ ברייט קלאָץ אויף זיין אָרט, און האָט זיך צומאָל נישט גערירט. פראַנק ברוין איז אויפגעשפּרונגען און געמאַכט אַ ווייזיקן קוזשעליק האַרט לעבן צבנדזשעלאָ.

— נו צבנדזשעלאָ, — האָט ער אויסגערופן, ווי געפעלט עס דיר?

דער קנעכט האָט פאַרלעגן געלאַכט.

— הער — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — איך בין נישט קיין היגער!

V.

די וועלט עקזיסטירט — ווייל מיר זעען זי. אָסק. אויילד. די ירידה פון שקר.

דאָס מיידל האָט אָפּגעפונדן דעם שטריק פון דרעגגל, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער באַנק און גענומען אין דער האַנט אַריי די וועסלעס. ער האָט צוגענומען באַם רודער און פאַרקירעוועט אינמיטן דער אָזערע אַריין.

— מיטן גאַנצן כּוח! — האָט ער אויסגערופן.

לאַכנדיק האָט זי זיך איינגעבויגן. זי איז געווען קרעפטיק גענוג, און דאָס שיפל האָט זיך געגליטשט ווי א ווירע איבער דער אָזערע, גלייך צום מערבדיקן ברעג־צו. האַרט לעבן די פעלזן האָט ער געמאַכט אַ שיינעם טור, און פלייסיק אַכטונג געגעבן, אַז די וועסלעס זאָלן זיך נישט אַנשלאָגן אָן די שטיינער. אַזוי האָט ער זי געיאָגט אַרום און אַרום דער אָזערע, פּאַזע די ברעגן, און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע.

ס'איז איר הייס געוואָרן, זי האָט זיך הויך פאַרקאַשערט די אַרבל, אויפגעשפּילט די בלוזע. אירע מוסקולן האָבן זיך אָנגעשפּאַנט, זי האָט מיט אַלע כוחות געשיפּט. אָבער אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן פון שטאָלץ, בשעת ער האָט זי געלויבט.

אײַנמיטן וואַסער-ראַר האָט ער זי געהייסן אַוועקלייגן די וועסלעס אין שיפל. זיי זענען געלעגן שטיל אונטער די אַראָפּ-הענגענדיקע ווערבעס, וועמענס לאַנגע צווייגן עס האָבן פאַר זיי אַ מקלט געבילדעט. די לבנה איז אויפגעגאַנגען אויף מערב-זייט איבער די בערג און געוואָרפן טאַנצנדיקע זילבער-פלעקן דורך די בלעטער. הינטן האָט זיך דער שטראָם פּיאַווע אַראָפּגעקייקלט אין לאַנגע שפּרונגען פון די פעלזן אַראָפּ. זיין גערויש האָט זיי ביידע איינגעהילט ווי מיט אַ ברייטן גרויען מאַנטל.

דאַן איז דאָס מיידל אויפגעשטאַנען פון איר באַנק און זיך אַנידערגעזעצט אים צופיסנס. זי האָט אַ וואָרף געטאָן די צעפּ אַהינטער און אַרויפגעבליקט צו אים.

— דערצייל-זשע! — האָט זי געבעטן — עפּעס אַ מעשהלע!

— דאָס מעשהלע? — האָט ער פּאַמעלעך געפרעגט. — אָך, עס איז אַ טרויעריקע געשיכטע.

זיין האַנט האָט גערוט אויף איר קאָפּ, און דאָך האָט ער זי נישט געפילט. ער האָט געבליקט דורך די צווייגן אַהין צו דער העלער, שטילער אָזערע און אַרויף צו דער לבנה. ער האָט זיך געפילט זיכער אין זיין איינזאַמען מקום-מקלט, אין טאָל פון סקאָדראַ, ראָד-אַרום געשיצט פון הימל-הויכע בערג און בפרט איצטער, שטיל פאַרבאָרגן אין דערדאָזיקער גרינער הייל — ווייט פון גאַנצן לעבן. דאָ האָט ער זיך געפילט זיכער אַקעגן אַלע מענטשן, און קיין שום שונא וואָלט אים נישט געקענט געפינען אין דאָזיקן מויזן-לאָך. דאָ איז ער געווען אַליין.

און פונדעסטוועגן איז עפּעס אַזוינס געשען לעבן אים. יאָ, ווער אייגנטלעך? עפּעס, וואָס האָט אים ליב, עפּעס, וועמענס אַנוועזנהייט עס האָט אים געגעבן אַ שטילע, ליבלעכע מנוחה. מאַרפאַ, די ציג, אָדער דער קאָטער. אָדער אפשר גאָר טערעזע. עמעצער פון זיי. אָבער זיכער אַ שטיק פון דער נאַטור — —

אלצדינגס, ווי אזוי עס חייסט. ער האָט נאָר געפילט, אַז עפּעס איז דאָ געווען, וואָס האָט געהאַט לעבן און אָטעם, אַז ס'איז געווען אַ פרעמדע זאַך און דאָך זיין אייגענע, וואָס האָט צו אים געהערט.

דאָס איז עס געווען, וואָס ער האָט באַדאַרפט, אַ שטומע זאַך, צו וועלכער ער זאָל קענען רעדן.

ער האָט עס גוט געקענט, אָט דאָס געפיל, וואָס שטעקט אין אַלע מענטשן. דידאָזיקע גרויסע בענקשאַפט זיך מתוודה צו זיין. די פרומע לייט האָבן זיך גוט, האָט ער געטראַכט, זיי גייען צום גלח. און די, וואָס זענען נישט פרום, קלויבן זיך אויס אַ ווידוי-נעמער, זיי גייען צו דער געליבטער, אָדער צום גוטן פריינט. יענער מוז אויסהערן און מוז די מחילה געבן.

ער אָבער האָט נישט געהאַט, נישט קיין פריינט און נישט קיין געליבטע.

פרידער האָט ער געהאַט אַ פודעל, און פאַר די גרויסע אויגן פון דערדאָזיקער חיה האָט ער אַ סך אָנדערציילט. און ווען ער האָט אים די האַנט געלעקט אָדער ווען ער האָט מיטן עק געדרייט, איז דאָס געווען אַ צייכן פון מחילה.

אָבער זיין פודעל איז געווען טויט.

ער האָט געגלעט טערעזען, ווי זיין געטרייען הונט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער ליגט אַזוי אינדערהיים, ווי אין די אַלטע צייטן, בשעת ער איז געגאַנגען אין שול. ער איז געלעגן אויף חייכע פעלן פאַרן קאַמין, אין דער טונקלקייט פון בין-השמשות, בשעת ס'איז דאָרט קיינער נישט געווען אין גאַנצן הויז. מערניסט ער אַליין און די שוואַרצע חיה.

— קום אַהער, אַלי, קום, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט גערעדט מיט דיר! קום נאָר אַהער, איך האָב דיר ? זוי פיל צו דערציילן!

דאָס מיידל איז שטיל געלעגן בײַ זיינע פיס און זיך נישט גערירט. ער האָט געזאָגט:

— זעסטו, מיין גוטע חיה, ס'האָט שוין ווידער עפּעס פּאַסירט. דערמאָנסטו זיך, ווי מיר זענען ביידע געגאַנגען שפּאַצירן הינטערן שלאָס אינאָווגט, פאַריקע וואָך? — פּלוצלינג איז אונטערגעקומען

טעקלע! — ניין, ניין, דו ווייסט דאָס נישט, דו ביסט גראָד געווען אין גאָרטן און זיך געיאָגט נאָך די קאַטשקעס. — תּמיד מיט דיינע קאַטשקעס! נעכטן איז ווידער אָנגעקומען אַ פּראָטאָקאָל פֿון דער פּאָליציי — צען מאַרק, ווייל עס איז שוין דאָס דריטע מאָל הייַנטיקן האַרבסט. די מוטער איז שטאַרק אין כּעס און זאָגט, אַז זי וועט נישט באַצאָלן און אַז איך זאָל דיך משלח זיין. אָבער זי באַצאָלט פֿאָרט און איך בין דיך נישט משלח. — איבעריקנס, וואָס וואָלט דען געהאָלפֿן, ווען מ'וואָלט דיך אַרויסגעטריבן? וואָלסטו דען נישט אויפֿן צווייטן טאָג צוריקגעקומען?

יאָ, דו האָסט דיר גאַנץ גוט! דו פֿירסט זיך כּלל נישט אויף, ווי אַ גוט דערצויגענער הונט. דו מאַכסט אַ תּל פֿון די בייטן און יאָגסט זיך נאָך קאַטשקעס און רייסט אָפּ באַ מענטשן די הויזן, וועלכע דו קענסט נישט ליידן. דו פֿאַרשמוצסט דאָס גאַנצע הויז, אַזוי, אַז מ'קען שוין פּשוט אויף די טרעפּ קיין טעפּיך נישט לייגן. צוויי מאָל טעגלעך מוזן די דינסטן זיי אַרויפֿוואַשן פֿון אויבן ביז אונטן, און דיך מוזן זיי שעהן לאַנג וואַשן, די מושב־זאַק אייגנער! אויך איך דאַרף האָבן צוויי פּאָר אויסגעפּוצטע שטיוול אַ טאָג. מורמלען זיי, אָבער צי האָט זיך דען עמעצער באַקלאָגט אויף די אַרבעט, וואָס דו מאַכסט זיי אָן? זיי זענען שטאָלץ, אויב דו באַוויליקסט אַרייַנצוקומען אין קיך, אָדער ווען דו באַגלייטסט עמעצן פֿון זיי אַ פּאָר גאַסן. יאָ, יאָ, קלאַפּ נאָר צום טאַקט צו מיטן עק, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס איז דייַן אופֿן ווי אַזוי מיך אויסצולאַכן.

קום אַהער, אַלי, זיסזשע אַנשטענדיקע! זאָג מיר פֿאָרט ווי אַזוי דו מאַכסט עס, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גוט צו דיר?

דען ווייסטו, צו מיר איז קיינער נישט גוט. קיינער נישט. אַלע פּייניקן מיך, אַלע טרעטן מיך, אַלע שלאָגן מיך.

הער זיך איין:

— אַלזאָ טעקלע איז אָנגעקומען פֿון הינטער די וואַלן פֿון אַלטן פּאַלאַץ. איך בין רויט געוואָרן און האָב זיך פֿאַרשעמט. איך שעם מיך תּמיד.

און פאַרוואָס עפּעס, ליבער הונט, הלמאי? הלמאי האָב איך תּמיד דאַסדאָזיקע מיאוסע געפיל?

בשעת איך דאַרף מיר קויפן אַ שיל-העפט, שטיי איך אָפּ אַ פערטל שעה הינטערן געזעלב-פענסטער, איידער איך וואַג אַריינצוגיין. איך שעם מיך. — ווען ס'קומען צו אונדז געסט גיי איך נישט אַרויס פון מיין צימער, איך שעם מיך.

און פאַרוואָס איז עס אַזוי? איך וויין פאַר כעס און בייס מיין נאָזטיכל, אָבער דאָס העלפט גאָרנישט.

— אַלזאָ טעקלע איז אונטערגעקומע. איך האָב מיך געשעמט און בין רויט געוואָרן, און האָב זיך נישט געגריסט צו איר. דערנאָך בין איך איר נאָכגעגאַנגען און געוואָלט מיט איר עפּעס רעדן. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך און, באַם עק גאַס זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט. אָבער כ'האָב זיך ווידער אויסגעדרייט און נישט צוגעגאַנגען צו איר. איך האָב מיך געשעמט.

אינדערהיים האָב איך איר אָנגעשריבן, אָדער ריכטיקער, כ'האָב איר געוואָלט אָנשרייבן. אָבער ס'איז גאָרנישט געוואָרן דערפון: כ'האָב זיך געשעמט איר צו שרייבן, אַז כ'האָב זיך אַזוי געשעמט.

דערנאָך איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז כ'האָב אָנגעשריבן אַ געדיכט. כ'האָב עס איבערגעשריבן אויף ריין און עס איר אַוועקגעשיקט.

ווייסטו, אַלי, וואָס זי האָט געטון? זי האָט עס אַוועקגעגעבן איר מומען! און די מומע האָט עס אָפּגעשיקט צו מיין לערער פון מאַטעמאַטיק. און יענער האָט עס געבראַנגט דעם דירעקטאָר — איצט גייט אויף מיר שבת, צוויי שעה קאַרצער, און זיי וועלן עס נאָך דער מוטער אויך דערציילן, און דאָס איז טאַקע דאָס ערגסטע.

זעסטו, אָט דאָס האָט פּאַסירט.

נו, איצט זאָג מיר, וואָס אַזוינס האָב איך געטון, וואָס זיי זענען אַלע אַזוי שלעכט צו מיר? ווי באַלד טעקלען איז נישט געפעלן מיין ליד, פאַרוואָס-זשע האָט זי עס נישט צעריסן? און די מומע — פאַרוואָס האָט זי מיך נישט גערופן? זי קומט דאָך

אזוי אָפּט צו אונדז אין שטוב אַריין — כ׳וואָלט איר געהיס זייער גערן צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל מער נישט שרייבן קיין געדיכט פאַר אַט־דער טעקלע. — ניין, זי האָט עס גלייך אָפּגעשיקט אין גימנאַזיע! ווען זי וואָלט עס לכל־הפּחות אוועקגעגעבן דעם דייטשישן פּראָפעסאָר, אָדער דעם גריכישן — וועלכע זי קען דאָך אויך! דאַן וואָלטן זיי ביידע זיך אויסגעלאַכט און וואָלטן מיר געגעבן אַן התראה.

אָבער ניין — זי האָט עס דווקא געמוזט שיקן צו דעם מיאוסן מאַטעמאַטיקער! ווייסטו פאַרוואָס? מחמת זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איך קען גאָרנישט קיין מאַטעמאַטיק און אַז דער־דאָזיקער נאַרישער פאַרשוין קען מיך נישט ליידן דעריבער! — און ער, פאַרשטייט זיך, האָט געמוזט מאַכן אַ גרויס געוואַלט און לויפן גלייך צו דירעקטאָר:

וואָס האָב איך דען געטאָן? איך האָב זיך צו טעקלען נישט געגריסט, דאָס איז אמת. אָבער זי ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז כ׳וואָלט זיך זייער גערן געגריסט צו איר און מיט איר גערעדט, און נאָכמער. און דערנאָך האָב איך צו איר געשריבן דאָס ליד. נו, דאָס איז דאָך אויך נישט אַזוי שרעקלעך? כ׳האָב איר געשריבן, ווייל כ׳האָב זי ליב געהאַט און כ׳האָב זיך געוואָלט אַנטשולדיקן. — דאָס איז געווען זייער נישט טאַקטיש, האָט געזאָגט דער דירעקטאָר. אויב מען שרייבט שוין יאָ לידער, דאַרף קודם־כל, האָט ער געזאָגט, נישט דערמאָנט זיין אין זיי חנבן קיין מיידלעך. נו, פרעג איך דיך, זלי, טאָ וואָס־זשע זאָל אין זיי דערמאָנט זיין? איך קען דאָך איר נישט אָנשרייבן קיין באַלאַדע וועגן ריזן און ריטערס — ווייל כ׳האָב זיך נישט געגריסט צו איר און וויל זיך איצט אַנטשולדיקן! און צווייטנס, האָט ער געזאָגט, דאַרף איך בשום אופן אַזאַ ליד נישט אַוועקשיקן. יאָ, אָבער די דיכטער האָבן דאָך זיכער זייערע לידער אויך אַוועקגעשיקט צו יענע, פאַר וועלכע זיי זענען באַשטימט געווען. — מ׳קען זיי דאָך נישט לאָזן ליגן, ביז ס׳וועט זיך אָנזאַמלען אַ פול בוך!

ניין, איך האָב איר גאָר קיין שלעכטס נישט געטאָן, דער־דאָזיקער טעקלען. דעם גאַנצן זומער האָב איך טאָג־באַ־טאָג

רייזן אָפּגעשניטן באַ אונדז אין גאָרטן — און די מוטער פלעגט זיך בייזערן און שרייען ווו זיי קומען אַהין. איר קיין ברידערל האָט זיי איר געמוזט אהינטראָגן. דאָס האָב איך געטון. די האָט זיי אַלע צוגענומען, און איצט האָט זי מיך פאַרמסרט פאַר דער מומען. און דערדאָזיקער אַלטער כומען האָב איך ערשט פאַר דריי וואָכן, בשעת זי איז געווען באַ אונדז. אויסגעשענקט צוויי פון מיינע ווייסע ים-חזירלעך. אפילו דעם אַלטן מאַטעמאַטיק-פּראָפעסאָר האָב איך אויך אַמאָל געטון אַ טובה: ער האָט אַנומלט פאַרלוירן זיין טאַשנטיכל אויף דער גאַס, איך האָב עס אויפגעהויבן און עס אים געברענגט צו טראָגן.

פאַרוואָס-זשע זענען זיי אַלע אזוי שלעכט צו מיר?

זעסטו, אַלי, איך בין דאָך גוט צו דיר? און כ'וואָלט געוואָלט גוט זיין צו אַלע מענטשן — — אָבער מ'קען נישט זיין גוט. אַלע זענען שלעכט צו מיר, אַלע, אַ חוץ די, וועלכע קענען מיך כלל נישט.

דו מעגסט מיר גאַנץ זיכער גלייבן, אַלי, איך קען נישט קיין מענטש, קיין איינציקן מענטש, וועלכער זאָל מיר קיין שלעכטס נישט טון, זאָג מיר, וואָס דאַרף מען טון, אַז זיי זאָלן גוט זיין?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיינע אויגן האָבן פאַרנעפּלט געקוקט דורך די צווייגן.

דאָס מיידל אים צופוסנס האָט געשלונגען זיינע ווערטער זי האָט לגמרי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אַלץ באַטייט, אָבער זיין ווייכע, טרויעריקע שטים האָט זי גערירט ביז טרערן. זי האָט אים אָנגעקוקט. די בלאָנדע לאָקן זענען אים אַרונטערגעפאַלן אויפן שטערן, די יינגע ליפּן זענען געשטאַנען האַלב-אָפן איבער די בלאַנקע ציין. זיינע הענט האָבן גערוט אויף זיינע קניען, גלייך זיי וואָלטן געהאַלטן עפּעס אַן אָפן בוך, זיין בליק האָט גע-בלאָנדזשעט ערגעץ ווייט, ווייט.

ווי אַ פּופּצעניעריק יינגל האָט ער אויסגעזען, וועלכער זיצט דאָ לעבן איר איינזאַם, פאַרלאָזט פון אַלעמען אויף דערדאָזיקער ברייטער וועלט.

זי האָט געוואָלט אויפשפּרינגען פון אָרט און צוטוליען זיין קאָפּ צו איר ברוסט; זי האָט מיטגעפילט מיט אים, ווי אַ מוטער מיט איר אָרימען, קליינעם זינדל.

* *

*

— איצט בין איך ווידער דאָ צוריק, — האָט פראַנק ברוין געזאָגט, — כ'בין ווידער צוריק אינדערהיים. קום־זשע, קום אַהער צו מיר, מיין גוטע חיה!

ווייסטו, פאַרוואָס איך קום אַזוי גערן צוריק אויף די פעריען? — כדי דיך צו זען, דו אַלטער, ליבער חברה־מאַן.

פאַרוואָס איך נעם דיך שוין נישט מיט אין אוניווערזיטעט, אַזוי ווי פריער? זעסטו, דאָס גייט נישט, באמת נישט! — און וואָס וואָלסטו דען דאָרטן געהאַט? נאָר מיך אַליין! — דאָ אָבער האָסטו אַלצדינג און מעגסט דיר טון, וואָס דו ווילסט, און ביסט דער האַר!

און דאָרט וואָלסטו נאָר געווען — עפּעס אַ הינט דאָרטן.

זעסטו, כ'האָב דיר מיטגעבראַכט אַ האַלדז־באַנד. קוק אים נאָר אָן, קיין שענערער איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ! ער איז איינגאַנצן פון מאַסיוון זילבער און שטעלט פאָר דעם יאַגד־צוג פון דיאַנע. אַסקאַניאָ פון טאַגליאַבאָצאָ, בענווענוטאָס אַ תלמיד, האָט עס געמאַכט פאַר דער שטאַרקער דאָגע פון דער בלאָנדער פרינצעסין פון פעראַראַ.

צי ווייסטו, ווער ס'האָט עס מיר געגעבן? אַ שיינע און קלוגע פרוי, און דאָס באַטייט, אַז זי וועט מיך שוין קיינמאָל מער נישט קושן — קיינמאָל מער נישט, צי פאַרשטייסטו דאָס?

אַזוי איז עס געווען, מיין ליב באַשעפעניש! איך בין דאָ געווען אין פּאַלאַצאָ דזשערעלי, ווי יעדע נאַכט, בשעת מיר האָבן אויפגעוואַכט, איך און די שענסטע פרוי פון פּיזאַ, האָבן נאָך געבערנט די געלע אַמפּאָרן און אַ ווייסע שיין איז גלייכ־

צייטיק אַריינגעדרונגען דורך דער אָפענער טיר אין שטוב אַריין.

און ווייסטו, דאָס איז אַ מיאוסער גיפט, דאָס ערשטע ליכט פון דעם יינגן טאָג, עס מאַכט די מענטשן שלעכט און בייז.

מיר זענען געלעגן אויפן ברייטן צעקנאָדערטן בעט; אויפן טיש איז געשטאַנען ווײַן אין קאַראַפקעס און אין גלעזער, און הויכע קלאָשן מיט פרוכטן און געבעקס זענען געשטאַנען דערלעבן. — די שיריים פון אונדזער אָזנט־סעודה — און אַ מינגע רויזן, אין גלעזער און אין וואַזאָנען און פונאַנדערגעוואָרפן אויף דער ערד און אויף די קישנס. מיין האַרפע איז געהאָנגען אויף דער גילדערנער קאָלומנע צופיסנס פון בעט.

— שפיל עפעס — האָט געזאָגט די שיינע פירשטין דזשינעוורא.

אָבער כ׳בין געווען מיד און האָב נישט געוואָלט שפילן, אַ חוץ דעם איז איין סטרונע פון דער האַרפע געווען צעריסן. דער גאַנצער רוים איז כּוּל געווען מיט אַ שווערן הויך. עס האָט אויסגעזען, ווי פון די ריחות פון די מעלוואַזירס, פון די הייסע רויזן און דעם רויך פון די מיט מיר־אַנגעפילטע אַמפאָרעס וואָלטן זיך וואָלקנס אויפגעהויבן און זיך אויסגעלייגט ווי טיפע שאָטנס איבער דער גאַנצער שטוב. אָבער איר נאַקעט לייב און די גאַנצע ווייסע האָבן אויסגעהויכט דעם דופט פון אַרמיד דע פערס, און צווישן דעם אַלעם האָט אַרומגעשוועבט אַ הייסער קלאַנג פון פיינלעכע אַרומהאַלדזונגען, וואָס זענען שוין איצט אַלע טויט געווען.

אירע ליפּן האָבן געבליטיקט, און זי האָט געזאָגט: „זינג עפעס!"

איך האָב גענומען די האַרפע און האָב אָנגעצויגן אַ נייע סטרונע. איך האָב גענומען די מאַלמעזאָן און איר אַריינגעשטעקט דידאָזיקע רויזן צוזאַמען מיט גרינע צווייגלעך אין די האָר, און איך ווייסע פּל דע בעזש, וואָס זענען פּותר אַלע חלומות.

איך האָב איר געזונגען דאָס ליד פֿון לאַנטשעלאָט:

„Amor, che a nullo amato amar perdona,
Mi prese del costui piacer' si forte
Che, come vedi, ancor' non m'abandonna."

דאַן האָט זי גענומען קאַרשן פֿון די קלאָשן און מיט זיי אַרומגעוויקלט אירע פיס־פינגער. און זי האָט מיר געגעבן איר זיסן פוס צו קושן, און כ'האָב געגעסן די קאַרשן און געקושט אירע פינגער — איין קאַרש פֿאַר אַ קוש — אַ קוש פֿאַר יעדער קאַרש.

זי האָט אַרויפגעלייגט קליינע בלויע פייגן אויף אירע ברוסטן און זיסע טרוסקאַווקעס אין איר שויס. און כ'האָב געקושט אירע ברוסטן און איר שויס און כ'האָב געגעסן די פייגן און די טרוס־קאַווקעס. און כ'האָב געטרונקען דעם ווײַן, וועלכן זי האָט מיר געגעבן מיט אירע בלוטיקע ליפּן.

זי האָט מיך דערנאָך געפרעגט, אויב ס'איז נאָך עפּעס דאָ אויף דער וועלט, וואָס איך האָב ליב, אַ חוץ דער דזשינעווראַ דזשערעלי.

און איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט דאָ אויף דער בריטער וועלט, וואָס איך זאָל נאָך ליב האָבן, אַ חוץ דעם לייב פֿון דזשינעווראַ דזשערעלי!

דאַן האָט זי געהייסן, אַז איך זאָל מיך שווערן בײַ דער מאַדאָנע און בײַ אַלע הייליקע.

און כ'האָב געשווירן בײַ דער מאַדאָנע און בײַ אַלע היי־ליקע, אַז ס'איז גאָרנישט פֿאַרהאַן אַזעלכס, וואָס כ'האָב ליב, אַ חוץ דעם זיסן קערפּער פֿון דזשינעווראַ דזשערעלי.

און כ'האָב נאָכגעטראַכט, און געווען איז דאָס דער ריינער אמת, אַז כ'האָב גאָרנישט ליב געהאַט אויף דער וועלט — אַ חוץ דערדאָזיקער פרוי.

גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט — מערנישט דיך, מײַן שוואַר־צע חיה.

איך האָב זיך צעלאַכט און געזאָגט דער פירשטין, אַז ס'איז

נאָך פונדעסטוועגן דאָ עפּעס אַ זאַך, וואָס איך האָב ליב. מיין שוואַרצן פּודעל, אינדערהיים, באַם רהיין.

דאַן האָט זי זיך אויפגעזעצט, און דאָס גיפטיקע ליכט פון פריִען באַגינען האָט זיך אַריינגעריסן אין אירע אויגן. גרין זענען זיי געוואָרן, בייז און אכזריותדיק. און זי האָט געזאָגט, אַז כ׳מוז נאָך אין זעלביקן טאָג אַהיימפאָרן און טויטן דעם הונט.

איך מוז דיך טויטן, האָט זי געזאָגט.

כ׳האָב מיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. האָט זי אָנגעהויבן וויינען און יאָמערן. זי האָט מיך אַרומגעהאַלדזט, און האָט מיך געבעטן און געהלשט, אַז כ׳זאָל דיך טויטן, דיך טויטן.

און זי האָט זיך אויסגעריסן און געזאָגט, אַז זי וויל אַליין פאָרן און וועט עס אַליין טון.

אָבער מיינע חושים זענען געווען פאַרשיכורט פון דערדאָזיקער נאַכט און פון דער גאַנצער ליבע און פון אַלע הייסע ריחות אין כ׳האָב געשריגן, אַז זי זאָל מיך בעסער טויטן, איידער מיין שוואַרצן הונט.

זי האָט מיך געשלאָגן און בעזידלט און געשריגן אַז כ׳האָב זי נישט ליב. איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז כ׳האָב נאָר געדאַרפט זאָגן איין וואָרט, מער נישט, זאָגן, אַז כ׳וועל עס טון, זי וואָלט עס דאָך סיי־ווי פאַרגעסן ביזן אָוונט.

אָבער כ׳האָב עס נישט געקענט זאָגן. כ׳האָב אפילו זאָגן נישט געקענט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט כסדר געוואָלטעוועט, און איר געשריי האָט מיך פּשוט פאַרטויבט. אָ, איך וואָלט זי געקענט ממיתן, פאַרוואָס זי הערט מיך נישט אויף צו פייניקן.

דאַן האָב איך גענומען דעם לאַנגן שטילעט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און האָב אים איר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין און אונטערגעשטעלט מיין ברוסט. לאָז זי מיך דערהרגענען, האָב איך אויסגערופן, ווי באַלד זי וויל עס. דאַן וועט זי אויך מיין הונט טויטן — מחמת ער וועט זיכער שטאַרבן פאַר צער אויב איך וועל נישט מער אַהיימקומען.

די פירשטין דזשינעווראַ האָט אויפגעהויבן איר אָרעם —

אײנמאָל, צװײמאָל האָט זי אױפגעהױבן דעם אָרעם, פֿאַרמעסטנדיק זיך אַקעגן מײַן ברוסט. און װידער האָט זי אים אױפגעהױבן אַ דריט מאָל אַקעגן איר אײגענער ברוסט. אָבער זי האָט נישט אױסגעשטרעקט אַרײַנגעשטאָכן.

זי האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט — אַזױ װי ס׳קען נאָר לאַכן דער, װאָס האָט זײַן אײגענע מוטער דערהרגעט. זי איז אױפגעשפּרונגען פֿון בעט און זיך אַ לאָז געטון צו דער שאַנק. זי האָט אַרױסגענומען די קאַסעטקע, אין װעלכער זי האָט באַהאַלטן איר צירונג, און אַרױסגעצױגן פֿון דאָרטן דעם זילבערנעם האַלדזבאַנד. זי האָט עס מיר צוגעװאָרפֿן, אַזױ װי אַ שטיקל ברױט דעם בעטלער.

— נאַדיר, ייִנגל — האָט זי געזאָגט — נעם עס מיט פֿאַר דײַן דוגמ.

און װידער האָט געלאַכט די נאַקעטע פּירשטין דזשערעלי און האָט זיך אַװעקגעדרײט, און נישט װאַרפֿנדיק אַפֿילו קײן בליק אױף מיר, פֿאַרלאָזט דאָס צימער.

אָט דאָ, אַלי, מײַן שװאַרצער פּודעל, דאָ איז דײַן האַלדזבאַנד, אַסקאַניאָ פֿון טאַגלאַנקאַצאַ, צעליניס אַ תּלמיד, האָט אים געשאַפֿן. טראָג אים, מײַן ליבע חיה — זי איז דורכגענעצט פֿון טרערן.

טרערן פֿון מיר — װעמען דו האָסט ליב.

װײַל כ׳האָב ליב געהאַט דידאָזיקע שײנע פֿרױ. איך װײס נישט, װי אַנדערע מענטשן ליבן, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז ס׳האָט זי קײנער בעסער נישט געליבט, װי איך. איך האָב געמאַכט אַ טעמפּל פֿון איר לײַב —

און זי האָט מיך פֿאַרטריבן.

— איצט בין איך װידער אינדערהײם, בין בײַ דיר. װילסטו מיך טרײסטן? — און װײסטו, ס׳איז גוט צו האָבן אַ גרױסע װײטיק, מחמת מען פֿאַרגעסט אָן די אַלע קלײנע.

* *

*

פראַנק ברוין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ניין, ס'איז נישט אמת, וואָס איך זאָג. מען פאַרגעסט גאָר־נישט, נישט די גרויסע און נישט די קליינע ליידן. אַלע קומען צוריק. אין אַ געוויסער שעה שווימען זיי אויף אין אַן אומענד־לעכן קאַראהאָד, מאַטערן און פייניקן.

נאָר די פרייד פאַרשווינדט — אין איין רגע. אָבער די יסורים פאַרבלייבן. די מענטשלעכע נשמה איז אַ גאָלדענער גראַל באַזעצט מיט בליצנדיקע שטיינער. אָבער צווישן זיי קריכן אַרום שוואַרצע שרצים.

ווייסטו וועגן דעם, טערעזע?

זיי פרעסן אונדז אויף, דיך און מיך און אַלע די מענטשן, וואָס האָבן אַ נשמה. איך ווייס נישט, צי דו האָסט אַ נשמה, און כ'וואָלט דיר נישט געווינטשן, אַז דו זאָלסט אַזעלכע האָבן, מיין אָרים קינד — אָבער מיר האָט עפּעס אַ בייזער שטן אַ נשמה געגעבן, און כ'כוז אַזוי אַרומוואָגלען מיט איר מיין גאַנץ לעבן.

אַלי, מיין שוואַרצער פודעל, האָט אויך געהאַט אַ נשמה. און זיין נשמה האָט געליבט מיין נשמה. איצט איז ער טויט און זיין אָרימע נשמה פליט אַרום איבער דער גאַנצער וועלט און איך זוך זי. — אָבער כ'וועל זי שוין נישט געפינען.

איך ווייס נישט, אפשר איז זי אויך געשטאָרבן, בשעת מיין הונט איז געשטאָרבן. אפשר האָבן זי אויפגעפרעסן די ווערים, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיין קערפּער צעפרעסן.

זאָל איך דיר זאָגן, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן?

איינמאָל בין איך צוריקגעקומען אַהיים, ווידער איינמאָל. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן פאַרביי דעם אַלטן פּאַלאַץ, לענגאויס די וואַלן. פּלוצלינג איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן און מיינס אַ גוטער פריינט איז געזעסן אין אים. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, און מיר האָבן אַ ביסל געפּלוידערט. מיין פודעל אָבער האָט נישט געקענט ליידן קיין וועגן און פערד, מחמת ס'האָט אים אַמאָל אַ קוטשער מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַ שמיץ געטון מיט דער בייטש. בשעת מיר האָבן זיך צעזעגנט און זיך די הענט דערלאַנגט, האָב איך געבעטן מיין פריינט, ער זאָל נאָך אונטערוואַרטן אַ רגע.

ביז כ'חעל גענומען דעם הונט אויף דער שניי. ער אָבער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, אַ ווונק געטאָן צום קוטשער און גענומען פאָרן. דאַן האָט זיך דער פודעל ווילד אַ לאָז געטאָן צו די פערד און געבילט אויף זיי. איין פערד האָט אים אָנגעטרעטן, ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער און דער וואָגן איז אים איבערגעפאָרן. ער איז אַזוי געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם רוקן און זיך געפרווט אויפשטעלן אויף די פאָדערשטע פיס און נאָכשלעפן דעם קערפער נאָך זיך, און האָט מיך צוגעקוקט. איך האָב אים אויפגעהויבן און אַהיימגעטראָגן אויף מיינע אָרעמס. אַ האַלבע שעה האָט געדויערט. ס'איז געקומען דער דאָקטאָר, האָט אים באַטראַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז געלעגן אין מיינע אָרעמס אויף די ווייכע פעלן לעבן קאַמין, ווו מיר זענען אַזוי אָפט געלעגן. ער האָט זיך נישט געקלאָגט און נישט געיאָמערט. ער האָט מיך אָנגעקוקט און אָפגעלעקט די טרערן, וועלכע זענען אויף מיינע הענט געפאַלן.

אַזוי איז ער געשטאָרבן.

כ'האָב אים אויסגעגראָבן אַ קבר אין מיין מוטערס גאָרטן. אַ גרויסע יוקאַ וואַקסט איצט דערויף. טיילמאָל טראַכט איך, אַז זי גרייכט טיף מיט אירע דריי לאַנגע וואָרצלען. צוויי שטעקן אין די היילן פון זיינע אויגן, די דריטע אָבער זויגט פון זיין האַרץ. און די דריי שטאַרקע וואָרצלען זויגן און טרינקען, און מיין מוטער פריינט ווערט וואָס אַמאָל קלענער און וואָס אַמאָל חינציקער, און די גרויסע יוקאַ וואָס אַמאָל מעכטיקער, וואָס אַמאָל שענער און הערלעכער. מיט הונדערטער ווייסע גלעקלעך קלינגט איר שטאַרקער שטאַם.

דאַמאָלס טראַכט איך: אפשר איז זי מיין פריינט? אָבער איך קען צו איר נישט רעדן. די יוקקאַ איז בלינד און שלעכט — ווי עס זענען דאָס אַלע בלינדע באַשעפענישן. זיי האָבן קיין נשמה נישט.

ניין, ניין, די יוקאַ איז נישט מיין שוואַרצער הונט. זי האָט אים אויפגעפרעסן, בשעת ער איז געלעגן טויט אין קבר.

זעסטו, מיין קליין מיידעלע, אַזוי הערלעך זעט זי אויס — און איז אַזוי שלעכט!

סערעזשע האָט געזען, ווי זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט. זיינע ליפּן האָבן זיך צונויפגעצויגן פייגלעך, אָבער דאָך פול מיט דערהויבענער בענקשאַפט. און עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער האַלט צווישן די ציין אַ האַלב-צעבליטע, פלאַם-רויטע רויז. זיינע אָרעמס האָבן זיך אונטערגעהויבן, גלייך זיי וואָלטן וועלן עפּעס אָננעמען: עפּעס אַ גרויסער חלום איז אויפגעוואַקסן אין דעם ייִנגנמאַנס נשמה. אָבער ער האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן, געבן אים אַ צורה און מיט אַ קוש אין אים לעבן אַריינהויכן.

און דאָס מיידל האָט געטראַכט, אַז זי וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען זי וואָלט לפּחות געקענט זיין אַ קליין שטויבעלע אין דעם גרויסן געווירבל פון דאָזיקן חלום.

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן, נישט גערעדט קיין וואָרט און זיך נישט גערירט. אָבער דער פלאַם האָט געברענט אין זיינע אויגן און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט טיף אַראָפּגעגליט אין דער ברוסט, זיינע באַקן זענען בלייך און איינגעפאַלן געוואָרן, און ס'האָט זיך געדאַכט דעם מיידל, אַז זי וואָלט געקענט זיינע האַרטע ביינער דורך דער הויט דורכזען. די רויז האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן זיינע ציין און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דר'ערד, ווי אַ גרויסער טראָפּן בלוט.

זי האָט מיט שרעק אָוועקגעקוקט און באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיינע קניען. זי האָט געפילט, ווי זיינע פינגער האָבן אירע האָר באַרירט.

* *

*

דאַן האָט ער געזאָגט:

— אַלי, מיין ליבער הונט, זעסטו, כ'בין ווידער צוריקגעקומען. נאָך פיל יאָרן בין איך צוריק דאָ, לייג-זשע זיך אַוועק לעבן מיר אויף די ווייסע פעלן — זעסטו דאָס פייער אין קאַ-

מיין ? וואָרט נאָר, כ'וועל צולייגן פרישע שייטלעך האָלץ צום פייער.

מען מוז כסדר נייע שייטלעך אַריינוואַרפן, אַזיסטן שטאַרבט עס אָפּ. דאָס פייער פרעסט אַלץ אויף און איז אומדערזעטלעך. אָבער גיב נאָר כסדר און כסדר צו פרעסן, און ס'וועט אייביק לעבן. אַזאַ מין פייער, מיין שוואַרצע חיה, ברענט ערגעץ־וווּ אין מיין מוח און איז אומדערזעטלעך.

אַ סך יאָרן בין איך געווען אונטערוועגנס, אין פיל לענדער. אַ רענעגאַט בין איך, מוזסטו וויסן, און כ'בין פון אַלע לאַגערן אַנטלאָפן.

תמיד פלעגט עס מתחילת גוט זיין, און כ'האָב געגלויבט אין דער נייער פאָן. אָבער ס'איז נישט געווען צווישן זיי קיין איינע, וועלכע זאָל נישט פלאַטערן פאַר עפּעס אַ שקר. האָב איך בכן געבראָכן מיין שבועה — כדי מיין אייגענע נשמה נישט צו פאַרלייקענען.

און דאָס איז אַלץ.

כ'האָב מיט אַ סך מענטשן געטרונקען ברודערשאַפט און געקושט אַ סך פרויען. אָבער די פרויען זענען געווען זונות און די ליבע ברודער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס נישטיקע אויסוואורפן. זיי האָבן גענומען מיין געלט און געגעסן מיין ברויט, זיי האָבן געטרונקען מיין וויין און אַריינגעטון סם אין מיין בעכער.

איך בין געזעסן באַ די פיס פון קלוגע מענטשן, אָבער זייער חכמה איז געווען שקר.

כ'בין אַרויסגעריטן אין פעלד מיט פריילעכע רייטער, אָבער זייער מוט איז געווען שקר.

כ'האָב צעאַקערט דעם באָדן מיט פאַרברוינטע פויערים, אָבער זייער פלייס איז געווען שקר.

כ'האָב געפאַנטאַזירט אין די נעכט מיט מאַלערס און דיכטער, אָבער זייער קונסט איז געווען דער חוצפהדיקסטער שקר פון אַלע.

האַרט איז געוואָרן מיין האַנט פון טויזנטער האַנט־דריקן, חונדיק מיינע ליפן פון טויזנטער קושן. אָבער יעדער איינציקער

קוש און יעדער האַנט-דריק האָט זיך צום סוף אַרויסגעוויזן פאַר שקר. יעדן טאָג זענען געקומען נייע שקרים און אויך יעדע אָרימע נאַכט. אפילו אין די חלומות האָבן אַרייַנגעשלייכט די שקרים.

כ׳בין געזונקען אין אַ זומפּ פון רויטע שקרים און ס׳האָט זיך אין ערגעץ נישט געזען קיין פעסטע יבשה. דאָ־ט ווו כ׳האָב נאָר דעם פוס געשטעלט, איז ער אַרייַנגעפאַלן, און כ׳בין אַלץ טיפער געזונקען מיט יעדן שריט. ווען כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פאַרנאַכטצו, בין איך געבליבן שטעקן אין געמויזעכץ, און ווען איך האָב מיך באַגיבען אַרויסגעריסן, בין איך פאַרזונקען אין אַ זומפּ. אומעטום פלעג איך זינקען און קיין שום וועג האָט פון דאָרט נישט אַרויסגעפירט.

און דאַן, ווייסטו, אין בין-השמשות, בשעת ס׳איז געוואָרן טונקעל, בין איך בעהאַנגען אויפן בוים — וועלכער איז געווען פאַר מיר אַליין געהייליקט, דורך מיר אַליין. אַ פּיצל לאַנד און אַ ברעקל ערד דערויף, און ראָד-אַרום דער זומפּ. בין איך אַזוי געהאַנגען אויפן בוים און זיך אייַנגעהערט. אָבער עמעץ איז געזעסן אין די צווייגן און געזונגען.

און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז עס זענען נאָר פאַראַן צוויי זאַכן, און איינע פון זיי בין איך, די אַנדערע זאַך אָבער איז געווען אַלצדינג — וואָס איז נישט געווען איך.

און עס איז נאָר געווען איין זאַך און נישט קיין ס׳ טויזנטער זאַכן. אַ גרויסע זאַך און דאַך קלענער, ווי די אַנדערע זאַך — וואָס איז געווען איך אַליין.

און פון די צווייגן האָט זיך געהערט אַ געזאַנג:

„אין דערהויבענער פרייד לעבן מיר, אָן שנאה אין דער וועלט פון פיינטשאַפט; צווישן מענטשן, פול שנאה, לעבן מיר אָן שנאה.

אין דערהויבענער פרייד לעבן מיר, געזונטע צווישן קראַנקע, צווישן קראַנקע פאַרברענגען מיר אָן קראַנקהייט.

אין דערהויבענער פרייד לעבן מיר, אָן טראַכטן צווישן די טראַכטנדיקע, צווישן די זאָרגנדיקע מענטשן, לעבן מיר אָן

אין דערהויבענער פרייד לעבן מיר, מיר, וואָס אונדז געהערט גאָרנישט. פרייליכקייט איז אונדזער איינציקע שפּייז, ווי זי איז די שפּייז פון די ליכט-שטראַלנדיקע געטער״.

איך האָב מיך איינגעהערט אין די זיסע ווערטער. און האָב דערפילט, אַז די אַנדערע זאַך, וואָס איז נישט געווען איך — איז גאָרנישט געווען; ווייל דאָס איז געווען דער גאָרנישט אַליין, איז בכן נאָר געווען איין זאַך אויף דער וועלט: איך בין געווען. און אַחוץ מיר איז געווען דער גאָרנישט און דער איבערגאָרנישט.

ווידער האָט זיך געהערט אַ געזאַנג אין דער פינסטערער נאַכט. אָבער נישט עמעץ אַנדערש האָט געזונגען, נאָר מיין האַרץ איז אַ האַרפע געוואָרן, ווי דאָס האַרץ פון מלאך ישראל. מיין האַרץ איז אַ האַרפע געוואָרן און גענומען זינגען. און איז געוואָרן אַ העל ליכט און האָט געלויכטן אין דער נאַכט אַריין. און איז געוואָרן אַ רויטע וווּנד און האָט געבלוטיקט אין זיסן תענוג דעם גרויסן קרבן.

און אַזוי האָט די האַרפע געזונגען.

„דאָרט, ווו ס׳איז דאָס אומדערשעפּלעכע ליכט, די וועלט, אין וועלכער די זון איז אַריינגעזעצט, דאָרט אַהין טראָג מיך, פלאַם, אין דער אייביקער וועלט פון אומשטערבלעכקייט. צו דיר אַליין זאָל טריפן דיין בלוט.

„דאָרט, וווהין מ׳שטרעקט זיך נאָך תענוגים, איבערן דריי-פאַכיקן פירמאַמענט, איבערן דרייפאַכיקן הימל פון די הימלען, ווו די ליכט-וועלטן זענען, דאָרט לאָז מיך אייביק זיין. צו דיר אַליין זאָל טריפן דיין בלוט.

„דאָרט, ווו ס׳איז דאָ באַגער און דערפילונג, ווו ס׳זענען דאָ די שטחים פון רויטלעכן הימל, ווו ס׳איז פאַראַן די שפּייז פון געטער און זעטיקונג, דאָרט לאָז מיך אייביק זיין, צו דיר אַליין זאָל טריפן דיין בלוט.

„דאָרט, ווו ס׳איז דאָ פרייד און תענוגים, ווו גענוס און גענוסן וואַרטן, ווו דער באַגער פון די באַגערן איז דערגרייכט,

דאָרט לאָז מיך אייביק זיין. צו דיר אַליין זאָל טריפן דיין בלוט״.

אַזוי האָט געזונגען די האַרפע, וועלכע איז מיין האַרץ געווען.

און דאַמאָלס האָב איך דערפילט, ווי מיין „איך״ איז צערונען.

מחמת איך האָב געשוועבט אין דעם ערשטן וואַסער פון חסד.

קיין סתירה מער צווישן איך און ניש־איך: כ׳בין געוואָרן איינס מיטן אפס.

דאָס גאָרנישט איז געווען די גאָטהייט און איך בין געווען אינם אפס און אין דער גאָטהייט.

אַזוי האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט די נאָנטקייט פון גאָט, און ער איז געווען דער אפס, אין וועלכן איך בין צערונען. ס׳האָט מיך באַרירט גאָטס גייסט און ׳געפרוכפּערט אין מיר דאָס קינד פון דער צייט.

ווייל דאָס איז גאָטס מהות, וואָס דורך אַלע אייביקייטן וויל ער דעם זון געבוירן.

אַזוי האָט פאַרבייגערוישט דער געטלעכער שוידער, און פון הייליקן קוואַל האָט גענומען פליסן דאָס צווייטע וואַסער.

פונקט ווי עס דאַמפן אויס די טראָפנס וואַסער אויף אַ זון־דורכגעגליטן שטיין, אַזוי זענען צערונען אינם גאָרנישט די ביידע תקיפים: רוים און צייט.

ס׳איז נישט געווען קיין עבר און נישט געווען קיין עתיד, ס׳איז נאָר געווען איינס, די רגע. אין דער אומגעהייערער רגע איז אַלצדינג פאַרזונקען.

און די־דאָזיקע רגע איז געוואַקסן און זיך געשפּאַרט דורך אַלע צייטן און רוימען, און איז געווען איין פלאַם און איין קלאַנג און איין ווונד.

און דער פלאַם האָט געזונגען דאָס ליד, און פון דעם קלאַנג האָט געטריפט דאָס בלוט, און די רויטע ווונד האָט געברענט ביז אויבנשטן הימל: אַזוי איז אויסגעוואַקסן פון דער געטלעכקייט

פונם אפס דאָס דריטע וואַסער, וואָס איז געווען דאָס גרויסע ליכט.

און דאָס ליכט האָט זיך אויפגעהויבן אינדערהייך, און אַלץ האָט געגומען שווען, און נאָר גלאַנץ איז געווען אומעטום. און ס'לאָזט זיך נישט באַשרייבן, וואָס אַזוינס ס'איז געווען, ווייל קיינער פון די אַלע, וועלכע האָבן עס געזען, זענען נישט בכוח צו שילדערן, וואָס עס איז דער אפס, וועלכער איז גאָט אייביקע זיין.

אין דריטן וואַסער איז אַלץ ליכט און גלאַנץ, און ס'איז הערלעך עד אין לשער.

און דאָך איז עס נאָר אַ נעבעכדיקע זאַך לגבי דעם לעצטן וואַסער. מחמת דאָס לעצטע וואַסער — דאָס איז גאָט אַליין. נישט קיין צערינען ווערן אין אים, ניין, אַ מין וואַקסן צו אים גופא און ווערן אַ גאָט. און ווער עס דערפילט עס, דער איז גאָט.

און כ'האָב געזען, ווי דאָס איז געקומען, וואָס אַמאָל נענטער און נענטער, פון מיר און אין מיר און צו מיר אַהער, פון אַלע זייטן־צו —

און איך האָב זיך געפילט נאָענט פון דער הייך, פון העכסטן וואַסער. פלוצלינג האָט זיך צעגליט דער גאַנצער זומפּ מיט די פילע לעגיאָנען ריזיקע שרצים. און זיי האָבן אַרויסגעשלייכט און זיך פונאַנדערגעקראָכן אין אומצייליקע מאַסן פון אַלע אייביקייטן, רויטע, בראַנדרויטע שקרים.

און צעפאַלן איז אַלץ, און צעשטויבט האָט זיך דער גלאַנץ, און פאַרזונקען איז אַלץ אין דער שענדלעכער פינסטערניש — און אויך די פייערדיקע שרצים.

אַזוי איז אָפּגעשטאָרבן, נאָך איידער זי איז געקומען צו שלמות, די גרויסע רגע.

דער שטריק, אויף וועלכן כ'בין געהאָנגען, האָט זיך אָפּגעריסן, און כ'בין געלעגן אויף דער פינצטערער ערד, הינטער דעם אַלכעבוים. די רויטע שקרים פון דער וועלט האָבן דורכגעפרעסן

דעם הייליקן שטריק. און ס׳איז אָפּגעשטאָרבן דאָס שלמות און יעטוועדע דערלייזונג.

און ס׳זענען ווידער געווען צוויי האַרטע זאַכן, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט צווישן זיך: איך און דאָס אַנדערע. אַלץ איז צוריק געווען, ווי אַמאָל, און איך נאָך עלנטער, ווי כ׳בין געווען איצטער, בשעת כ׳האָב געזען אויפגעפּאַלטערהייט די טויערן פון אַלע הימלען.

געזען — אָך, מער נישט ווי געזען.

מחמת די רויטע שקרים האָבן פאַרצערט דאָס לעצטע הייליקע וואַכער.

דאָן איז אויסגעוואַקסן אין מיר די גרויסע שנאה. איך בין אויפגעשפּרונגען, און געכאַפּט דאָס פערד, וואָס האָט זיך לעבן מיר געפּאַשעט. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן שווערן, שוואַרצן פערד און בין אַרויסגעריטן אויפן וועג.

אָבער הינטער מיר און מיר צוהילף זענען געריטן די פיר מעכטיקע רייטערס.

דער ערשטער פון זיי האָט געטראָגן אַ קרוין אויפן קאָפּ, אַ זיגערישן פיילנבויגן אין האַנט און איז געריטן אויף אַ ווייס פערד.

דער צווייטער האָט געטראָגן אַ שווערט בא דער זייט און געריטן אויף אַ רויט פערד. דער האָט צעשטערט יעדן שלום אויף דער ערד.

דער דריטער האָט געטראָגן א וואָגשאָל, אַ שטרענגע וואָגשאָל. דאָס איז געווען דער, וואָס איז געריטן אויף אַ שוואַרץ פערד.

דער פירטער אָבער איז געווען דער טויט. און געריטן איז ער אויף אַ בולאַנעם פערד. און דאָס גיהנום האָט אַפּערגעפּלאַטערט פון זיין מאַנטל.

אַזוי זענען מיר געריטן, און צוואַנציק האַרטע קאָפּיטעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן נאַקעטע, טויטע גופים. די פיר רייטערס האָבן געשוויגן, איך אָבער האָב הויך געלאַכט, און מיין געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אין דער פינסטערער נאַכט.

— אַזוי איז געווען מײַן חלום. און דאָס, וואָס איך האָב געחלומט, איז דאָך דאָס לעבן אַליין.

ווען כ'האָב אויפגעוואַכט, האָב איך מיט זשעדנעקייט געשלונגען אַלץ, וואָס ס'איז נאָר שלעכט געווען. און כ'האָב געזען, אַז אַלץ, וואָס דער גיהנום האָט געגעבן, איז געווען גרויס און שיין, אַזוי שיין ווי דאָס, וואָס איז געקומען פון הימל. מער נישט דאָס, וואָס די ערד האָט געגעבן, איז געווען נישט גוט און נישט שלעכט: ס'איז געווען מיאוס און קליין.

און מחמת איך בין נאָר געווען אַ בשר־ודם, צופיל אומריין, כדי צו געניסן פון הימלישן ברויט און צופיל שוואַך, כדי צו פאַרטראָגן דאָס הייסע בלוט פון גיהנום — בין איך געגאַנגען צווישן מענטשן, געגעסן זייער שפּייז, געלעבט מיט זייער לעבן און געטון זייערע מעשים.

און אַלץ, וואָס כ'האָב געטון, איז געווען פאַרפוילט און פאַרטײַפושט, און מײַן אָטעם האָט געשלאָגן מיט צעפוילטער נבלה.

דאַן בין איך נאָכאַמאָל אַנטלאָפן אין דער שטילער מערה אַרײַן און בין דאָרט געווען אַליין מיט מיר דרײַ טעג און דרײַ לאַנגע נעכט, און בין געלעגן קראַנק און צעריסן און פאַרברענט אין פאַרסמטער פוילעניש.

דערנאָך האָב איך אויסגעבראָכן פון זיך דעם גאַנצן עקל. און אויף אַזאַ אופן, ווייסטו, בין איך געוואָרן שטאַרק און געזונט.

איצט בין איך פרײַ. יעטוועדע ליבע איז אָפּגעשטאָרבן אין מיר און יעטוועדע גוטע שנאה. און ס'איז שוין מער גאָרנישטאָ פאַר מיר אין דער גאָרער וועלט, גאָרנישט מער. — — נאָר דו, מײַן חיה, לעבסט נאָך, אַ מידער חלום פון פאַרשטאָרבענע צײַטן. ווי אַ שאָטן שוועבסט ער פאַרבײַ, ראַש ווי אַ ווינט — איינמאָל אין הונדערט יאָר.

איצט בין איך פרײַ. אַלע קייטן זענען אַרונטערגעפאַלן און אַלע רויזן. שטאַרק און זיכער גיי איך מײַן וועג. אַ גוטער פּאַ־

צער שיצט מיין האַרץ, און דאָס פייער מוז שוין גאָר שטאַרק ברענען, כדי אים צו קענען צעשמעלצן.

די מיין זענען זיך צעלאָפן און איך בין אומבאַרירלעך.

דעם פרידן האָב איך אין מיר און די גרויסע מנוחה, דאָס איז די דאָס העכסטע, וואָס אַ מענטש קען דערגרייכן. איך אָבער האָב עס, מחמת איך בין פריי.

און זעלטן, זעלטן נאָר ווייזט די צעשלאָגענע בענקשאַפט איר בלוט-ווונדיקן קאָפּ אַרויס. איך לאָז זי רעדן און זינגען, און איך טראַכט מיר, אַז זי רעדט צו אַ פרעמדן, צו איינעם, וואָס איז שוין לאַנג טויט — אָבער נישט צו מיר.

נאָר טרויעריק מאַכט מיך איר מערקווירדיק ליד, וועלכעס כ'קען קוים פאַרשטיין.

— אַלי, דו ביסט מיין ליבער פריינט. דו ביסט מיין נשמה און מיין בענקשאַפט. דו ביסט דאָס, וואָס איז פאַרבליבן פון גאַנצן חרוב-געוואָרענעם גליק.

קום אַהער, גיב דיין קאָפּ, לאָז מיך דיינע שוואַרצע לאָקן גלעטן, מיין ליבע, אַלטע חיה. דו פרירסט ? וואַרט, וועל איך צו-לייגן אַ ניי שייטל האָלץ אין פייער אַריין.

גלייב מיר, ס'איז געווען אַ שווערער קאַמף. אָבער קיינער האָט מיך נישט צעקלאַפּט, און איך זיץ אָט דאָ, און מיינע אויגן וואַנדערן אין די מרחקים. נאָר די אַלטע וווּנדן בלוטיקן און ברע-נען — —

* *

*

זיינע ווערטער זענען אָפּגעשטאָרבן, ענג און פעסט האָבן זיך צונויפגעדריקט די ליפּן. דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן, און ער האָט זיך איר אויסגעוויזן גרעסער און אַ סך עלטער. ער איז בעזעסן הויך אויסגעגלייכט, דעם קאָפּ פאַר-בויגן אַהינטער, און מיט די אויגן ערגעץ ווייט געבלאָנדזשעט, זיין פּנים איז געווען בלאַס און די שטריכן שאַרף אין האַרט. ס'האָט זי אַרומגענומען אַ פּחד, און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער

האַלט אויף זײַנע קני׳ען מיט בײדע הענט אַ גרויסע, נאַקעטע שווערט.

דערנאָך האָט זי געזען, ווי זײַנע ליפּן האָבן געצוקט. און זי האָט געזען, ווי זײַנע אויגן האָבן זיך פֿאַרנעפּלט און ווי צוויי טרערן האָבן פּאַמעלעך אַראָפּגעטריפֿט איבער די הוילע באַקן. זיי זענען אַראָפּגערונען, און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, גלײַך ווי צוויי צעגליטע נאָדלען וואָלטן זיך אין האַרצן שאַרף אַרײַנגעשטאָכן.

זי האָט זיך הויך צעכליפּעט, אָנגעכאַפּט זײַן האַנט און אײַנגעגראָבן איר קאָפּ אין זײַן שויס, און ווײך און לײַכט, ווי אַ טרײַער הונט, האָט זי געלעקט זײַן האַנט.

ער האָט עס באַמערקט, האָט אויפגעציטערט און געוואָלט אויפכאַפּן די האַנט. אָבער דאָס האָט אים אַזוי עפּעס לײַכטער געמאַכט, אַז ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס׳איז גאָרנישט דאָ קיין שמערץ, ווי די דאָזיקע ווײכע צערטלעכקייט פֿון אוראַלטע צײַטן.

— אַלי, מײַן אַלטער פֿרײַנט! — האָט ער געשעפּטשעט. — מיידל, ליבהאַרציק מיידל!

ער האָט זי אויפגעהויבן, זי געגלעט איבער די באַקן.

— דו ביסט אַזאַ גוטע — האָט ער געזאָגט. ער האָט אַנגעקוקט אירע אויגן און געזען, אַז זי האָט געוויינט.

— איבער מיר? — האָט ער געפֿרעגט. — פֿאַרוואָס וויינסטו איבער מיר? — דאָס איז אמת, מ׳דאַרף נישט דערציילן אַזעלכע טרויעריקע געשיכטעס. איך וועל זינגען, דאָס וועט שוין זײַן בעסער. גיב מיר די האַרפֿע.

ער האָט זי לײַכט געקושט, דאַן האָט ער זי געהייסן אַרויספֿאָרן פֿון די הערבע-קוסטעס ווײַט אויף דער אַזיערע און אָקעגן דער ליכט פֿון דער לבנה. ער האָט איר אַ ווונק געטאָן, אַז זי זאָל אויפֿקלײַבן די ווי׳עסלעס; דאַן האָט ער גענומען זינגען אין דער בלויער נאַכט אַרײַן. גאַנץ שטיל, טרוימעריש — באַזונדער ליי-דער, ווי דאָס מיידל פֿלעגט ליב האָבן.

ער האָט געזונגען פֿאַר איר און זי האָט עס גוט גע-

פילט. אַ לייכטער ווינט האָט געטראָגן זייער שיפל איבער דער אָזיערע.

ער האָט געזונגען און געקוקט אויף איר און געזען, אַז זי איז גליקלעך געווען.

*

איר פנים, וואָס איז נאָר וואָס פאַרגאָסן געווען מיטן ליכט פון דער פולער לבנה, האָט זיך פלוצלינג פאַרטונקלט, בשעת די אויסגעשטרעקטע און צונויפגעפלאָכטענע הענט האָבן אין העלן שיין געלויכטן. אין אַ מינוט אַרום האָט איר פנים ווידער העל אויפגעשיינט, אָבער דער שאָטן, וואָס האָט זי אַרומגענומען, האָט איצט געשלייכט איבער אים גופא, זיך אַראָפגעגליטשט פון שיפל, געלאָפן איבערן וואַסער און געבליבן שטיין לאַנג און ברייט, כמעט אין סאַמע מיטן פון דער אָזיערע.

פאַרגאַפט האָט פראַנק ברוין אַרומגעקוקט אינדערהייך. די לבנה איז געהאָנגען איבער די רוקנס פון די בערג פון דער צפונדיקער זייט, איר שיין איז געפאַלן שיף אויף דער אָזיערע, איבער דער משופע-אַרויסגערוקטער, אַריבערהענגענדיקער פעלזן-פּלאַטפאָרם, וועלכע האָט די דריי קרייצן געטראָגן. „עס איז דער שאָטן פון דעם קריסטוס-בילד", האָט ער געטראַכט. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט: די קרייצן זענען געשטאַנען האַרט אונטער דער באַרג-וואַנט און זענען שוין לאַנג געלעגן אין טיפן שאָטן.

פלוצלינג האָט אים דאָס מיידל אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַרויף צו דער פּלאַטפאָרם-צו.

— דאָרטן, דאָרטן, — האָט זי געשעפּטשעט, — טו נאָר אַ קוק אַהינצו.

ער האָט איר נאָכגעפאָלגט מיטן בליק און געזען, האַרט אויף דעם קעגנאיבערדיקן ראַנד, אַ מערקווירדיק געשטאַלט, עס האָט אויסגעזען צו זיין שוואַרץ, און זיין סילועט האָט זיך

שאַרף אָפּגעטיילט פון דעם פעלז. עס איז געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע, דערנאָך האָט עס זיך גערוקט ווייטער און לענגויס דעם ראַנד פון פעלז, רויק טריט־בײַ־טריט.

— לאָמיר זיך אַהינשיפן! — האָט ער באַפוילן.

דאָס מיידל האָט אָנגענומען די וויעסלעס, מעכאַניש, זייענדיק געוויינט שוין צו האָרכן זיינע ווערטער. אָבער אירע אָרעמס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן און געציטערט פאַר אימה. פראַנק ברוין האָט זי אָפּגעשטופּט און גענומען אַליין די וויעסלעס אין די הענט. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט בײַ זיינע פיס און אַרומגעקלאַמערט זיינע קניען.

מיט האַסטיקע קלעפּ האָט ער געפירט דאָס שיפל אין יענער ריכטונג, אויסמיידנדיק יעטוועדן ליאַרם.

— דאָס איז דער אַמעריקאַנער! — האָט געשעפּטשעט טערעזע. פראַנק ברוין האָט אַהינגעקירעוועט דאָס שיפל און אַרויפגעקוקט אינדערהייך.

יאָ, דאָס איז געווען מיסטער פּעטער. מיט ברייט־געעפנטע אויגן איז ער געשטאַנען בײַם אָפּהאַנג. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, די אָרעמס האָבן זיך אויפגעהויבן און זעבן אַרונטערגעפאַלן, גלייך ער וואָלט עפּעס אַ רעדע געהאַלטן. דאָס פּנים איז געווען שטייף, אָן באַוועגונג, קיין שום וואָרט איז נישט אַרויס פון זיין מויל.

פראַנק ברוין האָט געפילט, ווי דאָס מיידל האָט זיך צוגעדריקט צו אים. זי האָט געשוידערט פאַר פּחד, געאָכצט און געדעשושט. ער האָט געזען, ווי אירע ליפּן האָבן זיך געעפנט, כדי איר אַנגסט שוידערלעך אויסצושרייען. ער האָט איר שנעל פאַרמאַכט מיט די האַנט דאָס מויל.

— שטיל, שטיל! — האָט ער געפּליסטערט — צי דען זעסטו נישט, אַז ער וואַנדלט אין שלאָף? אויב דו וועסט אים אויפוועקן, וועט ער אַראָפּפאַלן און געהרגעט ווערן אויפן אָרט.

אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. אָן אימהדיקער, פּיינפולער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט און הויך אָפּגעהילכט אין אַלע זייטן פון טאָל. באַפרייט און דערלייזט, און

גלייכצייטיק דערשראָקן איבער איר טאַט, האָט זי זיך נאָך ענגער צוגעפּרעסט צו אים און זיך פעסט איינגעגעסן אין זיין טלבוש.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך נישט גערירט; זיין אויער, וואָס איז געווען אינעווייניק געחועבדט, האָט כלל נישט געהערט דאָס געשריי. ער איז נאָך רויק געשטאַנען אַ ווײַלע און געדרשעט מיט ברעגן; דערנאָך האָט ער אַנידערגעקניט און הייס מתפּלל געווען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. צום לעצט האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוריקגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרם און באַרג-אַראָפּ מיטן ברייטן סטאַציע-שליאַך. פראַנק ברוין האָט אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוואונדן צווישן די קוסטעס.

שטילשווייגנדיק האָט ער זיך צוריקגעשיפּט, אָנגעבונדן דאָס שיפל און אַהיימגעטראָגן דאָס מיידל, וואָס איז שווער אויף זיין האַלדז געהאָנגען.

VI.

Agnis est felicis urbis
lumen inocciduum.

פעטרוס דאַמיאַנוס,
אַרציביסקופּ פון האָסטיע.

„Montez, montez,
Voilâ l'échelle!"

א. דע מוסע.

אַזוי האָט זיך זיין טאָג אָנגעהויבן:

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט פייפנדיק, האָט גיך אַ כאַפּ געטון אויף זיך דאָס באָד-מאַנטל. דערנאָך איז ער אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ גלייך צו דער אָזיערע-צו. מיט איין קאָפּשפּרונג איז ער שוין געווען אין וואַסער. איטלעכעס מאָל, ווען ער איז אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, פלעגט ער זאָגן: „צו אַלדי רוחות! — סאַראַ הינטישע קעלט!" אָבער ער האָט זיך פאָרט ווייטער געבאָדן און איז אַרויסגעשווומען ווייט אויף דער אָזיערע.

שפּעטער האָט ער אָפּגעגעסן פרישטיק און איז שוין געזעסן באַ זיין אַרבעט.

און ער האָט געשריבן:

„אין אָנהייב איז געווען ד אָ ס ג ע פ י ל. און בשעת עס האָט באַהערשט די וועלט, האָט עס אַלץ געמאַכט אונטערטעניק, און ס'האָט קיינער נישט געהערשט אַחוץ דעם. דערנאָך איז געקומען אַ נייער הערשער: ד ע ר ש כ ל. טריט־בײַ־טריט האָט ער געקעמפט מיט דער אַלטער מאַכט און דאָך קיינמאָל נישט געווונען די געוואַלטיקע אַליינהערשאַפט, וואָס יענע האָט אַמאָל געהאַט. מחמת, אַ סך פריער איידער דער שכל האָט געקענט מנצח זיין דאָס געפיל, איז דערשינען אַ נייער, גרעסערער כוח, וועלכער האָט די ביידע אַלטע אָנגעגריפן. שנעל האָט די ד ע ר פ אַ ר ו נ ג מיט שטאַרקע קלעפּ דעם שכל דערשלאָגן, אָבער נישט אַזוי גרינג האָט זי געקענט פאַרטיק ווערן מיטן אַלטן הערשער, מיט דעם געפיל.

און איצט שטייט די זאַך אַזוי: קליינע פאָרטן פאַרטיידיקט שוואַך דער אָרימער שכל, אָבער גרויסע שטחים לאַנד האַלט פעסט און עקשנותדיק דאָס בלינדע געפיל. אָבער בײַ זיי ביידע נעמט צו, אַלע מאָל מיט אַ פרישן כּלי־זין, זייער לאַנד די אומבאַזיגבאַרע דערפאַרונג.

דאָס געפיל איז געווען די ממשלה פון דער טעאָלאָגיע, אַנטקעגן איר איז אַרויסגעטרעטן די פילאָזאָפיע — דער שכל. דערנאָך אָבער האָט דער מענטש געלערנט דורך דערפאַרונג, ער האָט דערפאָרשט די נאַטור און איינגעזען, אַז נישט דאָס געפיל און נישט דער שכל קענען אים אויפדעקן די געזעצן פון דערדאָזיקער וועלט. וואָס אַן אמת, דאַרף ער זיי ביידע, און זיי מעגן אים באַגלייטן. צו דער העכסטער דערקענטעניש קען ער אָבער נאָר קומען דורכן אַראָפּפירערן זיך צום לעצטן מהות פון די זאַכן, וועלכע זענען פריי פון אַלע דערשיינונגס־פאָרמען. אַזוי בכן שטייט דער דריי־איניקער גאָט: געפיל, שכל און דערפאַרונג.

דאָס געפיל פרעגט: „פונוואַנען שטאַמט דער מענטש?“ און גיט זיין תשובה, וועלכע פּאַסט זיך צו אַלעם: „גאָט האָט איב באַשאַפן“. קומט דער שכל און זאָגט: „ניין — ס'איז נישטאָ קיין

גאָט". אָבער ער ענטפֿערט כּלל נישט אויף דער גרויסער פּלאַגע. קומט ענדלעך די דערפֿאַרונג און לערנט דיך, פֿונוואַנען דער מענטש שטאַמט. גיט דיר אַ לאַנגע קייט און ווייזט דיר גליד־בײַ־גליד זײַן שטאַם־בוים. דער שׂכל בלאָזט זיך אָן און שרײַט: „דאָ זע־נען בלייזן פֿאַרהאַן!" אָבער די דערפֿאַרונג פּילט אויס די בלייזן, היינט איינעם און מאָרגן ווידער אַן אַנדערן.

דאָס געפֿיל איז כיטרע, עס זאָגט גאָרנישט. עס איז בלינד און האַלט זיך ביידע אויערן צו.

דאָס געפֿיל זינגט תּמיד זײַן אייביקן פּזמון: „אַלע מענטשן שטאַמען פֿון אדם און חוה".

דער שׂכל אָבער גייט ווײַטער, שטעלט צונויף סיסטעמען און האַלט זיך, מי ידע, ווי קלוג. דרײַ ראַסן זענען פֿאַרהאַן אויף דער וועלט האַלט איינער; פֿינף זענען דאָ, זאָגט דער צווייטער; זיבן, מיינט דער דריטער; אפֿילו צוועלף פֿאַרזיכערט דער פֿירטער. הונ־דערט חכמים שאַפֿן הונדערט סיסטעמען און יעדער איינער רופֿט אָן דעם אַנדערן „נאַרנקאָפּ" און אַלע זענען גערעכט.

אָבער מ'דאַרף זיי נישט פֿוגע בכּבוד זײַן. מיר וועלן און גריבלען זיך אַרײַן און עס העלפֿט אונדז גאָרנישט, וועט נישט עפּעס אַ צופֿאַל. אָט געפֿינסטו עפּעס אַן אַלטן ביין, און דו ווערסט פּלוצלינג געוווּיר מער, ווי ס'האָבן אַלע געלערנטע פֿאַר דיר גע־וווּסט. אָבער זיי נישט שטאָלץ באַ זיך — באַשר דו האָסט גע־האַט גליק.

מחמת די דערפֿאַרונג אַליין פֿירט נאָך נישט צו דער לעצ־טער דערקענטעניש. דאָס געפֿיל מוז דעם וועג ווײַזן און דער שׂכל מוז צוהעלפֿן, כּדי מ'זאָל זיך נישט פֿאַרלירן אין די אַלע לאַבירינטן.

— ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם טיש, אויף די גרוי־סע שטויסן ביכער און מאַנוסקריפּטן. „דאָ ליגט מײַן דערפֿאַרונג!" האָט ער געטראַכט. „דעם וועג האָט מיר געוויזן דאָס געפֿיל — און כ'ווייס, אַז ער איז אַ גוטער וועג. — און איצט העלף־זשע מיר צו, שׂכל!"

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעשפּאַרט

דעם קאָפּ אויף ביידע הענט. פּאַמעלעך בריקל־צו־בריקל האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט, און האָט אויפס־נײַ געפּאַרמט דעמזעלבן גרויסן בנין. ער האָט קריטיש דורכגעזוכט יעדן פּרט, און געזוכט דאָ און דאָרטן, צי ער איז נישט אַמאָל אַרויף אויף אַ פֿאַלשן וועג, און ער האָט נישט געפֿונען גאָרנישט אַזעלכעס — האָט בכן אַלצדינג געמוזט שטימען. ער האָט בסדר זיך באַמיט אָפּצוּוועגן עפּעס אויף אַ געוויסע שטעל, וועלכע האָט אים אויסגעוויזן צו געבן אַ יסוד צו אַן אָנגריף — און ער האָט זיך כּסדר איבערצייגט, אַז זי איז געווען פֿעסט באַוואָרנט.

* *

*

ניין — ער האָט נישט געהאַט קיין טעות: די ראַסע קראָ־מאַניאָן איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אייראָפּע. „אַ שאָד", האָט ער געזאָגט, „זי איז זיכער געווען די בעסטע!"

ריזן זענען זיי געווען דידאָזיקע קראָ־מאַניאָן־לײַט, איבער צוויי מעטער הויך. זייער קאָפּ־שאַרבן איז געווען מיט אַ פֿירטהלק גרעסער, ווי פֿון אַלע אַנדערע ראַסן אין זייערע צײַטן. די באַז און באַמבע זענען געווען אַרויסגעשטאַרצט און זענען ענלעך געווען — שוין, פֿאַר די צײַטן פֿון מאַמוט — צו די אייראָפּעער פֿון אונדזער צײַט. גרויסע יעגער זענען זיי געווען און אויסגעצייכנטע קינסטלער, באַן הײַנט קוקן מיר מיט שטוינונג אין וועזרא־טאָל אויף די געמעלן פֿון פֿאַרשיידענע חיות, וועלכע זיי האָבן אויסגעקריצט אויף די פֿעלזן־ווענט באַם סוף פֿון דער אײַז־עפּאָכע. מיר האָבן זייערע שפּורן אין שפּאַניע, אין פֿראַנקרײַך און אין מערן — אָבער זייער ראַסע איז טויט און זיי זענען נישט אונדזערע אבות.

בלייבן די גרימאַלדי־מענטשן, די גאַליי־הילל־לײַט און די פֿון נעאַנדערטאַל. אין די היילן פֿון רוסע, אין די רויט פֿעלזן פֿון מענטאָנע, האָט מען געפֿונען, צווישן אַ גאַנצער ריי קראָמאַניאָן־לײַט, צוויי סקעלעטן פֿון אַן אַנדערן טיפּ. דידאָזיקע גרימאַלדי־

ראַסע האָט דערמאָנט מיט איר געציין אָן די הײַנטיקע צוליגנער און אַרױסגעװיזן אױף אַנדערע נעגערישע אָפּקלאַנגען.

איצט איז שױן אָבער זיכער, אַז אין װײַטערע צײַטן איז דער פּירוד צװישן אײראָפּע און אַפֿריקע געװען באַדײַטנד קלענער, װי הײַנט. ס'איז אַלזאָ קײן חידוש ניט, װאָס די חיות און מענטשן פֿון בײדע קאָנטינענטן זענען געשטאַנען נענטער צװישן זיך. און נאָך הײַנט געפֿינען זיך נעגראָידע איבערבלײַבעכצן בײַ די אײַנ-װױנערס פֿון מיטל-לענדישן ים.

אָבער די גרימאַלדי-ראַסע האָט ניט געהאַט קײן שום שײַכות מיט די לײַט פֿון גאַלײַ-הילל. מ'האָט זײ נאָר געפֿונען אין צפֿון, פּונקט אַזױ װי מ'האָט די גרימאַלדי-מענטשן נאָר אין דרום געפֿונען. און דער חילוק צװישן דידאָזיקע בײדע ראַסן איז געװען דערזעלבער, װי צװישן זײ און די נעאַנדערטאַל-ראַסע פֿון מיטל-אײראָפּע. זײער שאַרבן איז געװען לאַנג און שמאָל, העכער גע-װעלבט און האָט ניט געװיזן קײן ברעמענבײלן. דערפֿאַר האָט זײַן קינבאַק געהאַט אַן אַרױסגעשטאַרצטע גאָמבע, װי בײַ דער אײדעלער ראַסע קראָ-מאַניאָן.

אינמיטן אָבער האָט געװױנט אױף אַ ברײטן פּאַס די ראַסע פֿון נעאַנדערטאַל. דידאָזיקע ראַסע האָט דאַמאָלס, װען די אַלפּן זענען באַדעקט געװען מיט גלעטשערס, זיך געמוזט אױסשפּרײטן אױף צפֿון און דרום. און אַזױ האָט מען געפֿונען די רעשטלעך פֿון דידאָזיקע באַרגלײַט אױף די רוקנס פֿון די הױכקײטן: אין די אַרדענען, אין בערגישן לאַנד און בײַם נעקאַר, אין די לעצטע צעצװײַגונגען פֿונעם קאַרסט, פֿון די קאַרפּאַטן און די מערבֿדיקע אַלפּן; און ס'איז אַ פֿעסטע זאַך: די מענטשן פֿון נעאַנדערטאַל און פֿון ספּאַ, פֿון קראַפּינאַ און פֿון קאָרער — זײ אַלע געהערן צו דערזעלבער ראַסע, װי דאָס ייִנגל פֿון מוסטיער און די פֿרױ פֿון קעורקילן.

אײן גרױס פֿאָלק, פֿון די װײַטסטע אָרעמס פֿון די קאַרפּאַטן, אַזש ביז צו די פֿעלזן פֿון ברעטאַניע.

באַרג-מענטשן — — װי הײַנט.

און פֿראַנק ברױן האָט געטרױמט. איז דען דער חילוק

צווישן אַמאָל און היינט אַזאַ געוואַלטיק גרויסער? אויף דריי מיליאָן, פינף הונדערט טויזנט יאָר האָט מען געשאַצט דעמדאָזיקן משך צייט — און לגבי דערדאָזיקער צייט האָט זיך אים די אַנט-וויקלונג אויסגעוויזן אומענדלעך קליין און נישטיק. צי דען דער-מאָנט נישט אַזאַ פיעט״אַ באַסקלער, אָדער דער קליינער, קורץ-האַלדיקער וועניגער אויף אַ שרעקלעכן אופן די אוראַלטע מענטשן? צי זעט דען נישט אויס דעם אַמעריקאַנערס קנעכט מיט זיינע לאַנגע אָרעמס, מיטן ריזיקן קאָפּ און מוראדיקע ציין פונקט אַזוי ווי דער גראָב-ביינקער בן-דור פון מאַמוט? פונקט אַזוי ווי ער גייט איינגעבויגן הינטער זיין אַקער, וואָלט ער אויך געקענט זיך אַריינשלייכן אין זיין הייל און מיט אַ שטומפּיקער, שטיינער-נער האַק אין האַנט און מיט אַ טויבן אויסגעשריי אויפן היילבער זיך וואַרפן! ער האָט אים געזען, ווי ער האָט צעריסן דאָס רויע פלייש, צעקלאַפּט די האַרטע ביינער און די פעלזן און אויסגעזויגן דעם מאַרך פון זיי.

יאָ, דאָס האָט געדאַרפט דער קנעכט מיטן קראָפּ טון, עס וואָלט אים בעסער געפּאַסט, ווי דאָס „נשמה-אַרויסזאָגעכץ".

דער גאַנצער טאָל פון סקאָדראַ האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי איין גרויסע שטייג פול מיט ווילדע חיות. אַרום און אַרום דער אָזערע, פון די באַרג-שפּאַלטן און די היילן האָבן אַרויסגעשלייכט די פאַרנעבלדיקע אבות — און איצט איז דאָרט אַרומגעקראָכן זייער זרע.

— חיות! חיות!

ער האָט אַ הייב געטאָן דעם אָרעם, גלייך ער וואָלט פון אַ ביקס אויסגעקנאַלט. — זיי וואָלטן געדאַרפט דורך די רייפן שפּרינגען!

* *

*

אין דאָזיקן טאָג איז ער אַוועק צו מיסטער פעטער. די זון איז שוין געווען נידעריק, און די פּויערים זענען אַריינגעקראָכן אין זייערע הייזער. „ווי די הינער", האָט ער געטראַכט.

ער איז געגאַנגען איבערן דאָרף, דערנאָך האָט ער אַרויס־געקלעטערט צום הויז פון אַמעריקאַנער. אין גאָרטן האָט ער באַגעגנט זיין ווייב, אַ קליינע און שטאַרקע פרוי, פאַרקיילעכיקט פון אַלע זייטן. זי האָט אים באַגריסט און אים אָנגעוויזן אויפן שייער. „מיין מאַן איז אין זאַל", האָט זי געזאָגט, „ער וועט תיכף אַהערשמעקן".

זי האָט אים אַריינגעפירט אין הויז און אים געבעטן זיצן. ער האָט איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, קוקנדיק אויף די בלאַנקע קופּערנע פאַנצן און קעסעלעך, וואָס זענען געהאַנגען איבער דער קיך. „ווי דאָס אַלץ לייכט אין בלאַנקט!"

זי האָט פאַרזומערט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך בין שוין אַזוי צוגעוווינט, אָבער מיין מאַן זאָגט, אַז איך פטר צופיל צייט אויף ערדישע זאַכן און בליק צו ווייניק אַרויף צום הער יעזוס".

זי האָט גענומען רעדן, און דאָס איז געווען אַל צאַמיינעם: „מיין מאַן!" און „מיין מאַן!" אָן אויפהער, ווי וויים מעל האָט זיך געשיט דערדאָזיקער „מיין מאַן" פון דער מיל פון איר מויל.

פראַנק ברוין האָט איר איבערגעריסן.

— זאָג מיר באַר, צי איז דיין מאַן באַנאַכט אַזוי אַזוי פרום? ער שלאָפט דאָך מסתם?

די בערגאַמאָסקין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, אָבער אויך אין שלאָף פאַרגעסט מיין מאַן נישט אָן גאָט. — פלוצלינג שטייט ער אויף פון בעט, קניט אַנידער און איז מתפלל. מיין מאַן איז אַזוי פרום. טייל מאָל גייט אויך מיין מאַן אַריין אין זאַל, אָדער גאָר אין דאָרף אַריין, אינמיטן דער נאַכט, און ער קומט צוריק און לייגט זיך אין בעט אַריין און צומאָרגנס איגדערפרי ווייסט ער גאָרנישט פון דעם אַלעם מיין מאַן —

פלוצלינג איז זי דערשראָקן אויפגעשטאַנען.

— אָט גייט ער — האָט זי געפליסטערט.

זי האָט אים געעפנט די טיר.

— דער העד דאָקטער איז דאָ!

דערנאָך האָט זי אַרויפגעשטעלט אַ ליכט אויפן טיש און האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט.

פּיעטראָ האָט אים באַגריסט זויער און נישט גערן. ער האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ נידעריק אַראָפּגעלאָזט און אָפּגערעגעקט אוי אים נישט דרייסט און גיפטיק.

„וואַרט נאָר, חיה איינע", האָט געטראַכט פראַנק ברוין. „ווייסט דיך שוין אויסלערנען טאַנצן". און האָט אויסגעשריגן צו אים: How's business?

מיסטער פּעטנער האָט אַ ציטער געטון און זיך איינגעקווילט ווי אונטער אַ שמיץ פון אַ בייטש.

ער האָט אָבער גלייך געזאָגט מיט אַ זיס-זויערן שמייכל: „אַ דאַנק". ער האָט אפילו נישט געוואַגט צו מאַכן דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט מכלומרשט נישט פאַרש אָנען דעם רעמדן, וועלכער האָט זיין הייליקע עבודה אָנגעריפן געשעפט.

— אַ דאַנק, אַלץ ליגט אין גאָטס האַנט. איך בין מתפלל צו אים, אַז ער זאָל בענטשן מיין ווערק.

— גאָט וועט דיין ווערק נישט בענטשן, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין. — ער פאַרלאַנגט מער ווי געזאַנג און תפילות.

פאַרוויילעדיק אין זיך אַליין, האָלב איבערצייגט אין פעסטן טאָן פון פרעמדן, האָט פּיעטראָ אויפגעהויבן זיינע אויגן — וואָס-זשע פאַרלאַנגט ער? — האָט ער שרעקעוודיק געפרעגט.

פראַנק ברוין האָט געשוויגן. אַלץ, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט געטון אויף זיינע פאַרזאַמלונגען, איז געווען אַן אומנייניק נאָכמאַכערייַ פון זיין פּאָבסילוואַנישער סעקטע. דידאָזיקע זמירות און דרשות, דאָסדאָזיקע מתפלל זיין און „נשמה-זאָגן" און מוזיק. גרילצערײַ האָט נאָר געקענט האָבן דעם איינציקן ציל: אויפצוּוועקן אויפסניי די אמונה. דאָס האָט אַליין געקענט טויגן פאַר די פּראָטעסטאַנטישע מאַסן, וועלכע האָבן אָנגעוווירן דעם גלויבן, און האָט געקענט דעם טעמפּל האָן, וועלכער האָט זיך שוין לאַנג

אָפּגעקערט פון דער קירך, מיט זיין געפילדער ווידער אויף אַ ווײַלע צום קרייז אָהערטרייבן, פונקט ווי די טראַמפּייט פון די אויסרופערס, וואָס טרייבט צונויף דעם עולם אין די מאַרק־פּאַ־דעס!

אָבער וואָס האָט עס דאָ גענוצט? דידאָזיקע אַלע חיות פון וואַל די סקאָדראַ זענען געשטאַנען אין זייער אמונה פונקט אַזוי פעסט, ווי זייערע בערג; ס'איז זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו צווייפלען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַין זיך איינגעזאַפּט מיט דער מילך פון דער מוטער.

אמונה פאַר וואַל די סקאָדראַ! אָבער זי האָט דאָך אַרויסגעשראָצט פון אַלע פעלזן־שפּאַלטן, איז זיך מעכטיק שונאַבדערגעוואַקסן פון אַלע באַרג־ווענט און דערשטיקט דעם גאַנצן טאָל.

ניין, דאָסדאָזיקע פאָלק האָט געדאַרפט האָבן עפּעס אַנדערש. אויב עס האָט בכלל געהאַט וועלכע עס איז בענקשאַפט אין זיך, האָט עס אומבאַוווסטזיניק פאַרלאַנגט עפּעס אַן אומגעוויינטלעך געשעניש, וועלכעס זאָל איבעררייסן די פולע פוסטקייט פון דער יאָרנלאַנגער איינטאָניקייט, דאָס האָט געקענט נאָר איינס זיין, דער מופת.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַמעריקאַנערס אַקסל, זיין שטים האָט געקלונגען ווייך, שטיל און דאָך מאָדנע דורכדרינגלעך,

— הער צו, פּיעטראָ נאָסקלער! גאָט פאַרלאַנגט פון דיר אַ מופת.

דערשראָקן האָט אים מיסטער פּעטער אָנגעקוקט.

— איך זאָל באַווייזן אַ מופת? — איך? — מענטשן באַווייזן נישט קיין מופתים.

פראַנק ברוין האָט געענטפערט!

— פאַרוינדיק דיך נישט! לייען די געשיכטע פון די הייליקע — — וועסטו דאַן וויסן, אַז אויך מענטשן קענען טון וואונדער, — דו דאַרפסט באַווייזן אַ וואונדער, און דו קענסט עס באַווייזן, פּיעטראָ, דו ביסט דאָך אליהו!

פיעטראָ האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן, פאַרשטיי-נערט, נישט פעיק א וואָרט ארויסצורעדן.

דער דייטש האָט פאָרגעזעצט:

— יאָ, דו ביסט אליהו. אליהו, דער נביא. צי דען ווייסטו נישט, אז די נשמות פון די הייליקע קדושים ווערן מגולגל אין א נייעם גוף, אויב גאָט באַפעלט אזוי? דו טראָגסט די נשמה פון אליהו הנביא!

זיינע ווערטער זענען געפאַלן פּאַמעלעך, זיכער, נישט דולדנדיק קיין שום ספק.

— נישט אומזיסט האָט דיך גאָט אזוי באַשאָנקען מיט זיין חסד אויף דיין לעבנס-וועג. ער האָט דיך געפירט ווייט איבערן גרויסן ים און דיך געלאָזט א סך יאָרן ביטער אַרבעטן אויף דיין טעגלעך ברויט. דערנאָך האָט ער געוויזן דיינע טריט צו דער געמיינדע פון דיינע ברידער, אז דאָס ליכט פון זיין גייסט זאָל דיך ליכטיק מאַכן. און ער האָט דיר אין זיין גרענעצלאָזן חסד געגעבן א גרויסע מתנה און דיך געמאַכט פאַר א רייכן מאַן.

מיסטער פעטער האָט שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ. איט-לעכעס וואָרט איז אין אים אַריינגעדרונגען און זיך טיף איינגע-גראָבן אין די קעמערלעך פון זיין מוח.

און דער אַנדערער האָט ווייטער גערעדט:

— נאָר גאָט האָט דיך באַשטימט פאַר גרעסערע צוועקן. דעריבער האָט ער דיך אַרויסגעטריבן פון פרעמדן לאַנד, כדי דו זאָלסט אין טאָל פון דיין אַלטער היים פרעדיקן זיין מלכות און דעם דערלייזערס חסד. און דאָ, בשעת דו ביסט פאַרזונקען געווען אין שלאָף, האָט ער אַריינגעהויכט אין דיין גוף די נשמה פון זיין פרומען דינער אליהו.

פיעטראָ האָט זיך א וואַקל געטאָן, ווי א שיכור, און זיך אָנגעהאַלטן אָן קאַנט פון טיש, כדי נישט אומצופאַלן.

— דאָס איז אמת — האָט ער געפליסטערט — איך חלום יעדע נאַכט וועגן בלוט פון לעמעל. און מיין פרוי זאָגט, אז איך שטיי אויף און וואַנדל אַרום אין שלאָף.

— יאָ — האָט באַשטעטיקט פראַנק בראַון — אָבער נישט

דו ביסט עס, עס איז אליהו הנביא, וועלכער וווינט אין דיר. ער שטייט אויף און לויבט גאָט אין שלאָף. און ער טראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל פּרעדיקן דאָס מלכות און דעם רום פון גאָט, און דאָס פאַרשפּרייטן דאָ אויף דער ערד.

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אים שטאַר געקוקט אין די אויגן.

— פּיעטראָ באַסקלער. דו ביסט גאָטס אויסדערוויילטער!

דער אַמעריקאַנער האָט זיך קוים געקענט דערהאַלטן אויף די פיס. זיינע אָרעמס האָבן געציטערט, דינער שווייס איז געפלאָסן פון זיינע האַלב־אָפענע ליפּן. אָבער זיין בליק האָט געלויכטן אין שטאָלצן נחת און זיך פאַרלוירן אין נעפּלהאַפטע פאָרשטעלונגען פון דאָזיקן העכסטן האַר, וועמענס מאַנטל ער דאַרף טראָגן. ער האָט שוין נישט מער געהערט, וואָס דער צווייטער האָט גערעדט, זיינע שטאַרע אויגן האָבן דערזען דעם פּראַכט פון גאָטס מלכות.

פראַנק בראַון האָט אים ביין געטרייסלט.

— קום צו זיך, פּיעטראָ, כ'וויל נאָך רעדן מיט דיר!

אַרויסגעריסן פון זיינע חלומות, האַלב־מבולבל, האָט ער מיט אומצוטרוי געשיקלט אויפן דייטש. — וואָס האָט דאָ געהאַלטן דער־דאָזיקער פרעמדער, דער כופר? ווי אַזוי איז ער דאָס געזעסן פאַר אים, קאַלט, שמייכלענדיק און בלאָזנדיק אים דעם רויך פון פּאַפּיראָס גלייך אין פּנים אַריין? אים, וועלכער איז דאָך געווען אליהו, דער נביא!

פראַנק בראַון האָט אים לייכט אַ קלאַפּ געטון איבער דער קני.

— דו זאָלסט דיך צוהערן, פּיעטראָ, דו פאַרשטייסט?

יאָ, ער האָט זיך געמוזט צוהערן, דאָס האָט ער שוין באַמערקט. ער האָט געפילט, אַז דער פרעמדער האָט צעריסן דעם נעפּל, וועלכער איז אים געלעגן פאַר די אויגן און אַז ער האָט אים געוויזן דעם וועג, אויף וועלכן ער זאָל גיין. — אָבער טאַקע דערפאַר האָט ער אים געהאַסט. ער האָט געגלייבט אין איטלעכן וואָרט, וואָס דער אַנדערער האָט אַרויסגערעדט און ס'איז אין אים

אַלמעכטיק געוואַקסן די גרויסע פאַרערונג, וואָס ער אַליין מוז פאַר זיך האָבן, ווי אויך די גאַנצע וועלט. פאַר אים, דעם נביא, דעם אויסדערוויילטן פון גאָט!

דאָ אָבער איז געזעסן פאַר אים דערדאָזיקער זיך דאָ אַהער פאַרשלעפּטער דאָקטאָר, וואָס האָט שענדלעך פאַרפירט בײַ דער קראַנקער פרוי, וועלכע ער אַליין האָט אויסגעהיילט. דערדאָזיקער אומגלויביקער הונט, וועלכער האָט הויך געלאַכט אויף דער פאַרזאַמלונג, בשעת זײַן קנעכט סקוראַ האָט זײַן נשמה אַרויסגעזאָגט. ער איז זיך דאָ אַזוי געזעסן און מיט זײַן יעדן בליק און יעדן זשעסט אים אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור גרינגשעצונג.

ער האָט געקריצט מיט די ציין. הלמאי איז גראָד דער צו אים געשיקט געוואָרן — — דערנאָך האָט ער זיך באַקלערט.

— די וועגן פון גאָט זענען אומדערפאָרשלעך, — האָט ער געמורמלט.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן און געזאָגט קלאַנגלאָז:

— רעדט, דאָקטאָר, וואָס זאָל איך טון?

פראַנק בראַון האָט געזען דאָס פאַרצערטע פּנים און זיך משער געווען, וואָס ער האָט געקענט טראַכטן. עס האָט אים געפרייט צו קרענקען אים, זײַן פוס האָט געציטערט, גלײַך ער וואָלט אים געוואָלט אָנטרעטן.

— ברענג ווײַן! — האָט ער באַפוילן.

דער אַמעריקאַנער האָט אים אָנגעקוקט און דערפילט די בייטש.

— מײַן הער — האָט ער אַ ויסגעשטאַמלט, — איך האָב נישט קיין ווײַן. ס'איז קיינמאָל קיין טראָפּן ווײַן אין מײַן הויז ניט געווען.

— נײַן? — האָט פראַנק בראַון גלײַכגילטיק געזאָגט. — טאָ גײ זשע אין רײַמאָנדיס שענק אַרײַן. אויב ער שלאָפט, זאָלסטו אים אויפוועקן; ער וועט זיך פרייען, וואָס ער וועט דיר קענען ווײַן פאַרקויפן.

מיט שווערקייט האָט זיך פּיעטראָ אויפגעהויבן. זײַנע פויסטן

האָבן זיך צונויפגעדריקט; ווי אַ געשלאָגענער הונט איז ער צו־
געגאַנגען צו דער טיר.

פראַנק ברוין האָט אים נאָכגעלאַכט הויך און קורץ, אַזוי ווי ער האָט זיך צעלאַכט דאַמאָלס, בשעת דער קבצן האָט זיין נשמה אַרויסגעזאָגט.

ער האָט פאַרויכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס און באַטראַכט וואָס ער זאָל ווייטער דעם אַמעריקאַנער זאָגן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט גאַנץ שטיל:

— יאָ, אַזוי־ערנאַך וועט עס גיין!

* *

*

מיסטער פּעטער האָט געברענגט דעם וויין. ער האָט שווייגנדיק אוועקגעשטעלט די פלעשלעך אויפן טיש און איז געגאַנגען ברענגען אַ גלאָז.

— צוויי! — האָט אויסגערופן פראַנק ברוין.

יענער האָט געפאָלגט, און דער דייטש האָט אים געצוואונגען מיט אים זיך צונויפצוקלאַפּן. ער האָט געמוזט אויסטרינקען זיין גלאָז און זיך באַלד אָנגיסן אַ פרישס. „אַזוי, פּיעטראָ, איצט וועסטו מיך בעסער פאַרשטיין:"

דער אַמעריקאַנער האָט פאַרביסן די ליפּן און צוריסענע פרעסט די הענט. מ'האָט בפירוש געזען, וואָס פאַר אַ מי ער האָט זיך געגעבן תופס צו זיין די הערטער פון פרעמדן. יעדן געדאַנק צו פאַרשטיין און אים פעסט איינקריצן אין זיין זכרון. דער וויין, צו וועלכן ער איז נישט געווען צוגעוווינט, האָט אים דערהיצט און גורם געווען, אַז אַלץ, וואָס יענער האָט געזאָגט, האָט זיך אים אויסגעוויזן קלאָרער און נאַטירלעכער.

אָבער איידער פראַנק ברוין האָט אָנגעהויבן, האָט ער אים אַ פרעג געטון: „פּיעטריאָ, האָסטו מיך ליב?" היות דער אַנדערער האָט געשוויגן, האָט ער ווייטער געזאָגט: „דו ווייסט דאָך, אַז מ'דאַרף ליב האָבן דעם חבר, ווי זיך אַליין".

דער אַמעריקאַנער האָט אויפגעזוכט צו דר'ערד און זיך געדרייט, ווי אַ חדר-יינגל. אָבער דער דייטש האָט נישט נאָכ-געלאָזט:

— דו מוזסט מיר זאָגן דעם אמת, פּיעטראָ! — שוין אויף דער רגע. — ליבסטו מיך?

דאַן האָט ער אויסגעשטאַמלט:

— ניין, הער. — איך גלייב, אַז נישט.

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט.

— מילא, עס איז אויך נישט וויכטיק — אויב דו פאָלגסט נאָר! און דו מוזסט מיך פאָלגן, מחמת קיינער וועט דיר נישט ווייזן דעם וועג, אויב איך וועל עס נישט טון.

מיסטער פעטער האָט אַ זיפץ געטון, ער האָט געפילט, אַז ס'איז אזוי.

הער-זשע מיך אויס, פּיעטראָ, — האָט פראַנק ברוין פאַרגעזעצט. — וואָס האָסטו ביז איצט געטון אין דיין היים-דאָרף? דו האָסט געפּרעדיקט פאַר די מענטשן דעם גלויבן — אָבער ס'איז קיינער דאָ נישט געווען, וואָס זאָל זיין אומגלויביק. דו האָסט געזעדט וועגן תשובה-טון — אָבער זיי אַלע זענען געווען געבייגט צו תשובה, נאָך איידער דו ביסט אַהערגעקומען. דו האָסט איינגעפירט, אַז זיי זאָלן זיך די זינד מתוודה זיין, עפנטלעך, פאַר דער גאַנ-צער געמיינדע — אָבער צי מיינסטו דען, אַז דאָס איז גענוג אין די אויגן פון גאָט? דו האָסט באַ זיי ווייטער געפּועלט, אַז זיי זאָלן זיך פון ווייַן אָפּזאָגן — קיינער וועט נישט אָפּלייקענען, אַז ס'איז אַ פיינער טאַט! אָבער גלויב מיר, פּיעטראָ, גאָט פאַרלאַנגט מער. און אויך זיי, וועלכע גייען דיר נאָך, וועט אויך אינגיכן דערעסן הערן דאָס, וואָס דו לערנסט זיי. אויך זיי פאַרלאַנגען פון דיר עפּעס גרעסערס! דו האָסט זיי אויפגעפאָדערט צו באַ-קעמפן דעם טייוול און, האָסט זיי צוגעזאָגט, אַז דו וועסט אים אינ-גאַנצן פאַרטרייבן. אָבער וואָס איז געווען דיין כלי-זין? געזאַנג און תפילות — הילצערן געווער! — איך אָבער זאָג דיר, פּיעטראָ, דער טייוול מאַכט זיך גאָרנישט פון זינגען און בעטן, ער לאַכט זיך אויס דערפון און בלייבט זיך רויק זיצן הינטערן אויוון. —

ווילסטו אים דערגיין דאָס לעבן, דאַן מוזסטו אָנווענדן אַנדערע כּלים!

ווו איז אָבער דער אַרסענאַל, וועלכער זאָל דיר קענען ליפערן גענוג שטאַרק געווער אַנטקעגן דער מאַכט פון שׂטן?

גיב אַכטונג, פּיעטראָ באַסקלער. איך וועל אים דיר ווייזן, איך, וואָס קען די וועלט און אַלע אירע טיפענישן. — זע, איך פיר דיך אַריין אין דעם לעבן פון די הייליקע.

ווי זאָגט דער הייליקער פּאַול, דער אַפּאָסטאָל? „איך מאַטער מײַן לײַב און פּײַניק עס, כּדי איך אַליין זאָל, לערנענדיק אַנדערע, נישט זײַן קיין פּושע." „איך דו, פּיעטראָ, פּרעדיקסט פאַר אַנדערע, אָבער ווען האָסטו דײַן לײַב געמאַטערט?

כ'וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע, וועלכע דער הייליקער ווינצענטי גיט אונדז איבער. אין קלויסטער פון הייליקן סילוועסטער אין אורבינאָ איז געשטאָרבן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק אַ געוויסער מאָנאַך. ווי תּמיד האָבן די ברידער געזונגען די טויטן-קינות, לידער און קאַפּיטלעך תּהילים; אָבער בשעת זיי זענען צוגעקומען צום „אַגנוס דעי", איז דער מת אויפגעשטאַנען. אַלע האָבן זיך צוגעשטופּט צו אים, כּדי צו הערן, וואָס ער וויל זאָגן; ער אָבער האָט גענומען זידלען און לעסטערן גאָט, דעם קרייץ און די הייליקע יונגפרוי. די יסורים פון גיהנום, האָט ער געזאָגט, זענען אַזוי מוראדיק, און קיין שום בעטן און זינגען קענען אים נישט העלפן. זיי האָבן אים באַשווירן, אַז ער זאָל חרטה האָבן אויף זײַנע זינדיקע ווערטער; אָבער פון זײַן מויל זענען אַרויס וואָס אַמאָל מיאוסערע קללות. דאַן האָבן די מאָנאַכן באַשלאָסן מתפּלל צו זײַן פאַר זײַן נשמה; לסוף אָבער, ווען ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, האָבן זיי אַראָפּגעצויגן פון זיך די מלבושים, געכאַפּט די ראַפּניקעס און גענומען שמײַסן זיך. דאַן האָט זיך דער שכל צום פאַרצווייפלטן מת צוריקגעקערט, ער האָט חרטה געהאַט אויף זײַנע זינד און געבעטן מחילה. און אַזוי האָט ער געלעבט און געלויבט גאָט, זײַן האַר, ביז צום לעצטן טאָג.

צי פאַרשטייסטו דעם מוסר-השׂכּל פון דערדאָזיקער געשיכטע, פּיעטראָ? דאָס, וואָס ס'האָט נישט געקענט פּועלן קיין געזאַנג און תּפֿילות, האָט געפּועלט דאָס שמײַסן זיך: עס האָט

ארויסגעטריבן דעם בייזן גייסט פון לייב פון אָרימען קלויסטער-ברודער.

דאָס איז דער וועג, וועלכן אונדזערע הייליקע ווייזן אונדז אָן.

פראַנציסקוס פון אַסיזי האָט אים גוט געקענט, און זיין ראַפּניק האָט אויפגעריסן שווערע וווּנדן אין זיין לייב און אין לייב פון זיינע ברידער און שוועסטערן. דער הייליקער דאָמיניקאַנער פון גוצמאַן פלעגט זיך שלאָגן אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער; אָבער די גאָטס-מוטער אַליין האָט געהיילט זיינע וווּנדן. בשעת ער האָט זיך געבייטשט איז די לופט פול געווען מיט בייזע רוחות, וועלכע האָבן געוואָיעט און געשאָלטן, ווייל דורך די מעשים פון דאָזיק מאַן זענען טויזנטער נשמות ארויסגעריסן געוואָרן פון אייביקן פייער. יאָהאַנעס טוילער איז געווען זיין תלמיד און די באַשיינונג פון זיין אָרדן; ער פלעגט אויפהייבן די בייטש נישט שוואַכער ווי זיין רבי. און אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען דער הייליקער איגנאַץ פון לאָיאָלאַ און באַנוצט די בייטש אקעגן זינדיקן לייב.

הער זיך צו, פּיעטראָ, וואָס עס לערנט אונדז דער הייליקער יאָהאַנעס פון ניטריאַ. דאָס בלוט זאָגט ער, וואָס די פאַרגיסט באַם בייטשן זיך, מישט זיך אויס מיטן בלוט פון דערלייזער, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויפן קרייץ, כדי דיך מציל צו זיין. די זעלבסט-בייטשונג מאַכט דאָס גאַנצע מתוודה זיין זיך איבעריק און איז אַ גרעסערער פאַרדינסט, ווי דער מאַרטירער-טויט, ווייל זי איז פרייוויליק, יענער אָבער געצוווּנגען. זי איז אַ נייע טבילה און אַ טבילה אין בלוט פון לעמל; אין זיין אייגענעם בלוט דאַרף יעדער אמתדיקער קריסט געטויפט זיין. די זעלבסט-בייטשונג פועלט אויס די מחילה פון אַלע פריערדיקע און שפּעטערדיקע זינד, זי איז בעסער, ווי אַלע אַנדערע מעשים טובים.

דאָס איז געווען די לערע פון דאָזיקן הייליקן מאַן.

פּאַטער אַכאַטיוס, אַ פרומער קאַפּוצינער פון קלויסטער אין דירען, רופט צו אונדז:

דער מענטש איז נישט בכּוח צו באַהערשן די פאַרלאַנגען פון זיין קערפּער. אָבער אויב דער קערפּער זינדיקט, קען דאָך לכל-הפּחות די נשמה צו גאָט דינען. די נשמה געהערט צו גאָט און דער קערפּער צו דער וועלט. פון אויבן רעדט צום מענטש גאָט און פון אונטן די וועלט, און יעדער פאַרלאַנגט זיין חלק. דורך די מלקות אָבער פון לייב ווערט די זינד, וועלכע די וועלט האָט דעם מענטש באַפוילן, אָפּגעוואַשן און פאַרגעבן.

זאָלסט אָבער נישט מיינען, פּיעטראָ באָקלער, אַז נאָר הייליקע לייט האָבן זייער לייב מכניע געווען און געפּייניקט: שוואַכע פרויען זענען נישט געבליבן הינטערשטעליק לגבי זיי, און אָפטמאָל האָט זיך דער הימל געעפנט באַם אָנבליק פון זייערע וווּנדן.

די הייליקע טערעזע, וועלכע האָט געגרינדעט דעם אָרדן פון די קאַרמעליטן, איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט לעבן דעם תפילה-ביכל דעם ראַפּניק געטראָגן. זייענדיק קוים זיבן יאָר אַלט, האָט זי שוין געלייענט דאָס לעבן פון די הייליקע, וואָס דו, פּיעטראָ, קענסט נאָך איצטער נישט. צוזאַמען מיט איר ברודער האָט זי באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן צווישן די געצנדינער, כּדי דעם מאַרטירער-טויט צו האָבן. די עלטערן האָבן זי דערפון אָפּגעהאַלטן, אָבער דאָס פרומע קינד האָט פון דאַמאָלס אָן געפירט אַ לעבן פון אַ פּרושה. נאָך קנאַפּ דערוואַקסן, איז זי שוין אַריינגעטרעטן אין אַ קלויסטער, און פון דאַמאָלס אָן זענען דאָס האַריקע געוואַנט, די רוט און די בייטש געווען אירע איינציקע פריינט. נאָר איין איינציקן תענוג האָט זי געפונען: צו שלאָגן און געשלאָגן צו ווערן; זי וואָלט איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דעם, כּדי צו קענען די גאַנצע וועלט אויסבייטשן אָדער אַליין געבייטשט ווערן פון דער גאַנצער וועלט! און איר הערלעכער ביישפּיל האָט געפונען פיל אָנהענגער בײַ אַלע מאָנאַכן און מאָנאַכינס פון קלויסטער. אַלע האָבן געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן אין שלאָגן מלקות, כּדי אַזוי-ערנאָך צו דערגרייכן דאָס געטלעכע קעניגרייך. זיי פלעגן זיך אַלע טעגלעך שמייסן, און מאַנכע צוויי — און דריי מאָל אין טאָג. די פרומע שוועסטער מאַריע, פאַר וועמען דער קאַנטשיק איז גע-

ווען צו ווייניק, האָט זיך געשלאָגן מיט אַ פּייער-האַקן, דער ברוידער אַלעקסאַנדער אַפּילו מיט גליענדיקן אײַזן.

נאָך פרומער אָבער איז געווען די שוועסטער קאַטערינע פון קאַרדאָנאַ. זי האָט געטראָגן אַ האָריק געוואַנט און אײַזערנע קייטן, וועלכע האָבן זיך איר אײַנגעשניטן טיף אין לײַב. זי האָט געלעבט אַלס בזירה טיף אונטן אין אַ קעלער און איז געשלאָפן אויף דער פײַכטער ערד, מיט אַ שטיין צוקאָפּנס. זי האָט געהאַט אַ סך מכשירים צום פּײַניקן זיך, און האָט זיך געשמיסן אָן אַן הפסקה דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. זי האָט זיך געשטאָכן מיט נאָדלען און דערנער און זיך פאַרברענט דאָס לײַב; אַפילו באַנאַכט איז זי כמעט נישט געשלאָפן, נאָר האָט פאָרגעזעצט איר הייליק ווערק. ווען דער פרומער בישאָף פון ביסערט פלעגט נאָר איר נאָמען הערן, האָט ער זיך צעוויינט פאַר הכנעהדיקער ערפורכט.

אַן אַנדערע קאַרמעליטן-שוועסטער איז געווען מאַריע מאַגדאַלענע דעי פּאַצי פון פלאָרענץ. זי האָט שוין פון צען יאָר אָן זיך אָנגעהויבן צו פּײַניקן. אין קלויסטער האָט זי זיך געבײַטשט פיר מאָל אין טאָג און איז געשלאָפן מיט אַ דערנער-קרוין אויפן קאָפּ און מיט אַ שטעכעדיקן גאַרטל אַרום דעם לײַב. בשעת דער בישוף האָט אַמאָל געבעטן די פרומע מאַגנאַטין, אַז זי זאָל אַרויסזאָגן עפּעס איר אַ וווּנטש, האָט זי געבעטן, אַז מ'זאָל זי זונטיק צובינדן נאַקעטערהייט צום אַלטאַר און זי אויסבײַטשן. און גאָט האָט גנעדיק געקוקט אויף איר הכנעה און צוגענומען דעם קרבן פון איר בלוט. אָפטמאָל איז זי באַשאָנקען געוואָרן מיטן חסד פון האָבן וויזיעס און האָט דאַן געזען ברייט אָפן אַלע הימלען אין זייער פּראַכט.

מוטער פּאַסידעאַ פון סיענע, וועלכע האָט געהערט צום ציסטערציענסער אָרדן, איז געווען נישט ווייניקער שטרענג. זי פלעגט זיך שלאָגן מיט שטעכיקע אײַזן, איז געשלאָפן ווינטער אין שניי און זומער אין בריעכן און דערנער. ווען דער קאַנטשיק האָט צעריסן אויף שטיקער איר לײַב, פלעגט זי הייס באַגיסן מיט זאַלץ און עסיק אירע ווונדן. זי פלעגט בײַטשן איר לײַב מיט דערנער-

צווייגן און ליגן אויף שטיינער און האַרטע אַרבעס. אויך זי איז דורך אירע מלחמות באַשאַנקען געוואָרן מיטן חסד צו זען דעם העֶר יעזוס מיט די אייגענע אויגן פונקט אַזוי ווי די פרומע שוועסטער עליזאַבעט פון געגנט [illegible]

קלאַרא סציפאַ איז געווען די פרומע פריינדין פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזי, און היות ער האָט איר געטון דעם חסד צו שמייסן איר נאַקעט לייב מיט ריטער, האָט זי אויך געבייטשט דאָס לייב פון דעם הייליקן. זי פלעג מתפלל זיין אינאיינעם, געבייטשט זיך אינאיינעם און אַלס שכר האָט זיך צו איר באַוויזן די מאַדאָנע מיט איר קינד.

איזאַבעלע, די טאָכטער פון לודוויק XII, קעניג פון פראַנקרייך, האָט געגרינדעט דעם אָרדן פון הייליקן אורבאַן; זי אַליין און איר שוועסטער האָבן טעגלעך גענומען דאָס ברויט פון מלקות. מאַריע לווירענטיע לאַנגאַ האָט געגרינדעט אין נעאַפּאָל דעם קלויסטער פון די קאַפּוצינערינס, און מ'דערציילט, אַז ס'איז נישט געווען קיין אָרט אויף איר לייב און אויף די לייבער פון אירע שוועסטערן, וואָס זאָל נישט געווען באַדעקט זיין מיט בלוט. איר הייליקן ביישפּיל האָט נאָכגעטון לוויזע פון לאַ ריגנען אין מאַרסעיל, יאָהאַנאַ פון וואַלואַ אין פּאַריז, אַנדזשעליבע פון קאַרטען אין פאָליגני און בעאַטרישע דע פאַרטאַלעגר אין מאַדריד. קיינמאָל האָבן נישט גערוט די בייטשן אין דיזאָזיקע פרומע הענט.

דער הייליקער בענעדיקט האָט אונדז געזאָגט, אַז נאָר דער קאַנטשיק קען שאַרפן דאָס געהער פאַר די ווערטער, וואָס גאָט רעדט צו אונדז. צו זיינע נאָכפאָלגערס האָט אויך געהערט די קעניגין אַנאַ פון עסטרייך, וועלכע האָט זיך אָפט געלאָזט בייטשן פון פרומע מענער.

צי זאָל איך דיר נאָך נעמען אָנרופן, פּיעטראָ? די געשיכטע פון די הייליקע איז פול מיט פרומע מענער און פרויען, וועלכע האָבן גאַנץ גוט געוווסט, וואָסער חסד גאָט האָט אַריינגעלייגט אין די מלקות און אין זייערע ווונדן.

ער טראַכט וועגן דעם, ווי די יידן האָבן פאַרשלעפּט זיין

זון ישו פאַרן הויז פון הויך־קאָמיסאַר פּילאַטוס. ווי די זעלנער האָבן אים געבונדן, אַראָפּגעצויגן פון אים די מלבושים און ווי זיי האָבן אים אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ אַ דערנער־קרוין, אים באַשפּיגן און געשלאָגן. און עס געפינט חן אין די אויגן פון גאָט, ווען די פרומע לייט טראָגן פרייוויליק איבער די זלזולים און די פּיין, וועלכע זיין געליבטער זון האָט איבערגעליטן, כדי די וועלט צו דערלייזן.

דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו גאָטס לעמל, און ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אַנדערער, אַ חוץ אים.

אַלע הייליקע זענען געגאַנגען מיטן דאָזיקן וועג, און צו זיי אַלע האָט זיך גאָט באַוויזן און זיי באַשאָנקען מיטן חסד פון נסים.

צי איז דען נישט אויף איין ווונק פון הייליקן בענעדיקט אין אַ חורבה צעפאַלן דער געצנדינערישער טעמפּל פון אַפּאָלאָ אין מאָנט קאַסינאָ? צי האָט דען דער הייליקער איגנאַטיוס אַליין נישט באַוויזן איבער צוויי הונדערט מופתים? און ווער וואָלט געקענט איבערציילן די מופתים פון הייליקן פראַנציסקוס?

נעם אַלזאָ דעם ראַפּניק, פּיעטראָ נאָסקילער, און בייטש דיין קערפּער, דו, וואָס ביסט אליהו הנביא!

פראַנק בראַון איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער אַמעריקאַנער האָט אים שטאַר אָנגעקוקט; זיינע ליפּן האָבן זיך שטום באַוועגט, דערנאָך די צונג; ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָס לשון אָנגעוווירן. און מיט גרויס מי און פאַרהאַקנדיק זיך האָבן זיך אַרויסגעריסן די ווערטער:

— הער — הער — — ווער ביסטו?

— נאַרישע בהמה! — האָט אים דער דייטש אָנגעשריגן.

דאַן האָט ער אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז ווייַן און עס אים צוגעשטופּט צו די ליפּן.

— נאַדיר — טרינק! — אַזוי! — ווער איך בין, דאָס

נייט דיך נישט אָן, שוטה איינער! — טראַכט־זשע נאָך, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, דאָס איז גענוג פאַר דיין מוח.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געגרייט אַרויסצוגיין.

— איינס נאָך וויל איך דיר זאָגן, פּיעטראָ, און נעם עס דיר גוט אין זין אַריין! עס איז אמת, וואָס דיינע ברידער אין פּעני־סילוואַניע האָבן דיך געלערנט, אַז דער אַלקאָהאָל איז סם און אַז דער טייוול וווינט אין אים. און דו האָסט גוט געטון, וואָס דו האָסט געפּרעדיקט, אַז מ׳זאָל וויכן דעם ווין און אפילו קיין לעק נישט טון. דאָך האָסטו איין זאַך פאַרגעסן: אַז אין דער האַנט פון געזאַלבטן, בשעת ער שטייט פאַר קהל צופיסנס פון גאָט, פאַרוואַנדלט זיך דער ווין אין דעם בלוט, וואָס דער גואל האָט פאַרגאָסן, כדי אויסצולייזן די וועלט. דו האָסט פאַרגעסן, וואָס דו האָסט אָפּט געזען, בשעת דו ביסט געגאַנגען אויף דער הייליקער מעסע, און אַלע דיינע היגע ברידער און שוועסטערן האָסטו פאַרנאַרישט, און אַלע האָבן פאַרגעסן אָן דער גרויסער מיסטעריע פון דער הייליקער אומבייטונג. איצט, פּיעטראָ, ביסטו אויסדערוויילט און געזאַלבט צום העכסטן דינער פון גאָט, און אין דיין האַנט מוז זיך דעם שטנס זאַפט פאַרוואַנדלען אין בלוט פון דערלייזער. נישט דאָ נאַטירלעך — נישט איצט, בשעת דו טרינקסט, וואָס איך גיב דיר! איצט טרינקסטו דעם אומריינעם סם פון שטן! — אָבער בשעת דו שטייסט פאַר דער פאַרזאַמלונג פון די גלויביקע, דאַן וועט זיך אויך אין דיין האַנט, פּונקט אַזוי ווי אין דער האַנט פון יעדן פּריסטער, פאַרוואַנדלען דער ווין אין בלוט, דאַן זאָלסטו עס טרינקען און זאָלסט עס געבן דיינע ברידער און שוועסטער, אַז אויך זייער לייב זאָל האָבן אַ חלק אין געהיימניספולן חסד פון בלוט פון גאָטס לעמל.

ער האָט צוגענומען דאָס גלאָז, אָנגעפילט עס אויפסניי און אָפּגעגעסן אַ ביסל. דערנאָך האָט ער פאַרגעזעצט:

— נעם עס דיר גוט אין זינען אַריין, פּיעטראָ! — אָבער איצט, נביא מיינער, נעם פון מיין האַנט דעם ברענענדיקן סם פון שטן המקטרג! לייג־זשע צו די ליפּן דאָרטן, ווו איך האָב געטרונקען, און ליידיק אויס דאָס גלאָז!

דער אַמעריקאַנער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אים אָפּגע־שטויסן צוריק. דערנאָך האָט ער געוואָלט אַרויסלויפן, אָבער פראַנק ברוין האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. אַ דערשראָקענער האָט זיך פּיעטראָ אַ וואָרף געטון אין אַ ווינקל פון שטוב הינטער דער באַנק.

— ניין, ניין, איך וויל נישט! גיי אַוועק! לאָז מיך אָפּ!

פראַנק ברוין האָט זיך דערנענטערט צו אים מיטן גלאָז אין דער האַנט און געזאָגט:

— איך ווייס, פּיעטראָ, אַז דו ווילסט נישט, אָבער דו מוזסט! הערסטו: דו מוזסט!

ער האָט אים דערלאַנגט דאָס גלאָז, מיט ציטערדיקע הענט האָט עס נאַכקלער צוגעטראָגן צום מויל. ער האָט גענומען אַ שלוק און אים אויסגעשפּיגן, די ליפּן האָבן אים געבריענט, ווי העליש פייער.

— דו מוזסט טרינקען, — האָט זיך איינגעקשנט דער דייטש.

און מיסטער פּעטער האָט אויסגעטרונקען. זיינע פיס האָבן זיך געוואַקלט אונטער אים, די אויגן האָבן זיך פאַרדרייט. דאָס איז געווען פליסיקער בליי, וואָס איז אים געריבן דורכן האַלדז.

— אַזוי איז עס גוט! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין. — אַ גוטע נאַכט!

דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען.

* *

*

פּיעטראָ נאַסקלער איז געלעגן איינגעקוליעט אין זיין ווינקל. די פיס האָבן זיך געטרייסלט און זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן; ער איז אַנידערגעפאַלן, ווי אַ זאַק

— ער האָט מיך אָפּגעסמט! — האָט ער געקרעכצט.

ער איז צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צום טיש, האָט זיך מיט

מאטערניש אויפגעהויבן, געכאפט די פלאש און זי צעקלאפט אן קאנט פון טיש.

זיינע געדערים האבן געברענט אין אים. ער האט צוגע־פרעסט די הענט צום בויך, כּחמת ער האט געמיינט, אז ער וועט אינעווייניק פארברענט ווערן, דאס האט דער טייוול אין אים געשטעקט און אים געמאטערט. זיין בויך איז אים אויפגעשוואלן, ווי א געוואלטיקע קויל און דער שטן איז געזעסן אין אים לאכנ־דיק, הירזשענדיק און געמאכט קאזשעלקעס. ער איז געווען א שווארצער ריז און זיינע נעגל זענען געווען לאנג און הארט, ווי שטאל. ער האט געפליקט זיינע געדערים, געשטויסן אים מיט די הערנער און ארויסגעבלאזן רויך און פייער. פיעטרא האט געפילט, ווי דערדאזיקער גיפטיקער רויך האט אים צום האלדז געשלאגן און ווי דער גליענדיקער אטעם האט זיך פון זיין מויל ארויסגע־ריסן. ער האט געהיילט, געוואלגערט זיך אויף דר'ערד, ווי ער וואלט וועלן דערשטיקן דאס פייער, וואס האט זיין לייב פאר־ברענט. אבער דער שטן איז ארויפגעשטיגן און אים צרייסנעזעצט היגטערווייַלעכץ דעם שפיציקן נאגל פון גרויסן פינגער אין קאפ אריין; דאן האט זיך פיעטרא אנגעהויבן דרייען ארום זיך אליין ווי א צעדולטער באראן.

ער האט געפילט, ווי דער טייוול האט אים אינעווייניק צו־נויפגעשרומפן, דעם קאפ אראפגעריסן און די קניען ארויפגעצויגן ביז צו די אָרעמס. ווי א קנויל, ווי א קייַלעכדיקער באלעם איז ער דא געלעגן; אזוי האט אים דער שונא אין אים געוואלט פארויס, ווי א באלעם קייקלען — איבער די שטיגן אראפ און צו דער אזיערע צו, טיפער, וואס אמאל טיפער, ביז דעם פייער פון גיהנום, דאן וועט ער פלאצן מיט א הויכן קנאל, און בעלזעבוב וועט ווידער ארויסשפרינגען פון אים מיט א גיהנומיש געלעכטער און אריין אין זיין שווארצער כּנופיה.

מיט די לעצטע כּוחות האט זיך פיעטרא א ווארף געטון אויף די קניען.

— גרויסער גאט אין הימל, העלף דיין דינער אליהו!

און ס'איז געשען דאס, אז דער שטן איז ארויס פון אים.

עס האָט אים אַ ריס אַרויף געטון אין מאָגן, ווי אַ דיקע קויל איז עס אים געשטיגן אין קעל. ס'האָט אים געדריקט און געשטיקט. דערנאָך האָט ער ברייט אויפגעריסן דאָס מויל, און דער שטן איז דורך די ציין מיט כלערליי מיאוסקייטן און געשטאַנק אַרויסגעשפּרונגען פון אים, פאַריאָגט דורך גאָטס נאָמען — —

ער האָט געשפּיגן — —

*   *

*

בשעת פראַנק ברוין האָט פאַרמאַכט די טיר פון הויז, האָט ער געזען אין שאָטן פון די ביימער עפּעס אַ געשטאַלט; ער האָט דערקענט טערעזען. ער האָט אַ פייף געטון אויף איר, ווי אויף אַ הונט. זי איז גלייך צוגעלאָפן צו אים, און הינטער איר איז אונטערגעשפּרונגען די ציג מאַרפע.

— איר האָט אויף מיר געוואַרט? — האָט ער געפרעגט — אַזוי לאַנג?

— יאָ — האָט געזאָגט דאָס מיידל — זייַ מיר מוחל.

ער האָט זי געגלעט איבער די באַקן. האָט זי אַרומגענומען מיט איין האַנט אַרום האַלדז, און די אַנדערע האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון דער ציג.

און ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען ביידע געווען גליקלעך. אַזוי־ערנאָך זענען זיי אַהיימגעגאַנגען.

VII.

אני חבצלת השרון
שושנת העמקים.

שיר השירים.

ס׳האָט זיך דערהערט פאַרן הויז די רויע, הילכיקע שטים פון זשאַנדאַרם; פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. — ער האָט געזען דעם ברייטן גוף פון אַלויזי דרעגקער, וועלכער האָט געפירט בײַ די לייצן זיין קרעפטיק פערד. אויפן זאָטל איז געהאָנגען, ווי צוויי אַלטע זעק, וואָס ליגן איינער איבערן אַנדערן, די בעטלערין סיבילאַ מאַדרוצאַ.

— האַלאָ! — האָט ער אַראָפּגעשריגן. — וואָס איז געשען מיט איר?

דרעגקער האָט געפאָכעט באַגריסנדיק מיט די הענט.

— גאָרנישט! — האָט ער געענטפערט. — וואָס זאָל דען האָבן געשען? זי איז מיינס אַן אַלטע פריינדין. און תמיד, בשעת איך קום פאַרנאַכט-צו אין דאָרף אַריין צו פאָרן, זעץ איך זי אויבן

אויפן שאָסיי אַרויף אויפן פערד. אַזוי איז אַר באַקוועמער אַראָפּ־צוקומען מיט אירע שטייפע ביינער.

דער קנעכט און טערעזע האָבן דער אַלטער אונטערגע־האָלפן אַראָפּקריכן פון פערד; זי האָט דאַנקענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. דרענקער האָט זי איינגעלאַדן אַריינצוגיין מיט אים אין דער אכסניה, זי זאָל עפּעס עסן און כאַפּן אַ שלוק ווייַן. זי האָט זיך האַסטיק אָפּגעזאָגט דערפון און איז מיט מאַטערניש געקראָכן אין דאָרף אַריין מיט איר קורצן שטעקן.

— סיבילאַ טרינקט שוין מער נישט, — האָט דערקלערט דאָס מיידל. — זי האָט אויך געפונען די ישועה, וואָס דער אַמע־ריקאַנער פּרעדיקט.

— זי אויך?

דער זשאַנדאַרם האָט איר נאָכגעקוקט:

— אָרימע פרוי!

און דערנאָך האָט ער צוגערופן צום פענסטער פראַנק ברוינען.

— איך האָב עפּעס מיטגעבראַכט, דאָקטאָר! און זאָל קיי־נער נישט זאָגן, אַז אַלויזי דרענקער האָט נישט קיין וואָרט!

ס׳איז אַרויסגעקומען טערעזע און אים געבראַכט אַ פּייַן פּאַרפּאַקטן און אויסגעפּוצטן העלם.

— און דאָ איז נאָך עפּעס פאַרהאַן, — האָט זי געזאָגט זיך קווענקלענדיק. — אַ בריוו פונם גלח — ער האָט אים מיטגעגעבן מיט דרענקערן!

— אַזוי? — האָט ער געלאַכט. — פאַר מיר? — נישט פאַר דיר?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ניין, עס שטייט אייער נאָמען דערויף.

ער האָט גענומען דעם בריוו.

— צי דען האָסטו אים מער נישט געשריבן?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין“. איר שטים האָט גע־קלונגען אַ ביסל פאַרשעמט. דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען.

עס האָט געעפנט דעם בריוו און גענומען אים לייענען. אַזוי האָט געשריבן דער גלח:

„מײַן ליבער הער! איך בין באַומרויִקט, ווײַל כ'האָב נישט קיין שום ידיעות פֿון וואָל די סקאָדראַ: טערעזע רײַמאָנדי האָט די גאַנצע צײַט, זינט זי האָט ס'לעצטע מאָל זיך מתוודה געווען פֿאַר מיר, גאָרנישט געשריבן. דאָס מיידל האָז אײַך אוודאי געזאָגט, אַז זי האָט זיך פֿאַר מיר מתוודה געווען, איר מוזט אַלזאָ וויסן, אַז איך בין נאָך אײַגער, וואָס וויס אײַער סוד. איך קען צו אײַך, ליבער הער, נישט רעדן אַלס גלח און ווי כ'וואָלט גערעדט צו מײַנס אַ ווידוי-קינד, אָבער דערלויבט-זשע צו אײַער האַרצן צו רעדן, ווי אַן עלטער מאַן, וועלכער האָט שוין גאָרנישט מער צו טון אויף דער וועלט, ווי גאָר צו פּרוּוון, לויט זײַנע כוחות, אַ ביסל עלנט צו לינדערן און אַ ביסל גוטס צו טון.

איך וואָלט אַליין, נישט קוקנדיק אויף אַלעם, אַביסל אַראָפּגעפֿאָרן אין מײַן היים-דאָרף, כּדי צו זען, וואָס דאָרטן טוט זיך, און כ'האָב עפּעס אַ פֿאָרגעפֿיל, ווי עס וואָלט זיך דאָרט געגרייט עפּעס נישט גוטס. אָבער דער בישוף, וועמען כ'האָב נאָכאַמאָל פֿאָרגעלייגט מײַן ווונטש, האָט עס מיר בפירוש פֿאַרבאָטן; איך טאָר נישט פֿריִער אַהינקומען, ביז די געמיינדע אַליין וועט נישט צוריקרופֿן איר פּאַסטור. איר קענט דאָך זײַנע פֿריבּצן.

טערעזע איז ביז אַהער געווען מײַן אייניציק טרייסט אין שפּעטן טאָל פֿון די טיוואָליער — הלוואַי זאָל גאָט געבן, אַז דער שטן, וועמען זיי ווילן פֿאַרטרײַבן זאָל נישט איבערקערן זײַן ראָל, און פֿון די יעגערס מאַכן הילפֿלאָזע באַשעפֿענישן! — טערעזען אָבער האָב איך פֿאַרלוירן איבער אײַך, ליבער הער. כ'האָב בכלל נישט בדעה צו מאַכן אײַך פֿאַרוווּרפֿן, פֿון וועלכע איר וואָלט, איבעריקנס, זיך נאָך קענט אויסלאָזן. איך האָב דאָס אַלץ געלייגט אין דער ליבער האַנט פֿון גאָט, און איר מעגט מיר גלויבן, אַז כ'בין פּינקט אַזוי הייס מתפּלל פֿאַר אײַך, ליבער הער, ווי פֿאַר מײַן אָרים ווידוי-קינד.

מײַן הייסטע בקשה — אין קיין הייסערע האָב איך שוין

פון יאָרנלאַנג נישט געהאַט — איז די, אַז גאָט זאָל אַלץ איבערקערן צום גוטן! בין איך דאָך דאָס געווען דער, וואָס האָט אייך, ליבער הער, געשיקט קיין וואַל די סקאָדראַ — און דערום איז מיין שולד נישט קיין קלענערע, אויב — עס זאָל עפּעס געשען — —

איך ווייס אַפילו נישט, וואָס ס׳קען אייגנטלעך אַזוינס געשען, און האָב אויף מיר אַליין תרעומות, און רוף מיך אָן נאַר־בקאָפּ, הלמאי איך מאַך מיר אַן אַזעלכע זאָרג צוליב אַ גאָרנישט. נאָר דער דאָזיקער טריבער, אומקלאָרער פּאָרגעפיל, וואָס לאָזט מיך נישט צורו טאָג און נאַכט, פאַרפאָלגט מיך כסדר. און די שולד פאַרן אומגליק — זאָל אונדז דער באַרמהאַרציקער גאָט דערפון אָפּהיטן — טראָג איך נאָך ווייט מער, ווי איר, ליבער הער! ווען כ׳האָב, בשעת איר מתוודה זיין זיך, געזען דאָס דאָזיקע אָרימע קינד, אַזוי פאַרמאַטערט און עלנט צו מיינע פיס ליגן, בשעת כ׳האָב געזען, ווי איר יונגע נשמה גייט אויס אין דער דאָזיקער הייסער ליבע צו אייך, ליבער הער, ווי אַלץ האָט אין איר געשריגן, כ׳זאָל זי נישט אַוועקרייסן פון דעם וועג, וואָס איר האָט זיך אויסגעוויזן פאַרן העכסטן גליק אויף דער ערד, דאַן — איר ווייסט עס דאָך — האָב איך זי נישט אָפּגעשטויסן.

בשעת איך לייג מיר היינט רויק איבער דאָס, וואָס כ׳האָב געטון אין יענער אומגליקלעכער רגע — און איך טראַכט דאָך וועגן דעם הונדערט מאָל אין טאָג — דאַן דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין באַגאַנגען אַ שווערע עוולה לגבי דעם דאָזיקן אָרימען קינד. איצט ליגט זי פריי אין אייערע אָרעמס, און איך אַליין בין געווען דער, וואָס האָט איר די ברכה געגעבן. און דאָך, בשעת איך גיב מיר אָפּ אַ חשבון פון דאָזיקן מאָמענט און לעב אים אויפסניי איבער, האַלט איך, אַז כ׳וואָלט ווידער אַזוי־ערנאָך געהאַנדלט. אַזוי וואַרפן מיך אַרום מיינע געפילן ווי אין כף־הקלע, און כ׳קען גאָר קיין אויסגאַנג נישט געפינען.

כ׳טראַכט אויך, ליבער הער, וועגן אונדזער שמועס, בשעת כ׳האָב אייך דערציילט פון וואַל די סקאָדראַ. אפשר האָב איך

דאָס, וואָס איר האָט כלאחר־יד אַרײַנגעוואָרפֿן אין שמועס, צופֿיל
ערנסט גענומען — אָדער בעסער געזאָגט, אפֿשר איצט, ווען כ'מוז
מיך נישטווילנדיק כּסדר דערמיט באַשעפֿטיקן, קומט עס מיר פֿיל
ערנסטער פֿאָר, ווי איר האָט עס אין דער אמתן געמיינט. אומ־
זיסט ברעך איך מיר דעם קאָפּ איבער דעם, הלמאי כ'האָב אײַנגעבי־
לעך מורא, און וואָס איר, ליבער הער, קענט דאָ אַזאַ שלעכטס
אָפּטון אין מײַן היימטאָל! אָבער כ'קען מיר דאָך מיט אַ רויק גע־
וויסן זאָגן, אַז מײַן שרעק האָט קיין שום גרונט נישט און אַז איר
וועט זיכער נישט וועלן אָפּטון עפּעס אַ שפּיצל דידאָזיקע פֿאַר־
בלענדטע לײַט פֿון וואַל די סקאָדראַ — — און דאָך וויל מיך
אפֿילו אויף אַ רגע נישט אָפּלאָזן דערדאָזיקער בײַזער פֿאָרגעפֿיל.
און פּונקט דאָסזעלבע איז, בשעת איך טראַכט וועגן מײַן אָרימער
טערעזע. וואָס אַן אמת, איז אײַער באַציִונג מיט טערעזען אומ־
דערלויבט און איז אַ חטא פֿאַר גאָט — איר וועט עס מוחל זײַן,
ליבער הער, אַן אַלטן גלח, ווען ער רעדט טײלמאָל אויף זײַן
אייגנטלעכער שפּראַך. אָבער איך קען אַ ביסל די וועלט און ווייס
גאַנץ גוט, אַז מ'קען נישט שערן איטלעכס שעפּעלע לויטן זעלבן
קאַם. טערעזע ליבט אײַך, און דידאָזיקע ליבע איז דאָס גליק פֿון
איר לעבן — אפֿשר דאָס איינציקע, וואָס זי וועט אַמאָל האָבן.
צי האָב איך בכן געהאַט דאָס רעכט — פֿון איר צוצונעמען דאָס־
דאָזיקע קורצע גליק? וואָס האָט זי דען געקענט דערוואַרטן אין
דאָזיקן פֿאַרוואָרלאָזטן טאָל צווישן די רויע פּויערים פֿון איר היימ־
דאָרף? אַ לאַנגזאַם פֿאַרוועלקן און אָפּשטאַרבן — ווי איר אָרימע
מוטער, און דער צופֿאַל, ליבער הער, וואָס האָט אײַך, אין שטאָל
פֿאַרוואָרפֿן, האָט איר געגעבן אַזאַ גליק, וואָס זי וועט עס קיינמאָל
נישט פֿאַרגעסן, ווי קורץ ס'זאָל נישט געדויערן און ווי אַלט עס
זאָל נישט ווערן.

קיינער אָבער, ליבער הער, ווינטשט איר נישט מער דאָס־
דאָזיקע גליק, ווי איר ווידוי־פֿאָטער. אַזוי שטאַרק, אַז כ'האָב באַ־
וויזן אָפּצוּוואַרפֿן אַלץ וואָס די רעליגיע און די זיטן פֿון דער
וועלט פֿאַרלאַנגען, כ'האָב דאָס באַוויזן צו טון, איך, אַ פּריסטער —
און כ'וואָלט מיך שוין געפֿילט ב[illegible]לונט. ווען כ'וואָלט כאָטש אויף

אַ רגע געקענט האָבן די פולע זיכערקייט, אַז דאָס וועט זיין אייך אמתדיק גליק!

אָבער זעט איר, ליבער הער, — וואָס מער איך טראַכט און קלער אַריין, וואָס מער איך גריבל מיך אין דידאָזיקע רעיונות, אַלץ מער וואַקסט מיין טריבער פחד. איך ווער זיך קעגן איט מיט אַלע מיינע כוחות, אָבער ס'העלפט גאָרנישט. עס גראָבט זיך אַלץ טיפער איין אין מיין מוח דער געדאַנק, אַז אייער אַבוועזנ־הייט אין טאָל וועט ברענגען עפעס שליכטס פאַר טערעזען און פאַרן גאַנצן דאָרף. ס'איז נאָך גאָרנישט געשען, אָבער עפּעס — שרעקלעכס — קען — יאָ — וועט געשען! און איך טראָג דאָך סוף־כל־סוף די אחריות דערפאַר.

איר קענט מיך אַנרופן אַלטער נאַר, ליבער הער, זאָגט אפילו, אַז כ'בין אויף מיינע אַלטע יאָרן געוואָרן אַ נאַריש קינד — אפשר האָט איר רעכט. אפשר איז דאָס די זקנה, וואָס באַווייזט זיך אַזוי פלוצלינג, און לאָזט מיך זען געשפּענסטער אין מיטן העלן טאָג. אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין, גלייבט מיר, איך ליד זייער דערפון. כ'האָב געפרוווט מיט אַלע מיטלען אָפּשאָקלען זיך פון דידאָזיקע טריבע מחשבות, אָבער ס'העלפט נישט, לגמרי נישט, זיי לעבן ווידער אויף מיט נייע כוחות.

ווענד איך מיך, אַלזאָ, צו אייך, ליבער הער, אַלס צו דעם איינציקן וואָס קען דאָ העלפן. און איך בעט אייך: פּאַקט איין אייערע קופערטלעך און פאָרט אָפּ פון וואַל די סקאָדראַ! זייט אומזיניק ס'זאָל נישט אויסקומען אין אייערע אויגן מיין בקשה באַשווער איך אייך, זי צו דערפילן. בשעת איך שרייב דידאָזיקע שורות, נעמט מיך אַרום אַן אומפאַרמיידלעכע זיכערקייט: אַז עס וועט עפּעס שרעקלעכס געשען, שרעקלעכס פאַר וואַל די סקאָדראַ, שרעקלעכס פאַר טערעזען — און אויך שרעקלעכס פאַר אייך אַליין.

איך בעט אייך, אויף די קני'ען בעט איך מיך בייַ אייך, ליבער הער, פאָרט אַוועק פון דאָרטן! — דאַן וועט אַלצדינג צוריק גוט ווערן!

פאָרט־זשע באַלד, נאָך אין דערדאָזיקער שעה —

פראַנק ברוין האָט שוין נישט געלייענט ווייטער.

„הייסט עס, אַז אויך די ביסט העל־זעעוודיק, דאַן וויג־שעגצאָ?" האָט ער געטראַכט. „אָבער ס'איז אַ ביסל צו ביליק דיין נביאות! — אַ גרויס אומגליק — דאָס קלינגט, ווי דאָס טרע־פעבך פון אַ קאָרטנלייגערין: עס וואַרט אויף דיר אַ ווייטע נסיעה און אַ סך געלט".

„אוי פאַטערל, פאַטערל", האָט ער ווייטער פאַרגעזעצט, „די ווייסט נישט, וואָס די טוסט. — דיין בריוו איז גוט און איז זיי־ער רירנד און אַזוי אָנשטענדיק. אָבער ס'איז שוין לאַנג פאַרביי די צייט, ווען אויף מיר פלעגט אַ רושם מאַכן דאָס, וואָס איז רירנד, גוט און אָנשטענדיק".

ער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין קעשענע און איז אַראָפגעגאַנגען אונטן.

* * *

דער זשאַנדאַרם האָט אים ברייט אויפגענומען. ער איז געזעסן מיטן באַלעבאָס באַם טיש, בשעת טערעזע האָט דערלאַנגט עסן. ער האָט מיט שטאָלץ געוויזן זיין נייעם העלם און געזאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאַרגעסן די נאַכט, אין וועלכער ער האָט דעם אַלטן איבערגעשטיגן אין טרינקען. ער האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף פראַנק ברוינען, — יאָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן!

פראַנק ברוין איז נישט געווען אויפגעלייגט צו זינגען און טרינקען. דרענקערס געפלוידעריי האָט אים דערעסן, ער האָט אַלזאָ אַראָפגעפירט דעם שמועס אויף עפעס אַנדערש.

— די אַלטע בעטלערין איז אייערס אַ פריינדין?

דער אַלטער גרענעצמאַן האָט געזאָגט:

— געוויס איז זי מיינס אַ פריינדין. אָבער זי איז גאָר נישט אַזוי אַלט: מיט אַ פּאָר יאָר יינגער פון מיר און ווייניקסטנס מיט צען יאָר יינגער פון ריימאָנדין!

ער האָט עס איבערגעחזרט דריי מאָל, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים קענען פאַרשטיין.

ריימאָנדי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ באַשטעטיקנדיק: „זי זעט נאָר אויס אַזוי אַלט“.

דרענקער האָט געלאַכט:

— סיבילאַ זעט אויס ווי פון אַכציק, אָדער הונדערט, אָדער הונדערט און צוואַנציק! אַ קנאַפּע נפקא-מינא. און דאָך זענען מיר אַלע דריי געווען פאַרליבט אין איר!

פראַנק ברוין איז געווען צופרידן, וואָס די מעשה מיטן ווייַן און מיטן העלם זענען געווען דערליידיקט. ער האָט אים פּעסט געהאַלטן.

— דריי? וואָסערע דריי זענען עס געווען אין דער אַלטער פאַרליבט?

— האָ, האָ, נישט אין דער אַלטער — אין דער יונגער סיבילאַ! — האָט אים אויסגעבעסערט דרענקער, — מיר דריי זענען געווען פאַרליבט אין איר: ריימאָנדי, אוסאַלאָ און איך — דריי ווילערישע קייזערלעכע שיסער! קיין בעסערע ליבהאָבער האָט נאָך קיין שום מויד נישט געהאַט אין וואָל די סקאָדראַ — וואָס, ריימאָנדי? — אָבער ס'האָט זיך גאַנץ שלעכט געענדיקט און די אָרימע סיבילאַ שלעפּט נאָך היינט אויף זיך איר קרייץ. ווייל דאַמאָלס, מיין הער, איז זי געווען שלאַנק און גלייך, ווי אַ טענענבוים, און ס'איז נישט געווען קיין שענער מיידל אין גאַנץ טיראָל. — ווען דער אָרימער אוסאַלאָ איז אויף אַן אומגליקלעכן אופן אומגעקומען, דאַמאָלס האָט זי דעם קאָרטש באַקומען.

— טאָ דערציילט-זשע, — איז צוגעשטאַנען פראַנק ברוין.

— דערציילן — יאָ, עס איז אַ גאַנצע געשיכטע! — האָט אויסגערופן דרענקער. — אָבער טרוקענערהייט?

ער האָט אויסגעגאָסן די לעצטע טראָפּנס פון פלעשל אין זיין גלעזל אַריין.

פראַנק ברוין האָט געהייסן דעם באַלעבאָס ברענגען עטלעכע פלאַשן ווינאָ-סאַנטע פון טאָבלינער טאָל. ער האָט זיי אויס-

געשטעלט נאָנט פֿאַרן זשאַנדאַרם. דרענקער האָט אים געוואָלט איינגיסן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— ניין, כ׳דאַנק אייך, איך קען היינט נישט טרינקען.

דרענקער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קאָמישע לייט זענט איר, איר געלערנטע הערן! איינמאָל טרינקט איר, ווי ציען אַלטע שיפּסקאַפּיטאַנען צוזאַמען, און צווייטמאָל ווידער קיין לעק נישט! — ס׳איז נישטאָ דערין קיין טעם און קיין שכל.

— ניין — האָט באַשטעטיקט פֿראַנק ברוין. — עס איז בכלל נישטאָ דערין קיין טעם און קיין שכל. — אָבער איצט טרינקט, דרענקער, און דערציילט פֿון די דריי ליבהאָבערס פֿון דער יונגער סיבילאַ מאַדרוצאַ.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אויסגעשנייצט און פֿאַררייכערט די פּיפּקע. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס גלעזל, אָפּגענעפּט אַ ביסל און ריבנדיק געסמאַקעט מיט דער צונג.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן. ער האָט דערציילט אויפֿן קיל, האַסטיק, און אין אָפּגעהאַקטע זאַצן. ער האָט זיך כסדר שרייענדיק געווענדט צום שענקער: וואָס, נישט אמת, ריימאָנדי? דער האָט שטום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָדער צוגעברומט אַ „יאָ!“ צווישן די ציין.

אַלויזי דרענקער האָט געזאָגט:

— דאָס איז געווען מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. מיר זענען געשטאַנען אַלע דריי אין גאַרניזאָן אין בּאָצען, און מיר זענען געווען די בעסטע גוטע פֿריינט אין דער וועלט. אוסאָלאָ — דער איז אויך געווען פֿון וואַל די סקאַדראַ; דאָרט, ווו דער וועג פֿירט אַרויפֿצו צו דער פּלאַטפֿאָרם מיט די קרייצן, דאָרט איז אַמאָל געשטאַנען דאָס הויז פֿון זיינע עלטערן. איצט איז עס שוין לאַנג חרוב — דער אָרימער אוסאָלאָ ליגט אויפֿן בית־עלמין און זיינע קרובים זענען אַלע אין אַרגענטינע. ס׳איז שוין דאָ איצטער קיינער נישטאָ פֿון זיין גאַנצער משפּחה! — הכלל, מיר דריי זענען געווען קייזערלעכע שיסער אין באָצען; אוסאָלאָ און איך זענען געווען אונטעראָפֿיצירן — אָבער ריימאָנדי איז גראָד געווען

פעלדפעבל. וואָס, אַלטער? — אַלזאָ גוט, בשעת די ביידע האָבן באַקומען אורלויב, זענען זיי זיך געפאָרן אַהיים, און איך בין איין עטלעכע מאָל מיט זיי מיטגעפאָרן. מחמת, איר דאַרפט וויסן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין היים און קיין משפחה. מיין זעליקע מוטער האָט מיך געהאַט אין אַ ראָוו און איז פון שרעק אומגעקומען. אזוי האָב איך מיך ארומגעוואַלגערט באַ פרעמדע מענטשן, געזידלט און געשלאָגן געוואָרן, און גוט איז מיר ערשט געוואָרן, בשעת איך בין געוועזן אין דער קאָמפּאַניע. די קייזערלעכע שיסער — דאָס איז געוועזן מיין משפחה — און אַ בראַווע דערצו, נישט אמת, ריימאָנדי? כאַפּט עס דער טייוול, קיין בעסערע זעלנער זענען נישט פאַרהאַן אין דער גאַנצער וועלט! אַלזאָ גוט, איך בין אַראָפּ־געפאָרן אַ פּאָר מאָל מיט מיינע חברים קיין וואַל די סקאַדראַ — איינמאָל מיט ריימאָנדין און צוויי מאָל מיט אוסאַלאָן. מילא, איר קענט אייך שוין משער זיין, ווי די לייט האָבן געקוקט, בשעת מיר זענען אָנגעקומען! דאָס גאַנצע דאָרף איז געוועזן פאַרליבט אין אונדז, און מיר דריי — אַלע דריי — זעמיר געוועזן פאַרקאָכט אין סוביליאַן, און יעדער האָט געטון דאָס בעסטע, כדי איר צו געפעלן.

אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט גערעדט וועגן דעם. נישט צווישן זיך און נישט מיטן מיידל, יעדער האָט זיך געשוועבט געשפּילט קלערליי פּלענער, אָבער קיינער איז נישט אַרויס מיטן לשון. מיר האָבן געשריבן צו איר אַלע דריי און זי האָט צו אונדז אויך געשריבן — אָבער, דאַרפט איר וויסן, תמיד צו אַלע דריי צוזאַמען. ביז איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט, בשעת מיר זענען אַזוי געזעסן צוזאַמען, אין דער קאַנטינע באַ גראָסענסאַסער, רופט זיך אָן אוסאַלאַ, אַז ער טרעט אַרויס פון דינסט און רע־ווענגירט פון דער ווייטערדיקער קאַריערע. איך האָב געמיינט, אַז דער רוח כאַפּט זיך, און כ'האָב אים געפרעגט, צי ער איז גע־וואָרן חסר־דעה? דאַן איז אַלץ אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין! ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב סיביליען און אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן און מיט איר לעבן און אַז ער וויל באַאַרבעטן זיין שטיקל ערד אין וואַל די סקאַדראַ. ער האָט דאָס שוין אָנגע־

שרײַבן זײַן מוטער — מחמת זײַן פֿאָטער האָט שוין נישט גע־
לעבט — און די מוטער איז מסכּים, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס
באַלעבאַטישקייט. אַלזאָ, ווי נאָר ער וועט באַקומען אורלויב, וועט
ער וועגן דעם איבערעדן מיטן מיידל.

דאָ האָט אַרויסגעפּלאַצט ריימאָנדי.

— דו דאַרפֿסט דיך נישט שעמען, אַלטער, ווײַל ס'איז
אַזוי געווען! — ווײַל איר דאַרפֿט וויסן אַז דאַמאָלס האָט ער
גאַנבישט געקענט די שיינע מאַריע, דעם בריקסענער לערערס
טאָכטער, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן זײַן פֿרוי און טערעזעס
מוטער. דאַמאָלס זענען אַלע זײַנע רעיונות געווען נאָר סיבילאַ
און כּסדר נאָר סיבילאַ! — נו, אַלטער, ס'איז נישט געווען
אַזוי? — אַלזאָ, ער איז דאַן גרויס קעגן אוסאָלאַ און אים גע־
זאָגט אַז ער זאָל זיך נישט דערוועגן צו טראַכטן אַפֿילו וועגן
דעם מיידל. ער אַליין מוז זי האָבן און ווײַטער קיינער נישט!
און ער איז דאָך עפּעס דער עלטערער און איז אויך פֿעלד־
פֿעבל — דאַן האָב איך גלײַך שוין אויך נישט געקענט אײַנהאַלטן,
עלטער, אָדער יינגער, פֿעלדפֿעבל, אָדער נישט, דאָס איז אַ קנאַ־
פּע נפֿקא־מינא, האָב איך געזאָגט. און איך האָב אויך ליב סיבי־
לאַן, און כ'וועל זי האָבן, און ס'וועלן מיך נאָך קנאַפּ אָנגיין די
דאָזיקע איטאַליענישע גאַלפּעס.

איך האָב געמאַכט קולות, און ריימאָנדי האָט גערעוועט,
און אוסאָלאַ האָט געשריגן, און איידער מיר האָבן זיך נאָך באַ־
וויזן אומצוקוקן, זענען מיר שוין געלעגן איינער בײַם אַנדערן אין
די האָר און געקיַפּט זיך, אַז ס'איז געווען אַ נחת צו קוקן. דער־
ווײַל איז אונטערגעקומען אַ לייטנאַנט און אונדז איבערגעריסן דעם
שפּיל; און דערנאָך, אין אַרעסט־הויז, האָבן מיר ערשט געהאַט גענוג
צײַט אַרומצוטראַכטן וועגן אונדזער ליבע און טיפּשות. ווען מיר
זענען אַרויס פֿון אַרעסט האָט זיך אונדזער אויפֿרעגונג היפּש אָפּ־
געקילט און מיר זענען געקומען צו דער איבערצײַגונג אַז ס'איז
ממש נאַריש צו קריגן זיך איבער אַ מיידל, וואָס קען דאָך סוף־
כּל־סוף נאָר צו איינעם געהערן. מיר האָבן באַשלאָסן איבערצו־
געבן די בחירה דעם מיידל אַליין און צוליב דעם צוועק אַראָפּפֿאָר,

בשעת דעם נאָנטסטן סעפּטעמבער־אורלויב, אַלע דריי קיין וואַל די סקאַדראַ. אין דער צווישנצייט, האָבן מיר אָפּגעמאַכט, װאָל קיינער פון אונדז נישט שרייבן צו איר באַזונדער; הכלל מיר האָבן געשריבן די בריוו תמיד באַזאַמען, און פּונקט אַזוי געשיקט איר אויף ווייַנאַכט און אויף פּסחאַ אַ בשותּפותדיקע מתּנה. מילא, קיין סך איז עס נישט געווען, אַ זיידן קאָפּ־טיכל און אַ זילבערנע בראָש — אָבער סיבילאַ האָט דאָס אָפּגעהיטן ביזן הײַנטיקן טאָג און די בריוו אויך. הכלל — גוט, ס׳איז געקומען דער פרילינג און דער זומער, און מיר האָבן זיך אַלע נישט גוט געפילט. יעדער האָט געקוקט אויף די אַנדערע ביידע מיט חשד און יעדע פּאָר טעג האָט איינער געמוזט דעם אַנדערן שווערן, אַז ער האָט דאָך נישט געשריבן אונטער יענעמס פּלייצעס קיין בריוו צו איר.

ענדלעך זענען אָנגעקומען די מאַנעווורעס און דערנאָך דער טאָג, אין וועלכן מיר האָבן באַקומען אורלויב.

ס׳איז געווען אַ שווער עסק אַז מיר זאָלן אַלע דריי קענען מיטאַמאָל פאָרן — מחמת רייַמאָנדי און איך זענען געווען אין דערזעלביקער קאָמפּאַניע — אָבער סוף־כּל־סוף איז עס געלונ־גען. — דידאָזיקע נסיעה וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן! קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און יעדער האָט געמאַכט אַזאַ מינע, ווי מיר וואָלטן זיך געוואָלט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט אויפפרעסן. איך גלייב, אַז דאָס איז באַר געווען דער מונדיר, וואָס האָט אונדז נאָך געהאַלטן צוזאַמען, אַזיסטן וואָלטן מיר זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן, ווי יענעם אָוונט אין דער קאַנטין.

אין יענער צייט פלעגט נאָך נישט פאָרן קיין פּאָסט אין טאָל אַראָפּ, און ווען זי וואָלט אפילו יאָ געפאָרן, וואָלטן מיר נישט געוואַרט אויף איר. מיר האָבן גענומען מאַרשירן צופוס און זענען שפּעט אינאָוונט אָנגעקומען אויפן אָרט. רייַמאָנדי איז געגאַנ־גען צו זיינע עלטערן און איך בין געגאַנגען מיט אוסאָלאָן אַהיים. איך בין אָבער קיין רגע נישט געשלאָפן און האָב כּסדר מורא געהאַט, טאָמער וועט ווער פון מיינע חברים אויפשטיין פריער און

זעט אַוועק צו סיבילאָן. און מיט אים איז אויך געווען דאָסזעלבע.

עס האָט קוים גענומען גראָען אויף טאָג, זענען מיר שוין אַרויסגעגאַנגען צו ריימאָנדין, אויס מורא, טאָמער וועט ער אונדז פאַרלויפן דעם וועג. מיר זענען קוים צוגעקומען פאַר זיין הויז, איז ער שוין אַרויס אונדז אַנטקעגן — משמעות, מיטן זעלבן געדאַנק, וואָס מיר. ערשט איצט האָבן מיר איינגעזען, אַז עס איז נאָך געווען אַ ביסל צו פרי, כדי אַהינצוגיין צו סיבילאָן, בפרט, אַז עס איז גראָד געווען זונטיק. מיר זענען אַריינגעגאַנגען צו ריימאָנדין אין שטוב, אָפּגעקאָכט קאַווע און זיך גענומען פרישטיקן. דאַמאָלס איז אוסאָלאָ צוגעגאַנגען צום שפּיגל — מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק צוגעאיילט באַם אָנטון זיך, אַז מיר האָבן זיך כמעט די האָר נישט רעכט פאַרקעמט. ער האָט זיך צוגעקעמט און זיך אַרומגעפּוצט — און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען זיך פונדעסטוועגן פאַרבליבן גאַנץ גוטע פריינט און חברים. ריימאָנדי האָט געבראַכט צו טראָגן אַלץ, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, פאַסטע צו די שטיוול, באַרשטן, קעמלעך, אַפילו פּאָמאַדע צו די וואָנסן, און מיר האָבן זיך צוגעהאָלפן איינער דעם אַנדערן שטאַטלעך אַרומפּוצן, ווי ווייט באַר מעגלעך, ווייל עלעגאַנט מוז דאָך זיין אַ קייזערלעכער שיסער. — וואָס, ריימאָנדי?

אַזויערנאָך איז אַריבערגעלאָפן די צייט. איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט.

דערנאָך זענען אַריינגעקומען ריימאָנדיס עלטערן און מיר האָבן געמוזט מיט זיי נאָכאַמאָל אויסטרינקען קאַווע. ענדלעך זענען מיר אַרויסגעגאַנגען. אין גאָרטן האָבן מיר נאָך אָפּגעשניטן אַ פּאָר רויזן צו די היטלען און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו מאַדרוצאָ. אָבער איידער מיר זענען נאָך דאָרטן אַהינגעקומען, האָט אוסאָלאָ אַ געשריי געטאָן: „אָט גייט זי!" און זי איז באמת געשטאַנען פאַר אונדז אין אַליון־גאָרטן און געלאַכט. זי איז געווען זונטיקדיק אויסגעפּוצט און אַזוי זויבער, אַזוי ווּוקסיק, אַז דאָס האַרץ האָט אַזש אין מיר געלאַכט פאַר פרייד. אָבער דערביי האָט עס אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און כ'האָב דערשפּירט אַזאַ שרעק, אַז כ'האָב נישט געוואַגט אַ טריט ווייטער צו מאַכן. אָבער אויך מיי-

נע ביידע חברים איז עס נישט געגאַנגען בעסער, און זענען גע־בליבן שטיין פונקט ווי איך, און ריימאָנדי האָט זיך אָנגערופן: „מיינע פריינט, איך בין דער ערשטער!" „יאָ", האָב איך געענט־פערט, „דו ביסט עס טאַקע, דאָס איז אמת — אָבער פונדעסט־וועגן" — ער צעבער האָט געשעפּטשעט: „זיי שטיל און הער, וואָס כ'וועל דיר זאָגן! מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז דער, וועמען זי וועט וועלן, יענער זאָל זי האָבן. אָבער די ביידע אַנדערע זאָלן אים צוליב דעם נישט ווערן קיין שונאים, נאָר בלייבן גוטע פריינט, ווי פריער." — „ביסטו אַזוי זיכער אין דיין זאַך?" האָב איך זיך געטראַכט. אָבער איך בין אויך געווען זיכער אין מיין זאַך, מחמת איך האָב באַשטימט געגלייבט, אַז זי האָט דווקא צו מיר געשמייכלט און נישט צו די אַנדערע. דעריבער האָב איך געזאָגט: „איך גיב די הענט דערויף!" און האָב איינגעקלאַפּט. אוסאַלאָ האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער ער האָט אויך געגעבן זיין האַנט. „אַלזאָ גוט", האָט געזאָגט ריימאָנדי — פּאָרויס, מאַרש! — און איך רעד דערפאַר, ווייל איך בין דער עלטסטער און בין פעלדפעבל!" — דאָס איז מיר כלל נישט געפעלן געוואָרן, נאָר כ'האָב שוין נישט געהאַט קיין ברירה, מחמת ער איז זיך געגאַנגען מיט גרויסע טריט פאָרויס און מיר האָבן געמוזט נאָכלויפן, כדי אים צו דעריאָגן.

מיר האָבן זי באַגריסט מיט די הענט באַ די היטלען, און ריימאָנדי האָט געוואָלט אָנהייבן. אָבער ער האָט נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. מיר זענען אַזוי געשטאַנען שטום און אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן. דערויף האָט זיך פונאַנדערגע־לאַכט די שוואַרצע סיבילאַ און אויסגעשטרעקט צו אונדז די הענט און געזאָגט, אַז ס'איז גאַנץ שיין פון אונדזער זייט, וואָס מיר זע־נען געקומען אַלע דריי אויף אורלויב. זי האָט אונדז געדאַנקט פאַר די בריוו און פאַר די מתנות, און האָט געזאָגט, אַז זי האָט פאַר יעדן פון אונדז אויסגעפלאָכטן פון אירע אייגענע האָר אַ קייטעלע צום זייגערל. און אַזוי האָבן מיר געפלוידערט. אָבער אייגנטלעך האָבן מיר גאָרנישט גערעדט, נאָר סיבילאַ האָט געלאַכט און געפלוידערט און מיר זענען אַזוי געשטאַנען, ווי שטומע פויע־

רים און געגלאָצט אויף איר. כ'האָב איינגעזען, אַז דאָס איז ממש אַ חרפה פֿאַר אונדז, קייזערלעכע שיסער, און האָב אַ שטאַרק געטון ריימאָנדין, אַז ער זאָל אָנהייבן רעדן. אָבער דער האָט זיך געמאַכט נישטוויסנדיק. דאַן האָב איך איינגערוימט אוסאָלאָן אין אויער אַריין: „טאָ רעד־זשע דו!“ — אוסאָלאָ האָט געמוזט רעדן — אָבער וואָס! ער האָט דערציילט, פֿאַרהיקנדיק זיך, ווו מיר זענען געווען אויף די מאַנעווערס. מילא, האָב איך געוואָלט רעדן, אָבער ס'איז אויך נישט געגאַנגען. ווען ס'וואָלטן נאָר די אַנדערע נישט ביַיגעווען, וואָלט איך געקענט גאַנץ לײַכט רעדן, דאָס האָב איך געפֿילט. דערויף האָב איך געבויט מיין פּלאַן. איך האָב געזאָגט צו סיבילאַן, אַז מיר דריי האָבן אויף אַ ווײַלע עפּעס אַליין צווישן זיך איבערצורעדן. זי האָט זיך צעלאַכט און געוואָלט גלייך אַריינגיין אין שטוב. איך האָב איר אָבער געזאָגט, אַז זי זאָל אַזוי גוט זיין און אונטערוואַרטן אַ קורצע ווײַלע; דאַן איז זי אָפּגעגאַנגען אַ ביסל אָן אַ זייט אין אַליוון־גאָרטן.

איצט האָב איך זיי ביידן געזאָגט, אַז זיי זענען חמורים — און איך אויך; אַלע דריי זענען חמורים! און אַז אַזוי קען עס ווייטער נישט גיין. איך האָב גענומען דריי גרעזלעך און זיי געהאַלטן אין דער האַנט: ווער ס'וועט אַרויסציִען דאָס לענגסטע, דער זאָל מיט איר דער ערשטער רעדן — אַליין.

דערויף האָבן זיי אַלע מסכים געווען.

דער פֿעלדפֿעבל האָט אַרויסגעצויגן דער ערשטער, דערנאָך אוסאָלאָ, און ער האָט געפּאַקט דאָס לענגסטע גרעזל. איך אָבער האָב אַרויסגעצויגן דאָס קירצסטע, בין איך אַלזאָ געווען דער לעצטער. איך האָב זיך געטרייסט, מחמת כ'בין געווען איבערצייגט, אַז די ביידע איטאַליענער וועלן באַקומען אַן אָפּשניט און אַז סיבילאַ וועט וואַרטן אויף מיר. אוסאָלאָ איז דערווייל צוגעגאַנגען צו סיבילאַן און מיר ביידע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין גראָז, אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און געוואַרט. אַ זעלנער, מוזט איר וויסן, איז שוין צוגעוווינט צו וואַרטן; דאָס לערנט מען זיך שוין אויס אויף דער וואַך. אָבער הגם מיר זענען געווען זאַלבעצווייט, דאָך האָט

זיך מיר נאָך קיינמאָל קיין ווארטן נישט אויסגעוויזן אַזוי לאַנג, ווי יענץ מאָל.

„זענען זיי נאָך אַלץ נישט פאַרטיק?” האָב איך געטראַכט. קיינער פון אונדז האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

איך האָב געזען, ווי ריימאָנדי האָט שמאַר געקוקט פאַר זיך. פלוצלינג האָט ער אַ זאָג געטון: איצט האַלט איך שוין מער נישט אויס. אוסאַלאָ האָט דאָך שוין לאַנג געקענט פאַרטיק זיין! מיר האָבן זיך אויסגעדר״ט, אָבער די ביידע זענען עפּעס ווי נעלם געוואָרן. מיר זענען אַלזאָ אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אַ ביסל טיפער אין אָליוון-גאָרטן, אַרומגעקוקט זיך רעכטס און לינקס, מיר האָבן אָבער קיינעם נישט געזען. איך האָב גענומען רופן אויף אַ האַלבן קול און דערנאָך וואָס אַמאָל העכער: „אוסאַלאָ!” אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. דאַן האָט ריימאָנדי גענומען רעוען אַזוי הויך, גלייך ער וואָלט געהאַט פאַר זיך דריי רעגימענטן: „אוסאַלאָ! אוסאַלאָ!” — ערשט איצט האָט דער חברה-מאַן געענטפערט: „יאָ! יאָ! מיר גייען שוין!” און תיכף נאָכדעם זענען זיי ביידע געקומען אָנצולויפן.

אוסאַלאַ האָט געלאַכט מיט זיין גאַנצן פאַרברוינטן פנים און אויסגעשטרעקט צו אונדז זיינע ביידע הענט. „אַנטשולדיקט מיר, חברים, מיר ביידע האָבן אָן אייך באמת אינגאַנצן פאַרגעסן!” דערנאָך אָבער, בשעת ער האָט דערזען אונדזערע פאַראומערטע און בייזע פנימער, האָט ער זיך אַ שטעל אַוועק געטון מיליטעריש פאַר ריימאָנדין, צוגעלייגט די האַנט צום היטל און געזאָגט: „הער פעלדפעבל, כ׳מעלד הכנעהדיק: אונטעראָפיציר אוסאַלאָ צוזאַמען מיט זיין כלה סיבילאַ מאַדרוצאַ”. און דאָס מיידל האָט נאָך געמאַכט אַ זייער ערנסטע מינע און זיך טיף פאַרנייגט. שפּעטער האָב איך אַמאָל געפרעגט סיבילאַן, ווער פון אונדז ס׳האָט געמאַכט אַ נאַרישערע מינע. איך, צי ריימאָנדי. אָבער זי האָט לײדער נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, און דעריבער וועט זיך שוין דאָס קיינמאָל נישט לאָזן פעסטשטעלן. אָבער נאַריש זענען געווען אונדזערע ביידנס פנימער — דערויף קען איך שווערן!

ריימאָנדי האָט זיך דער ערשטער באַהערשט. ער האָט
אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שיינע, מיט זילבער באַשלאָגענע
פאָרטמאָנעטקע, עס דערלאַנגט סיבילאַן און זיי ביידן גראַטולירט.
דאַן האָב איך אויך אַרויסגענומען די פאָר אויערינגלעך, וואָס
כ׳האָב געקויפט פאַר איר, און האָב עס איר אָװעקגעשאָנקען אַלס
תנאים-מתנה. אוסאָלאָ האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן און
אויסגערופן: „גאָט מיינער — און איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן
צו געבן איר מיין מתנה!“ און דערביי האָט ער אַרויסגעצויגן אַ
קליין, פיין זייגערל. אַזוי האָבן מיר אַלע דריי איר בסוד עפּעס
מיטגעבראַכט, אָבער נאָר אוסאָלאָן איז עס גוט אויסגעפאַלן. —
דאָס אָרימע יינגל געבעך, ווען ער וואָלט נאָר געװוּסט,
ווי קורץ זיין גליק האָט געזאָלט דויערן!

דאַן האָבן מיר זיי ביידע איבערגעלאָזט אַליין און מיר זע-
נען אַהיימגעגאַנגען. מיר זענען געווען גאַנץ נידערגעשלאָגן. אָבער
דאָך האָבן מיר געפילט אַ געוויסע דערלייכטערונג, וואָס ס׳האָט
לכל-הפחות גענומען אַ סוף צו דעם ביזאַהעריקן אומדערטרעגלעכן
צושטאַנד. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרהאַלטן זיך ברידערלעך
לגבי זיי ביידן, ווי אמתע פריינט, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געלעבט
אין טרייער חברישקייט. אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט
ווי מיר האָבן לכתחילה געמיינט; יעדעס מאָל, בשעת מיר האָבן
געזען אוסאָלאָן מיט סיבילאָן אין זייער גרויס גליק, זענען מיר
געוואָרן אייפערזיכטיק און מ׳האָט גאַנץ גוט געקענט מערקן אויף
אונדז, ווי ווייניק, אין גרונט גענומען, מיר פאַרגינען זיי דאָס.
מיר האָבן אַלזאָ געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען צום גלייכסטן, ווי
דער אָפּצופאָרן קיין באָצען, נאָך איידער ס׳ענדיקט זיך אונדזער
אורלויב. אַך, הלוואי וואָלטן מיר עס געווען געטאָן! אָבער אוסאָ-
לאָ האָט נישט אָפּגעלאָזט און אונדז כסדר געפּייניקט, אַז מיר
זאָלן פאָרט בלייבן, ווייניקסטנס ביז צום נאָנטסטן זונטיק. ס׳איז
דאַן גראָד געווען אַן אָטפּוסט אין דעם שיינותדיקן דאָרף — אין
צימעגאָ, זיבן שעה וועג דורך די בערג צו דער גרענעץ-צו. איצט
געפינט זיך דאָרט די זשאַנדאַרמעריע-סטאַציע און איך וויין
שאָקע דאָרטן. דאָרט אַהין האָט אונדז אוסאָלאָ פאַרבעטן; צו-

האָט דאָרט געהאַט קרובים, און האָט זיי געוואָלט ווייזן זיין שיינע כּלה — אין צײַגלייך זונדרז, זיינע פריינט פון די קייזערלעכע שיסער. מיר האָבן גאַנץ ווייניק חשק געהאַט דערצו, מיר זענען כּלל נישט געווען אויפגעלייגט צו פאַרווײַלונגען און הנאות. אָבער אוסאָלאָ האָט נישט אָפּגעלאָזט און סיבילאַ האָט אים מיט אירע בקשות צוגעהאָלפן, און אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט איבעררעדן.

מיר האָבן אַלזאָ געזאָלט גיין קיין צימעגאָ, כּדי צו פייערן דאָרטן אונדזער אָפּשייד, איידער מיר פאָרן צוריק אין רעגימענט אַריין.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין באַנאַכט, אונטערוועגנס צו רוען אין אַ ביידל פון אַ קוילנגרעבער, כּדי באַלד באַגינען אַריינצוקומען אין שכנותדיקן דאָרף.

איצט מוז איך אייך זאָגן, אַז אוסאָלאָ האָט ליב געהאַט צו טרינקען. נישט, אַז ער זאָל געווען זיין אַ שיכּור, אָבער ער האָט זייער ווייניק געקענט פאַרטראָגן וויין און נאָך עטלעכע גלעזלעך נאָר איז ער שוין געוואָרן לוסטיק און טיילמאָל ווילד אַפילו. און איצט אין זיין גרויסער שמחה אַלס חתן, און אינדערהיים אויף אורלויב צווישן אַלטע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע האָבן אים פאַרבעטן צו מאַכן מיט זיי אַ כּוסה, איז ער כּמעט יעדן אָוונט געווען בגילופין האָט אַרומגעלייאַרעמט און געמאַכט אַוואַנטורעס איבער די גאַסן פון דאָרף. דאָס האָט סיבילאַ כּלל נישט געקענט ליידן, הייל וואָס ס'הייסט טרינקען, האָט זי שוין געוווּסט פון קינדווייז אויף. איר פאָטער טאַקע, דער אַלטער קאַרלאָ מאַדרוצאַ, האָט געשמט פאַרן גרעכטן זויפער אין דאָרף, און ס'איז כּמעט נישט אַדורך קיין טאָג, אין וועלכן זי זאָל נישט פילן אויף זיך זיינע שווערע שיכּורע פויסטן. ס'איז דעריבער נישט געווען קיין חידוש, וואָס זי האָט נישט זייער גערן געזען איר חתן באַם פלעשל; זי האָט אים געמאַכט פאַרווורפן, און ער האָט איר צוגעזאָגט קיין גלאָז מער נישט אָנצורירן — — אָבער אינאָוונט איז ער ווידער געווען שיכּור. צוליב דעם האָט סיבילאַ דעם

ווײַן, וואָס ער האָט געטרונקען, נאָכמער געהאַסט, ווי דעם, וואָס איז געפּלאָסן דורכן גאָרגל פֿון איר פֿאָטער.

בשעת מיר האָבן אין דער נאַכט אויף זונטיק אַרויסגעדירט — זי איז געווען אַ פֿינסטערע און קײן שטערן איז נישט געווען אויפֿן הימל — האָט סיבילאַ אַזוי געמאַכט, אַז זי איז געגאַנגען מיט מיר, בשעת איסאָלאַ מיט פֿעלדפֿעבל זענען געגאַנגען אַ ביסל פֿאָרויס. רײמאָנדי און סיבילאַ האָבן געטראָגן לאַמטערנעס; איר אוצר האָט געשלעפּט אַ שווערן קאָרב, אין וועלכן ס'זענען געווען פֿאַרפּאַקט פֿיש אין פֿרישע בלעטער, וואָס ער האָט אין אָוונט אײַנגעכאַפּט אין טײַך און האָט זײ געוואָלט ברענגען זײַן פֿעטער אין צימענאָ. דעם רוקזאַק, וואָס איסאָלאַ האָט פֿאַרפּאַקט, האָב איך געטראָגן; ס'איז געווען אין אים: ברויט, שינקען, וווּרשט און פֿינף פֿלעשלעך טײַערער ווײַן. סיבילאַן איז טאַקע געגאַנגען אין דעם. ווען מיר זענען נאָך אַ האַלבער שעה גאַנג צוגעקומען צו אַ קוואַל, איז זי געבליבן שטײן און מיך געבעטן, כ'זאָל איר געבן דעם רוקזאַק. זי האָט נאָך אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, ביז יענע צווײ האָבן זיך גענוג דערווײַטערט, דאַן האָט זי אַרויסגענומען די פֿלעשלעך און זײ אויפֿגעעפֿנט. זי האָט מיך געפֿרעגט, צי איך וויל נישט נאָכאַמאָל טרינקען, און כ'האָב אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָר גוטע שלוקן. דערנאָך האָט זי אויסגעגאָסן דעם ווײַן, אײן פֿלעשל נאָכן אַנדערן. איך האָב איר דאָס געוואָלט שטערן, זי אָבער האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז די אײגענע נאַכט וועל איך מיך דאָך קענען באַגײן אָן ווײַן, צומאָרגנס וועט מען אין צימענאָ קריגן גענוג. זי האָט אָנגעפֿילט די פֿלעשער מיט וואַסער און זײ צוריק זאָרגפֿעלטיק פֿאַרשטאָפּט; בײדע האָבן מיר זיך געפֿרײט פֿונם געדאַנק, וואָס פֿאַר אַ מינע איסאָלאַ וועט עס מאַכן, בשעת ער וועט אַנטדעקן, אַז זײַן ווײַן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין וואַסער.

מיר האָבן גענומען האַסטיק גײן און זײ אין גיכן דעריאָגט. מיר האָבן גערעוועט אונדזערע זעלנערישע לידער און אין דער צווישנצײַט האָט געזונגען די שײנע סיבילאַ. אַזוי זענען פֿאַרגאַנגען די שעהן. אַ פּאָר מאָל האָט איסאָלאַ פֿאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל נעמען צו גלעזלעך ווײַן; אָבער איך האָב נישט געוואָלט אויס-

פּאַקן און האָב געזאָגט, אַז ער מוז אונטערהאַרטן, ביז מיר וועלן מאַכן אַן אָפּרו לעבן דעםביידל פון דעם קוילנגרעבער.

מיר האָבן געהאַט אָפּמאַרשירט ניין אַ זייגער און געקענט גאַנץ באַקוועם אַרום דריי באַגינען אָנקומען צו דעם ביידל. דאָרט האָבן מיר זיך געוואָלט דערכאַפּן דאָס האַרץ און זיך צושפּאַרן אַ ביסל; מיר האָבן געהאַט מיטגענומען אונדזערע מאַנטלען און פּאַר ביבילאַן אַ וואַרעמע קאָלדרע, וואָס רייזמאָנדי האָט געטראָגן. דאַמאָלס האָבן מיר געוואָלט נאָך אַ פּאָר שעה אַראָפּקריכן דאָס לעצטע שטיקל וועג אין צימעגאַ־טאָל. עס איז געווען גאַנץ קאַלט אויפן וועג, און אוסאָלאָ האָט אָנגעהאָנגען זיין מאַנטל אויף זיין כלה. אָבער מיר זענען אַלע געווען פריילעך און גוט אויפגעלייגט, און בשעת מיר האָבן אַזוי באַזאַמען מאַרשירט, איי־נער הינטערן אַנדערן, אָדער געאָרעמט, ווען דער וועג איז געווען ברייטער, האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דידאָזיקע שיינע רויז וואָלט נישט נאָר צו אוסאָלאָן אַליין געהערט, נאָר בשותפות צו אַלע דריי ברידער פון די קיינערלעכע שיסער.

כ׳איז שוין געווען נאָך איינס אַ זייגער, בשעת מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם באַרג־שפּאַלט פון באַאַצאַל. רייזמאָנדי איז גע־גאַנגען פאָרויס מיט דער לאַמטערן, איך הינטער אים, דערנאָך סיבילאַ, און צום סוף אוסאָלאָ. פּלוצלינג האָב איך אים דערהערט שלעפן; ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געלעגן אויף די שטיינער, אָבער ער איז באַלד צוריק אויפגעשפּרונגען. איך האָב זיך אומגעדרייט צו אים, סיבילאַס לאַמטערן האָט אים גאַנץ העל באַלויכטן.

— פאַרשאָלטענע חיה! — האָט ער אויסגערופן, און כ׳האָב געזען אין דער ליכטשיין, ווי ער האָט געהאַלטן אַ קליינע שלאַנג אין דער האַנט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט באַם עק און צעקלאַפּט איר קאָפּ אָן די פעלזן.

— האָט זי דיר אַ ביס געטון? — האָט מיט שרעק גע־פרעגט סיבילאַ.

ער האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז ער האָט דאָס קוים געפילט. מיר זענען אַלע צוגעטרעטן צו אים און געזען,

אַז ער האָט זיך באַ דעם פאַל אַ ביסל צעראַצט דאָס פּנים מיט די הענט. סיבילאַ האָט אים אַרומגעווישט מיט איר טיכל. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען זיין קויש, און מיר זענען געגאַנגען ווייטער; דאַסמאָל איז ער געגאַנגען הינטער ריימאָנדין און איך בין געווען דער לעצטער.

ס׳איז נאָך נישט אַוועק קיין פינף מינוט, ווי איסאָלאַ איז געבליבן שטיין, קלאַפנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן; ער האָט געציטערט פאַר קעלט און געבעטן ריימאָנדין, אַז ער זאָל אים באָרגן זיין מאַנטל. ער האָט אָנגעטון דאָס מאַנטל און נאָך אַרויפגעלייגט אויף די פלייצעס די קאָלדרע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר סיבילאַן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געציטערט פאַר קעלט. איך האָב אים גערופן, ער זאָל מאַרשירן האַסטיקער, און ער האָט מיך געפאָלגט. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געזען, ווי ער האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט דער האַנט אָן די פעלזן, גלייך ער וואָלט געווען שיכור. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, כ׳האָב אַלזאָ אויך געשוויגן, כּדי נישט איבערצושרעקן זיין כּלה. דאָס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, דערנאָך האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ, ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף פאָרנט און וואָלט זיך אויסגעצויגן, ווי לאַנג ער איז געווען, ווען ריימאָנדי וואָלט אים נישט געווען אונטערגעכאַפּט. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין קויש און זיך מיט שוועריקייט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די פעלזן, געהאַלטן אויף די פיס.

— וואָס איז דיר? — האָט געשריגן סיבילאַ.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך באַמיט צו שמייכלען.

— גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט. — איך ווייס נישט —

דער פעלדפעבל האָט אים געהאַלטן די לאַמטערן אַקעגן פּנים. דערנאָך האָט ער אָנגענומען זיין ליבקע האַנט און זי גענוי באַטראַכט פון ביידע זייטן.

— דאָ, תּמור איינער! — האָט ער געזאָגט, — אוודאי האָט זי דיר אַ ביס געטון!

מיר האָבן אים אַרומגערינגלט, און איך האָב באַמערקט אַ

גאַנץ קליינע ווונד האַרט באַם דופק; מ'האָט געזען אַ קליינעם טראָפּן בלוט, נישט גרעסער ווי אַ שפּילקע־קעפּל. די האַנט און דאָס געלענק זענען געווען אָנגעשוואָלן, און זענען כּסדר ממש צוזעענדיקערהייט אַלץ צוגעשוואָלענער געוואָרן. ריימאָנדי, וואָס האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַ סאַמאַריטאַנישן קורס, האָט שנעל אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ טיכל. דערנאָך איז זיין בליק געפאַלן אויפן רוקזאַק, ער האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס טיכל און מיך געהייסן אָפּשניידן די שנירן. מיר האָבן אים פאַרבונדן די האַנט העכער פון דער ווונד און האָבן צונויפגעצויגן די שנירן, ווי פעסט מ'האָט נאָר געקענט, אַזוי, אַז מ'האָט אים אַזש טיף די האַנט איינגעשניטן. בשעת מעשה האָט זיך איסאָלאָ געוואַקלט אַהין און אַהער און מיר האָבן אים געמוזט אַוועקליינן אויף דער ערד.

איצט האָט ריימאָנדי געזאָגט:

— אַזוי, דאָס וואָלט געווען דאָס ערשטע. איצט מוזן מיר די ווונד אויסזייגן.

באַלד האָט זיך סיבילאַ אַ וואָרף געטון איבער איר חתן, אָבער ריימאָנדי האָט זי פון אים אָפּגעריסן. ער האָט איר באַלויכטן דאָס פּנים מיט דער לאַמטערן און תּיכּף זי אָפּגעשטויסן: זי האָט אַ קליינעם ראַנץ אין דער ליפּ, זי וואָלט זיך נאָך אויך געקענט פאַרגיפטן, האָט ער געזאָגט. דערנאָך האָט ער מיך צוגעשלעפּט צו זיך, געהייסן מיך עפענען דאָס מויל און באַלויכטן מיט דער לאַמטערן.

— דו קענסט דאָס טון! — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אַלזאָ גענומען איסאָלאָס האַנט און געזויגן מיט אַלע כּוחות. דאָס שפּייעכץ איז מיר אָנגעקומען, און כ'האָב אויסגעשפּיגן אין דער זייט, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'פּיל דעם טעם פון גיפט אויף דער צונג. אָבער דאָס איז נאָר מסתּם געווען אַן איינבילדונג. איך האָב געזויגן אַזוי לאַנג, ביז ריימאָנדי האָט מיך אַוועקגעריסן.

— איצט מוז ער טרינקען, — האָט ער געזאָגט. — וואָס

מער, אַלץ בעסער. אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר. דאָס וועט פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון האַרץ.

ער האָט גענומען דעם רוקזאַק און אויפגעשטאָפּט דאָס ערשטע פּלעשל. איך האָב דערהערט אַ שטילן געשריי פון סיבילאַן, וועלכע האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן מיין אָרעם. זי האָט שטיל געשושקעלט: „אָ, מאַדאָנע — מאַדאָנע!" און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי מתפלל געווען צו דער הייליקער מוטער און זי געבעטן, צו טון אַ נס. און איך אַליין בין געווען אַזוי דערשראָקן און צעמישט, אַז כ'האָב שטיל מתפלל געווען מיט איר צוזאַמען, און כ'ווייס נאָך היינט, אַז כ'האָב אין יענער רגע באמת געהאַט די האָפענונג, אַז דאָס וואַסער קען זיך צוריק אין ווין פאַרוואַנדלען. אָבער ליידער געשען שוין היינט נישט מער קיין נסים, ווי אויף דער חתונה אין כנען!

אוסאַלאָ האָט צוגעכאַפּט דאָס פּלעשל צו די ליפּן און גענומען זשעדנע טרינקען — אָבער ר'האָט תיכף אַלץ צוריק אויסגעשפּיגן. „וואַסער!" האָט ער געקרעכצט. ריימאָנדי האָט אַליין גענומען אַ שלוק, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און תיכף אַוועקגעוואָרפן דאָס פּלעשל אין טאָל. ער האָט גערעכנט, אַז ס'איז געווען אַ צופעליקער טעות און אויפגעעפנט דאָס צווייטע פּלעשל. סיבילאָ האָט געציטערט און האָט נישט געוואַגט אין אירע טויט־אַנגסטן קיין וואָרט צו רעדן; און איך אַליין בין אויך געווען אַזוי ביידערגעשלאָגן פון מיטשולד, אַז כ'האָב אפילו קיין פּיפּס נישט געטון.

אוסאַלאָ האָט נאָכאַמאָל גענומען אַ שלוק און האָט אים ווידער אויסגעשפּיגן. ריימאָנדי האָט גענומען נאָך אַ פלאַש, אָפּגעקלאַפּט דאָס העלזל, און זעענדיק, אַז די איז אויך פול מיט וואַסער, האָט ער זי אַוועקגעוואָרפן. איצט האָב איך מיר אָנגעטון אַ כוח און געזאָגט, אַז דאָס האָב איך געמאַכט דעם נאַרישן שפּאַס און קיין וואָרט נישט איבערגעחזרט ווען סיבילאַן — — נאָך היינט בין איך צופרידן, וואָס איך האָב עס אַזוי געטון. ריימאָנדי האָט געשריגן, אַז כ'בין אַ רוצח; אָבער אוסאַלאָ האָט געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע, אַז ער ווייסט, אַז כ'האָב נישט געמיינט דערמיט

שלעכטס צו טון. ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט אַלס צייכן פון מחילה און האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָך אפשר בעסער נישט אַזוי שלעכט און אַז ער וועט באַלד קענען גיין ווייטער. איך האָב אויך גערעדט צו אים און געפּרוווט אים טרייסטן, אָבער ריימאַנדי האָט מיך אַוועקגעריסן פון אים און געזאָגט, אַז ס'איז איצט נישט קיין צייט אויף פּלוידערן. ער האָט גענומען זיין טאַש-מעסערל, אַריינגעשטעקט די שאַרפע קלינג אין פלאַם פון דער לאַמטערן און מיר באַפוילן צו נעמען מיינס און אויך דאָס איי-גענע צו טון. ווען זיין מעסערל איז שוין געווען שטאַרק אָנגעגליט, האָט ער גענומען שניידן די וווּנד און זי פאַרגרעסערט. דערנאָך האָט ער גענומען מיין מעסערל, און איך האָב דערווייל געמוזט האַלטן דאָס אַנדערע אין פלאַם; אַזוי האָט ער כסדר געטוישט און געשניטן און דורכגעברענט די וווּנד. דער אָרימער אוסאַלאַ האָט אימהדיק געליטן, ער האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן זיין ווייטיק, ווי אַ גיטער זעלנער; עס איז געווען אַ שרעק צוצוקוקן, ווי מיר האָבן אים געמאַטערט — אַזוי אינגאַנצן בחנם. סיבילאַ האָט גע-קניט לעבן אים און געהאַלטן זיין קאָפּ, און ער האָט געקרעכצט און געקריצט מיט די ציין.

לסוף האָט דער פעלדפעבל געענדיקט. מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר וועלן נישט קענען אָפּגיין מיט אים קיין טריט ווייטער, און אַז צום בעסטן וועט זיין, ווען איינער פון אונדז וועט אַ לויף טון קיין צימעגאַ, כדי צו ברענגען הילף. איך האָב נישט געקענט דעם וועג, איז אַלזאָ ריימאַנדי געגאַנגען; ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט באַקומען באַם גלח אַ ביסל קאַליום און סאַלמ אַק-ספּי-ריטוס. ער האָט גענומען זיין לאַמטערן און זיך האַסטיק אַוועק-געלאָזט, אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין פאַרשוווּנדן גע-ווען.

דאָס אָרט, ווו מיר זענען געלעגן, איז געווען זייער נישט באַקוועם. אויף רעכטס האָט זיך אויפגעהויבן די פעלזן-וואַנט — לינקס איז געווען אַן אָפּגרונט, נישט אינגאַנצן משופּע, אָבער פּאָרט גענוג נישט באַקוועם אין דעם חשכות. און דער וועג דערצווישן איז געווען זייער אַ שמאָלער. איך האָב צונויפגעלייגט דאָס מאַנטל

און עס אַרונטערגערוקט אוסאָלאָן אונטערן קאָפּ אַלס קישן, און
אויפן צווייטן מאַנטל איז ער געלעגן אויסגעצויגן. איך האָב אים
איבערגעדעקט מיט דריטן מאַנטל און מיט דער קאָלדרע. אָבער
נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט ער דאָך געפרירט פאַר
קעלט; ס'האָט אים דורכגעטרייסלט איין שוידער נאָכן אַנדערן.
אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבן שווער אָטעמען און זיך
שטיקן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיינע לונגען וואָלטן מיט שווע-
ריקייט געאַרבעט. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר פלעגט טייל-
מאָל שטילערהייט קרעכצן. ס'בילאַ האָט געקניט לעבן אים; אויך
זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און אויסגעזען איינגאַנצן פאַר-
שטאַרט צו זיין. האָב איך אַלזאָ נישט אויפגעהערט צו פלוידערן,
כ'האָב אים געזאָגט, אַז צו די יסורים וועט באַלד נעמען אַ סוף,
און אַז דער פעלדפעבל וועט תיכף אָנקומען מיט גוטער הילף.
דערנאָך האָב איך שוין אַליין נישט געוווסט, וואָס כ'האָב אים
נאָך מער צו זאָגן, און האָב איבערגעחזרט דאָסזעלבע נאָכאַ-
מאָל — — איך גלייב, אַז כ'האָב עס אפשר הונדערט מאָל אי-
בערגעחזרט אין דער ראָזיקער פון גאָט פאַרלאָזענער נאַכט. אָבער
ס'איז כלל נישט געווען קיין נפקא-מינא, וואָס איך האָב געזאָגט
עס האָט זיך דאָך קיינער פון זיי ביידן נישט צוגעהערט. טייל-
מאָל האָט דאָס שווערע אָטעמען אויפגעהערט, עס איז אים אָבער
תיכף ווידער באַפאַלן; אויך די שווינדל-אַטאַקן האָבן זיך רעגל-
מעסיק איבערגעחזרט.

ס'איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה. די נאַכט איז פאַרזונקען
און די נעפּלען האָבן געצומען קריכן פון די בערג. ס'איז געוואָרן
טאָג, און דער קאַלטער, פייכטער, פרימאָרגן-ווינט האָט זיך אויפ-
געכאַפּט פון באַרג-דורכגאַנג. אָפּטמאָל, ווען ער איז אַזוי געלעגן
רויק, האָבן מיר געמיינט, אַז ס'איז אים בעסער, אָבער באַלד דער-
נאָך איז אים ווידער באַפאַלן אַ שטאַרקער שוידער; טיילמאָל האָט
ער אויך פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. באַם האַנט-וווּרצל האָט ער
געהאַט שטעכעדיקע, זייער שטאַרקע שמערצן; די האַנט איז גע-
ווען שרעקלעך אויפגעשוואָלן, און דאָס ווונדיקע אָרט האָט אויס-
געזען בלוין און בלאָ. אַרום זעקס אינדערפרי האָט ער באַקומען

קאָנוווּלסיעס, זיין קערפּער פלעגט זיך הויך אויפהייבן און שווער צוריקפאַלן. דערנאָך האָט ער באַקומען אַ קאָרטש אין די מוסקולן, די פינגער פון דער געזונטער האַנט האָבן זיך צונויפגעקראַמפט און די פיס האָבן שטאַרק געציטערט. מיר האָבן אים מיט גרויס שוועריקייט צוגעהאַלטן און ער איז אויך געוואָרן אַ ביסל רויקער; אָבער באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס שטיקן און צוזאַמען דערמיט דאָס שוידערן.

עס איז שוין געווען אַכט אַ זייגער; רייטמאָנדי האָט שוין, לויט מיין השערה, לאַנג געדאַרפט צוריק זיין. אוסאָלאָ האָט זיך דערווייל אַ ביסל באַרויקט און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געדרימלט. האָב איך אַליין גערעכנט, אַז ס'וועט זיין צום בעסטן, אויב איך וועל זיך אַוועקלאָזן, כדי צו זוכן דעם פעלדפעבל. איך בין אַליין אויפגעשפרונגען און גענומען לויפן מיט דעם שטעגל, וואָס פירט קיין צימעגאַ אַזוי שנעל, ווי מיינע פיס האָבן מיך נאָר געקענט טראָגן. נאָך אַ שעה צייט האָב איך געטראָפן רייטמאָנדין מיטן גלח און מיט דריי יונגען פון צימעגאַ.

— לעבט ער נאָך? — האָט געשריגן דער פעלדפעבל.

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און האָב מיך אומגעקערט צוזאַמען מיט זיי. רייטמאָנדי האָט אויסגעזען, ווי אַ ווילדע בריאה, זיין שיינער מונדיר איז געווען אינגאַנצן פאַרשמוצט פון אויבן ביז אַראָפּ; דאָס פּנים און די הענט זענען געווען פאַרבלוטיקט און פאַרשוויצט. ער האָט זיך פאַרטשעפעט אויפן וועג, איז געפאַלן און צעבראָכן זיין לאַמטערן. דערנאָך האָט ער, זוכנדיק אין דער פינצטער זיין וועג, פאַרבלאָנדזשעט, און ערשט פאַרטאָג האָט ער באַמערקט, אַז ער איז פאַרקראָכן אין אַן אַנדער טאָל. ער האָט אַליין געמוזט צוריקגיין, און ערשט מיט דער הילף פון אַ פּאַסטוך, וואָס ער האָט געטראָפן אונטערוועגנס, האָט ער געפונען דעם וועג קיין צימעגאַ. דאָרט האָט ער באַלד אָפּגעזוכט דעם גלח, אים מיטגענומען מיט זיך פון דער מעסע אַוועק און גלייך צוריקגעלאָפן צוזאַמען מיט דידאָזיקע לייט. בשעת ער האָט מיר נאָך אַזוי דערציילט, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ ווילדן, אימהדיקן געשריי. מיר האָבן דערקענט סיביליאָס קול און גענומען

משוגענערווייז לויפן ווייטער. ריימאָנדי ווייט פאָרויס, הינטער אים איז געשפרונגען דער גלח פון צימעגאַ, הויך פאַרשאַרצנדיק מיט ביידע הענט די שוואַרצע סוטאַנע. ער איז געווען א טיכטיקער מאַן; אויב ער וועט אפילו נישט באַוויזן צו קומען צו דער צייט מיט זיינע דאָקטאָרישע מיטלען, האָט ער לכל-הפחות געהאָפט, נישט צו קומען צו שפּעט אַלס גלח, כּדי צו געבן דעם גוסס די לעצטע, הייליקע זאַלבונג.

אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט פאַר ביידע זאַכן. ווען מיר זענען אַרויסגעקומען פון טאָל, האָבן מיר דערזען באַנטש ליגן אונדז ליגן אַ טויטן. זיין פּנים איז געווען מוראדיק פאַרקרימט, די אויגן אַרויסגעקראָכן פון די היילן. די רעכטע האַנט פעסט פאַרקלאַמערט אין זיין מאַנטל, די פּיס הויך אַרויפגעצויגן. פאַר אים איז געשטאַנען סיביללאַ גלייך, אָבער מיטן אייבערשטן טייל קערפּער פאָרויס אַריבערגעבויגן — אַזוי, ווי איר זעט זי איצט גיין און שטיין. לכתחילה האָבן מיר ווייניק אַכט געלייגט אויף איר, מיר האָבן זיך נאָר פאַרנומען מיט אוסאָלאָן, געריבן אים, אַריינגעגאָסן אים וויין אין די אָפענע ליפּן און אים צוגעשטעקט עטער צו דער נאָז. אָבער מיר האָבן באַלד איינגעזען, אַז דאָס אַלץ איז שוין צו שפּעט און אַז מיט אים איז אויס. מיר האָבן אים צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל און זיך געווענדט צו זיין כּלה.

מיר האָבן זי געפרעגט, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן, אָבער זי האָט אונדז נישט געגעבן קיין שום תשובה. מיר זענען צוגעשטאַנען צו איר און האָבן גוט געזען, אַז זי האָט אונדז פאַרשטאַנען; אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער איר מויל איז געווען שטום; זי האָט דאָס לשון אָנגעווירן. אירע אויגן זענען געבליבן טרוקן, קיין איין טרער איז פון זיי נישט געפאַלן — אפילו אויף זיין קבר — האָט זי נישט געקענט וויינען. דער גלח האָט זי גענומען אין זייגע אָרעמס און געפּרוּווט זי אויסגלייכן; עס איז אים נישט געלונגען, און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים צוהעלפן. אַלע האָבן מיר צוגעהאָלפן — אָבער זי איז געבליבן שטייף, ווי געווען — מיטן אייבערשטן טייל קערפּער אַריבערגעבויגן פאָרויס. מיר האָבן עס נישט געוואָלט גלייבן, מיר

האָבן זי גראָב אָנגעכאַפּט און געפּרוּווט מיט געוואַלט אויסגלייכן, אָבער ס'איז געווען אוממעגלעך.

דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דידאָזיקע לעצטע צוויי שעה, אין וועלכע אוסאָלאָ האָט נאָך געלעבט, ווייס איך נישט ביזן הייַנטיקן טאָג. איך האָב שפּעטער אָפטמאָל געפּרעגט סיבי־לאַן וועגן דעם, געבעטן, אַז זי זאָל עס מיר אויפשרייבן. אָבער זי האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, גענומען שטאַרק ציטערן און געשאָקלט מיטן קאָפּ — האָב איך אַלזאָ אָפּגעלאָזט און זיך סוף־כּל־סוף מיאש געווען דערפון. שרעקלעך האָט עס געמוזט זיין — מ'האָט דאָס געקענט אָפּלייענען פון איר פּנים! אירע געזיכטס־צוגן זענען געווען פאַרענדערט און שטאַר, ווי זי וואָלט געהאַט אַריינגעקוקט אין אָפענעם גיהנום. און דערדאָזיקער אויס־דרוק פון פּחד האָט נישט אָפּגעטרעטן, ער איז פאַרבליבן; ערשט נאָך אַ סך יאָרן, ווען איר הויט איז געוואָרן גערונצלט און ברוין, ווען זי האָט זיך געעלטערט, ווייט פאַר איר צייט, איז דערדאָזי־קער אויסדרוק ביסלעכווייז פאַרשווונדן. הייַנט זעט מען שוין גאַנץ קנאַפּ אָן עפּעס דערפון.

אָבער דער מוראדיקער קראַמף, וואָס האָט איר קערפּער איינגעבראָכן, האָט נישט נאָכגעלאָזט, און זי האָט שוין מער דאָס לשון צוריק נישט באַקומען. — מיר האָבן דאַן געמאַכט טראָג־בעטלעך און אַוועקגעטראָגן זי און אוסאָלאָן קיין צימבאַ — דאָרט ליגט ער באַגראָבן. — דאָס איז די געשיכטע פון סיבילאַ און פון איר אָרימען חתן.

דער זשאַנדאַרם האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אויסגעטרונ־קען דריי גרויסע גלעזלעך וויין, כּדי צו דערשטיקן זיין געריר־קייט. און פראַנק ברוין האָט אַ פרעג געטון: — און האָט מען גאָר־נישט געמאַכט קיין שום פּרוּוו, זי צו היילן?

— קיין שום פּרוּוו? — דרענקער האָט זיך צעלאַכט. — מיר האָבן געטון אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט, רייַמאָנדי און איך! — בשעת מיר האָבן זי צוריקגעבראַכט אין איר היימ־דאָרף אַריין, איז איר פאָטער געווען שיכּור, ווי געוויינטלעך. ער האָט גענומען שרייען און שעלטן און שטאַרק חשק געהאַט זי

אויסצוקלאַפּן אין זיין בלינדן כּעס. דאַן האָט זי אוסאַלאַס מוטער אַהיימגענומען צו זיך. שפּעטער האָבן מיר זי אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין, אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער קען גאָרנישט העלפן, אַז מיר מוזן מיט איר קיין אינסברוק פאָרן, — דאָרטן איז זי אָפּגעלעגן אַ גאַנץ יאָר אין שפּיטאָל. מ׳האָט זי גוט געפּלאָגט מיט די פאַרשידנסטע מיטלען, און געמאַכט כּלערליי עקספּערימענטן איבער איר. אָבער עס האָט אַלץ נישט געהאָלפן, און מען האָט זי סוף־כּל־סוף צוריק אַהיימגעשיקט — פּונקט אַזוי קרום און שטייף, ווי זי איז געווען.

דערווייל איז דער פאָטער געשטאָרבן — ער איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך, בשעת ער איז איינמאָל ווידער געווען אַזוי אינגאַנצן בגילופינדיק. איר ירושה איז באַשטאַנען פון ליטער חובות. זי האָט דאַן ווידער געוווינט בײַ אוסאַלאַס מוטער און האַלט זיך נאָך איצט אַלץ אויף אין דעם חורבהדיקן ביידל, הגם די אַלטע איז שוין אויך לאַנג געשטאָרבן. — זי דאַרף נישט קיין סך, און די עטלעכע גרייצערס בעטלט זי זיך אויס אין די פּאָסטטעג אויפן שאָסיי. — זי איז געוואָרן אַ קרומע, אַלטע, מיאוסע בעטלערין, אָבער כּל־זמן אַלוויזי דרענקער לעבט, וועט ער גוט זיין צו איר.

און טערעזע האָט צוגעגעבן:

— מיין פאָטער איז אויך גוט צו איר. ער שיקט איר תּמיד מילך און אַלץ, וואָס בלייבט פון עסן.

אָבער דער זשאַנדאַרם האָט זי אָנגעשריגן.

— אָך, דריי נישט קיין קאָפּ! דו אַליין טוסט עס און נישט דיין פאָטער. און ער וואָלט עס אויך נישט דערלויבט, ווען ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר מיר! איך ווייס גאַנץ גוט. דיין פאָטער איז געוואָרן אַ קמצן אויף זיינע אַלטע יאָרן, ווי אַלע פּויערים אין דיזאָזיקע אינטאַליענישע, פאַרלייזיקטע דערפער!

ריימאָנדי האָט חשיבותדיק אויסגעשפּיגן, אָבער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אָנגעדייזן אויף די ליידיקע פלעשלעך, און בשעת פראַנק ברוין האָט אַ ווונק געטון מיטן קאָפּ, איז ער רויק אויפגעשטאַנען, כּדי צו ברענגען פרישע.

— צי בלייבט איר דאָ נעכטיקן, — האָט דער טרעגער? — האָט דאָס מיידל האַסטיק געפרעגט. — זאָל איך צוגרייטן אַ געלעגער?

— ניין, — האָט געענטפערט דער גרענעצמאַן. — איך קער מיך באַלד צוריק אין שטאָט אַריין. נאָר דאָס פערד מוז זיך אָפּרעסן און אויסרוען.

ער האָט זיך געווענדט צו פראַנק ברוין.

— הער דאָקטאָר, ווילט איר מיטגעבן אַן ענטפער פאַר דאָן ווינטשענצאָ?

דער דייטש האָט זיך געזעצט צום טיש. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשיקט דאָס מיידל צו ברענגען פּאַפּיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענסטער און געשריבן צום גלח:

„ליבער דאָן ווינטשענצאָ! איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער פריינטלעכן בריוו, וועלכער וואָלט מיר געגעבן דעם זיכערן באַווייז, אַז איר זענט באמת דאָס, וואָס די וועלט רופט אַן אַ גוטן מענטש — ווען כ'וואָלט עס שוין אַליין פון לאַנג נישט געווען געוווסט. איך באַדויער דעריבער נאָך שטאַרקער, וואָס כ'קען אייער בקשה נישט דערפילן. איר האָט מורא — אַנטשולדיקט מיר, אויב כ'וועל אייערע נעפּלהאַפטע פאַרגעפילן קלאָרער באַצייכענען, ווי איר אַליין האָט דאָס געטון. — איך וועל דאָ אין וואַל די סקאָדראַ שפּילן די ראָל פון שיקזאַל אויף אַזאַ אופן, וואָס ליגט דורכויס נישט אין אייער אינטערעס, אַז איר זאָלט עס האַלטן פאַרן בעסטן לגבי אייער היימדאָרף. — איר באַנוגנט זיך שוין נישט מער דערמיט, דאָן ווינטשענצאָ, אַוועקצולייגן אין גאָטס האַנט מיט בטחון דאָס, וואָס דאַרף געשען, נאָר איר האָט מורא, אַז כ'האָב דאָ בדעה אויף אַ דורכויס אומווערדיקן אופן, דעם אייבערשטן זיין ווערק צו פאַרפּושן. איז עס נישט אַזוי, הויכווערדיקער? — אַלזאָ גוט, איך וועל נישט לייקענען, אַז איך האָב שטאַרק חשק דערצו, בפרט איצט, נאָכדעם ווי איר האָט מיך אַזוי פריינטלעך נאָכאַמאָל דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט. גאָט איז דאָך דאָס, וואָס געצונדינער און אומגלייבקע רופן אָן שיקזאַל — — אויב, אַלזאָ,

דער מענטש שפּילט שיקזאַל, דאַן שפּילט ער גאָט. אפשר איז דערדאָזיקער שפּיל נישט פרום און ווייניק קריסטלעך, אָבער איר וועט דאָך סוף־כּל־סוף מודה זיין, אַז עס איז פּאָרט דער העכסטער שפּיל, וואָס דער מענטש קען איבערהויפּט שפּילן. און אויב ס'וועט זיך דאָ — איך ווייס נישט, צי ס'איז באמת אַזוי — אויב ס'וועט זיך דאָ מאַכן אַ געלעגנהייט צום דאָזיקן איידעלן שפּיל, איז מחמת וועלכן טעם זאָל איך עס אָפּשטויסן? אַנדזער לעבן איז כּלל נישט אַזוי רייך, אַז מיר זאָלן קענען מבטל זיין דאָס ביסעלע גוטס, מיט וועלכן עס באַשענקט אונדז דער צופאַל.

איך וועל אַלזאָ לעת־עתה דאָ פאַרבלייבן, און איך ווינטש מיר, הייליקער פאָטער, אַז אייערע פאַרגעפילן זאָלן מקוים ווערן! איך, וואָס אַן אמת, קוק ווייניקער אָפּטימיסטיש — אָדער, אויב איר ווילט, פּעסימיסטיש — ווי איר, דאָן ווינטשענצאָ: איך גלייב, אַז ליידער וועט דאָס, וואָס קען אפשר געשען, נאָר זיין אַ זייער קליינע, ווינציקע, לעכערלעכע זאַך, אָבער כּלל נישט קיין שרעקלעכע! דאָס איז מיין ערלעכע איבערצייגונג. וואָס וועט אייך אפשר אַביסל באַרויקן. וואָס שייך מיר, וועל איך מיר אוודאי געבן די גרעסטע מי אַרויסצורופן עפּעס אַ ספּעקטאַקל — אָבער דאָס איז כּלל נישט אַזוי גרינג אויף דער בינע פון לעבן. איך בין ליידער נישט קיין מכשף, ווי איר, אַפּנים, גלייבט, איך בין נאָר אַן אָרימער תּלמיד באַם מכשף! און מחמת דעם, וועט איר, הויכווערדיקער, וואַרשיינלעך גיכער לאַכן און נישט וויינען!

איך בין, ליבער דאָן ווינטשענצאָ, אייער זייער איבערגעגעבענער

פראַנק ברוין".

ער האָט אַ ווונק געטון צו טערעזען. ער האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו, איר דערלאַנגט די פען און איר אָנגעוויזן אויף דער נישט באַשריבענער פירטער זייט.

— צו דיין ווידוי־פאָטער! — האָט ער געזאָגט. — ווילסטו אים נישט מיטשיקן קיין גרוס?

איר פנים האָט אויפגעשטראַלט. זי האָט גענומען דאָס ביי־געלע פּאַפּיר און אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות:
„איך בין זייער, זייער גליקלעך! טערעזע“.

*   *

*

דער זשאַנדאַרם איז שוין געהאַט לאַנג אַוועקגעריטן; פראַנק ברוין איז געשטאַנען אין זיין צימער און אַרויסגעקוקט שטאַר אין דער פינסטערער נאַכט אַריין. עס האָט זיך געמאַכט אַ שטורעם, און דאָס וואַסער אין דער קיילעכיקער אָזיערע האָט געזאָטן, ווי אין אַ קעסל. מיט לאַנגע שטויסן האָבן זיך די כוואַליעס אָנגעשלאָגן אָן די פעלזיקע ווענט, האָבן זיך אויפגעשטורמט, גלייך זיי וואָלטן זיך געוואָלט אַרויסקריגן פון דאַזיקן לאָך, אין וועלכן זיי זענען געפאַנגען געווען אויף אַלע אייביקייטן. אָבער ס׳איז נישט געווען פאַר זיי קיין פליטה, די פעלזן האבן זיי אַרומגעקלאַמערט, ווי מיט אַ האַרטן רינג און הויך געלאַכט פון זייער אומגעכטיקער מרידה.

פראַנק פרוין האָט פאַרמאַכט דאָס פענסטער און זיך אַוועק־געזעצט בײַם טיש. עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, און ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט שוין הייַנט נישט געקענט מער אַרבעטן. אָבער ער האָט אויך נישט געהאַט קיין חשק זיך צו לייגן שלאָפן; איז ער אַזוי געזעסן גאָרנישט טוענדיק, אַריינגעקוקט צעשטרייט אין די ביכער און זיך איינגעהאָרכט אין דעם וואָיען און ברויזן פון שטורם, אין דעם ריזלען און צישען און אין דעם הילכיקן פּלעסקען פון רעגן. ער האָט גענומען דעם גלחס בריוו און אים נאָכאַמאָל דורכגעלייענט, און האָט שטיל אַרויסגעמורמלט:

„ס׳וועט עפּעס געשען, עפּעס שרעקלעכס פאַר וואָל די סקאַדראַ, שרעקלעכס פאַר טערעזען — שרעקלעכס אויך פאַר איך“.

ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער צוויי, דריי מאָל, האָט זיי אַרויסגערעדט פּאַמעלעך, פרום, כמעט צערטלעך, דערנאָך האָט

ער געהאַלטן דעם בריוו איבערן לאָמפּ, דער פלאַם האָט אים אַרומגעכאַפּט אין איין רגע. ער האָט אַריינגעשיט דאָס אַש אין קויש אַריין.

פלוצלינג האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט געהערט עפּעס אַ גערויש בײַ דער טיר. ער האָט זיך אונטערגעהאָרכט און אַ פרעג געטון: „טערעזע?" אָבער מ'האָט נישט געענטפערט. דער ווינט האָט געפײַפט און געריסן די לאָדנס און די פענצטער, האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב און געטרייסלט מיט דער טיר. פראַנק ברוין האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ס'שטייט עמעצער הינטער דער טיר און וויל אַריינגיין. „זאָל עס קומען", האָט ער געטראַכט, „איך בין גרייט".

דערנאָך האָט ער פון זיך אַראָפּגעשאָקלט די דאָזיקע רעיונות און זיך צעלאַכט. ער האָט געעפנט אַ בוך און געבלעטערט דערין. אָבער ווידער, און איצט שוין גאַנץ דײַטלעך, האָט ער געהערט אַ גערויש הינטער דער טיר. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגערופן דעם מיידלס נאָמען, דערנאָך זיך אויפגעשטעלט אינמיטן שטוב. ניין, ניין, דאָס איז נישט געווען דער שטורעם — עמעצער פאַרבערגט זיך בײַם שלאָס. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי האַסטיק אויפגעעפנט: קיינער איז נישט געשטאַנען. דאַן אָבער האָט ער געהערט, ווי דאָס גערויש איז געקומען פון דער אַנדערער טיר, וואָס פירט אין שלאָפצימער, וועלכע איז געווען פון אינעווייניק פאַרריגלט. ער האָט גאַנץ דײַטלעך געהערט, אַז ס'האָט עמעצער כּסדר זייער פאָרזיכטיק אַראָפּגעדריקט די קליאַמקע. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר און דערזען עפּעס אַ ווײַס געשטאַלט מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע. ער איז אינסטינקטיוו אָפּגעשפּרונגען צוריק און פאַרהאַקט די טיר.

ער האָט גאַנץ ווייניק געקענט עפּעס זען אין דעם פינסטערן קאָרידאָר, ווײַל ס'איז נאָר אַרויסגעפאַלן די שוואַכע שײַן פון זײַן לאָמפּ. טערעזע איז עס זיכער נישט געווען, זי האָט דאָך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די דאָזיקע טיר איז פאַרשלאָסן. איר פאָטער אפשר? אָדער דער קנעכט? אָבער וואָס האָבן זיי דען געקענט וועלן אין זײַן שלאָפצימער אַזוי שפּעט בײַנאַכט?

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַרויסגענומען פון שופלאַד זיין בראַונינג. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז אָנגעלאָדן און געעפנט דאָס צינגל. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט צו דער טיר. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו שטעלן אַ טריט, האָט ער געזען, אַז די קליאַמקע האָט זיך באַוועגט — און די טיר האָט זיך ברייט געעפנט.

דאָס פולע ליכט איז געפאַלן אויפן אומגעבעטענעם גאַסט: דאָס איז געווען פּיעטראָ נאָסקלער. ער איז געווען אין אַ שמוציקן אינגאַנצן פון רעגן דורכגעווייקטן העמד, אויף די שוואַרצע האָר האָט שיף געהאָנגען אַ ווייס נאַכטמיצל, די באָרוועסע טריט האָבן געטריפט מיט בלאָטע, די נאַקעטע, ביז צו די קני, פיס, זענען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר, צווישן וועלכע עס האָט געקלעבט שמוץ.

„אַ מאָדנע וויזיט-טאַלעט", האָט געטראַכט פראַנק בריין. ער האָט גערעדט צו אים. אָבער פּיעטראָ האָט אים נישט געהערט. זיינע אויגן זענען געווען ברייט געעפנט און האָבן געבליקט שטאַר פאַר זיך. אָבער זיי האָבן גאָרנישט געזען. פראַנק בריין האָט גענומען דעם לאָמפּ און אים אַריינגעלויכטן גלייך אין פּנים אַריין — אפילו די אויגן-לעפלעך האָבן נישט געציטערט. ווי אין דער טיפסטער פינסטערניש האָט ער אַרומגעטאַפּט און, אָנהאַלטנדיק זיך בײַ דער וואַנט, זיך גערוקט ווייטער.

פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן. ער האָט אויסגעזען צו ישובן זיך, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט, איז טאַפּנדיק צוריקגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויסגעגאַנגען. דער דייטש איז אים נאָכגעגאַנגען מיטן לאָמפּ אין דער לינקער האַנט און אין דער רעכטער דעם רעוואָלווער. ער האָט געזען, ווי פּיעטראָ האָט זיך צוגעשלייכט צו די טרעפּ. דערנאָך טאַפּנדיק אַראָפּ אונטן און אַריין אין קיך, ער איז אים האַסטיק נאָכגעגאַנגען און אַריין גלייך מיט אים.

דער אַמעריקאַנער האָט פאַרבײַגעשלייכט פאַרבײַ דער לאַנגער באַנק און אַרומגעטאַפּט דעם קאַמין; ס'איז געווען קענטיק, אַז ער זוכט עפּעס. לסוף האָט ער געפונען די שפּייז-שאַנק, אַרומ-

געבישטערט דאַרטן און אַרויסגעצויגן אַ לאַנג, שפּיציק קיילער־מעסער. ער האָט געפּרוּווט די שאַרף מיטן גרויסן פינגער און אַ ברייטע העויה האָט זיך דורכגעגליטשט איבער זיין פּנים. ער האָט פעסט אָנגענומען מיט דער רעכטער האַנט די שטיל פון מעסער און איז פאָרזיכטיק צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ.

דאָסמאָל איז ער גלייך אַריינגעגאַנגען דורך דער אָפּענער טיר אין זיין אַרבעט־צימער. פראַנק ברוין איז געשטאַנען צוויי טריט נאָענט פון אים און אָבסערווירט זיין יעדע באַוועגונג, כסדר גרייט אים מכבד צו זיין מיט זיין רעוואָלווער. אָבער דער נאַכט־וואַנדלער האָט אים נישט געגעבן די מינדסטע סיבה די האַנט אויפצוהייבן; מ'האָט געקענט זען באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט לחלוטין נישט געזען און נישט געהערט. ער איז איצט געשטאַנען פאַר דער טיר, וואָס פירט פון איין שטוב אין דער צווייטער און זי אויפגעעפנט, צעראַפּדריקנדיק מיט פאָרזיכט די סליאַמקע, דאַן איז ער אַריין אין שלאָפצימער.

פראַנק ברוין איז אַריין נאָך אים און געקוקט, וואָס ער טוט. פּיעטראָ איז גלייך צוגעגאַנגען צום בעט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון פענסטער, האָט גענומען דאָס מעסער אין מויל אַריין און פאָרזיכטיק אַרומגעטאַפּט מיט די הענט צוקאָפּנס פון בעט. דאָס העלע ליכט פון לאָמפּ איז געפאַלן אויף זיין פּנים, און פראַנק ברוין האָט געזען, ווי ס'איז געווען פאַרקרימט אין משוגעדיקן כעס.

ענדלעך האָט ער אויסגעזוכט צו זיין זיכער אין זיין זאַך; מיט דער לינקער האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס קישן און מיט דער רעכטער געכאַפּט דאָס מעסער, און מיט אַ משוגענעם כוח אַ זעץ־אַריין געטון. ער האָט נאָכאַמאָל אַרויסגעצויגן דאָס מעסער, הויך עס אויפגעהויבן און ווידער אַ זעץ־אַריין געטון, דערנאָך זיך געווישט מיט דער האַנט די אויגן, גלייך ווי דאָס בלוט וואָלט אים פאַרשפּריצט דאָס פּנים, און האָט כסדר אָן אויפהער געשטאָכן מיטן מעסער אין קישן אַריין.

אַ מילדער שמייכל, פול מיט אינערלעכער באַפרייונג, האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיינע ליפּן. ער האָט עטלעכע מאָל טיף

אָפּגעשטעמט און דערנאָך אױפגעװאָרפן דאָס מעסער. מיט אַ רוקן, כּמעט זיכערן טריט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר. פראַנק ברוין האָט צוגעװאַרט, ביז ער איז דורכגעגאַנגען פאַרבײ אים, דערנאָך איז ער נאָכגעגאַנגען הינטער אים איבערן צימער און מיט די שטיגן אַראָפּ. ער האָט געזען, װי דער נאַכט-װאַנ-דלער האָט געעפנט דאָס טויער און עס זאָרגפעלטיק פאַרמאַכט הינטער זיך. דער רעגן האָט אים געשמיסן אין פּנים אַרײַן, אָבער ער האָט עס נישט געשפּירט. פּאַמעלעך האָט ער געשפּאַנט דורך די אויסגעװייקטע גאַסן צו זײַן אַהיים.

דער דײַטש איז צוריק אַרײַן אין זײַן צימער, צוגעגאַנגען צום בעט און עס באַטראַכט. די קאָלדרעס און די קישנס זענען געװען דורכגעבױערט, די שטעך האָבן דערגרײכט אַזש ביז צום מאַטראַץ.

— עס איז, שײַנט מיר, בעסער פאַר אונדז ביידן, װאָס איך בין דאָ נישט געלעגן — האָט ער געזאָגט

און ערשט איצט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שטילער פּחד. די האַנט האָט אים אַזוי געציטערט, אַז ער האָט געמוזט שנעל אױסקשטעלן דעם לאָמפּ.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעטון און זיך אַנידערגעלייגט.

VIII.

אז תפקחנה עיני עורים,
ואזני חרשים תפתחנה.
אז ידלג כאיל פסח,
ותרון לשון אלם.

ישעיה לה, ה, ו.

באַרוועס, מיט אַ ווייס טיכל אויף די אַקסלען, אויפן קאָפּ אַ גרויסן פּאַפּירענעם הוט און מיט אַ לאַנגער הילצערנער שווערט, האָט גינאַ דורכגעשפּרייזט די גאַסן. אויף אַ קורץ שטריקל האָט דאָס טויב־שטומע יינגל נאָכגעשלעפּט הינטער זיך אַ ציג, וועלכע האָט געטראָגן אויפן האַלדז, אויפן עק, אויף די הערנער און אויף אַלע פיר פיס גרויסע גלעקלעך. זי איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ קאַץ און אויף דעם קאַץ איז רייטנדיק געזעסן, מיטן פּנים צום עק, אַ גרויסע צוגעבונדענע ליאַלקע. זי איז געווען גאַנץ פּרימי־טיוו צונויפגעשטעלט פון שוואַרצע שמאַטעס און סמאָלע; צוויי רויטע פּערל האָבן איר געדינט אַלס אויגן. זי האָט געהאַט צוויי

הערנער, אַ לאַנגע רויטע צונג און אַ גרינעם עק; דער עולם האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן דעם שטן.

גינאַ האָט געקרייעט מיט זיין הייזעריקער שטים און גע־שלאָגן מיט דער שווערט דעם טייוול. די ציג האָט צעשראָקן גע־מעקעט און דערביי געקלונגען מיט עלף גלעקלעך. אַזוי זענען זיי אַדורך דאָס דאָרף, און הינטער זיי זענען נאָכגעלאָפן די קינ־דער און די ווייבער.

פון צייט־צו־צייט האָט דאָס יינגל אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און פונאַנדערגעטיילט קליינע צעטעלעך צווישן עולם.

טערעזע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ברויט אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— אָ, — האָט זי אויסגערופן, — זיי האָבן געמאַכט אַ מאַל־פע פון דעם אָרימען קינד!

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צו איר.

— דאָס האָט זיכער געטון דער אַמעריקאַנער — האָט ער געלאַכט. — דאָס איז אַ ערינערונג פון דעם יענקע־לאַנד. ער מאַכט פאָרשריט, דער מיסטער פעטער, ער איז דער באַרנום*) פון וואַל די סקאָדראַ! — צי זעסטו דען נישט, אַז גינאַ דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן דעם מלאך גבריאל?

טערעזע איז אַרויסגעלאָפן, זי האָט אָפּגעשעפּעט די גלעק־לעך און דעם שווערן קאָץ פון דער ציג און אַוועקגעוואָרפן דעם שוואַרצן ליאַלקע־טייוול אין רינשטאָק אַריין.

— אָרים יינגל! — האָט זי געזאָגט און אים גענומען גלעטן, — וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר?

אָבער דער מלאך גבריאל האָט זיך כלל נישט געגויטיקט אין קיין רחמנות, זיין ראָל האָט אים, משמעות, פאַרשאַפט גענוג פרייד. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן, בשעת טערעזע

*) אַן אַמעריקאַנער אונטערנעמער, וואָס איז בעקרייגט געוואָרן אַלס דער גרעסטער וועלט־רעקלאַמיסט.

האָט אים צוגענומען דאָס מיצל און די הילצערנע שווערד, און אים געהייסן, אַז ער זאָל אַרויספירן די ציג אויף דער לאָנקע. פונדעסטוועגן האָט ער געהאָרכט, און צוואַרפנדיק דעם טייוול אַ בענקענדיקן בליק, זיך שטיל אַוועקגעשלייכט פונדאַנען.

— פון ווען זשע שפּילסטו דאָס די ראָל פון דאָרף־פּאָליציי אין פאַרווערסטע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס? — האָט פראַנק ברוין לאַכנדיק געפרעגט — גיב אים צוריק זיין שווערד.

— כ'וועל אים געבן עפּעס אַנדערש, וואָס וועט אים בעסער שמעקן — האָט זי געענטפערט. זי האָט אַ ווינק געטון צו גינאַן, און צוריינגעגאַנגען מיט אים אין שטוב אַרײַן און אים געגעבן אַ גרויס שטיק ברויט מיט פּוטער.

דאָס טויב־שטומע יינגל האָט זיך תמעוואַטע צעלאַכט און גענומען געשמאַק קייען. דערנאָך האָט ער אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַלע צעטעלעך, וואָס ער האָט נאָך דאָרטן געהאַט, און זיי אַוועקגעגעבן טערעזען. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיי און זיי אַוועקגעשלייִדערט אויף דער פּאָד-לאָגע.

— הלמאי אַזוי ווילד? — האָט געלאַכט פראַנק ברוין.

ער האָט אויפגעהויבן אַ צעטעלע און איבערגעלייענט. דאָרט איז געשריבן געווען, מיט קאַנטיקע אומבאַהאָלפענע אותיות:

היינט אינאָוונט, פּינקטלעך 8 אַ זייגער,

אין פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל —

אַ גרויסע טייוול־שלאַכט.

אַלע קריסטן זענען הערצלעך געלאַדן.

אליהו, דער נביא.

— זעסט, ווי דער אַמעריקאַנער האָט זיך אַרויסגעאַר-בעט! — האָט ער אויסגערופן. — גייען מיר דאָרט אַהין, טע-רעזע?

— ניין, — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

— און דאָך וועלן מיר גיין! — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט. ער האָט זיכער צוגעגרייט אויפן היינטיקן אָוונט עפּעס אַן איבער־ראַשונג; איך האָב אים אנומלט געגעבן אַ פּאָר גוטע לעקציעס.

דאָס מיידל האָט אים געבעטן:

— איך וואָלט נישט געוואָלט גיין אַהין.

— און פאַרוואָס־זשע נישט? — האָט ער געבראַכט. — דאָס גאַנצע דאָרף וועט דאָרטן זיין, פאַרוואָס־זשע ווילסט די נאָר איינע נישט גיין?

— דער פאָטער וועט אויך נישט גיין — האָט זי געפּרוּווט אָפּוועגדן.

— דיין פאָטער — האָט ער געלאַכט. — נו, כ'וועל אים געבן צוואַנציק קראָן, דאַן וועט ער שוין זיכער מיטגיין

זי האָט געשוויגן, דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ שלאָג גע־טון אין פּנים אַריין.

אָבער ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט.

— צי גלייבסטו נישט, אַז ער וועט עס טון?

זי האָט זיך אויסגעגלייכט און אים שאַרף אָנגעקוקט

— יאָ, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ער וואָלט דאַן געגאַנגען. איך ווייס, אַז ער טוט אַלצדינג פאַר געלט. און כ'ווייס אויך, אַז ער האָט בײַ דיר גענומען געלט, פאַר — פאַר מיר — —

איר ברוסט האָט זיך געהויבן, זי האָט שנעל געאָטעמט. אַזוי איז זי אים שטאַרק געפעלן, און ער האָט ווידער געלאָזט פאַלן די בייטש, כדי זי ווייטער צו טרייבן. און ער האָט גע־זאָגט:

— מילא, צי האָט ער דען נישט געהאַט קיין רעכט — זיין אַנטייל אין דיר פאַר געלט צו פאַרקויפן?

זי האָט זיך אָפּגערוקט אַ טריט, אויפגעהויבן די אָרעמס און זיך פאַרשטעלט די אויערן מיט די הענט.

— שווייג! — האָט זי געשריגן — שווייג, איך וויל דאָס נישט הערן! — ער איז מיין פאָטער.

— דיין פאָטער איז אַ דראָב. — האָט ער לאַכנדיק גע־זאָגט. — און דו ווייסט עס גאַנץ גוט.

דאָס האָט זי שוין אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון שלאָכצענדיק אויף דער באַנק.

— וואָס ווילסטו פון אים? — און וואָס ווילסטו פון דעם שמוציקן אַמעריקאַנער? — איז עס נישט גענוג, וואָס דו האָסט מיך?

און ער האָט געפרעגט:

— ווילסטו מיטגיין היינט אינאָוונט?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

* *

*

ער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין און איז אַוועק אין זיין צימער. ער איז געווען זייער אומצופרידן פון זיך און געפייפט ביין דורך די ציין. הלמאי פייניקט ער אייגנטלעך דאָסדאָזיקע מיידל? וואָס וויל ער מיט זיין קינדערישער, אויפגעבלאָזענער תאווה צום הערשן, וועלכע איז אַזוי פוסט און נאַריש, אַז מען קען קוים מיט איר איין מינוט אַמאָל אויספילן? אָך, אמת, ער איז דער צעזאַר אין טאָל פון סקאַדראַ. ער האָט באַהערשט דעם גיפטיקן פּייטראָ באַסקלער, דעם נביא, און מיט אים אויך זיין גאַנצע גע־מיינדע. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס דערדאָזיקער הייליקער האָט זיך אין זיינע חלומות צוריק געפונען, אויף אַזוי פיל, אַז ער האָסט אים ביז פאַרניכטונג, וויבאַלד ער דערפילט נאָר וואַכנדי־קערהייט זיין רצון?

מיט זיין געלט האָט ער באַהערשט דעם קמצנישן רייטאַנדי, מיט זיין בליק דאָס מיידל, וואָס האָט אים ליב. באמת: ער איז געווען דער קעניג.

ער האָט זיך ביטער פונאַנדערגעלאַכט. ער האָט גוט גע־ווּסט, וואָס ס'פעלט אים: בלויז אַ ביסעלע גוטער, נארישער, בלינדער גלויבן, ווען ער וואָלט נאָר געקענט גלויבן, אַז דערדאָ־

ויקער אַלטער, פֿאַרפֿלעקטער לאַכמאַן איז פּורפּור — וואָלט עס געווען אַ קעניגלעך מאַנטל! ווי נאָר ער האָט אַ בליק געטון אין דאָזיקן טאָל, איז זיין ווילן געשען. אָ — פֿאַרוואָס האָט ער נישט געקענט גלייבן אין דאָזיקן אייבעם ווילן, נישט מער ווי נאָר איינמאָל פעסט און שטאַרק גלייבן אין זיך און אין זיין ווילן, וועלכער מוז פירן צו מעשים?

אָך, אפילו דאָס איז נישט נייטיק געווען! בלויז אַ ברעקעלע, אַ קליין ברעקעלע פון דאָזיקן ווילדן גלויבן, וואָס צעוואַקסט זיך דאָ און בליט אַזוי רייך אין דאָזיקן טאָל. וואַל די סקאַדראַ האָט געגלייבט פאַר אים, שטאַרק און אומדערשיטערט: פּיעטראָ אין זיין שליחות, ריימאָנדי אין די אומדערשעפּלעכע אוצרות פון דעם פרעמדן, דאָס מיידל אָבער אין זיין ליבע.

דריי גרויסע שקרים —

צי זענען דאָס באמת געווען שקרים? צי האָט זיי דען נישט דער גרויסער גלויבן פון טאָל פאַר אַן אמת געמאַכט? אָך, ווען ער אַליין וואָלט נאָר געקענט דערין גלייבן, בלויז אַ קליינעם אויגנבליק, וואָלטן זיי שוין געשטאַנען פאַר אים, בלאַנק און קלאָר, ווי עפּעס אַ גרויסער אמת.

ער האָט עס גוט געפילט: נאָר די אמונה האָט געגעבן גליק. ער וואָלט אומשטאַנד געווען אַהינצוגיין צו דעם לעצטן, פאַרקריפּלטסטן בעטלער און זיך בעטן בא אים: „האָב רחמנות! גיב מיר אַ ביסל פון דיין אמונה!“ — איין גראַם גלויבן איז מער ווערט, ווי דער גאַנצער גרויסער שכל.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין בעט און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די קישנס. ער האָט צונויפגעיאָגט, ווי מיט אַ בייטש, אַלע זיינע געדאַנקען און זיי אַריינגעטריבן אין שטאַל, ווי אַ טשערעדע רינדער. ער האָט זיי געלאָזט זיך באַהעפטן און פּרוכפּערן, בסדר נייע משוגענע בילדער אין דער וועלט צו וואַרפן.

פּיעטראָ איז געווען דער נביא, דער יאַן באַקעלסאָן פון די בערג, דער ציון-קעניג פון וואַל די סקאַדראַ. און טערעזע איז געוואָרן אַ היליקע, צוגליין די דיוועראַ און די רויז פון לימאַ.

ס'זענען נסים געשען און וואונדערלעכע מעשים אין דעם איינזא־מען טאָל. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדער מכשפות־שאַבאַש און אַ וואַנזיניקער טאַנץ פון אַלע ווילדע משוגעתן, די גאַנצע וועלט איז פאַרבעטן געווען אויפן דאַזיקן שווישפּיל; ער אָבער איז גע־זעסן אין זיין קאַסטן און געצויגן די שנירלעך פון זיינע ליאַל־קעס.

צי איז דען נישט ווערט געווען צו לעבן צוליבן דאָזיקן לצנישן שפּיל?

ער איז אויפגעשפּרונגען אין גרויסן טע־עזען; אָן אָטעם איז זי געקומען צו לויפן אין זיין צימער אַריין.

— וואָס דאַרפסטו? — האָט זי געפרעגט.

— צי גלייבסטו? — האָט ער געשריגן — צי גלויבסטו? — אין וואָס גלייבסטו?

זי האָט אים אָנגעקוקט אומדרייסט און דערשראָקן.

— און וואָס ווילסטו, איך זאָל גלייבן?

ער האָט זי אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און זי גענומען טרייס־לען.

— איך וויל וויסן אין וואָס דו גלייבסט, רוף מיר אָן אַלץ, אין וואָס די גלייבסט! — גלייבסטו אין גאָט?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט.

— און אין יעזוס קריסטוס, זיין זון?

— יאָ — יאָ.

— און אין הייליקן גייסט? און אין דער מאַדאָנע? און אין די הייליקע לייט?

זי האָט געציטערט.

— יאָ — האָט זי געזאָגט — יאָ, יאָ!

— און אין תחית־המתים? אין הימל? און אין גיהנום?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אין אַלץ, וואָס די קירך לערנט?

— יאָ — האָט זי געזאָגט — אין אַלץ וואָס די קירך לערנט. — הלמאַי פרעגסטו דאָס?

אָבער ער איז אַרויס ווייטער, און זיינע ווערטער זענען געפאַלן האַרט, ווי האַגל־קערנער.

— גלייבסטו אין דער ליבע? גלייבסטו, אַז די ערד איז קיילעכיק? גלייבסטו, אַז אָט־דאָס־אָ איז אַ שטול? און דאָס אַ טיש? אַז דו ביסט אַ מענטש? גלייבסטו, אַז ס'איז פאַראַן גליק אויף דער וועלט?

ס'איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ פחד, זי האָט זיך כמעט אָפּגערוקט פון אים.

— אָ, מיין גאָט — האָט זי געזאָגט.

און ער האָט געשריגן:

— ענטפער!

דאַן האָט זי מיט שרעק געזאָגט:

— יאָ, איך גלויב אין דעם אַלעם.

ער האָט זיך ווילד צעלאַכט.

— אין אַלעם, אין אַלעם? — צי קענסטו גלייבן אין אַלץ! — אויב כ'וועל דיר זאָגן, אַז ס'וועט היינט קומען צו פאָרן דער גלח, וועסטו דערין גלייבן?

— יאָ — פאַרוואָס זאָל איך דען נישט גלייבן, ווי באַלד דו זאָגסט עס?

— נאַטירלעך — פאַרוואָס נישט?! כ'וועל דיר זאָגן, אַז די זון וועט אַראָפּפאַלן פון הימל, און דו וועסט גלייבן, כ'וועל דיר זאָגן, אַז אַ וואָרם קריכט אין מיין מוח אַרום — און דו וועסט גלייבן — — דו וועסט אים זען און אים כאַפּן.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אים גענומען גלעטן איבערן אָרעם.

— דו ביסט קראַנק — האָט זי געזאָגט.

— ניין, — האָט ער געשריגן, — ניין! איר זענט קראַנק — איר אַלע: אייער אמונה איז אַ קרענק! — דערשרעק דיך נישט! דאָס איז אַ גוטע, מילדע קראַנקהייט, און דאָך די אָנשטעקנדסטע, וואָס איז נאָר פאַראַן. און כ'זאָג דיר, קינד, אַז כ'גאַר צו קיין זאַך נישט מיט אַזאַ בענקשאַפט, ווי צו ווערן אָנגעשטעקט פון איר! אָבער, זעסטו, דאָס איז דאָס אומגליק — איך בין אימון!

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט.

ער האָט זיך אײַנגעקװעטשט אין בעט און זי צוגעצויגן צו זיך.

— דו ביסט די אמונה — האָט ער געזאָגט — איך װעל דיך אויסטרינקען, כ'װעל זיך באָדן אין דיר. — צי װײסטו, װאָס ס'איז אַזױנס אַ בלאָטע־באָד? קריפּלען און לאָמע לײַט װאַנדערן דאָרט אַהין. קימען צו גײן אויף שטעקנס און שטאָלצן — און װאַרפן זיך נאַקעט אין שמוציקן שלײַם. און זײ גײען דערנאָך אַרױס פון אים מיט אויסגעשטרעקטע גלידער און גײען אַװעק מיט אײגענע כּוחות אין דער װעלט אַרײַן. — איך בין נאַקעט און רײן און כ'װיל מיך איצט באָדן אין שמוץ פון אמונה. איך קען מער נישט גײן, זעסטו, און אַלע מײַנע אבֿרים זענען פּאַרקריפּלט און שטײַף. קוש מיך, מײדל, נעם מיך און קוש מיך! לאָז מיך זיך אויסבאָדן אין געמי־זעכץ פון דײַן גלױבן.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך, געטוליעט זי צו זײַן ברוסט.

— ענטפער־זשע, ענטפער! פילסטו דען נישט, װאָס איך װיל? דו האָסט אַזױ פיל שטאַרקן גלױבן, און אַ ביסעלע, אַ קלײן ביסעלע בלױז זאָלסטו מיר געבן! בלױז אַזױ פיל גלױבן, אַז כ'זאָל קענען שטײן אויף אים, אָך, נאָר אַזױ פיל, אַז כ'זאָל מיך קענען אָנשפּאַרן אָן אים מיט אַ שװאַכער האַנט!

— ליבסטער — האָט זי געזאָגט — ליבסטער! איך װעל בעטן צו דער מאַדאָנע — טאָג און נאַכט —

ער האָט האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נײן, נײן, זי קען מיר נישט העלפן! דו מוזט עס אַלײן טון, דו! — דו ביסט די מאַדאָנע!

זי האָט זיך דערשראָקן, אירע אָרעמס האָבן גענומען ציטערן.

— איך — בין — די מאַדאָנע? — האָט זי געשטאַמלט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — איטלעכער האָט זײַן אײגענעם גאָט. און דער גאָט פון יעדן מענטש, זעט אויס אַזױ, װי ער אַלײן. קײנער קען זיך אים נישט באַשאַפן לויט אַ פרעמד בילד. דײַן פרומען װידוי־פאָטערס גאָט איז גוט און מילד, װי

ער אַליין, דעם אַמעריקאַנערס גאָט איז קליין און שמוציק, ווי ער אַליין איז. און דיין מאַדאָנע איז פול מיט ליבע — ווי דו!

— ער האָט אַנידערגעקניט און געטוליעט זיין קאָפּ אין איר שויס.

— אַלע מענטשן — האָט ער געשלאָכצט — האָבן אַ גאָט, אין וועלכן זיי קענען גלייבן. נאָר איך האָב נישט קיינעם, נאָר איך נישט — — איך קען נישט גלייבן!

זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען, ווי דאָס געשריי פון אַ זעלכן, וואָס טרינקט זיך, זיין פאַרצווייפלונג האָט ווי אַ בליץ דורכגע־ברענט איר האַרץ.

— נעם מיין לעבן! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען און זי אָפּגעשטויסן.

— איך וויל נישט דיין לעבן! — האָט ער געשריגן — וואָס טויג מיר דיין לעבן? — דיין גלויבן וויל איך, דעם הייסן גלויבן! — גיב מיר דעם כוח, אין מיר אַליין צו גלייבן, און איך וועל זיין אַ גאָט, וואָס וועט עפענען פאַר דיר אַלע הימלען!

— איך גלייב אין דיר — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון, גענומען אין די אָרעמס און זי אויפגעהויבן.

— דו?

זי האָט אַרומגענומען זיין האַלדז מיט אירע אָרעמס און אים באַדעקט מיט קושן.

אָבער ער האָט זיך פריי געמאַכט דעם קאָפּ און געוויגט זי אַהין און אַהער, ווי אַ לייכט בינטל.

— דו — יאָ, דו גלייבסט אין מיר! איר אַלע גלייבט אין מיר, דיין פאָטער און פיעטראָ באַסקלער און דאָס גאַנצע דאָרף. אפילו דיין גלח גלייבט אין מיר. הלמאי קען איך אַליין אין מיר נישט גלייבן? — זאָג מיר, בין איך טאַקע אַ קעניג, ווי אַלע זאָגן?

זי האָט אים אָנגעקוקט, פון אירע אויגן האָט געשפּריצט אַ שטראַלנדיקער גלויבן:

— דו ביסט אַ קעניג.

— און דו גלייבסט אין מיר? מער ווי אין אַלץ, ווי אין אַלעם אַנדערן?

און ס'האָט אָפּגעהילכט טיף און קלינגענדיק, ווי די מוזיק פון האַרמאָנירנדע גלאָקן:

— נאָר אין דיר אַליין גלייב איך.

ס'האָט אים גענומען שווינדלען אין קאָפּ, זיינע פיס האָבן זיך אַ האַקל געטון אונטער אים. און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון די הענט, איז ער געפאַלן אויפן בעט.

— געליבטע! — האָט ער געשעפּטשעט.

* *

*

איר פּאַטערס שטימע האָט זיך געלאָזט הערן איבערן הויז. זי האָט זיך אַרויסגערוקט פון זיינע אָרעמס און זיך אויפגעזעצט.

— וווהין ווילסטו גיין? — האָט ער געפרעגט.

— דער טאַטע רופט מיך, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר און זיך צורעכט געמאַכט די צעקנייטשטע קליידער. אָבער ער האָט זי פעסט צוגעהאַלטן.

— ניין, דו זאָלסט נישט גיין, — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן.

זי האָט געשמייכלט און אַ קוש געטון זיין הייסן שטערן.

— איך מוז צוגרייטן דאָס נאַכטמאָל, ליבסטער. אויב דו ווילסט נישט עסן אונטן, וועל איך דיר אַלץ אַרויפברענגען.

זי האָט זיך צוגעבויגן צו זיין אויער.

— און באַנאַכט בין איך ווידער אין דיינע אָרעמס.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ביטער געלאַכט.

— באַנאַכט? — ניין, ניין איך קען דיך נישט אָפּלאָזן, דו דאַרפסט אויף קיין איין רגע פון מיר נישט אַוועקגיין!

זיינע ליפּן האָבן זיך צונויפגעצויגן, אַ גרויסער ווייטיק האָט אויסגעקרימט זיין פּנים.

— גיי נישט אַוועק, גיי נישט, ווייל ס'וועט ווידער צוריקקומען.

— וואָס וועט ווידער צוריקקומען? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט אָנגענומען מיט ביידע הענט איר קאָפּ און אים אָנגעבויגן צו זיך.

— הער זיך צו, טערעזע, איך וועל עס אַזוי זאָגן, אַז די וועסט עס אפשר קענען פאַרשטיין. דער צווייפל וועט ווידער צוריקקומען, דאָס גיהנום און דער טויט. איך ווייס גוט, אַז ס'וועט צוריקקומען — קיים וועסט נאָר אַוועקגיין, וועט עס באַלד צוריקקומען און וועט אויפפרעסן דאָס, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. דו מעגסט בלייבן. נאָר אַזוי־ערנאָך קען איך גלייבן, אַז איך לעב. דו מעגסט בא מיר זיין, איך מוז דיך זען און פילן.

זי האָט זיך צעלאַכט שטיל און זיכער, זי האָט געקושט זיין מויל און ביידע אויגן. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— נו — אויב דו ווילסט — טאָ קום־זשע מיט אַראָפּ און העלף מיר צו.

אַזוי פּשוט זענען געקומען אירע ווערטער, אַזוי לייכט און זיכער, און אים האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי דער וועג, אויף וועלכן זיי זענען געקומען פון איר, וואָלט געווען אַזוי קליין און אַזוי קורץ: ווי פון זיין אייגן מויל האָט זי גערעדט צו אים.

— זאָג עס נאָכאַמאָל! — האָט ער געבעטן.

— גוט — האָט זי געזאָגט, — אויב דו ווילסט, טאָ העלף מיר צו אין דער קיך.

ער איז אויפגעשפּרונגען פריילעך, ווי זי. געאָרעמט זענען זיי אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

זי האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער.

— אַך, ווי שפּעט ס'איז שוין! — האָט זי אויסגערופן. — מיר מוזן זיך אַ ביסל צואיילן, דער טאַטע וועט ברומען! וואָס ווילסטו עסן?

לאַטקעס אויף שמאַלץ! — האָט ער אויסגערופן.

זי האָט אים געגעבן דאָס טייג אויסצומישן, דערנאָך האָט ער געמוזט דעם סאַלאַט צוגרייטן. זי האָט אים אַרומגעבונדן מיט

אַ פֿאַרטוך און ער האָט אַװעקגעטראָגן די שיסלען אין גאַסט־צימער אַרײַן.

גאָכן עסן האָט ער איר צוגעהאָלפֿן בײַ דער אַרבעט אין גאָרטן. זײ האָבן אָפּגעשניטן די צװײַגן פֿון די זײַד־בײמער און אָפּגעפּליקט די בלעטלעך פֿאַר די זײַד־װערים.

דערנאָך האָט זי דער פֿאָטער גערופֿן, זי זאָל ברענגען אין אָרדענונג די ביכער פֿון דער פֿאָסט.

פֿראַנק ברוין האָט פֿאַרביסן די ליפּן און אַרײַנגעשטעקט די הענט אין קעשענעס.

— לאָז ער דיך צורו לאָזן, — האָט ער געצישעט, — איך װעל אים דערפֿאַר באַצאָלן.

אָבער זי האָט אים בעטנדיק אָנגעקוקט; דאָן איז ער אַנט־שװיגן געװאָרן. זי האָט גענומען די ביכער און זײ אַװעקגע־טראָגן אין זײַן צימער.

— ביסטו איצט צופֿרידן?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זי געקושט.

*

— עס איז שוין אַכט אַ זײגער, — האָט געזאָגט דאָס מײדל. — מיר האָבן דאָך געװאָלט גײן אויף פּיעטראָס טײַכל־שלאַכט!

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— און דו װילסט אַהינגײן? — האָט ער געפֿרעגט אומזי־כער.

— אודאי װיל איך! — האָט זי געלאַכט, — װי באַלד דו װעסט מיטגײן!

זײ זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, האָבן געמאַכט אַ נרדיקן אומ־װעג דורך די אַליון-געװיקסע. פּלוצלינג האָט זי אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און אים אַ צי געטון, אַז ער איז אַזש אָפּגעשפּרונגען אַהינטער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן פּאַפּיראָסל א רעגנ־וואָרעם און אים אַריינגעוואָרפן אין גראָז.

— דו האָסט אים שיער ניט צעטרעטן! — האָט זי געזאָגט מיט א פאָרוואורף.

— און דו הייבסט אים אויף? — האָט ער געפרעגט — פריער וואָלסטו דאָך קיין שום וואָרעם ניט אָנגערירט.

זי האָט אים גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין.

— ניין — פריער ניט.

זיי זענען אָנגעקומען גענוג שפּעט צו פּיעטראָס שייער. דער גרויסער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, אַזוי, אַז זיי האָבן געמוזט שטיין הינטן, בײַ דער טיר. דער עולם האָט הויך געזונגען און קיינער האָט ניט באַמערקט זייער אַריינקומען. ס׳איז אים געלונגען דורכצוקריגן זיך צו דער זייטיקער וואַנט, בײַ וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ לאַנגע באַנק. אויף איר האָט פראַנק ברוין אַרויפגעשטעלט א שטול. טערעזע איז אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, אַרומנעמענדיק מיט איר אָרעם זיין אַקסל.

דער זאַל איז געווען זייער שלעכט באַלויכטן און ס׳האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז זייערע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צום דאָזיקן שטיקנדיקן נעפּל. דער אַמעריקאַנער האָט פונדעסטוועגן איינגעפירט געוויסע פאַרבעסערונגען: פון אַלע קוואַר־בעלקעס זענען אַראָפּגעהאָנגען אַלטע לאַמטערנעס. אין די סלופּעס, וואָס האָבן דעם סופיט אונטערגעשפּאַרט, האָבן געשטעקט פיר רויכערנדיקע שטורקאַצן. גרויסע, ווייסע טאָוולען פון פּאַפּע האָבן באַצירט די ווענט און די בעלקעס און מיט זייער ווייסקייט דורכגעלויכטן דעם נעפּלדיקן רוים. טערעזע האָט איבערגעלייענט אויף זיי די פּסוקים און זיי אים אַריינגעפּליסטערט אין אויער אַריין.

— „הללויה! מחמת דער אַלמעכטיקער גאָט האָט דאָס קעניגרייך איינגענומען!" — „גליקלעך זענען די יעניקע, וועלכע זענען גערופן צום מאָלצייט פון לעמל". — „דאָס לעמל, וואָס איז

געוואָרן דערוואָרגן, איז ראוי אָנצונעמען כוח און עשירות, גבורה און חכמה, כבוד און תשבחות און רום" —

„און דער טייוול, וואָס האָט זיי פאַרפירט, איז אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין גיהנומישן פייער און שוועבל".

פראַנק ברוין האָט זיך צעשמייכלט.

— אַלץ פון דער אנטפּלעקונג — האָט ער געמורמלט. — ער איז אַרויף אויפן רעכטן וועג!

די געמיינדע האָט געזונגען די ביטערע קינות; שאַרף האָבן אָפּגעקלונגען די דורכנעמעדיקע קולות פון די ווייבער. פראַנק ברוין האָט געהערט דאָס העכסטע קול פון וועניערס פרוי, וועלכע איז געזעסן פאָרנט, אין דער ערשטער ריי. אַ סך זענען געשטאַנען, טייל זענען געזעסן, טייל געקניט; האַרט אונטער דעם קרייַז איז געזעסן עפּעס אַ צוויייעריק קינד און מיט חשק געקייַט עפּעס אַ שטיקל וואָרצל, נישט קימערנדיק זיך לחלוטין וועגן דעם ליאַרעם אַרום.

די מוזיק איז געזעסן פאָרנט אין דעם לינקן ווינקל פון זאַל; עקלהאַפט האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע איבערגעשריגן די אינסטרומענטן: טריאַנגעל, פויק און האַרמאָניק.

נישט ווייט פון זיי איז געזעסן אויף דערזעלבער באַנק אַן אויסגעדאַרטע פרוי, מיט אַ ברייט אויפגעשפּיליעטע בלוזקע, און בײַ איר יעדער שלאַבעריקער ברוסט האָט געזויגן אַ מאָגער קינד. נישט געקוקט דערויף, האָט זי התלהבותדיק געזונגען, פונקט ווי איר שכנטע, אַ העסלעכע אוראַלטע מאַטראָנע, פאַר וועלכער עס האָט געקניט אַ פינפיעריק יינגל. ער איז געשלאָפן אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף איר שויס, און די אַלטע האָט פלייסיק אויסגעזוכט די לייז פון זיינע צעפּאַטלטע האָר. אינמיטן, אויף אַ נידעריק בענקעלע, איז געזעסן סיבילאַ מאַדרוזאַ, דעם גוף פאָרויס אָנגעבויגן, און זיך אָנגעלענט אויף איר קורצן שטעקן; לעבן איר איז געזעסן עפּעס אַן אַלטער פויער, וועלכער האָט איטלעכעס וואָרט ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן, ווען די איבעריקע האָבן עס שוין לאַנג געענדיקט. אַרום דעם קרייַז האָט זיך געשאַפֿן אַ מין האַלבראָד. דאָרטן איז געזעסן, אַ ביסל אַרויסגערוקט פאָרויס,

פּיעטראָ נאָסקלער, און לעבן אים זײַן ריזיקער קנעכט דזשיראָלאמאָ סקוראַ.

גינאָ, טערעזעס האַדעוואַניק, איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זײַט. אָבער דערזעענדיק זי, האָט ער זיך דורכגעפּאַקט דורך דער מאַסע, דורכגעקראָכן אויף אַלע פיר צווישן די קליידער און פיס, ביז ער האָט זיך צוגעקריגן צו איר. ער האָט אַ קוש געטאָן איר קלייד און זיך אָנגעקלאַפּט אונטער דער באַנק.

דאָס ליד האָט זיך געענדיקט. דער אַמעריקאַנער האָט זיך אויסגעדרייט. הינטער אים האָט זיך אויפגעהויבן עפּעס אַ מאַנסביל אין אויסגעטרעטן פּאַרגט אין האַלבראָד. ער איז געווען מאָגער און דאַר, ווי אויסגעטריקנט פון דער זון; זײַן הויט האָט זיך געפּאַלדעוועט אויף די ביינער, ווי פּאַרמעט. ער האָט געהאַלטן אַ קליין שוואַרץ געבעט-בוך אין דער האַנט.

— דאָס איז דער שניידער ראַנכי! — האָט געפּליסטערט טערעזע. — דער, וואָס וווינט לעבן דער קירך.

פּיעטראָ האָט גענומען פון אים דאָס בוך, עס אויפגעעפנט און עס אים צוריקגעגעבן. דער שניידער האָט עס גענומען און זיך אָפּגעווישט מיטן טיכל דעם שטערן. ער האָט געלייענט די ליטאַניע פון הייליקן נאָמען יעזוס, פּאַרהיקנדיק זיך, און מיט שוועריקייט געטיימלט זיך מיטן פינגער אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט.

„גאָט, דערבאַרעם דיך איבער אונדז!
קריסטוס, דערבאַרעם דיך איבער אונדז!
האַר, דערבאַרעם דיך איבער אונדז!
קריסטוס, דערהער אונדז!
קריסטוס, הער זיך צו צו אונדז!
גאָט, פאָטער אין הימל, דערבאַרעם דיך איבער אונדז!
גאָט-זון, דערלייזער פון דער וועלט — —“

און די געמיינדע האָט געענטפערט:
— דערבאַרעם דיך איבער אונדז!
ער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן די שטים.

— גאָט, הייליקער גייסט —

— דערבאַרם זיך איבער אונדז! — האָט געזאָגט די גע־מיינדע.

„הייליקע דרייאייניקייט, איינאונאייציקער גאָט —

„דערבאַרם דיך איבער אונדז!"

„יעזוס, די זון פון לעבעדיקן גאָט —"

„דערבאַרם דיך איבער אונדז!"

„יעזוס, די אָפּגלאַנץ פון פאָטער —"

„דערבאַרם דיך איבער אונדז!"

„יעזוס, די גלאַנץ פון אייביקן ליכט —"

„דערבאַרם דיך איבער אונדז!"

„יעזוס, די קעניג פון רום —"

„דערבאַרם דיך איבער אונדז!"

און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער, שפּרינגענדיק און שטרויכלענדיק זיך אין אומענדלעכן פאַלן. „יעזוס, די ליכט פון די גלויביקע, יעזוס, די ריינקייט פון די יונגפרויען — יעזוס, די קרוין פון די הייליקע" — און ווייטער און ווייטער —

די ווערטער האָבן אָנגעפילט דעם זאַל, האָבן געטראָגט פון די ווענט אַראָפּ, געשטופּט זיך אין דער שטיקנדיקער לופט אַריין, געלאָזט זיך ווי עיפּושדיקע בלעזלעך צום סופיט אַרויף, און אַראָפּ־געזונקען דריקנדיק און דערשטיקנדיק אויף די דאָזיקע אָרעמע פויערים.

און דער שניידער האָט געזאָגט:

„פון אַלדאָס בייז ליז אונדז אויס, אָ יעזו!

פון דיין צאָרן ליז אונדז אויס, אָ יעזו!

פון דער נעץ פון טייוול —"

און ווידער האָט די געמיינדע געענטפערט:

„ליז אונדז אויס, אָ יעזו."

„פון אייביקן טויט —"
„לייז אונדז אויס, אָ יעזוּ!"
„פון עובר זיין אויף דיינע געבאָטן —"
„לייז אונדז אויס, אָ יעזוּ!"
„דורכן הייליקן סוד פון דיין פארקערפערונג —"
„לייז אונדז אויס, אָ יעזוּ!"

אָ, ווי זיי האָבן געמאַכט קולות! ווי זיי האָבן זיך אָנגע־כאַפּט אָן די אַלע מיטלען, כדי צו ווערן אויסגעלייזט דורך קינדהייט און געבורט, דורכן געטלעכן לעבן און די מעשים, דורך טויט־אַנגסטן און ליידן, דורך יסורים, טויט און קבורה, דורך תחית־המתים און הימל־שטייגן, דורך די אייביקע פרייד און דעם רום — — האָבן זיי געוואָלט אויסגעלייזט ווערן!

„לייז אונדז אויס, אָ יעזוּ! — לייז אונדז אויס, אָ יעזוּ!"

דער שניידער האָט פאַרגעלייענט די פסוקים פון געטלעכן לעמל, האָט מתפלל געווען דעם „פאָטער־אונדזער" און די תפילה פון הייליקן באָסען, און די געמיינדע האָט געקניט און געענטפערט מיט אַ הילכיקן „א—מן".

פּיעטראָ האָט זיך אויפגעהויבן און געפרעגט, ווער עס פילט איצט אַ באַדערפעניש זיך מתוודה צו זיין פאַרן קהל.

ס'האָט זיך תיכף אויפגעהויבן זיין קנעכט מיטן רויטן קראָפּ. ער האָט מיט דער פאַרשוויצטער האַנט אָפּגערוקט אָן אַ זייט דעם ריזיקן קראָפּ און איבערגעחזרט זיין שפרוך — שוין אוודאי צום הונדערטסטן מאָל. יעדער איינציקער האָט עס שוין פון לאַנג גע־וווּסט, אַז ער איז געווען אַ שרעקלעכער שיכּור, וועמען ס'האָט דערלויכטן דער חסד פון גאָט. פריער האָט ער זיך אָנגעשיכּורט פיר מאָל אין דער וואָך און זיבעציק צוויי מאָל —

דאָס האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, דאָס איז געווען זיין טרומף: זיבעציק צוויי מאָל. און די געמיינדע האָט אים גע־דאַנקט מיט נחתדיקער פרומקייט און התלהבותדיקע אויפנעמען זיין חרטה־ווידוי. די מוראדיקע קראָפּ־שטים האָט שנעל און הייזע־ריק אַרויסגעוואָרפן קעל־קלאַנגען פון דער הוילער ברוסט און אין

דערצווישן ווענען ארויסגעשפרונגען, איבעראַנגעדריקט ווין, משונה־דיקע סמאַקערייען פון די ליפּן.

פראַנק בראון האָט זיך איינגעהערט אין דערדאָזיקער שטים.

— ווי די האָטענטאָטן — האָט ער געמורמלט — ווי די קליק־שפּראַך פון די האָטענטאָטן.

ווי נאָר ער האָט געענדיקט, האָט זיך באַלד אויפגעהויבן וועניערס פרוי, זי האָט אפילו נישט צוגעוואַרט אויף דער תפילה, וואָס דער אַמעריקאַנער פלעגט געוויינטלעך זאָגן נאָך יעדער ווידוי, זי האָט זיך האַסטיק דורכגעשטופּט דורך די רייען, האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף די קני פאַרן קרייץ, באַרירט די ערד מיט שטערן און שלאָכצנדיק מתפלל געווען. דערנאָך איז זי אויפגעשפרונגען און זיך געווענדט צום עולם.

— איך וויל מיין נשמה אַרויסזאָגן! — האָט זי אויסגערופן. — איך האָב תמיד געשוויגן און מיט גרויס זינד באַלאַסטעט מיין נשמה, האָט גאָט אין זיין צאָרן זיין שטראָף אויף מיר געשיקט, און די קראַנקהייט איז מיך באַפאַלן און מיך געבראַכט ביז צום ראַנד פון קבר. קיין מענטש האָט מיר נישט געקענט העלפן, אפילו ד״ר באַרימטער דייטשישער דאָקטאָר און זיין קונסט זענען געווען אַנמעכטיק אַקעגן ווילן פון גאָט. אָבער די ברידער און שוועסטערן האָבן מיך נישט פאַרלאָזט און געקניט לעבן מיין בעט און מתפלל געווען צום לעמל, אַז ס׳זאָל מיר נאָך איבערלאָזן צייט אויף דער ערד, כדי חרטה צו האָבן אויף די זינד, וואָס כ׳בין אַמאָל באַגאַנגען. און פּיעטראָ באַסקלער האָט געשריגן צו גאָט. און גאָט האָט דערהערט דאָס געבעט פון זיין דינער און האָט אַריינגעלייגט אין זיינע הענט מיין רעטונג, און דורך זיין האַנט בין איך געזונט געוואָרן. ליבע שוועסטערן און ברידער, היינט בין איך דאָס ערשטע מאָל אויף אונדזער פאַרזאַמלונג און עפּעס צווינגט מיך אייך אַלע צו זאָגן, ווי שלעכט איך בין געווען. מיין גאַנץ לעבן איז געווען איין גרויסע קייט פון זינד, און ערשט פון דער צייט אָן, זינט דער ברודער פּעטער איז אין אונדזער דאָרף אָנגעקומען און געלערנט אונדז צו

ניין אויף דעם וועג, וועלכער פירט צו דערלייזונג. ערשט פון יענער צייט אָן בין איך געוואָרן א טרייע קינד פון לעמל. פינסטע אין זיינע נעגל האָט מיך געהאַלטן דער שטן, אָבער זיין הייליק געבעט האָט געבראָכן דעם כוח פון שלעכטן גייסט. הערט זיך צו, ווי שלעכט איך בין געווען, און זייט מתפלל, ליבע שוועסטער, פאַר מיין אָרימע נשמה!

זי האָט גערעדט גיך, איינס איבער ס'אַנדערע; געשלאָכצט און פאַרבראָכן די הענט. איר פּנים איז געווען בלייך און כמעט גרין, אָנגעצערט פון דעם פיבער, אָבער אירע שוואַרצע אויגן האָבן געשטראַלט מיט א הייסן גלאַנץ.

— טוט בעט פאַר מיר, ליבע ברידער און שוועסטער, בעט אויס מחילה פאַר מיינע זינד. מיין קינד, דאָס צווייטע, פיאַ־מעטע, איז נישט דאָס קינד פון מיין מאַן מאַריאַנאַ וועבער. איך בין געווען אין דעם טייוולס קלאָען און געבראָכן דאָס וואָרט, וואָס כ'האָב אים צוגעשווירן פאַרן אַלטאַר פון גאָט. קום אַהער, פיאַמעטע, לאָזן דיך אַלע אָנקוקן, דו, פרוכט פון מיין זינד!

זי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די בענק און מיטגעשלעפּט בײַ די האָר דאָס צעשראָקענע, קוים אַכטיעריקע קינד. עס האָט זיך געפּרוּווט צוהאַלטן אָן פאָטערס סורדוט, געוויינט און גע־שריגן, אָבער די פרוי האָט עס געריסן און געשטופּט פאָרויס.

— אָט שטייט עס דאָ, — האָט זי געשריגן, — די לעבע־דיקע דערינערונג פון מיינע זינדיקע האַנדלונגען. אַלויזי דרענקער, דער זשאַנדאַרם, איז זיין פאָטער, מיט אים האָב איך געבראָכן מיין חתונה־טרייקייט! — אָ ברידער, אָ שוועסטער, זייט מיר מוחל, און זייט מיט מיר מתפלל צום לעמל וועגן פאַרגעבונג פון מיינע זינד!

זי האָט הויך אויפגעהויבן אירע אָרעמס און זיי שווער אַראָפּגעלאָזט אויף די מאָגערע אַקסלען פון קינד.

— אויף די קני, שמוציקער ממזר, און בעט פאַר די זינד פון דיין מוטער!

זי האָט אַנידערגעקניט און געשטויסן דאָס קינד, אַז ס'זאָל פאַלן אויף די קני.

— „אָ, דו גאָטס לעמל, וואָס האָסט אַוועקגענומען די זינד פון דער וועלט, דערבאַרעם דיך איבער אונדז, אָ יעזו!"

און דאָס קינד האָט געכליפּעט מיט הייסע טרערן: „דערבאַרעם דיך איבער אונדז, אָ יעזו!"

פראַנק ברון האָט געטראַכט: „טו נאָר אַ קוק, דער זשאַנדאַרם!" — ער האָט געזען, ווי זיי האָבן זיך אַלע צוגעשטופּט צו דער פרוי, ווי זיי האָבן געוואָרפן קרומע בליקן אויף דעם בלאָנדן ויבער פון קינד. ער האָט געזען ווענירן, ווי ער איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ תמעוואַטע מינע, דאָס מויל ברייט אויפגעעפנט און זיך געקראַצט אין די האָר.

ער האָט דערהערט טערעזעס שטים, האַרט אונטער זיין אויער:

— לאָמיר אַוועקגיין, געליבטער, לאָמיר גיין! די דאָזיקע לייט זענען שרעקלעך.

ער האָט זיך געוואָלט אַרויסקריגן, אָבער דאָס האָט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך. טייל פאַרשפּעטיקטע זענען נאָך אָנגעקומען, און דער זאַל איז געוואָרן אַזוי איבערגעפולט, אַז מ'האָט זיך כמעט רירן נישט געקענט. דערצו איז נאָך געווען אין זאַל אַ שטאַרקע באַוועגונג, אַלץ האָט זיך געשטופּט און געשטופּט אַרויס, כדי צו זען מאַטילדאַ ווענירער, דעם מאַן איר און דאָס אָרימע קינד, וואָס איז געווען די פרוכט פון איר זינד.

— ס'איז אוממעגלעך, — האָט ער געשעפּטשעט צו איר. — מיר מוזן אונטערוואַרטן, ביז זיי וועלן זיך אַ ביסל באַרויקן.

זי האָט זיך ענג צוגעטוליעט צו אים, האַלטנדיק זיין האַנט אין אירע הייסע הענט.

דער אַמעריקאַנער האָט געזאָגט עפּעס אַ תפילה, אַלע האָבן אַנידערגעקניט און נאָכגעזאָגט וואָרט־ביי־וואָרט. דערנאָך האָט ער זיי געהייסן אויפשטיין און אָנגעהויבן זיין דרשה. ער האָט גערעדט רויק און כמעט פליסיק, אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי הינטער זיין יעדן וואָרט וואָלט אַ ווילד פייער געלאָקערט און גרייט געווען אויסצוברעכן אַ לייזרע רגע אין אַ העליש פייער. דאָס ז...

בעת כסדר געווען די זעלבע אָרימע, אַלטע געדאַנקען — אַז גאָט איז פול מיט רחמים — און אַז ער איז אויך פול מיט צאָרן. אַז דער דערלייזער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר די זינד פון די מענטשן — און אַז מיט זיין הילף דאַרף מען קעמפן אַקעגן דעם כּוח פון שטן. די מאַכט פון טייוול איז אומענדלעך גרויס — אָבער דעם דערלייזערס קראַפט איז נאָך פיל שטאַרקער און דער מענטש מוז זיך שטעלן אונטער דער פאָן פון דערלייזער, כּדי צו פירן די מלחמה אַקעגן שטן.

לייכט פליסקענדיק, ווי פון אַ רעגן־דינע בײַ אַ לייכט ווינטל, זענען געפלאָסן די אַלטע, אָפגעבלאַקעוועטע זאַצן. אָבער פראַנק בראַון האָט געפילט, אַז עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט און אַז דורך דער דיזיקבדיקער פאַרבעקייט מוז אַ ווילדער שטורם דורכיאָגן. ער האָט טערעזען שטאַרק געדריקט צו זיך, ווי ער וואָלט זי געוואָלט איינהילן אין אַ מאַנטל.

— הער זיך צו — האָט ער געפליסטערט — הער זיך צו.

די פינגער פון אַמעריקאַנער האָבן זיך קראַמפּהאַפטיק צונויפגעדריקט, אין דער טויבער שטילקייט האָט מען געהערט דאָס קנאַקן פון זיינע געלענקען. אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון זיינע ליפּן:

— גאָט האָט מיר געגעבן אַ צייכן!

און ער האָט נאָכאַמאָל הויך אויסגעשריגן:

— גאָט האָט מיר געגעבן אַ צייכן!

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט דידאָזיקע ווערטער איבערגעטרעטן דעם גרויסן טייך, וואָס האָט אים אויפגעהאַלטן אויף זיין וועג, ער האָט האַסטיק אַ בליק געטון אויף דער גאַנצער ערדה און געזען די אויגן, וואָס זענען געווענדט געווען צו אים אין שטאַרער דערוואַרטונג.

— וואַרט אַ ווײַלע, געליבטע ברידער און שוועסטערן, איך וועל עס אייך באַלד אַנטפּלעקן. אָבער פריער הערט אויס עפּעס אַנדערש און געניסט צוזאַמען מיט מיר פון קריסטוס-בלוט,

כדי אײַערע נשמות צו שטאַרקן פאַר דעם קאַמף, אין וועלכן כ'וועל אייך פירן.

ער איז צוגעגאַנגען צום קריסטוס־בילד, האָט זיך געבוקט און אויפגעהויבן פון דער ערד אַ קיילעכיקן קופּערנעם קעסל, וועלכן ער האָט דערלאַנגט דעם קנעכט. דערנאָך האָט ער גענומען צוויי פלאַשן רויטן ווײַן און זיי אַרײַנגעגאָסן אין קעסל אַרײַן. ער האָט אָנגענומען דעם קופּערנעם קעסל מיט בײדע הענט און זיך געווענדט צום געקרייציקטן:

— אָ הער יעזוס קריסטוס, וואָס דו טראָגסט די זינד פון דער וועלט! אין דער האַנט פון דײַן פּריסטער פאַרוואַנדלסטו דעם ווײַן אין דײַן בלוט, אַז ער זאָל דערפון געניסן און זאָל דײַן געטלעכע קראַפט דערפילן! דו האָסט אויך מיך געזאַלבט אין הויז פון דײַן פאָטער, באַוויליק זשע אויך דעמאָזיקן ווײַן מיטן נס פון חסד אין דײַן בלוט צו פאַרוואַנדלען.

ער האָט פּאַמעלעך אַנידערגעקניט און זײַנע ליפּן האָבן געמורמלט אַ שטילע תפילה.

קיינער האָט אַ וואָרט נישט גערעדט, אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט איבערן זאַל.

קיינער פון עולם האָט זיך נישט געוואַגט צו רירן, אפילו די קינדער האָבן זיך מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם געדריקט צו די קליידער פון די מוטערס. און נאָר דאָס צווייעריקע קינד, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד האַרט לעבן אים און געשמאָטשקעט זײַן וואַרגל, האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, צאַפּלדיק מיט די נאַקעטע אָרעמלעך אין דער לופט.

מינוטן זענען פאַרבײַ, פּיעטראָ האָט געקניט און מתפלל געווען. ער האָט שטיל אָנגעהויבן, בעטנדיק בײַ גאָט אַ ברכה. באַלד איז אָבער זײַן תפילה איבער אין אַ הויך שרײַען, אַ רעדן, אַ ראַנגלען זיך מיט גאָט, גלײַך ער וואָלט אים געוואָלט צווינגען, אַז ער זאָל אַראָפּנידערן פון הימל און אים בענטשן. מיט פעסט־געשלאָסענע אויגן האָט ער זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן קערפּער אַהין און אַהער, געקרומט זיך און געריסן זיך בײַ די האָר, בשעת וועלכן די פאַרזאַמלטע אַרום האָבן טיילמאָל אײַנציקווייז, טיילמאָל אין כאָר גע-

רופן „אמן" און „געלויבט איז גאָט". און די רויכערנדיקע פּעך־שטורקאַצן האָבן זיי אײַנגעהילט אין א דיקן רויטן נעפּל.

פּלוצלינג האָט זיך פּעטראָ מיט אײן ריס אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויפן פוס און דערלאַנגט דעם עולם מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט דעם קופּערנעם קעסל. עפּעס א ווייסער גלאַנץ איז געלעגן אויף זײַן פּנים.

— גאָט האָט דערהערט מײַן תּפילה! — האָט ער אויסגערופן און צוגעטראָגן דעם קעסל צו די ליפּן. — און איך איר, איר אַלע, זאָלט אָנטיילנעמען אין דאָזיקן חסד. קומט אַהער און טרינקט דאָס בלוט פון דערלייזער!

א שוידער האָט דורכגעריזלט די פּאַרזאַמלטע; קיינער האָט א וואָרט נישט אויסגערעדט, אָבער אַלעמענס ליפּן האָבן אויסגעוויזן זיך צו באַוועגן. זייערע אויגן זײַנען געווען ברייט פונאַנדערגעעפנט און די קעפּ האָבן זיך אויסגעשטרעקט פאָרויס.

מאַטילדע וועניג האָט גענומען דעם קופּערנעם קעסל אין זײַנע הענט און געטרונקען.

— ס'איז בלוט! — האָט זי אויסגעשריגן. — ס'איז בלוט! גאָט האָט דעם ווײַן פאַרוואַנדלט אין בלוט!

איר מאוימדיק געשריי האָט זיך אָפּגעבראָכן אָן די ווענט און אָפּגעהילכט פון אַלע זייטן אין חלל. די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן פאָרויס. דזשיראָלאַמאָ סקוראַ האָט גענומען דעם קעסל — „בלוט! בלוט!" — האָט ער געגאָרגלט פון זײַן קראַפּ אַרויס. ער האָט נאָכאַמאָל צוגענומען די כּלי צו די ליפּן און געגעבן א שטאַרקן שלוק.

אַלע אַרומשטייענדיקע האָבן אָנגעהויבן טרינקען און אין א ווײַלע אַרום איז שוין דער קעסל געווען אויסגעליידיקט. פּיעטראָ האָט אים אויפסניי אָנגעפילט, אַנידערגעקניט, מתפּלל געווען און דערלאַנגט דעם פאַרוואַנדלטן ווײַן. מ'האָט דערלאַנגט די כּלי דער קליינער פּיאַמעטע וועניג, זי האָט זיך דורכגעפּאַקט דורך די רייען און יעדן געגעבן צו טרינקען. בשעת זי איז געשטאַנען פאַר איר פאָטער, האָבן אירע אָרעמס אָנגעהויבן ציטערן פון מורא, טאָמער וועט ער זי שלאָגן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט

אַרויסלאָזן פון די הענט דעם קעסל. אָבער וועניקער האָט אָנגעכאַפּט דעם קעסל און איז אויסגעגליידיקט מיט איין גרויסן זיפּ. דערנאָך איז ער שווער אַראָפּגעזונקען אויף דער באַנק.

דער אַמעריקאַנער האָט ווידער אַרײַנגעגאָסן ווײַן און ווידער מתפּלל געווען וועגן נס פון פאַרוואַנדלונג און פּיאַמעטע איז ווי־דער אַרומגעלאָפן און דערלאַנגט די גלויביקע צום טרינקען. די מאַנסבילן האָבן געבריומט: „בלוט! בלוט!" און די ווײַבער האָבן געענטפערט: „דאָס איז דעם דערלייזערס בלוט!" עפּעס אַ קליי־נינגל האָט זיך געקרימט און אויסגעשפּיגן דעם שלוק, האָט ער האָט געטרונקען, אָבער מ'האָט אים פעסט צוגעהאַלטן, אַרײַנגעגאָסן אים דעם ווײַן אין מויל אַרײַן און אים געצוואונגען צו שלינגען. די אַלטע סיבילאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קעסל מיט ביידע הענט און איבערגעגעבן דעם מיידל איר שטעקן צו האַלטן. זי האָט שטום מתפּלל געווען און געגעבן אַ שטאַרקן שלוק. און אַלטע פּריצרטע, וואָס איז געזעסן לעבן איר, האָט אַ פרעג געטאָן: „בלוט?"

די בעטלערין האָט אַ גליקלעכע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערלאַנגט דער שכנטע דעם קופּערנעם קעסל.

אַלע האָבן געטרונקען. נײַע פלאַשן האָבן כסדר אַרויסגעגאָסן זייער אינהאַלט אין דער כלי אַרײַן און אים פאַרוואַנדלט אין בלוט. פּיאַמעטע האָט באַשפּעטיקט אַרומגעדרעפּטשעט איבערן זאַל, איר פּנים האָט געשטראַלט, זי האָט פאַרגעסן אָן אַלע שמערצן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און דערלאַנגט טערעזען דעם טרונק.

דאָס מיידל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געמאַכט מיט דער האַנט אַ פאַרבײַיענדיקע באַוועגונג. אָבער פראַנק ברוין האָט איר אײַנגערוימט אין אויער: „נעם דאָך און מאַך דיך טרינקען!"

טערעזע האָט געפאָלגט, דערנאָך האָט זי אים דערלאַנגט דעם קעסל. ער האָט געפילט, ווי אַלעמענס אויגן האָבן זיך געקערט צו אים. ער האָט זיך איבערגעצלמט, דערנאָך געטרונקען.

דאָס איז געווען גוטער, לייכטער ווײַן.

ער האָט געוואָלט צוריקגעבן דעם קעסל, אָבער דער טויבשטומער איז אַפּגעטראָטן פֿון אונטער דער באַנק און אים אָנגעכאַפּט; ער האָט געטרונקען האַסטיק, אין קורצע, גיריקע שלונקען. ער איז געווען דער לעצטער פֿון אַלע.

— איז עס געווען בלוט? — האָט געפּליסטערט טערעזע.

פֿראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין כּח אַוועקצוגיין; אירע הענט האָבן געברענט. זי האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט צו זײַן אָרעם. זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס טיכל איבערן קאָפּ, טראָץ דער אומפּעגלעכער היץ, און בלויז אירע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון דאָזיקן זיכערן באַהעלטעניש און זיך פֿעסט באַהאַפֿטן אין דעם קרײַז און אין דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען אונטער אים.

אומבאַוועגלעך איז ער דאָרט געשטאַנען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און מיט שטאַרק צונויפֿגעפּלאַכטענע הענט.

זײַן קנעכט ווישיראַלאַמאַ כקוראַ האָט זיך אויפֿגעשטעלט לעבן אים. ער האָט באַגלייט דאָס פּאַסט-ליד און דער גאַנצער עולם האָט אונטערגעהאַלטן. דאָס געזאַנג האָט אויסגעזען ווילדער-הייסער — די דאָזיקע פֿוילע קעפּ, וואָס זענען אין משך פֿון לאַנגע חדשים אָפּגעוווינט געווען פֿון יעדן אַלקאָהאָל, האָבן זיך ראַש אָנגעצונדן פֿון דאָזיקן איינעם טראָפּן, וואָס זיי האָבן געכאַפּט. ווי אַ מלחמה-געזאַנג האָט עס דורכגעשאַלט איבערן זאַל:

„וווּנדערפֿול און בלאַס, אָן קרעפֿטן,
גרויזאַם צו דעם קרײַז באַהאַפֿטן,
זע איך, ווי אַ גאַס-מענטש צאַנקט
און פֿאַר פּושעים הייל דערלאַנגט!
יעזו, טריף אַרײַן דײַן שמאַרץ
טיף אין יעדן קריסטלעכן האַרץ!
זאָל פֿון טויט דײַן גרויסע פּײַן
אין מײַן טויט אַ טרייסט מיר זײַן".

דער אמעריקאנער האט געגעבן א ווונק, און זיי זיינען תיכף אנטשוויגן געווארן. ער האט שטיל געזונגען, ווי פאר זיך אליין אן אנדערע סטראפע:

„דיך צו בינדן און צו שלאגן,
דיך צו זידלען און צו פלאגן,
איילט די מחנה פיינט אריין,
גיסט דיך איבער גאנץ אליין!"

און מיט הילכיקער באגייסטערונג האט די פארזאמלונג אין כאר נאכגערעוועט, צוטופענדיק צום טאקט מיט די פיס:

„יעזוס, טריף אריין דיין שמארץ,
טיף אין יעדן קריסטלעך הארץ!
זאל פון טויט דיין גרויסע פיין,
אין מיין טויט א טרייסט מיר זיין!"

פיעטרא האט אנגעהויבן רעדן האסטיק, פאנאטיש, פאכענ-דיק מיט ביידע הענט אין דער לופטן:

„ברידער! שוועסטערן! גאט האט אייך רייך באשאנקען מיט זיין חסד און האט אלעמען געגעבן צו טרינקען פון זיין זונס הייליקן בלוט. אבער ער פארלאנגט נאך מער פון אייך, ווי נאר דעם לויב פון אייערע ליפן, מער ווי געבעט און געזאנג! לאמיר אים דינען מיט לייב און נשמה און פאר דעם זונס בלוט, וואס ער האט אונדז געגעבן, לאמיר אים אונדזער בלוט צוריקגעבן. גאטס לעמל איז אויסגעשפעט און געשלאגן געווארן, פון זיין הייליקן לייב האט געטריפט דאס בלוט אונטער די שמיץ פון דער בייטש! לאמיר בכן נאכטאן זיין ביישפיל. לאמיר אונדזער לייב בייטשן און אוועק-געבן אונדזער בלוט פאר דעם, וועלכער האט פאר די זינד פון דער וועלט זיין בלוט פארגאסן!"

ער איז צוגעגאנגען צו זיין שטול און מיט סקוראס הילף אפגעשלעפט א זאק פון הינטער דער וואנט. ער האט אים אויפ-

געבונדן און אויסגעשיט אויף דר'ערד. ס'זענען אַרויס פון אים שטעקנס, דערנער צווייגן, קורצע האַנטפּיסטוילן, בערעזענע-און נוס-בוים ריטער. ער האָט א כאַפּ געטאָן אַ שטאַרק בעזעמל, און וועלכן ס'האָבן, צוזאַמען מיט די ווערבע-ריטער, געשטעקט אַקאַציע-צווייגן און הערטע, לאַנגע דערנער. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט האַרט אונטערן קרוציפיקס און אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם סורדוט און דאָס העמד.

ער איז געשטאַנען נאַקעט ביז צו די לענדן, אַפילו די אָרעמס זענען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט האָר. לאַנגע קודלעס האָבן באַדעקט די צעקראַצטע ברוסט, ער האָט אויסגעזען עפּעס ווי א משונהדיקע מאַלפּע, נישט קיין מענטש.

— איך וויל אייך געבן א ביישפּיל! — האָט ער אויסגערופן.

ער האָט גענומען נאָך איין רוט פון דער ערד און אויפגעהויבן הויך ביידע הענט.

— אַ גאָטס-לעמל, ליינט אונדז אויס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די ריטער מיט מעכטיקע קלעפּ. זיי זענען געפאַלן אויפן רוקן און אויף די אַקסלען און די דערנער האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין לייב. ער האָט זיי צוועקגעריסן און זיי ווידער אויפגעהויבן, און באַלד האָבן פון אונטער די שוואַרצע האָר גענומען רינען טראָפּנס בלוט. און ווידער האָבן אַ פייף געטאָן אין דער לופט די שווערע, שוואַרצע ריטער און געפאַלן פּלעסקנדיק איבער די אָרעמס און ברוסט. עפּעס אַן אַרויסשטאַרנדיקער דאָרן האָט געטראָפן זיין לינקע באַק, זי צעראַצט אין דער לענג און איבערגעלאָזט אַ רויטן שראַם.

זיין פּנים האָט זיך צונויפגעקראַמפּט, וואָס אַמאָל גיכער זענען געפאַלן די קלעפּ.

אין דער טויבער שטילקייט האָט מען נאָר געהערט דאָס פייפן און פּאַטשן פון די ריטער אין דער לופט און דאָס הילכיקע שמייסן פון די דערנער אויף דעם נאַקעטן לייב. זיין אויבערשטער טייל קערפּער האָט זיך געוויגט אין ביידע זייטן, די בלאַסע ליפּן האָבן זיך אָן אויפהער באַוועגט אין אַ שטילער תפילה.

פלוצלינג האָט ער אויפגעהערט. זיין ברוסט האָט זיך הויך אויפגעהויבן, דער אָטעם האָט זיך פון די מעכטיק־אָרבעטנדיקע לונגען אַרויסגעקריגן, ווי פון אַפּרעס, ער האָט אויסגעשטרעקט פאַר זיך די אָרעמס, און געהאַלטן, ווי פּאַלמען־צווייגן, די ניטער איבער דער פאַרזאַמלונג.

— הערט צו, ברודער! — האָט ער אויסגערופן. הערט צו שוועסטער! איך וועל אייך איבערגעבן דעם סימן, וואָס גאָט, מיין האר, האָט מיר אַנטפּלעקט. ער וויל אייך אַלע, אַלע אויסלייזן פון אייביקן טויט. און דעריבער האָט ער אַריינגעהויכט אין מיין גוף דעם גייסט פון זיין געטרייעסטן דינער: א י ך ב י ן א ל י ה ו, ד ע ר נ ב י א!

ער האָט אַ שפּרונג געטון אינדערהייך מיט ביידע פיס מיטאַמאָל, ווי ער וואָלט געוואָלט פליען. ער האָט זיך אַ קער געטון צום געקרייצטן, אונטערגעשפּרונגען פאַר אים און געדופן:

— אָ גאָטס־לעמל, וואָס ביסט מכפּר די זינד פון דער וועלט, לייז אונדז אויס, אָ יעזוס!

און איבער ביידע אַקסלען האָבן געפּלעסקעט די שאַרפע קלעפּ פון די דאָרניקע ריטער און צעשינדן זיינע בלוטיקע פּלייצעס.

וועניערס פרוי איז אויפגעשפּרונגען פון איר קניען. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בלויע בלוזע, צעריסן די אויף פּיצלעך און אַראָפּגעצויגן דאָס העמד פון די אַקסלען.

— שלאָג מיך! — האָט זי הייס געשריגן. — שלאָג מיך! דו ביסט אליהו, דו ביסט דער נביא! שלאָג מיך! איך וויל ליידן פאַר גאָט, וואָס האָט פאַר אונדז זיין בלוט פאַרגאָסן!

ראַנכי, דער שניידער, האָט געכאַפּט אַ בייטש, צוגעהאַלטן זי מיט די ציין, כּדי מיט די הענט דאָס בגד אויסצוטון. דזשיראַלאַמאָ סקוראָ האָט אים נאָכגעטון, און זיינע ריזיקע פויסטן האָבן אָנגעכאַפּט צוויי דינע נוססבוים־ריטער.

ווידער האָט זיך דער אַמעריקאַנער געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג:

— ברידער! שוועסטערן! דער טייוול דרייט זיך אַרום אויף

דער וועלט און חוזקט פֿון לעמל, וואָס האָט אויסגעגעבן זיין גוף פֿאַר אַנדערע זינד. אומעטום שפּרייט ער אויס זיין גיהנום־דיק געצעלט, אָבער ס'רוב אין די ליבער פֿון אָרימע מענטשן. מיר אָבער ווילן אים אַרויסטרייבן! מיר מוזן אים פֿאַרטיליקן מיט תּפֿילה און געזאַנג, און אויב ער וועט נישט אָפּטרעטן, וועלן מיר זיך כאַפּן צו דער רוט און דער בייטש! דאַן וועט ער אַוועק־פֿליִען, ווי אַ שטינקענדיקער אייל, און דער נצחון איז אונדזער! ווייטער, ברידער און שוועסטער, זינגט און זייט מתפּלל! קומט צונויפֿ מיט מיר אין דער מלחמה אַקעגן די חיילות פֿון גיהנום, גייט־נאָך נאָך מיר, נאָך דעם, וואָס גייט פֿאַר אייך פֿאָרויס אין קאַמף, נאָך מיר, אליהו הנביא! — איך פֿיר אייך: שלאָגט מיך, בייטשט מיך! זאָל מיין בלוט פֿליסן פֿאַר יעזוס קריסטוס, אונדזער האַר!

ער האָט זיך געווענדט צו די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען צום נאָענטסטן פֿון אים. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אויפֿצוהייבן די הענט אויף אים. דאַן האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף זיי:

— וואָס קווענקלט איר אייך, פֿוילע נפֿשות? צי דען גלייבט איר, אַז גאָט וועט לאָזן פֿון זיך שפּאַס טרייבן? צי דען הערט איר נישט, ווי ס'לאַכט דער שׂטן פֿון אייער שוואַכקייט? שלאָג מיך, ראַנגי, שלאָג מיך, דזשיראָלאַמאָ, און דו, מאַטילדאַ ווענעציער, גיב די רוט און שלאָג מיך!

די פֿרוי האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ דאָרניקע רוט. אָבער זי האָט אים נישט געשלאָגן. אויך די מענער האָבן זיך געקווענקלט און זענען געשטאַנען שטילשווייגנדיק מיט אויפֿגעהויבענע אָרעמס.

דאַן האָט ער געשריגן:

— איר זאָלט מיך שמייסן, איר הערט? איך, אליהו הנביא, באַפֿעל עס! מיין בלוט זאָל פֿליסן צום לויב פֿון גאָט! שלאָג, שוועסטער מאַטילדאַ, שלאָג!

די פֿרוי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געשלאָגן. און דער־

נאָך האָט דער שניידער גענומען שלאָגן און איך דזשיראַלאַמאָ־סקוראָ מיט ביידע געכטיקע פויסטן.

— שטאַרקער! שטאַרקער! — האָט געשריגן פּיעטראָ!

די קלעפּ האָבן געפּליעסקעט און זיינען געפֿאַלן געדיכט, ווי האָגל. די פֿרוי האָט גערעוועט:

— שלאָגט מיך אויך, מיך אויך! איך וויל ליידן פֿאַר גאָט!

דער קנעכט האָט איר געגעבן אַזאַ לייג מיטן גוס־שטעקן, אַז אַזש אַ רויטער צייכן איז איר שטיין געבליבן פֿון די אַקסלען ביז די לענדן אַראָפּ. זי האָט זיך היילנדיק צעשריגן פֿאַר ווייטיק און איז כמעט געפֿאַלן אויף די קניען, אָבער זי האָט זיך גלייך צוריק אויפֿגעכאַפּט און גערעוועט:

— נאָך, נאָך! שלאָגט מיך! טרייבט אַרויס דעם שטן פֿון מיין לייב!

און זי האָט גלייכצייטיק מיט ווילדער קראַפֿט געשלאָגן מיט איר דאָרניקער רוט איבער סקוראָס ברוסט.

פּיעטראָ באָסקלער האָט אויסגערופֿן:

— זינגט און בעט! הערט, ברודער, דעם אַכט און דריי־סיקסטן פּסוק פֿון אַכט און זיבעציקסטן קאַפּיטל תהילים: „אָבער ער איז געווען באַרמהערציק און האָט פֿאַרגעבן די שלעכטע מעשים און האָט זיי נישט פֿאַרטיליקט, און האָט אָפֿט אָפּגעווענדט זיין צאָרן און נישט אויסגעלאָזט צו זיי זיין גאַנצן כעס".

— ער האָט איבערגעחזרט דעם פּסוק האַלב זינגענדיק, איינמאָל און נאָכאַמאָל, און די פֿאַרזאַמלטע האָבן אים נאָכגעזאָגט מיט זיין טאָן. און אין טאַקט פֿון געזאַנג זיינען געפֿאַלן די ריטער און בייטשן אויף די נאַקעטע לייבער.

דזשיראַלאַמאָס ברוין־ווייסע הויט האָט זיך באַדעקט מיט בלוט. פּיעטראָס אַ קלאַפּ האָט אים געטראָפֿן אין רייקן קראַפּ, חעלכער האָט אויסגעזען נאָכמער געשוואָלן צו ווערן, און איז ווי אַן אומגעהייערער ווייס־בלויער אַרבוז אַראָפּגעהאָנגען איבער דער מעכטיקער ברוסט. דער שניידער ווידער איז געווען זאַר. די ריפּן האָבן אים דורכגעקוקט דורך דער אָנגעצייכנטער הויט, אויף

װעלכער עס האָבן זיך געבילדעט קרעצלעך פֿון בלוט און שמוץ.

צום שרעקלעכסטן אָבער האָט אויסגעזען װעניערס פֿרוי. אָפּגעצערט און בלאַס נאָך דער לעצטער קראַנקהייט, האָבן אירע אויגן געברענט פֿון פֿאַנאַטישער באַגייסטערונג. אירע אָרעמס זענען געװען דין, װי אָרעמלעך פֿון אַ קינד, אירע קלײנע ברוסטן זענען אַראָפּגעהאָנגען, װי ליידיקע בײטעלעך. אָבער זי האָט געװיל־דעװעט שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק און האָט כּסדר געשריגן: „שלאָגט מיך! שלאָגט מיך! טרייבט אַרויס דעם טײַװל פֿון מײַן לײַב!"

דאָס צװײיעריקע קינד האָט גערעװעט. דער קנעכט האָט עס אָפּגעשטופּט מיטן פֿוס אָן אַ זייט. די קלײנע פּיאַמעטאַ האָט עס געכאַפּט אויף די הענט און פֿאַר מורא, ס׳זאָל זי נישט טרעפֿן קיין קלאַפּ, האָט זי עס געהאַלטן װי אַ פּאַנצער פֿאַר זיך און זיך צוגעדריקט צו דער װאַנט.

— לאָזט מיך דורך, לאָזט מיך דורך! — האָט עמעץ געשריגן פֿון הינטן. זיי האָבן זיך אָפּגערוקט און געמאַכט אַן אָרט. דאָס איז געװען אַ יונגער בחור, שטאַרק, װי אַן אָקס. ער האָט שנעל אַראָפּגעריסן פֿון זיך די מענאַרקע און דאָס העמד אינמיטן זאַל און זיי געװאָרפֿן אויף די פֿאַרזאַמלטע. נאָך אים איז נאָכ־געגאַנגען עפּעס אַן אַלטער מאַן, און דער יונג האָט אים געהאָלפֿן דעם ראָק אויסטון. פֿראַנק ברוין האָט זיי געקענט; דאָס זענען געװען די אולפּאַס, פֿאָטער און זון, װעניערס שכנים.

יעדער האָט גענומען אַ בײטש אין האַנט.

טערעזע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון דאָזיקן שוישפּיל. זי האָט זיך קיין ריר נישט געטון, אירע אויגן זענען געװען שטאַר און ברייט צעעפֿנט, באַר אירע הענט האָבן צוגעדריקט זיין לינקע דלאָניע. ער האָט געפֿילט, אַז אַ שוידער האָט באַ איט־לעכן קלאַפּ דורכגעציטערט איר גאַנצן קערפּער.

פֿליצלינג האָט ער דערהערט, װי זי האָט געשריגן:

— לאָזט זי דורך, לאָזט דורך די אַלטע סיבילאַ!

דערנאָך האָט זי זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר איר געשריי און זיך נאָך פֿעסטער צוגעדריקט צו אים.

ער האָט דערזען, ווי די אַלטע בעטלערין האָט זיך בחנם באַמיט דורכצוקריגן זיך דורך דעם עולם. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן קליידער און זשאַקעטן, געשטאַרכעט מיט איר שטעקן, אָבער ס'האָט זיך קיינער נישט געקימערט וועגן איר, אַלע האָבן געגאַפט ווי פאַרכישופט אויף דעם שוישפּיל. זי איז געשטאַנען, ווי פאַר אַ פעסטע מויער.

קיינער האָט אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויף טערעזעס רוף; ער האָט אויסגעזען פאַרלוירן צו ווערן אין ליאַרם פון דער מוזיק און אין טאַקט פון די תפילות און די קלעפּ. דאָך האָט זי דער אַמעריקאַנער דערזען און האָט תיכף אויסגעשריגן אויף אַ הויכן קול:

— מאַכט אַן ווײַט פאַר סיבילאַ מאַדרוצאַ!

זיי האָבן געבילדעט אַ שפּאַליער, און די אַלטע בעטלערין האָט זיך דורכגעשטופּט דורך אים. רוקנדיק זיך פאָרויס, צווישן די בלוטיקע מענער.

דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, די אָרעמס זענען אַראָפּגעזונקען.

— וואָס ווילסטו, שוועסטער סיבילאַ? — האָט געפרעגט דער נביא.

זי האָט באַוועגט מיט די ליפּן און אָנגעוויזן מיטן שטעקן אויף אירע פּלייצעס.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געקווענקלט און געמאַכט אַ טריט צוריק. אָבער די אַלטע איז אים נאָכגעקראָכן, די האָט אָנגענומען די רוט אין זײַנע הענט און איר אַ קוש געטון. דאַן האָט ער זיך באַהערשט און איר געגעבן אַ לײַכטן קלאַפּ איבערן קרומען רוקן.

אָבער זי האָט נישט נאָכגעגעבן, זי האָט אויפגעהויבן דעם האַלדז און זייטיק געדרייט מיטן קאָפּ פון אונטן אַרויף. אומאויפהערלעך האָבן זיך באַוועגט די שטומע ליפּן.

— דו ביסט אַלט און קראַנק, — האָט געזאָגט פּיעטראָ.

זי האָט נישט אָפּגעלאָזט זײַן האַנט און זיך שטאַרק געבעטן.

ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט זי נישט פאַרשטאַנען. דאַן האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די פאַרזאַמלטע און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט שרייען. עמעץ האָט איר דערלאַנגט אַ שטיקל פּאַפּיר, און דער שרייבער האָט פון דער הויזקעשענע אויסגעצויגן אַ בלייפעדער. די אַלטע האָט אַנידערגעקניט אויף דער ערד און געשריבן. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דאָס בלעטל אינדערהייך.

פּיעטראָ קוועכט האָט עס געכאַפּט און געוואָרפן אַ בליק דערויף, אָבער ער האָט עס נישט געקענט איבערלייענען. דאַן האָט עס גענומען דער יונגער דזשאָוואַני אָלפאָ און הויך איבערגעלייענט:

„די האָסט געזאָגט, אַז מיר זאָלן אַלע אונדזער בלוט פאַרגיסן פאַר קריסטוסן! פאַרוואָס־זשע שטויסטו מיך אָפּ?"

ער האָט דערלאַנגט דאָס בלעטל דעם אַמעריקאַנער און צוגעגעבן:

— יאָ, אַזוי האָסטו טאַקע געזאָגט!

דער נביא האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט. ער האָט געהאַלטן דאָס בלעטל אין דער האַנט, און פון זיינע באַקן זענען אַראָפּגערונען דערויף טונקעלע טראָפּנס בלוט.

סיבילאַ איז צוגעגאַנגען צו וועניערס פרוי, זי האָט גענומען פּאַמעלעך אָפּשפּיליען איר קלייד און איר געגעבן צייכנס, אַז זי זאָל איר צוהעלפן. די פרוי האָט זיך גענומען דערצו און מיט שווערקייט אַרויסגעצויגן פון אַרבל איין האַנט און אַראָפּגערוקט דאָס העמד, אַזוי, אַז זי האָט אַנטבלויזט איין אָרעם און אַ טייל פון רוקן.

פּיעטראָ האָט זי אָנגעקוקט.

— שלאָג דו זי — האָט ער באַפוילן.

און מאַטילדאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די ריטער אויף דער אַלטערס רוקן.

אָבער סיבילאַ האָט זי אָפּגעשטויסן. זי האָט זיך געוואָרפן פאַר פּיעטראָן אויף די קניען און אַרומגעקלאַמערט זיינע פיס.

— זי וויל, אַז דו זאָלסט עס טון, — האָט געזאָגט דער אַלטער אולפאַ.

און דער שניידער האָט זיך אָנגערופן:

— דו מוזסט עס טון, דו ביסט דער נביא!

דער אַמעריקאַנער האָט אַנידערגעקניט לעבן דער בעט־לערין. ביידע זענען געלעגן לאַנג געקרייצט און הייס מתפלל געווען.

— גאָט העלף מיר! אַ גאָטס־לעמל, דערהער מיין געבעט! — האָט פּיעטראַ געקרעכצט.

דערנאָך איז ער אויפגעשפּרונגען און צוגעכאַפּט מיט דער רעכטער האַנט די דינינקע רוט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און שנעל, אָן איבעררייס, זענען געפאַלן די שווערע קלעפּ אויף דער אָרימער גלידער. איר געליימטער קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט און געוואַלגערט פאַר זיינע פיס, די צעטרייבערטע אַקסלען האָבן געבלוטיקט.

און ער האָט זי געשלאָגן און געשלאָגן, בלינד און ווילד.

ד אַ ן א י ז ע ס ג ע ש ע ן —

סיביללאַ מאַדרוצאַ האָט זיך אויפגעהויבן. צוערשט האָט זי אַנידערגעקניט, דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אויסגעגלייכט אין דער פולער הייך. און איר לייב, וואָס איז דרייסיק יאָר געווען איינגעקרימט אין מיאוסן קראַמף, האָט זיך הויך אויפגעהויבן און מיט אַ גאַנצן קאָפּ איבערגעשטיגן דעם נביא.

ער איז געשטאַנען פאַר איר, איינגאַנצן אַ ציטערנדיקער, און אַרויסגעלאָזט די רוט פון דער האַנט.

אָבער אירע ליפּן האָבן זיך געעפנט, הויך און קלאָר האָבן געקלונגען אירע ווערטער:

— גאָט האָט מיך געבענטשט דורך דיין האַנט. געבענטשט זאָלסטו זיין, דו, וועמען גאָט האָט געשיקט!

און זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגענומען זיין האַנט און זי הכנעהדיק געקושט.

אַ מוראדיקע שטילקייט איז געלעגן איבערן זאַל, קיינער

האָט נישט געוואָגט די ליפּן צו עפענען. אַפילו פּיעטראָ האָט געשוויגן. דאַן האָט אויסגערופן דזשאָוואַני אילפּאַ:

— אַ מופת! פּיעטראָ האָט אַ מופת באַוויזן!

אָבער דער שניידער ראַנכי האָט אים איבערגעריסן:

— שווייג! דאָס האָט אליהו דעם מופת באַוויזן! ער איז אליהו הנביא! אליהו הנביא האָט דעם מופת באַוויזן!

איצט האָבן אַלע גענומען שרייען און משונהדיק רעשן.

— אַ מופת! אַ מופת!

זיי האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן פאָרויס, יעדער האָט געוואָלט באַקוקן די אויסגעהיילטע, יעדער האָט געוואָלט באַרירן דעם נביא. זיי האָבן זיך געטרעטן און געשלאָגן, די ווייבער האָבן ג[illegible]עט און די קינדער האָבן הויך געהיילט.

דאַן האָט זיך דערהערט די שטים פון נביא:

— אויף די קני, ברידער און שוועסטערן! אויף די קני! דאַנקט אַלע אונדזער האַר יעזוס קריסטוס! נישט איך האָב געטאָן דאָס ווונדער, גאָט האָט עס געטאָן דורך מיין האַנט! זייט מתפּלל און דאַנקט אים און לויבט זיין נאָמען אין אַלע אייביקייט!

ער האָט אינטאָנירט דאָס תחית-המתים-ליד און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן:

„אַ, ים פון זעליקייטן,
פאַר דיר, אָ גאָט, צו שטרייטן!
דער שטן זינקט אין נאַכט,
געווונען איז די שלאַכט!
הללויה! הללויה! הללויה!
פון טויט, ווי אויפגעשטאַנען ביסט
לאָז אויפשטיין אונדז, האַר יעזו קריסט!
הללויה!"

און דאָסדאָזיקע ליד האָט אויפגעברויזט מיט אַזאַ כּוח, גלייך ס'וואָלט געוואָלט די ווענט צעזעצן, דעם סופיט אין אַ חורבה

אַראָפּשליידערן און פון טאָל צו די הימלען אויפשטייגן: הללויה
הללויה! הללויה!

* * *

פראַנק ברוין האָט אויפגעהויבן דאָס מיידל פון בענקל, זי האָט זיך אָנמאַכטיק געלאָזט פירן. ער האָט זי געמוזט אונטערהאַלטן אונטערן אָרעם, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי וועט אַ ליאַדע רגע אומפאַלן. עס איז אים ענדלעך געלונגען דורכצוגיין לענגאויס די וואַנט און צווישן די קניענדיקע צו דער טיר זיך צוצוקריגן.

ער האָט נאָך געוואָרפן אַ בליק צוריק. אַלע זענען געלעגן אויף די קניען בעטנדיק, נאָר פּיעטראַ איז געשטאַנען אונטערן קרייץ און לעבן אים, הויך אויסגעגלייכט, סיבילאַ מאַדרוצאַ. די רויטע שיין פון די פּעך־שטורקאַצן איז געפאַלן אויף איר מאָגער, שאַרף־געשניטן פּנים, די גרויסע, גרויע אויגן זענען טיף געלעגן אין די היילן —

אָ, יאָ, זי האָט אַמאָל געמוזט זיין שיין!

און היינט, אין אַ ווינקל, איז געלעגן דער טויב־שטומער מישאַ. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום קופּערנעם קעסל און זשעדנע אויסגעלעקט די לעצטע טראָפּנס ווין —

IX.

In manchen **Münster** nistete die Taube,
Vor der **Legende bog** die **Welt das** Knie,
Des Mittelalters frommer **Köhlerglaube**,
Ich weiss es wohl, auch er war Poesie.

Arno Holz, Buch der Zeit.

אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן פון טייך און זיי געשלאָגן אין פּנים אַריין. טערעזע האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ שטאַרק באַליידיקטער, וואָס איז פון אַ דעמפּיקן קעלער אויף דער גאַס אַרויסגעקומען, און ערשט, בשעת די פרישע לופט האָט אים אַרומ-גענומען, דערפילט זיין שכּרות.

ער האָט זי כמעט געמוזט טראָגן און איר העלפן די פיס שטעלן.

זיי זענען געגאַנגען מיטן נענטערן וועג דורכן דאָרף; ער האָט בחנם געזוכט עפּעס אַ באַנק, אויף וועלכער זי זאָל זיך קע-נען אָפּזעצן, בשעת זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער קירך, איז אים איינגעפאַלן, אַז זיי וואָלטן זיך דאָרט געקענט אָפּרוען. ער האָט אַראָפּגעדריקט די קליאַמקע, די טיר איז נישט געווען פאַרשלאָסן.

זיי זענען אַריין, דאָס לבנה-ליכט איז געפאַלן דורך די לאַנגע שויבן. ס'איז אין ערגעץ נישט געשטאַנען קיין בענק, נאָר נידעריקע שטולן בײַ די זייטן; האָט ער זי צוגעפירט צום אַלטאַר און זי דאָרט אַוועקגעזעצט אויף די טרעפ. וועלנדיק אָפּקילן איר הייסן שטערן, איז ער צוגעגאַנגען צום כיור און איינגעטונקען זיין טאַשנטיכל אין אים אָבער דאָס וואַסער איז געווען אַלט און האָט געשטונקען.

ער האָט זיך צוריקגעקערט צום אַלטאַר, אַוועקגעזעצט זיך לעבן איר און לייכט געגלעט אירע שלייפן און הענט. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרויקט שטילשווייגנדיק זענען זיי געזעסן איינער לעבן אַנדערן אַ לאַנגע צייט.

ער האָט געגלייבט, אַז זי וועט אויפשטיין, כדי מתפלל צו זיין — איבער דעם אַלטאַר איז געהאָנגען דאָס בילד פון דער מאַדאָנע; זי האָט געטראָגן דאָס יינגעלע אויף די הענט און זיבן זילבערנע שווערדן האָבן געשטעקט אין איר האַרץ. בײַ אירע טריט זענען געלעגן אַ סך פרישע רויזן, און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט טערעזע זיי געברענגט

אָבער דאָס מיידל האָט צומאָל נישט אַרויפגעקוקט. זי האָט אויסגעזען כלל נישט צו פילן, אַז זי געפינט זיך אין אַ קירך. פראַנק ברוין האָט געטראַכט:

„אָרימע מאַדאָנע, דער נביא האָט דיך דעטראָניזירט".

ער האָט געפילט אַ טיפע באַפרידיקונג, וואָס דאָס אַלץ איז געווען זיין ווערק; די מאַריאָנעטקעס האָבן געטאַנצט און געשפילט אַזוי, ווי ער האָט איינגעזונגען, די פּרווו איז געווען געמאַכט און זי האָט זיך איינגעגעבן ער איז געווען אַ גוטער רעזשיסער און האָט געוואָלט זיין זאַך אויפפירן, אַז ס'זאָל מאַכן אַן איינדרוק אין לצים-טעאַטער פון דער וועלט געשיכטע.

זיין קאָפּ איז געווען אַ גוטע רעקוויזיטן-קאַמער, אַלע מאַסקאַראַדן פון דער געשיכטע זענען דאָרט געלעגן שיין אויפגעשטאַפּלט און איינגעטיילט לויט פעלקער און יאָרהונדערטער. די ראָלן זענען געווען פאַרטיילט, און ער וועט אָנטאָן זיינע ליאַלקעס

אַזוי פאַרביק און ווילד, און וועט איינאָרדנען אַזאַ קאַרנאַוואַל, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס נישט געזען.

טערעזע אָבער מוז דער „סטאַר" ווערן — להכעיס דעם נביא.

און הלמאַי זאָל ער קיין „אַנדערע" נישט נעמען? צי דען איז דאָס געשעפט פון אַ טעאַטער-דירעקטאָר נישט אַזוי גוט, ווי יעדעס אַנדערע? דאָס איז געווען אַ גוט עסק, וואָס וואָלט געקענט טראָגן אַ סך, אַ סך מיליאָנען.

אָך, וואָל די סקאַנדאַל איז געווען פונקט אַזאַ שיינער באַמען, ווי דעלפי און קעוועליר און לורד און וואָל די פאָמפיי: — באַרטאַלאָ לאַנגאָ איז שוין היינט געווען דער רייכסטער מאַן אין איטאַליע און דאָך איז זיין יעמערלעכע גאָטס-מוטער פון פאָמפיי נישט ווערט געווען קיין דריי פראַנק, בשעת ער האָט זי דערוואָרבן! — ער אָבער הייבט דאָ גלייך אָן מיט אַ גאַנצער מחנה בעלי-מופתים און האָט ערשטקלאַסיקע כוחות אין זיין אַגיטאַמבל!

פראַנק ברוין האָט זיך איבערגעלייגט. מ'דאַרף אָפּקויפן דעם גאַנצן טאָל, אַלע הייזער און די גאַנצע ערד. דאָס וואָלט געווען שנעל געמאַכט און וואָלט קוים געקאָסט אַ פּאָר הונדערט טויזנט. און דערנאָך דריי מאָל אַזוי פיל אויף דער רעקלאַמע — אָך, ער וואָלט באַדאַרפט קוים אַ מיליאָן, דאָס וואָלט געקלעקט אויף אַ התחלה.

וואָס אָן אמת, האָט ער אים נישט געהאַט. אָבער ער האָט געהאַט גוטע פריינט, וועלכע זענען געווען גענוג אינטעליגענט, כדי אים צו געבן קרעדיט אויף דערדאָזיקער זאַך. ער וועט גרינדן אַ געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטע האַנדלונגס-רעכט און וועט איר געבן אַ שיינעם טיטול „געזעלשאַפט פון הייליקן יעזוס-האַרץ". און דאָס וואָלט געווען אַ זיכער געשעפט: ער האָט געדאַרפט אויך יידן אַריינציען אין דאָזיקן פאַריין, טיכטיקע לייט, וואָס קענען זיך אויף געשעפט.

דערנאָך זענען געקומען די בנינים. גלייך מיטאַמאָל אַ טוץ גרויסע האָטעלן אויף די רוקנס פון די בערג אין האַלב-קרייז פון

דער אַזיערע. אַכט דייטשישע, צוויי ענגלישע, איין איטאַליעני־שער און איין סלאַווישער. און אפשר אויך איינעם פאַר די פראַנ־צויזן? עך, ניין, דאָס וואָלט זיך נישט רענטירט, די פראַנצויזן זענען געצנדיגער און וואָלטן סיי־ווי־סיי נישט געקומען.

און אַ גאַנצע ריי ריזיקע אכסניות פאַר די עולי־רגלניקעס, און אַזאַ באַזיליקע, אַקעגן וועלכער ס׳וואָלט זיך געמעגט באַ־האַלטן די באַזיליקע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך באַר־טאָלאָ לאָנגאָ. אויך עטלעכע סאַנאַטאָריעס און הערלעכע קליינע געצעלטלעך.

אַרום און אַרום דער אַזיערע וואָלט ער געהייסן אויסהאַקן אין די פעלזן אַ גאַלעריע; וואָלט געשאַפן אַן אַרומקרייזלדיקע סטעזשקע. און אומעטום וואָלטן געפאַנקערט שווימענדיקע באָדי־הייזלעך און די אַזיערע אַליין וואָלט געווען די גרויסע וואַנע און דער הייל־קוואַל פאַר אַלע ליידן.

וווּנדער — — וועגן דעם האָט ער נישט געהאַט קיין דאגה! איי, ס׳האָט ער שוין געהאַט, וואָס הונדערטער מענטשן האָבן עס מיט זייערע אייגענע אויגן געזען! און ווי־פיל וווּנדער האָט דען לורד אין יאָר? אפילו דער מיאוסער שווינדלער פון יענע די פּאָמפּיי האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד! — ווי פיל הונ־דערט מענטשן גלייבן, דאָרט וועלן גלייבן אויך פופציק מיל־יאָן — ער וואָלט בכן יעדע וואָך זיין מופת געהאַט!

מ׳דאַרף לכתחילה אָרגאַניזירן די אינדוסטריע. אַט איז דאָס וואַסער פון דער אַזיערע, וואָס מ׳וואָלט געקענט עקספּאָרטירן, אין אַמבעזייערע מענגעס, עס וועט מיט פינף נולן שלאָגן קאָנקורענץ מיטן וואַסער פון ירדן און פון נאָ־דע־לורד. הייליקע אייבערט־ביימער וועט מען פאַרפלאַנצן אַרום דער באַזיליקע, און יעדעס בלעטעלע איז ווערט אַ קרוין. פלערליי סוווענירן־אַרטיקלען, ווי רויזנקרענץ און אַנדערע ביליקע טאַנדעט־זאַכן פאַר די פּילגער, וואָלט מען געדאַרפט אויפן אָרט אויסאַרבעטן. אויבן לעבן שאַ־סיי, אַ האַלבע שעה גאַנג פון דאָרף, ליגט אויסגעשפּרייט צווישן די פעלזן אַ גראָמער פליין, אויף אַ ברייזנדיקער שטראָם פאַלט

דאָרט. דאָס איז אַלזאָ די וואַסער־קראַפֿט — דאָרט וואָלט מען געדאַרפֿט די פֿאַבריק אויפֿשטעלן. פֿון זאַקסן וואָלט מען אַראָפּגעבראַכט די ווערקמײַסטערס — —

די פּיאַווע אָבער וועט ליפֿערן דאָס עלעקטרישע ליכט פֿאַרן פּילגער־אָרט; זי האָט גענוג קראַפֿט, כּדי צען וואָל די סקאָדראַס צו שפּײַזן. דעם פֿאַרקער מיט דער שטאָט וואָלט באַזאָרגט צו יעדער שעה די אויטאָ־פֿאַרבינדונג — די פּילגער־צוגן וואָלטן, פֿאַרשטייט זיך, געמוזט פֿאַרקומען צופֿוס; דאָס פֿאַרטאָפּלט די שפּאַנונג און איז זייער מסוגל פֿאַר כּלערליי נסים.

און וואָסערע הערלעכע ריווחים! דער באַזוכער וואָלט קיין טריט נישט געקענט מאַכן, נישט עפֿענענדיק דעם טײַסטער. קודם־כּל אַ קור־טאַקסע און אַ פּרײַז פֿאַר יעדן באָד. — אין יעדן הויז פֿרומע צײַטונגען און אָנדענקנס. מ׳וואָלט כּלל נישט געקענט לעבן בחינם אין דער דאָזיקער הייליקער שטאָט, וועלכע האָט געעפֿנט די טויערן צום הימלישן קעניגרײַך.

אָבער דערפֿאַר וואָלט דער עולה־רגלניק אויך עפּעס באַקומען! גרויסע פּראָצעסיעס, וואָס אַנטשפּרעכן דעם געשמאַק פֿון המון, די ברידערשאַפֿט פֿון סעהילאַ בײַ אויפֿגעפּוצט אַלאַ באַרנום און בעלײַ. פּאַסיאָן־שפּילן, ראַפֿינירטע, מיאוסע, צוגעשניטן פֿאַר טריפֿנדיקע טרערן־דריזן; פֿלאַגעלאַנטן־שטיק, לגבי וועלכע ס׳וואָלטן זיך געמוזט באַהאַלטן אַלע הייליקע דערווישן; קאַסטראַטן־כּאָרן, אַזעלכע הערלעכע, אַז אַלעמענס הערצער וואָלטן פֿול געוואָרן מיט גאָטספֿאָרכטיקער התפּעלות.

און אַ שפּילזאַל — — הלמאַי זאָל אויך נישט זײַן קיין שפּילזאַל? איז דען דער ציל נישט געווען אָן אַ שיעור הייליק? צי דען וואָלט די מאַכט פֿון דאָזיקן פֿרומען לאַנד אָפּגעזאָגט צו געבן אַ דערלויבניש פֿאַר אַזאַ צוועק, ווען זי און די קירך וואָלטן די פּראָצענטער באַקומען.

אָן — מיט בײדע הענט וואָלטן זיי זיך אָנגעכאַפּט אָן אַזאַ געלעגנהייט.

און די קירך? אָ, זי וועט מיטן פֿולן מויל זאָגן יאָ און אָמן, און געבן איר ברכה. צי דען האָט אויך באַרטעל נישט גע-

האָט די פֿולע ברכה פֿון דער קירך. און איז ער דען נישט געווען האַר באַ זיך אין הויז? די קירך וועט רוק אויף אַלץ דעם ליבן, ווייבאַלד עס וועט נאָר זיין איבערגעדעקט מיט אַ רוימיש מאַנטעלע, און אויך קליינע אָפּווייכונגען וועט זי קוקן דורך די פֿינגער. אדרבה, די קירך וועט זיך נאָך פֿרייען, אַז זי קען צוהעלפֿן צו אַזאַ הייליק ווערק. און דער בישאָף אַליין וועט אייך שטעלן זיין קליינע ראָל.

וואָס אָנגייט, די הויפּטראָלן זיינען שוין געווען פֿאַרטיילט. ס'איז דאָרט געווען פּיעטראָ, דער נביא, די גרעסטע אַטראַקציע, אַליין שוין ווערט דעם איינגאַנגס־בילעט. און דער שניידער ראַנ־כי — דער מוז אַ וועגן ווערן — מחנת דאָרט ווו אליהו איז, דאַרף אייך קיין וואָרט נישט פֿעלן. דערנאָך דער קנעכט דזשי־ראַלאַמאָ סקיר, וועלכער האָט זיין גאַנץ פֿרומקייט געטראָגן אין אַרבוזישן קאָפּ, און מאַטילדאַ וועניקער מיט. דידאַקטישע פֿייערדיקע אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט מיט גאַנץ פֿאַנאַטיזם פֿון גלויבן, נו, און סיבילע מאַדרוצאַ — ווי גוט איז דאָס, וואָס מ'האָט די דאַמאַלס אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל אַריין קיין אינסברוק. מ'דאַרף איבערברענגען פֿון דאָרטן די פּאַפּירן און אַ באַשטעטיקונג פֿון גלח אין צימענאָ און פֿון דער מאַכט. — ער וועט לאָזן פֿאַרדרוקן אַ קליין ביכעלע מיט דעם שיינעם טיטל:

דרייסיק יאָר געליימט

אָדער

סיבילאַ מאַדרוצאַ,

די פֿרוי פֿון וואַל די סקאַדראַ,

וואָס איז דורך אַ מופֿת געהיילט געוואָרן.

פֿאָרנט איר בילד און הינטן איר בילד: פֿאַר און נאָך דער היילונג — ווי אויף אַ ראַזירער־רעקלאַמע. אַ קראָן אַ שטיק, אָך, מ'וועט עס קענען פֿאַרקויפֿן אין די הונדערטער טויזנטער.

אויך דער יונגער אולפא וועט זיך נאך אנטוויקלען — אין וויפיל טאלאנטן דרימלען נאך אין דעם גאטספארכטיקן געזינדל פון באריגיקן דארף! און דאס איז דאך נישט דאס איינציקע פעלד פאר דעם נאכוואקס — וואס אמאל נייע איבערראשונגען וועלן אים די פילגער-מתנות ברענגען. אך! סארא מאטעריאל! פרומע, היסטעריקער, הייסגלויביקע, עפילעפטיקער, ספירטיסטן, אידיאטן, פאנאטיקער, נערוון קראנקע, מיסטיקער, בעווראכטעניקער — אך א גאנצער שיכט פון דעם טייג, וועלכעס ער וויל קנעטן! די פישעך וועלן אליין ארײַנשפרינגען אין דעם גרויסן קעסל פון וואל די סקאדרא. און זיך קאכן אין ווירעך און הייליקן ווײַן, אין תפילות און געזאנג, אין תעניתים און מלקות. אלע זייערע ארימע חושים וועלן פארשמיסן ווערן, דאס לעצטע ברעקעלע שכל פארטיליקט.

— וואס? — יערע וואך? — יעדן טאג וועט ער האבן א מופת! און זיין דארף וועט ווערן דאס גרעסטע משוגעים-הויז פון דער גאנצער וועלט.

אבער זיין גרעסטער טרומף איז פארט געבליבן טערעזע. זי מוז ווערן א הייליקע, א נביאהטע, אז די רעלפישע פריסטעריגנס זאלן לגבי איר פאר בזיון פארקריכן אין לעצטן שפאלט פון זייער פיטישער מערה. אלע פרומע שווינדלערייען פון דער וועלט-געשיכטע מוזן פון אירע בלאנקע ציין אראפטריפן, און אירע בלויע אויגן וועלן זיין דאס האניק-ליים, אויף וועלכן די גולמעס פון אלע פינף ערד-טיילן וועלן קומען אנצופליען.

ער אבער איז געווען דער גרויסער הערשער איבער אלע משוגעתן פון דער וועלט. ער האט געוואלט מאנאפאליזירן דאס משוגעת, ווי מען מאנאפאליזירט טאבאק, שוועבעלעך אדער אלקאהאל. וואס אן אמת, איז עס א יונגפרוילעך לאנד, קיים באטרעטן פון מיסטישע לאפיטוסן, וועלכע האבן דא באדוויס און בלינד אין דער פינסטער ארומגעטאפט! ער אבער האט געהאט צו הילף כלערליי וויסנשאפטן און די גאנצע חכמה, וואס זיין צייט האט אים געגעבן, און האט געקענט פון איין עק ביזן אנדערן דאסראוויקע געפלדיקע לאנד. ער איינער האט געקענט זיינע אומענדלעכע

אוצרות אַרויסהייבן. אָ, די וועלט איז שיין, און דער גרעסטער שאַרלאַטאַן איז איר קעניג!

— זאָל לעבן קעניג שאַרלאַטאַן! — האָט ער אויסגערופן

זיין שטים האָט פרייליך אָפּגעהילכט איבערן פוסטן קלויסטער; טערעזע האָט זיך דערשראָקן אויפגעכאַפּט.

— וואָס — וואָס איז? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך געכאַפּט. אַך, יאָ, זיי זענען נאָך אַלץ געזעסן אויף די טרעפּ פון אַלטאַר.

— איז דיר שוין בעסער, — האָט ער געפרעגט, — צי קענען מיר שוין גיין?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און איז אויפגעשטאַנען.

— ס'איז מיר שוין בעסער, ס'איז שוין אַלץ צוריק גוט.

זיין בליק איז געפאַלן אויפן רויטן לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ סלופּ אונטערן בילד פון הייליקן פראַנציסקוס.

— צי האָסטו עס באַזאָרגט מיט פרישן בוימל? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי אָפּגעענטפערט — דאָס איז מיין פּאַטראָן.

דאָס איז געווען אַ קלאָגעדיק, האַלב-צעפליקט אייל-בילד. די מאַדאָנע אין אַ קרוין, און מיטן קינד אויף דער האַנט באַווייזט זיך צו פראַנציסקוסן פון אַסיזי און באַשענקט אים מיטן חסד פון די סטיגמאַטן. כדי דאָס אַלץ צו ווייזן, זיינען די פּאָזיציע פון הייליקן געווען העכסט קאָמפּליצירט, עפּעס אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע פון שטיין, פאַלן און שוועבן. אויף ביידע הענט און פיס האָט ער געהאַט די סטיגמאַטן און דערצו איז נאָך אין זיין ברוינעם פראַנטשישקאַנער-קיטל געווען אַ לאָך אויסגעשניטן, כדי מ'זאָל אויך קענען זען די וווּנד אין דער זייט.

— ער איז דיין פּאַטראָן? — האָט ער איבערגעחזרט פאַרטראַכטערהייט — ער, וואָס טראָגט די סטיגמאַטן? — ער האָט אַ

קוק געטון אויף איר און אין דער רגע פארשטאַנען, וואָס פאַר אַ ראָל זי דאַרף שפּילן אין זיין גרויסן שוישפּיל. אַ מין עזות האָט אים אַרומגעכאַפּט און אַ גרויסע לוסטיקייט; ער איז שנעל צוגעגאַנגען צום בילד.

— הייליקער פראַנץ פון אַסיזי, — האָט ער געזאָגט. — כ׳דאַנק דיר פון גאַנצן האַרצן פאַר דעם הערלעכן געזאַנג, וואָס דו האָסט מיר אָקאָרשט געשאָנקען. דו ביסט באמת אַ גוטער הייליקער, וואָס באַלוינט פאַר שלעכטס מיט גוטס. מיר זענען דאָך גוטע באַקאַנטע, דו און איך, מיר זענען דאָך עפּעס געווען שכנים אין מיין געבורט-שטאָט באַם רהיין: די מויערן פון דיין קלויס-טער-גאָרטן זענען געשטאַנען באַם גאָרטן פון מיין מוטער. און דו ווייסט גוט, ווי שלעכט מיר יינגלעך זענען תמיד געווען צו דיר און וואָסערע שפּיצלעך מיר האָבן אָפּגעטון דיינע הייליקע פאַ-טערס. מיר האָבן זיך צוגעפּגעשטעלט לאַנגע ווידויים, און וועלכע מיר האָבן אָנגעבלאָפט פאַר די גוטע פאַטערס וועגן כלערליי פאַר-ברעכנס און רציחות. מיר האָבן זיך די הענט געוואַשן אין דיין געהייליקטן וואַסער, אָבער מיר האָבן דאָרט אַריינגעוואָרפן זשאַ-בעס און דיקע פּיאַווקעס. און בשעת דער פאָטער ציפּריאַן און דער פאָטער באַרנאַבאַס און די אַנדערע האָבן אין גאָרטן אַרומגע-וואַנדלט מיטן רויזנקראַנץ אין דער האַנט, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן און מאַכן קולות און זיי מיט קאַרטאָפל באַוואָרפן. אָבער ווען זיי זענען נישט געווען אין גאָרטן, האָבן מיר זיי באַגנבעט די קאַרשן, עפל און ווייַנטרויבן — און מיר דאַכט זיך, אַז ס׳האָט גאָרנישט דערלעבט קיינמאָל עפּעס צייטיק צו ווערן אין דאָזיקן שיינעם גאָרטן. זיי האָבן אונדז אויסגעזידלט, געכעסט זיך און אונדז נאָכגעלאָפן — אָבער אין דיינע ברוינע מלבושים, הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיזי, קען מען אַזוי שוואַך לויפן! — אַך, קיין שום אויבסט האָט מיר נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געשמעקט, ווי דאָס, וואָס איך האָב פון דיין גאָרטן געגנבעט. — אָבער איצט, זעסטו, וועל איך עס שוין קיינמאָל נישט טון, קיינמאָל נישט, דאָס זאָג איך דיר הייליק צו אויס דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס דו האָסט עס מיר נישט נאָכגעטראָגן און ווייל דו האָסט מיר געזאָגט,

וואָס כ'האָב צו טאָן מיט אָט דעם מיידל, וואָס געפינט זיך אונטער דיין הייליקן שוץ.

ער האָט געהערט מיט הכנעה און יראת־הכבוד, און דאָס מיידל האָט בכלל נישט באַמערקט, ווי דער חוזק האָט אונטער די וועכטער לוסטיק געצאַפּלט.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט זי געפרעגט.

— עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו דיר, — האָט ער געענטפערט, — איך וועל עס דיר שוין זאָגן. — ער איז אַ גוטער הייליקער און איך בין תמיד אַזוי שלעכט געווען צו אים.

ער איז צוגעגאַנגען צום לעמפּל אין אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

זי האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס טוסטו?

אָבער ער איז געבליבן ערנסט.

— ער דאַרף שלאָפן. צי דען מיינסטו, אַז ער וועט נישט מיד, וואָס עס ברענט זיך אַזוי תמיד אונטער אים דאָס ליכט?

ער האָט אָנגענומען איר אָרעם און זי אַרויסגעפירט פון קירך, אָבער בײַ דער טיר איז זי שטיין געבליבן.

— נײַן, — האָט זי פּעסט געזאָגט — אַ הייליקער קען נישט מיד ווערן. און דאָס איז נאָר זיין בילד. און דאָס אייביקע לעמפּל ברענט פאַר זיין כבוד וועגן, כ'בעט דיך, לאָז מיך עס נאָכאַמאָל אָנצינדן.

ער האָט זיך בראָגעדיק געלאַכט.

— כ'האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי איבערגעקלערט.

ער האָט איר דערלאַנגט שוועבעלעך, זי איז צוגעלאָפן און צוריק אָנגעצונדן די קנויט. דערנאָך איז זי צוריקגעקומען.

— פאַרוואָס האָסטו נישט אַריינגעלאָזן פריש וואַסער אין כיור? — האָט ער געפרעגט.

אָבער זי האָט צוריקגעוואָרפן:

— און ווער וואָלט עס געהייליקט?

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. די גאַס איז געווען שטיל און פון אַמעריקאַנערס

שפּעט האָבן נאָך אַלץ אַהערגעשאַלט די געמישטע קלאַנגען פֿון מוזיק און געזאַנג. בשעת זיי זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויף די שטיגן, האָט ער געפֿרעגט:

— קענסטו דאָס לעבן פֿון דער הייליקער, וועמענס נאָמען דו טראָגסט?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— גיי אין דיין צימער אַריין, — האָט ער געזאָגט, — טו זיך אויס און לייג דיך אין בעט אַריין. — איך וועל באַלד אַריינקומען צו דיר.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין שלאָפֿצימער, אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די מלבושים, זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן די פּיזשאַמע. נאָכדעם האָט ער אַנידערגעקניט פֿאַרן שטערן ביכער-קופּזרט, ים אויפֿגעעפֿנט און לאַנג דאָרט אַרומגענישטערט. צו לעצט האָט ער געפֿונען, וואָס ער האָט געזוכט — אַ דיק בוך און עטלעכע העפֿטן. ער האָט זיי אויפֿגעעפֿנט, געבלעטערט אַ ביסל און געשאָקלט באַפֿרידיקט מיטן קאָפּ. דערנאָך איז ער אַריין צו איר.

אין איר צימער איז געווען טונקל.

— דו האָסט נישט קיין ליכט? — האָט ער געפֿרעגט. ער האָט געפֿונען זיין לאָמפּ, צוגערוקט אַ שטול צום בעט און אים אַוועקגעשטעלט אויף איר. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צו איר אויפֿן בעט.

זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט געבראַכט ביכער און האָט אַ זיפֿץ געטאָן. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס צו אים.

— קום אַהער, — האָט זי געפֿליסטערט — איך בין אַזוי מיד.

— ווילסטו נישט אויסהערן, וואָס איך וויל דיר דערציילן? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט געהאָרכיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גוט, גוט, דערצייל.

זי האָט גענומען דאָס דיקע בוך און נייגעריק סילאַביזירט

דעם טיטול: „Acta sanctorum“. ווילסטו מיר דערפון פאַרלייענען?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט. — כ׳וויל דיר דערציילן וועגן דער הייליקער טערעזע, וועמענס נאָמען דו טראָגסט. וועגן איר און וועגן אַנדערע פרומע פרויען.

זי האָט געגלעט זיין האַנט.

— ווילסטו נישט ליבערשט עפּעס זינגען?

— ניין, — האָט ער געזאָגט. — ס׳גלוסט זיך מיר נישט זינגען. מ׳דאַרף נישט זינגען אין וואָל די סקאַדראַ, ניידן די לידער, וועלכע ס׳זינגט דער אַמעריקאַנער. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ קליין העפטל.

— צי האָסטו אַמאָל געהערט פון לויזע לאַטאָ?

— ניין, — האָט זי אָפּגעענטפערט און געזיפצט. זי האָט זיך נאָך אַלץ אָפּגעוואָרט צו רעדן מיט אים וועגן הייליקע זאַכן.

אָבער ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט.

— אָבער דו קענסט גוט דאָס בילד פון הייליקן פראַנציסקוס? — האָט ער פאַרגעזעצט. — און ווייסטו, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר? דעם מאָמענט אין לעבן פון דעם הייליקן מאַן, אין וועלכן ס׳באַווייזט זיך צו אים די הייליקע מוטער און אין וועלכן ער באַקומט די סטיגמאַטן פון יעזוס.

— יאָ, איך ווייס — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

— אַלזאָ גוט, מיטן דאָזיקן גרויסן חסד האָט גאָט באַשאָנקען נישט נאָר אים אַליין, נאָר אויך אַ סך אַנדערע גליקלעכע הערצער, איבערהויפּט אָבער פרומע פרויען. די סטיגמאַטן האָבן געטראָגן מאַריע פון מערל און קאַטאַרינאַ עמעריך פון דילמען; די לעצטע אָבער, וועמען דעם דערציילער האַנט האָט באַצייכנט מיט זיינע סטיגמאַטן, איז געווען די יונגפרוי לויזע לאַטאָ פון בויס ד׳הען אין פלאַנדריע.

ער האָט דערציילט מיט אַ שטילער צערטלעכער שטים, נאָר פלעגט פון צייט-צו-צייט כאַפּן אַ בליק אין בוך. ער האָט געהאַלטן איר האַנט און געפילט, ווי איר ווידערווילן פאַרשווינדט;

זי האָט זיך ערנסט איינגעהערט, און ביסלעכווייז האָט זיך צוריקגעקערט די שטילע מיסטישע שטימונג, וועלכע האָט זי דורכגעשוידערט מיט אַ מאָדנעם תענוג, בשעת זי פֿלעגט זיצן בײַ די פֿיס פֿון גלה.

דערדאָזיקער זיסער, קלינגענדיקער נעפּל, וועלכן זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט אַריינגעאָטעמט אין זיך.

ער האָט איר דערציילט פֿון יאָאַנע דעזאָנוש, פֿון דער שוועסטער קאַטרעי און פֿון מאַרגאַריט אַלאַקאָק, וועלכע האָט געגרינדעט דעם קולט פֿון הייליקן יעזוס־האַרץ. ער האָט איר דערציילט, ווי זי איז געליימט געווען און איז אויסגעהיילט געוואָרן דורך אַ נס, ווי היינט סיבילאַ מאַדרוצאַ אַז איר לעבן איז געווען רייך געבענטשט מיט פֿרומע וויזיעס, ווי דאָס לעבן פֿון דער הייליקער טערעזע, פֿאַר וועלכער ס'זענען שוין אויף דער ערד אָפֿן געווען אַלע זיבן הימלען.

— וואָס איז אַזוינס אַ וויזיע? — האָט דאָס מיידל שטיל געפֿרעגט.

און ער האָט געענטפֿערט:

— איך קען עס דיר נישט דערקלערן מיט מײַנע ווערטער מחמת דו וועסט זיי נישט פֿאַרשטיין. איך וועל דיר פֿאַרלייענען וואָס ס'זאָגט וועגן דעם די הייליקע, וועמענס נאָמען דו טראָגסט.

„עס טרעט איין אַ שלאָף פֿון אַלע נשמה־כּוחות, וועלכע פֿאַרלירן זיך נישט אינגאַנצן, אָבער האָבן אויך נישט דאָס באַוווּסטזיין פֿון זייער טעטיקייט. עפּעס אַ פֿריידפֿולע התעוררות, אַ מין ליבלעכקייט און תענוג כאַפּט אַרום די נשמה, זי קען שוין נישט ווייטער גיין, אָבער זי ווייסט אויך נישט, ווי אַזוי זי זאָל צוריקקומען. זי באַרט די גרויסע הערלעכקייט צו געניסן, זי איז געגליכן צו אַ גוסס, וועמען מ'האָט שוין געגעבן דאָס ליכט אין דער האַנט אַרײַן און וועלכער וואַרט נאָר, אַז דער אויסגעבענקטער טויט זאָל שוין אָנקומען; זי עמפּפֿינדט אין דעראָזיקער [illegible]ראַנגלעניש דעם העכסטן עונג, וואָס מ'קען נאָר אויסדריקן. עס קומט מיר פֿאָר, ווי עפּעס אַ לחלוטנדיק אָפּשטאַרבן פֿאַר אַלע זאַכן פֿון דער וועלט, און די נשמה ווייסט נישט, צי זי זאָל דאַן רעדן

אָדער שווייגן, לאָזן אַלעס ווייטער דאָס איז אַ מין שגעון פֿול הערלעכקייט, אַ הימלישע גערונג, און פֿאַר דער נשמה אַ צושטאַנד פֿון וואונדערפֿולער מנוחה.

ער האָט איבערגעריסן דאָס לייענען:

— פֿאַרשטייסטו, וואָס די הייליקע זאָגט, טערעזע? — קענסטו דיר פֿאָרשטעלן דעמדאָזיקן צושטאַנד?

אירע אויגן זענען געווען געשלאָסן, אָבער זי האָט זיי פּאַ-מעלעך געעפֿנט און אים פֿאַרשמאַכט אָנגעקוקט.

— יאָ — האָט זי געשעפּטשעט, — דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי — ווי בשעת איך ליג אין דײַנע אָרעמס — —

ער האָט לײַכט געגלעט אירע באַקן.

— און דאָך, טערעזע — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — איז דאָס אַלץ ערשט קוים דער אָנהייב. דאָס גליק פֿון דער נשמה, אַלס געליבטע אין קריסטוסעס אָרעמס צו ליגן, איז אַ סך גרעסער ווי אַלץ, וואָס מענטשן קענען געבן.

— און וואָס זעט מען? — האָט זי געפֿרעגט.

און ער האָט געענטפֿערט:

— אַ, ס'איז אַזוי שווער צו זאָגן. הער דיך צו, וואָס אַננאַ קאַטאַרינאַ עמעריך וועלכע האָט אויך געטראָגן די סטיגמאַטן פֿון לעמעל, דערציילט וועגן דעם.

ער האָט גענומען אַן אַנדער העפֿטל, אויפֿגעמישט עטלעכע בלעטלעך און געלייענט:

„כ'האָב געזען אַן אַ שיעור זאַכן, וועלכע לאָזן זיך מיט מײַן ווערטער נישט אויסדריקן, און ווער וואָלט געווען בכּוח צו דערציילן וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען אַנדערש, ווי מיט די אויגן? — אָך זע דאָס נישט מיט די אויגן, נייערט עס דאַכט זיך מיר, אַז כ'זע עס מיטן האַרץ, דאָ אינמיטן דער ברוסט; און דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר אויך ווייטיק אין דאָזיקן אָרט." — קענסטו דאָס משיג זײַן, טערעזע, אַז מ'קען זען מיטן האַרץ און נישט מיט די אויגן?

— אָ, יאָ, — האָט זי שטיל געזאָגט. — איך באַגרײַף עס זייער גוט. ווען כ'ליג אַזוי שטיל באַנאַכט און אַרום איז אַלץ

פינסטער, זע איך דיך פונדעסטוועגן. איך פיל דאָן, אַז דו ביסט דאָ, אַז דו לעבסט אין מיין ברוסט. — טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז צוויי הערצער קלאַפּן דאָ.

ער האָט זי אָנגעקוקט כמעט מיט פאַרוואורף.

— מוזסטו דען תמיד באַר וועגן מיר טראַכטן, טערעזע? — די פרויען, פון וועלכע כ'דערציי̆ל דיר, האָבן נישט געטראַכט וועגן קיין שום מאַנסביל, באַר וועגן גאָט אַליין.

— דאָס זענען געווען הייליקע — האָט זי זיך אומדרייסט פאַרענטפערט. — דער הייליקער גייסט האָט גערוט אין זיי.

— און פּוניוואַנען ווייסטו — האָט ער געזאָגט — אַז ער וויל אין דיר נישט רוען? צי מיינסטו, אַז גאָט וועט באַ דיר פרעגן אַ היתר? אַזוי זאָגט די הייליקע טערעזע: „גאָט קומט, ווען ער וויל, אָפּן און אָן אונדזער מיטווירקן. און ווען מיר זאָלן זיך אפילו ווערן אַנטקעגן אים. פאַרכאַפּט ער אונדזער גייסט, פּונקט ווי אַ העליש פייער פאַרשלינגט אַ קליין שטרויעלע; דאָס שטעלן אים אַ ווידערשטאַנד העלפט גאָרנישט. ווער וואָלט געקענט טראַכטן אַז גאָט, אויב ער וויל עפּעס, וועט ערשט וואַרטן, ביז די ערד אויפגעבלאָזענער וואָרם וועט אַליין צו אים אַרויפפליען“.

זי האָט זיך דערשראָקן, און אַ פחד איז געלעגן אין איר שטים:

— איך בין פול מיט זינד — — האָט זי געשעפּטשעט. — צי גלייבסטו, אַז ער וואָלט דאָך געקענט צו מיר אַראָפּנידערן?

— יאָ, איך גלייב דערין — האָט ער ערנסט געזאָגט — צי האָט דען גאָט נישט אַראָפּגעשיקט אליהו הנביאס גייסט אין פיעטראָ באָסקלערס נשמה אַריין? דאָס ספר „ילקוט ראובני“ לערנט אונדז, אַז די נשמות פון ביינהונדערט און פיראונזיבציק דורות זענען אַריין אין לבנס שאָף; פון דאָרטן זענען זיי צוריקגעקומען אין מענטשלעכע גופים אַריין — דעריבער איז ישראל אַזוי פרוכטבאַר געווען אין מצרים. און גאָט האָט חסד רוט באַשיינפערלעך אויף וואָל די סקאַדראַ, אַז, ווער ווייסט אויב דיין הייליקע ווערט נישט לעבעדיק אין דיר?

דאָס בילד פון דער פאַרזאַמלונג איז ווידער אויסגעוואַקסן פאַר

אַנדערע אויגן, און די גאַנצע מנוחה האָט זי פאַרלאָזט. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן, זי האָט ווידער געזען דידאָזיקע ווילדע, האַלב־נאַקעטע מענטשן מיט די בייטשן און ריטער, זי האָט געזען די בלוטיקע וווּנדן אין רויטן שיין פון די פעך־שטורקאַצן —

זי האָט אָבער אויך געזען סיבילאַ מאַדרוצאַ, ווי זי האָט זיך פאַמעלעך אויסגעגלייכט, ווי זי איז געוואַקסן און זיך אויפגעהויבן אַ געהיילטע דורך אַ שוידערלעכן נס, און געבליבן שטיין מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע —

— דערציי וויטער, — האָט זי האַסטיק געבעטן — דערצייל וועגן די פרומע פרויען.

און ער האָט גערעדט ווייטער:

— צו דער הייליקער קאַטאַרינאַ פון סיענע איז איינמאָל אַנטקעגנגעקומען דער דערלייזער און האָט געזאָגט: „איך וועל אָנפילן דיין לעבן מיט אַזעלכע איבעראַשנדיקע וווּנדער, אַז די אומוויסנדיקע און מגושמדיקע מענטשן וועלן זיך אָפּזאָגן צו גלייבן אין זיי; איך וועל באַצירן דיין נשמה מיט אַזאַ שפע פון חסד, אַז אַפילו דיין גוף וועט שפּירן די ווירקונג דערפון און וועט זיך נאָר אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן דערהאַלטן בײַם לעבן!" און די הייליקע האָט אין משך פון אַ סך יאָרן, ביז צו איר טויט, נישט גענומען קיין שום שפּייז און קיין שום געטראַנק: דאָס ליכט פון דערלייזער אַליין האָט זי דערנערט. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט לודוויגע לאַטאָ — זי האָט נאָר געלעבט מיטן הייליקן סאַקראַמענט, פאַראַכטנדיק יעדע אַנדערע ערדישע שפּייז. יעדן פרייטיק פלעגן איר בלוטיקן די הייליקע וווּנדן: אַרום דעם שטערן, אויף דער לינקער זייט, אויף די הענט און פיס. דערנאָך האָט זי געזען גאָט, און זי דערציילט אַזוי: „עס נעמט מיך דאָן אַרום אַזאַ גרויס געפיל פון גאָטס זיין, אַז כ'ווייס נישט ווי כ'זאָל מיך צוהיטן; איך זע אים אַזוי גרויס, און מיך אַזוי קליין, אַז איך ווייס נישט, ווי כ'זאָל מיך פאַרבאַרגן. און איך זע אַ העל ליכט, אָבער דאָס איז נישט קיין ליכט, וואָס באַרירט די קערפּערלעכע וווּנדן, עס באַרירט די נשמה, אַ שטייגער ווי אַ בליץ; דאָס איז אַ ליכט, וואָס מ'זעט נישט זיין סוף און, וואָס ווייזט מיר

די גרויסקייט פון גאָט און מיין נישטיקייט. איך געפין מיך ניט אין אַן אַנדערער וועלט; דאָסזעלבע ליכט, וואָס טיילט מיך אָפּ פון די אויסערלעכע זאַכן, פאַראייניקט מיך מיט גאָט אָן אי־בעריס אין צייט און רוים. זי האָט געזען דעם ערלייזער, זיינע קליידער, זיינע וווּנדן, זיין דערנער־קרוין און דעם קראַנץ; זי האָט אים געזען קניען און פאַלן אונטערן קרייץ, זי האָט געזען, ווי די תליינים האָבן אים צוגעשלאָגן צום קרייץ. און זי האָט מיטגעליטן מיט אים און זיך צוזאַמען מיט אים געראַנגלט אין דער גסיסה. דערנאָך אָבער, ווען זיין לעצטער זיפץ איז פאַרפלויגן, האָט זי געזען, ווי ס'האָבן זיך פונאַנדערגעעפנט די וואָלקנס און ווי דער פאָטער האָט זיין זון, ווי אין אַ ים פון הימ־לישער ליכטיקייט, אין די אָרעמס איינגעשלאָסן".

טערעזעס אויגן האָבן געלויכטן.

— דאָס האָט געמוזט הערלעך זיין — האָט זי געזאָגט.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס איז דאָס גרעסטע גליק, וואָס קען מיט אַ מענטש געשען — האָט ער פאַרגעזעצט. — און דאָס וווּנדערלעכסטע איז דאָס, וואָס דער שרעקלעכסטער ווייטיק פאַרוואַנדלט זיך אין העכסטן עונג. — ווייסנדיק דאָס, וועסטו פאַרשטיין, אַז די ביי־טשונגען פון פּיעטראָן און די אַנדערע זענען נישט קיין יסורים, נאָר אַ תענוג פאַר זיי. דו קענסט דאָך זיי אַלע און באַגרייפסט גאַנץ גוט, אַז זיי וואָלטן זיך אַליין נישט געכאַפּט פאַר די דער־נער, ווען גאָט וואָלט זיי דערצו נישט געטריבן! אָט דאָ לייען, וואָס די מוטער פון הייליקן יעזוס־האַרץ מאַריע מאַרגעריט אַלע־קאָק באַריכטעט וועגן דעם תענוג פון די יסורים.

ער האָט אויפגעעפנט און איר דערלאַנגט דאָס בוך. זי האָט גענומען דאָס בוך און פּאַמעלעך געלייענט:

„זיכער איז, אַז ווען נישט דער קרייץ און דער הייליקער סאַקראַמענט, וואָלט איך נישט געקענט לעבן און אַריבערטראָגן מיין לאַנגן גלות אין דאָזיקן טאָל פון טרערן. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין לינדערונג פאַר מיינע יסורים, מחמת וואָס מער מיין קערפּער איז דורך זיי געפּייניקט געוואָרן, אַלץ מער

האָט זיך נעפרייט מיין גייסט און אַלץ מער האָט ער פון דער פרייהייט גענאָסן, זיך מיט מיין ליידנדיקן יעזוס צו פאַרייניקן. דער האַר פון מיין נשמה האָט זיך קיינמאָל ניט דערווייטערט פון זיין אומווערדיקן קרבן, הגם ער האָט געקענט זיין שוואַכקייט און זיין אומאַהאָלפנקייט. טייל מאָל פלעגט ער זאָגן צו מיר: „איך וויל דיר אַרויס גרויס כבוד, מיין ליבע טאָכטער, דערמיט, וואָס כ'באַנוץ מיך מיט אַזעלכע איידעלע מכשירים, כדי דיך צו קרייציקן. מיין איבעריקער פאָטער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די הענקערס, כדי מיך צו קרייציקן, און איך באַנוץ צום דאָזיקן צוועק געהייליקטע פּריסטער, און איך וויל, אַז די וועלסט פאַר מיין דערלייזונג מקריב זיין דיינע אַלע ליידן." — אַזוי האָט גערעדט דער האַר. — און פון יענער צייט אָן רעד איך וועגן גליק פון ליידן מיט אַזאַ צופרידנקייט, אַז עס שיינט מיר, כ'וואָלט געקענט גאַנצע ביכער אָנשרייבן און וואָלט אַלץ נאָך ניט געהאַט מיין פאַרלאַנג באַפרידיקט."

ער האָט איר צוגענומען דאָס בוך.

— זעסטו, אַזוי וואַקסט אויס פון די ליידן דאָס העכסטע גליק; אָבער ווי אַזוי דאָס געשעט, קען קיינער ניט זאָגן. העכער פון יעדן מענטשלעכן תענוג און נחת ליגט דאָס דאָזיקע גליק; דאָס התיחדות מיט גאָט. ווער עס דערקענט דעם דאָזיקן תענוג, דער רוט אין גאָט און איז גאָט אַליין. בשעת די פרומע שוועסטער קאַטרינע איז אַזויערנאָך געוואָרן גאָט, איז זי געקומען דערצו, אַז זי האָט פאַרגעסן יעדע ענדלעכקייט און האָט זיך אויפגעהויבן אַזוי הויך איבער זיך אַליין און איבער יעדן באַשעפעניש, אַז זי איז אַזוי דריי טעג נאָכאַנאַנד געלעגן, און מ'האָט זי שוין געהאַלטן פאַר אַ געשטאָרבענע, דערנאָך ערשט איז זי צו זיך געקומען און געזאָגט: „אָ, בין איך, אָרימע, ווידער דאָ?" וואָס זי האָט אָבער דורכגעלעבט, דאָס האָט זי ניט געקענט פאַר קיין שום מענטש דערציילן! — — האָלסטו ניט געוואָלט אַזאַ גליק דורכלעבן, טערעזע?

זי האָט ווידער געזיפצט.

— איך בין אַזוי פול מיט זינד — —

אָבער ער האָט איר איבערגעריסן:

— ס'איז גאָר דאָ איין זינד קעגן גאָט.

— גאָר איינע? — האָט זי געפרעגט. — און וועלכע איז די דאָס?

— נ י ש ט א י ן ג אָ ט צ ו ז י י ן. דאָס איז די איינציקע גרויסע זינד. ווען דו זאָלסט זיין אין גאָט, ווי די הייליקע טערעזע און קאַטאַרינאַ לויזע און מאַרגערעט און קאַטרעי און נאָך אַזוי פיל אַנדערע פרומע פרויען — וואָלסטו געווען פריי פון אַלע זינד במשך פון דער דאָזיקער קורצער צייט. ווען די דאָזיקע צייט גייט אָבער פאַרביי און דו וואַנדלסט ווידער אַרום אויף דער ערד און ביסט ווידער אַ מענטש, דאַן איז שוין דאָס אַ גרויסע זינד, און נישט גוט טוסטו, בשעת דו שיידסט אונטער צווישן דער און יענער זינד, וועלכע קען זיין גרעסער אָדער קלענער, מחמת זיי אַלע פאַרשווינדן אין ריזיקן ים פון דער איינער גרויסער זינד: נ י ש ט א י ן ג אָ ט צ ו ז י י ן. — אָבער דו וועסט עס נישט פאַרשטיין און נישט עמפינדן, כּל־זמן ס'וועט דיך נישט אַמאָל אָפּריסן גאָטס האַנט פון דער דאָזיקער ערד און דיך אַוועקטראָגן אין פייערדיקן שטורעם פון זיין הערלעכקייט.

— איך פאַרשטיי עס נישט, — האָט דאָס מיידל פאַרחלומט געזאָגט, — אָבער כ'גלייב, אַז כ'וואָלט עס געקענט עמפינדן.

— ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געגלעט.

— ס'איז אַזוי שווער וועגן דעם צו רעדן — האָט ער געזאָגט — דיין שפּראַך איז נישט מיין שפּראַך און דיינע ווערטער זיינען נישט מיינע ווערטער.

ער האָט פּלוצלינג איבערגעריסן:

— אָ, ניין, טערעזע, איך מיין נישט די דייטשישע שפּראַך. אָבער זעסטו, די וועלט, אין וועלכער דו לעבסט, האָט אַן אַנדערע שפּראַך ווי די, פון וועלכער איך קום אַרויס. די ווערטער זעגען טאַקע אומעטום די זעלבע, אָבער מיר זאָגן אַרויס מיט די זעלבע ווערטער עפּעס אַנדערש. ווי איר פאַרשטייט אין זיי. צוליב דעם האָב איך גענומען די ביכער און דיר פאַרגעלייענט, וואָס עס האָבן געזאָגט די פרויען, וואָס רעדן מיט דער שפּראַך פון דער

קינד, וועלכע האָט דיר אויך דיין גאַנץ לעבן אין די אויערן געקלונגען. אַזוי, האָב איך געמיינט, וועסטו דאָס אפשר פאַרשטיין.

זי האָט אויפגעהויבן די אָרעמס און זיי פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז.

— געליבטער, — האָט זי געזאָגט, — רעד דו אין דיין שפּראַך, אויב כ׳וועל עס אפילו נישט פאַרשטיין, וועל איך עס אָבער דערפילן און הייס אַרומנעמען אין מיין ברוסט! — געליבטער — איך ווייס, אַז דו לעבסט שוין אין מיר!

ער איז געזעסן שווייגנדיק, געקוקט פאַרחלומט אין דער לופטן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן:

— איינער פון מיינע אבות האָט כסדר געזוכט דאָס העכסטע גליק, און האָט אויפגעבויט אין זיין האַרץ אַ הערלעכן טעמפּל פאַר דער גאָטהייט, אָבער ער האָט פאַרגעסן, אַז מ׳קען נישט מורד זיין אין טייוול, וועלכער איז אַ טייל פון אייביקן גאָט. און דער טייוול האָט זיך נוקם געווען און צעקלאַפּט דעם יונגן גוף פון דעם אָרימען שוטה, און זיין שיינע נשמה אַוועקגעגעבן די גאַסן־יונגען צום געשפּעט. הער, טערעזע, וואָס ער האָט געזונגען.

זיין שטים האָט געציטערט, און ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיין נשמה האָט זיך איינגעהילט אין דעם זיסן הימן פון גאַוואַלסן. ער האָט גערעדט מיט התלהבות:

„ווייניק מענטשן ווייסן
דעם סוד פון ליבע,
פילן אומדערזעטלעכקייט
און אייביקן דורשט.
די געטלעכע באַדייטונג
פון לעצטן אָוונטמאָל
בלייבט אַ רעטעניש פאַר די חושים, די ערדישע;
אָבער ווער ס׳האָט אַמאָל
פון הייסע, געליבטע ליפּן
דעם אָטעם פון לעבן געזויגן,
ווען דאָס הייליקע פייער

האָט אין ציטערדיקע כוואַליעס דאָס האַרץ צעשמאָלצן,
ווען די אויגן האָבן זיך געעפֿנט,
אַז ער האָט דעם הימלס
אומדערגרינטלעכע טיפֿקייט דערזען,
דער וועט עסן פֿון זיין לייב
און טרונקען פֿון זיין בלוט
אייביק.
ווער האָט דעם הויכן זין
פֿון ערדישן לייב דערקענט?
ווער קען זאָגן,
אַז ער דאָס בלוט פֿאַרשטייט?
איינס זענען אַלע לייבער,
איין לייב
אין הימלישן בלוט
שווימט דאָס הייליקע פּאָר. —
אָ, זאָל דער וועלט־ים
פֿון בלוט ווערן רויט!
און זאָל אין דופֿטיקן קערפּער
דער פֿעלז אויפֿקוואַלן!
קיינמאָל ענדיקט זיך די זיסע סעודה,
קיינמאָל זעטיקט זיך די ליבע ־ישט:
קיינמאָל נישט גענוג האַרציק, קיינמאָל נישט גענוג פֿולקאָם
קען זי האָבן דעם געליבטן:
צאַרטערע ליפּן
פֿאַרוואַנדלען דאָס גענאָסענע,
האַרציקער און נאָענטער,
אַלץ הייסערע לוסט
יאוידערט דורך די נשמה,
דורשטיקער און הונגעריקער
ווערט דאָס האַרץ:
און אַזוי דויערט דער ליבעס־גענוס
פֿון אייביקייט צו אייביקייט.

אַ, וואָלטן די ניכטערע
זי אײנמאָל פּאַרזוכט,
אַלץ וואָלטן זײ פאַרלאָזט
און געזעצט זיך
צום טיש פון דער בענקשאַפט,
וואָס ווערט קײנמאָל נישט לײדיק,
זײ וואָלטן די אומענדלעכע פולקײט
פון דער ליבע דערקענט
און געריכט די נאָרונג
פון פלײש און בלוט".

ער האָט גערעדט — אָבער דאָס איז געווען אַ זיס געזאַנג. שטילע ווערטער זענען געפלאָסן פון זײנע ליפּן — אָבער זײ האָבן אַרײַנגעטריפט אויף אירע הענט, ווי דער הײסער ריח פון לינדן-בלימען. און איר ברוסט האָט געציטערט, און אירע אויגן האָבן דערזען אַ זילבערן ליכט.

— וואָס פילסטו? — האָט ער געפרעגט.

און זי האָט שטיל געזאָגט:

— דאָס איז אַזוי, ווי די נשמה וואָלט וועלן אױפפליען אין די אָרעמס פון געליבטן.

— יאָ — האָט ער באַשטעטיקט, — עס קען אפשר אזוי זײן!

ער האָט ראַש געקושט אירע בײדע אויגן און געזאָגט:

— אַזוי, און איצט קענסטו שלאָפן!

ער האָט שנעל אַנגענומען איר לינקע האַנט און לײכט געגלעט מיטן פינגער דאָס היפּנאָטישע אָרט אונטערן גרויסן פינגער.

זי האָט זיך געווערט — אַ סעקונדע נאָר; דערנאָך איז זי אײנגעשלאָפן. ער האָט איר שנעל צוגעמאַכט די אויגנלעפּלעך.

ער האָט אָנעקגעלײגט די ביכער און זיך געזעצט אויף איר

בעט. אַ ווײַלע איז ער געזעסן אָן באַוועגונג, איבערלייגנדיק זיך און טרוימענדיק —

— יאָ, — עס וועט גיין, — האָט ער זיך אויסגערופן — עס מוז גיין.

ער האָט זיך שנעל אַריבערגעבויגן איבער איר און אונטערגעהויבן איר קאָפּ. ער האָט איר אַרונטערגערוקט אַלע קישנס צוקאָפּנס אַזוי, אַז זי זאָל הויך ליגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט צו איר:

— הערסטו מיך, טערעזע?

זי האָט אָפּגעמורמלט:

— יאָ.

ער האָט צוגערירט זיין מויל האַרט צו איר אויער. ער האָט גערעדט שעפּטשענדיק, גיך און באַטעלנדיק, האָט אָפּט איבערגעחזרט זיינע זאַצן, זיי געזאָגט נאָכאַמאָל פּאַמעלעכער און פעסטער. דערנאָך האָט ער ווידער איבערגעריסן מיט אַ פראַגע:

— הערסטו מיך? — אָדער: — ווייסטו דאָס שוין?

און זי האָט אַלץ כסדר געענטפערט מיט איר אויסגעלערנטן געהאַרכזאַמען „יאָ".

טיילמאָל האָבן זיך צעשמייכלט אירע ליפּן, דאָ ווידער זיך פאַרצויגן מיט שרעק און אימה. אָבער איר „יאָ" האָט געקומען אויף זיך מיט דאַנקבאַרקייט און הכנעה די תנועות און לייזן אויף אַלע אייביקייטן.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע און נאָכגעטראַכט, ווידער זיך איבער איר אַריבערגעבויגן, כדי נאָך עפּעס צוצוגעבן. און צום סוף האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט קורץ און שאַרף זיינע באַפעלן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איצט וועל איך דיך אויפוועקן — אָבער דו וועסט זיין מיד, זייער מיד. דיינע אויגן וועלן דיר צופאַלן און וועסט גלייך איינשלאָפן.

ער האָט לייכט אַ בלאָז געטון אויף איר, זי האָט געעפנט

די אויגן. זי האָט אים אָנגעקוקט און מיט אַ שמייכל צו אים די הענט אויסגעשטרעקט. ס'איז געווען קלאָר, אַז זי האָט לחלוטין ניקס געוווסט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט איר אָקאָרשט געזאָגט. די האַלב־אויפגעהויבענע אָרעמס זענען צוריקגעפאַלן, אירע אויגן האָבן זיך געשלאָסן.

זי איז איינגעשלאָפן.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ און אים אויסגעלאָשן. ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר. און זייער העפטיק, קעגן זיין אייגענעם ווילן, האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון מויל:

„און איצט ווירק ווייטער — —"

ער איז אַריין אין זיין צימער און זיך געלייגט אין בעט.

— איך בין אַ זיגער, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַ קעניג. איך בין אַ גאָט.

עמעץ האָט זיך צעלאַכט — אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט הערן. ער האָט גערעדט עזותדיק און שטאָלץ:

— איך בין אַ גאָט. איך שאַף, איך שאַף אַ גרויסע און וווּנדערלעכע וועלט.

ער האָט געפילט, אַז ס'האָט עפּעס געשאַרכט און זיך געשושקעט ערגעץ־ווו אונטערן בעט, צי אין די ווינקעלעך — אָדער אין זיין אייגענעם מוח, און האָט הויך אַ געשריי געטון:

טרייבט מיר פון דאָרט אַרויס די מייז — איך בין אומבאַרירלעך.

ער האָט נישט געוואָלט מער טראַכטן — איצט נישט. ער האָט געוואָלט שלאָפן — שוין, תיכף איינשלאָפן בזה הרגע. ער האָט געוואָלט שלאָפן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און צונויפגעביסן די ציין.

ער האָט געוואָלט שלאָפן.

איז ער איינגעשלאָפן.

* *

*

הונדערט מייז זענען אַרויסגעקראָכן פון זיין קאָפּ־שיידל.

דער פּאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און די בינע האָט פאַרגעשטעלט דעם זאַל פון נביא. אַלע האָבן אויפגעטרעטן, פּיעטראָ און סיבילאַ, ראַנבי, אולפאָ און מאַטילדע וועניער. אָבער ווו איז געווען טערעזע? — ער האָט זי נישט געזען.

פון הינטן איז אַרויפגעקומען זשיראַלאַמאָ סקוראַ, איין רידזיקער בלוט־רויטער קראַפּ, א קרעפּאַרטיקער באַלאָן, אָנגעפילט מיט רויט בלוט. פּיעטראָ נאַסקאָלער איז געווען א שוואַרצע, לאַנגהאָריקע מאַלפּע, זיין אינטערשטער קינבאַק איז געווען ווייט אַרויסגערוקט, און די פינגער פון די לאַנגע הענט האָבן די ערד באַרירט. סיבילאַ מאַדרוצאָ איז געווען איינגעקאָרטשעט ווי א קיילעכיק רעדל, אירע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין אירע פיסשפּיצן, און אַזוי האָט זי אַרומגעשלייכט. דער שניידער ראַנבי, דאַר ווי א פאָדים, האָט זי נאָכגעטריבן מיט זיין בייטש.

אַלע האָבן אויפגעטרעטן און געוואַכט אויף זייער שטיכוואָרט, כאָטש ער איז געזעסן פאַר זיי אונטן אין דער סופלערבודקע.

און דידאָזיקע בודע — איז געווען דער דאַך פון זיין איינגענעם שאַרבן.

הונדערטער עכברים זענען אַרויסגעקראָכן פון זיין שאַרבן אַרויס.

זיי זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן איבער דער בינע, און די מענטשן זענען ערגעץ נעלם געוואָרן. און די עכברים האָבן געשאַרכט און געשושקעט זיך און געשמייכלט.

האָבן געשמייכלט און געוואָלט עפּעס זאָגן.

דערנאָך אָבער האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט, און יעדער האָט אַריינגענומען זיין לאַנגן עק צווישן די ציין און אים אָפּגעביסן. און ס'האָבן זיך באַוויזן הונדערטער לאַנגע נאַקעטע חיערים, וועלכע זענען צו זיי צוגעקראָכן. און ווו נאָר זיי זענען צוגעקראָכן, האָבן זיי איבערגעלאָזט נאָך זיך א ווייכן, העלן שליים... און דער גאַנצער באָדן האָט געגלאַנצט פון דאָזיקן שליים.

ער אָבער האָט געוווסט, אַז דידאָזיקע שרצים קריכן אַהער

צו אים, אַלץ נענטער און נענטער. זיי מוזן קריכן און קריכן — אין זיין מויל אַריין און אין די אויערן, אין די אויגן און די נאָזלעכער —

הינדערטער לאַנגע, נאַקעטע, שליימיקע ווערים —
און ער האָט אַ געשריי געטאָן — —

* * *

בשעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיינע שליפן געגליט און זיין פולס האָט געהאַמערט אין מוח. אַלע קאָלדרעס זענען געלעגן אויף דר'ערד און דער ווינט פון דער אָפענער האָט שנעל אָפּגעקילט דעם הייסן שווייס פון פחד. דאָס האָט אַרויסגעזעצט פון זיין גאַנצן לייב. ער האָט געקלאַפּט מיט די ציין און געציטערט פאַר קעלט; ער האָט אויפגעהויבן די קאָלדרעס און זיך פעסט איינגעהילט אין זיי.

— איך בין קראַנק — האָט ער געמורמלט. — כ'האָב עפּעס אַ פיבער.

ער איז געזעסן ביז אויף זיך; ווי נאַריש דאָס איז געווען, אָפּצוזיצן שטונדן-לאַנג אויף דעם מיסט בעט און דער דינזיידענע פּיושאַמע! — און צו וואָס אייגנטלעך?

נו, איצט וועט ער שוין ניט קענען אַנטשלאָפן ווערן —

זיי זענען אָנגעקראָכן — וואָס אַמאָל מער, שטשורעס, ווערים; געדאַנקען. ס'איז ניט געווען קיין לאָך, וווּ זיך צו באַהאַלטן פאַר זיי; ער איז געווען נאַקעט און באָרוועס, און זיין גלויבן אויף שטיקלעך צעקלאַפּט.

ער איז געווען אַ בטלער אָן דעם גלויבן, און זיין קעניגרייך איז אַוועק מיטן רויך.

ער האָט עס גוט געפילט: ער איז ניט געווען קיין בעל-מופת. ער איז נאָר געווען אַ מכשף און אַ שלעכטער מכשף דערצו.

וונדער איז לעגיטימע צויבעריי, דערגרייכט מיט דער

הילף פון הימלישע כּוחות. פּיעטראָ גלייבט אין הימל און דערפאַר איז ער אַ בעל־מופת. מאַגיע אָבער איז אַ נישט לעגיטימער וווּנדער, וואָס ווירקט מיט די כּוחות פון אָפּגרונט: און דערדאָזיקער אָפּגרונט איז אין דעם מענטשנס מוח. ער איז אַ שוואַרצער מאַגיקער און וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען די ווייסע קונסט, וואָס ער פאַראַכטעט.

און האָט גלייכצייטיק מקנא געווען — מחמת נאָר זי אַליין צוזאַמען מיטן גלייבן גיט גליק.

ער האָט גוט געוויסט, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין גרענעצן פאַר די כּוחות פון זיין גייסט. דער מענטש איז האַר פון דער בריאה. און דעריבער מוז זי זיין ווירקונג פילן. וווּהין ער האָט געוואָלט, דאָרט האָט געווייעט די קראַפט פון זיין גייסט, און עס איז נישט געווען קיין מחיצה צווישן גייסט און נאַטור.

נאָר איינס איז געווען: אַ מוראדיקע מויער, וואָס האָט יעדעס גליק אַרומגעשלאָסן. און ווער ס׳האָט זיך אַמאָל אַרויסגעקריגן פון דער דאָזיקער ענגער תּפיסה, דער קען שוין צוריק נישט אַריין און בלאָנדזשעט עלנט איבער אומגעהייערן גאָרנישט און געפינט נישט קיין גרונט, אויף וועלכן ער זאָל קענען זיין פוס אַוועקשטעלן. לייכט קען מען זיך אַרויסקריגן פון די שטאַרקע בלאָקן פון אמונה. אָבער ס׳איז נישטאָ קיין שמאָלסטע סטעזשקע, וואָס זאָל קענען צוריקפירן אַהין.

היינט האָט ער געטראַכט, אַז די האַנט פונם מיידל קען אים פירן אַהין.

ווען ער וואָלט געגלייבט אין זיך, וואָלט ער געווען גאָט. און די גאַנצע וועלט זיין אייגנטום.

און ער האָט טאַקע געגלייבט אין זיך, אין דיזיקע שעהן.

איצט איז עס געווען צו ענדע.

ער האָט נאָך געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳איז געשען אין דיזיקע פּאָר שעהן. זיי זענען געווען אין שייער פונם אַמעריקאַנער. מיסטער פּעטער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס ער האָט אין אים אַריינגערעדט, און דער דערפאָלג איז געווען גרויס. דאָס

האָט אים געלערנט, אַז די ליאַלקעס האָבן געטאַנצט, ווי ער האָט זיי אויפגעשפּילט און סאַראַ גוטער און קלוגער רעזשיסער ער איז געווען. פּיעטראָ האָט זיך געראַנגלט מיט גאָט, ווי יעקב מיטן מלאך: „איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיך נישט בענטשן!“ און האָט געצוווּנגען גאָט אים צו בענטשן און אין זיין האַנט דעם ווײַן אין בלוט צו פאַרוואַנדלען, און האָט מיט זייַנע מלקות די געליימטע סיבילאַ אויסגעהיילט.

אַלע האָבן עס געזען און אַלע האָבן געגלייבט דערין. פאַרוואָס קען נאָר מיר אַליין דערין נישט גלייבן? אַלמאַי האָט ער געמוזט וויסן, אַז דאָס ראַנגלעניש מיטן מלאך איז געווען נאָר אַ שיינע בילדלעכע פראַזע פונם מזרח-לאַנד, וועלכע באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי „קאָנוואָלסיע“, און אַז דער מחבר פון חומש האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז דער אָרימער יעקב איז אַן עפּילעפּטיקער געווען! צי איז דען נישט אַ סך שענער געווען, אים לאָזן זיך ראַנגלען מיטן מלאך פון גאָט, ווי אַלע קריסטלעכע נאַרנקעפּ האָבן געגלייבט?

אַלע לייט פון וואַל די סקאַדראַ האָבן געטרונקען בלוט, טרינקענדיק די משקה, וואָס פּעטראָ האָט זיי דערלאַנגט — אַלמאַי האָט דווקא זיין צונג געמוזט דערשמעקן, אַז ס'איז גוטער, לויטערער ווײַן? פאַר אַ מופת האָבן זיי געהאַלטן סיבילאַ מאַדרוצאָס היילונג — פאַרוואָס האָט ער איינער גאָרנישט געקענט זען דערין? פאַרוואָס האָט ער געמוזט קענען אַזעלכע הונדערטער שווינדלערישע אויסהיילונגען און געמוזט וויסן, ווי לייכט דאָס לאָזט זיך מסביר זיין?

דאָס קבר אַליין פון הייליקן פראַנץ פון פּאַריז האָט געבראַכט טויזנטער אַזעלכע אויסהיילונגען. אַנעמאַריאַ קורענאָ איז געווען אַזוי פולשטענדיק רעוומאַטיזירט און געליימט, אַז אַלע דאָקטוירים האָבן זי דערקלערט פאַר אומהיילבאַר — און זי איז אַוועקגעגאַנגען פון קבר, טראָגנדיק די שטאָלצן אויף די פּלייצעס. פריילין דע קואַרין האָט געליטן צוועלף יאָר אויף אַ ראַק אין דער ברוסט און פוס, און דאָס הייליקע קבר פון סט. מעדאַרס האָט זי אויסגעהיילט אין איין רגע. דאָן אַלפאָנס דע פּאַלאַציאָ איז

שוין אויסגעהיילבאַר בלינד אויף ביידע אויגן, און פונדעסטוועגן האָט אים דער פאַרשטאָרבענער פּינען כּהרף-עין זעעודיק געמאַכט. און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער אין משך פון גוטע פירציען יאָר.

דאָס הייליקע קלייד פון טרעוויר האָט געהייסן די באַראָ-עסע פון דראָסט-וויטשעריגג די שטאָלצן אַוועקוואַרפן און טאַנצן. לורד און קנאַך, קעוועליר און וואַל די פּאָמפּיי האָבן קאָנקורירט צווישן זיך אין ווייסער מאַגיע. וואָס אַן אמת, זייערע נסים האָבן זיך מיט דער צייט פאַרמינערט, און די שוואַרצע מאַגיע האָט אָב-געהויבן טריומפירן, און אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ איז געוואָרן א געפערלעכער קאָנקורענט פון נאַזאַרענער. די אַלטע מופתימלעך, מיט וועלכע די עגיפּטישע מאַגיקער האָבן געוואָלט פאַר פּרעהס טראָן משהן אימפּאָנירן, קען זיך דער רייזנדער טאָג-טעגלעך הייסן ווייזן אויפן פיש-מאַרק אין קאַירא, אָדער אויף דער מעסע אין טאַנטאַ. די סיידיע-דערווישן האָבן אַרויסגעלאָקט די שלאַנגען פון אַלע ווינקעלעך, האָבן זיי געמאַכט שטייף, ווי משה רבינוס שטעקן, און אַרומגעשפּאַצירט מיט דעם. די בעטלער-מאַנאַכן אין אילוואַניע האָבן זיך אַריינגעשטעקט אַ שווערט אין לייב, לאַנגע נאָדלען אין קערפּער, האָבן געהאַלטן די הענט אין פייער, געשלונגען גליענדיקע קוילן און זיך אַריינגעוועצט אייזערנע שטעכלקעס אויף אַ צאָל טיף אין די אויגן. די אולטראַנקהי-טרעפּערס האָבן אַרויס-געזאָגט פון אַ בעכער אָדער פון אַ טראָפּן בלויער טינט, און האָבן געוויזן דערין דעם צוקוקער דייטלעך די פּערזאָנען, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט צו זען. די אינדישע יאָגהיס זענען געלעגן זעכציק טאָג אין לעטאַרגישן שלאָף אין דער ערד באַגראָבן, די אַלחיבראַ-פּריסטער האָבן געהייסן די לופט מיט בלוט שפּייען אין די בעלגאָגיס פון אַנגאַם האָבן, ווי מעפּיסטאָ, דאָס גאַנצע ריזיקע חיל פון פליי, וואַנצן און לייז באַהעשט. די איסטראַ-צויבערער פון די פּערסן האָבן זיך אויפגעשריבן מיט זיבן קאַבאַליסטישע ווערטער די חתימה פון שלמה המלך אויף דער לינקע האַנט, און אויף אַן איי די נעמען פון די פיר הויפּט-מלאכים, האָב עס אויפגעלייגט אויף דער פלאַכער האַנט, אָפּגעשפּראָכן השבעות און גע-

הייסן דאָס איר זיך אויפשטעלן, אָדער זיך אָנהענגען, ווי אַ ריב- אין אויער-לעפל. די מאַגיקער פון די אַפגאַנער האָבן געפאַנגען די דעמאָט אינדערלופטן, פונקט ווי די געלע חברה-לייט פון טהעבן און לוקסאָר די גייסטער פון די טויטע, און די אורגאַ-מאַגאַכן פון טעמען האָבן אַרומגעשוועבט אינדערלופטן אין זייערע טעמ- פלען און געלאַכט פון אַלע נאַטור-געזעצן פון שווערקייט.

זיי אַלע זענען געווען שוואַרצע מאַגיקער; זייערע וואונדער זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע מוחות. זיי זענען געווען מענטשן, און דער מייסטער האָט געלערנט דעם תּלמיד. אָבער זיי האָבן געקענט גליקלעך זיין, מחמת זיי האָבן געהאַט עפּעס, אין וואָס זיי האָבן געגלייבט: אין זייער סודותפולער מאַכט.

ער אָבער האָט גאָרנישט געהאַט. ער האָט געקענט פיל סודות; אָבער היות ער האָט זיי געקענט, האָט ער אויך געוווּסט, ווי נישטיק ס'איז די גרויסע הערלעכקייט פון דעם וואונדער. און האָט גוט געוווּסט, אַז ס'איז פיל שווערער אימצוגיין מיט אַ מאַמאָר, ווי אויסצופירן אַלע וואונדער פון דער וועלט.

ס'האָט אים איצט געעקלט זיין חלום. — וואָל די סקאָדראַ דאָס גרויסע ציון פון אַלע נאַראָנים פון דער וועלט, און ער זייער קעניג! דערדאָזיקער ריזיקער שווינדל, וואָס האָט אים געזאָלט מיליאָרדן צו זיינע פיס לייגן! ער האָט געפילט: ער וועט דערווערטערן פון דאָזיקן לאַגער, ווי פון אַלע אַנדערע.

— און איצט ווירק ווייטער — — האָט ער געזאָגט.

— ניין, עס זאָל נישט ווירקן ווייטער. — אָך, ער וואָלט אפילו לאַכן נישט געקענט: ער וועט בלייבן פּוסט, ווי געווען, און ווען די גאַנצע וועלט אפילו וואָלט מיטגעריטן אויפן דאָזיקן סאָ- באַט פון משוגעת, וואָלט זיין לעבן דאָך געבליבן אָן אַן אינ- האַלט.

ווייל ער האָט געוווּסט, גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז פאָרט נאָר געווען אַ פּוסט, פאַרעפּושט בלעזל!

ס'איז אים געקומען אויבן געדאַנק טערעזע. זי ליגט איצט

און שלאָפט אָן חלומות. אָבער מאָרגן וועט געשען דאָס, וואָס ער האָט באַפוילן —

איין סטיגמאַטיזירטע — איין הייליקע מער צווישן הונדערטער אַנדערע?! — ווו איז דאָ געווען דאָס גרויסע? צי איז דען ווייניק דאָ פון דאָזיקן מין?

און איז דען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס, וואָס ער האָט פון איר געמאַכט, ער מיט זיין פאַכטהיפּנאָטישע סוגעסטיע? ס'איז אפילו נישט ביי דער אָזיקער שפּאַס זיינער — אויב אפילו נישט אין דרויסן איז דאָך דאָס שוין אין עקספּערימענטאַציע-זאַלן נישט זעלטן געמאַכט געוואָרן.

נאַנסי און סאַלפּעטריער האָבן עס גוט געקענט, האָבן געזען באַ זייערע היסטעריקער נישט איין בלוטנדיקע טראַנסודאַציע. ניין, די סוגעסטיע פון די סטיגמאַטן איז געווען אַזאַ שאַרלאַטאַנישע קונץ, ווי אַלע אַנדערע. באַ, ער האָט גרייליך פּונקט אַזוי גוט געקענט באַנוצן אַ ביסל אייזן-אָקסיד און ראַדאַנקאַליום, כדי אַרויסצורופן די בלוטנדיקע סימנים!

— ניין, ניין! — האָט ער אויסגערופן — מ'דאַרף מאַכן אַן עק דערצו.

ער איז אויפגעשפּרונגען און אוועק אין איר צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט און זיך איינגעהערט אין איר שטילן, רויקן אָטעם. דערנאָך האָט ער זי אַ טרייסל געטאָן; זי האָט זיך דערשראָקן אויפגעכאַפּט.

— טערעזע! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ — האָט זי שלעפעריק געענטפערט, — וואָס זאָל איך טון?

— טערעזע! זאָלסט נישט טון דאָס, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט! ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון דעם אַלעמען! גאָרנישט, דו הערסט?

זי האָט זיך אויפגעזעצט און זיך אויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן:

— וואָס זאָל איך נישט טון? — האָט זי פאַרחידושט געפרעגט.

און ער האָט איבערגעחזרט:

— דו זאָלסט נישט — — אָבער די ציין האָבן צעביסן ...ענס זאַך — אָ, ער האָט גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז זי איז וואַך ער האָט זי שנעל אָנגעכאַפּט באַ די האַנט און העפּטיק אַ דריק ...שטון דאָס היפּנאָטישע אָרט. זי איז באַלד צוריקגעפאַלן אויף די קישנס.

און ער האָט איבערגעחזרט נאָכאַמאָל, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, און איר באַפוילן, אַז ס'זאָל שוין קיינמאָל מער נישט אויפטויכן, נישט אויף דער וואָך און נישט אין שלאָף, אַפילו קיין געדאַנק פון דעם, וואָס ער האָט איר פריער באַפוילן. פאַרלאָשן זאָל עס זיין און פאַרשוונדן אויף אייביק.

ער האָט שנעל גערעדט און נישט געוואַרט אויף קיין ענט־פער. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. דערנאָך האָט ער זי ראַש אויפגעוועקט, זי געלאָזט ליגן און אַוועק אין זיין צימער.

פאַרביטערט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די ווינקלען פון זיין מויל.

ער האָט געטראַכט: „איצט וועט דער גלח זאָגן, אַז כ'האָב אַ גוטע זאַך געטון, אָבער מיינע טוגענדן זענען מיינע ערגסטע זינד, און מיינע גרויסע זינד זענען אַלע מאָל געווען טוגענדן. אַך, ווען כ'וואָלט נאָר געקענט וויסן דעם אונטערשייד!“

און ס'האָט אים אַרומגענומען — אַן אומענדלעך מיטלייד צו זיך אַליין.

X.

וואָס העלפט דעם כּהן גדולס געבעט
אויף רעגן, ווען רבי חנינא בר דוסא
קען עס מבטל מאַכן?

תּלמוד, יומא דף נ״ג, תּענית כ״ד.

פראַנק ברוין האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן צוקנאָדערטן געלעגער — ס'איז געווען קלאָר, אַז ער וועט שוין מער נישט קענען שלאָפן. דער באַגינען האָט זיך אַריינגעריסן, און זיין שווינדזיכטיקע שיין האָט זיך אויסגעמישט מיטן גרינעם ליכט פון לאָמפּ.

אָ! דאָסדאָזיקע בלייכע ליכט פון פרימאָרגן, איידער די זון גייט אויף! אָ! דאָסדאָזיקע קאַלטע, האָפנונגסלאָזע, פאַר דער צייט געבוירענע ליכט!

מיאוס האָט ער זיך גענומען אָנטון, ציטערנדיק און שוידערנדיק פאַר קעלט. נאָכדעם איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ.

וווהין האָט ער דען געוואָלט גיין?

אַלצאיינס, אַבי אַוועק פון וואַל די סקאַדראַ. ער איז אַריינ־געגאַנגען אין גאַסטצימער און אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע: „איך בין אַוועק אין שטאָט". — ניין, ער האָט זיך שוין נישט געוואָלט לענגער מיישב זיין. תיכף וועט ער גיין, צופוס; נאָך די וואָכן קען ער דאָך תמיד צושיקן. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיר אויפן טיש און זיך געלאָזט צו דער טיר.

דאָס ליכט האָט אים וויי געטאָן, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט שווער אָפּגעזיפצט און גענומען גיין: פּוסט, צעקלאַפּ־טערלט עלנט, ווי דאָס דאָזיקע בלוטלאָזע ווייען פון באַגינענדיקן ווינט.

ער איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, האָט האַסטיק און אויטאָ־מאַטיש געשטעלט די טריט. ער האָט כמעט נישט געוווּסט וווּהין ער גייט און צו וואָס ער גייט — אַבי נאָר צו גיין. דאָס איז געווען אַ מעכאַנישע באַוועגונג, אַ שטייגן און שפּרייזן באַרג־אַרויף, דורך טוי־באַנעצטע קוסטעס.

עפּעס אַ נעפּל איז געלעגן אַרום אים און מיט זיין קילקייט אים די ברוסט געדריקט. ס'האָט אים וויי געטאָן, בשעת ער האָט געאָטעמט.

דערנאָך איז ער שוין געבליבן און נאָכגעקלערט, אָבער דאָס נאָכקלערן האָט אים פּאַרמאַטערט. און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טראַכטן. ענדלעך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין לאַנג אַריבער דעם באַרג־שאָטי. ער האָט זיך געמוזט אומקערן, דאָס איז געווען דער וועג קיין צימעגאַ.

אָבער ס'האָט אים נישט געגלוסט זיך אומצוקערן: „סיילאַ, וועל איך גיין קיין צימעגאַ", האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט רעכטס און נישט לינקס, און איז נאָר געלאָפן ווייטער און ווייטער אויפן וועג, שטיל, שווער אָטעמענדיק און אָן מחשבות.

שעהן־לאַנג.

ס'איז שוין געוואָרן טאָג, אָבער די זון האָט זיך נישט דורכגעריסן דורך די דיקע כמאַרעס. ס'איז געווען קאַלט אויבן

אויף די בערג אין דאָך האָט זיין הויט באַנעצט אַ הייסער שווייס. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער זשאַנדאַר־ם האָט עפּעס גערעדט וועגן אַ בודע פון אַ קוילנגרעבער. אָבער ער האָט זי נישט געפונען.

ער איז אַלזאָ געלאָפן ווייטער. ער האָט דערזען אַ ציגן־סטעזשקע, וואָס פירט לינקס צום טאָל אַראָפּ.״ דאָ אַרום וועט זיין נענטער״, האָט ער געטראַכט.

ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און פאַרלוירן די סטעזשקע. ער איז אונטערגעקראָכן צו די אָפּהאַנגען און צוריק אַראָפּגעשטיגן אין די טאָלן, ווידער באַרג אַרויף און ווידער אַראָפּגעקלעטערט. אָבער די פיס האָבן אים ווי געטון און די לינגען האָבן אים געשטאָכן בײַ יעדן אָטעמצוג.

אונטער עפּעס אַ פאַרקריפּלטן טענענבוים האָט ער זיך אָנידערגעזעצט. ער האָט זיך נאָר געוואָלט אָפּרוען אַ רגע און נגעשפּאַרט די פּלייצעס אָן שטאַם. אָבער עפּעס אַ ווייס רעדל האָט אים געווירבלט אין קאָפּ און ער איז אַוועקגעפאַלן אין אַ זייט.

בשעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער ווייטיקלעך געפרירט. ס'איז געפאַלן אַ דראָבנע רעגן, און ער איז געווען דורכגענעצט ביזן לייב. ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין לאַנג נאָך האַלבן טאָג, און ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען. ער האָט אָנגעהויבן לויפן, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען, און ווידער אָנגעהויבן זוכן דעם וועג. אָבער נישט קענענדיק אים געפינען, האָט ער באַשלאָסן צו גיין גלייך פאָרויס און זיך האַלטן אויף דערזעלבער הויכקייט, אויף וועלכער ער האָט זיך געפונען. און אַזוי האָט ער זיך געשלעפּט ווייטער.

איינמאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָלט דאָך געקענט שרייען, אפשר איז ערגעץ פאַרהאַן וועלכער ס'איז פּאַסטוך אין דער נאָענט. אָבער ער האָט ווידער פאַרגעסן אָן דעם און מיד און פאַרמאַטערט שעהנווייז זיך געשלעפּט ווייטער. ווען ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, האָט ער געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג.

ער איז געשפרונגען און געלאָפן; און איצט האָט ער שוין גע־
קריגן אויך, אָבער ס'האָט אים קיינער נישט געזהעט.
ווען ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט ער זיך אַנידערגע־
זעצט אויף די שטיינער. „ס'איז אַלצאיינס, האָט ער געטראַכט,
צי איך זיץ דאָ, צי כ'גיי. כ'וועל דאָ אונטערוואַרטן — אפשר
וועט עמעצער אָנקומען".
טיף אונטן פון באַרג-דורכגאַנג האָט זיך דערטראָגן צו אים
נאָך אַ וויד רשאַל. ער האָט זיך מיט אָנשטרענגונג איינגעהערט
און דערקענט דעם טאָן: ציגן-גלעקלעך. ער האָט ווידער גענו־
מען שרייען, אָבער עס האָט קיינער נישט אָפגעענטפערט, אפילו
קיין ווידערקול האָט זיך נישט אָפגערופן.
„איך מוז אַראָפּגיין", האָט ער געטראַכט.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיינע גלידער זענען אַזוי פאַר־
שטאַרט געוועזן, אַז ער האָט זיך קוים געקענט רירן.
— איך מוז אַראָפּגיין, — האָט ער איבערגעחזרט. — כ'מוז
פאָרט אַראָפּגיין.
און האָט אָנגעהויבן אַראָפּקלעטערן. ס'איז געווען זייער
פינסטער, און דאָס האָט אים פאַרלייכטערט דעם וועג און גע־
מאַכט בלינד פאַר יעדער סכנה. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די
קאַנטן פון די פעלזן און אָן די מילך-בלומען. עטלעכע מאָל האָט
ער זיך אויסגעגליטשט, אַראָפּגעריטשט זיך אַ לאַנגע שטרעקע
און זיך איבערגעדרייט. אייגמאָל איז ער געפאַלן מיטן שטערן
אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט ביז בלוט, זיך צעריסן אָן די קוסטעס
די הענט און דאָס פנים.
אונטן זענען געשטאַנען געדיכטע קוסטעס, דורך וועלכע
ער האָט זיך קוים מיט צרות דורכגעשטופּט, און ער האָט ווידער
גענומען שרייען, אָבער האָט נישט דערהערט קיין שום ענטפער,
אויך די טשערעדע ציגן האָט שוין געמיזט לאַנג אַוועקגיין. דער
באַרג-דורכגאַנג איז געווען זייער אַ שמאָלער און האָט געפירט
שטיל אַראָפּ; ער האָט באַגעגנט אַ שטראָם און זיך געלאָזט גיין
לענגאויס זיין ברעג. ער האָט זיך גערוקט ווייטער, טאַפּנדיק
אין דער פינסטערניש און איז געקראָכן אויף אַלע פיר.

דערנאָך האָט ער פּלוצלינג דערזען נישט ווייט הינטער זיך עטלעכע פייערלעך. ער האָט אַלזאָ געזוכט אויף רעכטס און אויף לינקס, ענדלעך האָט ער געפונען די ציגן-סטעזשקע, וואָס איז געלאָפן לענגאויס דעם שטראָז. ער האָט זיך געלאָזט מיט די דאָזיקע סטעזשקע און זיך לסוף ארויסגעקריגן פון דאָזיקן ענגן פּאַס.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער ערשטער איינזאַמער הייזקע און געבעטן, מ'זאָל אים אַריינלאָזן. אָבער עפּעס אַן אַלטע באָבע האָט אים נישט געוואָלט עפענען און געשריגן צו אים דורכן פענסטער, אַז ער זאָל זיך תּיכף אָפּטראָגן.

— ווי הייסט דאָס דאָרף? — האָט ער געפרעגט.

אָבער די באָבע האָט פאַרהאַקט דאָס פענסטער. ער איז אַלזאָ געגאַנגען ווייטער און באַגעגנט אויפן וועג אַ פויער מיט אַן אָקסן-וואָגן. פון אים איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז ער געפינט זיך האַרט אונטער ציִמעגאָ.

— טאָ פיר-זשע מיך אַהין צום גרענעץ-זשאַנדאַרם, — האָט ער געזאָגט.

דער פויער האָט נישט געוואָלט; דאַן האָט ער זיך געכאַפּט צו דער קעשענע און אים געגעבן אַ הויפן געלט. איצט ערשט האָט ער באַמערקט, ווי זיינע קליידער זענען געווען צעריסן און צעשליסן. אָבער ער האָט זיך אפילו נישט צעלאַכט.

— אַ פייער זוכט עס! — האָט געשריגן אַלויזי דרענקער — אַ פייער זוכט עס! — איר זענט עס? איך האָב געמיינט, אַז עפּעס אַ שלעפּער פון ערגעץ מין באַקום איך אויף קוואַרטיר.

ער האָט אים געהאָלפן אַראָפּקריכן פון וואָגן, און זעענדיק, אַז ער וואַקלט זיך אויף די פיס, האָט ער אים גענומען אונטערן אָרעם.

— וואָס איז אייך? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

— איך רעכן, אַז כ'האָב אַ ביסל היץ, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

דער זשאַנדאַרם האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיר דאַכט זיך אויך אַזוי!

ער האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב און גערופן די דינסט. ער האָט אָוועקגעזעצט דעם קראַנקן אויף אַ שטול און אים פּאַרזיכטיק אויסגעטון, נאָכדעם האָט ער אים אַרומגעוואַשן דעם שמוץ און דאָס בלוט מיט הייס וואַסער, וואָס די דינסט האָט געבראַכט אין אַ הילצערן קענדל. ער האָט אים דערלאַנגט אַ פרישן העמד און אים געלייגט אין בעט אַריין.

פראַנק ברוין האָט כסדר געזען דידאַזיקע גרויסע אומגעלומפּערטע הענט, וועלכע האָבן אים אָנגענומען דאָ און דאָרטן, צערטלעך, כמעט מוטערלעך, מיט אומענדלעכער זאָרגזאַמקייט, ווי זיי זענען געווען רויט און האַרט, זענען געווען גוטע און שטאַרקע הענט, פעיק צו יעדער אַרבעט. און ער האָט זיך געפילט זיכער און געשיצט אין דידאָזיקע הענט.

דער זשאַנדאַרם איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט און אים דערלאַנגט אַ הויך גלעזל:

— אַזוי! — האָט ער געזאָגט — „גראָג"! דערפון וועסטו אייך באַלד בעסער ווערן. טרינקט-זשע כל-זמן ער איז הייס.

ער האָט נישט אָפּגעטרעטן, ביז זיין פריינט האָט נישט אויסגעליידיקט דאָס גאַנצע גלעזל. ער האָט אים געבראַכט נאָך אַ צווייטס און אַ דריטס און אים געהייסן אויסטרינקען מיט איין אָטעם.

— דאָס איז די בעסטע רפואה — האָט ער געלאַכט — זאָל מיך דער רוח כאַפּן, דאָס איז די איינציקע רפואה.

פראַנק ברוין איז צוריקגעפאַלן אויפן גלעגער. ער האָט אים געוואָלט דאַנקען, אָבער זיין צונג איז געווען שווער און זיך אָפּגעזאָגט אים צו פאָלגן. ער האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט און איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער זשאַנדאַרם בפֿרוּן געזעסן אויף זיין בעט. די היץ האָט אָפּגעטרעטן און ער האָט זיך געפילט בעסער. בשעת ער האָט אָבער געוואָלט אויפשטיין, האָט ער זיך אַ וואַקל געטון און זיך געמוזט צוריק אַנידערלייגן.

— ס'איז שוין באַלד האַלבער טאָג — האָט געזאָגט דער

גרענעצמאַן. — כ'וועל אַ קוק טון, צי דאָס מיטאָג איז שוין פאַר-טיק, איר זענט זיכער הונגעריק.

ער איז טאַקע געווען הונגעריק. האָט געהאַט אַ ווילדן, גרויסן הונגער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זיין בעט האָט פאַרנומען די גאַנצע האַנט פון דער איינפענסטער־דיקער שטוב. אינמיטן איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ פּאָר שטילן, בּאַ דער צווייטער וואַנט אַ נידעריק שענקל, אויף וועלכן עטלעכע אויסגעשטאָפּטע כאַזעס האָבן דעם שטויב געזאַמלט. די ווענט זענען געווען געדיכט באַ-האָנגען מיט אַלטע שווערדן, מיסקעטן און פּיסטוילן, צווישן וועל-כע ס'האָבן גרויסגעגלאַנצט ליולקעס און פּולווער־הערנער.

אַלויִ דרענקער האָט אים נאַכגערעכנט היינטיקע־יויך.

— אַליין געקאָכט! — האָט ער שטאָלץ אויסגערופן.

ער האָט אַריינגעבראַכט עטלעכע אייער און די הון און צו דעם-צו שטאַרקן רויטן וויין, און האָט זיך געפרייט, וואָס דאָס האָט זיין פּאַציענט אַזוי גוט געשמעקט.

— איך מוז איצט אַוועקרייטן, — האָט ער געזאָגט — אָבער איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט בלייבן רויִק ליגן.

פראַנק ברוין האָט צוגעזאָגט. די היץ האָט זיך אומגעקערט; איינמאָל איז ער אַביסל איינגעשלאָפן, באַלד אָבער איז ער ווידער געלעגן וואַך, באַגאָסן מיט שוויס פּאַרנאַכט-צו איז ער געוואָרן רויִקער; אָבער אַ נאַכט האָט ער געהאַט אַן אימרויִקע און כּמעט אַ שלאָפלאָזע. דערנאָך איז ער ווידער געלעגן עטלעכע טעג אָן באַוווּסטזיין.

בשעת ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער געזען, אַז דער זשאַנדאַרם לייגט אים צו קאַלטע קאָמפּרעסן אַרום דעם שטערן. דרענקער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש און אַז ער האָט געלאָזט רופן דעם גלח, וועלכער איז שוין דאָג געווען צוויי מאָל.

— עס איז תמיד גלייכער, — האָט ער זיך פאַרענטפערט — אויף יעדן פאַל! און איבעריקנס, האָט ער אויך אַ שטיקל ידיעה אין מעדיצין.

באַלד באַכדעם איז אָנגעקומען דער גלח, אַ דיקער, אָנגע-

גאַסענער הער, וועלכער האָט געשנופּט טאַבאַק און אַ ביסל צוגע-שיקלט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז וואַרשיינלעך אַן אַנצינדונג פון די לונגען-שפּיצן, אָבער ס'וועט גאַר איינגיכן איבערגיין. פראַנק ברוין האָט אים נישט געקענט סובל זיין, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אייַנגעגראָבן די אויערן אין די קישנס. בשעת דער גלח איז שוין געווען אינדרויסן, האָט ער געבעטן דעם זשאַנדאַרם, אַז ער זאָל אים מער נישט אַריינלאָזן.

אַלויזי דרענקער האָט געלאַכט:

— פון מייַנעטוועגן — איז אדרבה, און אויב ס'איז נישט נייטיק — איז אוודאי גלייכער!"

ער איז באמת שוין מער נישט נייטיק געווען. די היץ האָט אָפּגעטרעטן און מיט איר אויך דאָס שטעכעניש אין דער ברוסט. נאָך עטלעכע טעג האָט שוין פראַנק ברוין געקענט אויפ-שטיין אויף אַ פּאָר שעה.

דער זשאַנדאַרם האָט געטון פאַר זיין קראַנקן, וואָס ער איז גאַר אימשטאַנד געווען. ער האָט אים דערציילט פאַרשידענע שמוג-לערישע מעשיות און איז כלל נישט מיד געוואָרן צוצוגרייטן בייַ-עם גראָג, אָדער וואַרצל-וויין. און אַז זיין קוראַציע האָט געהאַט אַ פּעולה — דאָס האָט מען נישט געקענט אָפּלייקענען.

פראַנק ברוין האָט אים דערציילט וועגן דער וווּנדערבאַרער היילונג פון סיבילאַ מאַדרוצאַ, אויך וועגן דעם מתוודה זיין זיך פון וועניערס פרוי.

דער זשאַנדאַרם איז אַריין אין גרימצאָרן:

— אַזאַ כלבטע! און האָט נאָך דאָס קינד געשלאָגן אויך?

ער איז געווען אויסער זיך פאַר כעס און האָט דערקלערט, אַז ער וועט תיכף אַהינפאָרן און מאַכן אַן אָרדנונג. פראַנק ברוין האָט אים געראָטן, ער זאָל זיך נאָך אַ ביסל אָפּהאַלטן פון דעם; אָבער דער גרענעצמאַן האָט קוים מיט שוועריקייט אייַנגעזען, אַז ער וואָלט איצט געקענט דעם קינד בלויז גאָר שאַטן ברענ-גען.

— אָך וואָס! — האָט ער געשריגן. — דידאַזיקע פאַר-

שאַלטענע באַנדע טייוול־טרייבערס! אומגעבּרענט האַלק־אַש — דאָס איז דאָס בעסטע מיטל פאַרן דאָזיקן גאַנצן משוגעת. איך בין גראָד אַ קנאַפּער ידען אין די קליינע אותיות, אָבער פונדעסטוועגן ווייס איך, וואָס עס זאָגט דער אַפּאָסטאָל: — „צי זאָל איך צו אייך מיט דער רוט קומען?"

— עט! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — מיט דער רוט וועט איר נאָר שמחה דערוועקן; מחמת זי איז געוואָרן דאָס טעגלעכע ברויט פון וואַל די סקאָדראַ.

אַלויזי דרענקער האָט געשאָקלט פאַרטראַכטערהייט מיטן קאָפּ.

— נו, וואָס זשע זאָל מען טון?

דערנאָך האָט ער גענומען דערציילן וועגן זיינע עסקים מיט מאַטילדאַ ווענייער.

— איך בין געווען דער נאַרנקאָפּ, טאַקע איך אַליין — האָט ער געברילט. — זי האָט מיך גאַנצע נעכט פאַרהאַלטן אין דאָזיקן פאַרפלוכטן העק, וואַל די סקאָדראַ. און דערווייל האָט איר מאַן אַריבערגעפירט דיקע פּעק איבערן שמוגלער־וועג פון סאַמפּיגליאַ קיין ברעסציאַ. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס זיין פרוי טוט אין דער צייט, און דאָס בין איך געווען דער אָפּגענאַרטער און נישט ער! אים האָט זי זיכער קיין שום בייעס נישט דערציילט אין שייער פון מיסטער פּעטער, אים נישט. אָבער איך וועל אים דעם קאָפּ צעפּלעטן, אויב ער וועט דעם קינד אַ האָר אָנרירן.

פראַנק ברוין האָט אים געפּרווט באַרויקן; ער האָט געהאַלטן, אַז ווענייער איז פיל בעסער צו דער קליינער פּיאַמעטאַ, ווי די מוטער. אָבער דער גרענעצמאַן האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון זיין באַשלוס; ער מוז אַהינרייטן, מאָרגן שוין, כדי צו מאַכן אַן אָרדנונג אין דעמדאָזיקער פאַרפלוכטער חזיר־שטאַל.

אָבער אַן אָמטלעכע דעפּעשע האָט אים געשטערט דערין; זי האָט אים באַפוילן תיכף אַוועקצורייטן קיין ספּאַלאַניאַ, אַ קליין דאָרף הארט בײַ דער גרענעץ.

— ס'גייט דאָ וועגן דער באַנדע פון פּאַלופּיאַ — האָט

ער געזאָגט, — דיזעלביקע, צו וועלכער אויך וועניער האָט פריִער געהערט. אונדזער קאַפּיטאַן האָט זיכער צוגעגרייט אַ מפּלה פאַר זיי, איר וועט זען!

ער האָט אַרויפגעצויגן זײַנע הויכע שטיוול. פינף מינוט שפּעטער האָבן שוין געקלאַפּט די שטאַרקע אײַזערנע קאָפּיטעס פון זײַן קליאַטשע איבער דעם שמאָלן, אָפּגעוואַשענעם פלאַסטער פון געסל.

* *

*

פראַנק ברוין איז געווען אַליין. די אַלטע דינסט האָט אים געפלעגט: דער זשאַנדאַרם האָט אים אַנידערגעלייגט אַן אַלטע שווערט אויף די קישנס, דאָס איז געווען זײַן גליק. בשעת ער האָט געדאַרפט די דינסט, האָט ער געקלאַפּט מיט איר אָן דער הילצערנער פּאָדלאָגע.

ער האָט קוים מיט צרות געפּאַקט עפּעס אַ גלאַטיק ברעט, וואָס האָט אים געדאַרפט דינען אַלס טיש אינמיטן בעט. ער האָט זיך געהייסן ברענגען אַ פעדער און פּאַפּיר און זיך ווידער גענומען צום שרייבן.

דאָס איז געווען אַ שפּיל, ווי איטלעכע וויסנשאַפט, און צוועקלאָז, ווי יעדער שפּיל. איינער לייגט קאָרטן און אַ צווייטער אָנגעשיפּערט קייל-שריפטן. דער בויט אויף אַ לאָגישע שיטה פון זײַן וועלט-באַנעמונג, און יענער ווידער רעכנט איבער, וויפל אַלפן ס'געפינען זיך אין תנך. גאָט מײַנער, יעדער ווילט זיך טאָקע דערבײַ!

ס'איז אָבער דאָ געווען נאָך אַן אַנדערע זאַך. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז זײַן אַרבעט איז — פּונקט ווי יעדע אַנדערע — צוועקלאָז און קינדיש. צבער היות ער האָט זי שוין אָנגעהויבן, האָט שוין אָנגעשלאָגן אַן אַקאָרד, מוז ער אים שוין אַנטוויקלען. צי איז דאָס אַמאָל נישט געווען צעלטער, מיט וועמען עס האָט פּאַסירט די מעשה מיטן שוסטער-יינג? דער יאַט פלעגט תמיד

זינגען: „מיר פלעכטן דיר דעם מיידלישן קראנץ“. און באכאמאל: „מיר פלעכטן דיר דעם מיידלישן קראנץ“. און ווידער־אמאל און צבעראמאל נאר די איינע שורה און קיין ווארט ניש מערי־צעלטער איז געגאנגען הינטער אים און צארניק אויסגעשריגן: „פון פיאלעטן זייד, פון פיאלעטן זייד“, אויף וועלכן דער יאט האט צוריקגעשריגן: „וויבאלד איר ווילט זינגען דעם מיידלישן קראנץ, טא הייבט־זשע אייך אליין אן!“

ער האט זיך פונאנדערגעלאכט. גאט איז אן עדות, אז דער שוסטער־יונג איז אים געווען פיל סימפאטישער ווי געטעס פרייבט! ער האט זיך באנוגנט מיטן „מיידלישן קראנץ“ און האט שוין נישט געהאט מער קיין אנדערע אמביציעס; ער האט געטון דאס, וואס ער האט געוואלט און איז געווען א פרייער מענטש. אבער דעם ארים ן צעלטער איז דער שטן אויפן נאקן געזעסן, ער האט געמוזט שפינען דעם פיאלעטן זייד און איז געווען אן עלנטער שקלאף פון זיין קונסט.

פראנק ברוין האט געוווסט, אז עס וועט אים כלל נישט העלפן דאס ווערן זיך. מען מוז קומען צו א סוף, מען מוז, און ס'וועט דא נישט העלפן קיין ווידערשטאנד.

ער האט לאכנדיק צעגעזיפצט און געשפינען זיין פיאלעטן זייד.

— די פאלעאנטאלאגן האבן זיך געשפילט אין פסחא־אייער, די מוטער „פארצייט“ האט פאר זיי שיינע פסחא־אייער אין דער ערד באהאלטן, און איצט האבן די העפלעכע קינדער ארומגעשנאפט אומעטום און זיי געזוכט. „קאלט“, האט געזאגט די מאמע, דאן האבן זיי געמאכט פארומערטע פנימער. „ווארעם“, האט זי אויסגערופן, דאן האבן אויפגעגלאנצט זייערע אויגן.

אבער ס'איז געווען א פיינער שפיל, דידאקטיקע וויסנשאפט. דעם מענטש פון נעאנדערטאל האט מען געפונען פאר פופציק יאר און די באגייסטערטע אנטדעקערס האבן געשריגן, אז דאס איז דער „Missing link“ דער מאלפע־מענטש: דאס איז געווען דאס שענסטע פסחא־איי, און דער יעניקער, וואס האט עס געפונען, וועט זיין א קעניג. אבער די איים רזיכטיקע מנוולים האבן געזאגט, אז ער איז כלל נישט דער עכטער; ער איז קרענק-

לעך, האָבן זיי געזאָגט, אין נישט נאָרמאַל — אַזוי פלעגן תמיד צברופן די נאַראָנים פון אַלע צייטן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געקענט משיג זיין. און זיי פלעגן זיך אַרומקריגן, און דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען ביידע נישט גערעכט געווען: עכט איז ער טאַקע געווען, דער נעאַנדערטאַלער, אָבער דאָך איז ער נישט געווען קיין „Missing link" דאָס איז געווען אַ שיין פּסחא־איי, אָבער נישט דאָס גרויסע און גילדערנע.

אַלזאָ, דאָס איבערגאַנגס־גליד איז ער נישט געווען: דאָס האָט געמוזט נאָך טיפער ליגן — אפשר מיט אַ קנאַפּן מיליאָן יאָרן צוריק. אין טע־טיער איז עס זיכער געלעגן, און דאָרט האָט מען עס געדאַרפט זוכן.

מ'האָט זיך טאַקע גענומען זוכן און געפונען אַלע מעגלעכסטע שיינע אייער. אָבער אַלץ נאָך נישט דאָס געווונטשענע. און אַזוי האָט מען, כדי זיך די צייט צו פאַרטרייבן, די אַנדערע גענייער אַרומבאַטראַכט. אַלע נעאַנדערטאַלער זענען געווען אין איין פּונקט ענלעך צו די היינטיקע מענטשן: אין געציין. מאַלפּעאַרטיק איז אָבער געווען דאָס פעלן פון דעם קינבאַק און מאַלפּעאַרטיק זענען אויך געווען די מעכטיקע ברעמען־ביילן. דעריבער האָט מען געהאַלטן, אַז דערדאָזיקער איבערגאַנגס־מענטש, וועלכן מ'האָט געזוכט, מוז אויך אַ מער מאַלפּיש געציין האָבן: אַ שטאַרקע גאָרילאָ־קינבאַק און מעכטיקע רייסציין.

אַך, ווען מען וואָלט געקענט וויסן, וווּ דאָסדאָזיקע איי ליגט!

היות אָבער מ'האָט עס נישט געפונען, האָט מען ווייטער געטראַכט, און מ'איז אַרויף אויפן רעכטן וועג. מ'האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איינפאַכע געציין איז געווען דאָס אורשפּרינגלעכע, און דערדאָזיקער שיינער כּלל האָט זיך אומעטום באַשטעטיקט. מיט אַ נאָרמאַל געציין האָבן אָנגעהויבן אַלע זויג־חיות און עס אויפגעהאַלטן אין די הויפּט־צווייגן. ערשט אין די זייטיקע צווייגן האָט זיך געבילדעט אַ געוויסע ספּעציעלע צופּאַסונג — די אָדער יענע ציין־גרופּע: עק־ציין, באַק־ציין, אָדער שנייד־ציין. מ'האָט בכן פעסטגעשטעלט, אַז דער מענטש האָט געהאַט אַן איינפאַך־

אורשפרינגלעך געציין איז דער אוראַנג־אוטאַנג — אַן אָפגעווייכטס און דעריבער איז דער מענטש דער פֿאָטער פֿון דער גרויסער מאַלפּע און נישט להיפוך. און מ'האָט פֿאַרענדיקט: אויב אַזוי אַלזאָ, מוז דאַן יענער אוצר אין טערטיער זיין אין אַלע זיינע שטריכן מער מאַלפּעאַרטיק, ווי דער מענטש פֿון נעאַנדערטאַל — נאָר דערביי האָט ער אָבער דאָס מענטשלעכע געציין.

אַזוי האָט בכן געמוזט דער אורפֿאָטער אויסזען: די שטריכן מאַלפּישע און דאָס געציין מענטשלעך.

די זין אָבער פֿון דערדאָזיקער אורפֿאָטערלעכער מענטשמאַלפּע האָבן זיך צעשיידט. דער העפֿלעכער הבל האָט אויפֿבאַהאַלטן דאָס געציין און אנגעווירן די מאַלפּישע שטריכן, דער שלעכטער קין אָבער האָט מעכטיק אַנטוויקלט די שטאַרקע ציין און אַלס שטראָף אָנגעווירן אַ שטיקל פֿון שאַרבן און געהירן.

די גוטע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין פּאַלעאָנטאָלאָגיע, האָבן אויסגעמאָלט שיינע בילדלעך, ווי אַזוי דאָס גילדערנע איי דאַרף אויסזען — ווען זיי וואָלטן עס געפֿינען. און ווייל זיי זענען אַזוי פֿיין געווען, האָט זיי די מאַמע גערופֿן קיין היידעלבורג און געזאָגט: „הייס — הייס!“ און זיי האָבן אין דער אמתן געפֿונען דאָס איי און זענען געווען אומגעדלעך גליקלעך און שטאָלץ, מחמת עס האָט פּונקט אַזוי אויסגעזען, ווי זיי האָבן עס פֿריער אויסגעמאָלט.

זיי האָבן געפֿונען דעם היידעלבורגער מענטש, ער איז געווען פֿיל מאַלפּעאַרטיקער, ווי דער מענטש פֿון נעאַנדערטאַל און האָט פֿונדעסטוועגן געהאַט דאָס נאָרמאַלע מענטשלעכע געציין. די העפֿלעכע קינדער האָבן געזאָגט: „נו, איר זעט!“ און האָבן געמאַכט אַ לאַנגע נאָז אַקעגן יענע, וועלכע האָבן אויסגעמאָלט פֿאַלשע בילדלעך.

איז איצט בכן דער היידעלבורגער געווען דער שטאַמפֿאָטער פֿון דער גאָר טונקלסטער צייט. און פֿון אים און זיינע ברידער האָבן אַלע געשטאַמט: די ריזן פֿון קראָ־מאַניאָן, די גאַלעי־היל־לייט, די גרימאַלדינער און די נעאַנדערטאַלער.

— אָך, די נעאַנדערטאַלער! ווי אָפֿט פֿלעגט ער אַלס יינגל

אין דערדאָזיקער הייל אַריינקלעטערן — די אַלטע לייטער איז געווען צעפּראָכניעט און צעבראָכן און דער שטריק פאַרפוילט. אָבער דאָס האָט נאָך געשטאַרקט דעם רייץ, מחמת ס'איז אים פאַרגעקומען אַזוי כוראַדיק געפערלעך. דאָרט איז ער געזעסן און געטרוימט, אַז ער איז עס טאַקע דער נעאַנדערטאַלער, און ער ווערט פאַרפאָלגט און קען זיך נישט אַרויסרירן פון זיין באַהעלטעניש. און כדי עס נאָך עכטער צו מאַכן, האָט ער הויך געזינגען דאָס ליד פון די פאַרפאָלגטע: „לויב דעם האַר, דעם מעכטיקן קעניג פון כבוד, לויב אים נשמה מיינע, אינייינעם מיט די הימלישע כאָרן" — — נאָכדעם, ווי ער האָט דערהערט עפּעס שטימען פון אונטן, האָט ער אויפגעהערט צו זינגען און זיך געטראַכט: „דאָס זענען די רוצחים!" אָבער דאָס איז גאָר געווען די מוטער, וועלכע איז געווען שטאַרק אומצופרידן, ווייל יעדער אויספלוג אין די נעאַנדער-הייל אַריין, האָט זי געקאָסט אַ פּאָר נייע הויזן. — שפּעטער האָט ער זיך שוין קנאַפּער פאַראינטערעסירט מיט די דיכטער פון פרומע לידער, דערפאַר אָבער מער מיטן אַלטן מענטש, וועלכער האָט געטראָגן זיין נאָמען. ער האָט זיך געבאָרגט בא די פויערים לאָפּעטע און שויפל, אָ ער האַמער און האַק בא אַ שטיינער-קלאַפּער אויפן וו.ג. ס'האָט זיך דאָרטן געפונען איין מאָלפּעמענטש — האָט ער געטראַכט — הלמאי זאָל דאָרט נישט זיין מער, און האָט גענומען גראָבן און פלייסיק זוכן דאָס גאָלדערנע איי.

ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען, און ווען ס'האָט אָנגערוקט דער אָוונט, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו גראָבן, אָבער איז געבליבן אין זיין הייל, בשעת ס'זענען צוגעפאַלן די לאַנגע שאָטנס און זיין וועקסן ליכטל האָט אָנגעהויבן אומרויק פלאַקערן.

ער האָט כסדר אַלץ באַטראַכט דעם שמאָלן שפּאַלט אין דער שטיינערנער וואַנט.

קיין שום מענטש וואָלט זיך נישט געקענט דורך אים דורכקריגן, אָבער שטיינער האָט מען געקענט גאַנץ ווייטלעך אַריינשליידערן, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער שפּאַלט מוז זיין גוואַלדיק לאַנג, אַז מען קען שעהנלאַנג דאָרט קריכן אין

בויך פון דער ערד, דערנאָך צעעפנט ער זיך און שרייט זיך אויס אין אַ געוואָלטיקער מערה. און פון דערדאָזיקער מערה איז מען אַרויסגעקומען אין אַ טיפן טאָל אַריין, וואָס איז געווען קיילעכיק ווי אַן אַלטער קראַטער, און די פעלזיקע ווענט האָבן אים אַרומגענומען, און אינדערהייך האָבן זיי זיך קוילאַרטיק פאַרייניקט, נאָר אינמיטן איז געווען אַן עפענונג, דורך וועלכער מ'האָט דעם בלויען הימל געזען. דאָ איז געווען אַ קליינע אָזיערע; אויף אירע ברעגעס זענען געוואַקסן ריזיקע פעלדקיטל-ריטער און אויף די שפּיצן האָבן זיך געצויגן פעדערבוים-וועלדלעך.

דאָ האָבן געהויזט די נעאַנדערטאַלער. זיי האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן טויזנטער יאָרן — געכאַפּט פיש און געגאַנגען אויף יאַגד, און געפירט מלחמות מיט די ריזיקע פאַרמבולדיקע עקדישן. אַך, ווער האָט זיך דאָס געקענט דורכקריגן דורך דעם דאָזיקן ענגן שפּאַלט?

פראַנק ברוין האָט געצייכנט מיט דער אומבאַהאָלפענער פעדער משוגהדיקע זאַכן אויפן פּאַפּיר און האָט כסדר געמוזט אונטער-שרייבן, וואָס דאָס איז געווען אַזוינס, אַנדערש וואָלט ער עס דערנאָך אַליין נישט דערקענט. האָט ער בכן אויפגעשריבן „Brontosaurus“ און „Hatteria“ און „Plesiosaurus“ און „Neandertaler“. אָבער ער האָט דאָך אויסגעפונען, אַז איינער פון די נעאַנדערלייט איז ענלעך געווען צו פּעטראָ נאָסקלער און דער צווייטער צו דזשיראַלאַ אָ סקוראָ. נאָר אין גאַנצן איז דער קנעכט געווען פיל שטאַרקער: — ער איז געווען אַנדערש און געוואָרן פיל ענלעכער צו אַ מאַלפּע.

* *

*

פיר טעג איז דער זשאַנדאַרם נישט געווען אין דער היים. פראַנק ברוין איז געלעגן אין בעט. ער האָט געשריבן, געפאַנטאַזירט און הנאה געהאַט פון דער שטילער פרייד: צו זיין רעקאָנוואַלעסצענט. כאָטש ער איז נישט קראַנק געווען. ער פלעגט

אויך פון־צייט־צו־צייט אויפשטיין און פאַטעלעך שפּאַנען איבער די גאַסן פון אַלטן דאָרף.

בשעת דער זשאַנדאַרם איז צוריקגעקומען, איז ער געזעסן באַם פענסטער.

— נו, האָט איר עפּעס געהאַט אַ גוטע יאַגד? — האָט ער אים געפרעגט.

אַלויזי דרענקער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין פערד.

— עט — האָט ער געברומט — פיר נעכט זענען מיר בחנם געלעגן אויפן רעגן, צוליב גאָרנישט! די חברה־לייט האָבן אַפּנים דערשנאָפּט מיט די נעז — און מ'האָט קיינעם אויף אַ רפואה נישט אָנגעזען. אָבער מיר וועלן זיי נאָך פאַקן!

פראַנק ברוין איז נאָך פאַרבליבן עטלעכע טעג בא זיין מכניס אורח און האָט זיך שוין געשפּירט אינגאַנצן געזונט, אָבער דער גרענעצמאַן האָט אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן.

— מ'דאַרף נישט איבעררייסן די קוראַציע פאַר דער צייט — האָט ער געטענהט.

ער האָט אים בסדר געגעבן צו טרינקען וויין און גראָג, און האָט אויך אַליין גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דעררעזיקער גוטער רפואה — צוליב גוט־פריינטשאַפט.

איינמאָל איז ער גאַנץ באַגינען צוגעקומען צו זיין בעט.

— מילא — האָט ער געזאָגט — אויב איר ווילט דווקא, קענט איר איצט מיט מיר מיטרייטן. איך מוז אַוועק אין שטאָט אַריין און וועל אייך גערן מיטנעמען מיט זיך.

פראַנק ברוין איז איילִיק אויפגעשטאַנען, די דינסט האָט אים געברענגט דעם פרישטיק. — דאָס פערד איז געשטאַנען אָנגעבונדן פאַרן הויז, אָבער ער האָט דעם זשאַנדאַרם נישט געזען.

— וווּ איז דער הער דרענקער? — האָט ער געפרעגט די דינסט.

— שוין אַוועק, — האָט זי געזאָגט. — יאָ, איך האָב אייך צו זאָגן, אַז איר זאָלט אייך נישט איילן, און קענט זיך רויִק אָפּעסן

פרישטיק, מחמת איר וועט אים אזוי אויך דעריאָגן, ער וועט וואַרטן אויף אייך — דאָס פערד קען גוט דעם וועג.

ער איז געריטן פּאַמעלעך באַרג-אַרויף; אָבער ערשט נאָך אַ גוטער שעה צייט האָט ער דעריאָגט דעם גרענעצמאַן, וועלכער איז געגאַנגען צופוס און האָט שטאַרק געסאָפּעט.

— נו, אין אייער פערד? — האָט ער געפרעגט פאַר-חידושט.

דרענקער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— איר זיצט דאָך דערויף. — איך גיי צופוס.

פראַנק ברוין האָט געוואָלט אַראָפּקריכן פון פערד, אָבער דער זשאַנדאַרם האָט אים נישט געלאָזט, ער האָט אָנגענומען דאָס פערד בײַ דער צוים און עס געפירט.

— נו, חיה מיינע, דו דאַרפסט אויך צופרידן זיין, וואָס וועסט אַמאָל שלעפּן מיט אַ פּופּציק קילאָ ווייניקער באַרג-אַרויף. אָבער וואַרט נאָר צו — ווען מיר וועלן אַראָפּקומען קיין וואַל די סקאַדראַ, וועל איך אויך זיין לייכטער מיט אַ פּאָר קילאָ.

ער האָט געסאָפּעט און געשוויצט, אָבער אים כסדר איבער-געיאָגט מיט זיינע שווערע שטיוול.

— אָך, שיין וואָלט עס געווען, אַז אַן אַלטער קייזערלעכער שיסער זאָל שוין נישט קענען אויף די בערג קריכן! מיר האָבן געמאַכט גאַנץ אַנדערע מאַרשרוטן, איר מעגט עס מיר גלייבן, און פעלדמאַרשמעסיק.

אונטערן שפּיץ פון טעלדאָ האָבן זיי זיך אָפּגערוט, נאָכדעם געגאַנגען ווייטער. אויפן שאָסיי איבערן סקאַדראַ-טאָל איז פראַנק ברוין אַראָפּ פון פערד און דער גרענעצמאַן איז אויפגעזעסן דע-רויף. זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט.

— גריסט מיר דאָרטן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד! — האָט זיך דער זשאַנדאַרם צעלאַכט. — אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך זיין דאָרט. איר וועט שוין זען, ווי איך וועל דידאַזיקע הערן אויסשפּילן.

דערנאָך איז ער אַוועקגעריטן. פראַנק ברוין האָט זיך

אויסגעזעצט אויפן שטיין, אויף וועלכן סיבילא פלעגט תמיד זיצן.

און אזוי האָט ער ווידער אראָפּגעוואַנדערט אין טאָל סקאָדראַ. דאָ אַהער איז ער מיט עטלעכע חדשים צוריק אַנטלאָפן — אין אַ שטיל באַהעלטעניש, וווּהין ער איז פאַרקראָכן. און איצט איז ער ווידער פון דאָרט אַנטלאָפן, אַנטלאָפן פאַר זיך אַליין. אַך, דערדאָזיקער שונא וועט אים געפינען אפילו אין פאַרבאָרגנסטן העק.

וואָס האָט ער נאָך געוואָלט אין דאָזיקן דאָרף?

ער מוז אָנועקפאָרן מיט דער נאָענטסטער פּאָסט. יעדער שטיין האָט אים דאָ דערמאָנט אָן זיין יעצטיקער מפּלה. אוועק פאַרפּאַקן די קופערטן און תיכּף אַוועק! וווּהין ס'זאָל נישט זיין — —

די טיוול-טרייבער —? אָך, ווי ווייניק זיי זענען אים אָנגעגאַנגען, און מיט זיי האָט ער דאָס געוואָלט שפּילן?

— אָבער טערעזע? — צי גיט, טערעזע —

ער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַריבערגיין.

זיי רעדן שוין ווידער? ער האָט געהערט די געפּלאָנטערטע קלאַנגען פון אַמעריקאַנערס מוזיק, און דערקענט דאָס תענית-ליד.

„תמיד אַלץ דאָס תענית-ליד, — האָט ער געטראַכט — צי קענען זיי דען גאָרנישט עפּעס אַנדערש זינגען?"

אָבער דער ליאַרעם איז נישט געקומען פון שייער אַהער, נאָר האָט פון איבער דער אַוירע. צי האָבן זיי אַ פּראָצעסיע איינגעאָרדנט? — ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט.

איצט האָט ער זיי געזען, זיי זענען אַלע געשטאַנען אַרום ריימאָנדיס הויז, מענער, ווייבער און קינדער, אַרומגעשטעלט אין אַ האַלבראָד. דער שניידער ראַנכי איז געשטאַנען אויפן טיש און דיריגירט מיט דער מוזיק. בײַ זיינע פיס האָט זיך געשפּילט די קליינע פּאַמעטאַ וועניער.

ער האָט זיך דורכגעמאַכט אַ וועג צווישן די רייען, קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים.

— וואָס איז געשען? — האָט ער האַסטיק געפרעגט.

אָבער זיי האָבן געזונגען ווייטער.

אין דער טיר האָט ער געטראָפן דעם יונגן אולפאַ און אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער געפרעגט.

דער קנעכט האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— וואָס דאָ טוט זיך? — מיר פּאַרערן די הייליקע!

דערנאָך איז ער אַרויסגעלאָפן.

ענג געפּאַקט זענען געשטאַנען די מענטשן אויף די שטיגן און אויך אין גאַסטצימער. ריימאָנדי האָט אָנגעגאָסן גרויסע גלעזלעך מילך און וואַסער מיט אַליגע־זאַפט, ער האָט זיי אַרומדערלאַנגט און גענומען צו ניקלען מטבעות פון איטלעכן.

— וווּ איז טערעזע? — האָט ער אים אָנגעשריגן.

ריימאָנדי האָט אים אָנגעקוקט, גאָרנישט פאַרשטאַנען און געשאָקלט אומבאַשטימט מיטן ק. פּ. אָבער עפּעס אַ פרוי, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, האָט אַ קוק געטון מיט אַ פּיינטלעכן בליק אויף אים און געזאָגט:

— די הייליקע טערעזע איז אויבן.

ער האָט זיך מיט גרויס שווערקייט דורכגעשטופּט איבער די שטיגן אַרויף.

— לאָזט מיך דורך! — האָט ער געבעטן — איך מוז זי זען.

טייל האָבן זיך אײַנגעגנצן אויף אים נישט אומגעקוקט, האָבן זיך נישט גערירט פון זייער אָרט און געזונגען ווייטער; אַנדערע אָבער האָבן זיך צונויפגערוקט, ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקענט. ער האָט זיך געשטויסן און געשטופּט. אַ טריט נאָך אַ טריט האָט ער זיך געמוזט אויסקעמפן.

דאָס געזאַנג איז פאַרשוויגן געוואָרן, ער האָט דערהערט אַ שטיל געבעט און דערקענט פּיעטראָס שטים. ער האָט גערעדט שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, און פראַנק ברוין האָט פאַרשטאַנען נאָר אָפּגעריסענע ווערטער:

— צו דאַנקען דעם לעמל, — האָט ער געהערט, — אַ גרויס חסד, און „אַ פינגער פון גאָט".

— לאָזט מיך דורך! — האָט ער געסיקעט, — לאָזט מיך דורך.

ענדלעך איז ער געשטאַנען פאַר איר טיר, דאָס צימער איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן; אָבער היות ווי אַלע האָבן געקניט האָט ער גוט געקענט איבער זיי אַריבערקוקן. די שטוב האָט אויסגעזען ווי אַ קליינע קאַפּליצע, אַ חוץ דעם מאַדאָנע-בילד איז נאָך געהאָנגען אויף דער צווייטער זייט דאָס בילד פון הייליקן פראַנציסקוס: אונטער ביידע האָבן געברענט גרויסע ליכט. דאָס פענסטער איז געווען געשלאָסן און געדיכט פאַרהאָנגען מיט ווייסע טיכער, וואָס זענען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעך אַזוי, אַז זיי האָבן געבילדעט אַ מין גאַלדאַכין. אונטער אים איז אויף אַ לאַנגער קאָרב-שטול געלעגן טערעזע.

דאָס ליכט איז געווען אַזוי מאַט, אַז ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז ער האָט צוגעוווינט די אויגן צו דערדאָזיקער טונקלקייט. ער האָט געזען דאָס מיידל האַלב-זיצנדיק און האַלב-ליגנדיק, מיט די אויגן שטאַר געווענדט צום קרוציפיקס, וועלכן דער אַמעריקאַנער האָט פאַר איר געהאַלטן. אַ ווייס געוואַנד האָט באַדעקט איר גאַנצן קערפּער; די הענט האָט זי געהאַלטן אויף די אַנלענס פון דער שטול, די באַקעטע פיס האָבן גערוט אויף אַ נידעריק בענקעלע, לעבן וועלכן ס'האָט געקניט דער טויב-שטומער גינאָ.

און פראַנק ברוין האָט דערזען ״גרויסע רויטע סטיגמאַטן אויף אירע הענט און פיס.

פּיעטראָ באָסקלער האָט אַנידערגעקניט, אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און פרום געקושט די בלוטיקע צייכנס פון אירע פיס. דאָס האָט נאָכגעטון דער אַלטער אולפאָ, דערנאָך מאַטילדאַ ווענייער, אַלע האָבן זיך העפטיק געשטופּט אַריין, אָבער דזשיראַלאַמאָ סקוראָ איז געשטאַנען אויף דער וואָך און זיי צוריקגעשטויסן. ער האָט געלאָזט אַרײַנגיין פון דער לינקער זייט איינעם נאָכן אַנ-

דערן, און פון רעכטס אַרויסגיין. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטופּעניש און אַ דריקעניש, אָבער ענדלעך איז געוואָרן אַן אָרדנונג צווישן עולם; אַ סך האָבן זיך געמוזט אומקערן אַהיים, אַזוי, אַז ס׳איז פריי געוואָרן דער וועג אויף די טרעפ און אין פאָרהויז. איצט האָבן זיי זיך געצויגן אין אַ לאַנגער גענזן־שורה דורך דער הויז־טיר, שטיגן און פאָרהויז אין דער שטוב אַריין, כדי צו קושן די בלוטיקע פיס, וואָס האָבן געטראָגן די געטלעכע צייכנס. נאָכדעם זענען זיי צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ און פאַמעלעך שלייכנדיק געגאַנגען מיט אומענדלעכן געדולד.

עפּעס אַ האַנט האָט אָנגערירט זיין אַקסל. פראַנק ברוין האָט זיך אומגעקוקט, דאָס איז געווען אַנדזשעלאָ, דער קנעכט. דער באַלעבאָס האָט אים צוגעשיקט מיטן שליסל פון זיין צימער. ער האָט זיך שנעל דורכגעקריגן צווישן עולם, געעפנט די טיר און אַרייַנגעגאַנגען. אַלץ איז געלעגן אויפן פריערדיקן אָרט, ווי מיט פירצען טעג צוריק. קיין איין ביכל איז נישט גערירט געוואָרן.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און געקוקט, ווי דער אָוונט פאַלט צו. אונטן איז געשטאַנען דער עולם, אויסגעשטעלט אין דער ריי, וואַרטנדיק געדולדיק ביז זיי וועלן קענען אַריינגיין. דאָס בלוט האָט אים הייס אַ שפּאַר געטון אין די שלייפן, זיינע מחשבות האָבן זיך אים געפּלאָנטערט.

ער האָט געפילט, אַז ס׳איז געשען עפּעס אַ גרויסע זאַך. — דורך אים? צי טראָץ אים? דאָס האָט ער נישט געוווסט. אָבער ס׳איז געשען, און געווען איז דאָס אַ גרויסע דערפילונג. דאָ איז געווען אַ וווּנדער, וואָס האָט נאָך אַ סך וווּנדער צוגעזאָגט.

ער איז רויק געזעסן און זיך איינגעהערט אין שטילן תפילה־געזאַנג פון עולם. אָבער ער האָט נישט געקענט אויפכאַפּן די ווערטער. דאָס איז נאָר געווען אַ טויבער אָפּהילך, אַ פאַלן און שטייגן פון קלאַנגען, וואָס האָט אים מאָדנע איינגעוויגט.

ער איז אַזוי געזעסן שטיל אַ לאַנגע צייט, און אַן אָנגעגנע־טע וואַרעמקייט האָט אָנגעפילט זיין ברוסט, און זיינע אויגן

האָבן אויפגעלויכטן, און זיין מויל האָט התלהבותדיק אַרויסגע-
רעדט:

— אַה — אַה — מיין געליבטע טראָגט די סטיגמאַטן פון
גאָט.

* * *

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערזען עפּעס אַ באַוועגונג אינ-
דרויסן. אַלע זענען אַרויס פון הויז און זיך אָפּגערוקט, און דער
שניידער ראַנכי און דזשיוואַני אולפאַ האָבן געהאַלטן אָרדנונג.
קיינער האָט נישט געוואַגט אַ פּיפּס צו טון, אָבער אַלעמענס אויגן
האָבן געקוקט געשפּאַנט צו דער טיר־הין.

פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק האָט מען אַרויסגעטראָגן די
שטול, אויף וועלכער טערעזע האָט גערוט. מ'האָט אַ אונטערגערוקט
אונטער איר פיר גלייכע קרייצאַרטיק־צונויפגעלייגטע דרענגלעך,
און דערנאָך האָבן אַכט יונגע קנעכט געשלעפּט די משא אויף
זייערע פּלייצעס. אַזוי האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שטילער
שווייגנדיקער פּראָצעסיע.

פראַנק ברוין האָט זיי אַ ווײַלע נאָכגעקוקט, דערנאָך איז
ער העגדום־פעגדום אַראָפּ פון די טרעפּ. ער איז דורכגעלאָפן אַ
זייטיק געסל און זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער קירך, כדי זיי צו
זען פאַרבײַגיין. פאָרויס האָבן געאײַלט די קינדער, אָפּטמאָל לויפנ-
דיק הינטערווײַלעכץ און כסדר זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגע-
קוקט. נאָכדעם איז געגאַנגען דער קרומער שוסטער לוצילאָ ראַטי,
דער פּאַ יציאַנט פון דאָרף; ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ זיין
אַלטן לעדערנעם העלם מיט דער הויכער קאָקאַרדע און געהאַלטן
די קורצע, בלאַנק־געפּוצטע שווערט איבערן אַקסל. לעבן אים האָט
געשפּאַנט, טאָפּלט אַזוי גרויס ווי ער, דער קנעכט סקוראַ. נאָך
זיי איז געגאַנגען, אונטער דער אָנפירונג פון שניידער, די מוזיק,
ניין מאַנסבילן און זיבן פרויען — אָבער זיי האָבן נישט געשפּילט
זענען געגאַנגען שטיל און שווייגנדיק, ווי אַלע אַנדערע. הינטער

זיי איז געגאַנגען פּיעטראָ נאָסקלער אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַלטע לייט. נאָך אים זענען געגאַנגען די זיבן יונגען, וואָס האָבן געטראָגן טערעזעס שטול. זי האָט געהאַלטן אויף דער שויס דעם קרוציפיקס, אירע אויגן זענען געווען פעסט געשלאָסן. דערלעבן איז געלאָפן גינאָ מיט אַ פוסנבענקעלע האַלטנדיק אין דער לינקער האַנט דעם זוים פון איר קלייד. הינטער איר זענען געגאַנגען די ווייבער אין אַ לאַנגן צוג, צום סוף די מאַנסלייט —

ער האָט זיי נאָכגעקוקט. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער קירך, האָבן זיך פאַרנומען רעכטס און געצויגן צו פּיעטראָס האַלע. פּאַמעלעך האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים.

באַ דער טיר פון שטאַל האָט ער געטראָפן אַנדזשעלאָן; דער האָט לאַכנדיק אים אַ פרעג געטון:

— דער הער איז שוין ווידער דאָ צוריק?

— יאָ, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — דו זעסט דאָך.

ער האָט אים געוואָלט פרעגן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אָבער האָט זיך מיישב געווען — אַנדזשעלאָ איז דאָך נישט געווען קיין אָרטיקער, האָט ער בלויז געזאָגט:

— נו — און דו זאָרגסט פאַר גאָרנישט?

אַנדזשעלאָ האָט תמעוואַטע געשמייכלט.

— פאַרוואָס זאָל איך דען זאָרגן?

פראַנק ברוין איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז און געטראָפן דעם באַלעבאָס אין גאַסטצימער, ווו ער האָט איבערגעציילט זיין פאַרדינסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— נו, דערציילזשע מיר, ריימאָנדי, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען בשעת מיין אָפּוועזנהייט?

דער באַלעבאָס האָט גענישטערט אין שופלאָד און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ חשבון.

— איר זענט טאַקע דאָ נישט געווען — האָט ער געזאָגט — אָבער איר האָט דאָך נישט געקינדיקט די דירה. איך האָב די שטיבן גלייך אָפּגעשלאָסן, קיינער איז דאָרט נישט געווען — מחמת כ'האָב זיי געמוזט רעזערווירן פאַר אייך. אַזיסטן וואָלט איך זיי געקענט אַן אַנדערן גאַסט פאַרדינגען — —

פראַנק בראַון האָט זיך געכאַפּט צו דער קעשענע.

— זייט אייך נישט מטריח ווייטער, — האָט ער געזאָגט — איך וועל גערן באַצאָלן. וויפיל ווילט איר? — ער האָט אים אַנידערגעוואָרפן דאָס געלט אויפן טיש. דער באַלעבאָס האָט עס איבערגעציילט און אַ זיפץ געטון — „הלמאי האָט ער נישט געפאָדערט מער?"

— די געשעפטן גייען ווידער גוט, דאַכט זיך? — האָט געפרעגט פראַנק בראַון. — די לייט קומען ווידער צו אייך?

ריימאָנדי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס האָט אים געקאָסט אַ סך אַרבעט. בשעת דאָס איז געשען מיט טערעזען, זענען די לייט געקומען אָנצולויפן מאַסנווייז אין זיין הויז אַריין, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געוואָלט טועם זיין. דאַן האָב איך דערקלערט דעם אַמעריקאַנער, אַז איך וועל קיינעם איבער די שוועל נישט אַריינלאָזן, אויב ער וועט וויניקסטנס כאָטש עפּעס נישט טועם זיין. האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אָבער איך בין געבליבן פעסט באַ דאָס מייניקע. מיר זענען אַלזאָ געקומען צו אַן אויסגלייך: וויין וועלן זיי טאַקע נישט טרינקען, די טייוול-טרייבער, אָבער דערפאַר מוזן זיי טרינקען מילך און פרוכטן-זאַפט. — און אַחוץ דעם, באַצייט פון מיר דער אַמעריקאַנער אַ מענגע וויין, וואָס ער דאַרף האָבן צום אָוונטמאָל.

ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אַן אַלטן, לעדערנעם בייטל, עס באַהאַלטן אין שופלאָד און פאַרשלאָסן.

— אויב ס'זאָל אַזוי גיין יעדן טאָג, וועל איך זיין צופרידן.

— נו, און דו אַליין טרינקסט אויך מאַלינעס-זאַפט? — האָט געזאָגט פראַנק בראַון, — גיי אין קעלער אַריין און ברענג עטלעכע פלעשלעך סאַנטאָ-וויין. מיר וועלן טרינקען, און דו וועסט דערווייל מיר אַלץ דערציילן.

די גלעזלעך זענען געווען אָנגעפילט, און ריימאָנדי האָט פאַררייכערט זיין ליולקע.

— יאָ, — וואָס-זשע זאָל איך דערציילן? — האָט ער געזאָגט, — טערעזע איז אַ הייליקע געוואָרן, דאָס איז עס אינגאַנצן.

וואָס שייך מיר, בין איך גאַנץ צופרידן — מחמת דאָס ברענגט געלט אין שטוב אַריין.

ער האָט האַסטיק אויסגעשפּיגן.

פראַנק ברוין האָט אים שטאַר אָנגעקוקט. עס ברענגט געלט אין שטוב אַריין! — און האָט דען ער אַליין נישט געקוקט אויף דעם וווּנדער-טאָל פון סקאָדראַ פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט? וואָס אָן אמת, ער האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם, אַז ער זאָל פאַר ניקלנע מטבעות מילך דערלאַנגען!

און איז דען דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט נישט ריכטיק געווען? געלט — געלט, דאָס איז די גרויסע מאַכט, וואָס קיין זאַך קען קעגן איר נישט ביישטיין. און וויבאַלד ער וועט פון דעמדאָזיקן גאָלד-גרוב קענען אומענדלעכע אוצרות שעפּן — — צי וואָלט ער לסוף נישט געקענט אַליין נעמען גלייבן אין דער אַלמאַכט פון זיין עשירות? אויב ס'וועט שוין מער נישט זיין קיין מניעות פאַר זיינע ווילדסטע פאַנטאַזיעס — צי וועט דאַן די אַלמאַכט פון געלט נישט ווערן זיין אַלמאַכט? און וועט ער נישט אַזוי וויט קומען — אַז ער זאָל אין זיך אַליין אָנהייבן גלייבן?

דערדאָזיקער צרהדיקער, קאַרגער פויער האָט געזאַמלט אַ העלער צו אַ העלער, וואָס אַ פרעמדער צופאַל האָט אים צוגעטראָגן, אָבער ער אַליין האָט דאָך די זוימען פאַרזייעט: איצטער בליִען טאַקע די ביימער, און הלמאי זאָל ער די פּירות נישט דייסן?

ער האָט טאַקע אַ טעות געהאַט, מיינענדיק, אַז די זאַך אַליין וועט אים קענען באַפרידיקן. אפשר וואָלטן אים געוויסע איינצלהייטן געקענט ווילן, אָבער דער גאַנצער גרויסער שווינדל וועט אים כמעט נישט אינטערעסירן, און זיין ערשטע באַגייסטערונג איז געווען אַ קינדיש שטרוי-פייער. ער וואָלט אַפילו אַ רגע נישט געקענט גלייבן אין זיין גרויסן כישוף.

אָבער וועלכער סוחר גלייבט עס אין דער מיסיע פון זיין הויז? אויף פייערלעכע באַנקעטן פ:וידערט טאַקע דער שיפן-אייגנטימער אין בכבודיקע טאָאַסטן וועגן דער נעץ פון זיינע וועגן, וואָס שפּינט אַרום די גאַנצע וועלט, פאַרבינדט פעלקער און פאַר-

שפרייט דעם רום פֿון זיין לאַנד אין די ווייטסטע טײלן וועלט. אָבער דאָס אַלץ איז אים בעצם גאַנץ גלייכגילטיק: געלט פֿאַרדינען האָט געוואָלט דערדאָזיקער מאַן, און זיינע אַקציאָנערן האָבן געוואָלט זייערע דיווידענדן האָבן. דאָס איז געווען זייער גלויבן!

ער האָט געקענט מענטשן, וועלכע האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, ווי צו פֿאַרדינען מיליאָנען. אָבער ער האָט קיין אייגעם נישט געקענט, וואָס זאָל פֿאַרשטיין ווי זיי אויסצוגעבן! — דאָס איז געווען אַ סך שווערער — און ער, אַ געוויס, ער וואָלט עס זיכער געקענט.

אָ, יאָ, דאָס איז אויך געווען אַ קעניגרייך.

ער וואָלט — ער וואָלט — —

ער האָט זיך איבערגעקלערט און אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די חלומות. — ער האָט אויפֿגעהויבן זיין גלעזל:

— טרינק, ריימאָנדי, און דערצייל מיר.

דער באַלעבאָס האָט געטרונקען.

— יאָ, מיין הער. — האָט ער אָנגעהויבן, — ס'איז נישט אַזוי לייכט צו דערציילן. אין יענעם טאָג, ווען איר זענט אַוועקגעגאַנגען, איז נאָך גאָרנישט געהאַט געשען, ווייניקסטנס האָב איך קיין זאַך נישט באַמערקט. איך האָב געפֿונען אייער צעטעלע אויפֿן טיש און בין באַלד אַרויפֿגעגאַנגען אינדערהייך, כדי אָפּצושליסן אייער צימער.

ער האָט זיך איבערגעריסן:

— אָך, מיר דאַכט זיך, אַז אייער בעט איז נאָך גאָרנישט פֿאַרבעט געוואָרן!

— כ'האָב נישט געזען, — האָט געענטפֿערט פֿראַנק בראַון. — טערעזע פֿלעגט עס דאָך תּמיד טון, צי איז זי אינגאַנצן נישט געווען אין מיין צימער?

דער אַלטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, זי איז דאָרט נישט געווען. איך האָב געהאַט דעם שליסל אין קעשענע, און זי האָט אים כּלל נישט פֿאַרלאַנגט. — איך מוז אייך דאָס בעט פֿאַרבעטן.

ער האָט געוואָלט אויפשטיין, אָבער פראַנק ברוין האָט אים פאַרהאַלטן.

— אויף דעם איז נאָך דאָ גענוג צייט, — האָט ער געזאָגט.

— כ'וועל מוזן אַ דינסט האַלטן. — האָט ריימאָנדי דענקענדיק געזאָגט. — אַנדזשעלאַ טויג צו גאָרנישט, אַ חוץ צום פעלד און שטאַל. און אויף טערעזען קען איך מער נישט רעכענען. איך מוז אַ דינסט צונעמען — כ'וואָלט דאָ געהאַט צופיל אַרבעט. כ'וואָלט אויך געוואָלט איינאָרדענען אַ שענק אין דרויסן פאַרן הויז, ווייל אינעווייניק קען סוף כל־סוף נאָר אַריין אַ גאַנץ קליינער טייל פון דעם עולם; דאָס וועט זיך שוין אָפּצאָלן. כ'האָב געטראַכט וועגן דער דיקער מאַריע, אילפאָס אַ טאָכטער — אָבער ס'וועט גלייכער זיין, אַז כ'וועל פון דאָרט גופא נישט צונעמען קיין מיידל, מחמת די אַלע האָבן זיך פאַרקלאַפּט די קעפּ מיט די פרומע עסקים. איך וועל פאָרן אין שטאָט און וועל דינגען אַזעלכע, וואָס קען זיך אויף אַלעם, עפּעס אַ פאַרשייטע מויד, וועלכע וועט זיך נישט אַזוי לייכט אָנשטעקן פון די פרומע ברידער.

פראַנק ברוין איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— דינגט אייך מיט גאָטס הילף, וואָס איר ווילט, ריימאָנדי, אָבער איצט דערציילט־זשע מיר.

דער באַלעבאָס האָט אַ צי געטאָן פון ציבעק און חשיבות־דיק אויסגעשפּיגן.

— גוט, מיין הער, ווי איר ווילט. אַלזאָ, אין יענעם טאָג איז גאָרנישט געשען. טערעזע איז זייער שפּעט אַראָפּגעקומען און איך האָב זי אויסגעזידלט. אָבער זי האָט גאָרנישט געענטפערט, געטאָן איר געוויינלעכע אַרבעט און געשוויגן.

— האָט זי זיך כלל נישט געפרעגט אויף מיר?

— ניין, מיין הער. כ'האָב איר אַליין געזאָגט, אַז איר זענט אַוועקגעגאַנגען אויף אַ פּאָר טעג, אָבער זי האָט זיך נישט געפרעגט וואוהין. זי האָט איבער דער צייט אפילו קיין איין מאָל נישט גערעדט פון אייך.

ער האָט אים אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן אַפּער, דערנאָך ווייטער גערעדט.

— דאָס הייסט — אייגנטלעך האָט זי איבערהויפּט גאָר נישט גערעדט, ווייניקסטנס צו מיר נישט — נאָר צו אירע ברידער און שוועסטערן.

פאַרנאַכטצו איז זי אַהיינגעגאַנגען אין דער שאַפּע פון מיסטער פּעטער, כאָטש איצט קומט דאָרט פאַר יעדן אָוונט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, און יעדן אָוונט איז דאָרט טערעזע דערבײַ. זי איז צוריקגעקומען גאָר שפּעט — נאָך שפּעטער ווי אין דער פריערדיקער נאַכט מיט אייך. — איך בין נאָך געלעגן וואַך און געהערט, ווי זי איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ. דער אַנדערער טאָג איז אויך אַזוי אַריבער; נישט מער — זי האָט ווייניקער געאַרבעט, געזעסן אין איר צימער און געלייענט.

— וואָס האָט זי געלייענט? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— איך ווייס נישט — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס — כ'האָב קנאַפּ געטראַכט וועגן דעם. כ'האָב זי גערופן צו עפּעס אַן אַרבעט, און היות ווי זי האָט נישט געהערט, בין איך געגאַנגען אַליין נאָך איר. זי איז געזעסן אויפן בעט און געלייענט, אַזוי פאַרטיפט, אַז זי האָט אפילו נישט געהערט, ווי איך בין אַרײַנגעקומען. אינאָוונט איז זי ווידער געווען בײַ די טייוול-טרייבער. אַזוי איז אַ עק דער צומאָרגנדיקער טאָג און דער איבערמאָרגנדיקער טאָג — אַזש ביז פרייטיק.

— ביז פרייטיק?

— יאָ. פרייטיק איז עס געשען. זי איז לגמרי נישט אַראָפּגעקומען, און בשעת כ'בין ענדלעך אַרויפגעגאַנגען נאָך איר, האָב איך געזען, אַז זי ליגט קראַנק אין בעט. כ'האָב זי געפרעגט, וואָס כ'קען טון פאַר איר, אָבער זי האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָב איך זי אַלזאָ צורו געלאָזט. וואָס דערנאָך איז געשען, ווייס איך נישט. כ'האָב איר אַרויפגעשיקט דאָס מיטאָג דורך אַנדזשעלאָ, אָבער זי האָט אים צוריק משלח געווען. ענדלעך, פאַרנאַכטצו, האָב איך געהערט, ווי זי האָט אַנדזשעלאָן

גערופֿן. איך האָב געמיינט, אַז זי וויל עפּעס עסן, אָבער זי האָט אים אַוועקגעשיקט נאָכן אַמעריקאַנער. דער איז געקומען און פֿאַרבליבן בײַ איר העכער אַ שעה צײַט. דערנאָך איז ער אַראָפּגעקומען און געהאַלטן פֿאַר מיר אַ לאַנגע רעדע, אָבער כ'האָב קנאַפּ וואָס פֿאַרשטאַנען, ווײַל ער האָט צו שטיל גערעדט. איך האָב אים געפֿרעגט, צי ער וויל אפֿשר עפּעס עסן, האָט ער גענומען שרײַען — נו, געענדיקט האָט עס זיך דערמיט, וואָס איך האָב אים אַרויסגעוואָרפֿן. אָבער אין אַ פֿערטל שעה אַרום איז ער ווידער געקומען צו גיין, און צוזאַמען מיט אים זענען געקומען וועניער און ראָנכי און ראַטי און ביידע אולפּאָס און נאָך אַנדערע לײַט. אויך עטלעכע פֿרויען זענען געווען מיט זיי. כ'האָב קיינעם נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן און געהאַלטן די טיר פֿאַרשלאָסן, אָבער דזשיראָלאַמאָ סקוראָ האָט געשריגן, אַז ער וועט אויפֿברעכן די טיר. ער האָט געשריגן, אַז כ'האַלט זייער שוועסטער געפֿאַנגען און אַז ער מוז זי באַפֿרײַען. ענדלעך איז דער אַמעריקאַנער געפֿאַלן אויף אַן המצאה און געזאָגט, אַז זיי וועלן אַלע עפּעס טרינקען, ווי באַלד כ'וועל האָבן מילך. דאַן האָב איך געעפֿנט און זיי דערלאַנגט מילך.

זיי זענען אַלע תּיכּף אַרויפֿגעלאָפֿן אויף די שטיגן, און איך נאָך זיי. טערעזע איז געלעגן אין איר בעט — אַז זי איז געווען קראַנק, דאָס איז געווען זיכער. זי האָט מיר געוויזן אירע הענט. זיי האָבן לײַכט געבלוטיקט אין ביידע זײַטן, ווי זיי וואָלטן געווען דורכגעשטאָכן מיט אַ טשוואָק. און דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט אירע פֿיס. כ'בין אַראָפּגעגאַנגען אונטן און געברענגט סובלימאַט און וואַטע. די פֿרומע ברידער האָבן נישט געוואָלט הערן דערפֿון, אָבער איך האָב איר אַרומגעוואַשן די וווּנדן; פֿאַרבינדן די וווּנדן האָבן זיי מיך טאַקע נישט געלאָזט, אָבער די גרויסע וווּנד אין דער זײַט האָב איך פֿאַרבונדן, נישט קוקנדיק אויף זייערע פּראָטעסטן. איבעריקנס, זענען די אַלע וווּנדן נישט געפֿערלעך און כּלל נישט טיף, בלויז די הויט איז צעקאַלעטשעט און עס רינט אַ ביסל בלוט — דאָס איז אייגנטלעך אַלץ.

— און וואָס איז געשען אויפן צווייטן טאָג? — האָט גע־פרעגט פראַנק ברוין.

— אויפן צווייטן טאָג קיין עום אויסערגעוויינטלעכס. אירע ווונדן זײַנען געבליבן, אָבער עס איז איר געווען בעסער. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, איז אָבער דאָס רוב געזעסן אין איר צימער. דער אַמעריקאַנער, וועמען זיי רופן איצט אליהו הנביא, האָט צוזאַמען מיט עטלעכע פרויען אויפגערוימט איר צימער און פלעגט דאָרט אַהינשלעפן יעדן אָוונט די גאַנצע חבֿרותא. דאָרטן פלעגן זיי זיך לאָזן אַלע צוזאַמען צו דער האַלע, און דאָרט האָט נאָך טערעזע געגעבן ספּעציעלע ספּעקטאַקלען. — מילא, איך קען באַשטיין אויף דעם, כּל־זמן עס ברענגט מיר געלט אין הויז אַריין.

פראַנק ברוין האָט פאַרביסן די ליפּן, כּדי נישט אַרויס־צושרײַען מיט צאָרן; דער דאָזיקער פאָטער איז אים געווען נמאס.

— וואָסערע ספּעקטאַקלען? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָט געבורטשעט דער באַלעבאָס, — און וויל אויך נישט וויסן דערפון. און דאָס גייט מיך כּלל נישט אָן. לאָז זי זיך געזונטערהייט טרייבן איר בטלנות.

פראַנק ברוין האָט אים שאַרף אָנגעקוקט:

— זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, ריימאָנדי, וואָס טראַכט איר וועגן די אויסטערלישע ווונדן פון אײַער טאָכטער?

דער באַלעבאָס האָט ווידער אויסגעשפּיגן.

— וואָס איך טראַכט? — עט — כ'לעבן — גאָרנישט! איך וויל כּלל נישט האָבן צו טון מיט דעם אַלעם. זאָל מען מיך צורו לאָזן. איך וויל נישט מער, ווי נאָר פאַרקויפן מײַן ווײַן — אָדער מילך און פּרוכטן־זאַפט, וויבאַלד דאָס שמעקט בעסער די טײַוול־טרײַבער — און גענוג!

ער האָט זיך ברייט צעלאַכט.

— אָבער כ'וועל אײַך עפּעס זאָגן, איך בין געווען פופציק יאָר אַ זעלנער און געזען, ווי אַ סך יונגען פלעגן זיך אָפּהאַקן דעם גרויסן פינגער, אָדער דעם ווײַזפינגער, כּדי נישט צו מוזן

גיין דינען. אָדער זיי פלעגן זיך אָפּקאָכן אַזאַ מין געקעכץ פון פינגערהוט-בליעכץ און באַבקע-בלעטער — גראָד אין אונזערע באַרג-טאָלן איז דאָס זייער באַליב. בשעת זיי האָבן זיך דערנאָך געשטעלט פאַר דער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע, האָבן זיי אויסגעזען שטייף און פאַרשטאַרט, און זייער האַרץ האָט געאַרבעט ווי אַ דאַמפּמאַשין. אָבער אונדזערע דאָקטוירים זענען פּיפּיקע לייט און לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט אָפּנאַרן פון דיזאָזיקע שווינדלער.

פראַנק בראַון איז אויפגעשטאַנען, דער באַלעבאָס האָט אים געעקלט.

— און אַזאַ חשד האָט איר אויף אייער טאָכטער?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט אַרויפגעאײַלט אויף די טרעפּ און געעפנט די טיר פון טערעזעס צימער. די לופט איז געווען דעמפּיק, שווער פון ווייִרעך און שווייס-ריח פון דעם ברודיקן עולם. ער האָט זיך צוגעקריגן ביז אונטערן באַלדאַכין, ברייט אויפגעפראַלט דאָס פענסטער און געמאַכט אַ גוטן לופט-צוג. דאָס גאַנצע מעבל איז געווען אַרויסגערוקט אין קאָרידאָר. בלויז האַרט בײַ דער טיר איז געשטאַנען דאָס בעט און דערלעבן אַ קליינע שטול. דאָרט האָט ער געזען ליגן זײַנע ביכער.

ער האָט זיי גענומען אין דער האַנט אַריין און געבלעטערט, אומעטום האָט ער געפונען קליינע, הייליקע בילדער אַלס לייען-סימנים. מ'האָט געזען באַשײַנפערלעך, אַז טערעזע האָט די הייליקע ביכער מיט התמדה געלייענט. ווי-נישט-ווי האָט ער געפונען מיט בלײַפעדער אויפן ראַנד נעצייכנט, קליינע באַמערקונגען פון איר אייגענער האַנט. אָ, יאָ, פאַרגרייט האָט זי זיך — — הגם אַ ביסל אַנדערש, ווי איר פאָטער האָט גערעכנט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט און זיך פאַרטראַכט. דאָ איז ער געהאַט געזעסן, דאָ האָט ער דעם ערשטן סם אין איר האַרץ אַרײַנגעטריפט.

סם? — צי ווייל ס'איז פון זיין מויל אַרויסגעקומען, איז

ס געווען סם? צי איז דען נישט מעגלעך, אז ער האָט איר באמת געגעבן דאָס העכסטע גליק?

אזוי האָט ער דאָך צו איר גערעדט — — און קען מען דען נישט זאָגן קיין אמתן, וועלכע מ'האַלט אַליין פאַר ליגנס?

אָדער נאָכמער — שקר און אמת איז איינע און דיזעלבע זאַך, ווי צניעות און זינד איז איינס און דאָסזעלבע. שקר בא אים, אמת בא איר: און דאָך איז עס איינס און דאָסזעלבע.

ווי אַזוי איז געקומען דערצו? אויף וואָס פאַר אַן אופן האָבן זייגע ווילדסטע שקרים אָנגענומען געשטאַלט און געברויזט אַרום, לעבעדיק און שטאַרק, פול מיט אַלע אורכוחות?

ער האָט נאָכגעטראַכט: ער האָט גערעדט מיט איר לאַנג־ געגן אַלע הייליקע, וועגן זייער לעבן און זייערע מופתים. ער האָט איר פאַרגעלייענט און דערציילט פון עקסטאַזן און וויזיעס און פון דעם גרויסן חסד פון די סטיגמאַטן, איר נשמה איז אויפגעברויזט געווען פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט געהערט און געזען אין אַמע־ ריקאַנערס שאַפע און איז גאַנץ זיכער עלול געווען אויפצונעמען אַלערליי וווּנדערלעכע זאַכן. און איר גלויבן, תמיד גרויס און שטאַרק, האָט זיך דורך דער ליבע צו אים און דורך די אומדער־ הערטע זאַכן, וואָס אירע אויגן האָבן געזען און אויערן האָבן גע־ הערט, געוואַלטיק צעוואַקסן. אַ גאַנץ זיכער — איר לייב איז גע־ ווען גוט פאַרגעברייט פאַר יעדן ווונדער.

דערנאָך האָט ער זי סוגעסטירט, און זי האָט עס אָנגענו־ מען. זי איז געווען אַ גוטער מעדיום און גענוג היסטעריש, און ער האָט נישט געצווייפלט קיין איין רגע, אַז זי וועט אויספירן אַלץ, וואָס ער האָט איר באַפוילן, אָבער ער האָט דאָך זי אויפסניי איינגעשלעפט און דערנאָך אַלץ אָפגערופן?! ער האָט אָפגערופן זיינע באַפעלן און איר געזאָגט, אַז זי מוז אין זיי אַלע פאַרגעסן, ווי אין שלאָף, אַזוי אויך אויף דער וואָר. אַלץ זאָל זיין אויסגעע־ לאָשן און פאַרניכטעט אין איר זכרון און ס'זאָל קיינמאָל מער נישט אויפטליען אין שטילן אַש פון די פאַרברענטע דעריגע־ רונגען.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אים דערויף נאַרנישט גע־

ענטפערט. אָ, יאָ, ער האָט געקענט גענוג ביישפּילן, ווי דער בעסטער מעדיום, וואָס איז אין יעדן אַנדערן פאַל געווען ממש אַ ליאַלקע אין דער האַנט פון היפּנאָטיזאָר, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעזאָגט אויסצופירן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דורכויס סותר געווען זיין געפיל. ער האָט אויך געקענט אַנדערע זעלטענע פאַלן, ווי אַ פּאָסטהיפּנאָטישער באַפעל, וואָס איז איינמאָל געגעבן געוואָרן, האָט זיך פעסט איינגעוואָרצלט אין מוח פון מעדיום און זיך שוין נישט בעלאָזט באַזייטיקן דורך קיין נייער סוגעסטיע. — צי איז עס דאָ אַמאָל נישט דער פאַל? צי האָט נישט אַמאָל דאָס מיידל אויסגעפירט דעם באַפעל, וועלכער איז איר ליב געווען — — אויך קעגן זיין שפּעטערדיקן ווילן?

אָבער דאָס, וואָס ס'איז דערנאָך געשען, איז געווען עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער האָט איר סוגעסטירט. דאָס, וואָס ריימאָנדי האָט אים דערציילט, האָט טאַקע אַנטהאַלטן אין די אַלגעמיינע שטריכן אַלע זיינע געדאַנקען, אָבער אין אַלע פּרטים איז פאָרט געווען עפּעס אַנדערש. ס'איז געווען פיל שטילער, פּשוטער, און פריי פון די אַלע משוגענע פליטערלעך און אַראַבעסקן פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע.

ניין, ניין — דאָס, וואָס ס'איז איצט געשען, איז געווען נישט זיין ווערק!

זיין איז נאָר געבליבן דער געדאַנק, אָבער דעם טעמפּל האָט אַן אַנדערער אויפגעבויט.

אַן אַנדערער — טערעזע אַליין.

אַ וווּנדער? — ניין, דאָס איז עס אַלץ נאָך נישט געווען. וואָס אַן אמת, זי איז איצט געשטאַנען אינגאַנצן גלייך מיט מאַריע פון מערל, מיט דער הייליקער טערעזע, מיט קאַטאַרינאַ פון עמעריך, מיט מאַרגעריט אַלאַקאָק און לוויזע לאַטאָ. מיט די אַלע הייליקע ווייבער, פון וועלכע ער האָט איר אָנדערציילט. און דאָך איז אין תוך געווען א קליינע ענדערונג: נאָר אַ קליין וואָרט האָט מען געמוזט ענדערן.

אויטאָ־סוגעסטיע אויפן אָרט פון פרעמדסוגעסטיע, דאָס איז געווען אַלץ.

יאָ, דאָס איז געווען אַלץ. — אָבער צי איז עס דען נישט געווען באמת — אַלץ? — אַלץ?

האָט זי דען נישט געטון אַן אומגעהייערע זאַך? דעם פלאַם פון איר הייסער אמונה האָט זי אויפגעבלאָזן צו אַזאַ פייער, אַז ער האָט אַרויסגעשפריצט פון איר מוח און געברענט פאַר אַלעמען אין די אויגן?

ער האָט זיך ברוגזיש געביסן די נעגל. ער האָט געהאַלטן דעם סוד אויף דער האַנט, און דאָך אים נישט געקענט אָננעמען. ער האָט פאַרשטאַנען ביזן לעצטן פעדים? דאָס וואַקסן פון ווונדער — — און טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט עס פאַרשטאַנען, האָט ער געמוזט בלייבן פרוכטלאָז אויף אייביק. ער האָט געמעגט אַרבעטן און זיך מיִען ביז גאָר, כדי דאָס פשוטסטע אין זיין מוח צו שאַפן און עס געבן לעבן און פייער און כוח — ס'איז פאָרט תמיד געבליבן איינגעשלאָסן אין זיין קאָפשיידל און נישט געקענט אַרויס און ווערן עפעס באַזונדערס. דאָרט איז געלעגן דידאָזיקע האַרטע גרענעץ — און נאָר דער גלויבן האָט אַריבערגעפירט.

אָבער זי האָט מיט לייכטן טריט אַריבערגעשפּאַנט דידאָזיקע בריק. דאָרט, ווו ער האָט זיך אַרייַנגעריסן אין דעם פינצטערן ניילאַנד, אַהין האָט ער אַרייַנגעטראָגן העלקייט און פולן באַוווסטזיין — זי אָבער איז געבליבן אין דעם אומבאַוווסטזיין און געוואַנדלט לונאַטיש אַהין, צו יענע עולמות. אויב ער האָט געוואָלט אַריבערקוקן אַבער די ענגע גרענעצן פון דער נאַטור, האָט ער געמוזט אַרומגריבלען אין פרעמדע מוחות: דאָרט נאָר האָבן געבליט די ווונדער, וועלכע ער האָט געשאַפן. און אַזוי האָט ער זיך געדרייט אין אַ ראָד, מחמת אַלץ, וואָס איז געווען איבערנאַטירלעך, איז געוואָרן אין זיינע שאַרפע אויגן קלאָרעווירקלעכקייט.

זי אָבער האָט געשאַפן בלינד און איז אַרייַנגעדרונגען אין לאַנד פון חלומות און נעפּלען. אַלץ, וואָס איז געווען אומבאַוווסט, האָט זי אַרייַנגעטראָגן אין לעבן, און איר לעבן איז געווען אַן איבערנאַטירלעכס אינמיטן פון דער ווירקלעכקייט. אַזאַ איז געווען איר וועג.

דאָס איז עס געווען: זי האָט קיין נשמה נישט געהאַט. איר האָט געפעלט דאָס פולע באַוווּסטזיין פון דער סתירה צווישן איר איך און דער אויסערלעכער וועלט: אַזוי איז זי געווען אײנס מיט אַלעם, וואָס איז נישט־זי געווען. אַזוי אַלזאָ איז זי געווען אין גאָט — — יאָ, געווען אין גאָט אַליין.

דאָס איז געווען דער פתרון פון דעם געהיימניש: דער אַלטער, אייביקער אמת פון די מיסטיקער. אמת? — פאַר איר זיכער נישט! אָבער, הגם דאָס איז געווען אַ גרויסער ליגן פאַרן וויסנדיקן, איז דאָך דער אמת געבליבן נישט ווייניקער וויכטיק פאַר יענעם, וועלכער האָט געגלייבט.

און זי האָט געגלייבט. איר אמת איז עס געווען. און מחמת זי איז געווען אײנס מיט גאָט — — איז געשען דאָס וווּנדער — — —

* *

*

שעהן זיבען פאַרלאָפן. ער האָט געהערט, ווי דער זייגער אין גאַסטצימער האָט זיי שווער אויסגעשלאָגן. די נאַכט איז שוין לאַנג צוגעפאַלן, און ער איז נאָך אַלץ געזעסן אויף איר בעט.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט פאַרן הויז שטימען און טריט. ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען און אַריבערגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין. ער האָט געהערט, ווי מ'האָט אויפגעעפנט און צוגעמאַכט די הויז־טיר. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען די מענטשן וואָס האָבן זיך דערווייטערט. ער האָט קיינעם נישט דערקענט. אָבער עמעצנס טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף די טרעפּ; ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר און זיך אײַנגעהערט. אין צווייען איז מען געגאַנגען — ער האָט דערקענט דעם מיידלס טריט. אָבער ווער איז געווען דער אַנדערער?

זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, אָבער ער האָט געהערט,

ווי זיי האָבן געעפנט די טיר פון איר צימער. ביידע זענען אַריינגעגאַנגען.

און קיינער איז נישט צוריקגעגאַנגען. — ווער איז געווען דער אַנדערער?

פראַנק ברוין האָט אויפגעציטערט. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געטופּעט מיט די פיס. מיט גיכע טריט איז ער דורכגעלאָפן דאָס צימער. צו אַלדי רוחות, — וואָס איז אים אָנגעגאַנגען, ווער דער אַנדערער איז געווען? איז ער געווען אייפערזיכטיק אויף טערעזען?

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אַנידערגעזעצט. אָבער נישט לאַנג האָט ער אַזוי געקענט איינזיצן. — ווער האָט דאָס געקענט זיין דער, וואָס איז געווען באַם מיידל? און פאַרבליבן באַ איר אויף איבער נאַכט?

פּיעטראָ נאַסקלער?! — דאָס בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטון אין קאָפּ אַריין. ער? ער?

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט. אַלזאָ דערפאַר האָט ער זיך מיט פייער געשפּילט, כדי פאַר דעם נביא די קאַשטאַנעס צו בראָטן! דערפאַר האָט ער דעם שטורעם פון הימל אַראָפּגעריסן, כדי דער דאָזיקער שטינקענדיקער בעט-ברודער זאָל אין זיינע כמארעס קענען דאָס זיסע מיידל מיט זיינע שליימיקע ליפּן באַלעקן! — הייסט עס, דאָס איז געווען דער באַנאַלער סוף פון זיין פּרעכטיקן חלום?

ער איז אַרויסגעלאָפן פון צימער און גענומען העפטיק רייסן באַ דער קליאַמקע פון איר טיר. זי איז געווען פאַרשלאָסן; ער האָט גענומען זעצן אין איר אַריין מיט די פויסטן.

— עפענען! — האָט ער געשריגן. — אויב דו וועסט נישט אויפמאַכן, ברעך איך אויף די טיר.

ער האָט געהערט אַ שטיל שעפּטשען, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט.

אויפמאַכן! — האָט ער געברעוועט — אויפמאַכן!

ווידער איז נישט געקומען קיין ענטפער. דאַן האָט ער זיך

א וואָרף געטון מיט ביידע פּלייצעס אויף דער טיר. דאָס שלאָס איז געווען אויפגעבראָכן, נאָך איין שטויס, און די טיר האָט זיך ברייט אויפגעפּראַלט.

צוויי גרויסע ליכט האָבן געברענט אין איר צימער. [illegible] ווייער שיין האָט ער געזען טערעזען. זי איז געלעגן אין בעט, איר הענט האָבן אַרומגעהאַלטן דעם קרוציפיקס. אויף דר'ערד, צופוסנס איר בעט, האָט געקניט דער קליינער גינאָ.

איר בליק האָט אים געטראָפן.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי שטיל געפרעגט.

פראַנק ברוין האָט נישט געענטפערט. ער האָט פאַרמאַכט די טיר, ווי שטאַרק ס'איז גאָר מעגלעך געווען. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעוואַקלט צו זיך אין צימער.

XI.

Wem Zeit wie Ewigkeit
Und Ewigkeit wie Zeit,
Der ist befreit
Von allem Streit.

Jacòb Böhme.

די שפּעטע סעפּטעמבער־זון האָט געבאַקן אין טאָל. די אָזיערע האָט געדאַמפּט און די נאַקעטע פעלזיקע ווענט האָבן די היץ צוריקגעוואָרפן. דאָס גראָז אויף די שטיינער האָט אָפּגעברענט און די מענטשן זײַנען אַרומגעקראָכן טעמפּ אין דעם זידיקן קעסל.

פראַנק ברוין איז נאָך אַלץ געווען אין חאַל די סקאַדראַ. ווײַנע קופּערטלעך און וואַליזעס האָט ער שוין געהאַט אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַרײַן; זיי זענען דאָרטן געלעגן אין מאַגאַזין פון די דאַמפּערס; אַז יערנאָך האָט ער זיי תמיד געקענט האָבן אונטער דער האַנט, ווײַבאַלד ער וועלט אַהינגעקומען, כּדי אָפּצופאָרן. דאָס

האָט אים געגעבן אַ געוויסע זיכערקייט — — איצט האָט ער געקענט צו יעדער רגע אַוועק פֿונדאַנען.

אָבער ער איז פֿאַרבליבן פֿון איין טאָג אויפֿן צווייטן. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט רעדן מיט טערעזען אויג־אויף־אויג; זי האָט אים טאַקע נישט אויסגעווייכט, אָבער איז אים אויך כּלל נישט אַקעגנגעקומען. און תּמיד פֿלעגט זי זיין אַרום גערינגלט מיט די טייוול־טרייבער. דער טויב־שטומער גינאָ האָט ממש געקלעפּט אָן איר קלייד; שוין גאַנץ בגינען פֿלעגט אַהינקומען פּיעטראָ באַסקלער אין באַגלייטונג פֿון נאָך עטלעכע לייט. אַ יונג מיידל, קאַרמעלינאַ גאַספּאַרי, וועניערס אַ קרובֿה, פֿלעגט אָפּזיצן בײַ איר גאַנצע טעג. זי פֿלעגט אויך צורוימען דאָס צימער, פֿון וועלכן טערעזע איז כּמעט נישט אַרויסגעטרעטן. שפּעט נאָכמיטאָג פֿלעגט זיך צונויפֿקומען דאָס גאַנצע דאָרף, און צום סוף פֿלעגן זיי זיך אַלע אַוועקלאָזן מיט איר בראש צו דער שאָפּע פֿון נביא.

ווען פֿראַנק ברוין, ווי ס'האָט אויסגעזען, האָט קיינער נישט געטראַכט; אינסטינקטיוו, אָן יעדער אָפּשמועסונג, האָבן זיך אַלע געהאַלטן פֿון אים פֿונדערווייטנס. פֿריער פֿלעגן זיי זיך אים טיף גריסן אויף דער גאַס, די קינדער פֿלעגן אים נאָכלויפֿן, כּדי צו באַקומען אַ גרייצער, די ווייבער און מיידלעך פֿלעגן אים נאָכקוקן פֿון די טירן און פֿענסטער אַרויס און די מאַנסלייט פֿלעגן בעטן בײַ אים אַ פּאַפּיראָס, זיי האָבן עס געהאַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד, אויב ער האָט מיט זיי גערעדט. איצט האָט מען זיך כּמעט אויף אים נישט אומגעקוקט, מען האָט זיך טאַקע געגריסט צו אים, ווען מען האָט עס שוין נישט געקענט אויסמיידן, אָבער מען איז ליבערשט אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אָדער מען האָט הויך גערעדט צווישן זיך, כּדי צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען באַמערקט אים נישט. ריימאָנדי האָט זיך נאָך אַלץ געבוקט פֿאַר זיין געלט, אָבער אין זיין בליק איז געלעגן אַ שלעכט־פֿאַרבאָרגענער שפּאָט; דער אַמעריקאַנער האָט אים מיט שרעק אויסגעמייכט, וווּ נאָר ער האָט אים געזען. און אין די לייט פֿון דאָרף האָט געדרעמלט אַ שטילער ווידערווילן און אַ באַהאַלטענע שנאה.

בלויז דער קנעכט אַנדזשעלאָ איז געבליבן דערנעבער. ער האָט געלאַכט, אַרויסגעשצירעט די ציין, ווי אַ דערשראָקענע, אָפּגעשלאָגענע חיה, וועלכע האָט גוט געוווּסט, אַז ער וועט איר קיין ביז נישט טון. צוטרויליך אפילו — און דאָך דעם לעצטן פּחד נישט פאַרלוירן: טאָמער הייבט ער דאָך אויף אַמאָל די האַנט. ער האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד — ער האָט געטון זיין אַרבעט, איז געשלאָפן און געפרעסן, און דאָס אַלץ איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. טיילמאָל האָט אים פראַנק ברוין געגעבן אַ פלעשל ווין, דאַן איז ער אַוועק אין שטאַל אַריין, אַוועקגעלייגט זיך אויפן שטרוי לעבן דער ציג און געטרונקען.

אפילו די קינדער האָבן אים אויסגעווייכט. ווען ער האָט אַמאָל צוגערופן פּיאַמעטע ווענער, אַז זי זאָל אים אָפּבינדן דאָס שיפל, איז זי תיכף אַנטלאָפן. אַ פּיריעריק יאַטל, דעם שוסטער־ראַטיס אַ יינגל, האָט געבעטלט: „גרייצער, גרייצער!" ער האָט אים געגעבן עטלעכע קופּערנע מטבעות, אָבער זיין שוועסטער האָט אים אַרויסגעשלאָגן דאָס געלט פון דער האַנט, אָנגעכאַפּט זיין אָרעם און אַוועקגעלאָפן מיט אים.

אַזוי האָט געשפּראָצט אין טאָל דער געדאַנק: „ער איז אַ פרעמדער!" און האָט אויסגעבראָכן אומעטום צו דער זעלבער צייט, איז זיך שנעל פונאַנדערגעוואַקסן, ווי אַ גרויסע מגפה און האָט באַדעקט די ברייטע פליינען: „ער געהערט נישט צו אונדז, ער איז אַ פרעמדער". — און דאַן האָט עס געפרעסן ווייטער — ער איז געווען דער פרעמדער און איז געווען דער שונא.

יעדער איינציקער האָט געוווּסט פון זיינע באַציִונגען מיט טערעזען. מען האָט עס אויפגענומען אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, און די יינגע נקבות האָבן זי מקנא געווען. אָבער איצט איז זי געווען אַ הייליקע — און די פויערים האָבן געפילט, אַז ער האָט זי מטמא געווען. זיי האָבן נישט נאָכגעקלערט וועגן דעם, אָבער די שנאה אין זיי איז געוואַקסן.

אַזוי זענען אים נאָר צוויי באַשעפענישן געבליבן טריי. דער שוואַרצער קאָטער און די ציג מאַרפאַ. די האָבן זיך דער-

פרייט, בשעת ער איז צוריקגעקומען. יעדן טאָג זענען זיי אַרויפ־געקומען צו אים אין צימער, און ווען ער פלעגט אַרויסגיין, זע־נען זיי אים נאָכגעלאָפן.

און די פויערן האָבן געטראַכט: „וואָסער קריסט איז דאָס גוט צו חיות? — ער איז נישט קיין קריסט". און ס'איז אַריין אַ באַהאַלטענע רציחה אין זייער האַס.

אָוונט־צייט, ווען אַלע זענען זיך צונויפגעקומען אין ריי־פּאַנדיס הויז, פלעגט ער אַוועקגיין, און די חיות זענען אים נאָכ־געלאָפן. דאַן פלעגן די לייט שלאָגן די חיות און טרעטן זיי מיט זייערע שווערע שטיוול הינטער זיינע פלייצעס. איינמאָל נאָכמי־טאָג האָט ער זיך געשיפט אויף דער אָזיערע; בשעת ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען ליגן דעם קאָטער פאַר זיין טיר. ער איז געווען באַדעקט מיט בלוט, די נאָז איז געווען אַראָפּגע־קלאַפּט דורך אַ שטאַרקן זעץ פון אַ מעסער. אומעטום האָט ער געהאַט טיפע שטעך, פיר ריפּן זענען אים געווען צעבראָכן. די חיה האָט זיך נאָך אַרויפגעשלעפּט פאַר זיין טיר, און איז גע־שטאָרבן, ווי נאָר ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין זיין צימער.

אַ געוואַלטיקער כעס האָט אים אָנגעכאַפּט. ער איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. פאַרן הויז איז געשטאַנען דער עולם; דער שניידער האָט זיי איינגעשטעלט, ווי יעדן אָוונט, אין אַ ברייטן האַלבראָד.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— ווער פון אייך האָט דערהרגעט דעם קאָטער?

קיינער האָט נישט געענטפערט. שטום און פחדנותדיק האָבן זיי אַראָפּגעקוקט צו דער ערד. אָבער פון די הינטערשטע רייען האָט אָפּגעקלונגען אַ דין, שנאהדיק כיכיקען. און דזשיראָלאַמאָ סקוראַ, וועלכער איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט זיך ברייט צעלאַכט איבערן גאַנצן פנים.

דער דייטש איז גלייך צוגעגאַנגען צו אים.

— דו ביסט עס געווען? — האָט ער געצישעט אויף אים.

דער דיקער קנעכט האָט זיך אָפּגערוקט אַ טריט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט זיך קווענקלענדיק, — איך ווייס גאָרנישט דערפון.

אָבער זיין געלעכטער איז אים געבליבן אויף דער צורה, און זיין רויטער קראַפּ האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי בײַ אַן אויער־האָן.

פראַנק ברוין האָט אויפגעהויבן דעם אָרעם.

— נאַדיר דאָס, — האָט ער אויסגערופן, — און גיב עס דעם אויסוואורף, וואָס האָט דערהרגעט דעם קאָטער.

ער האָט גוט געצילט און אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט גלייך אין דער נאָז אַריין. אין איין רגע האָט אַ בראָך אַרויס געטון דאָס בלוט. דער קנעכט האָט געברעוועט פאַר ווייטיק און זיך געוואָרפן אויף אים. דאַן האָט ער אים דער אָנגעט אַ מוראדיקן שטויס אין בויך אַריין. און בשעת יענער האָט זיך צו־נויפגעקאָרטשעט און אויסגעקרומט, האָט ער אים געגעבן אַ דריטן זעץ פון אויבן אַראָפּ איבערן קאָפּ און אים אומגעשליידערט אויף דר'ערד.

אַן אַנדערן פּאַראָבעק, וואָס איז צוגעשפּרונגען צו אים, האָט ער אָנגעכאַפּט בײַ דער רעכטער האַנט, אים שנעל אַהינטערגע־דרייט דעם אָרעם און אים אַ שליידער געטון אויף דער ערד.

דערנאָך האָט ער אַ פייף געטון אויף דער ציג. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון שטאַל און נאָכגעלאָפן. ער האָט רעכטס און לינקס גראָב פונאַנדערגעשטויסן דעם עולם אין דער זייט; זיי האָבן זיך אָפּגערוקט און אים געמאַכט אַ וועג. קיינער האָט נישט געוואָגט אים אָנצורירן. אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען מיט דער חיה צווישן המון.

ער איז אַרויסגעשטיגן אין אָליװן־גאָרטן; זיין ברוסט האָט זיך האַסטיק געהויבן.

— דאָס האָט מיר גוט געמאַכט, — האָט ער געמורמלט. — זייער גוט געמאַכט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז און אַרויסגענומען צוקער פון דער קעשענע.

— באַדיר, פּרעס, מאַרפּאַ, — האָט ער געזאָגט. — האָבּ נישט קיין מורא, דיר וועלן זיי גאָרנישט טון. דו גיסט זיי מילך — — דו ביסט אַ קאַפּיטאַל. — זיי וואָלטן פאַר דיר גנמויזם באַצאָלן דיימאַנדין, ווען זיי וואָלטן דיך דערהרגעט. — אָבער פּריצי, בעבעך, מוזסטו וויסן, איז נישט געווען קיין קאַפּיטאַל. ער איז נאָר געווען אַ קאָטער, ער האָט נאָר געפרעסן און גאָרנישט געגעבן: במילא איז ער גאָרנישט ווערט געווען. דערפאַר האָבן זיי זיך פאַרמאַסטן אויף אים, די פרעמדע לייט — דערפאַר!

ער האָט געציטערט פאַר כּעס. אַ ער וועט זיי שוין בענדיקן, די דיזיקע בהמות פון די בערג. זיי זאָלן שפּרינגען און זיין בייטש קושן. זיין בלוט האָט געשריגן און ווילד פאַרלאַנגט די מאַכט פון האַר איבער דער נידעריקער ראַסע.

אָבער דערנאָך איז ווידער געקומען אַ שטילע טרויעריקייט. — צו וואָס דען, צו וואָס? סאַראַ באַפרידיקונג איז עס דען, אַ שמיץ צו טון מיטן שפּיצרוט איבער זייער פּנים? און די בליק איז דיזיקע גאווה: דו ביסט אַ העכער וועזן.

ער האָט געגלעט די ווייסע ציג, האָט איר אָפּגעבראָכן פרישע בלעטלעך מיענטע און זי צוגעפירט צו די אָשינע־קוסטעס; ער האָט געגעסן די יאַגדעס און זי האָט געגומען די פרישע צווייגעלעך.

— אַ, ווען איך וואָלט געווען אַ פּאַון — האָט ער געזאָגט, — ווען איך וואָלט געהאַט צוויי הערנער און האָריקע באָקישע פיס און אַזאַ לאַנגע באָרד ווי דו! זיבן ציגן־פריען וואָלט איך געוואָלט האָבן כ׳וואָלט מיך אַוועקגעלייגט צווישן זיי און געשפּילט אויף אַ פייפל. טייל מאָל פאַרנאַכט־צו וואָלט איך מיר צוגעשלייכט צו דער אָזיערע, ווי די מיידן וואַשן העש — — אָך, דו דאַרפסט נישט מעקען, אַלטע מאַרפּאַ! וואָס איז דען אייגנטלעך אַ מענטשלעך מיידל?! האָט עס דען קילע אייטערס, שטייף און פול מיט זיסער מילך? קען עס דען שפּרינגען און קלעטערן איבער די שטייל סטע פעלזן? בּאַ, מ׳יאָגט זי נאָך און מען כאַפּט זי — מען נעמט זי און מ׳לאָזט זי ווידער לויפן.

פון שייער האָבן זיך אהער דערטראָגן די אָפּגעריסענע קלאַנגען.

— הערסטו זיי, מאַרפּאַ? זיי זינגען און בעסן. און זיי ווייסן אַפילו נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס לאַכן. — אָבער מיר ווייסן עס גוט, מיר פאַונען, ציגן און דער גרויסער פּאַן אין זייַנע וועלדער.

ער איז צוריק אַהיימגעגאַנגען. פאַר דער טיר פון שטאַל איז געשטאַנען אַנדזשעלאַ, די ציג איז צוגעלאָפן צו אים, האָט אונטערגעשפּרונגען און אַרויפגעלייגט אירע פאָדערשטע קלאָען אויף זייַנע אַקסלען. דער קנעכט האָט געלאַכט, תמעוואַטע, כמעט פאַרשעמט, האָט זי מיט זיין גראָבער לאַפּע געקראַצט איבערן האַלדז.

— דער הער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען מיט דער ציג? — האָט ער געפרעגט.

ס'איז געלעגן עפּעס אַ מאָדנע צוקען אין זיין פּראַגע, ווי דער שימער פון אַ שטיל וויסן און פאַרשטענדעניש. פראַנק ברוין האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער געפרעגט.

אַנדזשעלאַ האָט זיך פאַרהיקעט, איז געוואָרן רויט ווי מאָן און האָט געלאַכט ברייט און לעקישעוואַטע. דערנאָך האָט ער גענומען די ציג, אַריינגעגאַנגען מיט איר אין שטאַל און פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש.

פראַנק ברוין האָט אים נאָכגעקוקט — און פּאַמעלעך פאַרשטאַנען.

— דו ביסט אַלזאָ אַ פאַון! — האָט ער געלאַכט, — — דו בידנער יונג — און מוזט נעבעך בײַ קריסטן דינען.

— ער איז אַרויפגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין; ער האָט גלייך באַמערקט, אַז ס'איז דאָרט עמעץ געווען. אויפן טיש איז געווען אַן אומאָרדנונג, די ביכער זענען געווען צעוואָרפן, דאָס פּאַפּיר אָפּגעוועקט אין אַ זייט, ווי מ'וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט. ער האָט געעפנט דאָס שופלאָד! זיין ברוינינג האָט געפעלט.

פאַר דעם, הייסט עס, האָבן זיי מורא געהאַט ? זיינע גאָזלענער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, די אייבערשטע ליפּ האָט זיך שפּאָטיש אונטערגעהויבן, פּונקט ווי ער וואָלט דווקא דעם פּיסטאָלעט געדאַרפט פאַר דידאָזיקע חיות !

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און געגעסן אָונט-ברויט. דערנאָך האָט ער געאײלט אין אַמעריקאַנערס שאַפּ אַריין. ער איז שטילערהייט אַריינגעגאַנגען און זיך אָװעקגעשטעלט הינטער אַן אַלכסונדיקן באַלקן, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט די וואַנט. ווידער האָט פּיעטראָ נאָסקלער איינגעפּירט עטלעכע שינוים. אויף אַלע ווענט און באַלקנס זענען געהאָנגען שילדלעך פון פּאַפּע, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויפגעשריבן אַלערליי פרומע פסוקים. לענגויס דער גאַנצער הינטערשטער וואַנט זענען געווען אַריינגעשלאָגן אין דער הויך לאַנגע טשועקעס, אויף וועלכע ס'זענען געהאָנגען ראַפּניקעס, בייטשן, ריטער און שטעקנס. ס'זענען דאָרט געווען גאַנצע טוצן, דער נביא האָט משמעות דורכגעמאַכט שול. דערנאָך איז דאָרט געווען פון ברעטער צונויפגעקלאַפּט אַ בימה, אַ פוס די הייך, פון וועלכער מ'האָט געקענט זען די גאַנצע פאַרזאַמלונג. דאָרט אונטער דעם צלם איז געשטאַנען טערעזעס שטול. זי האָט גערוט אויף איר מיט געשלאָסענע אויגן, כסדר מיט דעם קליינעם קרוציפיקס אין דער האַנט, בײַ אירע פיס איז געלעגן גינאַ; רעכטס איז געזעסן דער נביא, פון דער לינקער זייט איז געזעסן דער גריינגרויער אָולפאַ.

„ווי אַן אויסגעלאָשן ליכט זעט ער אויס", האָט געטראַכט פראַנק ברוין.

נאָנט לעבן אים האָט זיך געפונען דער שניידער ראַנכי; ער איז געשטאַנען פאַר דער מוזיק, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע לינקע זייט פון דער בימה. לעבן אַמעריקאַנער איז געזעסן דזשיראָלאַמאָ סקוראָ. די רעכטע זייט האָבן פאַרנומען אפשר אַ טוץ יונגע פאַרצבקעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין די הענט גרויסע ליכט; פאַר זיי איז געשטאַנען דער קרומער ראַמי און צוגעמאַכט מיט דער שווערט צום טאַקט פון זייער געזאַנג.

ווען דאָס ליד האָט זיך געענדיקט, איז אַרויף אויף דער

בימה מאַטילדאַ װעניער און אַרויסגעזאָגט איר נשמה, נאָך איר האָט אַרויסגעטרעטן קאַרמעלינאַ גאַספּאַרי, װעלכע האָט זיך װײנענדיק באַשולדיקט, אַז זי האָט פֿריער גערעדט שלעכטס װעגן דער הײליקער.

און ער האָט געטראַכט: „טערעזע זאָל נישט איר נשמה זאָגן!" אָבער זי האָט זיך נישט גערירט און נישט געעפֿנט די פֿעכט־נאַסע אױגנלעפּלעך.

דערװײל האָט װעניערס פֿרוי געשטופּט איר טאָכטער פֿאָרױס. די קלײנע פּיאַמעטע האָט זיך כּלל נישט געקװענקלט. זי איז אין אײן רגע אַרױפֿגעשפּרונגען אױף די טרעפּ, אָנגעבױגן דעם קאָפּ, צונױפֿגעלײגט די הענט און הױך געבעטן. דערנאָך האָט זי אָנגעהױבן זיך מתודה זײן, מתחילת שטאַמלענדיק אַביסל, אָבער זי האָט זיך גיך באַהערשט און פֿרעך און האַסטיק האָבן געשפּרודלט אירע אױסגעלערנטע רײד. איר זינד איז גרױס, — האָט זי געזאָגט, — װײל זי איז נישט איר פֿאָטערס קינד, נאָר אײן זינד דורך איר מוטער אױסגעטראָגן. דורך דעם זשאַנדאַרם, הער אַלױזי דרענקער, װעלכער איז אַ זױפֿער און אַ חוטא און אַ זון פֿון שטן.

— אָבער איצט בין איך געראַטעװעט — האָט זי פֿאַרענדיקט, — און איך דאַנק דעם לעבל, װאָס איך און מײן מוטער זענען מיר אױפֿן װעג צום הימל. און מיר װעלן קעמפֿן אַ קעגן טײװל, ביז מיר װעלן שטאַרבן. אָבער מײן פֿאָטער איז נאָך אינגאַנצן נישט געראַטעװעט, און דערום בעט איך אײך, מײנע ליבע מיטקעמפֿער, זײט מתפּלל פֿאַר אים, אַז ער זאָל קומען צו יעזוסן און דורכן חסד פֿון קרײץ געראַטעװעט זײן. אמן.

פֿראַנק ברױן האָט אױסגעשפּיגן, אַ ביטערער טעם איז אים געלעגן אױף דער צונג.

— די װענט דאַרפֿן ברעכן פֿון עקל, — האָט ער געמורמלט.

ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אױף טערעזען, אָבער קײן מוסקל פֿון פּנים האָט זיך נישט גערירט. צי האָט זי נישט געװוּסט, װאָס ס'טוט זיך אַרום איר?

עפּעס אַ יונגער קנעכט האָט אַרויסגעזאָגט זײַן נשמה, דערנאָך ראַטי און מאַריע גראַציע, דעם אַלטן אולפּאָס אַ טאָכטער. און פראַנק ברוין האָט געטראַכט:

— וויל קיינער נישט אויפשטיין און דערציילן, אַז ער האָט דעם קאָטער דערהרגעט? אָבער ער האָט זיך איבערגעקלערט — זיי זענען דאָך קריסטן, און דאָס איז נישט קיין זינד.

טערעזע האָט באַוועגט מיט דער האַנט און שטיל עפּעס גערעדט. דער אַמעריקאַנער און דער אַלטער אולפּאָ האָבן אויסגעשטרעקט די קעפּ, אויך סקוראָ און ראַנכי זענען אונטערגעקומען. האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, דערנאָך איז דער שניידער אַרויסגעטרעטן פאָרויס און געזאָגט, אַז צום שלוס וועט מען זינגען דאָס פּאַסט-ליד.

האַלט מען שוין, הייסט עס, בײַם סוף הײַנטיקן אָוונט!

פראַנק ברוין איז אַרויסגעגאַנגען פון דער האַלע אויף דער פרישער אָוונט-לופט, אָבער ער האָט געוואַרט: ער האָט געוואָלט זען טערעזען און רעדן מיט איר — להכעיס דעם גאַנצן עולם.

זיי האָבן איבערגעזונגען אַלע זיבן סטראָפן און פינף מאָל דעם צוזינג פון יעדער סטראָפע. אומגעדולדיק האָט ער געשפּאַנט אַהין און צוריק. ענדלעך זענען זיי פאַרטיק געוואָרן און זיך אַרויסגעפּאַסט דורך דער טיר. צום לעצט איז געגאַנגען טערעזע, באָרוועס, אָנלענענדיק זיך לײַכט מיט דער האַנט אויפן אַקסל פון דעם יינגל. אָבער זי האָט זיך פאַרנומען רעכטס און איז געגאַנגען גלײַך צום הויז פונעם נביא. אַרום איר זענען געווען די ווײַבער, צעלעסטינאַ דעם נביאס פרוי, דאָן קאַרמעלינאַ, מאַטילדאַ וועניער און מאַריאַ גראַציאַ. עטלעכע מאַנסלײַט זענען אויך מיטגעגאַנגען אַהין. פּיעטראָ נאָסקלער האָט געשפּאַנט פּאַמעלעך הינטער זיי, רעדנדיק מיט זײַן קנעכט.

פראַנק ברוין איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו זיי און זיי בײדע פאַרשטעלט די טיר. איידער זיי זענען אַרײַנגעטרעטן. ער האָט מיטן עלנבויגן אָפּגעשטויסן דעם קנעכט אָן אַ זײַט, דערנאָך אָנגעכאַפּט דעם אַמעריקאַנער בײַם אָרעם

— איך וויל מיט דיר רעדן, פיעטראָ, — האָט ער געזאָגט רויק. — טראָג דיך אַרויס, סקוראָ.

דער קנעכט האָט זיך געקווענקלט. דאַן האָט זיך פראַנק ברוין געווענדט צו אים:

— זאָל איך דיך ווידער אָנבויקערן? אַוועק פונדאַנען!

דער ריז האָט וואַרטשענדיק אַריינגעשלייכט אין הויז.

דער נביא האָט מיט שרעק געקוקט אין אַ זייט.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט ער געפרעגט — און צו וואָס זענט איר צוריקגעקומען?

— דאָס זאָל דיך כלל נישט אָנגיין — האָט געענטפערט פראַנק ברוין — איך וועל דיך פרעגן און דו וועסט מיר ענטפערן, הערסט?

— יאָ — האָט געזאָגט דער נביא און געקריצט מיט די ציין.

— אַלזאָ זאָג־זשע מיר: טערעזע זאָגט איר נשמה?

דער אַמעריקאַנער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, — האָט ער געענטפערט — נאָך וואָס זאָל אַ הייליקע איר נשמה זאָגן?

— בייטשט זי זיך? — האָט פראַנק ברוין ווייטער געפרעגט.

מיסטער פעטער האָט געשוויגן.

— גיב ענטפער! — האָט ער געשריגן אויף אים.

— פאַרוואָס קומט איר נישט אויף די פּאַרזאַמלונגען? — האָט געזאָגט פיעטראָ. — זיי זענען עפנטלעכע, יעדער מעג קומען און זען, וואָס זי טוט.

פראַנק ברוין האָט אים אָנגעכאַפּט באַם האַלדז.

— דריי דיך נישט אַרויס! בייטשט זי, ווען?

— יאָ, — האָט פיעטראָ באַשטעטיקט.

פראַנק ברוין האָט שנעל געאָטעמט, דאָס האַרץ האָט אים אַזוי געזעצט ביז אַרויף צום האַלדז צו.

— זי בייטשט — האָט ער פאַמעלעך איבערגעחזרט.

— ווען בייטשט זי?

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געפּרוּווט באַפרייען.

— אָך, מיין הער, האָט ער געזאָגט אומגעדולדיק, זי בייטשט אַלע אירע ברידער און שוועסטערן. זי שלאָגט דאָס זינדיקע לייב און פאַרגיסט דאָס בלוט פאַר דעם, וואָס איז אויפן קרייץ געשטאָרבן.

אַ רויטער נעפּל האָט זיך אים פאַר די אויגן געלייגט.

אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט דעם אַמעריקאַנער און אים פעסט געהאַלטן, וויפיל יענער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסדרייען.

— און איר, — האָט ער געפּאָרשט, — איר שלאָגט זי אויך?

מיסטער פּעטער האָט האַסטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיר! מיר זאָלן שלאָגן די הייליקע?

ער האָט אים אָפּגעלאָזט; ער וואָלט אים געקענט אַרומהאַלדזן פאַר דידאָזיקע ווערטער. אָבער נאָר אויף איין רגע איז פאַרשוונדן דער אומצוטרוי, באַלד איז ער ווידער צוריקגעקומען מיט טאָפּעלער קראַפט. ער האָט ראַש געפרעגט:

— וואָס טוט זי איצט אין דיין הויז?

— איך ווייס נישט, — האָט פּיעטראָ אַרויסגעשטאַמלט.

ער האָט אים געדראָט מיט דער פויסט אונטער די אויגן.

— רעד, דו הונט איינער! — האָט ער געצישעט. — אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן.

דער נביא האָט געציטערט אין פחדנותדיקער שרעק.

— מיין הער, איך ווייס נישט, איך ווייס עס באמת נישט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי איז צו מיר געקומען. זי האָט אונדז פלוצלינג געזאָגט, אַז זי פילט גאָט אין זיך, און אַז זי מוז זיך תיכּף דערווייטערן פון די אַלע מענטשן. דאַן האָב איך זי געפרעגט, צי זי וואָלט נישט געוואָלט גיין צו מיר אַהיים, און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — אַזוי איז עס געווען.

ער האָט געזען, אַז פּיעטראָ זאָגט דעם אמת, האָט ער אים אָפּגעלאָזט.

— כ'וועל מיט דיר אַריינגיין, — האָט ער געזאָגט. דער אַמעריקאַנער האָט אים רוגזדיק אָנגעקוקט, אָבער האָט נישט געזאָגט מיט קיין וואָרט אים אָפּצווענדן. זיי זענען צוזאַמען אַריין דורך דער טיר.

אין דער טיף פון פּאַרצימער האָט ער דערזען טערעזען. זיצנדיק אויף אַ בענק לעבן אויוון; בלויז דאָס יינגל איז געווען נאָענט לעבן איר, אַלע איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן ווי ווייט מעגלעך פונדערווייטנס; ס'האָט אויסגעזען ווי די הייליקע וואָלט דאָרט פאַרלאַנגט. אַן ערך צען מענטשן האָבן געקענט זיין אין צימער. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן זיי אים נייגעריק און מיט אומצוטרוי אָנגעקוקט, אָבער קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט געהאַט בדעה גלייך צוצוגיין צו איר, כדי צו רעדן מיט איר, אָבער ער האָט געזען, אַז אירע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין חלל און אַז איר גייסט איז געווען ווייט פון דעם אַלעמען, וואָס אַרום איר איז פאָרגעקומען. האָט ער זיך אַליין אָנגעלענט אויף אַ שטול, האַרט לעבן פענצטער, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויף די קני און דעם קאָפּ אויף די הענט און אַהינגעבליקט צו איר.

קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, אַלע האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף געשען.

טערעזע האָט געהאַלטן דעם קרוציפיקס פעסט אין דער האַנט, אָבער אירע אויגן האָבן ווייט אַוועקגעבליקט איבער אים.

דערנאָך האָט אַ מילדער שמייכל זיך צעשפּילט אַרום איר מויל; זי האָט זיך פּאַמעלעך אונטערגעהויבן, דער קרייץ האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע פינגער. דאָס איז געווען, ווי זי וואָלט גאָט דערזען. זי האָט אַנידערגעקניט, ווידער אויפגעשטאַנען, אירע הענט האָבן זיך צונויפגעלייגט, און דאַן זיך אויפגעהויבן, אָנגענומען ענלעך די פּאָזיציע פון פּריסטער בײַם דאָמינוס וואָביס-

קוש". לסוף איז זי ווידער געפֿאַלן אויף די קני און אַזוי געבליבן אַ לאַנגע ווײַלע.

פֿראַנק ברוין האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון איר. ער האָט באַאָבאַכט איר קלענסטע באַוועגונג. ס'איז געווען בלי ספק, אַז טערעזע האָט זיך געפֿונען אין אַ התלהבותדיקן וויזיאָנערישן צושטאַנד. ער האָט צונויפֿגעשמיסן אַלע זײַנע מחשבות, ווי אַ גוט פֿערד, אַנגענומען פֿעסט די לייצעס און אַוועקגעריטן אין לאַנד פֿון אירע חזיונות.

און ער האָט זי גוט פֿאַרשטאַנען.

זי האָט געקניט אין אײַנגאָרטן און מתפּלל געווען צוזאַמען מיטן דערלייזער. איר פּנים האָט אָפּגעשפּיגלט אַלע נסיונות, וועלכע דער גאָטס-זון האָט אַלס מענטש געדאַרפֿט אויסשטיין, אַלע שרעק פֿאַר די יסורים און טויט. און זי האָט התלהבותדיק געבעטן און זיך אַרויסגעהויבן פֿון די מענטשלעכע אַנגסטן מיטן כּוח פֿון דער תּפֿילה. קניענדיק דאָ, האָט זי איבערגעלעבט אַלע מאַרטערן און מאַטערנישן פֿון דעם געפֿאַנגענעם אין געטסעמאַנע ביז צו דער קרייציקונג.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעם קניען, און פּאַמעלעך איז איר קערפּער צוריקגעפֿאַלן אַהינטער. זי איז איצט געלעגן אויפֿן רוקן, ברייט אויסגעשפּרייט די אָרעמס און אויסגעשטרעקט די נאַקעטע פֿיס. זי האָט אַריבערגעלייגט איין פֿוס איבערן אַנדערן, גלײַך זי וואָלט אַליין געווען דאָס לעמל אויפֿן קרייץ. אָבער דערנאָך האָט זי זיך ווידער אונטערגעהויבן און קניענדיק, מיט טרערן אין די אויגן, אַרויפֿגעבליקט אינדערהייך — ווי די גאָטס-מוטער האָט אין פֿײַנפֿולן מאָמענט צו איר זון אַרויפֿגעבליקט. און זי האָט געפֿילט טיף אין דער ברוסט די לײַדן פֿון דעם, וואָס איז אויפֿן קרייץ געהאָנגען. ס'האָבן זי אַרומגענומען מוראדיקע טויט-אַנגסטן. די קראַמפּט פֿון אירע אבֿרים האָט אויסגעזען אינגאַנצן געבראָכן צו זײַן. איר פּנים איז געוואָרן וואָס אַמאָל בלייכער און בלייכער, איין פֿאַרב פֿון לעבן איז נאָך דער אַנדערער אָפּגעשטאָרבן. אָבער די הייליקע צייכנס אויף די הענט און פֿיס האָבן זיך צעגליט וואָס אַמאָל לעבעדיקער. בלוין-און-בלוי זענען געוואָרן די נעגל,

שוואַך און טרוקן זענען אַראָפּגעהאָנגען די ליפּן אַרום דעם אָפֿע־נעם מויל. אירע האָר זענען צעפֿאַלן, קאַלטער שווייס איז אַראָפּ־גערונען פֿון שטערן, פֿון די איינגעפֿאַלענע באַק און באַנעצט די לאָקן. ביטערע טרערן האָבן אַרויסגעקאַפּעט פֿון די שטאַרע אויגן און זענען אַראָפּגעפֿאַלן אין גרויסע טראָפּנס.

איצט האָבן אויפֿגעבליצט אויך אַנדערע רויטע טראָפּנס אויף איר שטערן און זיך צונויפֿגעמישט מיט די טרערן, אַ בלוטיקער דיאַדעם האָט אַרומגענומען איר קאָפּ: סטיגמאַטן פֿונם דערלייזערס דערנער־קרוין.

שטאַרקע צוקונגען האָבן גענומען שפּרינגען אין די ווינקלען פֿון איר צעעפֿנטן מויל, זענען אַראָפּגעלאָפֿן ווי בליצן פֿון אַן אָנקומענדיקן שטורם און געוואָרפֿן דעם קערפּער ווי אין שווידער פֿון גסיסה. אַ שווער אָטעמען האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער סאַפּענדיקער ברוסט און דערביי אַ ווייטיקלעך זיפֿצן און קרעכצן. אַלע ווונדן האָבן געעפֿנט ברייט זייערע קוואַלן, איר פּנים האָט זיך באַדעקט מיט בלוט, רויט האָט זיך פֿאַרפֿאַרבט פֿון דער ווונד אין דער זייט איר ווייס געוואַנד, און לאַנגע שטרייפֿן בלוט האָבן אַרויסגעטריפֿט פֿון אירע הענט און פֿיס.

ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שלאַכצן פֿון נאָענטן טויט. וואָס אַמאָל שטאַרקער האָבן די קאָנוווּלסיעס געטרייסלט איר קערפּער, וואָס האָט אַלץ ווייניקער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דאָס קרעכצן און זיפֿצן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ כאָרכלען פֿון גסיסה. די אויגן זענען איינגעפֿאַלן; און איר אָרימער גוף האָט זיך גע־ראַנגלט פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרמאַטערט מיטן טויט, וואָס האָט זי אָנגעגריפֿן פֿון אַלע זייטן. די שמערצן אָן אַ שיעור האָבן אָנגע־שטראָמט מיט אַלץ שטייגנדיקער קראַפֿט און אויסגעקרימט איר פּנים ביז צום נישט דערקענען.

דערנאָך איז זי אַוועקגעפֿאַלן. די אָרעמס זענען אָנמעכטיק אַראָפּגעהאָנגען, איר קינבאַק האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט, פֿון צווישן די בלאַסע ליפּן האָט זיך אַרויסגערוקט אַ בלויע, אין קראַמפּן אויפֿגעשוואָלענע, אַנפּאַרמיקע צונג, די אויגנלעפּלעך זע־נען אַראָפּגעפֿאַלן. דער לעצטער שיין פֿון די אויגן האָט זיך פֿאַר־

לאָשן צוזאַמען מיט שווערע טרערן. עטלעכע מאָל האָט זי אין קורצע פּויזעס זיך שטאַרק צעכליפּעט און לסוף אַנידערגעזונקען, פולשטענדיק דערשעפּט פון די יסורים.

פון פּנים און די אבֿרים זענען פאַרשוווּנדן די סימנים פון קראַמף; זי איז געלעגן אַזוי שטאַר ווי אַ מת.

אַלע האָבן געקוקט שטום אויף דער געשטאָרבענער, קיי־נער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס טויב-שטומע יינגל איז געלעגן ענג צונויפגעקנוילט אונטער איר שטול, שטאַר פאַר אימה, קוים פעיק צו אָטעמען.

איבערן נבֿיאס פּנים איז דורכגעפלויגן אַן עפּילעפּטיש צוקן און אַ פליסיקער גאַווער איז אַראָפּגערונען פון זיינע מויל-ווינקלען. קורצע שוידערן האָבן געטרייסלט מיט זיין קערפּער, האַרט און קאַנטיק זענען געפלויגן זיינע אָרעמס.

— זי איז געשטאָרבן — האָט ער געפּליסטערט, — די הייליקע איז געשטאָרבן. — און האָט חשק געהאַט זיך אַ לאָז צו טאָן צו איר.

אָבער פראַנק ברוין איז מיט איין שפּרונג געווען לעבן איר, האָט אים פעסט אָנגעכאַפּט באַם האַנט-געלענק און מיט אַ געוואַלטיקן ריס צוריקגעשלעפּט אויף זיין אָרט.

— ריר דיך נישט! — האָט ער געשריגן צו אים — ריר דיך נישט!

פּיעטראָ נאַסקלער האָט זיך געוואַלטיק דערשראָקן, זיינע ציין האָבן געקלאַפּט און זיין לייב האָט געציטערט. אָבער דער דראָ־ענדיקער אָנפאַל איז דערשטיקט געווען; ער איז רויִק געבליבן זיצן אויף זיין באַנק.

נאָך אַ קורצער ווייַלע האָט טערעזע ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַנידערגעקניט אין נייער קאָנטעמפּלאַציע. איר פּנים האָט אויסגעזען רויִק, יעדער אויסדרוק פון פּיין איז געווען פאַרשוווּנדן; די אויגן האָבן זיך געעפנט, זי איז אַרומגעגאַנגען אין אַ האַלבראָד, איר בליק איז כסדר געהאַנגען אָן עפּעס, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. דערנאָך האָט זי זיך אונטערגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט און געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אויפהייבנדיק די

אויגן אײַנדערהייך. די אויג־אַפּלען האָבן זיך אונטערגעהויבן וואָס אַמאָל מער, ביז זיי זענען לסוף פאַרשוווּנדן אונטער די לעפּלער. באַמבלען האָט זי אויפגעהויבן אין דערזעלבער צײַט די אויסגע־שטרעקטע הענט.

פראַנק ברוין האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— די חיזיע איז אַוועק, — האָט ער געשעפּטשעט — איצט פאַלט זי אַרײַן אין עקסטאַז.

אַ הימלישע פרייד האָט אַרויסגעשײַנט פון מיידלס פּנים. גלײַך זי וואָלט געוואָלט אין התפעלות די גאַנצע בריאה צום הערצן צודריקן און איר ווילקייט אַרויסקושן אין דער גאַנצער וועלט אַרײַן. זי האָט אַזוי אויסגעצויגן די הענט און זיי ברייט אויסגעשטרעקט און דערנאָך פאַרמאַכט, ווי זי וואָלט דאָס, וואָס זי האָט אַרומגענומען, שוין קיינמאָל אַרויסלאָזן נישט געוואָלט. איר פּנים האָט געשטראַלט מיט הייסן תענוג און שפע פון התפעלות. איר ברוסט האָט זיך געהויבן אין מילדן שווידער פון אַרומהאַלדזונג.

און זי האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די פיס און איז געשטאַנען הויך אויף די שפּיצפינגער, וועלכע האָבן קוים די ערד באַרירט. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געשוועבט, אַלץ אין איר האָט זיך געריסן אַרויפצו, האָט זי געהויבן אין דער לופטן.

און גאַנץ שטיל האָבן געזונגען אירע ליפּן:

— „אָ, לאָזט אונדז אוועקפליען, לאָזט אונדז אַוועקפליען צו דער אייביקער פרייד!"

דאָס איז שוין כּלל נישט געווען קיין מענטשלעכס. פראַנק ברוינס אויגן האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט, ער האָט פאַרשלונגען דאָסדאָזיקע זיסע געשטאַלט, האָט זי אַרײַנגעזויגן אין זיך מיט אַלע חושים. ווי מילגרוים־בליעכץ האָבן געלויכטן די טראָפּנס בלוט אויפן ווײַסן שטערן, די שוואַרצע לאָקן זענען ברייט פונאַנדערגעפאַלן איבער די נאַקעטע אַקסלען, איר ווײַס געוואַנט, ווי־נישט־ווו מיט בלוט באַשפּריצט, האָט געפלאַטערט ווי אַ ווײַסער

וואָלקן, אויף וועלכן די צאַפּשיידנדיקע זון וואַרפט דעם לעצטן גרוס פון איר הערצלעכן בלוט.

— ווען איך וואָלט א מאָלער געווען! — האָט ער געמורמלט.

פּלוצלינג, אָן שום איבערגאַנג, איז זי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. זי איז געלעגן אײנגאַנצן אויסגעצויגן אויפן רוקן; אירע אויגן האָבן זיך אין איין רגע פאַרמאַכט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון אַן אומענדלעכער הויך. זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די צרעמס אויסגעשטרעקט, אָנגענומען מיט די הענט די לופט, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. דערנאָך האָט זיך איר קערפּער אונטערגעהױבן, אויסגעקרימט זיך אין שטאַרקן קראַמף ווי א בויגן, אַזוי, אַז זי האָט נאָר גערוט אויף די פיס און דעם שפּיץ קאָפּ. אין א רגע שפּעטער האָט זי זיך גענומען דרומוואַרפן; איצט האָבן פיבערדיקע קראַמפן געריסן אירע אָרימע גלידער. ס׳האָט זי אַזוי אונטערגעהויבן, אַז זי האָט שוין כמעט די ערד נישט באַרירט; זי האָט ווילד געשלאָגן אַרום זיך מיט די הענט און פיס און געעריגן אין שרעקלעכן פּאַראָקסיזם. ענדלעך איז זי אויפגעשפּרונגען אויף די קני, אַרויסגעלאָזט א נוראדיק געשריי און זיך אויסגעפליקט פולע הענט מיט האָר פון קאָפּ. די גאַנצע שרעקלעכע אימה, דער גאַנצער ווילדער יאוש האָט אַרויסגעשריגן פון אירע שטרכן, און זי האָט גערופן:

— אָ, דערדאָזיקער אָפּגרונט! דערדאָזיקער אָפּגרונט!

זי האָט זיך צונויפגעקנוילט, איז צוגעקראָכן אויף אַלע פיר אין א ווינקל אַריין, ווי א צום טויט פאַרפאָלגטע חיה.

דאָרט איז זי געלעגן אומבאַוועגלעך א לאַנגע ווײַלע. איר אָטעם איז געוואָרן רויקער, אירע שטריכן מילדער.

פּאָרוויכטיק איז צוגעקראָכן צו איר דאָס טויב-שטומע יינגל. ער האָט אַנידערגעקניט פאַר איר און אָנגענומען מיט בײדע קלײנע הענט דעם זוים פון איר קלייד.

און איצט איז ווידער אַריין לעבן אין איר קערפּער. די אויגן האָבן זיך נישט געעפנט, אָבער זי האָט אויסגעשטרעקט דעם

קאָפּ פּאָרויס, און ס׳האָט אויסגעזען, גלייך זי וואָלט געקוקט אויפֿן ייִנגל דורך די פֿאַרמאַכטע אויגנלעפּלעך. אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט, דאָס מויל האָט זיך האַלב געעפֿנט, און אַ באַגערנדי־קער שמייכל איז געלעגן אויף איר פּנים. זי האָט לייכט אויסגע־שטרעקט די אָרעמס צום ייִנגל. דאָס איז געווען, ווי זי וואָלט געזען פֿאַר זיך אַ זיסן קערפּער פֿון אַ מלאך. די בריסטן האָבן זיך אויסגעברייטערט, אַ לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפֿן איר גאַנצן קערפּער. איצט האָט זי זיך צוריקגעלייגט און געבליבן אויפֿן רוקן, מיטן קאָפּ לייכט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. און שטיל, כּמעט אומבאַמערקט, האָט זיך אונטערגעהויבן איר קערפּער, און אירע פֿיס אונטער די לייוונטענע הילעס האָבן זיך פֿונאַנדערגערוקט. ווי צום קוש האָט זיך געעפֿנט און געשלאָסן איר מויל, און אַ טי־פֿער זיפֿץ פֿון הייסן גליק האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון די ווייסע ציין.

פֿראַנק ברוין האָט זי אָנגעקוקט, געזען די דאָזיקע גלידער, ווי זיי האָבן געציטערט, אויפֿגעלעבט אין העכסטן תּענוג, די דאָ־זיקע ליפּן, וואָס האָבן געטרונקען דאָס גאַנצע ליידנשאַפֿטלעכע גליק.

„אינקובוס! אינקובוס!" — האָט ער געפֿליסטערט.

אין אַ עטלעכע מינוטן האָט ער איר פּנים אַזוי אָפֿט געזען — און דאָך — איצט איז עס געווען אַן אַנדערס, געווען אַ בילד פֿון אומדערהערטער לוסט, וואָס קיין ערדישע האַלדזונג איז נישט אימשטאַנד צו געבן. און ס׳איז אים געקומען אויפֿן גע־דאַנק בערניניס מירמלנע סטאַטוע אין ס. מ. דעלאַ וויטאָריאַ אין רוים. ס׳איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן דער דאָזיקער ווייסער שטיין, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט די טראַנסווערבעראַציע פֿון דער הייליקער טערעזע. יאָ, אַזוי, אַזוי האָט דאָס מיידל אויסגעזען, ווי די פֿרומע פֿרוי פֿון אַווילאַ אין גענוס פֿון דער ענגלישער אַרומהאַלדזונג. וואָס אַן אמת, דער מלאך פֿון דער שפּאַנישער הייליקער איז געווען אַ שיינער פּאַזש, אַ חנעוודיקער כּרובֿ פֿון פֿירצן ייִנגע יאָר, ממש ווי באַשאַפֿן צום תּענוגדיק־הייסן ליבעס־טרייסט פֿאַר הייליקע דאַמען. דאָס מיידל פֿון סקאַדראַ האָט גאָר

געהאַט אַן אָרים, מאָגער, טויב־שטום יינגל, אָבער אין אירע אויגן איז ער אויסגעוואַקסן צום שענסטן בחור. אירע אָרעמס זענען אַראָפּגעהאָנגען איןביידע זייטן, די קני׳ען האָבן זיך לייכט געהויבן אַרויף, און פֿון די סטיגמאַטן פֿון די פֿיס ביז אַרויף צו די פֿון שטערן איז איר לייב געווען נישט מער ווי אַ כּלי, איבערפֿולט מיט זיסן ווייטיק פֿון הימלישער אַרומהאַלדזונג.

— אינקובוס, אינקובוס! — האָט ער איבערגעחזרט.

זי איז געלעגן שטיל, איבערזעטיקט פֿון זיסער לוסט אין אַלע אבֿרים — אַ פּרעכטיק בילד פֿון איבערגעבן זיך. און פּאַמעלעך איז אין משך פֿון שטילע מינוטן נאָר פֿאַרשוווּנדן דער דאָזיקער גרויסער תּענוג פֿון אירע געזיכטס־שטריכן.

פֿראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר. זי האָט שווער געעפֿנט די אויגן, וועלכע האָבן זיך ווידער געהויבן אַרויף, באַהאַפֿטן זיך אַן סופֿיס, אַז מ׳האָט בלויז געקענט די ווייסלען זען. דאָס איז ווידער געווען עפּעס אַ שוועבן, אַ שטרעבן אינדערהייך אַרויף, אָבער דאָסמאָל בלויז אינערלעך, און אויסערלעך קוים צו באַמערקן. קוים אויף אַ צאָל די הייך האָבן זיך געהויבן אירע הענט.

אַזוי איז זי געזעסן אומבאַוועגלעך, שטאַר און שטייף. אָבער פֿראַנק ברוין האָט גוט געזען, אַז דער קראַמף האָט אָפּגעטרעטן און איר צושטאַנד איז שוין נישט געווען קאַטאַלעפּטיש.

— איצט איז זי באַ גאָט, — האָט ער געשעפּטשעט.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און זיינע בליקן האָבן צערטלעך געגלעט דאָס עקסטאַטישע מיידל.

און ער האָט געטראַכט:

— ביסט איצט אַ שטיינבילד באַם שטראָם פֿון דער צייט און זעסט מיט אייביקע אויגן דעם סוד פֿון דער בריאה. ביסט נישט קיין מענטש מער, ביסט נישט טערעזע און נישט קיין „איך“, ביסט עפּעס נאָמענלאָזעס אין אומפּערזענלעכס. דיין אויג איז טויט, אָבער דיין גייסט איז אַלאַרומנעמענדיק, ווי די ליידיקייט און די אַלוועלט — איצט שוועבסטו אין רוים און הויזסט באַ די אמהות. דו האָסט צוריקגעקערט אין דער אייביקייט און דיין באַוווּסטזיין

באַגרייפֿסט זיך זעלבסט אין זיין וועזן, וואָס ווייסט פֿון קיין שום פֿאָרם נישט מער, און אנטהאַלט אין זיך אַליין דעם עבר, עתיד און הווה. דאָסדאָזיקע וועזן איז דער גאָרנישט, וואָס נעמט אַלץ אַרום, איז די באַוועגונג פֿון דער וועלט, וועלכע דערלייזט זיך פֿון זיך אַליין, כדי תופֿס צו זיין איר אוראייגנטלעך זיין אין אייביקער ריינקייט. אויב דיין נשמה איז געווען א צעבליטע רויז איז זי איצט אַ קנאָספּ געוואָרן. אַלץ צעפֿליסט, אַלץ פֿאַרגייט און קערט זיך צוריק צום אורשפּרינג. איצט פּייניקן דיך שוין נישט קיין שרעקלעכע ווידזיעס פֿון געקרייציקטע געטער. איצט ביסטו ווייט פֿון זיי און פֿון אַלעם, וואָס האָט לעבן אין זיך, און דו דערקענסט, דו גליקלעכע, די שפּרונג פֿון דער אומענדלעכקייט.

ער האָט שווער אָפּגעזיפֿצט.

— אָ, ווי איך בין דיך מקנא, אָרים מיידל! דיין נשמה שטייט פֿאַר איר אורשפּרונג, שטייט נאַקעט און נאָמענלאָז און אָן שום וועזן. דו הייבסט דיך אַרויס איבער דער צייט און ווייסט בכלל נישט מער וועגן קיין נעכטן און מאָרגן, בייערט וועגן אייביקן הווה, מחמת אויך דער קלענסטער טייל פֿון דער צייט, דער „איצט" האָט דאָך נאָך אין זיך עפּעס פֿון דער צייט. — דו אָבער ביסט איבער דער צייט און דעם „איצט". און דו ביסט איבער דעם רוים און דערקענסט צוגלייך אַלץ אין אַלע ווייטסטע וועלטן. מיר מענטשן דענקן אין דער צייט, דו אָבער זעסט אַלץ אין דער אייביקער רגע. צייט און רוים זענען די מחיצות, וואָס טיילן אונדז אָפּ פֿון גאָט, דו אָבער האָסט זיי איבערגעשריטן, דיין נשמה דערקענט איבער רוים און צייט.

געשטאַלטלאָז שליידערט זיך דיין נשמה אַריין אין דעם געשטאַלטלאָזן גאָט. מחמת גאָט — דאָס ווייסטו שוין, דו דרייִמאָל גליקלעכע, — איז בכלל נישט עפּעס אַנדערש, ווי דיין אייגן איבערלעבעניש. דו ביסט אין גאָט — אַלזאָ ביסטו גאָט.

— פֿילסטו איצט, געליבטע, ווי די פֿליגל פֿון דיין נשמה וואַקסן? אַ ליכט נעמט דיך אַרום און אַ זיסע וואַרעמקייט, אין אי־

שמעלצט דאָס גאַנצע שטאַרע און האַרטע דידאָזיקע מיאוסע משא, וואָס שמידט אונדז צו דער שמוציקער ערד צו: אַלץ צעפליסט זיך אין דער גרענעצלאָזער ליכטיקייט און טובלט זיך אין דיר — און דו ביסט דאָס ליכט און די אַלוועלט!!

ער האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל און באַדעקט דערמיט איר פּנים.

— מען דאַרף דיך נישט אָנקוקן, דו גליקלעכע — האָט ער געשעפּטשעט. — דאָס איז אַזוי, ווי מען וואָלט צו דער זון געשיקלט, הגם מ׳ווייסט דאָך, אַז מען וועט זי קיינמאָל נישט קענען דערגרייכן, דעריבער דאַרף מען זי נישט באַגערן; מען קען בלינד ווערן, ווען מען קוקט אויף גאָט.

די מענטשן, וואָס גלייבן אין גאָט, ווייסן גאָרנישט פון אים. פאַר טייל איז ער אַ באַגריף, עפּעס אַ סיבה. אַ מין באַקוועמע זאַך, וועלכע זיי דאַרפן נייטיק האָבן פאַר זייער וועלט-באַנעמונג, עפּעס אַן אומויכטבאַרער מאָטאָר, וואָס מאַכט לויפן אַלע רעדער. פאַר אַנדערע איז ער אַ גרויסער נאָמען, אַ מין אַלכסנדר מוקדון, אַ צעזאַר אָדער נאַפּאָלעאָן, איז אַ העלד, קוראַט ווי זיי — מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער לעבט נאָך היינט. מען מוז זיך מיט אים און מיט זיין מאַכט רעכענען. מען דאַרף קענען מיט אים דורכקומען, פּונקט ווי מיטן שטייער-באַאַמטן און מיט דער פּאָליציי, — בלויז די הייליקע אַליין זענען עס די, וואָס קענען גאָט, זיי גלייבן נישט, וואָס זיי הערן פון אַנדערע מענטשן, זיי זעען מיט אייגענע אויגן און גרייפן מיט אייגענע הענט: פון זייער אייגענער דערפאַרונג קענען זיי גאָט, ווי מ׳קען אַ בלום אָדער אַ בעכער וויין. ווי אַנדערע לעבן-איבער ליבע — אַזוי לעבט איר איבער גאָט.

* *

*

ער איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען און געשפּאַנט איבערן צימער. ער איז צוגעגאַנגען צו פּיעטראַ און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— איך בין דאַרשטיק, — האָט ער געזאָגט, — גיב מיר אַ טרינק וואַסער.

דער אַמעריקאַנער איז אויפגעשטאַנען און עפּעס איבערגערעדט מיט זיין פרוי; זי איז אַרויסגעגאַנגען און זיך געזוימט אַ לאַנגע ווײַלע. פראַנק ברוין איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— גיב נאָר אַ קוק, ווו דיין פרוי איז! איז דען אַזוי שווער אַ ביסל וואַסער צו באַקומען אין דאַזיקן הויז?

פּיעטראַ איז אַליין אַרויסגעגאַנגען, ענדלעך האָט ער געבראַכט דאָס וואַסער. דער דייטש האָט גענומען דאָס גלאָז און עס צוגעטראָגן צו די ליפּן. דאַן איז אים באַפאַלן אַ פּלוצלינגער חשד, און ער האָט עס צוריק צוגענומען.

— טרינק דו פריער — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט דער נביא. — איך בין נישט דאָרשטיק.

— טרינק! — האָט ער באַפוילן.

ער האָט געזען, ווי פּיעטראַ האָט אַ גרויסן זופּ געטון.

— כ'האָב מיך טועה געווען, — האָט ער זיך געטראַכט, — פונוואַנען איז מיר אַזוינס איינגעפאַלן? — און ער האָט האַסטיק אויסגעליידיקט דאָס גלאָז.

טערעזע האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט. גינאַ איז צוגעקראָכן צו איר און איר לייכט געריבן די טויט-קראַנקע פיס. די מאַנסלייט און ווייבער, באַרויקט דורכן שטילן פאַרהאַלטן זיך פון דער הייליקער, זענען געשטאַנען דער געזעסן גרופּנווייז און שטיל געשעפּטשעט. צעלעסטינאַ גאַסקלער איז אַרומגעגאַנגען און זיי צודערלאַנגט הילצערנע בעכערס מילך. דו וועסט אונדז נישט געבן דאָס בלוט פון לעמל? — האָט דער קנעכט געפרעגט דעם נביא. אָבער פּיעטראַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ איין ניין.

דערנאָך האָט זיך דאָס מיידל גענומען באַוועגן. דאָס טיכל

איז אַראָפּגעפאַלן פון איר פנים, דערשטוינט האָט זי זיך אַרומגעקוקט.

— געפין איך מיך דאָ? — האָט זי שטיל געפרעגט.

אַלע האָבן זיך צוגעשטופּט צו איר. וועניערס פרוי האָט געזאָגט.

— יאָ, שוועסטער, דו ביסט איצט בײַ אונדז. — און ווו ביסטו געווען?

אָבער טערעזע האָט נישט געענטפערט.

מ׳האָט זי אויפגעהויבן און זי אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. קאַרמעליטאַ גאַספּאַרי האָט געבראַכט אַ גרויס קישן און עס איר אונטערגערוקט אונטער די פּלייצעס. זי האָט אויסגעזען שוואַך און מיד, אָבער אירע אויגן האָבן געקוקט קלאָר און פריי. זי האָט געגעבן דעם יינגל עטלעכע צייכנס מיט די פינגער, ער איז שנעל אויפגעשפרונגען און איר געבראַכט אַ בעכער מילך פון טיש. זי האָט אים צוגענומען און געדאַנקט, אָבער זי האָט קוים באַנעצט די ליפּן.

וועניערס פרוי איז צוגעשטאַנען.

— הייליקע שוועסטער, צי וועסטו אונדז נישט זאָגן, וואָס דו האָסט געזען?

טערעזע האָט געגלעט די צעשויבערטע האָר דעם יינגלס.

— ניין, ניין, — האָט זי געמורמלט, — דאָס קען מען נישט זאָגן. — מ׳קען דאָס נישט אַרויסזאָגן מיט דער מענטשלעכער שפּראַך.

איר בליק איז געפאַלן אויף פראַנק ברוינען.

— דו ביסט דאַ? — האָט זי געזאָגט. — קום אַהער צו מיר.

זי האָט גערעדט רויק און מילד, אָבער ס׳האָט זיך געפילט אַ פעסטער טאָן אין איר ווייכער שטים, וועלכער האָט נישט באַפוילן, אָבער דאָך פאַרלאַנגט געהאָרכזאַמקייט אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, און ער האָט עס גוט דערפילט; האָט ער אַלזאָ גאָרנישט געענטפערט און זיך נישט גערירט פון אָרט

דאַן האָט זי שטיל געזאָגט:

— ברענגט אים אַהער צו מיר.

דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. ער האָט זיי דערשטוינט אָנגעקוקט — זיי האָבן אויסגעזען פאַרגלידערט צו זיין אין איין רגע. ער האָט געזען זייערע פנימער, זיי האָבן געקוקט דרייסט און אָנטשלאָסן, יעדע מורא איז פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויפן פוס און זיך פאַרנומען צו דער טיר-צו. אָבער דזשיראָלאַמאָ סקוראַ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

— איר האָט צו איר צוגיין! — האָט ער געזאָגט. און דאָנכי האָט געזאָגט: — יאָ, הער, איר זאָלט צו איר צוגיין.

דערדאָזיקער קליינער שוסטער, וועלכער פלעגט זיך אַ צוויי מאָל צוזאַמענקנוילן פאַר רעספּעקט און מורא אונטער זיין בליק! איצט איז ער דאָ געשטאַנען פאַר אים, ברייט אויפגעריסן די אויגן און צוזאַמענגעקראַמפּט די פינגער, גרייט יעדע רגע זיך צו וואַרפן אויף אים און זיך איינבייסן אין אים, ווי אַ דערצערנטער פּאָקס.

פראַנק ברוין איז שטיין געבליבן, צעמישט און פאַר־לעגן —

וואָס איז דען געשען? מיט עטלעכע שעה צוריק האָט ער אַרומגעשפּאַנט צווישן דידאָזיקע פחדנותדיקע פויערן, איינער אַליין צווישן הונדערטער. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג מיטן קולאַק, און קיין איינער איז דאָרט נישט געווען, וואָס זאָל זיך אַנגן אַ מויל צו עפענען. איצט אָבער זענען זיי דאָ געשטאַנען פאַר אים דראָענדיק און שטאַרק — און דער שוואַכסטער פון זיי וועט זיך אָן איבערלייגונג וואַרפן אויף אים.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעקוקט טערעזען. אירע אויגן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט, אירע הענט האָבן לייכט געגלעט דעם יינגלס קאָפּ. זי האָט צומאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן; עפּעס אַ מין רויקייט און ווייכע מילדקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם מיידלס געשטאַלט.

און דאָך האָט זי עס געשאַפן דעמדאָזיקן ווידערשטאַנד, ער האָט דאָס גוט געפילט. דאָס פאָלק פון וואַל די סקאָדראַ איז גע־

ווען אַ גרויסע חיה אָן געהירן; שרעקעוודיק און פּחדנותדיק איז עס אַרומגעקראָכן און אַנטלאָפן פאַר זיין בליק. איצט אָבער האָט עס געהאַט אַ ווילן, טערעזעס ווילן.

איצט האָט עס זיך געפילט שטאַרק, אויפגעריסן דאָס מויל און אים פאַרשטעלט דעם וועג, און האָט נישט אָפּגעטרעטן. דעם האַרנס שטים איז מיטן ווינט אַוועקגעפלויגן. מחמת איצט האָט אַן אַנדערער האַר באַפוילן.

זיי האָבן זיך ענג אַרומגעשטעלט אַרום איר, ווי אַ שיצנדיקער וואַל. ער האָט געזען, ווי ראַנכי איז אַוועקגעלאָפן אָן אַ זייט און דערהערט, ווי דער שליסל האָט זיך איבערגעדרייט מיט אַ הייזעריקן סקריפּ. איצט איז ער געווען אַ געפאַנגענער. דער כּוח פון זיין ווילן איז געווען אויסגעבלאָזן און ער האָט אים איצט געקענט אַוועקוואַרפן ווי אַן אַלטע הענטשקע. ס'איז גאָרנישט געבליבן, וואָס זאָל אים געבן די איבערמאַכט איבער די פויערן; איצט וואָלט עס גאָר געווען אַ ווילדער קאַמף אויף קולאַקעס. ער האָט זיי שנעל איבערגעציילט: ראַטי, ראַנכי, דער אַלטער אילפאַ און דער נביא — זיי זענען די טירחה נישט ווערט געווען אָבער דער רייזיקער דזשיר לאַמאַ סקוראַ, וועמען קיין שום טאַמע האָט נישט געשטערט אויפצוהייבן די שקלאַפישע פויסט און דער קרעפטיקער יינגער אולפאַ, און וועניער און נאָך דריי פויערן, און די ווייבער דערצו — דידאָזיקע ווייבער — זיי וועלן זיך מיט ציין און נעגל אין אים איינעסן.

ס'איז גאָרנישט געווען קיין ספק — ער האָט געמוזט באַזיגט ווערן. און אויב אפילו דער באַליידיקטער שטאָלץ און די צאָרניקע פאַראַכטונג וואָלטן זיינע מוסקולן שטאָלערן געמאַכט, און ווען אַפילו געשיקטקייט און איבונג וואָלטן אים געגעבן דעם איבערגעוויכט איבער יעדן באַזונדער — אַלע צוזאַמען אָבער וועלן אים פאַרהאַלטן און וועלן פאָרט טריומפירן. און צום סוף: אפילו זיין גרעסטער נצחון וואָלט דאָך גאָר געווען דאָס אַנטלויפן!

ער האָט פאַרביסן די ליפּן, שווייגנדיק איז ער צוגעגאַנגען צו טערעזען.

זי האָט אים געפרעגט:

— צי ביסטו דאָ געווען די גאַנצע צייט?

ער האָט שטום באַשטעטיקט מיטן קאָפּ.

— וואָס איז געשען? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

דידאַזיקע פראַגן האָבן אים באַליידיקט; עס איז אים אַרגעקומען ווי אַ פאַרהער. פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט.

— דו ביסט געווען אין עקסטאַז.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך פּאַמעלעך געזאָגט:

— יאָ — כ׳האָב געזען גאָט.

ער האָט געוואַרט; און דערנאָך, בשעת זי האָט זיך געקווענקלט, האָט ער גראָב אויסגערופן:

— וואָס ווילסטו פון מיר? — כ׳וויל אַוועקגיין, דו הערסט? — בלייב דאָ אַליין בײַ דײַן נביא.

דאַן האָט זי זיך מיט איין שפרונג האַסטיק אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן אים; איר הייסער אָטעם האָט אַ שלאָג געטון אין זײַן פּנים אַרײַן, אירע אויגן האָבן זיך שאַרף אַרײַנגעבויערט אין זײַנע.

— צי האָסטו פאַרגעסן, ווער ס׳האָט מיך אַהינגעפירט צו אים?

אָבער ער האָט נישט געשוויגן, און אויפגענומען דעם קאַמף צו וועלכן זי האָט אים אַרויסגערופן.

— איך בין עס געווען! — האָט ער הילך אויסגערופן — איך!

ער האָט אַ קוק געטון אין דער זײַט, אַנגעכאַפּט בײַ דער האַנט דעם אַמעריקאַנער, וועלכער איז לעבן אים געשטאַנען און איז צוגעצויגן.

— איך בין עס געווען! — האָט ער שאַרף איבערגעחזרט — איך האָב פּיעטראָ באַקלערן פאַר אַ נביא געמאַכט און דיך פאַר אַ הייליקע! איך האָב געשפּילט מיט אײַך, ווי מיט ליאַלקעס, אויף מײַנע דרעטלעך טאַנצט איר אַרום! מײַנע קרעאַטורן

זענט איר: הויפנס ליים, אין וועלכע כ'האָב אָטעם אַריינגע־הויכט!

ער האָט אַהינטערגעוואָרפן דעם קאָפּ, זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט. איצט האָט ער זיך געפילט שטאַרק, איצט וועט אים קיינער נישט קענען אָפּהאַלטן. איצט איז ער געווען פריי.

טערעזע האָט אים אָנגעקוקט, ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען.

— דו ווילסט אַוועק? — האָט זי רויִק געפרעגט.

און ער האָט געענטפערט:

— דאָס גייט דיך כּלל נישט אָן, צי איך וועל פאַרבלייבן אָדער כ'וועל אַוועקפאָרן. אָבער היות דו פרעגסט דיך, קענסטו עס וויסן: איך וועל אַוועקפאָרן, איבערמאָרגן נאָכמיטאָג, אַרום צוויי אַ זייגער מיט דער פּאָסט.

זי האָט זיך שטיל צעשמייכלט.

— די פּאָסט וועט טאַקע פאָרן איבערמאָרגן נאָכמיטאָג אַרום צוויי אַ זייגער, אָבער דו וועסט נישט פאָרן!

זי האָט זיך געווענדט צו די אַנדערע און אויפגעהויבן די שטים.

— איר הערט? — ער זאָל נישט אַוועקפאָרן. זאָגט דאָס אָן אַלע מענטשן אין דאָרף, אַז ער טאָר נישט אַרויספאָרן.

ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי שטאַרק גע־טרייסלט.

— וואָס? — האָט ער געשריגן — איך זאָל נישט אַוועק־פאָרן? איך וועל יאָ אוועקפאָרן, זאָג איך דיר!

זי האָט זיך באַפרייט.

— לאָז מיר אָפּ די האַנט, — האָט זי רויִק געזאָגט, — ס'טוט מיר וויי.

דערנאָך אָבער האָט זי איבערגעחזרט:

— דו וועסט נישט אַוועקפאָרן. דו געהערסט מיר.

ער האָט איר אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין.

— באמת? — דיר? זע נאָר, און איך האָב תּמיד גע־מיינט, אַז פאַרקערט.

זי האָט אים אָנגעקוקט רויק און זיכער.

— שווייג שטיל — האָט זי געזאָגט — דו ווילסט זאָגן, אַז כ׳בין געווען דיין געליבטע? — ווען איך וועמען אייגנטלעך? — מיר? איך ווייס דאָס. און פאַר אַנדערע? — דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט עס. יאָ, איך בין אין דיינע אָרעמס געלעגן, און כ׳לייקן עס נישט. און דאָס אַנדערע אויך, וואָס איז נאָך מער: אַז דו האָסט מיר דאָס אָנגעוויזן דעם וועג, וועלכער פירט צו גאָט. און צי מיינסטו, אַז פּיעטראָ וועט אָפּלייקענען, — ער וועט פּונקט אַזוי, ווי איך —

זי האָט זיך געווענדט צו אים, שמייכלענדיק זיכער.

— זאָג עס אים אַליין, ברודער.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער הויך אָנגעהויבן:

— יאָ, ער האָט מיך אַרויסגעפירט אויף דעם וועג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גאָט האָט מיך געבענטשט מיט זיין חסד און אַז דער גייסט פון אליהו הנביא לעבט אין מיר. ער האָט מיך געלערנט, וואָס פאַר אַ קראַפט גאָט האָט אַרײַנגעלייגט אין די שמינן פון דער ביישט, און ער האָט מיר געוויזן, ווי דער ווײַן מוז זיך אין מיין האַנט אין בלוט פון לעמל פאַרוואַנדלען.

— דו הערסט? — האָט געזאָגט טערעזע — און דאָסגלייכן וועל איך זאָגן, וואָס דו האָסט געטון. דו ביסט געווען דער, וואָס האָט מיך מיטגענומען אין דער שאָפּע צום נביא, דו אַליין, דו ווייסט, אַז כ׳האָב עס נישט געוואָלט און האָב נאָר געפאָלגט אויס ליבע צו דיר. און דו ביסט געווען דער, וואָס האָט מיר דערציילט וועגן די אַלע זאַכן, פון וועלכע איך האָב גאָרנישט געוווּסט. דו האָסט מיר דערציילט וועגן דעם לעבן פון די הייליקע, וועלכע האָבן געטראָגן גאָטס סטיגמאַטן און געקוקט אין זיין פּנים אַריין — בלויז דו אַליין. און אויב אַלע שערי־חסד האָבן זיך אויפגעעפנט אין וואַל די סקאַדראַ — ביסט דו עס געווען, וואָס האָט אונדז די שליסלען צו זיי געבראַכט.

איר שטים איז געשטיגן, האָט געקלונגען הויך און קלאָר און ברייטע, פולע אַקאָרדן.

— און מיר ווייסן, אַז גאָט אַליין האָט דיך צו אונדז אַראָפּגעשיקט! — אָבער מיר ווייסן אויך, אַז דו אַליין גלייבסט ניט אין דיין קראַפט. זיין ווערקצייג ביסטו געווען, און האָסט געמיינט, אַז דו ביסט דער מייסטער אַליין. היות אָבער דו האָסט אונדז געעפנט דאָס טויער צום מלכות פון די הערלעכקייט, האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, אַז ס'איז דיין מלכות. — איצט אָבער ציִען אַלע אַריין דורך די הויכע טירן — און דו אַליין מוזסט שטיין אין דרויסן.

נביאיש האָבן געקלונגען אירע ווערטער, זי האָט הויך אויפגעהויבן די אָרעמס און פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— שווער איז דער וועג, וואָס פירט אינדערהייך אַרויף, פול מיט שטעכלקעס און שפּיציקע שטיינער. די דערנער צערייסן די באַקעטע פיס, און בלוט פליסט שטראָמענווייז. איך אָבער גיי מיט דעם דאָזיקן וועג, און פון אויבן שטראַלט מיר אַקעגן אַ העלע ליכטיקייט: דאָרט וועט די כלה אויפנעמען איר הימלישן חתן. דאָרט אַהין לויפט מיין בליק, דאָרט אַהין און ליגט נישט קיין אַכט אויף דער שלאַנג, וועלכע קריכט צווישן די שטיינער. זי וועט מיך ביסן, ביסן, אָבער מיין פוס שפּאַנט ווייטער, אַרויף — אַרויף!

אירע אויגן האָבן געברענט, זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין שלייף.

— דו וועסט מיך שטעכן! — דערנאָך אָבער, ווען די דאָזיקע לעצטע יסורים וועלן זיין איבערגעוואונדן, ווען דער גוף וועט זיין באַזיגט און די נשמה וועט גליקלעך אויפוואַכן אין דעם קוש פון דעם געליבטן, דאַן וועסטו שטיין אונטן און אַרויפבליקן אינדערהייך, און דער וואָרעם פון ליידן וועט דיך פרעסן. אייביק וועסטו קלעבן אָן דעם באָדן פון דער שמוציקער ערד, אומרויִק וואַנדערן דורך אַלע לענדער, אָן אַן אָפּרו, אָן אַ שטראַל פון פרייד — אָן אַ סוף.

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און שווער צוריקגעפאַלן אויף דער באַנק. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געשוויגן אַ קורצע ווילע. דערנאָך האָבן זיך ווידער גענומען באַוועגן אירע ליפּן.

שטיל, כמעט שעפטשענדיק. ער האָט געמוזט אראָפּבייגן דעם קאָפּ,
כדי צו פאַרשטיין, וואָס זי האָט געזאָגט.

— דו אַנטלויפסט, און דער אייביקער טויט זיצט דיר אויפן
קאַרק, איבער בערג און ימים, דורך לאַנגע טאָלן און ווייטע פליי-
בען. איך זע דיך זיצן אויף אַ ברייטן פלאַץ, און די זון שטראַלט
פון ווייסן מאַרמאָר אַר... ראָד-אַרום דערהייבן זיך ווייסע פּאַ-
לאַצן, דו אָבער קוקסט שטום צו דער ערד, און עמעצער רופט
דיך באַם נאָמען — דו אָבער הערסט מיין קול. און די כמאַרעס
פאַרדעקן די זון — —

איר פליסטערן איז אָפּגעשטאָרבן, קלאַנגלאָז האָבן זיך אי-
רע ליפּן ווייטער באַוועגט.

ער האָט אָנגענומען אירע הענט.

— ווייטער, טערעזע, זאָג מיר, וואָס דו האָסט ווייטער גע-
זען.

זי האָט צונויפגעצוקט און זיך אויסגעגלייכט, ווי זי וואָלט
פון אַ שלאָף דערוואַכט.

— איך ווייס נישט, — האָט זי שטילערהייט געזאָגט, —
איך ווייס נישט.

דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבן.

— אָ, איך בין מיד. פירט מיך אַהיים.

קאַרמעליטאַ גאַספּאַרי איז אונטערגעלאָפן צו איר און זי אונ-
טערגעהאַלטן. טערעזע האָט שווער אָנגעלענט דעם רעכטן אָרעם
אויף איר אַקסל און אַוועקגעגאַנגען.

— אַ גוטע נאַכט, שוועסטערן! — האָט זי געזאָגט — אַ
גוטע נאַכט, ברידער, זייט מתפלל פאַר מיר.

גינאָ איז געגאַנגען פאָרויס, אַלע אַנדערע האָבן איר נאָכ-
געפאָלגט און זי אָפּגעפירט אַהיים. פראַנק ברוין האָט פאַמעלעך
געשפאַנט אונטער זיי, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום ברעג, אָפּ-
געבונדן דאָס שיפל און אַרויסגעפאָרן אויפן טייך. ער האָט גערו-
דערט מיט אַלע כוחות, באַמיִענדיק זיך אין דער קערפּערלעכער
אָנשטרענגונג צו לינדערן זיין געוואַלטיקע אויפרעגונג, אָבער ס'איז

אים נישט געלונגען; נאָך אַ שעה צייט האָט ער זיך אומגעקערט, און זיינע אַדערן האָבן נישט ווינציקער געפּולסירט.

דאָס הויז איז געווען אַרומגעשטעלט פון אַלע זייטן. אונטער זיין פענסטער האָט ער געזען שטיין פּיעטראָס קנעכט. דער יינגער אולפּאַ און זיין חבר פּאַסקאַל פּעדערציאַלי זענען געזעסן פאַר דער טיר אויף די הויז-טרעפּ.

— איר היט מיך? — האָט ער זיי אַ פרעג געטון — צי ווילט איר נישט ליבערשט שלאָפן גיין?

— די הייליקע האָט עס באַפוילן — האָט אולפּאַ געענטפערט. — שפּעטער וועלן מיר קענען שלאָפן, אין דריי שעה אַרום וועלן מיר זיך בייטן.

ער איז אויפגעשטאַנען און אים געמאַכט אַ וועג צו דער טיר.

— אַריינלאָזן, הייסט עס, מעגט איר מיך? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין, — אָבער אַרויסלאָזן פון הויז נישט?

— חלילה, הער, — האָט געענטפערט דער פּאַראָבעק, — אַרויסלאָזן מעג מען אויך. איר קענט גיין, ווו איר ווילט דאָ אין דאָרף און אין די גערטנער, אפילו אויף דער אַזיערע קענט איר זיך אַרויסשיפן. אָבער צוועלף אונדזעריקע וועלן אייך תמיד נאָכגיין און אייך נישט אַוועקלאָזן. אַזוי האָט ראַטי פאַראָרדנט.

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט.

ראַטי, דער נאַכט-וועכטער! דער, אַלזאָ, איז עס דער אויבערקאָמענדאַנט, און ער איז דער געפאַנגענער פון דעם קליינעם, האָרבאַטן שוסטער!

— צי איז ראַטי דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, הער, — האָט אולפּאַ געזאָגט, — ער ליגט אין נאַסטצימער אויף דער באַנק. זאָל איך אים רופן?

דער דייטש איז אַריין אין הויז און אַוועק אין נאַסטצימער. ראַטי איז נישט געשלאָפן, ער איז געזעסן לעבן לאָמפּ, מיטן רויזנקראַנץ אין דער האַנט.

פראנק ברוין איז צוגעגאנגען צו אים און ארויסגענומען א באנקנאט פון קעשענע.

— דא האסטו טויזנט קראנען! — האט ער געזאגט, — ווילסט זיי? לאז מיך אוועקפארן היינט בײנאכט, און דו באקומסט דאס געלט.

דער קליינער שוסטער האט זיך אוועקגעדרייט.

— איר זענט דער יצר-הרע! — האט ער געזאגט. — איר זענט דער אנטיכריסט!

— נו, גוט, גוט, — האט געזאגט פראנק ברוין — איך האב מיך געריכט אויף דעם — א גוטע נאכט, ראטי!

ער איז פייפנדיק אוועק אין זיין צימער. זיין פארשלאג איז נישט געמאכט געווארן ערנסט, ער האט אפילו איין רגע נישט געגלייבט, אז יענער וועט עס אננעמען. בלויז איין ווילן האט געהערשט אין וואל די סקאדרא — — און דאס איז געווען טערעזעס ווילן.

ער האט זיך אנגעהויבן פאמעלעך אויסטון. ווי דאס אלץ האט זיך איבערגעקערט, דאס אינעווייניקסטע אינדרויסן ארויס! ער איז געווען דער מיטלפונקט, ארום וועלכן אלץ איז אין קרייז געלאפן, ער איז געשטאנען שטיל און איז געווען די זון, ארום וועלכער די וועלטן פון וואל די סקאדרא האבן זיך הייס געדרייט. און טערעזע איז געווען א שטויבעלע, וואס איז מיטגעפלויגן אין ווילדן געווירבל ארום אים. איצט אבער האט דער טויטער שטערן באקומען זיין אייגן לעבן און ליכט, ער אבער איז געווארן א קאלטע, לאנג-אפגעשטארבענע לבנה, פעסט געהאלטן און געפאנגען אין די ענגע פענטער פון איר זונען-מאיעסטעט.

איז דאס נישט געווען זיין פייער, מיט וועלכן זי האט געלעבט? איז דאס נישט געווען זיין גוט ליכט, וואס זי האט צוגעגנבעט?

ער האט געשאקלט מיטן קאפ — א, ניין, דאס איז געווען איר אוראייגן ליכט און לעבן. ער האט עס בלויז אנגעצונדן און אויפגעוועקט. ער אליין איז תמיד געווען טויט, קאלט און שטאר,

א העסלעכער נעפּל־פּלעק, וואָס האָט זיך אָנגעבלאָזן און אונטערגעפלויגן צו דער זון. זי אָבער איז די אמתע שטאַרקע זון.

וואָס אַן אמת, ער האָט גוטע אויגן; איר ליכט האָט אים נישט פאַרבלענדט, ווי אַלע אַנדערע. ער האָט געקענט אַריינקוקן דערין ביז אין דער טיפעניש פון איר האַרץ, און אירע שטראַלן האָבן אים נישט געברענט און זיך געבראָכן אונטער זיין בליק.

וואָס־זשע נאָך דען? — אירע סטיגמאַטן האָבן אים נישט געאַרט; ס׳איז טאַקע געווע אַן אומגעוויינטלעך געשעעניש, אָבער נישט קיין אויסערגעוויינטלעכס. און דערקלערן זיך דאָס האָט אים נישט קיין גרויסע מי געקאָסט. דערנאָך איז געווען איר העל־זעונג. זי האָט אים געזאָגט מערקווירדיקע ווערטער, וואָס האָבן אויף עפּעס אָנגעוויזן אין דער נאָענטער אָדער ווייטער צוקונפט. אָבער ער האָט עס געמוזט — דערווייל — אָפּוואַרפן; ערשט דאַמאָלס, ווען פון איר שטאַמלען וועט באמת דערוואַכן עפּעס אַ לעבן, דאַן ערשט וועט ער זיך דאַרפן דערמיט רעכענען, דאַן ערשט וועט ער קענען זוכן און זיך גריבלען אין די סיבות און צוזאַמענהאַנגען. ביז דאַן אָבער זענען עס געווען ווערטער, פאַרפּלאָנטערטע ווערטער פון אַ האַלוצינאַנטין, ווערטלאָזע פּלעוועס.

אויך איר פרומע וויזיע איז געווען אַ נישט וויכטיקע און לייכט דערקלערבאַרע; ער דאַרף זיך צומאָל נישט אָפּשטעלן אויף זאַכן, וועלכע זען נאָר פאַר די אָרימע נאַראָנים אויס אַלס עפּעס איבערנאַטירלעכס.

און די טראַנסווערבעראַציע? דער אינקובישער מלאך, וועלכער האָט זי אַרויפגעצויגן אויפן געלעגער, אויף וועלכן מאַריע איז געלעגן? באַ, גרויס און דערהויבן איז עס נאָר פאַר דעם קינסטלער, וועלכער וווינט אין זיינע אויגן, אָבער אַ גאַנץ קליינע זאַך פאַר דעם געלערנטן אין זיין מוח!

איז נאָך בכן געבליבן איינס: דער עקסטאַז.

און ס׳איז קיין ספק נישט. טערעזע ריימאָנדי איז היינטיקע נאַכט געווען אין עקסטאַז. זי האָט מיט דעם גלאָזט ווייט הינטער זיך די לויזע לאַטאַ, מאַרגעריט אַלאַקאָק, מאַריע פון מאַרל

אין די מיראַקלער עקסטאַטישע יונגפרוי. אַלץ, וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט און וואָס גוטע מענטשן רופן־אָן עקסטאַז, איז פאָרט נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי בלויז אַ רעליגיעזע וויזיע. זיי האָבן געזען דאָס, וואָס אַלע זען אויף הייליקע בילדער, וואָס דער גלח דערציילט איטלעכן קינד — זיי האָבן אָבער קיינמאָל נישט גע־זען גאָט. די עקסטאַזן פון דער הייליקער טערעזע און קאַטאַרינאַ פון סיענע זענען טאַקע געווען ריינער און אמתדיקער, אָבער אויך דאָרט האָט זיך שוין צופיל אַריינגעריסן דער שטערנדיקער מאָמענט פון דער קריסטלעכער וויזיע. אפשר איז נאָר געבליבן איינע צווישן די אַלע פרויען: שוועסטער קאַטרעי —

וואָס איז עס אַלזאָ געווען? חוו וועט ער געפינען דעם איינברוך, דורך וועלכן מזאָל קענען אַריינדרינגען אין דעמדאָזיקן קדשי־קדשים, כדי דעם פרעכן שטורקאַץ פון צעשטערונג צו חאַרפן?

ער האָט גענומען אַן אַנדער בילד. דער עקסטאַז איז געווען אופיר, שלמה המלכס גאָלדלאַנד, אָדער די סודותפולע קופּער־נע שטאָט, פון וועלכער סעניסי דערציילט, אָדער אַטלאַנטידאַ, וואָס דער ים האָט פאַרשלונגען, צי דאָראַדאָ אָדער בימיני, וואָס קאָנק און וויסטאַדאָרן האָבן געזוכט. דאָסדאָזיקע לאַנד איז געלעגן ערגעץ — און ממילא האָט אויך געמוזט זיין אַ וועג, וואָס פירט דערצו.

ער האָט געוויגן די מעגלעכקייט. דאָס פסיכישע פון פיזיאָ־לאָגישן האָט מען נישט געקענט אָפּטיילן, און אויב די דעסצענ־דענץ־טעאָריע איז וואָרהאַפטיק פאַר די אייגנשאַפטן פון קערפּער, האָט זי אויך געמוזט שטימען מיט די אייגנשאַפטן פון דער נשמה. אויב די פּראָטאָפּלאַזמע איז דורך דער אַנטוויקלונג אין משך פון ביליאָנען יאָר ביז צו אַ מענטש אויסגעוואַקסן, אויב קנאָכן און מוסקלען, בלוט און נערוון האָבן זיך געבילדעט, פאַרוואַנדלט און געענדערט, האָט בכן געמוזט די פאָרם פון באַוווסטזיין אויך ווערן אַן אַנדערע. און דאָס איז טאַקע דער שורש פון יעדן עקסטאַז: אַז דאָס באַוווסטזיין פון עקסטאַטישן מענטש איז אַן אַנדערס, צי איז אַלזאָ מעגלעך אָפּצוזוכן די דאָזיקע ענדערונג ערגעץ ווייט אויף דער שטופן־לייטער פון דער אַנטוויקלונג?

עס איז אים געקומען אויפן זינען פאוסט, און ער האט שטיל דעקלאמירט:

„Zwei Seelen wohnen, ach, in meiner Brust,
Die eine will sich von der andern frennen;
Die eine hält in derber Liebeslust
Sich an die Welt mit klammernden Organen,
Die andre hebt gewaltsam sich vom Dust
Zu den Gefilden hoher Ahnen".

אט דאס איז עס! וואס אן אמת, נישט קיין צוויי נשמות, וועלכע גייען זיך פונאנדער, נאר איין נשמה, וועלכע ווערט אן אנדערע, איין נשמה, וועלכע דערשפירט היימווי נאך דעם שמוץ פון די אבות, וועלכע בענקט פון דער פרייער לופט צוריק אין די דעמפיקע היילן אריין פון די נידעריקע אבות. מעג זיי געטע אין זיין בילד אנרופן „הויכע אבות": עס איז דאך דערזעלבער קלוגער אינסטינקט, וועלכער האט אים שפעטער צו די מוטערס געפירט!

דעם מענטשנס נשמה אין דאזיקן זין איז געווען דאס באוואוסטזיין פון קעגנזאץ פון זיין איך צו דער אויסערלעכער וועלט. און פון דעקארטן אן האט דאס קיינער נישט געוואגט צו באריִרן. אבער די חיה, וועלכע איז געשטאנען אויף דער נידעריקסטער מדרגה פון אנטוויקלונג, האט נישט געהאט נישט קיין נערוון און נישט קיין געהירן, דער רייץ פון דער אויבערפלאך האט ארויסגערופן אן אומבאמיטלבארע ווירקונג: דער אנהייב פון באוואוסטזיין האט געקענט בכן שטעקן דארט, וו ס'האבן זיך אויסגעבילדעט איינצלנע טיילן, וועלכע האבן אויסגעאיבט זייער רעאקציע. ס'איז נאך דאן נישט געווען קיין ספעציעלע געהירן, אבער ס'זענען אומבאדינגט געווען די ערשטע נערוון, וועלכע האבן אן א צענטער תיכף דעם רייץ פארמיטלט. די חיה האט נישט געזען און נישט געפילט די נארונגס-טיילעכלעך, וואס זענען אין וואסער ארומגעשווומען, נאר האט רעאגירט אויף די ריין-אויסערלעכע כעמישע, אדער דריק-רייצונגען אן הכרה און ווילנס-החלטה.

אזוי אלזא איז אוממעגלעך געווען, אז אזא חיה זאל האבן א באוווסטזיין, וואס זאל ענלעך זיין צו אונדזערן און דערשפירן דעם קעגנזאץ פון איר איך צו דער אויסערלעכער וועלט: איר באוווסטזיין האט בלויז געקענט זיין א געפיל פון אחדות פון איר „איך" מיט דער אויסערלעכער וועלט. פאר דערדאזיקער חיה זענען נאך נישט געווען קיין גרענעצן צווישן איר און דער וועלט.

אבער אט דאס טאקע איז געווען דער מהות פון אלע עקסטאזן! עס האט דורכגעריסן די גרענעצן און געמאכט דעם מענטש פאר דער אלוועלט און די אלוועלט פארן מענטש.

ער האט דאס גוט פארשטאנען און בלויז געזוכט עפעס א פיזיאלאגישן מאמענט, וואס זאל אים קענען אגווייזן דעם וועג צו דערדאזיקער מקנה. וואס האט עס געהאט אין זיך אזוינס דער עקסטאז, וואס זאל, אפווייכנדיק פון נארמאלן צושטאנד, קענען דא עפעס ממש תדיקס אויפווייזן? גאנץ קנאפ, וואס אן אמת — אבער ס'האט דאך געקענט גענוג זיין.

איינמאל איז עס געווען דאס געפיל פון שוועבן און פליען, — יעדער איינציקער מענטש האט עס געקענט פון זיינע חלומות — און צי זענען דען חלומות נישט פארקרובהט מיט עקסטאז? — הונדערטער באריכטן דערציילן וועגן מענטשן, וועלכע זענען געפליגן אינדערלופטן. גויטאמא בודדא און מאהא סומאטא האבן געשוועבט אינדערהייך, פלאטאנס תלמיד, יאמבליכאס, האט זיך אויפגעהויבן צען איילן איבער דער ערד, די געשיכטע פון די קריסטלעכע עקסטאטיקער איז פול מיט באריכטן פון פרומע לייט, וואס זייערע קערפערס האבן זיך פריי אויפגעהויבן אונדערלופטן, ווי דער קערפער פון דער הייליקער טערעזע פון יעזו-הארץ. דא, ווי תמיד, איז עס אלץ געווען די קריסטלעכע מיסטיק, וועלכע האט זיך צום טיפסטן איינגעגראבן, און וועלכע האט א סך דערהויבענערע און פלאימדיקערע זאכן אויפגעטון, איידער אלע אינדישע און עגיפטישע הייליקע צוזאמען. די הייליקע קריסטינא פון סט. טרויד איז געפליגן הויך איבער שטעט און דערפער צום הימל

ארויף, און די „אָקטן“ זענען געווען פֿול מיט גבית עדותן פֿון בירגער און פּויע'ן, וועלכע האָבן דידאָזיקע געבענטשטע פֿליערין געזען שוועבן אין דערלופֿטן.

וואָס מאַכט עס אויס, אויב די באַריכטן וועגן דעם פֿליען פֿון דער הייליקער קריסטיאַנאַ וואָס דיפּענבעק מאָלט, אָדער די באַריכטן וועגן די אַלע אַנדערע קריסטלעכע און געצנדינערישע פֿליער זענען אָביעקטיוו געווען, צי נישט. סוביעקטיוו זענען זיי געוויס געווען. ווי יעדער איינער קען זאָגן: „איך בין געפֿלויגן אין חלום“, אַזוי האָבן אויך די הייליקע געוויס מיטן גאַנצן אמת געקענט זאָגן: „איך בין געפֿלויגן אין עקסטאַז“. און עס איז גאָר קיין שום ספֿק נישט, אַז דאָס געפֿיל פֿון שווערקייט האָט זיך געקענט פֿאַרלירן אין באַוווּסטזיין פֿון דידאָזיקע הייליקע.

אַן אַנדער געפֿיל האָט דאָס אָרט פֿאַרנומען, דאָס געפֿיל פֿון וואָגלאָזיקייט: דאָס באַוווּסטזיין פֿון גלייכגעוויכט. קיין שום וועזן, וואָס לעבט אין דער לופֿט, האָט דאָס נישט געקענט האָבן. עס האָט געקענט זיין נאָר דאָרט, ווי אַ קערפּער האָט געקענט האָבן די אייגענע ספּעציפֿישע וואָג, אָן ערך, ווי דער עלעמענט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. די פֿיש האָבן עס געהאַט — אונדזערע נידעריקערע אבות. און פּונקט, ווי די לונגען האָבן זיך פֿאַרן שווימער צוריק פֿאַרוואַנדלט אין די שווימבלאָזן, פֿון וועלכע זיי זענען פֿריער אַנטשטאַנען, אַזוי האָבן זיך אויך אין די נערוון-צענטער, געקענט געפֿינען אוראַלטע רעשטלעך פֿון אָרגאַנען, וואָס האָבן אין עקסטאַז ווידער אויפֿגעוועקט די לאַנג פֿאַרלוירענע עמפֿינדונג פֿון גלייכגעוויכט.

דער אַנדערער מאָמענט פֿון עקסטאַז איז געווען דאָס ליכט. אַלע עקסטאַטיקער האָבן עס געזען; פֿאַר אַלע איז עס געווען דאָס גרעסטע גליק און דער העכסטער תענוג. אָבער זיי האָבן עס געזען נישט מיט די אויגן — זיי האָבן עס געפֿילט אפֿילו מיט געשלאָסענע אויגן און אין דער פֿינסטער: דאָס איז געווען אַן אינערלעך ליכט, וועלכעס זיי האָבן נישט געזען, נאָר דערפֿילט. איז דאָס נישט דאָסזעלבע, וואָס אונדזערע אבות האָבן עמפֿינדן מיט ביליאָנען יאָרן צוריק? יענע חיות, וואָס זייערע

איגן האָבן נישט געזען, נישט אינטערגעשיידט קיין געגנשטאַנד, נאָר האָבן בלויז געדינט אַלס ליכט-עמפּינדלעכע אָרגאַנען בײַ צענטראַלע טיילן, וואָס האָבן אויפגענומען דידאַזיקע ליכט-דער-שיינונג אַלס רעגונג?

וויפיל זאַכן האָט געהאַט אין זיך דער מענטשלעכער קערפּער, וואָס זענען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן, אָבער וואָס האָבן דאָך אין משך פון טויזנטער יאָרן, אומנוצלעך געלעבט — רודימענטאַרע זכרונות פון די אוראַלטע צייטן! אָרגאַנען, וואָס האָבן פריִער אויסגעפילט אַ געוויסע פונקציע, וועלכע זיי האָבן שוין לאַנג אָנגעוווירן און האָבן איצט כּלומרשט עקזיסטירט, נאָר כּדי צו זיין די סיבה פון עפּעס אַ קראַנקהייט. אָבער אויב זיי קענען, ווי די בלינדע קישקע אַ שטייגער, פּאַטאַלאָגיש ווירקן שעדלעך אויף דעם רעשט אָרגאַניזם — טאָ צי איז דען נישט מעגלעך געווען, אַז זי זאָל אויך אין אַן אַנדערע באַציִונג, בײַ געוויסע אומשטענדן, קענען אויסאיבן אַ געוויסע השפּעה? אפשר איז די צאַפּנדריזע אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַלטן חוש-אָרגאַן —

איצט האָט זיך די קייט אָפּגעשלאָסן. נאָך איין רינג האָט אים געפעלט: צו דערגיין די מעגלעכקייט, אַז דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין קען זיך אויף אַ ווײַלע ענדערן, אַז עס קען זיך צוריקרוקן צו פריִערדיקע נידעריקערע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג. ער האָט נישט געדאַרפט לאַנג זוכן, יעדער טאָג האָט אים געבראַכט אַ סך אַזעלכע בײַשפּילן. — תּאווה, רוגזה, אָדער שרעק. צי האָבן זיי דען נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס רודימענטאַרע אויפטרעטן פון אוראַלטע, חיהשע אינסטינקט-האַנדלונגען, מיטן זעלביקן באַנוסטזיין, וועלכעס האָט זיי אַמאָל באַגלייט. אַזוי ענג איז דאָ געווען די פאַרבינדונג צווישן קערפּערלעכן פאַרפאַל מיטן צושטאַנד פון באַוווסטזיין, אַז מ'האָט זיי ביידע נישט געקענט פונאַנדערטיילן, נאָר פון זייער ענגסטער בשותּפותדיקייט איז אַנטשטאַנען דער אַפעקט. ווען מ'זאָל אַ שטייגער צונעמען בײַם פּחד די קערפּערלעכע סימפּטאָמען: דער דופק זאָל זיך באַרויִקן, דער בליק זאָל פעסט זיין, די באַוועגונגען זאָלן אָננעמען זיכערקייט און שנעלקייט, די פאַרב פון פּנים זאָל זיין אַ געזונטע, די שפּראַך

קרעפּטיק און די געדראַנקען קלאָרע — — וואָס־זשע וואָלט נאָך דאָ איבערגעבליבן פונם פחד־געפיל?

און פּונקט אַזוי פאַרשווינדט בײַ אַ דורשטיקן און אויסגעהונגערטן די פאָרם פון באַוווּסטזײַן פון הײַנטיקן מענטש, און עס טרעט־אײַן אויף איר אָרט אַן אַבותדיקע פאָרם, וועלכע מיר רופן־אָן אינסטינקט.

און דידאָזיקע אַלע עפעקט זענען פאַרוואַנדלט מיטן עקסטאַז. פּלאָטינוס זאָגט, אַז אַפילו חיות זענען בשעתן פּרוכפּערונגס־אַקט אידעען און בענקען נאָך אייביקער זעונג — געטע וואָלט דאָס־דאָזיקע געפיל אָנגערופן „דאָס געפיל פון די הויכע אבות". אָבער עס בלײַבט פאָרט תמיד בלויז דאָס געפיל פון די נידעריקע אבות — תמיד צוריק און נישט אַרויף! — דער עקסטאַז אָבער איז געווען בײַ אַלע הייליקע דער שפּיץ פון העכסטן תענוג.

הונגער — דורשט — פּײַניקן זיך, זענען תמיד געווען די מיטלען צום גרויסן צוועק. פּ נישע אימה, אָדער ווילדע רציחה — ווי אָפט זענען זיי געגאַנגען פאָרויס דעם עקסטאַז. און מוזיק און באַרוישונג, ווי אויך אַנדערע מיטלען, וועלכע רופן אַרויס דעם עפעקט, מוזן אויך דאָ זייער עובדה טון.

אַזוי בכן איז דער עקסטאַז געווען דער שפּיץ — אָדער באַכמער, ער איז געווען דער ווײַטסטער שורש. בשעת די עפעקטן האָבן דאָס באַוווּסטזײַן פון מענטש אַראָפּגעשליידערט צוריק צו דער חיה, איז עקסטאַז געווען דאָס, וואָס האָט געפירט צום טיפסטן אַראָפּ; דאָרט, וווּ ס'האָט געשטעקט דאָס באַוווּסטזײַן פון דער אייניקייט פון איך אין דער אויסערלעכער וועלט.

פראַנק ברוין האָט זיך אָפּגעאָטעמט, אַיצט האָט ער ענדלעך דעם קערן פון דער זאַך אין די שפּיצפינגער. דער עקסטאַז איז געווען אַ ריקצוג צום צושטאַנד פון די נידעריקסטע חיות, בײַ וועלכע די רייצונג האָט נישט גורם געווען צו שאַפן זיך פאָרשטעלונגען, נאָר האָט תיכּף אַרויסגערופן די רעאַקציע. ס'איז געווען אַן אַטאַוויסטיש געשעעניש, אַ קינד מיט אַ וועלפישן פּיסק אַ פערד מיט דרײַ קלאָען בײַ איין פוס. ס'איז געווען אַ צושטאַנד, אין וועלכן חילן און פאָרשטעלונג זענען געווען אומשיידבאַר, אין

וועלכן עס פאַרווישן זיך אַלע גרענעצן צו דער אויסערלעכער וועלט, וואָס באַרויבט די סמנים פון פאָרשטעלונג פון רוים און צייט, באַרויבט דאָס באַוווּסטזיין פון אינדיווידועלן ווילן. עס באַרויבט די ווירקונג פונם נישט-איך אויפן איך און דעם איך אויפן נישט-איך; ס'נעמט בכן צו די השגה און דעם ווילן, און אַזוי אַרום געשעט עס, אַז דער איך איז קולט אין זיך דעם נישט-איך און ווערט אַ ריינער איך.

און ווערט אַ גאָט: דאָס איז דער לעצטער אַטאַוויזם, וואָס איז נאָר פאַרהאַן.

* *

*

פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענ-סטער און לאַנג געגאַפט אין דער אומגעהייערער מנוחה פון דער נאַכט. ער איז טאַקע איצט געווען דער זיגער, אָבער דער נצחון האָט אים נישט געפרייט, און ער האָט גוט געפילט, אַז יעדע מעגלעכקייט פון גליק — ליגט נאָר אין דער ני-דער.

דאָס ריינע גליק איז סוף-כל-סוף דאָס איינע, וואָס איז ווערט די טרחה און איז פיל מער ווערט, ווי יעדער הערלעכסטער נצחון פון דער דערקענטעניש. ריין גליק — און אָט דאָס איז תמיד געלעגן הינטער אים און קיינמאָל נישט פאַר אים.

בשעת די ערשטע חיות זענען אין קאַמף פאַרן דאַזיין פון וואַסער אַרויסגעשטיגן און זיך צוגעוויינט צו לעבן אויף דער יבשה, איז דאַן זיכער דער וואַסער עלעמענט געווען דער אידעאַל פון זייער דאַזיין.

בשעת די נאַכט-חיות האָבן, כדי נישט אומצוקומען פון הונ-גער, געמוזט גובר זיין זייער שרעק פאַר דער ליכטיקייט, איז פאַר זיי זיכער די העלקייט געווען אַ שלעכטס און די טונקלקייט אַ גליק. דאָס איז געווען דער אייביקער שכר פון „די אַלטע

גוטע צייטן": תמיד, ווען אַ מענטש האָט נאָר געוואָלט גליקלעך זיין, האָט ער געמוזט אַראָפּשטייגן פון די העכערע שטאַפּלען, אויף וועלכע ער איז געשטאַנען. האָט זיך געכאַפּט צום באַרוישן זיך אין צו תענוגים און איז געוואָרן אַ חיה: אָבער ער איז געווען גליקלעך אין דער דאָזיקער צייט.

און אַזוי אַלזאָ גיט אים דער עקסטאַז, וועלכער איז דער בידערי סטער שטאַפּל, צו וועלכן דאָס באַוווסטזיין פון מענטש קען צוריק דערלאַנגען, צו גלייכער צייט אויך דאָס העכסטע גליק.

אָבער איין זאַך איז געווען, וואָס האָט אַלץ צעקלאַפּט: די דערקענטעניש. און דער פרייער גייסט, וועלכער ליידט אויף איר אומהיילבאַר, קען גאָרנישט פאַרהוילן און גאָרנישט פאַרלייקענען, און זיין האַרץ איז אויף אייביק צעבראָכן.

* *

*

עפּעס האָט אים געטריבן צו טערעזען. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער און אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. ער האָט געהערט אַ פליסטערן, דערנאָך האָט זיך אָפּגערוקט דער ריגל. קאַראָלינאַ גאַספּאַרי איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ ליכט אין דער האַנט.

— וואָס ווילט איר, הער? — האָט זי געשעפּטשעט.

— גיב מיר דאָס ליכט! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט עס גענומען און איז צוגעגאַנגען צו טערעזעס בעט. ביבאָ האָט געדרעמלט אויף דר'ערד, איר צופיסנס. די הייליקע איז דאָרט געלעגן אין טיפן שלאָף.

זי איז געווען שיין, ווי די מאַדאָנע, און איר פּנים האָט געשטראַלט אין אייביקן גליק.

XV.

Vexila regis prodeunt inferni
Verso di noi.

Dante, Inferno, Can, 34.

די פויערן האָבן געהאַלטן וואָרט. נאַכט-באַ-נאַכט זענען זיי אָפּגעשטאַנען אַרום זיין הויז און נישט געשלאָפן. זיי האָבן זיך געביטן, ווי די וואַכלייט. אַלע דריי שעה זענען אַנדערע אָנגעקומען. אַ גאַנצן טאָג איז געשטאַנען אַ קנעכט פאַר זיין צימער, און בשעת ער פלעגט אַרויסגיין, זענען אים נאָכגעגאַנגען צוועלף שטיק, מיט שטאַרקע שטעקנס אין די הענט. מתחילת האָט עס אים געוויילט זיי אַזוי אַרומצופירן; ער פלעגט אַרויפקלעטערן אויף באַרג-שפּיצים און צוריק אַראָפּקריכן אונטן, און האָט זיי געהאַלטן אויף די פיס שעהנלאַנג. זיי האָבן געסאַפּעט, אָבער האָבן נישט אָפּגעטרעטן. אויפן שאָסיי האָבן זיי אים נישט געלאָזט אַרויסגיין, אויסגעשטעלט זיך ווי אַ מויער און אים פאַרשפּאַרט דעם וועג. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געקענט פון זיי גאַנץ לייכט

אַרויסקריכן. מ׳האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין גרויס געשיקטקייט דערצו, כדי דידאָזיקע גולמעס אין באָד אַריין צו פירן.

אָבער ער האָט עס כלל נישט געוואָלט. עפּעס האָט אים צוריקגעהאַלטן, עפּעס אַ נייגעריקייט, אַן אינערלעך באַדערפעניש, כדי זיך צו דערוואַרטן אויף עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף ערשט קומען. פלעגט ער אַזוי אַרומגיין אָן אויפהער, שיפן זיך אויף דער אַזיעריע, אַרומשפּאַנען איבער די געסלעך פון דאָרף, קלעטערן אויף די רוקנס פון די בערג, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט אַליוון-גערטנער. דערנאָך פלעגט ער ווידער ליגן גאַנצע שעהן אין גראָז און האָט געטרוימט.

קיינער פון די קנעכט האָט נישט געוואָלט מיט אים רעדן, און דאָס האָט אים געקרענקט. ער האָט געמוזט עמעצן האָבן, מיט וועמען ער זאָל קענען רעדן. צו ריימאָנדין האָט ער געפילט אַן עקל, און מיטן קנעכט אַנדזשעלאָ האָט ער, טראָץ זיין בעסטן ווילן, נישט געקענט רעדן. אַפילו די ציג מאַרפאַ האָט ער אָנגעזוירן, זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי געהערט צום קנעכט; ער פלעגט איר געבן, ווי תמיד, שטיקלעך צוקער, אָבער האָט זי שוין מער נישט מיטגענומען מיט זיך און האָט מער נישט גערעדט צו איר.

ענדלעך האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ קלייגער כיטרעקייט. ער האָט אויסגעהונגערט די פאַראָבקעס, צוגערויבט באַ זיי די גייסטיקע טרייסט, וואָס איז געווען זייער טעגלעך ברויט.

אינאָוונט, בשעת דאָס גאַנצע דאָרף פלעגט זיך צונויפקלויבן אין ריימאָנדיס הויז, כדי אָפּצופירן די הייליקע אין גביאס שאָפּע אַריין, פלעגט ער אַרויסגיין, פלעגט דאַן מאַכן זיינע ווילדסטע אויספלוגן און אַרומפליען ווי אַ באַלעם איבערן טאָל סקאָדראַ. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז מ׳האָט געמוזט אויסזוכן אויף דידאָזיקע שעהן די געשיקטסטע יינגאַטשעס פון גאַנצן דאָרף, און די האָבן געמוזט אַוועק פון פאַרזאַמלונג. דאָס האָט זיי זייער געקרענקט, איבערהויפּט דעם יינגן אולפּאָ, וועלכער האָט מיט זיי אָנגעפירט.

איינמאָל אין אַן אָוונט, בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון

היץ, איז פראַנק ברוין צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהויבן אים מיט דער האַנט אויפן שפּיץ פון דער צלמים-פּלאַטפאָרם.

— זעסטו, יינגערמאַן, מיר וועלן איצט אָט דאָריט אַרומקלעטערן גאַנצע פינף שעה. פרייט עס אייך?

אולפאַ האָט אַרויפגעבליקט אינדערהייך, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— כ׳וועל דיר עפּעס זאָגן, יינגערמאַן, — האָט דער דייטש ווייטער גערעדט, — מיר וועלן שליסן שלום. איר וועט מיר נישט מער דאַרפן נאָכלויפן, כ׳וועל מיטגיין מיט אייך אויף די פאַרזאַמלונגען, היינט און מאָרגן — און בכלל יעדן טאָג, אויב איר וועט וועלן. אָבער כ׳נעם מיר אויס איין תנאי. עס לאַנגווייליקט מיך, וואָס איר לויפט מיר תמיד נאָך ווי שטומע שאָטנס און עפנט דאָס מויל נישט אויף. איר זאָלט מיר ענטפערן, ווען כ׳וועל מיך עפּעס פרעגן!

דער בחור האָט געקוקט פאַרלעגן. נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעדרייט און עפּעס גערעדט מיטן שוסטער ראַטי, וועלכער איז געשטאַנען אין דער טיר. יענער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אויסגעשפּיגן און געקייעט זיינע גרויע וואָנסן — צי איז עס דען נישט אַ גרויסע זינד צו רעדן מיטן דאַזיקן מסית? ייִדנ-אַלץ דאַרף מען פרעגן דעם נביא —

אין דערזעלבער רגע איז טערעזע אַרויסגעקומען פון הויז.

— הייליקע שוועסטער, — האָט געזאָגט דער יינגער אולפאַ, — דער הער וויל קומען אויף דער פאַרזאַמלונג —

דאָס מיידל האָט אים איבערגעריסן.

— יאָ, לאָז ער אַהינקומען, — האָט זי געזאָגט.

זיי האָבן שוין מער נישט געזאָגט קיין וואָרט אויסצורעדן. האָבן אים גענומען אינמיטן אַריין און אַהינגעפירט אין דער שאַפע אַריין, שטאָלץ, ווי מיט אַ דערראָבערטן קריגס-טראָפיע. זיי האָבן אים אַרויפגעפירט אויף דער בימה דערלאַנגט אַ שטול און זיך דערפרייט ווי קינדער, וואָס זיי קענען זייערע גרויסע ליכט אידער אין די הענט אַריין נעמען.

אין אַזוי איז ער דאָרט אָפּגעזעסן נאַכט-בײַ-נאַכט.

דערפֿאַר האָבן זיי גערעדט מיט אים אין משך פֿון טאָג, בשעת ער פֿלעגט אַרויסגיין. זיי האָבן זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין וואָרט צו אים, אָבער האָבן פֿונדעסטוועגן געענטפֿערט, בשעת ער האָט זיי עפּעס געפֿרעגט.

— צי זענט איר איצט כּסדר צו צוועלף אַלס שומרים באַשטימט? — האָט ער געפֿרעגט אולפאַן.

דער קנעכט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, אויף בײַטאָג, אויף בײַנאַכט זענען דאָ צוויי אַנדערע גרופּן, וועלכע בײַטן זיך.

— און איר אַרבעט שוין כּלל נישט?

אולפאַ האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— אַרבעט איז אַ זינד, איצט, בשעת דאָס הימלישע מלכות איז אַזוי נאָענט. קיינער אַרבעט שוין מער נישט אין דאָרף. אַזוי האָט דער נביא פֿאַראָרדנט.

פֿראַנק בראַון האָט לײַכט אָפּגעזיפֿצט.

„זענט איר שוין הייסט עס אַזוי ווײַט אַוועק? — האָט ער געטראַכט. — איז בכן תּמיד דאָס אייגענע! ווען גאָטס גײַסט הערט אויף, ווערט די אַרבעט אַ חטא.

אַן אַנדערט מאָל האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— באַנוצט איר שוין נישט די ראַפּיקעס? יעדן אָוונט הענגען זיי אויף דער וואַנט און שלאָפֿן זיך רויִק.

דערויף האָט געענטפֿערט דזשאָוואַני אולפאַ.

— די הייליקע וווּנדן דאַרפֿן ווי טון אָבער אויך זיך היילן — דאָס זענען די רייד פֿון נביא. אָבער איצט וועלן זיי זיך שוין אײַנגיכן פֿאַרהיילן.

ער האָט אויפֿגעשפּילעט די מינאַרקע און דאָס העמד און געקוקט מיט הנאה אויף די פֿאַרטרוקנטע וווּנדן.

— דעם קומענדיקן זונטיק דאַרף ווידער פֿליסן דאָס בלוט אין אַ נײַער שלאַכט אַנטקעגן שטן.

— מילא, דאָס וועט ווידער זיין אַ שטיקל צייט־פאַר־טרייב — האָט זיך דער דייטש צעלאַכט.

* *
*

דער נביא האָט געמאַכט פאַרשידענע הכנות צו דערדאָזי־קער נייער מלחמה, אָבער זיי האָבן אים שוין גאַנץ ווייניק אינ־טערעסירט, און ער האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך צוצוקוקן, זיין אָפּמאַך מיט די יונגען האָט זיי שוין באמת צופיל גענוצט, און ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן אים מער נישט צו האַלטן. ער האָט געוואַרט ביזן אָוונט און נאָכדעם דערקלערט, אַז ער וועט היינט נישט גיין אין דער האַלע אַריין, זיי זאָלן גרייט זיין צו גיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר. ער האָט זיך צעלאַכט, ווען ער האָט געזען, ווי דערשלאָגן די קנעכט זענען געוואָרן, און האָט זיך גע־פרייט מיט זיין קליינער רשעות.

דאַן זענען זיי געקומען און אים געבעטן, און ער האָט זיך געלאָזט בעטן. לסוף האָט ער דאָך נאָכגעגעבן און זיי דערקלערט, אַז ער וועט בלייבן אין שטוב: זיי קענען אים היטן אין זיין צי־מער און אויף דעם וועט געגוג זיין אַ העלפט. די פּאַראָבקעס האָבן געוואָרפן גורל, און זעקס האָבן זיך פריילעך אַוועקגעלאָזט מיט דער פּראָצעסיע; שטאַרק פאַראומערט איז געבליבן די אַנ־דערע העלפט, און צווישן זיי אולפאַ. דריי האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט אונטער זיין פענסטער און דריי זענען געבליבן פאַר דער טיר.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום שרייב־טיש. ער האָט אָנ־געשריבן אַ לאַנגן בריוו צו דאַן ווינטשענצאָ און אים צעריסן, ווען ער איז שוין פאַרטיק געווען. דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן צו אַלויזי דרענקער און אויך דעמדאָזיקן בריוו צעריסן.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט; אויף זיין „ביטע" איז אולפאַ אַריינגעקומען אין צימער צוזאַמען מיט די איבעריקע, וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער טיר. זיי האָבן אַרויסגעשטאַמלט אַ פּאָר

ווערטע״, און אים געבעטן, ער זאָל זיי דערלויבן עפּעס צו רעדן דורכן פענסטער מיט זײערע חברים. ער האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי זענען נישט אַראָפּגעגאַנגען צו זיי פאַרן הויז? — זיי האָבן נישט געוואַגט דאָס צו טאָן, ווייל ער וואָלט דערווייל געקענט א ויסגיין פון שטוב אין זיך ערגעץ באַהאַלטן —

זיי האָבן אַרויפגערופן די איבעריקע, דאַן האָט אולפּאָ פאַרגעלייגט, אַז נאָך פיר פון זיי זאָלן גיין אויף דער פאַרזאַמלונג — צוויי וועלן גענוג זיין, איינער הינטער דער טיר און איינער פאַרן פענסטער.

— גייט אייך אַלע זעקס! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין. — איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל מיך נישט אַרויסרירן פון הויז.

אָבער זיי האָבן אים נישט געטרויט. אולפּאָ האָט אָפּגעריסן זעקס שטיקלעך פּאַפּיר פון אַן אַלטער צייטונג, פיר גרויסע און צוויי קליינע. זיי האָבן געוואָרפן גורל, און ווידער האָט אולפּאָ אַרויסגעצויגן אַ קליין פּאַסיקל. גרויסע טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט שווייגנדיק ווידער פאַרנומען זיין אָרט פאַר דער טיר, און פראַנק ברוין האָט געהערט, ווי ער האָט אַרומגעשפּרייזט מיט גרויסע טריט איבערן קאָרידאָר און מיט שווערקייט דערשטיקט די זיפצן.

ס'איז דורכגעגאַנגען אַ שעה און אַ צווייטע.

ער איז גאַנץ שפּעט אַראָפּגעגאַנגען אויף אָוונטברויט; ער האָט אַריינגערופן ביידע פאַראָבקעס אין גאַסטצימער און זיי איינגעלאַדן, זיי זאָלן מיטעסן. פּאַסקאַל האָט געגעסן, אָבער דזשאָוואַני אולפּאָ האָט נישט געקענט קיין ביסן אַראָפּשלינגען; אפילו די מילך האָט ער געלאָזט שטיין.

— אַלע זענען דאָרטן דאָ, אַלע, — האָט ער געזיפצט, — באָר מיר נישט!

פראַנק ברוין האָט אַרויסגענומען אַ קראָן פון קעשענע.

— קאָפּ אָדער שלאָק? — האָט ער אויסגערופן — נאָך איינער קען גיין.

— איינער וועט דאָ נישט גענוג זיין — האָט געזאָגט אולפּאַ.

דער דייטש האָט זיך צעלאַכט.

— צוויי זענען אויך נישט גענוג. — צי מיינט איר, אַז כ'וואָלט מיט אייך ביידע נישט קיין עצה געגעבן? — אָבער כ'וויל היינט נישט אַוועקפאָרן. היינט וויל איך מיך שיפן. איינער פון אייך זאָל מיטגיין מיט מיר און רודערן.

— קאָפּ! — האָט אויסגערופן דזשאָוואַני אולפּאַ, אָבער די מטבע איז געפאַלן אויף שלאַק. פּאַסקאַל איז אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן.

אולפּאַ האָט זיך צעוויינט.

— איצט בין איך אַליין געבליבן! איך אַליין! — און איך טראָג די גאַנצע אחריות.

פראַנק ברוין האָט אים אַ צי געטון באַם אָרעם.

— קום, מיין יינגל! די נאַכט איז שיין, מיר וועלן זיך אַ ביסל שיפן!

אין דרויסן האָט ער אָנגעכאַפּט דעם קנעכט באַ די עלנבויגנס, זיי אַהינטערגעדרייט און אַרויפגעצויגן הויך צווישן די פּלייצעס. אַזוי האָט ער אים אַוועקגעפירט צום שיפל און אים פעסט געהאַלטן, נישט קוקנדיק אויף זיין אַמפּערן זיך און שרייען. ער האָט גענומען דעם שטריק פון שיפל און אים פעסט געבונדן די הענט אויפן רוקן.

— זעסטו, איצט ביסטו מיין געפאַנגענער! — האָט ער געלאַכט. — שוויג שטיל, דיין שרייען וועט דיר גאָרנישט העלפן; די ברידער זינגען און קנעכט וועט דיך נישט הערן. אָדער מיינסטו אפשר, אַז דער אַלטער ריימאָנדי וועט דיר העלפן, אָדער דער קנעכט אַנדזשעלאָ?

— דערהרגעט מיך צום טויט, הער, — האָט געיאָמערט אולפּאַ, — דערהרגעט מיך צום טויט!

— ניין, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין, — פאַרוואָס זאָל איך דיך דערהרגענען? דו ביסט אַ שוטה און דאַך אַ גאַנץ בראַ-

טײַער בחור! קום, שיף מיך אַביסל, וועל איך דיך דערנאָך באַגלייטן צו די טײַוול־טרײַבער!

ער האָט אים אויפגעבונדן די הענט און איז אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפֿל.

אולפאַ איז נשתומם געוואָרן, אַ ווײַלע איז ער אַפילו שטיין געבליבן צעחושט, אָן אָטעם, און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. נאָכדעם איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפֿל, געפאַלן אויף די קני און גענומען קושן זײַנע הענט.

פראַנק ברוין האָט אים אָפּגעשטויסן.

— נעם די וויעסלעס! — האָט ער באַפוילן. אָבער נאָך עטלעכע קלעפּ האָט ער געזאָגט: — פאָר נאָר צוריק, אָרים באַשעפעניש, פאַרוואָס זאָל איך דיך פּייניקן?

ער איז פאַמעלעך אַוועק מיטן קנעכט אין פּיעטראָס האַלע אַרײַן.

מאַריאַ גראַציאַ האָט גראָד אויסגעזאָגט איר נשמה; זיי האָבן געוואַרט באַם אַרײַנגאַנג ביז זי האָט געענדיקט. דערנאָך האָט אולפאַ צוגעפירט דעם פרעמדן אויף דער בימה, אַלע האָבן אים דרך-ארצדיק אַ וועג געמאַכט. אולפאַס פנים האָט געשטראַלט פאַר גליק, אָבער אויך זײַנע חברים האָבן פריילעך געשמייכלט, וואָס דער מענטש, וועמען זיי האָבן געדאַרפט באַוואַכן, האָט זיך יעצט געפונען צווישן זיי. זיי האָבן אים דערלאַנגט אַ שטול נאָנט לעבן זיך, אָבער פראַנק ברוין האָט אָפּגעזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי אויף דער ערשטער באַנק, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט.

אַלצדינג, וואָס פלעגט געוויינטלעך פאָרקומען אויף דער פאַרזאַמלונג, איז שוין געווען אָפּגעטאָן. ס'האָבן זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט די תפילות, דאָס געזאַנג און נשמה-זאָגעכץ. דער נביא איז אויפגעשטאַנען, צו דערלאַנגען דאָס אָוונטמאָל. דזשיראָלאַמאָ האָט אָנגעפילט אַ גוט טוץ קופּערנע קעסלען מיט ווײַן. פּיעטראָ האָט מתפלל געווען און זיי געהייליקט, און די יינגלעך און מיידלעך זענען אַרומגעלאָפן צווישן די פאַרזאַמלטע און איטלעכן דערלאַנגט צום טרינקען. דער קנעכט סקוראַ האָט אַליין גענומען אַ

גרויסן קעסל און אים אויסגעלײדיקט מיט מעכטיקע זיפּן: זינט גאָט האָט אים געראַטעװעט האָט ער זיך באַשװוירן קײן שום װײן נישט צו טרינקען, אָבער מיטן לעמלס בלוט האָט קײן פֿרומער קריסט זיך נישט געקענט גענוג אָנטרינקען. אויך טערעזע האָט געטרונקען און פֿראַנק ברוין האָט געזען, װי דאָס בלוט איז איר אַרויפֿגע־שטיגן אין די בלאַסע באַקן אַרײַן. דערנאָך האָט זי דערלאַנגט דאָס קעסעלע דעם קלײגעם גינאָ, װעלכער איז װי תּמיד געלעגן בײַ איר פֿיס.

פֿראַנק ברוין האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער פֿאַרזאַמ־לונג. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך געשטופּט אין דעמדאָזיקן שײַער, נאָר רײמאָנדי האָט געפֿעלט און, פֿאַרשטײט זיך, אַנדזשעלאָ — דער איז געװען בײַ זײַן ציג.

אויך סיבילאַ מאַדרוצאַ איז נישט געװען. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי אויך אין די לעצטע אָװנטן מער נישט געזען. איז זי נישט אַמאָל קראַנק?

די פֿאַנאַטיקער האָבן געטרונקען. די קופּערנע קעסלען זע־נען בסדר אויפֿסנײַ אָנגעפֿילט געװאָרן און האָבן פֿאַרװאַנדלט זײ־ער אינהאַלט אונטער דער באַשטענדיקער האַנט פֿון נביא אין בלוט פֿון דערלײזער. די קינדער האָבן בגנבה געלאַכט, טײל פֿרויען האָבן געפּרעפּלט און צוגעזונגען דעם רעפֿרײן פֿון זײערע לידער. אָבער די מענער זענען געזעסן אויף די בענק, אָדער געשטאַנען אַרום און געטרונקען שװײַגנדיק. די פּעך־שטורקאַצן האָבן געװאָרפֿן זײער רויט ליכט אויף די צעהיצטע קעפּ און צוגעגעבן זײערע ברוינע פּנימער נאָך אַ רויטערן און װילדערן אויסדרוק. זײער ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די קופּערנע כּלים, װאָס האָבן זיך װי גלאַנצנדיקע קוילן דורכגעטראָגן צװישן דער מאַסע, און אין די װײַסע, פּאַפּירענע שילדלעך, מיט די פֿרומע אויפֿשריפֿטן, װאָס פֿון זײער בלאַסק האָבן די אויגן אױש װײ געטון. אַ דיקער רויך און שטינקענדיקער ריח האָט אָנגעפֿילט דעם חלל און געמאַכט דאָס אָטעמען כּמעט אוממעגלעך; אָבער קײנער האָט עס אפֿנים נישט באַמערקט, אַ חוץ אים. ער האָט צוגעשטעלט די ליפּן

צו אַ שפּאַרע אין דער הילצענער וואַנט און זיך באַמיט צו באַקומען פון דאָרט אַ ביסל פרישע לופט.

ראַנכי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ שטעקן אין דער פּאָדלאָגע, און די מוזיק האָט אָנגעהויבן: טריאַנגל, האַרמאָניק און פּויק האָבן אויסגעשריגן זייערע העצענדיקע קולות, די מוזיקאַנטן אין דער רעכטער זייט און די צוועלף יונגען אין דער לינקער האָבן אָנגעהויבן זינגען:

„הגם מיר זענען אַלע פּושעים:
יעזוס שטאַרבט!
הגם דער טייוול שפּאַנט אַרום אין ערדישן טאָל:
יעזוס שטאַרבט!
מיר כאַפּן זיך צום געווער, מיר נעמען די קרוין,
מיר איילן צו הילף דעם געטלעכן זון
און נעמען דערפאַר דעם הימלישן לוין,
יעזוס איז געשטאָרבן!“

זיי האָבן געזונגען דעם פערז דריימאָל, דאַן ערשט האָט די עדה אונטערגעכאַפּט. דערנאָך האָבן געזונגען אַלע, כסדר נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דיזעלבע ווערטער. זיי האָבן דערביי געפּלעסקעט מיט די הענט און צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט — וואָס אַמאָל אויפגערעגטער און ווילדער, וואָס אַמאָל שנעלער און הייסער איז זייער געזאַנג געוואָרן, ביז עס איז אין אַ הויך רעװען און שרייען איבערגעגאַנגען.

פראַנק ברוין האָט געקוקט געשפּאַנט אויף דעם המון און באַאָבאַכט די מערקווירדיקע ווירקונג פון דידאָזיקע ריטמישע טענער, וואָס האָט פון רגע צו רגע געשטאַרקט זייער שכרות. אין וואָס איז דאָס באַשטאַנען דידאָזיקע סודותפולע מאַכט פון דער מוזיק?

אַז די מוזיק איז אַ הויכע זאַך, וואָס שטאַמט פון יענע עולמות, דאָס איז זיכער. זי איז נאָר פאָרם, נישט שטאָף, געבוירן דורכן אומגעהייערן ים פון נעגאַציון, וועלכן מ׳רופט געפיל. זי

האָט געגעבן טויזנטער בילדער פון אַלע מענטשלעכע רעגונגען און רעפלעקסן פון ווילן, אָבער נישט די דערשיינונגען אַליין, נאָר אַ מין שאָטנהאַפטע פּנימיות, וואָס האָט מער קיין מהות נישט. זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָפּבילדונג פון דער דערשיינונג, נאָר אַן אָפּשיין פון ווילן, און אויף אַ מערקווירדיקן אופן די זאַך אַליין אין זיך. זי האָט דערוועקט געפילן, וואָס מען האָט זייער מעגלעכקייט נישט געוווּסט און זייער באַטייט נישט משיג געווען, זי האָט אונדז געגעבן זאַכן, וועלכע מ׳האָט קיינמאָל נישט געזען און מ׳וועט אויך קיינמאָל נישט זען.

די, וועלכע גלייבן אין איר, די גיט זי גליק.

ווי די באַרוישונג גיט גליק, ווי ס׳גיט עס די לוסט — די, וועלכע גלייבן אין איר.

נישט דאָס העכסטע גליק, וועלכעס עס גיט נאָר דער עקסטאַז — אָבער פּאָרט גליק.

אונדזער גליק אָבער ליגט בײַ די אבות, אונדזער גליק איז אַ טובלען זיך אין פאַרגעסענע צייטן, איז אַ גרויסע אומוואַנדלונג פון באַוווּסטזיין.

און עס איז זיכער, אַז די מוזיק איז איינס פון די בעסטע מיטלען צו דערלאַנגען דאָרט אַהין.

דער נביא האָט אים אַרויסגעריסן פון זיינע רעיונות. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, מיט גאַנץ ווייניק ווערטער. ער האָט געזאָגט, אַז מען מוז באַקעמפן דעם שטן מיטן געווער פון דער ליינערס אַרסענאַל. און ווער ס׳האָט חשק דערצו, זאָל אַרויסטרעטן. די צוועלף יונגען האָבן אָוועקגעלייגט זייערע ליכט אויף דר׳ערד, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מענטלקעס און די העמדער און אַראָפּגענומען פון דער וואַנט בייטשן, ריטער און קאַנטשיקעס. זיי האָבן אַנידערגעקניט פאַרן געקרייצטן, און דער נביא האָט יעדן פון זיי ווידער געגעבן צו טרינקען פון לעמלס בלוט.

נאָכדעם האָבן זיי אויפגעהויבן די אָרעמס און געבליבן שטיין אַ ווײַלע אָן באַוועגונג.

דער שניידער האָט געגעבן דעם צייכן. די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן, און די בייטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער

די באַקעטע לייבער. און איינציייטיק האָט פון אַלע מיילער אַרויס אַ שאַל געטון דאָס ליד פון דערלייזערס ווונדן.

„זיי געגריסט, קרייץ־גאָט, דורך דיינע ווונדן,
די ווונדן — ווונדן — ווונדן־מבול,
איר ווונדן, יאָ, איר ווונדן,
מאַכט ווונדן — ווונדן — ווונדן־מוט
און ווונדן, הארצנס־ווונדן, ווונדן!
בייטשן־ווונדן! דערבער־ווונדן!
טשוועקעס־ווונדן! שפּיזן־ ווגדן!
ס׳גריסט אייך גאָט, איר ווונדן!"

קיינער האָט זיך אַליין נישט געשלאָגן, יעדנס בייטש איז געפאַלן אויפן לייב פון צווייטן. זיי האָבן געשלאָגן אומברחמנותדיק, מיט אכזריות, צום רום פון גאָט. זייערע אויגן האָבן זיך פאַרגלייזט, זייערע קערפּערס האָבן זיך געקנוילט אונטער די מוראדיקע שמיץ, און זיי האָבן צום טאַקט פון דער מוזיק געהויבן די פיס, געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ און געטאַנצט אין אַ ראָד אַרום.

פראַנק ברוין האָט אַ קוק געטון אויף טערעזן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול, אויסגעבויגן דעם קערפּער און קאָפּ פאָרויס און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון די פרומע טענצער. גינאַ האָט געקניט לעבן איר, פון צייט צו צייט גענומען פון איר האַנט די קופּערנע כלי און אַ טיפן שלוק געטון פון דער הייליקער משקה.

— שלאָגט! — האָט זי געשריגן — שלאָגט אייך שטאַרקער! — אָ, ווונדן! ווונדן — ווונדן!

און די צוועלף יונגען האָבן געווילדעוועט אויף דער בימה, זייער בלוט האָט אַראָפּגעפלאָסן צו דער ערד און האָט באַשפּריצט די ווענט. ווען איינער איז געפאַלן, האָבן אים די אַנדערע צוריק אויפגעהויבן. און וואָס אַמאָל ווילדער האָבן געפלעסקעט די בייטשן איבער זייערע לייבער.

איצט האָבן זיך אויך אַנדערע געגומינען שטופּן צו דער בימה, אויסגעטון זיך, געכאַפּט זיך פאַר די ריטער און זיך אויסגעמישט מיט די טענצערס.

מאַטילדאַ וועבער איז געווען די ערשטע פון צווישן די פרויען, וואָס איז אַרויף אויף דער בימה: איר זענען נאָכגעגאַנגען פיר, פינף אַנדערע. דאָ און דאָרטן איז עמעץ געפאַלן; מ׳האָט אים אָוועקגעשלעפּט אָן אַ זייט, און זיין אָרט האָט תיכף פאַרנומען אַן אַנדערער.

טערעזע האָט אָפּגעשטופּט אין אַ זייט קאַרמעלינאַ גאַספּאַרי, וועלכע איז געשטאַנען לעבן איר:

— בייטש דיך — האָט זי אויסגעשריען, — בייטש דיך!

דאָס יינגע מיידל האָט אויפגעצאַפּלט, אָבער זיך געהאָרכזאַם אויסגעטון. דער רבי׳ס האָט איר געגעבן אַ בייטשל. איר לייב האָט געציטערט. זי איז, גישט רירנדיק זיך פון אָרט, געשטאַנען פאַר דער שטול פון דער הייליקער.

לעבן איר האָט זיך אויסגעטון דזשיראָלאַמאָ סקוראָ. זיינע נאָזלעכער האָבן געצוקט, זיין מויל איז געווען ברייט צעעפנט און האָט געוויזן דאָס בלאַנקע, ריזיקע געציין. ער האָט צוגריפּגעדרייט דאָס העמד און די מענאַרקע אין איין קנויל און זיך אָוועקגעזעצט דערויף; דערנאָך האָט ער אויסגעטון די שטיוול, איז אויפגעשטאַנען און אַראָפּגעצויגן די הויזן. אינגאַנצן נאַקעט איז ער איצט געשטאַנען. ער האָט אַראָפּגעריסן אַ קאַנטשיק פון דער וואַנט, אַנידערגעקניט פאַרן קריסטוס-בילד און געבעטן. דערנאָך איז ער מיט אַ ווילדן רעווען אַריינגעשפּרונגען צווישן די טאַנצנדיקע. און ווי נאָר זיין בייטש האָט געטראָפן, דאָרט האָט זי די הויט ביז בלוט צעריסן.

דערשעפּט האָט זיך פרוי וועניער צוריקגעצויגן און ביך אָטעמענדיק זיך אַניידערגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק. אָבער דער אָנבליק פון צעווילדעוועטן ריז האָט אויסגעזען איר פרישע כוחות צוצוגעבן. זי איז אויפגעשפּרונגען מיט ברען, אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד פון די פיס אויף, נאַקעט ווי ער, אַריינגעשפּרונגען

אין ראַד פון די טייוול־יעגערס, גרייט מקריב צו זיין איר בלוט פון קאָפּ ביז פיס פאַרן דערלייזער.

און פונקט ווי די ביידע, אַזוי האָבן אויך זיך אַנדערע מוטער־נאַקעט צונויפגעמישט מיט דער טאַנצנדיקער מאַסע. צו וואָס הויזן און רעקלעך, וואָס האָבן נאָר געדינט דעם האַלבן קערפּער צו שיין, אַז ס'זאָלן אים נישט קענען טרעפן די בלוטיקע חסד־קלעפּ פון קאַנטשיק! אַוועק מיט די קליידער, מיט אַלע — אַוועק, דאָס איז געווען אַ פרום ווערק. —

און אַלע האָבן געטופּעט מיט די פיס און געשריגן און געפאָכעט מיט די בייטשן. דער עולם האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַהינגעשטופּט, מ'האָט די בענק צו די ווענט צוגערוקט און זיי אַרויפגעשטעלט איינע אויף דער אַנדערער, כדי צו מאַכן מער פּלאַץ. און יעדעס פרייע אָרט איז פאַרנומען געוואָרן דורך טאַנצנדיקע. קיינער האָט זיך נישט אויסגעשלאָסן, גאָר זקנים און אַלטע ווייבער, קליינע קינדער און מיידלעך זענען געזעסן אָדער געשטאַנען ענג צונויפגעקוועטשט בײַ די ווענט.

נאַקעט האָט אַנידערגעקניט דער נביא פאַרן געקרייצטן, אַ רעגן פון שמיץ איז געפאַלן אויף זיינע פאַרבלוטיקטע פּלייצעס. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיי כלל נישט געפילט: ער האָט זיך נישט געקאָרטשעט און אפילו קיין ציטער נישט געטון; מיטן שטערן אויף דר'ערד איז ער געלעגן און התלהבותדיק מתפּלל געווען פאַרן געקרייצטן.

פראַנק ברוין האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער הייליקער. אירע אויגן זענען ברייט צעעפנט געווען און האָבן גיריק געשלונגען די ווילדע סצענע. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט אין זיי נאָכאַמאָל דאָסדאָזיקע מאָוימדיקע בילד: דידאָזיקע אַלע נאַקעטע, משוגענע טענצער, וועלכע האָבן זייער לייב צעשינדן פאַרן כבוד פון גאָטס מלכות. אירע ליפּן האָבן זיך געעפנט, און זי האָט הויך אויפגעזונגען:

„בייטשן-ווונדן, דערנער-ווונדן;
בעגל-ראַצן, שפּיזן-ווונדן!
גריסט אייך גאָט, איר ווונדן!"

— גיב אַהער, גיב! — האָט זי אויסגעשריגן. זי האָט ארויסגעריסן פון יונגלס הענט דעם קופערנעם קעסל און לאַנג און גיריק געטרונקען, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן.

איר בליק איז געפאַלן אויף קאַרמעלינאַ, וועלכע איז, ציטערנדיק און צאַפּלענדיק, גאַקעט ביז צו די לענדן, נאָך אַ ז געשטאַנען לעבן איר.

— טו דיך אויס! — האָט זי געשריגן.

קאַרמעלינאַ האָט געפאָלגט און אַראָפּגעצויגן די קליידער. די היליקע האָט זיך געווענדט צו דער מוזיק.

— און איר, איר? — האָט זי אויסגערופן — ווילט איר דינען גאָט בלויז מיט די אינסטרומענטן!

אַלע זענען אויפגעשפרונגען פון די ערטער, אָבער טערעזע האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

— נישט אַלע מיטאַמאָל! — האָט זי געזאָגט. — קום אַהער דו, לינדאַ, און דו, קלעמענטינאַ קאַרנאַראַ — און דו אויך, טוליאַ טראַמאַנטע! און איר איבעריקע בלייבט זיצן און שפּילט!

טוליאַ, אַ מאָגערער בחור פון אַ יאָר זיבעצן, האָט זיך איכגעטון, און קאַרנאַראַ, אַ שטאַרקע, יאַדערדיקע פרוי, מיט פייער-רויטע האָר, האָט פון זיך די קליידער אַראָפּגעריסן. אָבער דאָס מיידל האָט זיך געקווענקלט, פאַמעלעך און שרעקעוודיק אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד און געבליבן אין העמד און האַלקע. טערעזע איז צוגעשפרונגען צו דער פּופּצעניעריקער.

— האָסט מורא, לינדאַ! — האָט זי געשריגן — שרעקסט דיך פאַרן דערלייזערס גנאָד?

זי האָ איר אַראָפּגעצויגן דאָס העמד פון די פּלייצעס, אָנגעכאַפּט די האַלקע און זי אַראָפּגעריסן.

— גאָט וועט דיך בענטשן, דאָס בלוט פון דיינע לענדן וועט דיינע זינד אָפּוואַשן.

זי האָט אַ ינגעשטופּט קאַרמעלינאַן צו די דריי, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ שווערן הונט-ראַפּניק.

— קניט אַנידער! — האָט זי באַפוילן — בייגט די קעפּ צו דער ערד אַראָפּ און זייט מתפלל צו גאָט!

די פיר לייבער זענען געווען בלאַנק און ריין. קיין איינס פון זיי האָט נאָך נישט געטראָגן קיין שפּירן פון פריערדיקע שראַמען און ווונדן. אָבער גאָטס גענאַד האָט אין דער הייליקערס שוואַכן רעם אַריינגעלייגט אַזאַ כוח, אַז אירע שמיץ זענען נאָך מוראדיקער געווען, ווי די קלעפּ פון ריזיקן קנעכט. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זייערע לייבער באַדעקט געוואָרן מיט בלוט, און זייער געפּלאַצטע הויט האָט זיך צעריסן אויף פּיצלעך. די פיר נפשות האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, האָבן געשריגן און געראַנגלט אין פּיינפולע יסורים. קאַרמעלינע האָט אין פאַרצווייפלטן ווייטיק אַנגעכאַפּט מיט די ציין קאַנאַראַס פולן אַקסל און זיך איינגעביסן אין אים, די ווידער האָט אַרומגענומען דעם בחור מיט הייסע אָרעמס און איינגעגראָבן אירע נעגל טיף אין זיין לייב. זיי האָבן זיך צונויפגעוואַלגערט אין איין כאַרפּלאָנטערטן קנויל, אַרומגעקלאַמערט זיך מיט די הענט און פיס און געדאַמפט פון שווייס און בלוט. און דער הייליקערס שווערער ראַפּניק האָט אומאויפהערלעך געפייפט איבער די צעטרייבערטע לייבער.

— ס׳גריסט אייך גאָט, איר ווונדן!

דער נביא איז אויפגעשפרונגען, זיך געשטרויכלט און געוואַקלט און געפאַלן פאַרטערעוועט אויף די קני.

— שלאָג דו מיך! — האָט ער געקאָמלעט. און דער ראַפּניק האָט מיט בלוטיקע צייכנס באַדעקט זיינע אָרעמס און ברוסט.

איצט האָט זיך צוגעשטופּט סקוראַ און אויך די ווענירע.

— מיך אויך! מיך אויך!

זיי האָבן אַנידערגעקניט און מקבל געווען דער הייליקערס גנבאַד־קלעפּ. אָבער זי האָט הויך אויסגערופן:

— לאָמיר זיך פרייען און פריילעך זיין און אים צופּגעבן כבוד, מחמת די חתונה פון לעמל דערנענטערט זיך, און זיין ווייב איז שוין גרייט!

אַלע האָבן זיך צוגעשטופּט צו איר, איטלעכער האָט געבעטן די זיסקע געבענטשטע שמיץ פון איר בייטש. און ווידער האָט

ראַנכי געהאַלטן אָרדנונג. צו דריי פאַרשוין האָט ער צוגעלאָזט צו איר און זיי געהייסן צבידערקנ׳ען, און דער הייליקערס אָרעם איז נישט מיד געוואָרן. יעדער רוקן האָט מקבל געווען די קלעפּ פון איר קאַנטשיק און ס'האָט אויסגעזען, ווי אירע שמיץ וואָלטן אַרויסגעשיינט פון דעם וווּנדיקן לייב און זיך רויטער און בייטער אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע.

דערביי האָט זי נישט פאַרגעסן אָן יענע, וואָס זייערע גופים זענען נאָך געווען אומבאַרירט. זי האָט זיך כסדר געווענדט צו דער מוזיק.

— צי אַראָפּ די קליידער, סילוויאַ! — קום אַהער, אַלעסאַנדראַ ריקיולי.

ס'האָט אויסגעזען, ווי אירע אויגן וואָלטן אָנגעהויבן הייסער פינקלען באַם דערזען די, וועלכע זענען נאָך נישט באַפלעקט געווען מיט בלוט, ווי איר שכים וואָלט זיך פרייליכער צעשאַלט, בשעת זי האָט דידאָזיקע ווייסע, נאַקעטע לייבער אין אַ פייכטן רויטן געוואַנד איינגעהילט.

— „גריסט אייך גאָט, איר וווּנדן! גריסט אייך גאָט, איר וווּנדן!"

און זי איז נישט מיד געוואָרן. וואָס אַמאָל העפטיקער, וואָס אַמאָל שרעקלעכער זענען געפאַלן אירע קלעפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט די גאַנצע שאָפע דערטרינקען אין אַ ים פון בלוט. איר ווייס קלייד, פאַרבונדן אַרום די לענדן מיט אַ ברייטן שטריק, איז באַדעקט געווען מיט בלוט, די צעלאָזענע האָר זענען זיך פונאַנדערגעפלויגן און געוואָרפן שוואַרצע כוואַליעס פאַר זיך באַ יעדן זעץ.

אַלע ערטער אין די ווינקלען און לענגויס די ווענט זענען פול געוואָרן מיט פאַרמאַטערטע, די בימה איז וואָס אַמאָל ליידיקער געוואָרן. אייגער נאָכן אַנדערן זענען זיי אַראָפּגעקראָכן פון איר שטערבלעך פאַרמאַטערט, האַלב באַוווסטלאָז, צוזאַמענגעבראָכן; ווי גוססדיקע חיות זענען זיי געלעגן אַרום. זיי האָבן זיך געכאַפּט צו די קעסלען און פאַרשמאַכט געזויגן די שיריים פון הייליקן וויין. צופוסנס דעם שוסטער ראַטי איז געלעגן אויפן בויך שטערב-

לעך פאַרוווּנדעטע דזשאָהאַני אולפאַ, זיין רויזן האָט אויסגעזען ווי איין שרעקלעכע וווּנד. אָבער די הייליקע האָט נאָך אַלץ נישט גענוג געהאַט. אַ וואַנזיניק געלעכטער האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר בלוטדורשטיקן משוגעת.

— קיינער שוין נישט מער? — האָט זי געשריגן — פאַרלאַנגט קיינער שוין נישט מער די גנאָד פון גאָט? — זי האָט הויך אויפגעהויבן די בייטש און געווונקען מיט איר.

— דער גייסט און די כלה זאָגן: קום! און ווער ס'איז דורשטיק, דער זאָל קומען, און ווער עס וויל, דער זאָל נעמען דאָס וואַסער פון לעבן!

אַן אַלטער גאַן איז ציטערנדיק צוגעקומען און מיט מי געפּרוווט אַראָפּציִען זיין קאַפּטן. אויף שטאַלצן האָט אַריינגעהינקט עפּעס אַ פרוי, צוויי אַנדערע זקנות זענען איר נאָכגעקראָכן. דזשיראַלאַמאָ האָט זיי געהאָלפן זיך אויסטון, און די הייליקע האָט געשמיסן אומברחמנותדיק זייער בידנע לייב.

זי איז געשטאַנען אונטער קריסטוסעס בילד, מיטן בלוטיקן ראַפּניק אין דער האַנט. איר בליק איז דורכגעלאָפן איבער דער שאָפּע און געזוכט עפּעס אַ פאַרגעסענעם קרבן. און פּלוצלינג האָט זי אויסגעשריגן הויך אין פרומער התלהבות:

— לאָזט די קינדערלעך צו מיר אַהערקומען!

די פרוי ווייניער האָט אָנגעכאַפּט איר טאָכטער, אָבער פּיאַמעטע איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אונטער דער באַנק. די קינדער האָבן געקוויטשעט און געשריגן, זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער די קליידער פון די מאַמעס און זיך פאַרשטעקט הינטער די בעלקעס, אָבער מ'האָט זיי דאָך געכאַפּט.

סקוראָ האָט אַפּערגעשלעפּט די קליינע פּיאַמעטע בײַ אַ פוס און זי פעסט צוגעהאַלטן. די מוטער האָט איר אַראָפּגעריסן די קליידלעך פון לייב, מוטער-נאַקעט האָבן זיי געברענגט דאָס דאַרע, מאָגערע נפשל צו דער הייליקער.

— קני אַנידער! — האָט באַפוילן טערעזע — זיי מתפלל.

ראַטי האָט געבערענגט זיינע קינדער, די קאָרנאַראָ — איר

רויט-בלאָנד מיידל. פון אומעטום האָבן די מוטערס אָפּערגעצויגן זייערע היילנדיקע, צאַפּלענדיקע קינדער, אַראָפּגעריסן זיי די אָרי־מע שמאַטעס פון לייב און זיי אַרויפגעשלעפּט צו דער הייליקער. טערעזע איז געשטאַנען רויק, און אירע אויגן, ווי דער בליק פון אַ רויבפויגל, זענען דורכגעפלויגן איבערן זאַל.

— דאָרט! — האָט זי אויסגערופן — כאַפּט אים! ביקאָ־באַססאַרי זיצט דאָרט אויבן!

דער צעניעריקער שנעק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ בעליק און זיך אָנגעהאָנגען אָן אים באַהאַלטן זיך הינטער אַ פּאַ־גידנעם טאָוול. דער רויטער, פעכיקער שטורעאַק, וואָס האָט גע־שטעקט אין דער צווייטער זייט בעליק, האָט אים צוגעשלאָגן דעם הייסן בייסנדיקן רויך אין די פאַרטערטע אויגן אַריין און אים כמעט אונטערגעזענגט.

סקוראַ איז דורכגעלאָפן דעם זאַל. ער איז אַרויפגעשפּרונ־גען גיכדערהייך, אָנגעכאַפּט דאָס ייִנגל בא ביידע פיס און אים אַראָפּגעשלעפּט. ער האָט אויסגעטון דעם רעוועדיקן שנעק און אים אַ וואָרף געטון איבער די קעפּ פונם עולם אויף דעם הויפן קינדער אַרויף.

— זינגט! — האָט געשריגן די הייליקע — זינגט!

און איר צעווילדעוועטע שטים האָט אָנגעהויבן:

— „זיי געגריסט, געקרייציקטער גאָט, דורך דיינע ווונדן —“

די מאַסע האָט געראָוועט דאָס ווונדערליד און איבערגע־שריגן דאָס יאָמערלעכע געשריי פון דעם הויפן קליינע לייבער. אומבאַרמהאַרציק האָט געפייפט דער פרומער ראַפּניק. און די היי־ליקע האָט אַכטונג געגעבן, אַז קיין איין קלאַפּ זאָל נישט מיידן, און אַז יעדעס פון די ציטערנדיקע לייבער זאָל טראָגן אַ בלוטי־קן שטרייף, אַלס צייכן פון גרויסן געטלעכן חסד.

פראַנק ברוין האָט געזען, ווי די הייליקע האָט אויפגעהויבן דעם קאַנטשיק און אים הייס געקושט. די קינדער זענען זיך פו־נאַנדערגעקראָכן און צעלאָפן מיט יאָמערדיקע קולות, זי אָבער האָט געשפּאַנט הייליק און דערהויבן. און אירע באָרוועסע פיס האָבן זיך געשובלט אין בלוט.

ער האָט געזען, ווי זי האָט אָנגעכאַפּט איינס פֿון די קינדער און צוגעדריקט די ליפּן צום בלוטיקן שטרייף, וואָס איר האַנט האָט מיטן שלאָגן געמאַכט — זיינע אָרעמס האָבן געציטערט אין מערקווירדיקער רעגונג, און ער האָט טיף משיג געווען די מהות-איינהייט פֿון תאווה, רעליגיע און אכזריות. דידאָזיקע ווילדע אכזריות, וואָס האָט די חושים אויפֿגעשמיצט דאָס איז געווען די גאַנצע פֿאַנטאַזיע פֿון די נידעריקע קולטורן, וואָס האָט די מענטשן צו גאָט דערנענטערט. דאָסדאָזיקע משוגעת פֿון בלוטדורשטיקן וואַנזין, דערדאָזיקער אָנבליק פֿון בלוטיקע, געפּייניקטע קרבנות, דאָס פֿאַרשיכּורן זיך מיט שטאַרקן וויין, דער ווירבלדיקער טאַנץ און די אומאויפֿהערלעכע, ליאַרעמדיקע מוזיק — מיט אַלע מעגלעכסטע מיטלען האָבן זיך די מענטשן געצויגן און געריסן צו דער טיפֿעניש, צו די לעצטע סיבות, צו דעם אורבאַוווסטזיין פֿון דער וועלט, צום בלינדן ווילן, וואָס איז געווען דער עיקר פֿון זייער מהות. אַוועק פֿון אַלע הויכן און אַראָפּ צום לעצטן בראשית פֿון אַלע זאַכן — אַראָפּ צו גאָט!

די הייליקע האָט אַוועקגעוואָרפֿן די בייטש אויף דער ערד, איז אַרויסגעטרעטן פֿאָרויס און מיט ביידע הענט צונויפֿגערופֿן די פֿאַרזאַמלטע. זיי זענען צוגעקומען און זי אַרומגערינגלט אין מיט אַ געדיכטן ראָד, אַ מענגע בלוטיקע לייבער אַרום דער ווייסער קעניגין.

— יעזוס קריסטוס פֿאַרלאַנגט אַ קרבן — האָט זי אויסגערופֿן. — ווער וויל זיין גוף אָפּגעבן פֿאַרן דערלייזער?

קיינער האָט נישט געגעבן קיין ענטפֿער. זיי זענען געשטאַנען שטום, מיט אָפֿענע מיילער, ווי זיי וואָלטן נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס די הייליקע פֿאַרלאַנגט. נאָר דאָ און דאָרטן האָט זיך פֿון די ווינקלען אָנגערופֿן דאָס העשען און יאָמערן פֿון די קינדער. נאָכדעם האָט זיך דורכגעשטופּט דער נביא און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר.

— וואַרט און זייט מתפּלל! — האָט ער געשריגן — דער יצר-הרע איז נאָענט, דער אַנטיקריסט! כ'זע אַלץ כּסדר די חיילות פֿון שטן, וועלכע באַלאַגערן אונדז: ער וויל אונדז גובר זיין!

מיר מוזן קעמפן און מלחמה האלטן — חער וויל זיין לעבן מפקיר זיין פאר קריסטוסן?

די ווענינער האט זיך ארויסגעשטופט פארויס:

— שלאגט מיך! — האט זי אויסגערופן — הרגעט מיך! כ׳וויל גערן שטארבן פאר די נשמות פון מייגע ברידער!

און דער יינגער אולפא האט זיך מיט שווערקייט אונטערגעהויבן און וואקלענדיק זיך ארויסגעשטאמלט.

— זייט מיך מקריב!

איצט האט קיינער נישט געוואלט אפשטיין, זיי האבן זיך גענומען שארן און רוקן אהינצו, מיטגעריסן פון היליקער התלהבות.

— איך בין גרייט!

— נעם מיין לעבן!

— איך וועל גערן שטארבן!

אומאנטשלאסן האט זיך טערעזע ארומגעקוקט אין אלע זייטן. דאן איז איר בליק געפאלן אויף גינא, וועלכער האט אפגערוקט פון אונטער איר שטול. ער איז ארונטערגעקראכן דארט אהין, בשעת מ׳האט געכאפט די קינדער און זיי צוגעשלעפט צו דער הייליקער, און קיינער האט אויף אים קיין אכט נישט געלייגט. זיין לייב איז געווען ריין פון יעדן טראפן בלוט, אומבארירט, אומבאפלעקט — דער איינציקער צווישן אלע.

די אויגן פון דער הייליקער האבן אויפגעלויכן, זי האט הויך אויפגעהויבן די ארעמס.

— גאט האט מיר געגעבן א צייכן. געלויבט זאל זיין דער האר און זיין גוטס זאל געלויבט זיין! זי האט א ווונק געטון צום יינגל, ער איז אפערגעקראכן און זיך צוטרויליך געטוליעט צו איר. זי האט אים אויפגעהויבן הויך אויף די ארעמס, אים הייס ארומגענומען און געקושט. דערנאך האט זי אים אוועקגעזעצט אויף דער שטול און אנידערגעקניט פאר אים.

— צי ווילסטו אוועקגעבן דיין לייב פאר דעם, וועלכער איז פאר אונדז געשטארבן אויפן קרייץ? — האט זי הויך געפרעגט און אים צוגלייך מסביר געווען די ווערטער מיט די פינ-

צער. דער טויב-שטומער גינאָ האָט גוט פאַרשטאַנען די ווערטער, אָבער נישט זייער אינהאַלט. ער האָט מיט חשק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כמעט פריילעך. האָט זי אים ווידער איינגעשלאָסן אין אירע אָרעמס און באַדעקט זיין פנים מיט הייסע קושן.

— גינאָ וועט שטאַרבן פאַר אייך! — האָט זי אויסגערופן. — אים האָט גאָט אויסדערוויילט!

דזשיראַלאַמאָ האָט אים אַ כאַפּ געטון, כדי אים אויסצוטון. דאַן האָט דאָס יינגל גענומען שרייען און שטופּן זיך צו דער הייליקער.

— לאָז אים אָפּ, — האָט געזאָגט טערעזע. — ער דאַרף נישט קיין מלקות. זיין קרבן איז מער ווערט, ווי אַלע אייערע וונדן!

זי האָט זיך אויפגעהויבן מיטן יינגל אויפן אָרעם.

— גייט, ברענגט אַהער טשוועקעס און אַ האַמער!

סקוראָ האָט זיך פאַרנומען אַהיים צו לויפן, אָבער ראַנכי האָט אים פאַרהאַלטן. ער האָט געהאַט די טאָוולעע שילדלעך אויפגעקלאַפּט און האָט איצט געבראַכט פון ווינקל אַ שווערן האַמער און אַ פולע זשמעניע לאַנגע, גרויסע טשוועקעס.

טערעזע האָט אָנגענומען דאָס יינגל בײַ דער האַנט און אַנידערגעקניט מיט אים פאַרן קריסטוס-בילד. תיכף האָט זיך אויך דער נביא געוואָרפן אויף דר'ערד, און די אותו רגע האָט שוין די גאַנצע עדה געקניט. ער האָט זיי פאַרגעזאָגט און אַלע האָבן מיטגעבעטן מיט אים די הייליקע תפילה צו די פינף וונדן פון יעזו.

„אָ, מיין יעזו, איך קוש דיינע הייליקע פינף וונדן און דאַנק דיר פאַר די אַזוי פיל שרעקלעכע ענוים, וואָס די האָסט איבערגעטראַגן פאַר אונדזער דערלייזונג. איך בעט דיך, לאָז דאָס בלוט און וואַסער, וואָס איז פון דיין געבענטשטן האַרץ געפלאָסן, נישט אין אונדז פאַרלוירן גיין, נייערט זאָלסט אונדז פירן אין דיין קעניגרייך צום אייביקן גליק. אמן".

באַלדעם האָט זיך די הייליקע געווענדט צו דעם יינגל און מיט מילדע, צערטלעכע באַרירונגען אים געגעבן צו פאַרשטיין'

אַז ער זאָל זיך אַנידערלייגן אויפֿן רוקן. זי האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס אין ביידע זייטן, אַוועקגעלייגט די הענט און געקרייצט זיינע באָרוועסע פיס איינעם איבערן צווייטן. און אָט איז גינאָ אַזוי געלעגן, נישט פאָרפילנדיק, וואָס עס וועט מיט אים געשען, פריילעך ווי באַ עפּעס אַ שפּיל. טערעזע האָט געקושט די אָפענע הענט, דערנאָך אַ ווונק געטון צום קנעכט. דזשיראָלאַמאָ האָט גענומען דעם האַמער, אַנידערגעקניט און צוגעשטעקט דעם טשוואָק צו דער אָפענער האַנט. מאָמענטאַל האָט דאָס ייִנגל צוריקגעכאַפּט די האַנט, גענומען קוקן מיט אימה אויפן קנעכט און אַרומגענומען טערעזען מיט ביידע הענט אַרום האַלדז. אָבער ס'איז איר געלונגען אים צו באַרויִקן, זי האָט אים געקושט און געגלעט און ווידער אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס אין ביידע זייטן. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן האַרט איבער אים, אַזוי, אַז ער זאָל נאָר קענען זי אַליין זען און שוין נישט דעם ריזיקן מאַן מיט דעם רויטן קראָפּ, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן.

גינאָ האָט אַ באַרויִקטער געלאָזט ליגן די הענט און רויִק געבליבן, ווען סקוראָ האָט אים אָנגעכאַפּט די לינקע האַנט און זי פעסט צוגעהאַלטן באַ דער ערד. טערעזע האָט לייכט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט, ווי ער האָט צוגעשטעקט דעם טשוואָק צו דער מיט האַנט און אויפגעהויבן דעם האַמער.

— שלאָג אַריין! — האָט זי אויסגערופן.

זי האָט זיך שרייענדיק אַ וואָרף געטון אויף גינאָן, געקושט זיין מויל און זיך איינגעגראָבן מיט אירע ציין אין די דינע ליפּן פון דעם ייִנגל. און דער קלאַפּ איז געפאַלן און צוגעפעסטיקט די קליינע האַנט צו דער פאָדלאָגע.

דאָס ייִנגל האָט זי אָפּגעשטויסן מיטן רעכטן אָרעם, יאָמערלעך געקרעכצט און זיך אונטערגעהויבן. אַ מאָרדיקע שרעק האָט זיך געמאָלט אויף זיין פנים, מיט זיינע שוואַכע כוחות האָט ער בעפרווט אַרויסרייסן זיין לינקע האַנט. אָבער ער האָט בחנם געפליקט. ער האָט זיך בלויז נאָר זיין ווונד צעריסן און זיך די יסורים פאַרגרעסערט.

די הייליקע איז אויפגעשפּרונגען, איר ברוסט האָט שנעל

געסאָפּעט. מאַטילדאַ וועניער האָט אָנגעכאַפּט דעם יינגלס פּיס און זיי פעסט צוגעהאַלטן. סקוראַ האָט אַריבערגעשפּרייזט איבערן יינגל און אָנגעכאַפּט דעם צווייטן אָרעם.

— מאַכט עס גיך! — האָט געשריגן טערעזע — מאַכט גיך!

ווידער האָט דזשיראַלאַמאַ צוגעשטעקט אַ לאַנגן טשוואָק צו דער אָפענער האַנט און זי צוגעשלאָגן. אָבער ער האָט נישט געטראָפן, דער האַמער האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט און צוגע-קוועטשט די דאַרע פינגער. גינאַ האָט זיך הויך אונטערגעהויבן, זאָם רלעך כאָרכלענדיק, און עס איז אים מיט אַ פּאַרצווייפלטער אַנשט ענגונג געלונגען אַרויסצורייסן די לינקע האַנט פון טשוואָק, וואָס האָט זי צוגעהאַלטן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון און באַ-רעקט די רעכטע האַנט וועלכע דער קנעכט האָט נאָך אַלץ פעסט געהאַלטן, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען מיט זיין קאָפּ און לייב. די הייליקע איז אַנידערגעזונקען אויף אירע קניען, און אירע הויכע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מוראדיקע, הייזעריקע קרעכצן פונם יינגל.

— מאַך אַן עק! — האָט זי געשריגן. — צעפּלעט אים דעם קאָפּ, סקוראַ! — מאַך אַן עק!

און דעם ריזיקן קנעכטס אָרעם איז מיט אַ פייף אַראָפּגע-זונקען. דער שווערער האַמער איז מיט אַ טעמפּן טראַסק אויפן יינגלס קאָפּ געפאַלן, און ער האָט קיין פּיפּס נישט געטון און איז אויסגעגאַנגען.

טערעזע האָט זיך צוגעשאַרט אויף די קניען צו איר שטול, האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אַנלען, האָט פעסט צונויפגעפלאָכטן די הענט און מתפלל געווען צום קריסטוס-בילד. דערנאָך איז איר קאָפּ אַראָפּגעזונקען אין פולקאָמער דערשעפונג. מאַטילדאַ ווע-ניער און ראַבכי האָבן זי אונטערגעהאַלטן און זי אָוועקגעזעצט; זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט; אַ קרענקלעך צוקן האָט איר לייב דורכגעשוידערט:

— איז ער טויט? — האָט זי געפּליסטערט — איז ער טויט?

דער נביא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, הײליקע שװעסטער, ער איז געשטאָרבן אַלס קרבן פאַר גאָט.

זײ האָבן גענומען דעם קלײנעם בר-מינן, אַװעקגעטראָגן אים אין אַ זײט און אַנידערגעלײגט אין װינקל, דאָרט װוּ ס'זענען געלעגן די ליכט. זײ זענען געשטאַנען שטאַר און שטום, און עפּעס אַ טעמפּ גריבלעניש האָט זיך געלײגט איבער דער שאָפּע.

אָבער ראַנכי האָט צונױפגערופן די מוזיקאַנטן. זײ זענען צוגעקומען און גענומען זײערע כּלים: טריאַנגל, פּויק און האַר-מאָניק. זײ האָבן אױפגעהױבן די שטים און אױפגעזונגען, און װי באַפרײט פון עפּעס אַ מנוולדיקן דריק, האָט די גאַנצע גע-מײנדע אונטערגעכאַפּט. און דאָס ליד פון גאָטס געליבטער האָט פרײלעך צעשאַלט איבערן זאַל:

„דער כּלה איז נאָר לוסט באַװוּסט;
גאָט זעט נאָר אין איר שײנקײט לוסט,
זי גלאַנצט װי אין גן-עדן.
מען פירט צום חתנס הױז זי צו,
צום הױז פון פרײד און שטאָלצער רו,
צום קעניגס זיסע פרײדן.
קלאָגן,
פּלאָגן,
זונען-היצן,
דונער-בליצן
לאָנג פאַרפלױגן!
ס'האָט גאָטס לעמל איבערװױגן!"

און בשעת זײ האָבן געזונגען, האָט דער נביא געהײסן אָנ-פילן אױפסנײ אַלע כּלים מיט פרישן װײַן. ער האָט מתפּלל געװען און אױסגעשפּרײט די הענט, געבענטשט דעם װײַן און אים פאַר-האַנדלט. דעם ערשטן טרונק האָט ער דערלאַנגט דער הײליקער.

אָבער זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און נישט גע־טרונקען. אָן באַוועגונג איז זי געזעסן אין איר שטול, אָבער די אַנדערע האָבן יאָ געטרונקען. זיי האָבן צונויפגעזוכט די מלבושים און זיי אָנגעטאָן אויף זייערע פאַרבלוטיקטע אבֿרים און אגבֿ גע־טרונקען און נישט אויפגעהערט מיט זייער געזאַנג:

„גאָט לעמל האָט גובֿר געווען!"

פראַנק ברוין האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין באַנק. דער קאָפּ האָט אים ווי געטאָן אַזוי, גלייך ער אַליין וואָלט באַקומען דעם קלאַפּ, וואָס איז געפאַלן אויפן יינגלס קאָפּ. די אַלע בילדער האָבן אַרומגעווירבלט אין זיין מוח, ער האָט האַלב בלינד געטאַפּט די וואַנט לענגאויס צום אַרויסגאַנג. ער איז אַרויסגעגאַנגען דורך דער טיר און ווי אַ שיכּורער זיך געוואַקלט, גייענדיק פּאַרויס. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאַפּטער האָלץ, וואָס איז געלעגן אונטער דעם הויכן לינדנבוים, פאַר פּיעטראָס גאָרטן. ער האָט זיך העכער אַרויפגערוקט אויף אים, זיך אַוועקגעלייגט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן אָרעם און געגאַפט צום הימל אַרויף. ער האָט געפּרוווט נאָכדענקען, זיך קלאָר מאַכן דאָס אַלץ — אָבער ס'איז אים נישט געלונגען. נאָר דעם אָטעם אָפּכאַפּן — טיף דעם אָטעם אָפּכאַפּן, און אָנפילן די לונגען מיט ריינער, פרי־שער לופט פון דער נאַכט —

נאָכדעם האָט ער געזען דעם עולם אַרויסגיין פון דער שאָפּע. שטילערהייט און שווייגנדיק זענען זיי דורכגעגאַנגען, אייניציקווייז און אין גרופּן; זענען זיך פונאַנדערגעקראָכן דאָ און דאָרטן אין זייערע הייזער אַריין. קיינער האָט נישט גערעדט צום אַנדערן, זיי האָבן אַפילו „אַ גוטע נאַכט" נישט געזאָגט איי־נער דעם צווייטן. ער האָט געזען דורכגיין וועניע־ן, ער האָט געהאַלטן צוויי קינדער אויף די אָרעמס. פיאַמעטע און דאָס על־טערע יינגל האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן זיין מאַנטל. ער האָט גע־זען דעם האָרבאַטן שוסטער ראַטי אין זיין גרויסע, דאַרע פרוי; מיט אַכט קינדער האָבן זיי געצוווגן אַ היים. אַלע האָבן געפירט זייערע קינדער, וואָס אָן אמת, צעשונדענע און צעשלאָגענע — אָבער זיי האָבן דאָך געלעבט! און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז

ידאָזיקע חיות האָבן אין דעם אָוונט אַרויסגעוויזן מער ליבע ווי אַן אַנדערט מאָל צו זייער זרע און זיי צערטלעכער געטראָגן אויף די הענט.

בלויז גינאָ איז געבליבן, בלויז דער קליינער, טויב־שטומער גינאָ, דאָס קהל־קינד, דער יתום אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער — און ס׳איז נישט געווען קיינער, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיין אָרים, דאַר גופל. „אָרים, קליין יינגל!" — האָט ער געטראַכט.

צום לעצט איז אַרויסגעקומען דער נביא מיט זיינע הויזלייט. טערעזע האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל, קאַרמעלינאַ גאַספּאַרי האָט זיך באַמיט זי אונטערצוהאַלטן. אַבער זייענדיק אַליין פולקום דערשעפּט, האָט זי זיך אַ וואַקל געטון, און אַנשלאָגנדיק זיך אָן עפּעס, אומגעפאַלן אויף דער ערד. לינדאַ וואָטאָ האָט זי אויפגעהויבן, און ראַנכי האָט איבערגענומען דאָס אהיימפירן די הייליקע. דערנאָך איז אויך אונטערגעקומען סקוראַ, אים צו העלפן, אַבער טערעזע האָט אַ געשריי געטון און אים אָפּגעשטויסן; דאַן איז דער אַמער־קאַנער צוגעגאַנגען און זי אונטערגעהאַלטן פון דער לינקער זייט. פּאַמעלעך, טריט בא טריט, זענען זיי געגאַנגען באַרג־אַרויף צו זיין הויז.

ער האָט זיי געזען אַריינגיין, איינעם נאָכן אַנדערן, אויך דעם יינגן אולפּאָ, וועמען זיין פּריינט פּאַסקאַל האָט געפירט. דער קנעכט איז אַריין דער לעצטער און פאָרזיכטיק צוגעשלאָסן די בידעריקע טיר.

פראַנק ברוין האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען איבער די גאַסן. מען האָט נישט געזען קיין זכר פון אַ מענטש, די מנוחה פון טויט איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער וואָל די סקאַדראַ. ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים און איז אַרויף אין זיין צימער. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט — אין דער נאַכט איז נישט געשטאַנען קיין שום וואַך.

ער האָט זיך אויסגעטון, זיך אַרומגעוואַשן פון קאָפּ ביז פיס, זיך שטאַרק אויסגעריבן מיט דער שוואָם און מיטן האַנטוך.

געטונקט ווי אויך זיין לייב וואָלט באַפלעקט געווען מיט בלוט —
די אַלע אַנדערע לייבער אין דערדאָזיקער נאַכט.
און האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין.

* *
*

אָבער ער איז נישט געשלאָפן. זיינע געדאַנקען האָבן געאיילט און זענען געלאָפן זייער וועג, צוריק צו דער שאָפע פון נביא. ער איז אַריינגעגאַנגען דורך דער אויפגעפראַלעטער טיר און איז כמעט צוריקגעפאַלן אַ הינטער, אַזוי שווער האָט אים אַ שלאָג געטון. אַ קעגן דער גערוך, דער געדיכטער רויך פון די פעכיקע שטורקאַצן און דער הייסער דאַמף פון ווין, בלוט און שוויס. ער איז אַריין, האָט אויפגעעפנט אַ פענסטער און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. ווי גוט דערדאָזיקער צוג-ווינט איז געווען, די דאָזיקע פרישע, באַנאַכטיקע לופט פון לעבן, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער פאַרעיפושטער הייל, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעטראָגן דער דאַמף פון יעדן וואַנזין.

הינטן האָט ער געזען ליגן גיבאָן, אַ קליין, עלנד הויפנדל צווישן די דיקע, געהייליקטע ליכט. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ס'איז פאַרליבן פון דער טייוול-שלאַכט פון דער היינטיקער נאַכט.

ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט דאָס ווילדע בילד אין רויטן שיין פון די שטורקאַצן. דער נביא האָט געהייליקט דעם ווין און אַלע האָבן געטרונקען, אַלע האָבן געזונגען, אַלע האָבן געטאַנצט, אַלע האָבן זיך געכאַפט צו די ריטער. און דאָס בלוט האָט געפלאָסן.

דאָס איז געווען ווי באַם אָקסן-קאַמף. צוערשט איז געקומען די קוואַדרילאַ, די טרעאַדאָרן האָבן געמאַכט קונצן און געטאַנצט אַרום דעם אָקס מיט פאַרביקע טיכער. דערנאָך איז אין גאַראַכאַ געפלאָסן דאָס ערשטע בלוט, און עס זענען געפאַלן די פיקאַדאָרן און די שקאַפעס האָבן קראַפירט מיט אויפגעטרענטע לייבער. אָבער

די באַנדערילערן האָבן געשליידערט זייערע פיילן, און דיקע רויטע טראָפּנס האָבן זיך געוויזן אויפן אָקס רוקן. ווי אַ קליינעם פיינעם פאַרשפּיל! אַזוי האָט די הייליקע געהייסן די קינדער זיך ברענגען. דערנאָך אָבער האָט דער מאַטאַדאָר אויפגעהויבן דעם שטילעט, און דער קרבן איז געפאַלן. שטיל און שטום.

אַזוי איז געפאַלן דאָס יינגל פון דזשיראַלאַמאָס האַנט.

דאָס איז געווען, ווי באַם אָקסן־קאַמף. מ׳האָט זיך געעקלט און געמיאוסט, געשוווירן שוין מער קיינמאָל דאָרט אַהין נישט צו גיין. מ׳האָט הויך אויסגעדריקט די פאַראַכטונג קעגן דעם מיאוסן שוישפּיל און נישט געפונען גענוג ווערטער פון שנאה קעגן געמיינעם המון, וואָס האָט זיך געפרייט מיט דעם שוישפּיל. אַזוי איז געווען די גאַנצע וואָך — אַזש ביז מאָנטיק — נאָך אַרום צוויי אַ זייגער באַם מיטאָג האָט מען עס געטאַדלט, און דרייפערטל שעה שפּעטער האָט מען שוין גערופן אַ קאַרעטע און געפאָרן קיין קאָרידאָ. דריי אַ זייגער איז מען געזעסן אין דער לאָזשע אין דער שאָטנדיקער זייט און מ׳האָט געקוקט, ווי די פערד האָבן זיך צעטרעטן די אייגענע איינגעווייד, און געזען ווי דאָס זאַמד איז רויט געוואָרן פון בלוט. און מ׳איז פאָרט געבליבן, ביז דער לעצטער אָקס איז נישט געפאַלן.

וואָס איז דאָס געווען? וואָס האָט אונדז געיאָגט צו דער אַרענע און צוגעשמידט צו די בענק? טראָץ אונדזער גאַנצן בעסערן באַוווּסטזיין, טראָץ דעם גאַנצן דענקען, וואָס האָט אונדז געהייסן זיך מיאוסן מיט אונדז אַליין?

אָך, דאָס איז דער גרויזאַמער תענוג פון די עלטערן, די מערדערלעכע בלוטדאָרשטיקייט, וואָס האָט געלעבט אין אונדזערע אבות און איז אין אונדז נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטאָרבן.

די אייביקע נעפּלהאַפטע בענקשאַפט — נאָך גליק — נאָכדעם אויבאַוווּסטזיין — און נאָך גאָט.

און אַ טיפער זין איז געלעגן אין דעם, וואָס די טאָרעאַדאָרן האָבן געקניט פאַרן בילד פון דער מאַדאָנע, פרומער

פון זיי האָט נישט געקענט זיין קיין שום מענטש אין פרומען שפּאַניע.

רעליגיע, תּאווה און אכזריות!

— פאַרוואָס איז ער נישט אויפגעשפּרונגען, בשעת טערעזע האָט צוגערופן דאָס קינד? בשעת איר בייטש איז געפאַלן אויף די באַקעטע, קליינע, דאַרע לייבער? בשעת זי האָט צעביסן גינאָס ליפּן, בשעת די שיכּורע בהמה האָט צוגענאָגלט דעם יינגלס האַנט צו דער פּאָדלאָגע און בשעת דער מוראדיקער קנעכט האָט דעם האַמער אויפגעהויבן און צעפּלעט דעם שוואַכן יינגלס שאַרבן, טיף ביזן מוח אַריין? — וואָס האָט אים דאַמאָלס אָפּ.עהאַלטן?

„ס'וואָלט דאָך סיי ווי גאָרנישט געהאָלפן!" — האָט ער אָפּגעזיפצט. „וואָס וואָלט איך איינער אַליין געקענט טון קעגן אָט די אַלע משוגעים!?" אָבער ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער לייגט. ניין, ניין, דאָס איז נישט געווען קיין מורא און פּחד און אויך נישט קיין ישוב-הדעת, וואָס אים האָט אָפּגעהאַלטן —

דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען דער איי-ביקער כּישוף, וואָס האָט אים צוגעקלעפּט צו זיין באַנק; געווען די קללה פון די אבות, וואָס קיין שום שטערבלעכער האָט נישט געקענט אויסמיידן —

דאָס איז געווען די זיגנדיקע מאַכט פון בלוט.

ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און איז געזעסן מיט ברייט צעעפנטע אויגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַז אפילו דער קלענסטער פּרט פון דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר זאָל נישט פאַרהוילן זיין פאַר זיין אויג. און הגם ער איז געזעסן שטיל אויף זיין באַנק, האָט ער דאָך אָנטייל גענומען אין דעם אַלעם, וואָס ס'איז געשען אין גביאָס שאָפּע.

און איבערגעלעבט אַ סך מער, ווי ס'האָט איבערגעלעבט יעדער איינער פון די אַלע מענטשן, וואָס זענען קוים מסוגל גע-ווען צו באַגרייפן, וואָס זיי גופא האָבן געטון, און בלויז אָנטייל גענומען אין דעם, וואָס זיי אַליין איז אָנגעגאַנגען. ער אָבער האָט

איבערגעלעבט אַלצדינג, וואָס דאָרט איז געשען, און דאָס גאַנצע ווילדע משוגעת האָט געברענט אין זיין נשמה און געשפּריצט מיט הייסע פלאַמען. שיכּור זענען געווען יענע און זיי האָבן געשפּרונגען, געזונגען און געפּאַטשט מיט די ראַפּניקעס, און האָבן דאָך באמת נישט געוווסט, וואָס זיי האָבן געטון.

אים אָבער האָט נישט פאַרלאָזט אפילו אויף קיין רגע דאָס דאָזיקע שרעקלעכע, אייביק וואַכנדיקע באַוווסטזיין. און אַלץ וואָס ס'איז געשען, איז עס געווען ער גופא, וואָס האָט דאָס געטון.

* *

*

ער איז געלעגן שטיל אויפן רוקן און נישט גערירט מיט קיין אבר. זיין אָטעם איז געווען רויק, זיין האַרץ האָט געשלאָגן אַזוי שטיל, אַז ער אַליין האָט עס נישט געשפּירט. ס'איז אים פאָרגעקומען, ווי עפּעס אַ פרעמדער וואָלט דאָרט געלעגן, ווי ער אַליין וואָלט ווייט געווען פונדאַנען און נישט געהאַט צו שאַפן איבערן דאָזיקן אויסגעצויגענעם גוף.

און ער האָט הויך געזאָגט:

— דאָס איז די צוקונפט.

דערדאָזיקער רעיון איז אים איינגעפאַלן פּלוצלינג, אוממיטלבאַר, איז דורכגעפלויגן דורך דער נאַכט, ווי אַ העלער מעטעאָר. אָבער ער האָט אים נישט פאַרלוירן פון אויג און אָפּגעזוכט דאָס אָרט, וווּ ער איז געפאַלן. ער האָט אויפגעהויבן דעם ברוינעם שטיין, אים אַרומגעשליפן און פעסט געהאַלטן, ווייל דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שטערן, וואָס האָט זיך געלאָזט ווייט פליִען דורך אומענדלעכע מרחקים און איז געוואָרן אַן אייגענער יש.

ווי דער מענטש! אין אָנהייב איז ער געווען אין גאָט און געווען אַ טייל פון דער אומטיילבאַרער אַלוועלט. און טראָץ דעם אַלעם, האָט ער זיך אָפּגעריסן, און פון באַוווסטזיין פון געמייב-

זאַמקייט איז אויסגעוואַקסן אין משך פֿון ביליאָנען יאָרן דאָס באַוווסטזיין פֿון קעגנזאַץ: א י ך — א ו ן ד י װ ע ל ט! אָבער אָן דעמדאָזיקן א י ך האָט נאָך געקלעבט אַ טייל פֿון דער אַלוועלט, איז נאָך איינגעשלאָסן געווען אין זיין גוף, געוואַקסן מיט אים און געשטאָרבן, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פֿון דידאָזיקע רעשטלעך ערד. און די גרויסע בענקשאַפֿט נאָך באַפֿרייונג איז געלאָפֿן מיטן פֿאַלשן וועג און האָט געטאַפּט אין מיאוסן חשכות און געבלאָנדזשעט. זי איז געלאָפֿן צוריק מיטן זעלביקן וועג, מיט וועלכן זי איז געקומען, כּסדר צוריק צום אורשפּרונג און צו דער בשותפֿותדיקייט פֿונעם א י ך מ י ט ן נ י ש ט - א י ך, און נישט געוווסט, אַז איר ציל ליגט אין אַנדערן עק וועג.

די נשמה איז געווען דאָס באַוווסטזיין פֿון דער סתירה צווישן א י ך א ו ן ד ע ם נ י ש ט - א י ך, אָבער דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין האָט אָנגענומען דעם גוף אַלס אַ טייל פֿונעם איך, יאָ, פֿאַרן איך גופֿא. און נישט געוווסט, אַז ער איז דאָך אַ טייל פֿונעם נ י ש ט - א י ך. אַזוי, אַלזאָ, איז דער מענטשלעכער גוף תמיד געווען די בריק, וואָס האָט כּסדר צוריקגעפֿירט צו דער אַלוועלט, פֿון וועלכער ער איז אַ טייל געווען. און די אַלע, וועמען די בענקשאַפֿט האָט געטריבן, האָבן זיך געצויגן צוריק אַהין און זיך אַראָפּגעלאָזט — טיפֿער, וואָס אַמאָל טיפֿער, ביז זיי זענען פֿאַרזונקען געוואָרן אין גאָט.

ווי קאָמיש ס׳האָט געקלונגען דאָס שרייען פֿון די הייליקע לייט: מ׳דאַרף גובֿר זיין דעם גוף! אַזוי טרעפֿלעך איז געווען דאָס וואָרט, און אַזוי שלעכט דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אונטער דעם. זיי האָבן נישט גובֿר געווען דעם גוף — נאָר נאָכמער פֿאַרשטאַרקט זיין קראַפֿט מיט אַלץ, וואָס נאָר זיי האָבן געטון. זיי האָבן גובֿר געווען די נשמה פֿון מענטש און געוואָרן חיה, זיי האָבן גובֿר געווען די חיה און געוואָרן גאָט.

אָבער ס׳מוז קומען די צייט פֿאַר דעם פֿרייען שריט פֿונם מענטשן. ווען די דערקענטעניש וועט זיך אַזוי פֿאַרטיפֿן, אַזוי שטאַרק אירע וואָרצלען שלאָגן, אַז יעדער איינציקער וועט וויסן, אַז דער גוף איז כּלל נישט מער, ווי עפּעס אַ בוים, וואָס שטייט

אין וואַלד, ווי אַ פֿויגל, וואָס שוועבט אינדערלופֿטן: עפּעס אַ פֿרעמדע זאַך, וואָס ליגט ווייט מחוץ אונדז! ווען איטלעכער וועט הייס דערפֿילן, אַז דער גוף האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט זיין נשמה און איז אים אַזוי פֿרעמד, ווי יעדער שטיין אויפֿן וועג. ווען ס'וועט קלאָר ווערן דאָס באַוווסטזיין, אַז אָט די דרויסנדיקע וועלט נעמט אַלץ אַרום און קען גאָר אייגנס נישט פֿעסטהאַלטן: די נשמה. דאַן וועט קומען די גרויסע רגע.

אָך, דער מענטשלעכער גייסט וועט טאַקע פֿלעגן דעם גוף, ווי אַ היכל, ווי אַ ליב הויז, אין וועלכן ער וווינט. גאָר — — ער וועט פֿאַרשטיין, אַז ער איז אַ פֿרעמדער, אַ דרויסנשטייענדיקער, און די דאָזיקע הכּרה אַליין איז שוין די גרויסע איבערווינדונג פֿונעם גוף. דאַן וועט צעבראָכן ווערן די בריק, וועלכע האָט אַראָפּגעפֿירט צוריק, דאַן וועט פֿאַרזינקען דער שגעון פֿון די אבֿות, דאַן וועלן אמת און פֿרייהייט קושן גליקלעך די אייביקע בענקשאַפֿט, וועלכע וועט לאַכן אין טרערן פֿון דעם פֿינסטערן בלאָנדזשען אין משך פֿון טויזנטער יאָרן.

ער האָט זיך צעשמייכלט — האָט זיך געפֿילט כּמעט גליקלעך אין דערדאָזיקער רגע.

„און איצט וועל איך צוריקקערן אין מיין גוף", האָט ער געטראַכט.

און איז אַזוי איינגעשלאָפֿן.

* *

*

ער האָט זיך שפּעט אויפֿגעכאַפּט. האָט גענומען דאָס באָדמאַנטל, אַראָפּגעגאַנגען צום טייך און אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. און עס איז אים געקומען אויפֿן רעיון, אַז ער האָט גאָך קיינמאָל נישט געזען זיך באָדן קיינעם פֿון די איינוווינער פֿון וואָל די סקאָדראַ. אַפֿילו די יינגלעך האָבן זיך קיינמאָל נישט געפּלעסקעט אין וואַסער.

ער האָט זיך אָנגעטון און אַראָפּגעגאַנגען אין גאַסטציכער אַריין; ער האָט גערופן דעם באַלעבאָס, אָבער עס האָט זיך קיינער נישט געוויזן. ער האָט אַרומגעזוכט איבערן גאַנצן הויז, איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער און אין דער קיך אַריין. לסוף האָט ער געטראָפן אַנדזשעלאָן פאַר דער שטאַל.

— ווו איז דיין באַלעבאָס? — האָט ער אים געפרעגט.

— ער וויל דינגען אַ דינסט, — האָט ער געענטפערט. — ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין.

— צופוס?

— ניין, מיט דער פּאָסט. היינט איז דער פּאָסט־טאָג. ער איז אַוועק מיט אַ שעה צוריק.

פראַנק ברוין האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים.

— פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס פריער נישט געזאָגט! — איך וואָלט געוועזן מיטגעפאָרן.

דער קנעכט האָט געלאַכט לעקישעוואַטע. —

— גיי־זשע, שטעל אַרויף וואַסער אויף דער קיך, איך וויל פרישטיקן, — האָט ער אים באַפוילן.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט דער מוראדיקער און הויכער פייף פון אַן אויטאָ אין שטילן דאָרף. פראַנק ברוין האָט אַרויסגעבליקט און דערזעאָך זיך אויסגעדרייט און געקוקט צו מערב־זייט. דאָרט אויף אַ שמאָל אָרט צווישן די פעלזן האָט מען געקענט זען דעם שאָסיי. דער אויטאָ איז פאַרבייגעלאָפן — אַ געדיכטער וואָלקן זאַמד האָט זיך צעשטויבט איבערן אָפּהאַנג. אָבער ער האָט גאַנץ גוט דערקענט דעם וואָגן, דאָס איז געווען דער שווערער צעפּעל־אויטאָ פון האָטעל.

— ווען קומט ער צוריק? — האָט ער געפרעגט דעם קנעכט.

אַנדזשעלאָ האָט געלאַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

פראַנק ברוין האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און געטרייסלט.

— הער זיך צו, גולם איינער, כּל־זמן דו האָסט געזונטע

בּיינער! דער אויטאָ פון שטאָט איז אָקאָרשט פאַרבּייגעפאָרן, קיין טוראַנגאָ — —

— פון דאָרטן בּין איך טאַקע! — האָט געזאָגט אַנדזשעלאַ.

— דאַנקען גאָט — אַזוי וועט עס דיך ענדלעך אַ בּיסל אינטערעסירן! אַלזאָ, ווי לאַנג וועט ער דאָרט פאַרבּלייבּן?

— פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן? — האָט געלאַכט דער קנעכט.

— אָבּער דו ווייסט דאָך, ווען ער קומט געוויינטלעך צוריק, אויבּ ער פאָרט דאָרט אַהין בּאַגינען?

— נאָך מיטאָג — האָט געזאָגט דער קנעכט.

— ווען — נאָכמיטאָג?

אַנדזשעלאָ האָט זיך איבּערגעקלערט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — יאָ — —

— זעט מען נאָך דאַמאָלס די זון? — האָט אים געפרעגט פראַנק בּרוין.

ווידער האָט זיך דער קנעכט געקווענקלט.

— ניין, מ'זעט זי שוין דאַן נישט — אָבּער ס'איז נאָך גאַנץ ליכטיק.

ער האָט גערעדט, קווענקלענדיק זיך, מיט אַ פרעגנדיקן טאָן. ס'האָט אויסגעזען, ווי דידאָזיקע מערקווירדיקע דערשיינונג וואָלט זיך שווער געלייגט אויף אים.

פראַנק בּרוין האָט זיך צעלאַכט.

— מ'זעט זי שוין נישט, ווייל די בּערג פאַרדעקן זיי, — האָט ער דערקלערט. — אַלזאָ גוט, אַרום פינף פאָרט ער פאַרבּיי, און דאָס קען שוין שטימען. — אַלזאָ, טו אַכטונג, אַנדזשעלאָ. אַרום פינף אַ זייגער — דו ווייסט, ווען ס'איז פיר אַ זייגער?

דער קנעכט האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: „אָ, יאָ, אויבּ דער הער וועט מיר זאָגן".

— אויבּ כ'וועל קענען וועל איך דיר זאָגן. אָבּער אויף יעדן פאַל — נעם עס דיר אין זין אַריין: ווען די זון וועט שטיין דאָרט איבּער די בּערג — ער האָט אָנגעוויזן אויף מערבּ, און

אַנדזשעלאָ האָט אים נאָכגעקוקט. — אַלזאָ, ווען די זון וועט דאָרט אויבן שטיין איבערן מאָנטע אַלמעגאָ, זאָלסטו אַוועקטראָגן מיין האַנט־קופערל אויפן שאָסיי אַרויס. פאַרשטייסט ? — די זאָלסט נישט וואַרטן, ביז זי וועט אינגאַנצן אונטערגיין הינטער די בערג, דו מוזט אַרויסגיין, ווען זי וועט נאָך שטיין איבער זיי.

אַנדזשעלאָ האָט געהערכזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ׳וועל שוין טרעפן! — האָט ער געזאָגט.

פראַנק ברוין האָט פאַרגעזעצט.

— אויבן זאָלסטו דיך אויעקזעצן באַם וועג און וואַרטן אויף מיר. דו זאָלסט קיינעם נישט זאָגן, אַז איך פאָר אַוועק, די הערסט ?

דער קנעכט האָט געלאַכט, ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער פרעמדער איז באַוואַכט, הגם ער האָט זיך נישט געקימערט פאַרוואָס און צוליב וואָס.

— אויב ס׳וועט דיך עמעץ פרעגן, וואָס דו טוסט מיט מיין קופערט, זאָלסטו זאָגן, אַז דו דאַרפסט אים אָפּגעבן דעם שאָפער! — איצט וועל איך מיך נעמען איינפּאַקן די זאַכן, דערנאָך זאָלסטו נעמען דאָס קופערטל און עס באַהאַלטן בא זיך אין שטאַל. — איבער אַזוי, אַז ס׳זאָל עס קיינער נישט באַמערקן, פאַרשטייסט ? און אויך בשעת דו וועסט אַרויפגיין, גיב גוט אַכט, אַז ס׳זאָל דיך קיינער נישט זען!

אַנדזשעלאָ איז געוואָרן ערנסט. צוליב דער העפטיקייט, מיט וועלכער דער הער האָט גערעדט צו אים, האָט אים דאָס אַלץ אויסגעזען אומגעהייער וויכטיק.

— כ׳וועל אַרויפגיין מיטן ציגן־שטיגל — האָט ער שטיל געזאָגט.

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, גיי און נעם מיט מאַרפין!

ער האָט אים דערלאַנגט אַ צענקראָנענדיקן באַנקנאָט.

— נאַ, נעם דיר! און ווען כ׳וועל שוין זיצן אין אויטאָ, וועסטו באַקומען נאָך איינעם.

דער קנעכט האָט געהאַלטן דאָס פּאַפּירל אין די לויזע פינגער, ווי ער וואָלט נישט געוואַגט עס פעסט אָנצונעמען.

— הער — האָט ער געשטאַמלט — הער —

— אַלזאָ גוט! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין.

דערנאָך איז ער אַריין אין הויז. אַנדזשעלאָ האָט אים אָפּגעקאָכט אייער, געבראַכט מילך, ברויט און שינקען; אַזוי האָט ער געפרישטיקט.

— צום לעצטן מאָל אין וואַל די סקאַדראַ! — האָט ער געמורמלט. ס׳האָט אים אויסגעצייכנט געשמעקט, און ער האָט געגעסן טאָפּל, ווי געוויינטלעך.

ער האָט שנעל איינגעפּאַקט דאָס קליינע קופערטל, דערנאָך אַ פייף געטון אויפן קנעכט. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און דורך דער טיר אַרויס — אָבער ס׳איז קיינער דאָרט נישט געווען. ער האָט אַ ווונק געטון אויף אַנדזשעלאָן, וועלכער האָט פאַרוואָרפן אַ גרויסן זאַק איבערן קופערטל און מיט אַ וויכטיקער מינע עס אַוועקגעטראָגן אין שטאַל אַריין.

ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען אין דאָרף אַריין. ווו זענען אַהינגעקומען זיינע פּאַראָבקעס? — איז ער שוין נישט באַוואַכט? ער האָט עס כמעט באַדויערט; ס׳וואָלט אים מער גערייצט, ווען ער זאַל זיי קענען אָפּטון עפּעס אַ שפּיצל און פריי, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַוועקפאָרן.

ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן, צווישן די הייזער. מען האָט אין ערגעץ קיין בן-אדם נישט געטראָפן, פּוסט און אויסגעשטאָרבן האָט אויסגעזען דאָס גאַנצע דאָרף. די זון האָט געברענט שיף פון אויבן אַראָפּ; אויף די קיילעכדיקע שטיינער פאַר דער קירך האָט זיך געטאָרעט עפּעס אַ מיאוסער, קרעציקער הונט.

ער האָט אים גוט געקענט, דאָס איז געווען פידאָ, דעם באַכטוועכטער ראַטיס הונט — און ווייטער קיין לעבעדיק נפש נישט. אפילו די קינדער האָבן זיך נישט געשפּילט אין די גאַסן.

— צי שלאָפט טאַקע דאָס גאַנצע דאָרף גאָר? — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך שאַרף איינגעהערט, צי עס וועט

זיך נישט דערטראָגן עפּעס אַ קול אין דערדאָזיקער הייסער שטיל-קייט.

דערנאָך איז ער צוגעקומען ביזן סוף דאָרף און האָט אַרויס-געקלעטערט צום אַמעריקאַנערס שייער. ער האָט געעפנט די טיר און אַריין אינעווייניק. קיינער איז דאָרט נישט געווען, אָבער עס איז געווען קענטיק, אַז ס'האָט דאָרט עמעצער אָרדנונג געמאַכט. די בענק זענען געווען אויסגעשטעלט, די פאָדלאָגע אָפּגעוואַשן. די קופּערנע קעסלען און די ליכט זענען געווען אַרויסגערוימט, און אויך די ראַפּניקעס זענען שוין נישט געהאָנגען אויף דער הינטער-שטער וואַנט. ער האָט געזוכט דעם טויטן גוף פון קליינעם גינאָ — אָבער אויך ער איז נעלם געוואָרן.

ער איז אַרויסגעקראָכן דורכן פענסטער און געכאַפּט אַ בליק אין נביאס הויז אַריין. אָבער אויך דאָרטן האָט זיך גאָרנישט גע-ריירט. גרויסע, בלויע ליבעלעך האָבן אַרומגעפלאַטערט איבערן שטראָם, וואָס איז דורכן גאָרטן געפלאָסן.

ער איז געגאַנגען ווייטער מיטן שמאָלן שטעגל, וואָס האָט זיך געצויגן, לענגאויס דעם שטראָם, צווישן ווערבע-קוסטעס און ווי-לדע רויזן. פּלוצלינג האָט ער דערזען עמעצן ליגן אין די קוסטעס און איז שנעל צו אים צוגעגאַנגען.

דאָס איז געווען דזשאָוואַני אולפּאָ. ער איז געשטאַנען אין די בלויזע הויזן און געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיטן איינרייבן זיך די ברוסט און דעם רוקן מיט אַ שטינקעדיק שמירעכץ. ער האָט געהאַט אויסגעוואַשן זיין פאַרבלוטיקט העמד אין שטראָם און עס אויפגעהאָנגען צו טריקענען אויף די צווייגן.

— ווו איז ערגעץ דער עולם פון וואַל די סקאָדראַ? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין — ס'איז קיינער נישטאָ אין די גאַסן, און דאָס גאַנצע דאָרף זעט אויס ווי אויסגע-שטאָרבן.

— זיי זענען אין זייערע הייזער — האָט געענטפערט דער יונג. — יעדער גרייט זיך צו און טוט אָן יום-טובדיקע מלבושים. אַזוי האָט דער נביא באַפוילן.

— איז הייגט אַ יום-טוב?

אולפּאָ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, — האָט ער רויק געזאָגט, — דער יום־טוב שוין דער הייליקער. די הייליקע וועט אַרויף אין הימל אַריין.

— וואָס וועט זי? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— אַרויף אין הימל אַריין. אַזוי האָט זי אַליין מוריע געווען. דער נביא האָט עס איפּגעשריבן און ראָטי מיט ראַנכין האָבן עס פאַרגעלייענט נאָר אַלע הייזער.

— וואָס וועט דען געשען!

— דאָס ווייס איך נישט. קודם־כּל וועט מען ברענגען צו קבורה גינאָן. דערנאָך וועט מען מאַכן אַ פּראָצעסיע. ווייטער ווייס איך גאָרנישט.

פראַנק ברוין האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט אויך אולפּאַן געהאַט געזען גיין באַנאַכט אין פּיעטראָס הויז אַריין.

— דו ביסט, דוכט זיך, אויך געווען היינט באַנאַכט אין נביאס הויז? — האָט ער געפרעגט. — וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען?

— גאָרנישט, הער. — מיר האָבן מתפּלל געווען, און מיר דוכט זיך, אַז די הייליקע האָט די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין תפילות. איך אָבער בין געווען צו שוואַך און בין איינגעשלאָפן. דערנאָך בין איך פאַרטאָג אַוועקגעגאַנגען.

— און ווייטער ווייסטו גאָרנישט?

— ניין, הער.

פראַנק ברוין האָט זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין.

— צאָך, — האָט ער אויסגערופן, — און אָן מיר האָט איר פאַרגעסן? אָדער אפשר האָט דער נביא אָפּגערופן די וואַך בשעת דער פייערונג? — און אויב כ׳וועל היינט אַוועקפאָרן?

דער יינגער אולפּאָ האָט אים אָנגעקוקט, און פּלוצלינג האָט אים אַ שרעק אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך אין איין אויגנבליק אויפגעכאַפּט און, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט לויפן מיט גרויסע שפּרייזן אין נביאס הויז אַריין.

פראַנק ברוין האָט אים נאָכגעקוקט.

— בין איך, הייסט עס, באַגאַנגען אַ גרויס נאַרישקייט! — האָט ער געטראַכט.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך ווייטער, דערנאָך זיך אַוועקגע־זעצט בײַם שטראָם און זיך צוגעקוקט צו אַ גרויסער שפּין, וואָס האָט קווע־ איבערן וואַסער איר נעץ געהאַט אויסגעשפּינען. אַ קליין זשוכל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין איר, נאָר ער האָט עס באַפרייט, איידער די שפּין איז אָנגעקומען. אָבער צוויי דיקע פליגן האָט ער איר איבערגעלאָזט און זיך צוגעקוקט, ווי זי האָט זיי אַרומגעשפּינען און אויסגעזויגן.

ער איז געגאַנגען ווײַטער, קלאַפּנדיק מיט די פיס אויפן גראָז פון ברעג, און זיך געפרייט, ווען די קליינע, גרינע זשאַבעס זענען מיט די קעפּ אַראָפּ אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען.

— זאָלן זיי אויפפרעסן די שפּין — האָט ער געטראַכט.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געזען שטיין אולפאַן מיט נאָך אַזעלכע פינף פּאַראַבקעס אונטער זיין פענסטער. זיי האָבן אויסגעזען מיד און דערשלאָגן, אָבער זייער בליק האָט מעיד געווען, אַז זיי וועלן אים גוט אָפּהיטן, אויב ער וועט בדעה האָבן אַנטלויפן, און אַז זיי טראַכטן כּלל נישט אים אַרויסצולאָזן.

— אָט האָסטו דיר — האָט ער געטראַכט.

XIII.

„Do hedde sich der konnick kostlick uth gemacket mit sammeten paltrocken und kostlick mit gulden ketten, die gulden krone up sin hoevet. Und die konnickin iss auck kostlick gerustet gewest mit sammeten rock, sie hatt auck ein gulden krone up irem hoevet."

H. Gresbeck, Summarische ertzelungk de wiederdope und wat sich binnen der sta Monster zugetragen im jair MDXXXV.

„Wer die Kraft des Reigens kennet,
wohnet in Gott, denn er weiss,
wie Liebe tötet. Allah hu !"

Dschalaleddin Rumi.

פראַנק ברוין איז אַריין אין זיינע חדרים ; זיי האָבן אים
אויסגעזען פוסט און אומבאַוווינלעך. איצט איז שוין קיין זאַך
דאָרט נישט געווען, וואָס זאָל אים געהערן. ס'האָט אים אַרומגע-
כאַפּט אַן אומגעדולד, אַ הייסער באַגער אַרויסצוקריגן זיך פון
חאַל די סקאַדראַ. פאַרוואָס איז ער נישט תיכף אַוועק, באַגינען
באַך ? וואָלט ער זיך שוין געווען לאַנג אַרויסגעריסן פון די שמו-
ציקע הענט פון די פּויערן ! — און צום ערשטן מאָל איז אים
באַפאַלן אַ פּחד.

שטיל, אומקלאָר, פּאַמעלעך אַרויפֿקריכנדיק אין דער קעל אַריין.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין דרויסן אַרויס — איצט זענען שוין דאָרטן געשטאַנען צען יונגען. ראַטי איז מיט קורצע, האַסטיקע טריט געקומען אַנצולויפֿן פֿון דאָרף צו זיי. ער האָט געטראָגן זיין הויכן לעדערנעם העלם און אַ קורצע שווערט, וועלכע האָט אים געשלאָגן אין די פֿיס.

זיי האָבן צוזאַמענגעבויגן די קעפּ און זיך עפּעס געשושקעט. נאָכדעם זענען אולפּאַ און פּאַסקאַל אַריינגעגאַנגען אין הויז, אַרויף אויף די שטיגן און אַנגעקלאַפּט אין זיין צימער.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפֿרעגט.

זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל מיטגיין אויף גינאָס לוויה.

— ניין! — האָט ער אויסגעשריגן — איך וועל נישט גיין!

אָבער דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען — צי איז דען נישט בעסער זיך צו פֿאַרלירן אין המון? בעת־מעשׂה וועט די דראַמאַטישע לוויה נישט אַריבערגיין אָן עפּעס אַ נייער, ווילדער אויפֿרעגונג — דאַן וועט מען שוין אַזוי פֿיל נישט לייגן קיין אַכט אויף אים און ער וועט לייכט געפֿינען אַ שעת־הכּושר צו מאַכן פּליטה.

— צי גייט עס אייך שטאַרק דערין, אַז איך זאָל זיין דערביי? — האָט ער שנעל אַ זאָג געטון. — אַלזאָ גוט, איך וועל מיטגיין מיט אייך. — קומט־זשע, אַלזאָ, נאָך מיר, בשעת ס'וועט זיין די צייט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען; ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפֿן בעט און באַטראַכט, ווי אַזוי צו אַנטלויפֿן. ער האָט גערופֿן דעם קנעכט, איבערגעחזרט נאָכאַמאָל דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אים שוין געהאַט געזאָגט, און אים אָנגעזאָגט צו זיין פֿאַרזיכטיק. און דאַנקען גאָט, ער האָט אויסגעזען צו באַגרייפֿן דאָס.

ווי אַזוי זאָל ער דאָס איינאָרדנען, נעלם צו ווערן פֿון דער ראַזיקער לוויה? ער האָט זיך געגריבלט אין די וואַנטוריסטישסטע פּלענער.

אפשר זאָל ער, בשעת אַלע וועלן זיין אויפֿן בית־עלמין, אַוועקשיקן אַנדזשעלאָן אין דאָרף אַריין און אים הייסן אונטער־

לייגן פייער אין פינף, זעקס הייזער מיטאמאל! דאן וואלטן אלע די אותו רגע געגומען צוריקלויפן און אן אים פארגעסן. און עס וואלט דאך געווען א נחת פון אויבן אראפצוקוקן, ווי וואל די סקאדרא שטייט אין פלאמען! און א שיינער אפשייר!

אבער ער האט צומאל נישט קיין לאך געטון; עס האט אים ארומגעכאפט אן אטעם-פארשפארנדיקע אומרויקייט, וואס האט אים גענייט זיך צו פארטראכטן איבער די סאמע קינדישסטע געדאנקען. ער האט זיך געוואלט ארויסקריגן פון טאל, ער האט געמוזט אוועק — ס'איז געווען עפעס אזויגס, פון וועלכן ער האט געמוזט אנטלויפן פאר יעדן פרייז.

ער האט זיך געמוזט שטארק אנשטרענגען, כדי זיך צו קאנצענטרירן און כאטש אויף א רגע קענען רויק טראכטן. ער האט באשלאסן בשעת גינאס לוויה זיך צו האלטן ווי ווייט מעגלעך פונדערווייטנס, מתחילת שטיין רויק און דערנאך ביסלעכווייז, טריט בא טריט, צוריקקנדיק זיך, דערנענטערן זיך צום טויער פון בית-עלמין. דערנאך, בשעת אלע וועלן זינגען און זיך בייטשן, אדער נאך אזעלכע עגלעכע נארישקייטן טון, וועט ער שנעל עוקר זיין, ארויסלויפן אויפן שאסיי, און זיך לאזן ווייטער — — ער וועט ערגעץ-ווו מוזן פאקן דעם אויטא. ער איז בגאסן געווען מיט שווייס, ווי ער וואלט זיך שוין געהאט אנגעלאפן גאנצע שעהן לאנג אויף דעם שטויביקן וועג.

עמעץ האט אנגעקלאפט אין טיר — ער האט איינגאנצן אויפגעצאפלט. ער האט דערקענט אולפאס שטים, איז אויפגעשפרונגען און אויף גיך ארייגעשטעקט דעם קאפ און די הענט אין די שיסל וואסער. דאס קילע וואסער האט אים אפגעפרישט, ער האט זיך געפילט א ביסל רויקער:

— גייט נאר אראפ, — האט ער אויסגערופן — כ'וועל אייך תיכף נאכקומען.

פארן הויז האט ער געטראפן די צוועלף יונגען אונטער דאטיס אנפירונג.

— אך, ווי איר זעט דאס א ביסל אויס? — האט ער אויסגערופן.

יעדער פון זיי איז געווען איינגעהילט אין א גרויס ליילעך, דער קאפ האט בלויז דורך א ריס אינמיטן ארויסגעקוקט; אין די הענט האבן זיי געטראגן דיקע ליכט.

— דער נביא האט אזוי באפוילן — האט דערקלערט אולפא.

ראטי האט זיך אוועקגעשטעלט בראש, מיט דער גאלער שווערט און אזוי האבן זיי גענומען אפמארשירן.

פראנק ב־וין איז געגאנגען צום לעצט צווישן פאסקאלן און דזשאוואני אולפא. לעבן דער קירך האבן זיי זיך פארנומען לינקס.

— איר גייט נישט אויפן בית-עלמין? — האט ער א פרעג געטון.

— ניין, אין נביאס הויז אריין, — האט געענטפער־ט אולפא.

מ'האט נאך קיינעם נישט געזען אויף די גאסן. ראטיס הינט איז געלעגן אויפן זעלבן ארט און נייגעריק אהינגעקוקט, אבער זיך נישט גערירט. זיי זענען פארביי דעם שייער און זיך געלאזט ווייטער בארג ארויף. ערשט אין אמעריקאנערס גארטן האט ער דורך די קוסטעס געזען שטיין עטלעכע מענטשן.

פאר דער טיר פון הויז האבן זיך די יונגען אויסגעשטעלט; בלויז ראטי אליין איז אריין אינעווייניק, און נאך אים פראנק ברוין. די פענסטער פון פא־ערהויז זענען געווען פארהאנגען, דער הלל איז געווען פינסטער, בלויז פון א קליינער צאל ליכט באלויכטן. ווען זיינע אויגן האבן זיך א ביסל צוגעוווינט צו דער פינסטעריניש, האט ער געזען הינטן אויף צוויי שטולן, א קליינעם, ברוינעם ארון. ער איז צוגעגאנגען נענטער; דארט איז געלעגן, איינגעהילט אין ווייסע טיכער, דער קליינער גינא.

זיי האבן אים אפגעוואשן דאס פנים, נאר אין די האר האט נאך געקלעבט פארגליווערט בלוט. די הענט זענען געלעגן באהאלטן אונטערן ליילעך.

ראנכי איז צרויסגעטרעטן, גענומען א שטול, זי ארויסגעשטעלט אויף דער באנק און אויף איר צוויי לייכטערס מיט ברי־נ־

בענדיקע ליכט; זייער ווארעמע שיין איז געפאלן אויף דעם בלייכן פנימל. אויך דער שניידער איז געווען איינגעהילט אין א ווייס ליילעך.

פראנק ברוין האט זיך ארומגעקוקט — עס זענען געווען נאך א סך מענטשן, מענער און פרויען, אין דיזועלבע הילעס. קיינער האט נישט גערעדט קיין ווארט, ווי ווייסע שאטנס האבן זיי דורכגעשלייכט אין דעם טונקעלן חלל.

פלוצלינג האט ער דערהערט שעפטשענדיקע שטימען פון די טרעפ אראפ. ער האט ארויפגעבליקט צו די ווייסע געשטאלטן. עס זענען אראפגעקומען וועניער און זיין פרוי, סקורא, אלוואסי, דער שמיד, און דער אלטער אולפא. דערנאך די קארבארא, מאריע גראציא און צעלעסטינא נאסקלער. אזוי איז ביסלעכווייז די שטוב פיל געווארן.

הינטער זיי האט געשפאנט דער נביא. ער האט אויסגעזען זייער פלאימדיק. ער איז געווען ארומגעהילט מיט א פייערדרויטער וואלענער דעק, אומגעשיקט פארוווארפן אויפן לינקן אקסל און ארומגענומען אין די לענדן מיט א ווייבערישן פאס. אויפן קאפ האט ער געטראגן, אויסגעשניטן פון טאוול און באקלעבט מיט גאלד-פארב, א גרויסע קרוין, אין דער רעכטער האנט האט ער געהאלטן א קורץ שטעקעלע, וואס איז געווען געדיכט ארומגע- פלאכטן מיט אן אליוון-בלאט, און משמעות געזאלט פארשטעלן א סצעפטער.

דער נביא האט פאמעלעך צוגענענט צום ארון, געבליבן שטיין דארט און זיך ארומגעקוקט. אין דער רגע איז אראפגע- גאנגען פון די שטיגן די הייליקע. זי האט געטראגן דאסזעלבע חייסע קלייד, וואס נעכטן, און ס'איז געווען קענטיק, אז זי האט עס די גאנצע נאכט נישט אויסגעטון. ס'איז געווען פול מיט שטויב און שמוץ און געדיכט פארשמירט מיט טונקעלע בלוט- פלעקן. אירע האר זענען נידעריק אראפגעפאלן איבערן שטערן, אויפן קאפ האט זי געטראגן א גאלדענע קרוין, ווי דער נביא. אירע אויגן זענען געווען געשלאסן, אירע ליפן האבן זיך באוועגט אין א תפילה; זי האט געשפאנט פאמעלעך און פארמאטערט, ווי זי-

וואָלט צוזאַמענגעבראָכן געווען אונטער אירע ענויים. קאַרמעליטאַ גאַספּאַרי און לינדאַ וואַטאַ האָבן זי געפירט, כמעט זי געטראָגן און זי צערטלעך אונטערגעהאַלטן.

די הייליקע האָט צוגעבענטש, מען האָט איר אייליק געבראַכט אַ בענקל. אָבער זי האָט עס אָפּגערוקט, האָט אַנידערגעקניט און אָנגעלענט דעם קאָפּ אין די הענט אויף דעם קליינעם אָרון.

דער נביא איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס. ער האָט געזאָגט מיט אַ האַלבער שטים אַ פּאָר ווערטער — וועגן קרבן — וועגן דערלייזונג — וועגן חסד פון גואל — וועגן אייביקער הערלעכקייט. דערנאָך האָט ער אַנידערגעקניט לעבן דער הייליקער. אַלע האָבן אַנידערגעקניט און שטום מתפּלל געווען, קיין איין שטיל וואָרט אפילו איז נישט דורכגעפלויגן אין חלל.

ראַנכי האָט געעפנט די טיר און אַ ווונק געטון מיט דער האַנט. די צוועלף יונגען זענען אַריין מיט זייערע ליכט, האָבן אַנידערגעקניט בײַם איינגאַנג און מתפּלל געווען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיי ראַנכי אַרויסגעשיקט צוריק און געווונקען צו אַנדערע זיי זאָלן אַרייַנגיין. די האָבן אויך שווייגנדיק אַנידערגעקניט, אָפּגעבעטן און אַרויסגעגאַנגען, פאַרביטן דורך נייע מחנות. דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפגעקומען, אָפּגעריכט די הזכּרה און מתפּלל געווען פאַר דער אָרימער נשמה פונם יונגל, וועלכער האָט מקריב געווען זיין גוף פאַר זייער דערלייזונג.

לסוף האָט זיך דער נביא אויפגעהויבן. די מיידלעך האָבן צוגעגעבנט און אונטערגעהויבן די הייליקע. זי האָט אַרויפגעלייגט די אָרעמס אויף זייערע אַקסלען; אַזוי איז זי געשטאַנען צווישן זיי און שווייגנדיק זיך צוגעקוקט, ווי וועבער און אַלתאַסי האָבן גענומען דאָס קליינע אָרונדל און עס אַרויסגעטראָגן.

פראַנק ברוין איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר; דאָרט האָט דער שניידער אויסגעשטעלט דעם צוג, און די לייט פון וואַל די סקאַדראַ האָבן אויסגעזען מאָדנע אין די הייסע טיכער. אַלע זענען געווען באָרוועס און מיט בלויזע קעפּ, אָבער איטלע-

בער האָט געהאַט אין דער האַנט עפּעס אַ כּלי-זיין. דאָס רוב האָט געהאַט בייטשן און ריטער, אַנדערע האָבן געטראָגן לאָפּאַטעס, העק, אָדער אויך קאָסעס און לאַנגע מיסטגאָפּלען. ס'האָט אויסגעזען, ווי די האַלטן אַרויסגעריירט אויף עפּעס אַ ווילדער מלחמה.

„צי ווילן זיי הייבט דערמיט דעם שטן באַקעמפן?" האָט ער געטראַכט. „דאָס וועט גענוג בלוטיק אויספאַלן".

ראַטי האָט זיך אַוועקגעשטעלט בראש פון צוג מיט דער גאָלער שווערט. נאָך אים זענען געגאַנגען די מוזיקאַנטן מיט זייערע כּלים — אָבער זיי האָבן נישט געשפּילט, און קיינער האָט אויך נישט געזונגען. עס איז געווען שטיל אַרום און אַרום, אפילו די קינדער האָבן געשוויגן. הינטער דער מוזיק האָבן צוויי מאַנסבילן געטראָגן דעם ארון און פון ביידע זייטן האָבן געשפּאַנט זעקס קליינע, ווייסע מיידלעך. דערנאָך איז געגאַנגען דער נביא און הינטער אים די הייליקע מיט אירע פרויען, דערנאָך די צוועלף יונגען און צום סוף דער גאַנצער המון, וועלכן ראַנכי און דזשיראַלאַמאַ סקוראַ האָבן געפירט.

פראַנק ברוין איז געבליבן שטיין לעבן הויז, דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַוועק צום גאָרטן-צו. ער האָט גערעכנט, אַז ער איז שוין גענוג פאַרבאָרגן הינטער די געדיכטע קוסטעס. פּלוצלינג אָבער האָט ער דערזען צוריקלויפן דעם יונגן אולפאַ.

— קומט מיט אונדז, הער! — האָט געזאָגט דער יונג.

ער האָט פאַרביסן מיט די ליפּן, אָבער עס איז אים גאָר נישט עפּעס אַנדערש געבליבן, ווי נאָר שווייגנדיק צו פאָלגן. זיי האָבן אָנגעהויבן שנעל גיין, ביז זיי האָבן דעריאָגט דעם צוג. מידערווייליק איז ער געגאַנגען אין די רייען פון די ליכט-טרעגער, גלייך הינטער דער הייליקער. דער בית-עלמין איז געלעגן האַרט לעבן אַמעריקאַנערס גאָרטן, אָבער דער אַריינגאַנג איז געווען פון דער צווייטער זייט; מ'האָט בכן געמוזט אַרומגיין דאָס דאָרף און פאַרבייגיין די קירך.

דער בית-עלמין איז געווען נישט קיין גלייכער. ער איז אַראָפּגעזונקען אין שמאָלע טעראַסן; אויף דער אונטערשטער

האָט זיך געפונען דאָס קליינע, אָפענע קבר, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר גינאָן. דער עולם האָט זיך גענומען צושטופן, אָבער ראַנכי האָט זיי אָפּגעשטויסן; געהאָרכיק האָבן זיי זיך צוריקגערוקט העכער אַרויף, כדי פון דאָרטן אַראָפּצוקוקן. פּאַסקאַל איז אַריינגעשפּרונגען אין קבר, און ביידע טרעגערס האָבן אים אַראָפּדערלאַנגט דעם קליינעם אָרון.

דער נביא איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס, און ראַנכי האָט געגעבן אַ צייכן, עס זאָל ווערן שטיל. אָבער נאָך איידער פּיעטראָ האָט אָנגעהויבן, האָט די הייליקע הויך אויסגערופן:

— צי האָט איר אַ צלם? צי האָט איר אַ צלם פאַר גינאָן?

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, דער שניידער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין — האָט ער געזאָגט — קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם.

די הייליקע האָט זיך אומגעקוקט, דערנאָך זיך געווענדט צו דער עדה:

— איר זאָלט מאַכן אַ צלם, — האָט זי געזאָגט, — אַ גרויסן צלם — אַ גרעסערן פון די אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ אויפן בית עלמין. אַזוי גרויס — ווי יענע, דאָרט אויבן! — זי האָט אַרויפגעוויזן מיט דער האַנט אינדערהייך צו דער פּלאַטפאָרם מיט די צלמים — אַזוי גרויס זאָלט איר אים מאַכן.

— גוט, שוועסטער, — האָט געזאָגט ראַנכי, — מיר וועלן עס טון. מאָרגן וועלן מיר אים מאַכן.

אָבער זי האָט העפטיק אויסגערופן:

— נישט ערשט מאָרגן! הייַנט זאָלט איר אים מאַכן! שוין יעצט!

דזשיראָלאַמאָ סקוראָ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ווייסע לײַלעך און אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט אַלוואַסין, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען:

— קום, לאָמיר מאַכן דעם צלם.

ראַנכי איז זיי נאָכגעגאַנגען און נאָך עמעץ אַ פּישער.

זיי האָבן אַריבערגעקלעטערט די נידעריקע מויער און זיך אַרייגעכאַפּט אין נביאס גאָרטן. פראַנק ברוין האָט זיי באַכגעקוקט. זיי זענען צוגעגאַנגען צום שייער. דאָרט לעבן דער הינטערשטער וואַנט איז געלעגן צוגויפגעלייגט פּיעטראָס געהילץ. סקוראָ האָט אויסגעקליבן אַ לאַנגן, פּירקאַנטיקן בעליק, זיי האָבן אים אַרומגעשעסעט און צוגעכּעסטיקט צו אים אַ שמאָל ברעטל, אונטערשפּאַרנדיק אים מיט פיר קליינע, קוואָר־קלעצלעך. ראַנכי אָבער איז נאָך אַרייגעגאַנגען אין שאָפּע און אַרויסגעקומען מיט אַ שטיק ווייסן טאָהל און פּיצלעך גאָלד־פּאַפּיר. ער האָט אויסגעשניטן פון דעם גרויסע, גאָלדענע אותיות, אויפגעקלעבט זיי און צוגעשלאָגן דעם טאָהל אינדערהייך אויפן צלם. די גאָלדענע אותיות האָבן געגלאַנצט אין דער זון: J. N. R. J.

דערווייל האָט ראָטי אויסגעשטעלט די מוזיק באַם קבר און לעבן איר זיינע צוועלף יונגען. זיי האָבן אָנגעהויבן זייער געזאַנג, און די געמיינדע האָט אונטערגעכאַפּט. זיי האָבן געזונגען דאָס התלהבותדיקע ליד פון „קאַ־פּוס דאָמיני". דער נביא האָט אַנידערגעקניט צו דער שטילער תפילה, און אַלע האָבן אים נאָכגעטון. סקוראָ און די איבעריקע זענען צוריקגעקומען און אַוועקגעלייגט זייער צלם אויף דער ערד, נאָכדעם האָבן זיי אַנידערגעקניט און מתפלל געווען צוזאַמען מיט די אַלע. דער נביא איז אויפגעשטאַנען און שטום געבענטשט דאָס קבר, צוגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און אַרויפגעוואָרפן דריי זשמעניעס ערד אויפן ארון. וועניער האָט גענומען אַ לאָפּעטע, אָנגענומען מיט איר ערד און זי דערלאַנגט דער הייליקער; זי האָט זי אָנגעכאַפּט און געקושט די ערד.

— גינאָ איז גליקלעך, — האָט זי געשעפּטשעט, — ער איז אויף אייביק באַ גאָט.

זי האָט אַ וואָרף געטון איר ערד אויפן ארון און איז כליפּענדיק געפאַלן אויף די קניען.

אַלע האָבן זיך דערנענטערט, ווי ראַנכי האָט באַפוילן. זיי האָבן פאַרשאָטן דאָס קבר און אָנגעוואָרפן דערויף אַ קליין בערגל ערד. ווידער האָבן זיי גענומען זינגען. ווידער האָט דער נביא

געזאָגט אַ שטילע תּפילה. דערנאָך זענען זיי אַרויסגעגאַנגען. די פרויען האָבן אונטערגעהויבן די הייליקע; זי איז, וואַקלענדיק זיך, ווייטער געגאַנגען צווישן זיי. און דער צוג האָט גענומען רירן. פּאַמעלעך זענען זיי געגאַנגען אונטער דער גליענדיקער זון צו־ריק צום נביאס שאַפע — זייער אַלעמענס מקום־מקלט.

בשעת זיי זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ פאַר דער קירך, איז די הייליקע שטיין געבליבן. זי האָט זיך באַפרייט פון די ווייבערס הענט, אויסגעגלייכט זיך און אין דער שטילקייט הויך אויסגערופן:

— ווו איז דער צלם?

עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון צוריק, זי אָבער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן צו דער קירך. אויפן לעצטן טרעפּל האָט זי זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן:

— פרייט אייך און יובעלט! דאָס לעמל האָט גובר געווען! איר זאָלט טאַנצן און זינגען צום לויב פון גאָט! — די מוזיק זאָל שפּילן!

די קלעזמער זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די קירכן־טרעפּ און גענומען שפּילן, אָבער קיינער האָט צומאָל נישט אויפגעהויבן קיין פוס צום טאַנץ. דאָס, וואָס עס האָט זיי אויסגעוויזן באַטירלעך אין דער טונקעלער, מיט שטורקאַצן באַלויכטעטער שאַפע, איז זיי פאָרגעקומען אוממעגלעך אין העלן זוניקן טאָג.

די הייליקע האָט דאָס גוט באַמערקט.

— ברענגט וויין! — האָט זי אויסגערופן. — ברענגט די קופּערנע קעסלען. דער נביא וועט אייך געבן צו טרינקען דאָס בלוט פון לעמל. און זינגט דערביי, זינגט! —

דאָס געזאַנג האָט אויפגעשאַלט און אָנגעפילט דעם גאַנצן טאָל.

סקוראַ איז אַוועקגעלאָפן מיט עטלעכע פרויען און געבראַכט די קעסלען.

— ברודער — האָט ער געזאָגט צום נביא — ס'איז שוין נישטאָ קיין וויין אין זאָל.

די הייליקע האָט עס געהערט.

— לויפט אַהין צו מײן פאָטער ! — האָט זי אויסגערופן.

— דײן פאָטער איז נישטאָ אינדערהײם. — האָט געזאָגט ראַשי — ער איז אַוועק אין שטאָט ארײַן, שוועסטער.

זי האָט אים אָפגעשטופט.

— לויפט אַהין ! — האָט זי באַפוילן. — גײט אַראָפּ אין קעלער אַרײַן און עפנט די טיר !

זײ זענען אַוועקגעלאָפן צו דער אָזיערע-צאַג, פאָרויס האָט געאײלט מיט לאַנגע שפּרײַזן דער רײזיקער פּאַראָבעק, און זײ האָבן געבראַכט װײַן, זעקס גרויסע קוישן

דער נביא האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל :

„הײליקער פּאָטער, בענטש אין דײַן חסד אליהון דײַן קנעכט. פאַרוואַנדל דעם װײַן אין דעם בלוט פון דײַן זון, וועלכער איז געשטאָרבן אויפן עצים-האָלץ אַלס כפּרה פאַר אונדזערע זינד !“

ער האָט אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבער די קוישן און פאַרוואַנדלט דעם אינהאַלט פון אַלע פלעשלעך מיטאַמאָל.

דאַמאָלס האָט זיך דער שנײַדער געווענדט צו דער הײליקער.

— בענטש דו אויך דעם װײַן, הײליקע שוועסטער.

זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט איבער די קוישן, און אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תּפילה. די גאָלדענע קרוין האָט געצינקלט אין דער זון — אָ, זי האָט געמעגט זײַן אַ כּהן-גדולטע ! ראַנכי האָט אַזש געציטערט, גאַפנדיק שטאַר אויף איר.

— גיסט אָן ! — האָט באַפוילן דער נביא.

דער שנײַדער איז גיריק צוגעשפּרונגען, געכאַפּט אַ פלאַש, אָפּגעהאַקט דאָס העלדזל און אַנגעפילט אײַן קעסל. ער האָט האַסטיק צוגענומען צום מויל און געטרונקען. זײַנע אויגן האָבן געשטראַלט מיט הײסן גליבן.

— יאָ ! — האָט ער אויסגערופן — יאָ — מען פילט עס גוט ! — הײליקע שוועסטער, איך פיל דעם גט פון דײַן ברכה :

דאָס איז קריסטוסעס בלוט, צונויפגעמישט מיט דער מילך פון דער בתולה!

— מאַריעס מילך! — האָבן זיי געשריגן — מאַריעס מילך! דעם דערלייזערס בלוט און די הייליקע מילך פון דער מאַדאָנע!

זיי האָבן אָנגעפילט די קעסלען און געטרונקען. און דעם האַרס בלוט און זיין מייערס מילך האָבן זיי צוגעגעבן נייע כּוחות, בעלאָזט זייערע אויגן לייכטן, און פון שטראַלנדיקן זומער-טאָג געמאַכט אַ פינסטערע נאַכט.

— טאַנצט! — האָט אויסגערופן די הייליקע — פרייט אייך און זינגט!

איצט בשעת די הייליקע משקה האָט אינמיטן ניכטערנעם זומערטאָג דורכגעבראָכן אַלאַ פאַר אַלע פרומע משוגעתן — איצט האָט אויך די מוזיק געזויפּקט. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די בייטשן און אַנדערע מכשירים אויף דער ערד, האַנט אין האַנט זיך אין אַ ראָד געשלאָסן, די צוועלף יונגען אין דער מיטן, אַרום זיי אַן אַנדער ראָד פון ווייבער, און נאָך אַ ראָד, און אַ פירטס, און אַ פינפטס — ווי כוואַליעס, וואָס לויפן זיך רונדיק פונאַנדער אין אַ שטייענדיקן וואַסער, ווען מ'וואַרפט אַהין אַ שטיין אַריין. אינמיטן איז געשטאַנען די הייליקע און דער נביא, אויך ראַנכי; אַרום זיי האָט זיך געטראָגן דער געווירבל. רעכטס האָט זיך געדרייט דאָס ערשטע און דריטע, פינפטע און זיבעטע ראָד, אַלע מאַנסלייט — אָבער לינקס אַרום זענען געשפּרונגען די ווייבער. אַזוי האָט זיך אַ געהויבן דער קאַראַהאָד. זיי האָבן געזונגען דאָס ליד פון תחית-המתים, געדרעוועט דעם „הללויה" פון פולע גאָרגלען אַרויס און אים איבערחזרט צו צען, צוועלף מאָל בײַ איטלעכן פּסוק.

פון טויט, האָט אַ באַפרייטער,
דער גואל אַ באַנייטער,
דערוואַכט אַלס פסחא-לעמל ניי,
פאַר אונדז דעם טויט צו ליידן טריי!
הללויה!

נון, איז דער מענטש בערעטעט,
דער שטן איז געפענטעט,
דער טויט האָט נישט קיין שליטה מער,
אַראָפּ דער שטיין, דאָס קבר לער.

הללויה!

ער פירט אַ שאַר אַ לאַנגן,
דורך דורות לאַנג געפאַנגען,
צו גאָטס די מלכותדיקע טויערן,
וואָס אדם האָט פאַר אונדז פאַרלוירן.

הללויה!

אָ, ווי די וואונדן בלוטן,
וואָס ר׳האָט פאַר אונדז געליטן!
דעם מלאכס פרייד-געזאַנג זיך וויגט
פאַר דעם, וואָס האָט דעם טויט באַזיגט!

הללויה!״

דאָס איז געווען אַ מין טריומפאַל, זיגעריש געזאַנג, וואָס אפילו אַ מלאכים-כאָר וואָלט העכער שאָלן נישט געקענט. זייער שטאַרקע אמונה האָט זיך דורכגעבראָכן דורכן טאָל סקאָדרא, ווי זי וואָלט בעוואָלט די פעלזן-ווענט איינרייסן און זיי אין דער אַוועק אַריינשליידערן.

„מיין גלויבן זאָל נישט וואַנקען,
אָ, טרייסטנדע געדאַנקען!
דורך דיין תחית-המתים אויפשטיין,
וועל אויך איך פון קבר אויפגיין.

הללויה!

די נאַכט, וואָס מיך דאָרט דעקט,

ביז מיך דער הימל וועקט,
איז קורץ, דאַן רופט מיין גואל מיך
אין מלכות אייביקן צו זיך.

הללויה!

אַ ים פון זעליקייטן!
אַן אָרט מיר צוגעגרייטן,
אַוועק דער גואל איז פאַר מיר,
פון-טויט-דערוואַכטער, כ׳גיי נאָך דיר.

הללויה!״

זיי האָבן געשריגן „הללויה!״ זענען גרייט געווען יעדע רגע אים נאָכצוגיין, האָבן געשפּרונגען און געריסן זיך אין ראַדי. ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט מיטן דאָזיקן ווילדן טאַנץ פאַרן דערלייזער אין זיין מלכות אַריינרייסן, און זייער לויב-געזאַנג מיטן געזאַנג פון די הימלישע חיילות פאַראייביקן.

„דאַן וועל איך אין געריכט,
דאָרט פאַר דיין אָנגעזיכט,
מיין בלוט פון דיינעם שיינענד שטיין
צום לעמלס האָכצייט פריילעך גיין.

הללויה!״

זייער באַגייסטערונג איז געוואַקסן, און זיי האָבן ווידער אָן אויפהער געזונגען דידאָזיקע לעצטע סטראָפע. האָבן זיי דען ניש אַלע געטרונקען דאָס בלוט פון לעמל? און איז דען זייער לייב נישט פול געווען מיט בלוט, וואָס זיי אַליין האָבן פאַרגאָסן פאַרן געקרייצטן? ווי וועט זיך דאָס דער האַר-גאָט פרייען, ווען זיי וועלן קומען צו אים, און אין וואָס פאַר אַ גרויסן יום-טוב וועט זיך דאַן גאַנצן הימלישן מלכות דער משפט-טאָג פאַרוואַנדלען.
און זיי האָבן געשאָלט און זענען געשפּרונגען, גלאַנציק

ווייסע מחנות אונטער דער גליִענדיקער זון — הללויה־הללויה!

טייל זענען געפאַלן, האָט מען געעפנט די הענט און זיי אַרויסגעלאָזט, נאָכדעם האָבן זיך די רעדער ווידער געשלאָסן, געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער און ענגער, אָבער דאָס ווילדע משוגעת פון זייער געזאַנג איז אַלץ נישט שוואַכער געוואָרן. ראַבבי האָט פסדר געווונקען צו די מוזיקאַנטן, און ווי נאָר דאָס געזאַנג פון די טאַנצנדיקע איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָבן זיי באַלד ווידער צוגעהויבן מיט פרישע כוחות. איינער נאָכן אַנדערן איז פאַרמאַטערט אַוועקגעפאַלן, זיך צוגעשלעפט מיט גרויס מי צו די טרעפ פון דער קירך און שטאַרק געקרעכצט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

איצט אָבער איז אויך דער נביא אַריין אין טאַנץ, און זיין אַריינטריט האָט צוגעגעבן פרישע כוחות דעם לעצטן ראָד, וואָס האָט נאָך געווילדעוועט. ער האָט אָנגעכאַפּט ווענעיערס פרוי און די קאָרנאַראָ ביי די הענט און זיי מיטגעריסן מיט זיך אין שווינדלדיקן טאַנץ. דערנאָך האָט ער זיי אָפּגעלאָזט און זיך גענומען דרייען אַרום זיך אַליין, ווי אַ בלוט־רויט, וואַנזיניק דריידל. אַלע האָבן אים נאָכגעטון; הללויה, האָבן זיי געשריגן, הללויה!!

זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען און זענען אַוועקגעפאַלן, זענען ווידער אויפגעשפרונגען און ווידער אויפסניי געטאַנצט.

דער נביא איז שטיין געבליבן, פלוצלינג, אומגעריכט, אינמיטן ווילדסטן געווירבל. ער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס אינדערהייך, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעצויגן זיין סצעפּטער צו דער זון.

— דער הימל שטייט אָפן! — האָט ער געשריגן. — דער הימל האָט זיינע טויערן אויפגעפּראַלט. איך זע קריסטוסן זיצן אויפן טראָן רעכטס פון פאָטער!

אַלע האָבן אַרויפגעבליקט צו דער ווייס־גליִענדיקער זון.

— איך זע אים אויך! — האָט אויסגעשריגן די ווענעיער. — דער גואל שפּרייט אויס זיינע אָרעמס און בענטשט אונדז.

די עדה האָט אָנידערגעקניט, און ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ שוידער וואָלט דורכגעריזלט די לופט און אַראָפּגעזונקען אויף זיי.

— איך פיל גאָטס האַנט! — האָט געשריגן מאַריע גראַציאַ.
דער יונגער אולפאָ ווידער איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, בלוטיקער שוים האָט אים פון די ליפּן געזעצט. ער איז אונטערגעלאָפן מיט ראַשע טריט צו דער הייליקער, געפאַלן כורעים פאַר איר, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און געשלאָגן מיט די הענט אין דער לופט. ווערטער האָבן זיך געשאַפן אויף זיינע ליפּן, שטילע און הייזעריקע, זענען געוואָרן וואָס אַמאָל העכער און האָבן זיפצנדיק און קרעכצנדיק זיך אַרויסגעריסן.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים, אויך פראַנק ברוין איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ און צוגעגאַנגען צום יונגל.

ער איז געשטאַנען דאָרט אויבן און זיך צוגעקוקט צום טאַנץ. זינט ער האָט זיך אַריינגעקריגן צווישן דעם עולם, האָט ער שוין גאָרנישט געטראַכט וועגן זיין אַנטלויפן. שוין אויפן בית-עלמין האָט ער געזען, אַז עס וועט אים לייכט זיין אַנטרונען צו ווערן פון דאַנען; ער האָט זיך נאָר געדאַרפט אויסדרייען און זיך רויק אַוועקגיין. קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן אים און אפילו אים רעכט נישט געזען, בפרט דאָ אויפן קירכע-פּלאַץ, בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן זייער ווילדן טאַנץ — עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אָן אים אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן. איז ער בכן געבליבן — מיטן שטאַרקן בטחון, אַז ווען ער וועט נאָר וועלן, וועט ער קענען אַוועקגיין.

ער האָט נייגעריק געקוקט אויף דזשאָוואַני אולפאָ; עס איז געווען קלאָר, אַז זיין משוגעת האָט לחלוטין נישט צו טון געהאַט מיט וויזיאָנערישקייט. אָבער אויך עפּילעפּטיש איז דער דאָזיקער אָנפאַל געוויס נישט געווען.

דער יונגער בחור האָט נישט גערעדט — ער האָט ווי אַרויסגעוואָרפן פון זיך זיינע פאַרפּלאָנטערטע ווערטער. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן איינציקווייז טיף פון דער קעל אַרויס, באַגלייט

פון גאָווער און בלוט. זיי זענען געווען אין עפּעס אַ פרעמדער שפּראַך.

פראַנק ברויבען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ גריכיש וואָרט, דערנאָך אַ שפּאַניש. אָבער ער האָט זיך קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן דערפון, אַזוי שנעל, אַזוי אָפּגעהאַקט האָבן זיך אַרויסגעריסן די קלאַנגען פון דעם פאַרקרימטן מויל.

דערנאָך איז דעם יונגלס בליק פּלוצלינג געפאַלן אויפן דייטש. אַ פּלוצלינגע אימה האָט אים אַ וואָרף געטון צוריק, עס האָט אויסגעזען, ווי אַ שרעקלעכער תהום וואָלט זיך פאַר זיינע אויגן געעפנט. אין פאַמעלעך, הויך און דייטלעך, מיט אַ שטים, אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי זיין געוויינטלעכע, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן, דזשאָוואַני אולפּאַ, אָנווייזנדיק אויף אים מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם פינגער:

„Et vidi bestiam — — Et apprehensa est bestia et cum ea pseudopropheta qui fecit signa coram ipsa; quibus reduxit eos qui acceperunt characterem bestiae et qui adoraverunt imaginem ejus. Vivi missi sunt hi duo in stagnum ignis ardentis sulphure. Et ceteri occisi sunt in gladio sedentis super equum, qui procedit de ore ipsius; et omnes aves saturatae sunt carnibus eorum”.

פראַנק ברוין האָט געזוכט אין זיין זכרון, מיט אַ פיבערהאַפטער האַנט אויפגעריסן אַלע פאַרצוימונגען — ווו, ווו ליגן די־דאָזיקע ווערטער? ענדלעך האָט ער זיי אָפּגעזוכט און אַרויסגעצויגן. —

ער האָט גוט געזען, אַז קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס לשון, אויף וועלכן דאָס יונגל האָט גערעדט — דאָס איז געווען אַ גליק! אַך, אַנדערש וואָלטן זיי אים אויף שטיקער צעריסן! און אולפּאַ גופא האָט אויך נישט פאַרשטאַנען זיינע איי־גענע דיבורים, הגם ער האָט געמוזט פילן זייער זין אין זיין משוגעת. — ניין, ער האָט נאָך געקענט זיין זיכער!

ער האָט שטילערהייט איבערגעחזרט די ווערטער פון דער התגלות:

„און כ'האָב געזען די חיה — און די חיה איז געווען גע־פאַנגען און מיט איר דער פאַלשער נביא, וועלכער האָט געמאַכט די צייכנס פאַר איר, דורך וועלכע ער האָט פאַרפירט די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם חותם פון דער חיה און זיך געבוקט צום בילד פון דער חיה; לעבעדיקערהייט זענען זיי ביידע אַריינגע־וואָרפן געוואָרן אין אַ פייערדיקן געמויזעכץ, וואָס ברענט מיט שוועבל.

און די אַנדערע זענען געקעפט געוואָרן מיט דער שווערט פון דעם, וואָס איז אויפן פערד געזעסן און איז פון זיין מויל אַרויסגעגאַנגען; און אַלע פייגל זענען זאַט געוואָרן פון זייער פלייש".

ווי אַזוי זענען עפּעס די יידאָזיקע ווערטער פון דער וולגאַ־טאַ דזשאָוואַני אַולפאַן איינגעפאַלן? דעמדאָזיקן פּויערשן גוי, וועל־כער האָט קיינמאָל קיין אַנדער וואָרט נישט געהערט אַ חוץ נאָר דעם דיאַלעקט פון זיינע בערג? ווען זיי וואָלטן אפילו ברעקלעך פון דעם גלחס שנעל געמורמלטע לאַטייניסשע ווערטער באַ דער מעסע געווען! — פונוואַנען האָבן זיי זיך אָבער גענומען צו אים?

איז דאָס נישט ווידער געווען אַ ריקצוג אין געביט פון די אבות — — ווי אַלץ, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען אין דעמדאָזיקן טאָל? אפשר איז ער אַן אורא־ייניקל פון עפּעס אַ גלח, ווי פּיאַ־מעטאַ וועניער איז דעם זשאַנדאַרמס טאָכטער? און אפשר האָט דעמדאָזיקן עלטערזיידנס צונג אַרויסגערעדט פון אים?

וואָס־זשע איז דאָס דאָסדאָזיקע „זיי האָבן גערעדט אויף אַלע לשונות?" דעם אַפּאָסטאָל פּאַול האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל די דאָזיקע לשונות־רעדנער האָבן נישט נאָר געלויבט גאָט נאָר האָבן אים נאָך מער געלעסטערט. אָבער הגם ער איז אַרויס־געטרעטן קעגן דעם, האָט עס פאָרט ווייטער געבליט און געלעבט אין משך פון טויזנטער יאָרן. די קאָמיסאַרדן אין סאָוועניען האָבן זיי האַפּערדיק געפלעגט און די מאַרמאַנען האָבן דערפון אַ היי־

ליקע תורה געמאכט. אין אלע מעטאדיסטן-קירכעס האט מען דאס געקענט יאר-איין, יאר-אויס הערן. —
וואס איז דאס געווען אזוינס?
— די הייליקע האט אים באריכט מיט איר געזאגט. זי איז דורכגעגאנגען פארביי אים צו אולפאן-צו און אים אויפגע-הויבן:
— וואס האסטו געזען, ברודער? — האט זי געפרעגט.
ער האט ארויסגעשטאמלט: — די ערד איז רויט פון בלוט. און די חיה לעבט, און דאס איז דאס מויל פון גיהנום. דאס מויל עפנט זיך ברייט און וויל אונדז איינשלינגען.
דאן האט געשריגן די הייליקע:
— ער איז גערעכט! דזשאוואני אולפא איז גערעכט! דאס גיהנום וויל אונדז איינשלינגען.
אלע האבן זיך אווארף געטאן צו איר און זיך אנגעקלא-מערט אן איר, ווי זיי וואלטן געוואלט געפינען שוץ בא איר קעגן יעדער סכנה.
— דאס גיהנום וויל אונדז איינשלינגען! — האבן זיי גע-שריגן.
די הייליקע האט אויסגעשטרעקט די ארעמס.
— דער נביא, און צוזאמען מיט אים די שוועסטער מא-טילדא ווענער, האבן געזען דעם געעפנטן הימל. קריסטוס האט אונדז געבענטשט! די טויערן פון קעניגרייך שטייען אפן און דער הער-גאט ווארט אויף אונדז. גרייט אייך אלע צו גאטס וועג!
זי איז געגאנגען הינטערווייליעכץ, ארויפשטייגנדיק אויף עטלעכע שטיגן פון דער קירך און אנגעלענטביידע ארעמס אויף די אקסלען פון אירע פרויען.
— אבער ברודער אולפא, דזשאוואני אולפא, דער זון פון ווימאריא, האט געזען, ווי דאס גיהנום האט זיך געעפנט! דער שטן פארגינט אונדז נישט אונדזער נצחון און באוואפנט אלע זיינע חיילות, אונדז צו פארשלינגען. בלוט באדעקט די ערד און

פאַר דורך בלוט פירט אונדזער וועג! זעגט איר גרייט צו גיין מיט דעם וועג און קעמפן קעגן דער מאַכט פון שטן?

— יאָ — האָבן זיי געשריגן — יאָ! דו זאָלסט אונדז פירן!

זיי האָבן זיך אַרויפגעשטופּט אויף די טרעפּ צו איר, געכאַפּט זייער כלי־זין, גרייט יעדע רגע צו וואַרפן זיך אויפן ווילדן שונא, וואָס האָט זיי געוואָלט אָנגרייפן.

און די הייליקע האָט אויסגערופן:

— פאַרלירט נישט דעם בטחון, ברידער און שוועסטערן! קריסטוס איז דער גואל, אונטער זיין פאָן וועט איר זיגן! דער טייוול שפּייט אויס אויף אונדז זיין גיהנום־פייער, שטויסט אונדז מיט די הערנער און שטרעקט אויס צו אונדז זיינע לאַנגע נעגל! לאָזט אייך נישט כאַפּן, קעמפט קעגן זיין אומזיכטבאַרער מאַכט! ער איז אומעטום אַרום אונדז: שלאָגט אים, טרעט אים, שטויסט אים! חרובט אייך אַלע, קעמפט אַקעגן שטן! שלאָגט־זשע, שלאָגט און ווערט זיך ביז בלוט!

און די וועניער האָט געשריגן:

— איך זע דעם שטן, דעם אויסוווּרף, דעם נשמות־מערדער! אָט איז ער דאָרטן, אָט שטייט ער דאָרטן און שטרעקט אויס זיינע הענט נאָך מיר!

זי האָט אויפגעהויבן די בייטש און געשלאָגן מיט צאָרן אין דער לופט אַריין.

אַלע האָבן זיך אַוואָרף געטאָן, האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מיט שאַרפע האַקנס אַקעגן דער קירכן־מויער, געבייטשט די ערד מיט ראַפּניקעס, שטעקנס און ריטער. זיי האָבן אויפגעהויבן האַמערס און העק, געשטאָרכעט מיט די לאָפּעטעס און די לאַנגע הייגאָפּלען. ראַזי האָט באַאַרבעט מיט דער שווערט די הילצערנע טיר פון דער קירך. אַלוואַסי האָט געוואָרפן זיין סערפּ הויך אין דער לופטן. די לאַנגע קאָסעס האָבן געגלאַנצט אין דער זון, די שויפלען און לאָפּעטעס האָבן געווירבלט איבער די קעפּ.

— קיילט! — האָבן זיי געשריגן. — ביז אָפּ אייער לעבן פאַר קריסטוסן! — איר זעט אים דאָרטן, דעם בעלזעבוב, דעם

רוצח!? — אויף אים! אויף אים! — דאָס איז גאָטס צאָרן! — גאָט, דערבאַרעם דיך איבער אונדז! — דאָס גיהנום פּראַלט זיך אויף! — קײַלט אים!

דער נביא האָט אויסגערופן:

— ווער עס פּאַרלירט זײַן לעבן פאַר קריסטוסן, דער וועט עס צוריק געווינען, ווער עס וויל עס באַהאַלטן, דער וועט עס פאַרלירן! — קײַלט אים! אַזוי וועלן די נשמות דערלייזט ווערן און דער שטן וועט באַצווינגען ווערן!

זיי האָבן געקעמפט אין דער גליענדיקער זון. שמוציקער שווייס איז אַרויסגעטרעטן אויף זייערע לײַבער און זיך צונויפגעמישט מיטן בלוט, וואָס האָט פון זייערע אָפּגעריבענע ווונדן געפּאָסן. אָבער זיי האָבן נישט אָפּגעטרעטן און זענען נישט מיד געוואָרן, אומאויפהערלעך האָט געווילדעוועט זייער כלי-זין.

די הייליקע האָט געגרופן אירע פרויען: „איר זענט די באַרמהאַרציקע שוועסטערן! אײַלט אַהין און שטאַרקט גאָטס קעמפער.

זי האָט געהייסן אָנפילן די קעסלעך, האָט זיי געבענטשט און געהייסן אויך דעם נביא זיי בענטשן. און לינדאַ און קאַרמעלינאַ, צוזאַמען מיט מאַריע גראַציאַ און דער קליינער סילוויאַ, דעם שניידערס טאָכטער, האָבן זיי צוגענומען. זיי זענען אַרומגעלאָפן צווישן די קעמפנדע און דערפרישט זייערע פאַרשמאַכטע ליפן מיטן בלוט פון דערלייזער.

אַזוי האָט געבושעוועט דער רציחהדיקער קאַמף. זיי האָבן אײַנגעלייגט די שטאַרקע וואַנט פון דער קירך. די הילצערנע טיר איז מיט אַ קראַך אַרויסגעפאַלן.

— ער איז אין קירך! — האָט געהילט דער שמיד. — דער שטן האָט זיך באַהאַלטן אין גאָטס הויז!

זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעווייניק, אַראָפּגעצויגן די טישטעכער פון אַלטאַר, צעפליקט די בילדער, פון די ווענט זיי אַראָפּגעריסן, צעטרעטן מיט די פיס. זיי האָבן צעקלאַפּט אַלצדינג,

וואָס עס איז זיי נאָר אונטער די הענט געקומען, געהאַקט מיט די שטאַרקע הענט אין די סטעליע־בעלקעס. די בעלקעס האָבן זיך איינגעבראָכן. דער אַלטער דאַך איז מיט רעש אַראָפּגעפאַלן און באַגראָבן אונטער זיך פינף אָדער זעקס גאַס־קעמפער. דאָרט איז געלעגן פּאַסקאַל מיט צעבראָכענע פיס, אָבער זיין אָרעם האָט מיט נישט קיין אָפּגעשוואַכטן כוח געהויבן די האַק און געהאַקט מיט איר אַרום זיך

— קיילט אים! — שלאָגט דעם רוצח פון די נשמות! — גיט אָוועק אייער לעבן פאַר קריסטוסן!

ס'איז אָנגעלאָפן סקוראַ. ער איז צוריקגעקומען פון דער שאָפּע, פיר ברענענדיקע פעך־שטורקאַצן האָט ער געטראָגן אין די הענט, און ער האָט זיי אַ שליידער געטון מיט אַ הויכן בויגן אין דער איינגעלייגטער קירך אַריין.

— מיר וועלן אים אויסרייכערן, דעם הונט, דעם שטן!

און דאָס טרוקענע, צעבראָכניעטע האָלץ האָט זיך אין איין רגע אָנגעכאַפּט, אויפגעפלאַמט ווי קין און אָנגעפילט די קירך מיט אַ ים פון רויך און פלאַמען. זיי האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער קירך, ראַטעווענדיק זיך, ווי ווייט נאָר זיי האָבן געקענט, און גענומען אינדרויסן אויפדאַסניי ווילדעווען אַקעגן די ווענט.

די הייליקע איז אַרויסגעטרעטן אינמיטן פּלאַץ, ראַטי האָט איף אירס אַ חונק צונויפגעזאַמלט די קאַפּעליע.

„מיר אַכפּערן דיך, האַר־גאָט!" — האָבן זיי געשפּילט: טריאַנגל, טאַמבוריין און האַרמאָניק —

זי האָט געהייסן אַלעמען צונויפרופן.

— איר האָט גובר געווען! — האָט זי אויסגערופן. — ברידער, שוועסטערן, איר האָט גובר געווען!

זי האָט זיך צוגעהערט אַ ווײַלע, דערנאָך פאַרגעזעצט, אויפהייבנדיק איר שטים:

— צי הערט איר? צי הערט איר? דאָרט אויבן שפּילן די הימלישע כאָרן!

זי האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן און זיך ווידער איינגעהערט, און מיט פאַנאַטישער שמחה הויך אויסגעשאַלט:

— און דאָרט, דאָרט! אין דער קירך! דער שטן שטאַרבט — הערט איר ווי ער זיפצט און קרעכצט?

אַלע האָבן זיך געפּאַנט אייננעהערט — און באמת, פון דער ברענענדיקער קירך האָבן זיך דערטראָגן יעמערלעכע קרעכצן.

— געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס! — האָבן זיי געשריען — געלויבט זאָל זיין דער האר! הללויה! הללויה!

און זיי האָבן געזונגען:

„הייליקער גאָט צבאות!
הייליקער האַר פון די חיילות,
שטאַרקער העלפער אין דער נויט!
הימל, ערד, לופט און ים
זענען פול מיט דיין רום,
אַלצדינג איז דיין אייגנטום!"

פראַנק ברוין איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן די טרעפּ פון דער קירך און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינגעהערט אין די ווייטיקלעכע טענער, וואָס זענען פון אינעווייניק אַרויסגעקומען. זיי האָבן אויסגעזען פון פיר, פינף ערטער צו קימען — אַ זיפצן דאָ, אַ פאַרצווייפלט קרעכצעריי פון ערגעץ אַנדערש. דערנאָך האָט זיך פון לינקס אַהערדערטראָגן אַ פּאָר ווערטער. „דערבאַרעמדיקער גאָט" — האָט ער פאַרנומען, און ווידער: „קריסטוס, קריסטוס, פאַרלאָז מיך נישט!"

— היבל! — האָט ער געמורמלט — דאָס איז דאָך דעם ייבנס אולפּאָס קול! — זיי האָבן אים פאַרגעסן, ער וועט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט!

ער איז אָן ישוב-הדעת אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּ, מאַכנדיק זיך אַ וועג דורך דער טיר איבער די פלאַמענדיקע בעלקעס. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דורכקריגן, נישט געקענט קיין זאַך דערזען אין דעם דיקן, בייסנדיקן רויך, וואָס האָט אים געשלאָגן אין די אויגן אַריין. ער האָט זיך דורך אַלע זייטן געטאַפּט

אריינגרייסן אינעווייניק — אָבער ער האָט זיך געמוזט צוריקציען. דערנאָך האָט זיך איינגעבראָכן א לאנג ברעט און אראָפפאלנדיק זיך צעגנשלאָגן אָן זיין אָרעם, אזוי, אז ער איז אוש געפאַלן אויף די קני. די ווענט האָבן העל געברענט און געדראָט מיט איינפאַלן א ליאדע רגע —

ער האָט זיך געמוזט צוריקציען.

דאָס קרעכצן איז געוואָרן וואָס אמאָל שוואכער און שוואַכער. נאָך איין אויפגעשריי, און דאַן איז אַלץ אנשטומט געוואָרן.

— איצט איז ער דערשטיקט! — האָט געשעפטשעט דער דייטש.

און איינדרויסן האָבן דידאַזיקע פראים געזונגען דעם לעצטן פערז — „Te deum laudamus“

דער נביא האָט געזאָגט א דאנק-תפילה. ער האָט, קניענדיק צוזאמען מיט זיין עדה, געלויבט גאָט.

די הייליקע האָט געזאָגט:

— דאנקט דעם האר! לויבט און זינגט תשבחות צו אים! איר וועט אריינגיין אין הימלישן מלכות, ווען די צייט וועט אָנקומען. דער דערלייזער אַליין האָט מיר מגלה געווען, וואָס עס מוז געשען.

זיי האָבן זיך געשפאַנט איינגעהערט. דער נביא האָט געפרעגט:

— וואָס זאָל דאָס זיין, הייליקע שוועסטער?

אָבער זי האָט געזאָגט:

— קושט אייך אַלע, ברידער און שוועסטערן, כחמת ס'איז אָנגעקומען די רגע, אין וועלכער דער גרויסער קרבן וועט געברענגט ווערן!

און זי האָט צוגעגעבנט צום נביא, ארויפגעלייגט אירע אָרעמס אויף זיינע אקסלען און אים געקושט אין ביידע באַקן. דערנאָך האָט זי געקושט רבנין און ראַזין און אַלע אירע פרויען. אויך סקירא איז אונטערגעקומען, זי האָט זיך געקווענקלט אן אויגנבליק, דערנאָך אָבער אויפגעהויבן ביידע אָרעמס:

— קוש מיך, ברודער!

אַלע האָבן זיך געקושט און זענען צוגעגאַנגען צו דער היי־ליקער און צום נביא און זיי באַגריסט: „קוש מיך, שוועסטער!" און: „זיי געגריסט, ברודער, אין נאָמען פון גאָט".

יעדער האָט געקושט די הייליקע און זי האָט יעדן דער־לאַנגט דעם שטערן און די באַקן. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אויסגעריסן פון די פרומע אַרומהאַלדזונגען.

— איילט אייך, איילט אייך, — האָט זי אויסגערופן — כּדי דער צייכן זאָל מקוים ווערן! — אָבער זי האָט ווידער אַרומגע־האַלדזט אירע פרויען, געקושט זיי און באַנעצט מיט וואַרעמע טרערן זייערע באַקן.

— געזעגנט אייך מיט מיר, געזעגנט אייך!

ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון קאַרמעלינאַן און לינדאַ וואַסאַן. געכטן ערשט האָט איר אכזריותדיקער ראַפּניק צעשלאָגן און צעשינדן די לייבער פון די מיידלעך, איצט אָבער איז זי געלעגן אין זייערע אָרעמס, צערט־לעך, ווייך, און שמייכלענדיק מיט הייסע טרערן.

— געזעגנט אייך, — האָט זי געזאָגט. — אַזוי מוז זיין; קריסטוס האָט עס באַפוילן. זי האָט זיי דערלאַנגט ביידע הענט, וועלכע די פרויען האָבן מיט קושן באַדעקט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרוואָרפן די האָר אַהינטער.

— וווּ איז דער צלם? — האָט זי געפרעגט — ברענגט אַהער דעם צלם.

סקוראַ האָט אים צוגעשלעפּט:

— אָט דאָ, הייליקע שוועסטער.

די הייליקע איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דעם קווער־ברעטל און עס לייכט געגלעט.

— ברידער און שוועסטערן, הערט צו, וואָס קריסטוס האָט מיר מגלה געווען: ער וויל, אַז איך זאָל שטאַרבן פאַר אייך. דאָס איז דער פּקדון, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פאַר דער דערלייזונג פון אייערע נשמות: מיין קרבן!

און שטילער, כמעט צערטלעכער, האָט זי פאַרגעזעצט:

— איר מוזט מיך קרייציקן!

זיי זענען געשטאַנען אַרום איר, שטום און פאַרשטיינערט, מיט ברייט צעעפנטע מיילער. קיינער האָט נישט גערעדט, אפילו דער גביא האָט נישט באַוועגט מיט די ליפּן. אָבער די הייליקע האָט זיך נישט געקווענקלט.

— הייבט אויף דעם בליק! — האָט זי אויסגערופן — קוקט דאָרט אַהין!

זי האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אין דער ריכטונג פון איר באַוועגונג און אַרויפגעקוקט צו דער פּלאַטפאָרם מיט די קרייצן.

— ברידער! שוועסטערן! איר זעט די דריי קרייצן? יעזוס קריסטוס צווישן די צוויי לומפּן — דאָרט זאָלט איר-זשע אַ פירטן אויפשטעלן — — דעמדאָזיקן קרייץ. און איך וועל העכער אָפּגעבן פאַר דער פאַרגעבונג פון אייערע זינד און מיינע! — אַזוי האָט גאָט באַשטימט!

זיי האָבן נאָך אַלץ געשוויגן, קיינער האָט זיך נישט דערוועגט קיין וואָרט אויסצורעדן. און ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט אין דידאָזיקע קעפּ, וועלכע זענען געווינט געווען אַלץ אויפצונעמען אָן אַ פראַגע, אָן ווידערשטאַנד, עפּעס אויפגעציטערט און געוואָרט זיך אָקעגן אָט דעם לעצטן, מאָוימדיקן:

— ווילט איר דאָס טון?

און זיי האָבן נישט געענטפערט.

— זענט איר שרעקעוודיק? ווילט איר זיך אַקעגנשטעלן באָטס רצון און שווימען קעגן שטראָם? — ווילט איר, אַז כ'זאָל אַליין נעמען אין דער האַנט דעם האַמער, כדי מיך צום האָלץ צוצוהעפטן?

זי האָט פעסט אָנגענומען דעם פאַראָבעקס האַנט.

— דזשיראָלאַמאָ סקוראַ — דו וועסט עס טון!

— הייליקע שוועסטער — האָט געשטאַמלט דער ריז — הייליקע שוועסטער —

און זי האָט געשריבן:

— דו װעסט עס טון, דו װעסט עס טון! דאָס גיהנום װעט דיך איינשלינגען, אויב דו װעסט נישט פאָלגן — דו מוזסט דאָס טון, דזשיראָלאַמאָ!

און דער רויטקראָפּיקער קנעכט האָט געזאָגט — און זיין שטים האָט געקלונגען דיק און הויך, װי דאָס קול פון אַ יאַנגל:

— גוט, הייליקע האַרנטע!

— כ'האָב געװוּסט — האָט זי שטיל געזאָגט — כ'האָב עס גוט געװוּסט. דיין האַנט װעט מיך צום קרייץ צופעסט'קן — דיין האַנט!

זי האָט אַ כאַפּ געטון דידאָזיקע גרויסע, מוראדיקע האַנט, אַנגעװאָרגן זיך און זי הכנעהדיק געקושט, און פּאַמעלעך, פאַרקלערט און מסופקדיק פאַרגעזעצט:

— און דאָך — דאַרף איך נישט שטאַרבן — דורך דערדאָזיקער האַנט —

ס'האָט אויסגעזען, װי זי װאָלט טיף אינעװייניק אין זיך געפרעדט, װי זי װאָלט געפרעגט און געענטפערט עמעצן, װאָס איז געװען טיף בײַ איר אין האַרצן.

אָבער זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע רעיונות.

— װי דער האַר קריסטוס װיל — אין זיין האַנט גיב איך איבער מיין לייב — זאָל געשען װי זיין רצון איז.

זי האָט זיך געװענדט צום נביא:

— ברודער, פיר אונדז אַרויף אויבן, כּדי ס'זאָל מקוים װערן גאָטס רצון!

דערנאָך האָט זי צוריק צוגעגעבנט צו אירע פרויען און זיך רויק צוגעקוקט, װי דער נביא צוזאַמען מיט ראָבכין און ראַטין האָבן אויסגעשטעלט די פּראָצעסיע.

פראַנק ברוין האָט געהערט יעדעס װאָרט, װאָס זי האָט גערעדט. ער איז געשטאַנען שטיל אויף די טרעפּ, כמעט נישט מסוגל מיט קיין אבר צו רירן.

— זי װעט זיך מקריב זיין, — האָט ער געשעפּטשעט —

די וועט הענגען אויפן קרייץ, כּדי די ברידערס נשמות אויסצולייזן.

זי — טערעזע ריימאַנדי — זיין געליבטע —

די, וועלכע ער האָט געקושט מיט הייסע, דורשטיקע ליפּן, וועלכע איז אין זיינע אָרעמס געלעגן, גאַנצע לאַנגע נעכט —

זי וועט — הענגען — דאָרט אייבן — אויפן קרייץ —

ער האָט עס נישט משׂיג געווען. ער האָט אַ פּאָר מינוטן מיט דער האַנט איבער די אויגן. אָבער דאָס האָט זיך אים נישט געחלומט — זיי האָבן זיך שוין אויסגעשטעלט צום צוג: סקירראָ און וועניער האָבן אינטערגעהויבן דעם ריזיקן צלם.

אַן אימה איז אים באַפאַלן. עפּעס האָט אים פּלוצעם אַ קלעם געטאָן אין דער קעל. ער האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, קרעמפּיק צונויפגעדריקט די פויסטן —

איז דאָס אַלזאָ דער סוף פון זיין שפּיל?

און ער איז געווען הילפלאָז מאַכטלאָז, אַ בידנער, נעבעכדיקער וואָרעם! זיינע קרעאַטורן אָבער, זיינע מאַריאָנעטעס האָבן געלעבט. זענען אויסגעוואַקסן ריזיק, זיי האָבן אַוועקגעשפּאַנט ווייט, ווייט אין די הימלען זיך אַריינגעריסן —

— אַנטלויפן! — האָט ער געמורמלט — אַנטלויפן — —

דאָס איז שוין געווען נישט צום איבערטראַגן — ער האָט געמוזט אַוועק. איידער דער פאַרהאַנג וועט זיך אויפהייבן איבער דער דראַזיקער לעצטער, מיאוסדיקער סצענע.

ער האָט זיך אַ ריס געטון, זיך וואַקלענדיק געלאָזט גיין גלייך פאַרויס צו די הייזער צו. ער האָט זיך אַרומגעקוקט — דאָרט מיט דער גאַס אַרויף — לענגאויס די גערטנער צום בית־עלמין־צו, דאָס איז געווען דאָס בעסטע. ער וואָלט הינטער די קוסטעס געווען זיכער — —

ער איז געגאַנגען אַרויף מיט דער גאַס און זיך געהאַלטן נאָנט פון די הייזער. מ׳האָט אים נאָך געקענט דערזען, האָט ער אַלזאָ געשפּאַנט פּאַמעלעך, כּדי נישט צו זיין אויפפאַלנדיק. אָבער נישטווילנדיק איז זיין גאַנג געוואָרן וואָס אַמאָל האַסטיקער, וואָס

אַמאָל גיכער און גיכער. דערנאָך איז ער שוין געלאָפן. איצט איז ער שוין געווען בײַ די גרינע ווערבע־קוסטעס.

פלוצלינג האָט ער דערהערט הויך שרייען:

— האַלט אים! כאַפּט דעם פרעמדן!

דאָס איז געווען טערעזעס שטים — און דידאָזיקע שטים — איר שטים — האָט אים פּאַרהאַלטן אויפן אָרט, אינמיטן לויפן. ער איז שטיין געבליבן, ווי געפּענטעט, ווי אין דער ערד אײַנגעגראָבן, נישט קענענדיק רירן מיט קיין פוס.

— כאַפּט דעם פרעמדן! — האָט זי געזאָגט — דעם פרעמדן! — דאָס איז ער — דער פרעמדער! — זי, טערעזע, האָט אים אַזוי אָנגערופן.

זעקס יונגען דאָבן זיך אַ לאָז געטון צו אים, ער האָט זיך נישט גערירט. דזשיראַלאַמאָ סקוראָ האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל, אָנגעכאַפּט אים באַם סורדוט און אים אומגעדרייט. ער האָט געסאַפּעט, און דער רויטער קראַפּ האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן עקלהאַפטער, אָרעמלאָזער פּאַליפּ.

אָבער פראַנק ברוין האָט זיך נישט געווערט, ער האָט זיך אָן ווידערשטאַנד געלאָזט פירן צו דער היילקער. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים, און זיין אויג האָט געפּרוווט לייענען אין איר בליק. אָבער ס'איז דאָרט קיין שפּור נישט געווען פון דעם, וואָס זאָל האָבן די קלענסטע פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען.

— גיט אַכטונג אויף אים — האָט זי שטיל געזאָגט — ס'איז גאָטס רצון, אַז ער זאָל זיין דערבײַ, בשעת איך וועל שטאַרבן.

דאַן האָט זיך זיין קלאָגעדיקער אַנגסט פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן כעס. אַ קללה און אַ ווילדע גאָט־לעסטערונג האָט אַ יאָג געטון אין זיין בלוט.

— עס איז גאָטס רצון — האָט ער איבערגעחזרט — און — —

אָבער ער האָט נישט גערעדט ווייטער, זיינע ציין האָבן צעביסן דעם זאַץ אין אָנמעכטיקער רוגזה. דערנאָך האָט פלוצלינג

אין איין רגע זיין צעגליטער מוח געבוירן אַ נייעם געדאַנק. ער איז געשטאַנען שטיל, נישט גערירט זיך, פאַרמאַכט די אויגן, פונקט ווי אַזוי אַרום האַלטן זיך אויף די נערוון געקענט רויק האַלטן, און ס'איז אים טאַקע געלונגען: ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיינע שטריכן האָבן זיך געמילדערט, אַרום זיינע ליפּן האָט זיך געשפּילט אַ פרייער שמייכל —

אָ, דאָס איז געווען די לייכטסטע און גרעסטע רעטונג! פאַרוואָס האָט ער פריער וועגן דעם נישט אַ טראַכט געטון? — אַך, ער האָט דאָך געקענט אַלץ פאַרהיטן! גינאָס שענדלעכן טויט און דזשאָוואַני אולפּאָס און די אַנדערע, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אונטער די חורבות פון דער קירך.

צו שפּעט פאַר זיי, צו שפּעט! — אָבער פאָרט גענוג פרי פאַר טערעזען!

ער איז ראַש צוגעגאַנגען צו איר, האָט אָנגעכאַפּט איר לינקע האַנט, אָפּגעזוכט מיט די פינגער דאָס אָרט אונטערן גרויסן פינגער. אָט איז דאָס אָרט! דאָסדאָזיקע קליינע היפּנאָגענישע אָרט, וואָס האָט זי אונטערטעניק געמאַכט זיין ווילן.

ער האָט עס שטאַרק אַ דריק געטון —

זי האָט נישט אַרויסגעצויגן איר האַנט, האָט אים רויק אָנגעקוקט, עטוואָס פאַרחידושט.

— וואָט ווילסטו? — האָט זי געפרעגט.

אַ פיבער האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— איך — איך — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

אפשר האָט ער זיך טועה געווען? אפשר איז עס געווען די צווייטע האַנט? ער האָט אָנגעכאַפּט איר רעכטע האַנט און אַ דריק געטון דאָסזעלבע אָרט.

אָבער זי האָט נישט צוגעמאַכט די אויגן.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי שטיל איבערגעחזרט. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרהילט מיט אַ רויטן נעפּל. זיין מאַכט איז פאַרשוווּנדן, אָפּגעווישט און צעבראָכן! יאָמערלעך און נעבעכדיק איז ער געשטאַנען פאַר איר — זי איז געווען פריי, און יעדער מינדס-

טער קשר איז גפּוּלעון איבערגעריסן. ער האָט עס אָנגענומען, ווי א שרייענדיקן לעצטן פּראָט.

— פּאַרזינק אין גיהנום! — האָט ער הייזעריק געשעפּטשעט.

שווער האָט אים אָנגעכאַפּט אַלוואַזי באַם רעכטן און קאַר-באַראָ באַם לינקן אָרעם. איינער האָט געפּאַכעט אין דער לופט מיט א שטאַרקן ראַפּניק, דער צווייטער האָט געשלעפּט א מעכטיקן הייגאָפּל מיט לאַנגע, אייזערנע שפּיצן. רום און ארום האָבן זיך אויסגעשטעלט די יונגע פּאַראָבקעס, איטלעכער האָט געטראָגן עפּעס א כלי-זיין אין איין האַנט און א ברענענדיק ליכט אין דער אַנדערער.

אזוי זענען זיי אַרייַנגעטרעטן אין דעם צוג —

XIV.

Amor mea crucifixa
St. Ignatius.

ראַנכי האָט אויסגעשטעלט די נייע פּראָצעסיעס; דערווייל האָט דער נביא געהייסן אָנפילן מיט ווײַן די קופּערנע קעסלען און האָט זיי פאַרוואַנדלט. ראַטי האָט זיך אוועקגעשטעלט בראש פון דער מוזיק, און הינטער איר געשטעלט דעם אַלטן אולפאַ און אַלע איבעריקע זקנים און אַלטע ווייבער. נאָך זיי איז געגאַנגען דער נביא מיט פיר מענער, וועלכע האָבן געטראָגן אין די הענט ראַפּניקעס, דערנאָך דזשיראָלאַמאָ סקוראַ און ווענ׳ער מיטן שווערן צלם אויף די אַקסלען.

און די הייליקע האָט געשפּאַנט הינטער דעם צלם, אַרומגערינגלט פון אירע פרויען.

דערנאָך איז געגאַנגען ראַנכי אַליין, פּאַכנדיק אין דער לופטן מיט אַ גרויסער בייטש דער שמיד אַלוואַסי און קאַרבאַראַ

האָבן געפירט דעם פרעמדן, און הינטער אים זענען געגאַנגען די פאַרבאַקעס מיט ליכט אין די הענט. און דאָס פאָלק האָט זיך נאָכגעשטופּט אין געדיכטע מאַסן. רעכטס און לינקס, פון ביידע זייטן צוג, זענען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק צען יונגלעך און צען מיידלעך; זיי האָבן צעטראָגן די קעסלען און דער לאַנגער איטלעכן, וואָס האָט זיך געוואָלט דערקוויקן מיטן בלוט פון האַר און מאַריעס מילך.

אַזוי האָבן זיי פּאַמעלעך דורכגעצויגן מיטן ברייטן וועג, וועלכער האָט אַראָפּגעפירט צו דער אָזיערע־צו און דערנאָך זיך בּיסלעכווייז אויפגעהויבן צו דער קרייצן־פּלאַטפאָרם.

ראַנכי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער הייליקער. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געגליט מיט פרומער ליבשאַפט און הייסער התפעלות. און פּלוצלינג, ווען די מוזיק איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שרײַענדיק קול די גרויסע ליטאַניע, וועלכע מרוקט די לאָרעטאַנישע. ער האָט גערופן דעם גאָט־פאָטער אין הימל, זיין זון, דעם גואל פון דער וועלט, דעם הייליקן גייסט און דאָס הייליקע דרײַלינג. אָבער זיין שטים האָט זיך דערהויבן צו פאַנאַטישער, ברענענדיקער ליבע ערשט דאַן, בשעת ער איז צוגעקומען צו די אָנרופונגען פון דער מאַדאָנע.

„הייליקע מאַריע — — בעט פאַר אונדז!
הייליקע גאָטס־געבוירערין —
הייליקע בתולה איבער אַלע בתולות —
מוטער פון קריסטוס —
מוטער פון געטלעכן חסד —
די אַלריינסטע מוטער —
די אַלצנויעהדיקסטע מוטער —
די אומפאַרשוועכטע מוטער —
די אומבאַפלעקטע מוטער —
די ליבלעכע מוטער —
די מוטער פון באַשעפער —

דו מוטער פון דערלייזער —
דו אַלקליגסטע בתולה —
דו בכבודיקע בתולה —
דו ליבוועדיקע בתולה —
דו גוטענקע בתולה —
דו געטרייע בתולה —
דו שפּיגל פון גערעכטיקייט —
דו היכל פון חכמה, בעט פאַר אונדז".

און די גאַנצע געמיינדע האָט אונטערגעכאַפּט, און פון אַלע מיילער אַרויס האָט געקלונגען דאָס: „בעט פאַר אונדז!" נאָך יעדער אָנרופונג. מתחילת שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, דערנאָך האָבן די קולות אויפגעבריוזט און געוואָרן וואָס אַמאָל העכער און באַגערלעכער, ווי אַ גערעכטע פאָדערונג, וואָס האָט דאָס באַוווסטזיין פון איר זיכערער דערפילונג.

„דו סיבה פון אונדזער גאולה —
בעט פאַר אונדז!
דו ערווירדיקע כּלי —
בעט פאַר אונדז!
דו טייערע כּלי פון פרומקייט —
בעט פאַר אונדז!
דו טורעם דודס —
בעט פאַר אונדז!"

אָבער ראַנכיס בליקן האָבן זיך כּלל נישט אויפגעהויבן צום בלויען הימל, וווּ עס טראָגט די מאַדאָנע. זיי האָבן גערוט נאָר אויף דער הייליקער, פונקט ווי צו איר, נאָר צו איר וואָלטן געווענדט געווען דידאָזיקע אַלע אָנרופונגען. זי איז עס געווען, זי אַליין, וועמען ער האָט געליבט.

„דו העלפאַנטביינערנער טורעם —
דו גילדן הויז —
דו ארון הברית —
דו טויער פון הימל —
דו מאָרגנשטערן" —

„דו מאָרגנשטערן!", האָט ער געשאָלט צו איר, „דו מאָרגנ־שטערן!" און די געמיינדע האָט אונטערגעכאַפּט: „בעט פאַר אונדז! — בעט פאַר אונדז!"

„דו היילונג פון די קראַנקע —
דו מקלט פון די פושעים —
דו טרייסטערין פון די באַטריבטע —
דו העלפערין פון די קריסטן —
דו קעניגין פון די מלאכים" —

ער איז צוגעלאָפן צו איר, זיך אַוואַרף געטון אויף דער ערד און געקושט דעם זוים פון איר קלייד. „דו קעניגין פון די מלאכים!" האָט ער געשטאַמלט:

„דו קעניגין פון די פּאַטריאַרכן —
דו קעניגין פון די נביאים —
דו קעניגין פון די אַפּאָסטאָלן —
דו קעניגין פון די מערטירער —
דו קעניגין פון די מתוודים —
דו קעניגין פון די בתולות —

— בעט פאַר אונדז! — האָט געשריגן דער עולם. און ס'האָט אויסגעזען, ווי דידאָזיקע הייליקע פאַרערונג, וואָס האָט ראַנכין באַזעלט, האָט אויך משפּיע געווען אויף דעם גאַנצן עולם. די, וועלכע זענען געגאַנגען הינטער איר, האָבן זיך צוגעשטופּט נענטער צו איר, די ווידער, וועלכע זענען געגאַנגען פאַר איר,

האָבן זיך אויסגעדרייט, כּדי צו זען זי. אירע פרויען האָבן זיך געשאַרט צו איר, גליקלעכע, וואָס זיי קענען באַרירן דעם זוים פון איר קלייד. זיי האָבן הויך אויסגערופן צו איר — און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— דו קעניגין פון הייליקן רויזנקראַנץ, בעט פאַר אונדז! — אָ, דו גאָטס-לעמל, וואָס ביסט מכפּר אויף די זינד פון דער וועלט, דערבאַרעם זיך איבער אונדז!

זיי האָבן געזאָגט דעם „פאָטער-אונדזער" און „אַווע-מאַריאַ", און זי איז עס געווען, די הייליקע, צו וועמען זיי האָבן געבעטן, זי, וועלכע איז איצט געגאַנגען צום פאָטער אין הימל אַריין, כּדי צו זיין דער שליח פון זייערע פרומע בקשות. זי איז געווען זייער בעטערין פאַר גאָטס טראָן, זי איז געווען די כּלה פונעם דערלייזער.

זיי זענען שטיין געבליבן. דער נביא האָט זיך געווענדעט צו דער הייליקער און געזאָגט דעם „סאַלווע רעגינאַ."

„זיי געגרוסט, דו קעניגין, מוטער פון באַרמהאַרציקייט, זיסקייט פון לעבן און אונדזער האָפענונג, זיי געגריסט! צו דיר שרייען מיר, עלנטע קינדער חוהס, צו דיר זיפצן מיר, טרויערגדיקע און וויינענדיקע, אין דעמדאָזיקן טאָל פון פיין. עיאַ, אונדזער מליצה, קער דיינע באַרמהאַרציקע אויגן צו אונדז, זע אונדזער עלנט, ווייז אונדז יעזוסן די געבענטשטע פרוכט פון דיין לייב, אָ גוטינקע, אָ מילדע, אָ זיסע בתולה מאַריע!

דערנאָך האָבן זיי אָפּגעזאָגט פינף מאָל דעם „פאָטער-אונדזער" און פינף „אַווע מאַריאַס"; דע נאָך האָט זי דער נביא געבענטשט. זיי האָבן גענומען גיין ווייטער, אַרויף צום קאַלוואַריע-באַרג. רעכטס אין דער פעלזיקער וואַנט איז געווען דאָס בילד פון דער ערשטער סטאַציע; ראַבּכי האָט אויפגעהויבן דעם אָרעם, און זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן.

און דער נביא האָט געזאָגט:

— מיר זענען מתפּלל צו דיר, האַר יעזו קריסטוס, און לויבן דיך!

און זיי האָבן געענטפערט:

— ווייל דו האָסט דורך דיין הייליקן קרייץ די וועלט אויסגעלייזט.

פראַנק ברוין האָט אַ קוק געטון אויף דעם בילד; עס האָט פאָרגעשטעלט קריסטוסן פאַר פּילאַטוסן. דער נציב איז געזעסן אויף זיין שטול, אָקאָרשט נאָכן דורכלייענען דעם פּסק־דין. איצט האָבן די קנעכט אָנגעכאַפּט דעם נאַזאַרענער, אַרויפגעזעצט אים די דערנערקרוין אויפן קאָפּ און אים געבייטשט.

די הייליקע האָט אַנידערגעקניט און געבעטן. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטילן און הכנעהדיקן שמייכל.

— שפּילעט אָפּ מיינע קליידער, — האָט זי באַפוילן אירע פרויען. — און דו, ברודער ראַנכי, שאַף אַ דערנערקרוין.

דער שניידער האָט זיך געיישובט אַ רגע, דערנאָך זיך מיט שנעלע טריט דערווייטערט. בשעת דעם זענען די פרויען קווענקלענדיק צוגעטרעטן צו זייער אַרבעט, האָבן איר פּאַמעלעך אָפּגעשפּיליעט דאָס קלייד פון די אַקסלען, אַזוי, אַז דער ווייסער גאָקן האָט זיך אַנטבלויזט.

ראַנכי האָט זיך אומגעקערט און געבראַכט אַ שטיק שטעכעדיקע דראָט. ער האָט צעשניטן איין דערנעררוט און אַרומגעפלאָכטן אירע שטעכלקעס אַרום דעם צונויפגעדרייטן דראָט. ער האָט זיך דערביי צעשטאָכן און זיינע פינגער האָבן געבלוטיקט.

— גיב אַהער, ברודער! — האָט געזאָגט די הייליקע.

זי האָט אַראָפּגענומען די גילדערנע קרוין פון קאָפּ; די בלוטיקע סטיגמאַטן האָבן געגלאַנצט אויף איר שטערן. זי האָט אַ קוש געטון די דערנערקרוין און זי זיך פעסט אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ.

— דאָס איז די קרוין פון האַר! — האָט זי געזאָגט — זי טוט וויי, אָבער דאָס איז דער זיסער ווייטיק פון דערלייזער.

דערנאָך האָט זי אָנגעוויזן אויפן בילד.

— איר זעט, ברידער, ווי קריסטוס האָט געליטן אין די

העבט פון די יידן? אזוי מוז אויך איך ליידן — נעמט אייערע בייטשן און שלאָגט מיך!

זיי האָבן זיך ווידער געקווענקלט, און זי האָט געמוזט איר באַפֿעל איבערחזרן. אָבער די שמיץ זענען געווען אומדרייסטע און שוואַכע.

— איר מוזט מיך שלאָגן אַזוי, ווי מ'האָט קריסטוסן געשלאָגן — האָט זי געזאָגט. — גאָט זאָל שטאַרקן אייער אָרעם!

און זיי האָבן געפּאָלגט און גענומען שלאָגן —

אָבער זי האָט זיך נישט באַקלאָגט. זי האָט שטיל געשמייכלט און געזאָגט:

— דאָס זענען די שמערצן פון דערלייזער.

דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום נביא.

— באַשפּיי מיך, — האָט זי געבעטן, — ווי די יידן האָבן דעם גואל באַשפּיגן.

דער נביא האָט געענטפערט:

— פאַרלאַנג דאָס נישט, שוועסטער! — ווי קען איך אין דיין הייליק פּנים אַריין שפּייען?

זי האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— דו מוזסט עס טון — האָט זי געזאָגט. — איר מוזסט עס אַלע טון, כדי ס'זאָל דערפילט ווערן דער רצון פון גאָט. — זשיראַלאַמאַ סקיראָ — באַשפּיי מיך.

דער קנעכט האָט אַ שפּיי געטון, און זיין שוואַרצע, עקלהאַפטע סלינע איז קלעבן געבליבן אויף אירע זיסע באַקן.

זי האָט אים הכנעהדיק געדאַנקט — דערנאָך זיך געווענדט צו קאַרמעלינאַן:

— באַשפּיי מיך.

אָבער דאָס מיידל האָט אַ געשריי געטון, איז שלאָכצענדיק אַנידערגעפאַלן און גענומען קושן אירע באַקעטע, בלוטיקע פיס. די הייליקע האָט געגלעט דאָס מיידל און זי אויפגעהויבן.

— ליבע שוועסטער, דו מוזסט עס טון; דער האַר פאַרלאַנגט דאָס.

דאָס אָרימע מיידל האָט זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס

און געפּאָלגט. אָבער זי האָט זי גיכער געקושט איידער געשפּיגן אויף איר.

אַלע זענען צוגעגאַנגען און איר אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין. און די הייליקע האָט מיט הכנעה געדאַנקט פאַר יעדער באַליידיקונג.

— איצט לאָמיר גיין ווייטער — האָט זי געזאָגט.

זיי זענען אָנגעקומען צו דער צווייטער סטאַציע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי קריסטוס נעמט אויף זיך דעם קרייץ.

— מיר בעטן צו דיר, האַר יעזוס קריסטוס, און לויבן דיך! — האָט געזאָגט דער גבאי.

און די געמיינדע האָט געענטפערט:

— ווייל דו האָסט דורך דיין הייליקן קרייץ די וועלט אויסגעלייזט.

די הייליקע האָט זיך געווענדט צו סקוראַן און וועגערן.

— לייגט אַנידער דעם קרייץ — האָט זי באַפוילן. זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע אָרעמס און אים אויפגעהויבן.

— דו וועסט אים נישט קענען טראָגן, הייליקע שוועסטער — האָט געזאָגט ראַנכי.

און זי האָט געענטפערט:

— איך מוז אים טראָגן. — האָט דען נישט אויך דער דערלייזער זיין קרייץ געטראָגן?

זי האָט אָפּגעשטופּט יענע, וועלכע האָבן איר געוואָלט צוהעלפן. זי האָט גענומען דאָס שווערע האָלץ און עס אַרויפגעלייגט אויפן נאַרבלוטיקטן אַקסל. אירע פּלייצעס האָבן זיך איינגעבויגן, דער שאַרפער קאַנט האָט זיך טיף איינגעפּרעסט אין איר לייב.

— שלאָגט מיך — האָט זי פאַרלאַנגט — טרייבט מיך אונטער, ווי די קנעכט האָבן דעם גואל אונטערגעטריבן צו דער גאָלגאָטאַ.

זיי האָבן געפּאָלגט, און זי געבייטשט; טריט בײַ טריט

האָט זי, וואַקלענדיק זיך, געשלעפּט ווייטער די מוראדיקע משא.

דערנאָך, בײַ דער דריטער סטאַציע, איז זי געפֿאַלן — ווי קריסטוס אויפֿן בילד, זי איז געבליבן ליגן אַ מינוט, בשעת די געמיינדע האָט מתפּלל געווען. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט דער הילף פֿון אירע פֿרויען, גענומען אויפֿסניי דעם קרייץ און אים ווייטער געשלעפּט, זיפֿצנדיק און קרעכצנדיק אונטער די קלעפּ פֿון די ראַפּניקעס.

בײַ דער פֿירטער סטאַציע האָט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אַוועקגעלייגט דעם קרייץ אויף דער ערד און אַנידערגעקניט. זי האָט געקוקט מיט פֿאַרטרערטע אויגן אויפֿן בילד און דאָרט געזען ווי דער דערלייזער, געבויגן אונטער דער משא פֿון קרייץ, באַגעגנט זײַן באַטריבטע מוטער.

— גאָט, פֿאָטער אין הימל, שטאַרק מײַנע כּוחות! — האָט זי געבעטן.

און זיי זענען געגאַנגען ווייטער צום פֿינפֿטן בילד. איר אַקסל האָט אויסגעזען צעשונדן, אַזוי טיף האָט זיך דאָס שאַרפֿע האָלץ אײַנגעשניטן אין פֿלייש. און די שמיץ פֿון די בײַטשן האָבן זי געטריבן ווייטער; זי האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, בלײַבנדיק שטיין אַלע ווײַלע, ווי אַ בהמה, וואָס מען פֿירט צו דער שחיטה. — דאָס בילד האָט פֿאָרגעשטעלט, ווי די קנעכט האָבן געכאַפּט שמעונען פֿון קירענע און אים געצוווּנגען, ער זאָל צוהעלפֿן דעם דערשעפּטן דערלייזער און מיט אים צוזאַמען דעם קרייץ שלעפּן.

סקי־אָ איז שנעל צוגעשפּרונגען, געכאַפּט דאָס האָלץ און אַרויפֿגעלייגט זיך זײַן אונטערשטן טייל אויף זײַנע ברייטע פּלייצעס. אַזוי האָט ער געשפּאַנט הינטער דער הייליקער און איר צוגעהאָלפֿן טראָגן דעם קרייץ, וואָס האָט נאָך אַלץ גאַנץ שווער געדריקט אויף דער הייליקער. זיי זענען צוגעקומען צו דער זעקסטער סטאַציע, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט, ווי וועראָניקאַ האָט געקעמט פֿאַרן האַר און אים דערלאַנגט איר טיכל אָפּצווישן זיך פֿון דעם שווייס און בלוט. דער נביא האָט אָפּגעזאָגט

די תפילה, און די געמיינדע האָט געענטפערט, ווי בײַ יעדן בילד.

— דערלאַנגט מיר אַ טיכל, — האָט געזאָגט די הייליקע צו אירע פרויען. און לינדאַ וואָטאַ האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל לייוונט פון ליילעך, וואָס האָט זי אַרומגעהילט, און עס דערלאַנגט דער הייליקער. זי האָט אַריינגעפּרעסט דערין איר פּנים, אַזוי ווי יעזוס האָט עס געטון אויפן בילד, דערנאָך עס צוריקדערלאַנגט דעם מיידל.

— נעם עס, האַרציקע שוועסטער — האָט זי געזאָגט — באַהאַלט עס גוט צום אָנדענקען נאָך מיר.

זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער, און דער עולם האָט זי געשטויסן און געטריבן פאָרויס, ווי זי האָט באַפוילן. דער מעכטיקער קרייץ האָט זי שווער אַראָפּגעדריקט, טראָץ סקוראַס הילף; זי האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט און אַנידערגעפאַלן צום צווייטן מאָל, ווי דער דערלייזער אויפן בילד פון דער זיבעטער סטאַציע.

אָבער זי האָט זיך ראַש אויפגעהויבן און געשפּאַנט ווייטער אויף דעם ביטערן קרייצוועג. בײַ דער אַכטער סטאַציע האָט זי געוויזן דעם עולם, ווי יעזוס האָט געטרייסט די וויינענדיקע טעכטער פון ירושלים. און זי האָט צוגערופן אירע פרויען און געקושט זייערע פאַרטרערטע אויגן און געזאָגט:

— וויינט נישט אויף מיר! איך גיי אייך צוגרייטן אַן אָרט בײַ דעם געליבטן. און אינגיכן וועט איר זיין בײַ מיר און אויף דער שויס פון האַר.

אַלץ שוואַכער זענען געוואָרן די טריט פון דער הייליקער, אַלץ טיפער האָט זיך געבויגן איר אָרימער גוף אונטער דער משא פון קרייץ. און פּונקט ווי ישו פון נצרת, וואָס איז צום דריטן מאָל געפאַלן אויף זיין ליידן-וועג — אַזוי איז אויך זי ווידער געפאַלן — אונטער דעם בילד פון דער ניינטער סטאַציע. זי איז אויפגעשטאַנען און זיך געשלעפּט מיט גרויס מי און שווער סאַפּענדיק צום צענטן בילד, וואָס האָט געוויזן, ווי מען האָט

יעזוסן זייער קליידער צוגערויבט און ווי ער האָט אָפּגעשטויסן דעם גאַל-ווייַן, וואָס די יונגען האָבן אים דערלאַנגט.

די הייליקע האָט באַטראַכט דאָס בילד מיט אַ שטילן זיפֿץ; בלויז אויפֿן דערלייזערס לײַדן זענען געפֿלאָסן אירע טרערן און גישט אויף אירע אייגענע. דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו דער געמיינדע.

— טוט אײַער פֿליכט — האָט זי אונטערטעניק געזאָגט — טוט דאָס, וואָס די קנעכט האָבן געטון.

די פרויען האָבן אָפּגעבונדן דעם שטריק פֿון אירע לענדן און אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד פֿון די אַקסלען, וואָס האָט זיך גע-האַט צוגעקלעבט צום פֿאַרבלוטיקטן לײַב. זיי האָבן זיך אַרומגע-שטעלט אַרום איר און זי אויסגעטון, באַר אַרום די היפֿטן און דעם לײַב האָבן זיי אַ לייוונטן טוך אַרומגעהילט, עס הויך פֿאַרצויגן און פֿאַרבונדן מיטן שטריק אין גאַרטל. און אַזוי איז זי געשטאַנען דאָרט, באַקעט פֿון די קני ביז די פֿיס און פֿון לײַב ביזן קאָפּ. איר ווײַכער קערפּער האָט געבלאַנקט אין דער זון.

— צעשנײַדט דאָס קלייד — האָט זי געזאָגט — און וואַרפֿט דערויף גורל!

ראַבני האָט עס צעשניטן מיט אַ שאַרף מעסער, האָט אַרײַנ-געוואָרפֿן די שטיקלעך אין אַ קופּערנעם קעסל און געהייסן צוגיין אַלע. יעדער איינער האָט אַרויסגעצויגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און צוגעפּרעסט דאָס פּיצל געוואַנד צו די ליפּן — יענע אָבער, וואָס אויף זייערע שטיקלעך זענען געווען טראָפּנס בלוט, האָבן הויך און פֿריידיק געשריגן.

זיי זענען אַרויפֿגעגאַנגען ווײַטער אויפֿן קאַלוואַריע-באַרג. סקוראָ האָט איצט געטראָגן דעם קרייץ צוזאַמען מיט וועניערן, און די הייליקע האָט געשפּאַנט לעבן זיי. זיי זענען צוגעקומען צום עלפֿטן בילד.

— קוקט — האָט זי געזאָגט — ווי זיי נעגלען-צו קריס-טוסן צום קרייץ, און נעמט עס אײַך גוט אין זינען אַרײַן.

זיי האָבן אַנידערגעקניט, אָפּגעזאָגט אַ תּפֿילה און ווײַטער געצויגן צו דער צוועלפֿטער סטאַציע, וואָס איר בילד האָט פֿאַר-

געשטעלט דעם קרייץ-טויט. די הייליקע האָט עס לאַנג באַטראַכט,
ביז די וועלט געוואָרן טיף אין זיך איינקריצן, וואָס זי וועט מוזן
זוכן אין דערלעצטער שווערער שעה.
דער נביא האָט ווידער געזאָגט:
— מיר בעטן צו דיר, יעזוס קריסטע, און אַכפּערן דיך!
און די עדה האָט אָפּגעענטפערט:
— ווייל דו האָסט דורך דיין הייליקן קרייץ די וועלט אויס-
געלייזט.
און די הייליקע האָט געזאָגט:
— ער איז געהאָרכיק געווען ביז צום טויט.
און זיי האָבן געענטפערט:
— יאָ, ביז צום טויט אויפן קרייץ.
באַם דרייצענטן בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דאָס אַראָפּ-
נעמען פון קרייץ, האָט געזאָגט דער נביא:
— הייליקע שוועסטער, מיר שווערן צו טון, ווי קריסטוסעס
פריינט האָבן געטון ווי יאָהאַן ניקאָדעמוס, ווי יאָזעף פון אַרי-
מאַטיע און די הייליקע מאַגדאַלענאַ.
קאַרמעלינאַ האָט זיך צוגעשטופּט נאָענט צו איר:
— און אויף מיין שויס זאָל דיין קאָפּ רוען.
די הייליקע האָט געזאָגט:
— איך דאַנק אייך, ליבע שוועסטערן און ברידער. טוט
אַלץ, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.
זיי זענען צוגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע, וואָס איר
בילד האָט פאָרגעשטעלט די קבֿרה. און זי האָט געזאָגט:
— אַזוי זאָל עס געשען!
דער נביא האָט תּפֿילה געטון צו די הייליקע פינף וונדן
פון יעזוס, און זיי זענען געגאַנגען ווייטער, דאָס לעצטע קליינע
שטיקל וועגס — אַרויף צו דער גאַלגאַטאַ.
פאַרן בילד פון גאָטס-זון האָט די הייליקע אַנידערגעקניט.
דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און אָנגעצייכנט אַן אָרט פאַרן
קרייץ פון דערלייזער.
— אָט דאָ שטעלט אים אויף! — האָט זי באַפוילן.

ראַטי און פינף פאַראַבקעס האָבן זיך געכאַפּט צו די שויפלען און לאָפּעטעס. זיי האָבן געאַרבעט האַסטיק, און דאָס לאָך איז געוואָרן וואָס אַמאָל טיפער און טיפער. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אָן אַ זייט די ערד און אַרויסגעהויבן מיט די הענט די שווערע שטיינער.

— לייגט אַנידער דעם קרייץ! — האָט געזאָגט די הייליקע. סקוראַ און ווענער האָבן געפאָלגט.

דערנאָך האָט זי געקושט אירע פרויען. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קרייץ, איבערגעלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און אויסגעשטרעקט ביידע אָרעמס אויפן קווער-ברעטל.

דער קנעכט האָט אַ קוק געטון אויף איר, דערנאָך אויפגעהויבן די אויגן צו קריסטוסן און פאַרגלייכט.

— מ׳קען די פיס נישט צונעגלען, — האָט ער געזאָגט.

און קאַרנאַראַ האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף זי בינדן. דאָס וועט זיין בעסער.

אָבער די הייליקע האָט אים אָנגעקוקט:

— ווילט איר מיך פאַרמשפּטן, ווי די לומפּן? מאַכט אַ לעגברעטל פאַר די פיס!

סקוראַ האָט מיט דער האַק אָפּגעהאַקט אַ שטיקל פון קווער-ברעטל, וואָס האָט פון ביידע זייטן אַרויסגעשטאַרצט. ער האָט עס אַרומגעטעסעט, אַרויפקוקנדיק כסדר צום קריסטוס-בילד, אַפנים אַראָפּצונעמען אַ מאָס פון דאָרטן. דערנאָך האָט ער פעסט צוגעשלאָגן דאָס ברעטל צום קרייץ, איר צופוסנס

— איז עס גוט אַזוי, הייליקע שוועסטער — האָט ער געפרעגט.

זי האָט לייכט אָנגעשפאַרט די פיס און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ — האָט זי געזאָגט — איך ליג גוט אין דעם חתנס אָרעמס.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און צונויפגעלייגט די הענט צום געבעט.

און די פויערן האָבן געגראָבן דעם גרוב. איין פאַראַבעק

איז אַרייַנגעשפּרונגען אין איִם, אָפּגעהאַקט מיט דער לאָפּאַטע די שטיינער און זיי אַרויסדערלאַנגט. ווען די בייטיקע טיפקייט איז שוין דערגרייכט געווען, האָבן זיי אַרומגעמויערט אַן ענגן שיכט, כדי דער קרייַז זאָל האָבן אַ גוטן אָנהאַלט.

פראַנק ברוין איז געשטאַנען נאָנט לעבן זיי; עס האָבן אים באַך אַלץ געהאַלטן קאַרנאַראַ און דער מיאוסער אַלוואַסי. ס'איז נישט געווען די מינדסטע מעגלעכקייט אַנטרונען צו ווערן, דאָס פּאַלק איז געשטאַנען געדיכט צונויפגעדרענגט אויף דער ברייטער פּלאַטפאָרם און ווייטער אַראָפּ אויפן קרייַז-וועג —

זיי האָבן אָפּגעזאָגט די ליטאַניע פון די ביטערע ענוים פון יעזו; דער רויטער נביא האָט אויסגערופן די נעמען פונם גאָטס-זון, און די געמיינדע האָט אונטערגעכאַפּט:

— דערבאַרעם דיך איבער אונדז! — דערבאַרעם דיך איבער אונדז!

זיין אויער האָט געהערט די הייזעריקע קריאות, האָט זיי אויפגעכאַפּט און אַרייַנגעשריגן אין זיין מוח. — יעזו, מיטן בלוטיקן שווייס באַגאָסן — יעזו, מיטן באַשפּיגענעם פּנים — יעזו, פון בייטשן צעשלאָגן — יעזו, מיט דערנער באַקרוינט — יעזו, ווי אַ לעמל צו דער שחיטה געפירט — יעזו, פון די קליידער אכזריותדיק באַרויבט — —

אָך, דאָס איז געווען די הייליקע, דאָס איז געווען טערעזע!! זי איז געווען דער זון, פּונקט ווי זי איז געווען די מוטער!

און זיינע ליפּן האָבן געפּרעפּלט די ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַלע מיילער: „דערבאַרעם דיך איבער אונדז!" ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך צוזאַמענגעשרומפּן, ווי ער וואָלט וואָס אַמאָל קלענער און נידעריקער געוואָרן. אָבער די הייליקע איז געוואַקסן אין דער אומענדלעכקייט. ער האָט אָפּגעקערט זיין בליק פון דעמדאָזיקן שטילן פּנים, וואָס האָט אַנטקעגנגעשמייכלט דעם טויט, ווי דעם זיסטן קוש. ער וואָלט גאַנץ גערן אַרייַנגעקראָכן אין גרוב דאָרטן, וואָס די קנעכט האָבן אויסגעגראָבן.

אָבער ער האָט אפילו שרייען נישט געקענט.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דערדאָזיקער געשריי וואָלט אים געקענט באַפרייען — אָבער זיינע ליפּן זענען געווען פּונקט צונויפגעקלעפּט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן; מיט ווילדער אומגעהייערער אָנשטרענגונג זיך געצוווּנגען, אָפּצווועגדן זיינע רעיונות פון דערדאָזיקער קרייצן-פלאַצפּאָרם; די אימהדיקע פלאַמען פון דעם אַפעקט אין קילער איבערלייגונג און ישוב-הדעת צו פאַרלעשן. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער קאַמף פון זיין תקיפות באַוווסטזיין, אַ מוראַדיקער געראַנגל פאַר דער לעצטער מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן העכער איבער דעם אַלעמען, וואָס אַרום אים איז פאָרגעקומען, צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קאַלטן צוקוקער פון דער ווילדער טראַגעדיע, וואָס די דאָזיקע חסר-דעהניקעס האָבן אָפּגעשפּילט.

ער האָט צונויפגעקראַמפּט די פויסטן, פאַרביסן די צונג. די אָדערן אויף די שלייפן זענען אים אָנגעשוואָלן ביז צעשפּרונגען ווערן. אַזוי האָט ער געקעמפּט אין זיך.

וועט עס אים נישט געלונגען?

אָבער וואָס? נישט שוין-זשע קען ער מער נישט צוזען, ווי מ'פירט אַ מענטש צום טויט? — איז עס דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל! ער האָט זיך גוט דערמאַנט, אַז ס'איז געווען אַ צייט, ווען ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו זען אַזאַ ספּעקטאַקל, ווען ער פלעגט לויפן אויף אַזאַ עקזעקוציע, ווי אויף אַן אָקסן-קאַמף.

און ער האָט נאָכגעדענקט. אַרויסגערופן אין געדעכעניש יעדעס איינציקע מאָל. פיר מאָל האָט ער געזען, ווי די גילאָטינע האָט געקעפּט. ער איז געווען דערביי, ווי דער תלין האָט אָפּגעהאַקט יאָסצפּאַ קרויטער דעם קאָפּ מיט דער האַק. ער האָט שוין נישט איינעם געזען הענגען אויף דער תליה און האָט גוט געוווּסט, ווי אַזוי די גאַראָטע אַרבעט און די גרויסע שטול פון סינג-סינג. עט — ער האָט זיך אפילו דערביי געמיינע וויצן געמאַכט! — און וואָס-זשע איז בעצם דערדאָזיקער גרויסער רושם? סוף-כל-

סוף נישט קיין סך מער, ווי אַ ביסל שלעכטער טעם אויף דער צונג — אַזאַ מין ביטער־זיסער טעם פון בלוט.

ער האָט געזען, ווי מ׳האָט געפירט דזיאַי אויטינגען צום שייטערהויפן, דעם שוואַרצן אויסוואורף, וועלכער איז באַגאַנגען אַ סעקסועלן מאָרד איבער אַלדערמאַנס פרוי. די לינטשערס האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון דער תפיסה און אים, אין דער שטורקאַצן־באַהעלטער נאַכט, אַוועקגעפירט מיט גרויס געשריי און געהייל אין פעלד אַריין אונטער דער אַסינאַ. אָ, אַן עכט בילד פון דרום־קאַראָלינאַ — דריי טויזנט שוואַרצע לומפּן און אַ הייפל ווייסע אויף פערד. זיי האָבן אָנגעלייגט דעם שייטערהויפן, באַגאָסן אים מיט נאַפט און אַוועקגעשטעלט דעם נעגער אויף אים. זיי האָבן אים פאַרלייגט די פּעטליע אויפן האַלדז און זי צוגעבונדן צו אַ צווייג. דער ריכטער האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער, דער גלח האָט געהאַלטן דעם צלם פאַר אים, און אַלדערמאַן האָט צוגעבויגן דעם שטורקאַץ צום שייטערהויפן. ער האָט זיך אין איין רגע אָנגעכאַפּט און אויפגעפלאַקערט, אָבער דרייסיק ביקסן האָבן גלייכצייטיק אויסגעקנאַלט, און דרייסיק גוטע ווינטשעסטער־קוילן האָבן דורכגעלעכערט דעם שוואַרצן גוף. אָך, דאָס איז געווען אַ פאַרס, וואָס האָט נאָר גאַנץ גרויזאַם אויסגעזען, אַ פאַנטאַסטישע קאָמעדיע, וואָס האָט נאָר געמאַכט אַ רושם אויף די חיהשע נעגערס, וואָס האָבן גערעוועט פון התפעלות. איצט וועלן זיי שוין צורו לאָזן אַ פּאָר יאָר, און די פרויען און טעכטער פון די ווייסע וועלן קענען פרייער אָפּעטעמען אַ שטיקל צייט.

דאָס אַלץ איז נישט געווען אַזוי שרעקלעך — דאָס ערשטע מאָל — אוודאי, דאָס ערשטע מאָל האָט עס אַ ביסל אויפגערעגט. אַקוראַט ווי ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ באַ אַ יינגל, ווען ער שפּרינגט אַריין דאָס ערשטע מאָל אין וואַסער, אָדער באַ אַ סטודענט, בשעת ער שטייט אַקעגן זיין פּאַרטנער מיט דער שווערער שווערט אין דער האַנט. אָבער דערנאָך איז דאָס וועזנטלעכע פאַרווישט געוואָרן און עס האָבן אינטערעסירט בלויז די פּרטים: די טעכניק און פּונקט ווי עס ווערט באַם אָקסן־קאַמף די הויפּטזאַך נאָר דאָס, צי דער עספּאַדאַ טרעפט מיטן ערשטן קלאַפּ אַריינזעצן זיין קינזשאַ־

דער חיה אין די אַקסלען, אַזוי, אַז ער וועט שטיין בלייבן, ווי אַ קרייץ צווישן די הערנער; פּונקט ווי מען לייגט באַם הערנערקאַמף נאָר אַכט דערויף, צי די חיה שטויסט שאַרף און צילט גוט אין דעם קעגנערס אויגן אַריין, אַזוי אינטערעסירט אויך באַם דורכפירן די עקזעקוציע סוף־כל־סוף נאָר בלויז די אַרבעט אַליין פון תלין. גוט הייסט זי דאַן, אויב זי ווערט געמאַכט שנעל און געשיקט. בלויז דאָס איז דאָס וויכטיקע, און די געפילן פאַרשוואונדן.

דאָ אָבער זענען זיי לעבעדיק אַרויסגעטרעטן אין זייער ברענענדיקן אַנגסט און פיינלעכער באַקלעמונג, וואָס האָבן אים אויך די קעל צונויפגעדריקט.

פאַרוואָס־זשע?

נישט שוין־זשע איז דאָ נישט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל אים קענען אָפּלענקען פון דעם? ער האָט געזוכט — —

דזשאָוואַני סקוראַ? — ער האָט צוגעשלאָגן דאָס ברעטל און אַראָפּגענומען מיט די אויגן אַ מאָס פון קריסטוס בילד, ווי אַ סטאָליער אין זיין וואַרשטאַט.

אָדער ראַטי מיט זיינע לייט, וועלכע האָבן דעם גרוב אויסגעגראָבן?

ניין, דאָס זענען נישט געווען קיין הענקערס — קיין איינער פון זיי איז דאָס נישט געווען. קיינער האָט נישט געהאַט זיין אייגענעם ווילן, זיי אַלע זענען געווען מכשירים, נישט מער, העק, שטריק, גילאָטינעס — אָבער נישט קיין הענקערס. זיי האָבן בלויז געפאָלגט די באַפעלן פון דער הייליקער.

דער הענקער האָט קיינעם נישט געהאָרכט. געזען אַ פרייער מענטש, וועלכער האָט דערליידיקט זיין געשעפט. ער האָט גענומען באַצאָלט און זיך דערפאַר מתחייב געווען צו טייטן דעם מערדער. און האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צו טייטן אים.

אָבער קיינער פון די דאָזיקע לייט האָט דאָך נישט געוואָלט טייטן די הייליקע. אַזוי נישט געוואָלט, אַז יעדער איינער פון זיי וואָלט גאַנץ גערן אוועקגעגעבן זיין לעבן, כדי זי אָפּצוראַטעווען.

נאָר איר אייגענער ווילן האָט פאַרלאַנגט דעם טויט: זי, אַלזאָ, איז געווען דער הענקער, זי אַליין.

און איר אַרבעט איז געווען אַן אומגעשיקטע און פּאַמעלע־כע — זי איז געווען אַ שלעכטער הענקער.

אָבער גוט, צי שלעכט? — ווי אַזוי האָט דערדאָזיקער הענקער געקענט זיין בליק אָפּווענדן פון זיין קרבן — צו זיך? דערדאָזיקער הענקער — וועלכער איז אַליין געווען דער קרבן!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט באַם קאָפּ; זיין מוח איז אים אָנגעשוואָלן געוואָרן און האָט אים געשווערט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם שאַרבן צעזעצן. ניין, ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך צו באַפרייען פון דעם — ער איז געווען אַ טייל, אַ וואָסער נישט איז טייל פון דעמדאָזיקן חיהשן המון.

די הייליקע האָט אויפגעהויבן די אויגן.

— זענט איר שוין פאַרטיק? — האָט זי שטיל געפרעגט.

ראַטי האָט באַשטעטיקט:

— יאָ הייליקע שוועסטער.

זי האָט מילד אַ שמייכל געטון.

— טאָ הייבט־זשע אָן.

זי האָט אַ וווּנק געטון צום קנעכט.

— מיט וואָס זאָל איך אָנהייבן? — האָט געפרעגט סקוראָ.

און זי האָט געזאָגט:

— פעסטיק־צו די פיס צום האַלדז.

דער קנעכט האָט אַנידערגעקניט, געזוכט צווישן די טשוועקעס, אויסגעקליבן אַ זייער לאַנגן טשוואָק מיט אַ גרויסן קאָפּ און געפּרוּווט דעם שפּיץ מיט די ציין.

— זאָל איך אים אין די ווונדן אַריינשלאָגן? — האָט ער צעפּ ענט.

— יאָ, — האָט געזאָגט די הייליקע, — דאָס איז דאָס אָרט, וואָס גאָט אַליין ווייזט דיר אָן!

ער האָט צוגעשטעקט דעם טשוואָק און אויפגעהויבן דעם האַמער. אָבער ער האָט אים צוריק אַראָפּגעלאָזט, זיין אָרעם האָט געציטערט.

— אויף וואָס וואַרטסטו? — האָט געפרעגט די הייליקע.

און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— הייליקע האַרנטע —

— גיט אים צו טרינקען פון האַרס בלוט! — האָט זי געזאָגט.

מ'האָט אים דערלאַנגט אַ קעסל, און ער האָט עס זשעדנע אויסגעליידיקט.

— פילסטו זיך איצט גענוג שטאַרק, ברודער דזשיראַלאַמאָ?

ער איז צוגעקראָכן אויף די קני צו איר קאָפּ.

— האַרנטע, הייליקע האַרנטע, וועסטו מיר דאָס מוחל זיין?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ברודער, דאָס, וואָס דו דאַרפסט טון, איז גאָטס ווילן. דאָס איז דער קרבן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון דיר — אַזוי אַרום וועסטו דערגרייכן די מחילה פאַר דיינע זינד!

ער האָט באַכאַמאַל אַ טרונק געטון, דערנאָך געקושט די הייליקע וווּנדן פון אירע פיס. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און צוגעשטעקט דעם טשוואָק. ער האָט אויפגעהויבן דעם האַמער און אַ שלאָג געטון.

פראַנק ברוין האָט געהערט דעם זעץ פון האַמער. די פּלייצעס פון פאַ־אָבעק האָבן אים פאַרשטעלט די פיס פון דער הייליקער, אָבער ער האָט געזען איר פנים. זי האָט געשמייכלט מיט הכנעה, אירע ליפּן האָבן זיך לייכט באַוועגט. אָבער זי האָט גוט בעפילט דעם ווייטיק: אירע הענט האָבן זיך אַרומגעקראַמפּט אַרום

דעם האַלץ און די נעגל פון אירע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן דערינען —

אַלע האָבן אַנידערגעקניט און שטילערהייט מתפלל געווען, גישט זאָגנדיק אַרויסצוקוק. און נאָר די הויכע קלעפּ פון האַמער האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט.

דזשיראַלאַמאָ סקוראַ איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעווישט מיטן הייסן טוך דעם שמוציקן שווייס פון שטערן.

— ס'איז געשען — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

זי האָט אים געדאַנקט.

— און איצט די לינקע האַנט — האָט זי געהייסן.

ער האָט געהאַרכט. פראַנק ברוין האָט געזען, ווי ער האָט דעם טשוואָק איינגעדריקט אין דעם סטיגמאַט, דורכגעקלאַפּט אים מיט אַ שטאַרקן זעץ און צוגעשלאָגן צום האָלץ צו.

— די רעכטע האַנט, — האָט זי געזאָגט.

דער קנעכט האָט זיך געקווענקלט.

— הייליקע שוועסטער — ס'איז נישט גענוג פעסט — ס'קען זיך אָפרייסן —

פראַנק ברוין האָט זיך אָוועקגעדרייט, עפּעס אַ דיקע קנויל האָט אים געוואָרגן אין האַלדז. אַ, דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען נמאסדיקער, ווי אַלע אַנדערע: אָט רייסט זי זיך אָפּ מיט די הענט, פאַלט אַריבער אויף פּאָרנט און בלייבט הענגען אויף די בלוטיקע פיס.

אָבער די הייליקע האָט געשמייכלט:

— זאָרג דיך נישט, ברודער, טו, ווי כ'האָב דיך געהייסן!

ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט, אַנידערגעקניט, אָנגענומען איר האַנט, אַריינגעשטעקט אַ טשוואָק אין דער וואונד און אויפגעהויבן דעם האַמער.

— כ'דאַנק דיר, ברודער — האָט זי געזאָגט — און איצט גיב דעם האַמער דעם נביא.

דער קנעכט האָט געפאָלגט. דער נביא האָט גענומען דעם האַמער.

— וואָס זאָל איך טון ? — האָט ער געפרעגט.
— גיב אַ גוטן קלאַפּ אין טשוואָק אַריין פֿון דער לינקער האַנט.
ער האָט אָנגעדערגעקניט און געטון, וואָס זי האָט פֿאַרלאַנגט.
— און איצט דו, ברודער ראַנכי.
ראַנכי האָט אויך אַ שלאָג געטון, און זי האָט צוגערופן דעם אַלטן אולפּאַ.
פֿראַנק ברוין האָט געגעבן אַכט.
— דאָס איז גוט, איצט וועט זי זיך שוין גיכער קענען אָפּדרייסן.
זי האָט צוגערופן אירע פֿרויען.
— לינדאַ וואַטאַ, נעם דעם האַמער.
דאָס מיידל האָט אים אויפגעהויבן, אָבער ער איז איר פֿון דער האַנט אַרויסגעפֿאַלן :
— הייליקע שוועסטער, איך קען עס נישט טון.
— דו מוזסט עס טון, אַלע מוזסט איר עס טון. גאָט וויל אַזוי — גיב אַ קלאַפּ און דערלאַנג דעם האַמער דער קאַרמעלינאַ.
אַלע האָבן גענומען דעם האַמער. קאַרמעלינאַ האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון, אַזוי, אַז דער האַמער האָט קוים באַרירט דעם קאָפּ פֿון טשוואָק. אָבער מאַטילדאַ וועניער האָט אָפּגעפֿילט, אַז דאָס איז אַ גוטע מצווה, וואָס וועט פֿאַר איר עפֿענען די טויערן פֿון הימל. און זי האָט געשריגן :
— לייז אונדז אויס, אָ גאָטס־לעמל, וואָס ביסט מכפּר די זינד פֿון דער וועלט ! — און האָט הויך אויפגעהויבן דעם אָרעם און אַ זעץ געטון אַזוי שטאַרק, אַז דער טשוואָק האָט זיך גוט פֿאַרבויגן.
די הייליקע האָט געפֿרעגט :
— צי האָט שוין יעדער זיין קלאַפּ געטון ?
און ראַנכי האָט געענטפֿערט :
— יאָ, הייליקע שוועסטער.

— טאַ שטעלט-זשע אויף דעם קרייץ!

סקוראַ און קאַרנאַראַ האָבן אים פון הינטן אונטערגעהויבן. פינף אַנדערע האָבן מיטגעהאָלפן אָננעמען. זיי האָבן אים צוגע-טראָגן פּאַרזיכטיק צו דער שאַכט און אים אויסגעדרייט אַזוי, אַז דער אינטערשטער עק זאָל באַרירן די עפענונג. דערנאָך האָבן זיי געצעגערט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ נייעם באַפעל פון דער היילקער.

— שטעלט אים אויף! — האָט זי איבערגעחזרט.

ראַטי און אַלוואַסי האָבן אַריינגעשטופּט דעם עק אין גרוב אַריין, די אַנדערע האָבן אונטערגעהויבן דעם קרייץ. דאַן איז איר אַראָפּגעפאַלן די דערבערקרוין פון קאָפּ.

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט געזאָגט דער נביא. ער האָט די אויפגעהויבן און זי איר צוריק אַרויפגעזעצט אויפן שטערן.

— דריק זי צו פעסטער — פעסטער! — האָט געזאָגט די היילקע — איך טאָר דעם דערלייזערס קרוין נישט פאַרלירן. איך זאָל מיט איר אויפשטיין אין דריי טעג אַרום און אין זיין קעניגרייך אַריינקומען.

דער נביא האָט געטון אַזוי, ווי זי האָט באַפוילן. ער האָט שטאַרק צוזאַמענגעדריקט די דערנער, אונטערגעהויבן איר קאָפּ און אַרונטערגערוקט די קרוין, אַזוי, אַז זי איז געווען גוט אַרייַנגעקוועטשט צווישן קאָפּ און האַלץ.

זיי האָבן ווידער אונטערגעהויבן דעם קרייץ, ביז ער איז שוין גוט ווערטיקאַל געשטאַנען. זיי האָבן אים געהאַלטן איבער דער עפענונג און אַראָפּגערוקט דעם קלאָץ פּאַמעלעך אַ צאָל נאָך אַ צאָל, ער זאָל נישט קענען אומפאַלן. זיי האָבן אַריינגעשלאָגן הילצערנע פלעקער צווישן קלאָץ און דער שאַכט, פעסט צו האַלטן אים, האָבן צוגעקאָלערט גרויסע שווערע שטיינער און אויסגעפילט די גליַיזן מיט ערד.

און דער קרייץ איז געשטאַנען פעסט און הויך און איבער-געשטיגן דעם קרייץ פון גאַס-זון און ביידע אַנדערע פון די לומפן.

זיי האָבן אַרויפגעקוקט צו איר, געשטופּט און געשטויסן

זיך, אין אַ טיפע אומרויקייט האָט זיי אַרומגעכאַפּט. דער נביא איז צוגעגאַנגען צום צלם:

— הייליקע שוועסטער, וואָס זאָלן מיר טון?

און אירע ליפּן האָבן אַרויסגעפּליסטערט:

— זייט מתפּלל!

אַלע האָבן צוגעדערגעקניט, און דער נביא האָט אָפּגעזאָגט די תפילה פון גרויסן־פרייטיק.

פראַנק ברוין האָט אויפגעהויבן דעם בליק. זי איז געווען שיין — איז קיינמאָל נישט אַזוי שיין געווען ווי איצט. איר קאָפּ איז פאַרבייגט געווען אויפן לינקן אַקסל, די לאַנגע, שוואַרצע לאָקן זענען אַראָפּגעפלאָסן אין ביידע זייטן. די דערנער־רייף האָט באַקרוינט איר שטערן און אַרויסגעדריקט אויף אים קרעלנטראָפּנס. די ווייסע ברוסטן, היך פאַרצויגן דורך די אויפגעהויבענע אָרעמס, האָבן געלאַכט אַקעגן דער זון און זיך אָנגעבאָטן, ווי צייטיקע פרוכטן אויף אַ גאָלדערנער שיסל. דאָס סוף צרום איר לייב האָט זיך הויך אויפגעבויכט, ווי אויף קראַנאַכס פרויענבילדער, האָט אָפּגעדעקט די שענקלען און געוויזן די פּרעכטיקע פיס.

די ווונדן אויף די הענט און פיס זענען געווען אייַנגעריסן און האָבן אַראָפּגעטריפט דינע שנירלעך רויט בלוט.

— ווי לאַנג וועט זי נאָך אַזוי כוזן הענגען, ביז דער טויט וועט זי אויסלייזן? — האָט ער געטראַכט.

יעזוס פון נצרת איז געהאָנגען זעקס שעה. אָבער די בליעלים אין ביידע זייטן האָבן נאָך געלעבט, און מ׳האָט זיי געמוזט די פיס צעברעכן, בשעת די זון איז פאַרגאַנגען און דער שבת האָט זיך דערנענטערט.

וועלן זיי אויך טערעזען מוזן די פיס צעברעכן?

— אָבער דער שטילער שמייכל איז אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן; שטאַר און האַרט זענען געוואָרן אירע שטריכן. אַ קליינער טראָפּן בלוט האָט אַרויסגעטריפט פון איר מויל און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— אָ, ווען זי וואָלט שוין טויט געווען — האָט ער געפּליסטערט.

זי האָט זיך נישט גערירט. אָן אַ זיפֿץ און אָן באַוועגונג איז זי געהאָנגען אויפֿן קרייץ. דערנאָך איז אַ ציטערניש אַריבער די מוסקלען פֿון אירע אָרעמס און דורכגעלאָפֿן אין קראַמף איבער איר קערפּער, איר לייב האָט זיך הויך אונטערגעהויבן און צוריק אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן האָלץ. איר מויל האָט זיך געעפֿנט; די גאָמבע איז טיף אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ברוסט.

מינוטן זענען פֿאַרגאַנגען — און אפֿשר זענען דאָס שעהן געווען? אָך — פֿאַר אים זענען דאָס געווען אייביקייטן. זיינע אויגן זענען געווען ווי צוגעשמידט צו איר פּנים, ער האָט מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעשפּירט איר מינדסטע באַוועגונג.

— זי זאָגט עפּעס! — האָט ער געפֿליסטערט.

דער נביא האָט זיך אויסגעגלייכט.

— הייליקע שוועסטער, וואָס זאָגסטו אונדז?

שטיל, כמעט אומדערהערבאַר זענען אַרויס פֿון אירע ליפּן דעם דערלייזערס ווערטער:

— מיך דאַרשט.

— גיט איר צו טרינקען! — האָט ער אויסגערופֿן — גיכער, גיכער!

טוליאַ טראַמאָנטע האָט געכאַפּט אַ קעסל; סקוראַ איז צוגעגאַנגען נאָענט צום קרייץ און אַרומגענומען אים מיט ביידע הענט.

— קריך אַרויף אויף מיינע פּלייצעס!

טוליאַ האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אים און זיך געשטעלט אויף די פּלייצעס פֿון ריז. זיי האָבן אים דערלאַנגט דעם קעסל, וועלכן ער האָט הויך אויפֿגעהויבן. אָבער זיין אָרעם איז נישט גענוג לאַנג געווען, ער האָט געגרייכט מיט אים ביז אין דער העלפֿט פֿון צלם.

ראַנכי האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פֿון זיין לייוונטענעם לייַלעך, עס צונויפֿגעקנוילט און איינגעטונקען אין וויין. דערנאָך האָט ער עס אַרויפֿגעשטאָכן אויף ראַטיס שווערד, געלאָזן און פֿאַרזיכטיק, קיין טראָפּן נישט צו פֿאַרלירן, און דערלאַנגט די שווערט דעם קנעכט.

— גיב איר צו דאָס טוך צום מויל, ברודער!

טוליאַ האָט אויפגעהויבן הויך די שווערט און צוגעדריקט דאָס טוך צו די אָפענע ליפּן. זי האָט עס אָנגעכאַפּט מיט די ציין און גיריק געזויגן די טראָפּנס.

— זי טרינקט, די הייליקע טרינקט — האָט געפּליסטערט דער נביא.

אַלע האָבן געקוקט אַרויף. סקוראַ האָט אויך אָפּגעלאָזט די לינקע האַנט פון צלם און זיך אָנגעדרייט אַ ביסל אָן אַ זייט, כדי אויך צו קענען אַרויפקוקן, און ער האָט זיך ד רביי אַ שטרויכל געטון אָן אַ שטיין. ער איז נישט געפאַלן, האָט זיך באַלד צוריק פעסט אָנגעכאַפּט אָן צלם. אָבער טוליאַ טראַמאַנטע, וועלכער איז געשטאַנען אויף זיינע פּלייצעס, האָט אָנגעווירן דאָס גלייכגעוויכט און איז אַראָפּגעפאַלן. אָבער ער האָט אַראָפּפאַלנדיק געזוכט אָן אָנהאַלט און זיך אָנגעכאַפּט נישט בכיוון אָן טוך, וואָס האָט פאַרדעקט דער הייליקערס שויס. אָבער דער שטריק האָט זי אויפגעבונדן און טוליאַ איז אַראָפּגעפאַלן. אַלוואַסי האָט אים אונטערגעכאַפּט אין די אָרעמס.

פראַנק ברוין האָט אַ לייכטן געשריי געטון. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער יונג וועט, אַראָפּפאַלנדיק, מיטרייסן די געקריי־ציקטע. דאָס האָט געדויערט אַ רגע. אָבער ער האָט זי קוים אָנגערירט — ער האָט בלויז דאָס ווייסע טוך אַראָפּגעריסן פון איר לייב.

בלויז דאָס טוך —

זי איז נאָך אַלץ געהאָנגען אויבן אויפן קרייץ —

און ער האָט געזען, ווי איר לייב האָט זיך הויך געהעלבט. ער האָט געגאַפט אויף איר — —

זי איז געווען מעוברת. זי האָט געטראָגן אַ קינד אונטער איר האַרץ.

אַ קינד — —

זיין קינד!! זיין קינד!!

ער האָט אַ געשריי געטון. ער האָט אַוועקגעשטויסן די אַלע,

וואָס זענען געשטאַנען פאַר אים און זיך דורכגעריסן צום
צלם.

— טערעזע! — האָט ער גערופן — טערעזע!

אָבער זי האָט נישט געגעבן קיין ענטפער. אירע אויגן זע־
נען געווען געשלאָסן, איר קאָפּ איז אָנמעכטיק אַראָפּגעהאָנגען אויף
דער ברוסט.

ער האָט זיך מיט שרעק איינגעקוקט אין דעם פאַרוו־
דיקטן לייב, געזען דעם הייליקן צייכן אין איר לינקער זייט;
די ווונד איז געווען אָפן און האָט אַראָפּגעטריפט אַ העל רױטן
שניר׳ל בלוט.

„דאָס איז דעם קינדס בלוט", האָט ער געטראַכט.

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם קרייץ מיט ביידע הענט און אים
גענומען טרייסלען. זיי האָבן אים אַוועקגעריסן, אָבער ער האָט
געשלאָגן אַרום זיך אין אַלע זייטן מיט בלינדער רציחה, מיט אומ־
באַגרעניצטן כּוח. ער האָט זיי אַלע אַוועקגעשליידערט, אָנגעכאַפּט
דעם שטאַם פון קרייץ, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אונטערהויבן,
פון דער ערד אַרויסרייסן און אומוואַרפן.

— טערעזע! — האָט ער געשריגן — טערעזע!

ער האָט געזען, ווי איר קערפּער האָט געציטערט, דאַן
האָט ער אָפּגעלאָזט. זי האָט אויפגעוואַכט פון איר חלשות, און
אירע אויגן האָבן זיך פּאַמעלעך געעפנט.

— ווער רופט מיך? — האָט זי געפרעגט — ברודער פּיע־
טראָ — ווער רופט מיך צוריק אויף דער ערד?

דער נביא האָט אויפגעהויבן דעם אָרעם און אָנגעוויזן אויף
פראַנק ברוינען.

— דאָס איז ער, הייליקע שוועסטער.

זי האָט אים אָנגעקוקט. און האָט געזאָגט:

— וואָס וויל ער, דער פרעמדער?

— טערעזע — האָט ער זיך געבעטן — טערעזע — —

אָבער זי האָט אים נישט געהערט. איר קאָפּ האָט זיך אונ־
טערגעהויבן מיט געוואַלטיקער אָנשטרענגונג, אירע אויגן האָבן זיך

געוועגדט אינדערהייך אַרויף. די ליפּן האָבן זיך שטום באַוועגט. זי האָט תּפילה געטון און גערעדט מיט איר גאָט.

דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווידער געבליקט אויף אים. און זי האָט געזאָגט:

— גאָט האָט דיך אַראָפּגעשיקט אַהער, כּדי זיין רצון זאָל דערפילט ווערן. נעם די שפּיז און טו, וואָס ער האָט דיר באַפוילן.

ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס? — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — וואָס?

אָבער זי האָט אַראָפּגערופן:

— ברידער, צי הערט איר מיך נישט? דער האַר האָט אים געשיקט! — אַזוי ווי דער פרעמדער קריגסמאַן האָט געטון, דורכשטעכנדיק דעם דערלייזערס זייט מיטן שפּיץ פון זיין לאַנץ, אַזוי זאָל אויך ער טון. דאָס איז דעם האַרס רצון. איילט אייך, ברידער, איילט אייך.

זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטון. ער האָט געשלאָגן אַרום זיך, געקאָפּעט און געביסן. אָבער זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטון און אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. זיי האָבן אַרומגענומען זיינע פיס און זיין גוף, אים צוגעהאַלטן פעסט די אָרעמס און די הענט; און אַזוי האָבן זיי אים אויפגעשטעלט. און דזשיראָלאַמאָ סקוראַ האָט גענומען אַלוואַסיס מעכטיקן הייגאָפּל און אים אין דער האַנט אַריינגעקוועטשט.

— טו, וואָס זי האָט באַפוילן! — האָט ער געשריגן הייזעריק.

— ניין! — האָט ער געזאָגט — ניין! — ער האָט געשריגן און גערעוועט, אָבער זיי האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, אַריינגעשטופּט אים אַ טיכל צווישן די ציין און פאַרשטאָפּט דאָס מויל. סקוראַס לאַפּע האָט זיך שווער אַרויפגעלייגט אויף זיין האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם הייגאָפּל, צוגעפּרעסט זי, ווי מיט אַ שרובשטאָק, אַזוי, אַז ער האָט אים נישט געקענט אַרויסלאָזן.

און זיי האָבן אים אויפגעהויבן הויך, אָנגעשפּאַרט די

שאַרפע, קרומע שפּיצן פונם הייגאָפּל אָן דעם הייליקן לייב.

— די הייליקע וויל דאָס! — האָט אויסגעשריען דער גבאי — שטעך אַריין!

ער האָט געפּרוּווט מיט אַלע כּוחות זיך באַפרייען, די האַנט לויז מאַכן און די שטול פון הייגאָפּל אַראָפּרייסן, אָבער זיי האָבן אים געהאַלטן פעסט, אַכט שטאַרקע מאַנסלייט, מיט ווילדער, פאַנאַטישער קראַפט. און דער ווילן פון דער, וואָס איז אויפן קרייץ געהאַנגען, האָט זייערע מוסקולן אייזערן געמאַכט.

א י ר מ אַ ר י אַ נ ע ט ק ע א י ז ע ר ג ע ו ו ע ן.

דערנאָך האָט דזשיראַלאַמאָ סקוראָ הינטערווילעכץ א זעץ געטון מיט אַ געוואַלטיקן שטויס אין זיין עלנבויגן אַריין און אים פאַריסן דעם אָרעם הויך אַרויף, און די שאַרפע שפּיצן זענען אַריין אין דער הייליקערס לייב און האָבן זיך איינגעבויערט דערין ביזן סוף —

טיף אַריין — דורך מוטער און קינד —
דאָרט, וווּ דער סטיגמאַט האָט זיך געריטלט —
די הייליקע האָט אַ געשריי געטון.
איין איינציקן, ווילדן מאַומענטיקן געשריי.

* *

*

זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט, ער איז טעמפּ אַראָפּגעפאַלן * דער ערד.

XV.

Out — out are the lights — out all!
And over each quivering form
The curtain, a funeral pall,
Comes down, with the rush of a storm.

E. A. Poe, The Conqueror Worm.

ער האָט זיך אָנגעשלאָגן מיטן קאָפּ אָן א הארטן שטיין — איצט איז אויך זיין פּנים געווען פאַרבלוטיקט. ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין.

אזוי ווי ער איז זיך געלעגן אין וועג, האָבן זיי אים א כאַפּ געטאָן, אויפגעשלעפּט אָן א זייט און אים אריינגעטראָגן צווישן די בעדיכטע קוסטעס פון אָבוואנג. און זיי האָבן ווידער געקניט און געבעטן:

— אָ גאָטס-לעמל — —

און ער איז געלעגן דאָרטן און זיך נישט גערירט. אָבער אין זיינע אויערן האָט אָפּגעהילכט דער מוראדיקער געשריי פון דער הייליקער

איר געשריי, איר מאָוימדיקער, שרעקלעכער טויט-געשריי.

דערדאָויקער געשריי, וועלכער האָט פונאַנדערגעריסן אַלע שלייערן און דורך אַלע געפֿלען דורכגעבליקט, וועלכער האָט צעשמעטערט אַלע הימלען און זיי אַראָפּגעשליידערט אין טיפסטן תהום פֿון גיהנום.

באַ דיזן ווילדן געשריי האָט ער אויפגעצאַפּלט און אויפגעשפּרונגען פֿון אָרט.

ער איז פאַרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן דורך די געדיכטעניש, אויף אַלע פיר, ווי אַ שטערבלעך פאַרווונדעטע חיה — נאָר אַוועק, אַנטלויפן — — נישט שווין־זשע איז דאָ נישטאָ ערגעץ־ווו עפּעס אַ לאָך, אין וועלכן ער זאָל זיך קענען איינגראָבן? ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די שטיינער און אָשינע־קוסטעס. שטיינדלעך האָבן זיך געקייקלט פֿון אונטער זיינע פיס אַפּער און זיך אַרונטערגעשאָטן אין אָפּגרונט. אַנטלויפן — אַנטלויפן — —

דערנאָך איז ער שטיין געבליבן אויף אַ קליינעם אַרויסשטאַרק פֿון פעלז. ער האָט נישט געקענט גיין ווייטער; דער פעלז איז שטייל אַרונטערגעפאַלן אין דער אָזיערע אַראָפּ. ער איז געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט —

פּלוצלינג האָט עס ווידער אָפּגעקלונגען אויבן — — אָך, איר קול, איר קול — נאָכאַמאָל. ווי מיקראָפאָנען האָבן זיינע אויערן איינגעזאַפּט יעדן קלאַנג, און ער האָט אין דער אימהדיקער שטילקייט דערהערט דער שטאַבנדיקערס שטילע ווערטער:

— מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?

— אַנטלויפן! אַוועק!

אַלץ איז געווען פאַרשוווּנדן. ער האָט קיין זאַך נישט געזען, קיין זאַך נישט געהערט. נאָר איינס האָט דורכגעיאָגט איבער זיינע פיבערדיקע נערוון: „אַנטלויפן, אַנטלויפן".

און ער האָט אַ שפּרונג געטון אונטן אַראָפּ:

אָ, ווי גוט ס'איז געווען צו פליען אינדערלופטן — ער איז געפאַלן, געפאַלן; גאַנצע שעהן איז ער אַזוי געפאַלן אַראָפּ.

און די אָזיערע האָט אים אויפגענומען אין זיך. ווייך, ליבד, נישט טועגדיק אים קיין שום עוולה. ער האָט זיך טיף אונטער־

געטוקט, כמעט ביז צום גרונט. און ער האָט געשפּירט: „איצט בין איך אין מיין היימלאַנד“. און ס׳האָט אים אויסגעזען זיס דער געדאַנק צו רוען אַזוי אויפן גרונט פון דער אָזיערע.

אָבער די אָזיערע האָט אים נישט געגעבן קיין מקום-מקלט; זי האָט אים הויך אויפגעהויבן און אים אויסגעשפּיגן, ווי ער וואָלט עפּעס אַ טמא זאַך געווען. ער האָט זיך געקרעקט און באַמיט צו כאַפּן לופט; אינסטינקטיוו אָנגעהויבן שווימען ווי אַ הונט, פּונאַנדער-טיילנדיק דאָס וואַסער מיט די הענט.

קווער איבער דער אָזיערע.

ער איז אַרויס אויף דער יבשה נאָענט פון ריימאָנדיס הויז; געדאַנקענלאָז זיך געלאָזט גיין אַהין. דערנאָך, פאַר די טרעפּ, איז ער שטיין געבליבן — וואָס האָט ער דען געוואָלט דאָ?

ער האָט אַ קוק געטאָן אַרויף — אָך, די זון איז שוין געווען ווייט הינטער די בערג. אין טיפן שאָטן איז געלעגן וואָל די סקאָדראַ.

אָבער אפשר איז דער אויטאָ, וואָס האָט אים געזאָלט אַ עק-פירן, נאָך נישט פאַרבייגעפאָרן?!

אַוועק, אַרויף אויף די בערג צום שאָסיי-צו!

ער האָט נישט געוואָגט דעם קאָפּ אויסצודרייען — אַהינ-טער צו דער קרייץ-פּלאַטפאָרם. ער איז געלאָפן און געלאָפן. ער האָט באַמערקט רעכטס די ציגן-סטעזשקע — און איז תיכף אַרויף אויף איר. ער האָט געסאָפּעט, זיינע מלבושים האָבן זיך שבעל אויסגעטרוקנט אויף אים. אויסגעטרוקנט און ווידער נאַס געוואָרן פון הייסן שווייס.

און אויב זיי זענען שוין הינטער אים? אויב זיי האָבן גע-זען, ווי ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קרייצן-פּלאַטפאָרם און אַריבערגעשווומען די אָזיערע — אויב זיי וועלן אים כאַפּן?

אים — וועלכער האָט די הייליקע אויפן קרייץ דער-שטאָכן?

אַ שרעקלעכער אַנגסט האָט אים נאָכגעיאָגט, אַ טויט-שרעק איז אים אויפן נאַקן געזעסן. צי קריכן זיי דאָרט נישט אָפּער פון

דער געדיכטעניש! ציי הערט ער נישט אַמאָל די שווערע טריט און די גאָרגלדיקע שטים פון דעם קראַפּיקן קנעכט! אויב דער ריז וועט אים אַ כאַפּ טון אין זיינע לאַפּעס אַריין און באַשפּייען. ווי דאָס זיסע פּנים פון דער הייליקער?!

אָך, ער וואָלט אפילו די האַנט נישט געקענט אויפהייבן זיך צו ווערן!

ער האָט דערהערט, ווי עס ברעכט זיך עפּעס צווישן די קוסטעס! ער האָט געהערט, דייטלעך געהערט — ער האָט זיך אַ רוק־אָפּ געטון און איז אויפגעשפּרונגען —

ער האָט דערזען דעם שאָסיי — צען טריט נאָר ווייט פון זיך —

און איצטער נאָך, איצטער!

ער איז געפאַלן אויף די קני פאַר אימה. ער איז צוגעקראָכן אין אַ זייט און זיך אַריינגעקוועטשט אין געדיכטעניש — אפשר וועלן זיי אים פאַרבײַלויפן.

מען האָט זיך דערנענטערט, דערנענטערט צום חעג־צו. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַריינגעפּעסט דעם הייסן קאָפּ אין גראָז אַריין. אָבער ער האָט גוט געוווּסט, אַז ס׳וועט נישט העלפן, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אַזוי, אַז ס׳האָט אים אַוש אין האַלדז געוואָרגן.

דאָס איז געווען מאַרפאַ, די ציג. זי איז צוגעשפּרונגען צו אים און אים געלעקט רוי און צערטלעך איבערן פּנים.

— דו ביסט עס, דו? — האָט ער געפליסטערט.

ער האָט מיט גרויס מי זיך אויפגעהויבן, זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ח.הס האַלדזגורט און זיך געלאָזט שלעפּן פון איר. אַזוי אַרום איז ער אַרויפגעקומען אויפן שאָסיי.

דאָרט איז געזעסן אַנדזשעלאָ אויף זיין האַנט־קומערטל.

— דער אויטאָ איז שוין פאַרבייגעפאָרן? — האָט ער האַסטיק אַ פרעג געטון.

דער קנעכט האָט געענטפערט:

— ניין, הער, נאָך נישט.

ער האָט טיף אָפּגעזיפּצט. — דאָס איז געווען זיין רעטונג.

ער האָט געוואַרט. האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק איבערן שאָסיי, געקוקט אָנגעשטרענגט אַהין צו מאָנטע אַלמעגאַ, דאָרט, וווּ ס'האָט זיך פונוייטנס געזען אַ העלער פּאַס: דאָס שטיקל פון שאָסיי. דאָרט כּוז ער זיך צוערשט באַווייזן.

אָבער ער איז נישט אָנגעפאָרן, נאָך אַלץ נישט אָנגעפאָרן.

ער האָט זיך איינגעהערט — מיט הונדערט אויערן איינגעהערט, צי עס הערט זיך נישט אינדערהייך דער ליאַרם פון מאָטאָר און צי עס דרינגט נישט אַרויף פון אונטן, פון וואַל די סקאַדראַ, קיין גערויש פון די טייוול־יעגער, וואָס פאַרפאָלגן אים.

צי וואָלט נישט גלייכער געווען אַוועקצולאָזן זיך ווייטער מיטן שאָסיי? אַזוי וואָלט ער לכל־הפּחות געווינען אַ שטיקל וועג. — אָבער ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט נישט אָפּגעגאַנגען קיין הונדערט טריט אַפילו. ער איז געווען טויט־מיד, צעבראָכן אויף אַלע אברים.

ער איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון וועג; האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן דעם נוסנבוים און אויסגעקוקט דעם אויטאָ פון מערב־זייט. פּלוצלינג איז עפּעס דורכגעקראָכן בײַ זיינע פיס און זיך דורכגערוקט פאַרביי זיינע קני. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער באַלד געקומען צו זיך:

— גיי אַוועק, מאַרפאַ!

אָבער דאָס איז נישט געווען די ציג. דאָס איז געווען אַ מענטש: סיבילאַ מאַדרוצאַ. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן זיינגן שטאַם, כּדי נישט אומצופאַלן. די אַלטע בעטלערין איז געקראָכן — ווי אין ערשטן טאָג, בשעת ער האָט באַטרעטן דעם דאָזיקן טאָל. איר רוקן איז געווען אויסגעקרימט, ווי אַ בויגן אָנגעשפּאַנט פאַרויס, אַזוי, אַז דער קאָפּ מיט די צעשויבערטע, גרויע האָר האָט זיך קוים געהויבן אַ ביסל הינטער פון די היפטן. זי האָט געדרייט מיטן פּנים אין דער לינקער זייט, באַוועגט מיט די

שטומע ליפּן און געשיקלט משונהדיק פון אונטן אַרויף. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קורצן שטעקן, אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט צו אים, בעטנדיק אַ נדבה.

ער האָט נישט געוואַגט צו פרעגן זי. ער האָט איר געגעבן אַ פולע זשמעניע זילבערנע מטבעות און מיט שרעק אָפּגעווייכט אין אַ זייט.

— גיי אַוועק! — האָט ער געפליסטערט — גיי אַוועק!

איז זי נישט געהיילט געוואָרן?

איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ ווילדער חלום? אפשר האָט ער קיינמאָל דעמדאָזיקן שאָסיי נישט פאַרלאָזט, כדי אַראָפּצוגיין אין דעמדאָזיקן פאַרכישופטן טאָל אַריין פון סקאָדראַ?

ניין, ניין! אַזוי לעבעדיק איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס בילד פון דער טייוול-שלאַכט — אוממיטלבאַר, כמעט מיט די הענט אָנצוטאַפּן. ער איז געשטאַנען אין דעם נביאס האַלע, הינטן בײַ דער לאַנגער באַנק, און טערעזע איז געשטאַנען לעבן אים, און אַרומגענומען פעסט זיין האַלדז, און געהאַלטן זייַנע הענט, און זיך געטוליעט צו אים. טערעזע — — דאַמאָלס איז זי נאָך געווען טערעזע.

די רויטע שטורקאַצן האָבן געריכערט אין זאַל, און פּיעטראָ איז געשטאַנען אונטער קריסטוסעס בילד און זיינע ערשטע תּלמידים האָבן געהויבן די בייטשן.

ער האָט געזען, ווי די אַלטע בעטלערין האָט זיך געמאַטערט דורכצושטופּן זיך דורכן עולם, ווי זי האָט געריסן די קליידער און רעקלעך, ווי זי האָט געשטאָרכעט מיט איר שטעקן, כדי זיך דורכצוקריגן, ווי זי האָט זיך געוואָרפן פאַרן נביא, ווי זי האָט מיט גרויס מי אָנגעשמירט אויף אַ צעטל איר ווונטש. ווי די צעווילדעוועטע פרוי ווענער האָט איר אָפּגעשפּילעט די קליידער, ווי די ריטער זענען געפאַלן איבער אירע אַלטע פּלייצעס.

און ווי זי האָט זיך דערנאָך אויסגעגלייכט. —

צוערשט האָט זי אַנידערגעקניט, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעהויבן אין איר גאַנצע הייך, ווי איר קערפּער, וועלכער איז

דרייסיק יאָר אויסגעקרימט געווען אין אַ שרעקלעכן קראַמף, האָט זיך היינט אויסגעגלייכט און איבערגעשטיגן מיט אַ קאָפּ העכער אַלע אַרומשטייענדיקע.

זי איז געווען געהיילט.

אַ נס איז געשען, אַ נס!

איצט אָבער איז זי ווידער אַרומגעקראָכן יעמערלעך אויסגעקרימט און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם. און ס׳האָט אים אויסגעזען, ווי זי וואָלט געגאַנגען נאָך מער איינגעבויגן, נאָך שטייפער און עלנטער ווי פריִער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי שוין מער נישט געזען אויף די פאַרזאַמלונגען פון די טייוול-טרייבערס, זינט ער איז צוריקגעקומען פון צימעגאָ. הייסט עס, אַזוי קורץ, אַזוי קלאָגעדיק קורץ האָט איר גליק געדויערט?!

דערנאָך האָט ער אַ טראַכט געטון: אפשר נאַרט זי אָפּ, אפשר שפּילט זי בלויז די ראָל פון דער געליימטער בעטלערין און איז אין אמתן שטאַרק און געזונט — געזונטער, ווי ער. אפשר איז זי דאָ פון די פויערן אונטערגעשטעלט געוואָרן נאָכצושפּיאָנירן און פאַרהאַלטן אים, אין דער לעצטער רגע אים בײַם גאָרגל אָנצוכאַפּן?

צי האָט זי נישט גערופן עמעצן? צי האָט זי נישט געגעבן קיין צייכנס מיטן שטעקן פון באַרג אין טאָל אַראָפּ?

ער האָט זיך דערשראָקן אויסגעדרייט און איר נאָכגעקוקט. אָבער זי האָט מיט גרויס שוועריקייט זייער פּאַמעלעך צוגעהינקט צו איר שטיין-צו, זיך אַוועקגעזעצט, און ער האָט געקענט גוט זען איר פּנים. צעקנייטשט, חרוב, ווי אויסגעשניטן פון ב־וינעם, ווערמיקן האָלץ —

ניין, ניין, זי האָט נישט אָפּגענאַרט. זי איז געליימט אויסגעקרימט — — און בלויז דער נס איז געווען אַ גרויס שקר.

זי איז סיבילאַ מאַדרוצאַ, די אַלטע בעטלערין.

און ער האָט געטראַכט: — די הייליקע? — — אָ, די הייליקע —

— קיינמאָל! — האָט ער הויך אויסגערופן — קיינמאָל, קיינמאָל נישט! — זי הענגט אויפן קרייץ — און איך האָב געשטאָכן — — ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט — קיינמאָל, קיינמאָל! — האָט ער געשריגן.

און די שטילע ווענט פון מאָנטאַ אַלמעגאַ האָבן אויפגעכאַפּט דעם שאַל און אים צוריקגעוואָרפן פונוויטנס: קיינמאָל — קיינמאָל —

ער האָט פאַרביסן די ליפּן. צוואָס האָט ער געשריגן? האָט ער אַליין דען געוואָלט אַהעררופן זיינע פאַרפאָלגער? ער האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעקוקט, צי עס קומט נאָך אַלץ נישט אָן פון מערב-זייט דער אויטאָ? נאָך אַלץ נישט?

ער איז צוגעגאַנגען צו אַנדזשעלאָן און געוואָלט אים בעטן, ער זאָל אים אַרויסהעלפן, אויב זיינע פיינט וועלן אָנקומען.

און ער האָט אַנג קוקט דעם קנעכט, ווי ער איז זיך דאָרט געזעסן ברייט און צופריד,. מיטן רעכטן אָרעם האָט ער אַרומגענומען דעם האַלדז פון דער ציג און מיט דער לינקער האַנט זיך געשפּילט מיט אירע אייטערס.

— דו ביסט גליקלעך! — האָט ער געטראַכט — דו איינער אַליין!

— ווי לאַנג זיצסטו שוין דאָ אַזוי? — האָט ער געפרעגט.

— דעם גאַנצן נאָכמיטאָג.

— ווייסטו, וואָס ס'האָט דאָרט אונטן פּאַסירט?

דער קנעכט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, הער.

— האָסטו נישט געהערט דעם גרויסן ליאַרם?

אַנדזשעלאָ האָט געשמייכלט פאַרטראַכטערהייט.

— יאָ, כ'האָב אַפילו געהערט עפּעס אַ געשריי — אָבער וואָס גייט עס מיך אָן דאָרט, הער?

— ניין, ניין — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — דיך גייט עס בכלל נישט אָן — דו ביסט נישט קיין היגער.

ער האָט אים געלאָזט שטיין און אַרויסגעלאָפן אין מיטשאָסיי אַריין.

— אָט פאָרט ער! — האָט ער אויסגעשריגן — אָט פאָרט ער!

דער אויטאָ האָט אויפגעטויכט אויבן לעבן מאָנטע אַלמעגאַ, האָט געיאָגט שנעל איבערן שמאָלן פאַס שאָסיי, וועלכן מ'האָט געקענט זען פונווייטנס, איינגעהילט אין אַ געדיכטן וואָלקן ווייסן שטויב, דערנאָך האָט ער געהערט דאָס האַרטע גערויש פון מאָטאָר, און איצט האָט דער אויטאָ זיך דערנענטערט פייל-פון-בויגן.

דער שאָפער האָט אַ בלאָז געטון אין זיין קורצן האָרן, אָבער פראַנק ברוין איז שטיין געבליבן, אויפגעהויבן איבערהייך די הענט און אים געצווונגען צו פאַרהאַלטן זיך.

— וואָס ווילט איר? — האָט אויסגערופן דער שאָפער אומגעדולדיק.

— מיטפאָרן! — האָט געענטפערט פראַנק ברוין — מיטפאָרן!

— איך קען אייך נישט מיטנעמען. איר זעט דאָך גאַנץ גוט, אַז אַלע פלעצער זענען פאַרנומען.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און אים צוגעכאַפּט באַם אָרעם.

— איר מוזט מיך מיטנעמען! — האָט ער געשריגן. — כ'וועל מיך וואַרפן אונטער די רעדער, אויב איר וועט מיך נישט מיטנעמען.

דער שאָפער האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט, ער האָט געפילט, אַז דער דאָזיקער מענטש מיינט עס גאַנץ ערנסט.

— הער — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיין שכן — אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין און זיך אַ ביסל אָפּרוקן אין אַ זייט?

דער הער האָט עס געטון, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און עפּעס אונטערברומענדיק. פראַנק ברוין איז אַרויפגעגאַנגען און זיך גריי-

געקלעמט לעבן שאָפער. דער קנעכט האָט אַריינגערוקט זיין קו־פערטל צווישן די קניִען פון די פּאַסאַזשירן, דערנאָך אונטערגע־שטעלט די האַנט.

— וואָס ווילסטו? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

אַנדזשעלאָ האָט זיך תמעוואַטע צעשמייכלט, אַרויסגעצויגן זיין צעגקראַנענדיק פּאַפּירל און געפּאַכעט דערמיט אונדערלופּטן.

פראַנק ברוין האָט אים אַ וואָרף־צו געטון, ניט באַקוקנ־דיק אפילו, אַן אַנדערן באַנקנאָט. ער האָט אַ פּלאַטער געטון אין דער לופט און צאַפּ־עפּאַלן אין שטויב אַריין. דער קנעכט האָט אים אויפגעהויבן און שנעל געוואָרפן אַ בליק אויף אים. דערנאָך איז ער מיט שרעק צוגעשפּרונגען צום אויטאָ און אים אָפּגעגעבן דעם באַנקנאָט.

— הער — האָט געזאָגט דער שאָפער — איר האָט דעם יונג געוואָרפן הונדערט קראָן.

— באַהאַלט עס! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — באַ־האַלט עס!

ער האָט אַ דריק געטון דעם אָרעם פון שאָפער.

— למען השם, פאָרט שוין!

דער שאָפער איז אַראָפּגעשפּרונגען, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען, און אָנגעדרייט די קאָרבע. פראַנק ברוין האָט אומגערן אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כדי צו כאַפּן אַ לעצטן בליק אין טאָל אַראָפּ.

און ער האָט — איבער די געדיכטע קוסטעס — געזען די פּלאַטפאָרם לעבן דער אַזיערע — מיט פיר גרויסע, אומגעהייערע קרייצן — —

— פאָרט־זשע שוין! — האָט ער געשריגן אין וואַנזיניקן פחד — פאָרט־זשע שוין!

דער שאָפער איז צוריק אַרויפגעשפּרונגען — ענדלעך האָבן די רעדער גענומען לויפן. ענדלעך —

איצט האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט ער אַ פרעג געטון:

— וועלן מיר קומען גענוג באַצייטנס אין שטאָט אַריין, כּדי צו באַווייזן נאָך אָנצוקומען צום אָוונט-דאַמפּער?

— ניין — האָט געזאָגט דער שאָפער — גאַנץ זיכער, אַז נישט. — כ'האָב געהאַט היינטער מאָנטאָ אַלמעגאָ אַ קליינעם פאַרפאַל — דערפון שטאַמט די פאַרשפּעטיקונג. אָבער דאָס מאַכט גאַנץ קנאַפּ אויס, מחמת אַלע מיטרייזנדע זענען געסט פון אונדזער האָטעל, און וועלן זיי פאַרבלייבן נאָך, און היינט וועט דאָך סיי-ווי-סיי קיינער נישט אַוועקפאָרן.

— אָבער איך וויל פאָרן! — האָט געזאָגט פראַנק בּרוין.

אַ נייער פּחד איז אים באַפאַלן. די פויערן וועלן באַמערקן, אַז ער איז נישטאָ און וועלן אים נעמען זוכן זיי וועלן אויספרעגן דעם קנעכט און די סיבּילאַ מאַדרוצאָ. דאַן וועלן זיי דערהערן, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, וועלן זיי זיך אַרויסקלייבן און מאַרשירן — די גאַנצע נאַכט. און אויפן צווייטן טאָג וועלן זיי ווידער שטיין אונטער זיינע פענסטער —

אָדער זיי וועלן זיך אַריינרייסן אין האָטעל, אין זיין צימער אַריין, וועלן אים כאַפּן, בינדן און אָפּפירן צוריק. צוריק קיין וואַל די סקאָדראַ. צו דער פּלאַטפאָרם מיט די קרייצן. צו דער הייליקער, וועלכע איז דאָרט אויבן געהאָנגען.

אָ, ער איז כּלל נישט זיכער געווען אין שטאָט! ער מוז אויך פון דאָרטן אַוועק, מוז אַוועקפאָרן אינאָוונט נאָך — זיי מוזן פאַרלירן יעדן שפּור פון אים.

ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און זיך געצוווּנגען רויק צו רעדן.

— הערט מיך אויס — האָט ער געזאָגט צום שאָפער — איך מוז באַווייזן צו קומען צום דאַמפּער, נאָך היינט אינאָוונט — פאַר יעדן פּרייז! — נעמט זיך פאָרן מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער מאַשין. איר האָט געזען, אַז כ'האָב דעם קנעכט געגעבן הונדערט קראָנען, נישט אמת? — איר באַקומט אַלזאָ דרייַמאָל אַזוי פיל, ווי באַלד מיר וועלן אָנקומען צו דער צייט!

דער שאָפער האָט נאָכגעטראַכט, אָפּגעזיפצט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— עס טוט מיר זייער לייד, הער — האָט ער געענטפערט — גאָט חייסט, אז כ׳וואָלט גערן געוואָלט פארדינען דידאָזיקע פאַפירלעך — אָבער דאָס איז אוממעגלעך. אויב דער דאַמפער וועט זיך נישט פארשפּעטיקן, פונקט אזוי ווי איך, וועט עס נישט געלונגען.

— פאָרט־זשע, פאָרט־זשע נאָר! אפשר וועט ער זיך פאַרשפּעטיקן!

דערנאָך איז אים איינגעפאַלן אן אנדערער רעיון:

— צי וואָלט נישט מעגלעך געווען צוצופאָרן צו א ווייטערדיקער סטאַציע, צו אַ װעלכער, ווהין דער דאַמפער קומט שפּעטער אָנצופאָרן? דאַן וועט מען אים אפשר קענען פארלויפן און אים סוף־כל־סוף דעריאָגן.

אָבער דער שאָפער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, הער. דאָרט אהין פירט נישט דערדאָזיקער שאָסיי.

זיי זענען אנטשוויגן געוואָרן. פראַנק ברוין האָט פיבערהאַפט געזוכט עפּעס אן אויסוועג

גאָרנישט, גאָרנישט! אַ, זיי וועלן אים זיכער כאַפּן! ער האָט שוין געפילט, ווי סקוראַס רויטער קראָפּ האָט זיך געבאָמבלט איבער זיין פּנים

דערנאָך האָט זיך דערהערט דאָס פאָסט־טרומייטל. דער שאָפער האָט פארקירעוועט לינקס, זיי זענען פארבייגעפאָרן פאַרן פּאָסט־קעטשל, וואָס איז זיי אַקעגנגעקומען. ער האָט א בליק געטון אהין — דאָרט איז געזעסן דער אכס־יהגיק לעבן א גראָבער, מיאוסער פרוי. פראַנק ברוין האָט זיך איינגעקאָרטשעט. האָט אים ריימאָנדי געזען?

אָך, איצט וועלן זיי זיכער קומען נאָך אים אין שטאָט אריין! זיי וועלן דערציילן דעם באַלעבאָס, אז דאָס האָט ער עס געשטאָכן, ער — און זיי וועלן אלע מיט אים מיטקומען, אלע, אלע. חעניערס פרוי וועט איינגראָבן אירע נעגל אין זיין לייב, און דער שמוציקער אלוואַסי וועט אים אָנכאַפּן בא די הענט. דער נביא וועט זיי פירן, און ראַנבי מיט ראַטין וועלן שפּאַנען פאַר אים

פּאַרויס, בשעת זיי וועלן אים צוריקבריינגען אין טרומפּאַלן צוג —

און וואָס וועלן זיי טאָן מיט אים?

פריִער וועלן זיי אָ וואַרטן די דריי טעג, נאָך וועלכע די הייליקע דאַרף אויפשטיין תחית-המתים, ווי זי האָט פאַרגעזאָגט. און דריי טעג און דריי נעכט לאַנג וועט ער מוזן אָפּליגן לעבן איר אָפענעם קבר. דערנאָך אָבער? דערנאָך, אויב זי וועט נישט אויפשטיין פון איר קבר? אויב די גרויסע האָפענונג וועט צו נישט ווערן, אויב די מוראדיקע אַלטצײַגלעכקייט וועט מיט איר שרעקלעכער ניכטעַרקייט דערשטיקן יעדן הייליקן וואַנזין??

ס'וועט געשען מיט אים דאָס, וואָס דער יינגער אולפּאַן האָט געזאָגט: זיי וועלן אים כאַפּן אין זייער ווילדער רוגזה און לעבעדיקע-הייט אַרײַנוואַרפן אין אַ פייערדיקן טייך, וואָס ברענט מיט שוועבל! זיי וועלן אים צערייסן מיט די ציין, די שטיקלעך פון זיין קערפּער פונאַנדערשיטן, און די פייגל וועלן זיך אָנזעטיקן מיט זיין פלייש!

ער האָט געפיבערט. זיינע ציין האָבן צונויפגעקלאַפּט; ער האָט אין באַוווסטלאָזן פחד פאַרבאָרגן דעם קאָפּ אין די הענט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער שאָפער שטיל געזאָגט:

— מען וואָלט אפשר געקענט צופאָרן קיין טרעמאָזינע. דאָס איז נישט ווייט. דאָס איז די פאָרלעצטע סטאַציע.

— טאָ פאָרט-זשע אַהין! — האָט געפליסטערט דער דייטש.

דער שאָפער האָט זיך געקווענקלט.

— הער, אויך דאָרט וועלן מיר נאָר דאַן באַוויזן אָנצוקומען צום דאַמפער, אויב ער וועט זיך פאַרשפּעטיקן. דערצו ליגט נאָך טרעמאָזינע אויבן אויפן באַרג; מען קען, וואָס אַן אמת, מיט דער דראָטבאַן אַראָפּפאָרן צו דער אָזערע אָבער דאָס איז נישט גאַנץ אומגעפערלעך — בלויז די אָרטיקע באַפעלקערונג באַנוצט זיך מיט איר. און דאָס אויך נישט אַלע. אַלזאָ — — קען איך

אייך צופּ'רן קיין טרעמפּאָנזינע, אָבער כ'וויס נישט אויף זיכער, צי איר וועט באַווייזן צום דאַמפּפער.

— לאָמיר פּרוון — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — איר וועט אין יעדן פאַל אייער געלט באַקומען.

דער שאָפער האָט געהאַמעוועט און פאַרקירעוועט דעם אויטאָ צוריק.

— וווהין דאָס? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער וועג קיין טרעמפּאָזינע פירט רעכטס פון וועג אַראָפּ; מיר זענען אים שוין פאַרבייגעפאָרן, אָבער מיר האָבן קוים פיר מינוט פאַרלוירן.

— קוים פיר מינוט! — האָט אויסגערופן פראַנק ברוין — פיר מינוט! פאָרט־זשע, מענטש, פאָרט, ווי ווייט דער מאָטאָר דער־לויבט נאָר.

זיי האָבן געיאָגט אין בית־הכּסא'־משות, און אַרויף אויף אַ צרה־דיקן וועג דער וואָגן איז געשפּרונגען ווי אַ באַלעם, איבער שטיי־נער און בייטן, געוואָרפן די שעלטנדיקע פאַסאַזשירן פון זייערע געזעסן און זיי כסדר געטרייסלט אין אַלע זייטן. ס'איז שוין געווען פולשטענדיק פינסטער, בשעת זיי האָבן דערגרייכט דאָס אָרט.

דער שאָפער איז אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען שרייען הויך צו די פויערן; ער האָט געפרעגט, צי דער דאַמפּפער איז שוין פאַרבייגעפאָרן.

— אָט קומט ער טאַקע אָן — האָט מען געענט־פערט.

ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין האַנט־קופערטל און עס אַהינ־געוואָרפן צו די מענטשן.

— פירט אַראָפּ דעם הער אונטן! — האָט ער אויסגע־רופן.

פראַנק ברוין האָט אים געגעבן דאָס צוגעזאָגטע געלט און אַוועקגעאיילט צוזאַמען מיט די פויערן צו אַ משופּעדיקן פעלז.

די באַן איז שוין געווען אַלט און געמיין, באַשטימט בלויז לעבנסמיטל אַראָפּצופירן. די אייזערנע וואָגנדלעך זענען געווען

נישט גרוימער ווי אַ ברייטער קויש. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין ערשטן און איין פוייער מיט זיין קופּערטל אין צווייטן. עמעץ האָט אַ פייף געטון, און די וואָגנדלעך זענען געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג. זיי זענען שרעקלעך פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן איבער דעם שטיילן פעלז אונטן. ער האָט געזען דעם דאַמפּער — ער איז געפּאָ־ן גיך און האָט כּלל נישט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט זיך אָפּצושטעלן.

ער האָט געהערט, ווי דער שאָפער און די פוייערן האָבן אויבן געשריגן, האָבן געגעבן צייכנס מיט די לאַמטערנעס, געמאַכט קולות אין דער נאַכט אַריין, כּדי צו וויסן צו געבן דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן. דערנאָך האָבן זיי גענומען אַראָפּשרייען אונטן, מ'זאָל צוגרייטן אַ שיפל.

איצט איז עס געגאַנגען גיכער, ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָס אייזערנע וואָגנדל וואָלט אַראָפּגעפאַלן. עס האָט האַרט אָנגעשלאָגן אָן דער ערד, און פראַנק ברוין האָט אַ פאַל אַריבער געטון פאָרויס, אָנקלאַפּנדיק מיטן שטערן אָן האַרטן באַרג. אַ פּאָר קרעפטיקע אָרעמס האָבן אים אַ כאַפּ געטון, אַרויסגעצויגן, צוגעשטופּט צום ברעג און אים דאָרט אַריינגעוואָרפן אין אַ שיפל. זיי האָבן געכאַפּט די ווייסלעס און גענומען רודערן אַהין דאָרט צום דאַמפּער, וואָס זיין ליכט האָט זיך פּאַמעלעך דערווייטערט אין דער טונקלקייט.

די שיפערס האָבן געשריגן און געליאַרמט; ענדלעך האָט זיך דער דאַמפּער פאַרהאַלטן. פראַנק ברוין איז אַרויף אויפן דעק.

אָבער ער האָט אויך דאָ נישט געפונען קיין מנוחה און קיין זיכערקייט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט. זענען נישט אַמאָל די לייט פון וואַל די סקאָדראַ שוין דאָ אין שטאָט? וואַרטן זיי נישט — שוין גרייט אויף אים אָנצופאַלן, ווי נאָר דער דאַמפּער וועט אָנלויפן? ער איז מיט ברייטע טריט אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבערן דעק פון איין עק צום צווייטן.

זיי זענען צוגעפאָרן צו דער שטאָט, און דער דאַמפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די בריק איז כמעט געווען ליידיק, און אויך

אויפן ברעג זענען געשטאַנען נאָר עטלעכע מענטשן. ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט — — ניין, ניין, ס'איז דאָ קיינער נישט געווען.

אונטן, אין דער אָפענער שאָפע, האָט ער דערזען זיינע קאָנווערטלעך. ער האָט זיי אויסגעקליפט און געהייסן אַריבערטראָגן אויפן דעק, און האָט זיך אַלע ווײַלע אַרומגעקוקט, צי עס באַווייזט זיך נישט ערגעץ אין א טונקעלן געסל עמעצער פון די טייוול-טרייבערס.

עמעצער איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון פלאַץ אויף דער בריק, און ווידער האָט ער זיך דערשראָקן. צי זעט ער נישט וויס ווי אולפאַ, ווי דער ייִנגער דזשאָוואַני אולפאַ? אָבער ער האָט זיך באַזינען — דזשאָוואַני אולפאַ איז דאָך געשטאָרבן. און ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז דער פּאָרטיער פון עפּעס א האָטעל.

ס'האָט זיך דערהערט דער פייף פון דאַמפער — איינס — צוויי — דריי. מ'האָט צוריקגעצויגן די בריק און פאַרמאַכט די דעק, די מאַשין האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, און די שיף האָט גערירט פון אָרט.

ער איז געשטאַנען אויף דער הינטערשטער טייל פון דעק און געבליקט צוריק, ווי די שטאָט איז פאַרשוווּנדן מיט אירע לעצטע ליכטער. איצט האָבן זיי שוין געמעגט קומען דאָרט אַהין, איצט איז ער שוין געווען אַנטרונען! איצט מעגן זיי זיך אפילו וואַרפן אין דער צאָרע אַריין און ווי הינט אים נאָכשווימען — איצט וועלן זיי אים שוין סיי ווי נישט דעריאָגן!

דער פּחד איז פאַרשוווּנדן, אָבער ס'איז פאַרבליבן א הייסע אומרויִקייט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער איז געראַטעוועט, און אויב זיין מורא האָט נאָך געהאַט עפּעס א רעאַלן גרונט, איז עס געווען נאָר זיין אייגענע פאַנטאַזיע. אָבער דאָך האָט ער זיך שאַרף אַרומגעקוקט אויף די ברעגן, אַהינגעבליקט צום טיף-בלויען וואַסער פון דער גאַרדאַ, פּונקט ווי ס'וואָלט א ליאַדע רגע געקענט אויפטויכן פון דאָרט דער מעכטיקער קאָפּ פון דזשיראָלאַמאָ סקאַרדאַ.

דער דאַמפער איז אָנגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע.

ער האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג, וועלכער האָט געהאַט פאַרבינדונג מיט דער צפונדיקער הויפּט-ליניע. די פּאַסאַזשירן זענען אַריינגעקראָכן אין די פיאַקרן, געדונגען זיך מיט די בעלי-עגלות און זיך פונאַנדערגעפאָרן. אָבער ער האָט אויך דאָ נישט געוואָלט בלייבן, נאָר אַוועק, וואָס ווייטער פונדאַנען. דער לעצטער צוג פון דער קליינבאַן איז נאָך אָפּגעגאַנגען, איז ער איינגעשטיגן אַהין. ער איז געזעסן צונויפגעקוועטשט צווישן אייגנטימער פון ווייַנשטאָקן און האָלץ-סוחרים און געהאַלטן זיין האַנט-קופערטל פעסט אויף די קני. ער האָט זיך שטאַר איינגעקוקט אין דער ווייטקייט און פאַרזונקען אין טעמפּן, אַפּאַטישן טראַכטן. זיינע רעיונות האָבן זיך שוין נישט געקייַקלט, זיינע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוועגט און כסדר געפּרעפּלט דיזעלבע טרייסטלאָזע ווערטער: „אָ, דו גאָט-לעמל, וואָס ביסט מכפּר די זינד פון דער וועלט — —"

דער קאָנדוקטאָר האָט אים אָנגעכאַפּט.

— ווילט איר דאָ בלייבן זיצן? — האָט ער אים האַרט געפרעגט.

ער האָט זיך, אַ צעטומלטער, אַרומגעקוקט; ער איז געווען אַליין.

— ניין — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

ער איז געווען אין מאַרי.

איז ער אַוועק צו דער קאַסע פון דער הויפּט-ליניע און פאַרלאַנגט אַ בילעט. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער נאָענטסטער צוג גייט ערשט אָפּ צומאָרגנס אינדערפרי.

— און היינט באַנאַכט גייט שוין נישט אָפּ קיין שום צוג? — האָט ער געפרעגט.

— ניין — האָט געזאָגט דער באַאַמטער — בלויז אַ שנעל-צוג, וואָס גייט אויף דרום.

— ביז וווּהין?

— קיין ווענעציע.

— ווען קומט ער אָן?

— דער באַאַמטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייזער.

— תּיכּף — האָט ער געענטפערט — און פינף מינוט אַרום מוז ער שוין דאָ זיין.

פראַנק בּרוין האָט אָפּגעאָטעמט.

— טאָ גיט-זשע מיר אַ בּילעט.

ער איז איינגעשטיגן אין צוג. ס'איז אים געלונגען מיט גע־וויסער מי צו בּאַקומען אַ קופּע אין אַ שלאָף-וואַגאָן. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז שווער אַנידערגעפאַלן אויפן בעט.

דערנאָך איז אַריין דער קאָנדוקטאָר, ס'איז געקומען דער קאָנטראָלער און דער בּאַאַמטער פון די שלאָף-וואַגאָנעס — יעדע רגע אַן אַנדערע שטערונג. ס'זענען אים כמעט געקומען טרערן אין די אויגן אַריין.

— פאַרוואָס מאַטערן זיי מיך? — האָט ער געשעפּטשעט.

— אַלאָ. — ער האָט געמוזט אויסשטיין און לאָזן רעווי־דירן זיין קופערטל. ער האָט עס אויפגעשלאָסן און געשטאַנען שטום לעבן דעם צאָל-בּאַאַמטן, וועלכער האָט אַרומגענישטערט אין זיינע זאַכן.

— פאַראַן עפּעס צום אָפּצאָלן?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

ענדלעך איז ער ווידער געווען אין צוג. ער האָט זיך אויס־געטון און זיך געלייגט.

שלאָפן, שלאָפן!

אָבּער ער איז נישט געשלאָפן. ער האָט געציילט די שטויסן פון וואַגאָן און די קלעפּ פון זיין האַרץ. ס'האָט געקלאַפּט גאַנץ פּאַמעלעך, אָבּער שווער און טיף, בּיז צו דער קעל אַרויף. ער האָט זיך איינגעהערט אין די קלעפּ פון דעם פאָרנדיקן צוג.

„איצט בּין איך דאָ צוריק", האָט ער געטראַכט. „בּאַזיגט, צעקלאַפּט, צעטרעטן מיט די פיס. ווידעראַמאָל".

— אָך, און ס'וועט קיינמאָל נישט אַנדערש זיין! און וואָס פאַר אַ מאַכקע ער זאָל נישט נעמען אויף זיך און ווי שטאַלץ ער זאָל זי נישט טראָגן אין צרומשפּאַנען, ווי אַ דאַנטאָן, אַ צע־זאַר בּאָרדזשיאַ — סוף-כּל-סוף מוז דאָך דער שלייער אַראָפּ־פאַלן.

און דאַן בלייבט ער שטיין נאַקעט און פאַריאושט: אַן אמתער האַמלעט.

און דער מוראדיקער קין־צייכן פון דערקענטעניש בליש־טשעט אויף זיין שטערן — דאַן פאַרשווינדט דער ווילן.

שכל און אינטעלעקט — אָ, יאָ, זיי האָבן גוט משיג געווען, וואָס ס'איז געווען און וועט געשען. אָבער צו דער איבערווינדונג האָבן זיי קיין קראַפט נישט געהאַט, מחמת זיי האָבן בײַ די פיס געשלעפט די שווערע בלייערנע משא פון דער מחשבה, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זייערע טריט פאַרהאַלטן. אַזוי־ערנאָך איז די קראַפט צעבראָכן געוואָרן אין שפּיל, אַזוי האָבן זיך צעשפּליטערט די כוחות אין צוועקלאָזע, אילוזאָרישע קאַמפן. אָבער דער ווילן האָט געיאָגט ווייטער, נאַריש און האָפערדיק, און צעקלאַפט די וועלטן און זיי באַשאַפן אויפסניי, און לייכט איבערגעשפרונגען פון איין טאַט צום אַנדערן.

אָ, דידאָזיקע שיינע מאַסקע פון ווילן! אָט ליגט זי איצט אין הייסן שטויב פון טאַל סקאָדראַ, פאַרבלוטיקט, באַשמוצט און אויף שטיקער צעפליקט.

ער האָט געשריגן נאָך דעם ווילן. און יעדעס פעדעמל פון זיין לייב האָט הייס געדאָרשט און געשמאַכט אין ווילדער בענק־שאַפט נאָך מעשים — אָבער די מחשבות האָבן געלאַכט אויפן קול און געזאָגט:

„ווער עס פרעדיקט וועגן ווילן, דער איז אַ שלימזל!“

קיינמאָל איז זאַראַטוסטראַ נישט געווען אַזוי ווייך און שוואַך, ווי בשעת ער האָט גערופן: „ווערט האַרט“.

און ניטשע האָט גוט געפילט, אַז ס'איז אַזוי, און דידאָזיקע דערקענטעניש טאַקע האָט געבוירן די טראַגיק, וואָס האָט אים געפירט צום משוגעת. אַ תלמיד איז ער געווען, ווי ער, אַ תלמיד בלויז און נישט קיין מכשף.

אַ פליג איז אים געקראָכן איבערן פּנים. ער האָט זי אַ כאַפּ געטון און געהאַלטן צווישן צוויי פינגער. „ווערט האַרט!“ האָט ער ביטער געלאַכט. און די הונדערטער מחשבות האָבן דורכגע־

יאָגט אין איין אויגנבליק איבער זיין מוח: „צו וואָס? לאָז זי פליִען! וואָס חילסטו פון איר בידנע ביסל לעבן?״ ער האָט אראָפּגערוקט דאָס פענסטער און ארויסגעוואָרפן דאָס באַשעפעניש. „ווערט הארט!״ האָט ער זיך צעכליפּעט.

דער מענטש פון ווילן וואָלט עס צעקוועטשט — געדראַקעלאָג, עס וואָלט צווישן זיינע פינגער אומגעקומען, און דאָס געשעניש פון זיין טויט וואָלט אפילו צום דאָזיקן מענטשס מוח נישט דערגרייכט. ער אָבער האָט געמוזט טראַכטן און חקירה-בען —

אומהיילבאַר איז ער געווען, קיינמאָל וועט נישט דערפילט ווערן זיין בענקשאַפט, זיין הייסע בענקשאַפט נאָך דער מאַסקע, וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאַט.

אָבער דאָך — אפשר? — איינמאָל — ענדלעך — אין משוגעת!?

דאַן, דאַן ענדלעך וועלן די געדאַנקען זיך באַפרייען פון דער שרעקלעכער דערקענטעניש? דאַן וועט צעריסן זיין די קייט, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום שכל. דאַן וועט ווילדעווען דער ווילן, פריי און פריילעך, און צעקלאַפּן וועלטן און זיי באַשאַפן.

— דאַן!

צי איז נישט דאָס בעסטע משוגע צו זיין?

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער און געגאַפט אין דער פינסטערער נאַכט אריין. ער האָט געזען די נעמען פון די סטאַציעס, געלייענט אותיות, ווערטער — נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, וואָס זיי באַטייטן. ער האָט זיך א וואָרף געטון אויפן בענט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די קישנס און זיך איינגעביסן אין זיי מיט די ציין.

„אָ, דו גאָטס-לעמל, וואָס ביסט מכפּר די זינד פון דער וועלט, דערבאַרעם דיך איבער אונדז״.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך צוריק אָנגעטון. ער איז דורכגעלאָפן דעם גאַנצן צוג פון איין עק ביזן אַנדערן. דערנאָך

איז ער צוריקגעקומען, אַוועקגעזעצט זיך און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, און דער צוג האָט געיאָגט איבער די לאַגונעס. איבער וועניציע איז געלעגן דער ערשטער קאַלטער, זיפּטיקער פרימאָרגן-שיין, וועלכן ער האָט אַזוי פיינט געהאַט. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער גאָנדאָלע; מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער געפאָרן איבער די קאַנאַלן פון שטאָט.

בשעת ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ אין האָטעל אַריין, האָט ער זיך אַ וואַקל געטון און אומגעפאַלן. דער האָטעל-באַדינער האָט אים תיכף אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס.

— איר זענט קראַנק, הער! — האָט ער געזאָגט. ער האָט אים אַרויפגעפירט אין זיין צימער און אים געהאָלפן זיך אויסטון. ער איז שנעל צוגעפאַלן און געברענגט אַ פלעשל ווערמוט. פראַנק ברוין האָט האַסטיק אויסגעטרונקען דריי גרויסע גלעזלעך.

דערנאָך איז ער געפאַלן אויפן בעט —

* *
*

ער איז געשלאָפן, פעסט געשלאָפן, שטענלאַנג. ווען ער האָט אויפגעוואַכט, איז ער געבליבן ליגן אַ ווײַלע, אָבער זיך גלייך דערמאָנט אָן זיין מצב, איז ער גיך אויפגעשפרונגען, אַ קלונג געטון און באַשטעלט אַ קאַלט באָד. נישט טראַכטן, נאָר נישט טראַכטן! נאָר עפּעס טון —

ער האָט זיך זאָרגפעלטיק אָפּראַזירט, דערנאָך אַריינגעגאַנגען אין באָד. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים דערפרישט. עס האָט אים אויסגעזען, ווי עס וואָלט צוגעשוועמט פון אים אַ דיקן, פינף-וואָכיקן שטויב. ער האָט זיך אָנגעטון, גענומען זיין הוט און אַרויסגעגאַנגען.

ער איז דורכגעגאַנגען דעם מאַרקוס-פּלאַץ, אַוועקגעזעצט זיך לעבן איינעם פון די קליינע טישלעך פון קאַפע קוואַדרי און גע-

פרישטיקט. דער קעלנער האָט אים געבראַכט אַ צייטונג; ער האָט זי געלייענט פלייסיק, אינטערעסירט זיך מיט יעדער נאַרישער קלייניקייט פון בלאַט, ווי ער וואָלט זי טאָג־טעגלעך געהאַט נאָכ־געפּאָרשט. ווען ער האָט שוין געהאַט דורכגעלייענט ביז דער לעצטער שורה, האָט ער זי אַוועקגעלייגט און זיך אַרומגעקוקט איבערן פּלאַץ. האָס די וואַרעמע זון פון די לעצטע סעפּטעמבער־טעג האָט העל באַלויכטן. ער איז געווען כמעט לער, נאָר הינטן, בײַ דער רוסטאָוואַניע אַרום דער קאַמפּאַנילע האָבן פרישע ענג־לישע קינדער געפיטערט די טויבן. ער האָט געקוקט אויף סט. מאַרקאָ און אויף דער פּראָקוראַטאָריע —

מאָדנע! ער איז שוין דאָ אפשר אַמאָל הונדערט געזעסן און געקענט כמעט איטלעכן שטיין. און דאָך האָט אים אַלדינג הײַנט אַזוי פרעמד אויסגעוויזן, אַזוי טרוימהאַפט און נישט ממשותדיק —

ער האָט אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ און געקוקט שטאַר אויף די שטיינערנע פּליטן. און פון ערגעצוואו האָט אים דער ווינט געבראַכט צו טראָגן די ווערטער:

„און אַט אַנטלויפסטו, און דער אייביקער טויט יאָגט דיך נאָך. איבער אַזיעס און בערג, לאַנגע טאָל און ווײַטע פליִגען. איך זע דיך זיצן אויף אַ ברייטן פּלאַץ, און די זון שטראַלט פון ווײַסן מאַרמאָר אַראָפּ. אַרום און אַרום דערהויבן זיך הויכע פּאַ־לאַצן, די אָבער קוקסט שטום אויף דער ערד —“

„דער הייליקערס ווערטער“, האָט ער געטראַכט. אָבער יע־דע אויפרעגונג איז געווען אָפּגעשטאָרבן, און ער האָט זיך שטאַרק געחידושט אויף דערדאָזיקער שווערער מנוחה אין זײַן נשמה.

— איצט וועט עמעצער רופן — האָט ער געמורמלט.

און עמעצער האָט טאַקע אָנגערופן זײַן נאָמען. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און נישט געחידושט. אַזוי האָט עס געמוזט זײַן.

— פראַנק ברוין! — האָט גערופן די שטים — פראַנק ברוין!

ער האָט גוט געקענט דידאָזיקע שטים — זי האָט צו־

בעקענט זיין? דאָס איז נישט געווען די שטים פון דער היילי-קער — אָבער פון דערדאָזיקער פרעמדער שטים האָט פונדעסטוועגן ארויסגעקלונגען איר שטים. און ער האָט נאָכגעפליסטערט אירע ווער-טער.

„עמעץ וועט דיך אָנרופן באַם נאָמען — אָבער דו וועסט הערן מיין שטים."

ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט הויך:

— און די כמאַרעס פאַרדעקן די זון — —

די פרוי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אָך, האָט איר עס אַביסל אַ טיפע חכמה ארויסגעזאָגט, פראַנק ברוין, אַן אַסטראָלאָג וואָלט אייך געמעגט מקנא זיין! אַ שאָטן האָט זיך פאַרצויגן איבערן מאַרקוס-פּלאַץ, און דער חשובער פילאָזאָף דרינגט ארויס פון דעם, נישט אויפהייבנדיק אַפילו די אויגן, אַז אַ כמאַרע פאַרדעקט אַוודאי די זון! ס'איז ממש נשתומם צו ווערן!

ער האָט זיך געווענדט צו דער שיינער פרוי, וועלכע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים.

— לאַטע לעווי? — האָט ער געזאָגט — לאַטע לעווי, די פעניציאַנערין.

— נאָך אַלץ די פעניציאַנערין? — האָט זי געלאַכט.

— נאָך אַלץ — האָט ער איבערגעחזרט. — רויטע האָר, גרינע אויגן און דיגע, שוואַרצע ברעמען איבער זיי. שלאַנק ווי באַאַלטיס, און די נעגל מיט הענאַ געפאַרבט. מיידלשע ברוסטן, וואָס קענען כּמעט ניט האַלטן דעם מאַנטל און די בלוזע צו פאַרבינדן.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך גוט אַרומגעקוקט

— זענען דאָ נישטאָ ערגעץ אייערע עלטערן?

זי האָט באַוועטיקנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, אָט שטייען זיי דאָרטן לעבן יובילער. איך האָף, אַז זיי וועלן מיר קויפן די שנור פּערל, וועלכער איז מיר געפעלן.

— זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— שווייגט גאָר — האָט זי פאַרגעזעצט — איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס איר טראַכט זיך! — טאַטע לעווי: עטוואָס קרומפוסיק, קליין, געשוואָלענע ליפּן, דיקע נאָז און קלייניצ אויגן. מאַמאַ לעווי — אָרער ניין, זי וואָלט געוועזן געפּלעפּט! אַלזאָ פרוי געהיים-קאָמערצראַטין לעווי — לײדער! — געבוירענע לודמילאַ באַראָנין פאָן קיהלבעק — אונטערגעשטראָכן! — הויך — גראָבביינער-דיק, גאָר אַלץ שיין און אַביסל נאַריש. און דאַן: לאָטע. שלאָג-וואָרט: מענאַזשעריע — ריכטיק?

— יאָ — האָט ער געזאָגט — ריכטיק. די בעסטע האַלב-בלוט-ראַסע. זי דאַרף זיך ווילדע קאַרשן אין די האָר אַריינ-שטעקן.

זי האָט זיך לייכט צעלאַכט:

— אָדער מירטן און אָראַנזשן-בליעכץ. — כ׳בין זינט דריי וואָכן מיט אַ גראַף פאַרקנסט. מאַמאַ איז אַנטציקט.

— אַ שאָד! — האָט ער געזאָגט — דאָס וועט פאַרדאַרבן די ראַסע.

זי איז צוגעגאַנגען הארט צו אים און אים שאַרף אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין:

כ׳בין שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַלט. פינף און צוואַנ-ציק יאָר! אויף וועמען זאָל איך וואַרטן? זאָל איך אפשר מיט אייך חתונה האָבן?

— חס וחלילה! — האָט ער געלאַכט. — האָט טאַקע חתונה מיטן גראַף — אָבער האָט נישט קיין קינדער — לכל הפחות נישט פון אים.

זי איז בייז געוואָרן:

— איר זענט אומדערטרעגלעך! — האָט זי אויסגערופן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און איר דערלאַנגט אַ שטול.

— אָך, לאָטע, איר גלייבט אַליין נישט דערין.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— אַלזאָ גוט, איך גלייב אַליין נישט דערין. מילא, איר

האָט רעכט, פון מייגעטוועגן! — אָבער איר מוזט מיר צוזאָגן היינט איבאָוונט מיט מיר ארויסצוגיין.

— וווהין?

איר אויג האָט געלאָקערט, ווי אַ רויב־חיה צום שפרונג.

— אַלציינס — האָט זי געזאָגט — איך ווייס נאָך אַליין נישט. כ'וועל אייך שוין ערגעץ־ווו פירן.

— גוט — האָט ער געזאָגט — איבעריקנס — אויב איר ווילט עס הערן — זייער גערן. כ'בין צופרידן, וואָס כ'האָב אייך געטראָפן.

— איר? — זי האָט גערעדט רויק און כמעט גלייכגיל־טיק. — מילא — איך אויך! איך לאַנגווייליק מיך.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי אַ קוש געטון.

— דאָס איז א י י ע ר האַנט, לאָטע, נאָר א י י ע ר ע. קלוג און אכזריותדיק.

זי האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט.

— און גראָד איר זאָלט אַזוי זאָגן. — צי זענען דען פאַר־הין נאָך אכזריותדיקערע און ברוטאַלערע קלאַען, ווי אייערע זענען?

ער האָט געשוויגן, זיינע ליפן האָבן זיך גאַליק פאַר־צויגן.

— מאַסקע! — האָט ער געטראַכט — עלנטע מאַסקע.

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ פרעג געטון:

— פינוואַנען האָט איר זיך עפעס דערגומען אַהער — אין דער צייט? איצט הייבט זיך אָן דער סעזאָן אין בערלין — מען וואַרט דאָרט אויף אייך.

ער האָט אַ מידער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ — האָט ער געזאָגט קלאַנגלאָז — איך פאָר טאַקע אַהין.

זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, און דער־נאָך געזאָגט:

— זינט אַ האַלב יאָר זענט איר פאַרשוווּנדן פון דער ערד־

קויל אַראָפּ. — אין וועלכן ערדטייל האָט איר ערגעץ געשטעקט? וואָס האָט איר געטון? און ווי אַזוי קומט איר עפּעס אַהער?

ער איז שנעל אויפגעשטאַנען, אָבער זיך אַ וואַקל געטון און מיט מי אָנגעהאַלטן אָן קאַנט פון טיש. זיין פּנים איז בלייך געוואָרן; זיינע אויגן האָבן שטאַר געבליקט אין חלל אַריין.

— פונוואַנען איך קום אַהער? פון די בערג. פון ערגעץ אַ לאַך אין די בערג. וואָס איך האָב דאָרט געטון? — — אַ — כ'האָב אַריינגעבליקט אין שויס פון דער ערד.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם.

— און אויפן מכשפות־באַרג געטאַנצט? און לכבוד דעם שטן המקטרג אַ סאַבּבאַט געפייערט?

זי האָט שפּאָטיש געלאַכט.

— זייט זיך דאָ מודה, פראַנק ברוין!

ער האָט מיד געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און אפשר האָב איך בלויז אַ ראָמאַן אָנגעשריבן.

זי האָט אים ראַש דערלאַנגט די האַנט.

— אַט זענען מיינע עלטערן! — קומט אַהין אין האָטעל, אויב איר ווילט. דאַניעלי. און היינט אינאָווענט ניין אַ זייגער דאָ — און לאָזט מיך נישט וואַרטן אויף אייך!

— אָלרייט! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

XVI.

Souvent femme varie,
Bien fol, qui s'y fie

Franz I. von Frankreich.

ער איז אַרויסגעפאָרן קיין לידאָ און איז געשווומען אין ים. ער האָט זיך אַרומגעשלענדערט אויף דער פּלאַזשע.

ער האָט באַגעגנט עטלעכע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט געפּלוידערט אַ פּאָר גלייכגילטיקע ווערטער —

שפּעט נאָכמיטאָג איז ער צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. ער איז אַוועקגעגאַנגען צום האָטעל דאַניעלי און אָפּגעגעבן זיין קאַרטע; די דאַמען זענען גראָד געהאַט אַרויסגעגאַנגען, אָבער דעם קאָמערצראַט האָט ער געטראָפן. זיי זענען געזעסן אין רייכערצימער און געשמועסט; דער קאָמערצראַט האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געגרינדעט אַ נייע געזעלשאַפט פאַר דער אויסשטעלונג פון מאָנאָפּלאַנען.

— איך האָב געמיינט איר אַרבעט אין דער געזעלשאַפט פון מאַטאָרישע לופט-שיפן? — האָט געפרעגט פראַנק בראַון.

דער אַלטער לעווי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— דאָס איז געווען אַמאָל! איצט האָט זיך אַלץ איבערגעקערט — און צום בעסערן! הייַנט בין איך אַן איבערצייגטער אוויאַטיקער.

— איז שוין בייַ אייך אַלץ אין אָרדענונג? — האָט אַ פרעג געטון פראַנק בראַון. — אפשר האָט איר נאָך עפּעס אַ פרייַען פּאָסטן אין אויפזיכטס-ראַט, טאָ בעט איך אַן מיר צו געדענקען. איך בין אַ בעלן אויף אַזעלכע פּאָסטנס. דערבייַ בין איך דער געבוירענער אויפזיכטס-ראַטמאַן, בין פּונקט אַזוי דיסקרעט, ווי רעפּרעזענטיוו, כ'מיש מיך אין קיין זאַך נישט און גיב אומגעזען יעדע אונטערשריפט.

— ס'וועט זיך לאָזן וועגן דעם אַ טראַכט טון — האָט געזאָגט דער קאָמערצראַט — אפשר וועט זיך נאָך עפּעס אָפּזוכן. איבעריקנס, געפינט זיך דאָרט אויך די קאַראַמין-געזעלשאַפט, וועלכע איך גרינד גראָד; פאַר איר דאַרף איך נאָך עטלעכע גוטע נעמען. אָדער נעמט אייך אפשר צו דער אוויאַטיק, דאָקטאָר?

— דורכויס נישט — קאַראַמין? — וואָס איז דאָס אַזוינס?

הער זיגפריד לעווי האָט הויך אָפּגעלאָזט דעם אָטעם דורך דער נאָז און זיך געקלאַפּט איבער די שענקלען מיט די עטוואָס צו דיקע פינגער.

— כ'האָב קיין שום אַניונג נישט, קיין שום אַניונג! עס מוז זיין עפּעס אַזוינס, ווי מאַנדאַמין אַ שטייגער, אָדער פּאַלמין. אָבער העכסט סאָליד, אַ זייער גוטע זאַך; מיר האָבן לעגענדאַרישע אויסזיכטן.

— מילא, איך צווייפל נישט דערין. אָבער פונדעסטוועגן — פאַר קאַראַמין בין איך אַ ביסל טייערער, מיט אייער דערלויבעניש.

ער האָט זיך געזעגנט; אויפן בעזאָרן דערגאַנג אין האָטעל.

ווידער געטראָפן באַקאַנטע און געגעסן מיט זיי אָ״נטברויט.

ס'איז שוין געווען אַ פערטל אויף צען, ווען ער איז געגאַנגען צום מאַרקוס-פּ״אַץ.

— איך קען היינט נישט וואַרטן — האָט ער געטראַכט — טאָ זאָל זי עס טון.

לאָטע לעווי איז אים אַקעגנגעקומען מיט ברייטע טריט.

— איך ווייס! — האָט ער אויסגערופן — איבעריקנס איז עס געווען בכיוון און נישט אויס נאַכלעסיקייט. איך בין געווען אַ גאַנצן טאָג צווישן מענטשן. כ'האָב היינט נישט געקענט זיין אַליין, אַפילו אַ פּאָר מינוט נישט. און דאָס איז עס געווען די סיבה.

זי האָט אים דערלאַנגט דעם אָרעם.

— פּחד?

ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— ווי איר ווילט. אפשר — פּחד. — נעכטן, וואָס אַן אמת, איז עס געווען אַביסל מער.

— און איצט? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט אַרונטערגערוקט זיין אָ־עם אונטער אירן.

— איצט? — איצט איז שוין גוט. כ'בעט נאָר מיט מיר צו פּלוידערן אַ סך.

— אַ דאַנק. ווי איר צעגיסט זיך דאָס אַ ביסל אין ליבנס-ווירדיקייטן. — אַזוי, דערויף בין איך גראָד גוט, אייער שלעכטע שטימונג צו פאַרטרייבן?

ער האָט לייכט אַ דריק געטאָן איר אָרעם.

— אַך לאָטע, מיר ביידע ווילן דאָך נישט מאַכן קיין אָנשטעלן צווישן זיך. ס'איז טאַקע אַזוי, ווי איר זאָגט. אָבער צי דען איז דאָס אויך נישט עפּעס אַ קאַפּריז, וואָס האָט גורם געווען, אַז איר זאָלט היינט באַנאַכט מיט מיר זיך איבער ווענעציע דורכשווימען? — אַזוי איז עס, לאָטע: איך וויל ווייטער גאָר נישט טראַכטן. און צו דעם צוועק שיקט מיר אַ גוטער גאָט צו לאָטע לעווי, וועלכע פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אויב זי וויל נאָר, ווי פּעגט צו האַלטן דעם מענטש, וואָס גייט לעבן איר — דאָס איז

אַ קאָמפּלימענט, מיין קלוגע פריילין. און איך וואָלט טאַקע געוואָלט וויסן עפּעס אַנדערש טראַכט, און פון דער נעכטיקער איבערלעבעניש די ווייטסטע פאַרגאַנגענהייט מאַכן. כ'בין אַלזאָ זיכער דער בעסטער אָביעקט פאַר אַלע אייערע היינטיקע ווונטש. איר אָבער האָט עפּעס אַן איידעע, וועלכע לאָקט אייך. איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז קיינער זעט אייך נישט אויס מער מסוגל דערצו, ווי גראָד איך. איר האָט דאָ הונדערטער באַקאַנטע, אָבער קענט קיינעם פון זיי נישט געברויכן — צו דעם, וואָס אייך גלוסט זיך איצט. איך אָבער זע אייך אויס צו זיין ראוי דערצו — און דערפאַר האָט איר זיך דערפרייט, בשעת איר האָט מיך היינט איבערפרי געטראָפן. אַזוי בין איך אַלזאָ דאָס קיניגל, אויף וועלכן די ליבע לאָטע וויל אויספּרוּוון עפּעס אַ גיפט. און היות דאָס קיניגל איז קראַנק און רעדט זיך איין, אַז לאָטעס גיפט וועט אים אפשר קענען העלפן, איז עס אַלזאָ אונטערטעניק און עסט פון דער האַנט. אָט האָט איר אונדזער פּאַקט, לאָטע!

זי האָט אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך לייקן נישט, אַז ס'איז אַזוי.

— און דערפאַר לאָטע — האָט ער פאָרגעזעצט — דאַרף מען דאָס קיניגל גלעטן און זיין גוט און ליב דערצו — באַהאַלטענע אַלע קליינע שלעכטיקייטן פאַר אייער גרעפישן חתן.

זי האָט פאַרצויגן די ליפּן.

— ווען וועלכן איר טראַכט אַפּנים מער ווי איך. — דעם אמת געזאָגט — האָב איך שוין איצט כמעט גאָר קיין חשק נישט דערצו.

— חתונה צו האָבן? — האָט ער געפרעגט.

— אַך, וואָס! צו דעם, וואָס כ'האָב היינט געוואָלט. — איר האָט מיר כמעט מיין ווונטש פאַרמיאוסט, פראַנק בריון.

— פאַרמיאוסט?

— יאָ, איר דאַרפט מיך נישט אַזוי כאַפּן באַם וואָרט — אַלזאָ נישט — פאַרמיאוסט. אָבער אָפּגעשניטן, האַרט באַם וואָרצל.

— אָך, וואַרט נאָר אַ ביסל, לאָטע, ער וועט שוין אויפּסניי-אויפשפּראָצן — וווּהין וועלן מיר גיין?

— ס'איז מיר אַלצייינס — האָט זי געזיפצט — לייג-זשע שפּעט פאַר.

זיי זענען געגאַנגען מיט די אַרקאַדן פון דער פּראָקוראַטאַריע. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַקאַט.

— צום טעאַטער גאָלדאָני? — באָוועלי שפּילט דאָרט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי איר ווילט.

ער האָט איבערגעלייענט דעם אַפיש — — האַמלעט.

— ניין — האָט ער געזאָגט — ניין! דאָס איז אַ שרעקלעכע פּיעסע.

— האַמלעט? — זי האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

ער האָט זי אויעקגעצויגן.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — הייגט — פאַר מיר.

זיי זענען געגאַנגען דורך דער מערציעריע. האָבן געשוויגן, געקוקט אויפן המון, וועלכער האָט זיך געשטופּט און געשטויסן, אָדער אויף די העלע שויפענסטער, אָנגעשטאָפּטע מיט ביליקן טאַנדעט פאַר אויסלענדער.

— פלוידערט-זשע אַ ביסל, לאָטע — האָט ער זיך געבעטן.

זי איז שטיין געבליבן פאַרגאַפט אויף אַ גרויסן, שרייענדיקן אַפיש — דער גראַף מאָנטע קריסטאָ, אין מאָמענט, ווען ער ווערט אין אַ זאַק אין ים אַריינגעוואָרפן.

— אַ קינאָ! — האָט ער פריילעך אויסגערופן — גייען מיר אַריין, לאָטע? אָך, ווי לאַנג כ'האָב שוין קיין פילם נישט געזען!

— ווי איר ווילט — האָט זי געזאָגט. און איר שטים האָט בעקלוגגען מאַט און אומענדלעך גלייכגילטיק. און דאָך האָט אים אויסגעזען, ווי ס'וואָלט געלעגן אַ געוויסע כוונה אין דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, אָבער זי האָט אויסגעמיטן זיין בליק.

זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט פאַרנט אין אַ לאָזשע. זיי האָבן געזען בלעריאָן, ווי ער איז אַריבערגעפלויגן דעם קאַנאַל מיט זײַן פויגל.

— אָך, גרויסאַרטיק! — מיר מוזן ברענגען אײַער פאָטער אַהער, ער אינטערעסירט זיך איצט מיט אַוויאַציע.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. — בשעת דער הפסקה, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איר באַזאָרגן אַ פּראָגראַם, און זי האָט אים דורכגעלייענט זייער אויפמערקזאַם.

דערנאָך איז געקומען דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דעם פילם: די געשיכטע פון גראַף מאָנטע קריסטאָ, פרײַ נאָך דיומאַ־פּאַטער. אַ ריזיקער פילם פון גומאָנט, וועלכער האָט געדויערט צוואַנציק מינוט. אַ ביסל סענטימענטאַל און בירגערלעך ראָמאַנטיש, אָבער פּראַכטפול געשפילט, מיט מיטרייסנדיקע איינצלהייטן, וואָס קיין שום בינע אויף דער וועלט וואָלט עס אפילו בערך נישט געקענט דערגרייכן. דידאַקטיקע לאַנדונג אויף שאַטאָ דיף —

ער האָט זיך געפרייט און אַרומגעשטיפט ווי אַ יונגל. ער האָט איר דערציילט וועגן זײַנע באַזוכן בײַ גומאָנט און פּאַטע, ער האָט גערעדט מיט התפעלות וועגן דער דאָזיקער ריזיקער אינסטיטוציע, איר מסביר געווען, ווי אַזוי דאָס אַלץ ווערט געמאַכט און איר דערקלערט הונדערטער גוטע „טריקס".

— אָך, דער קינטאָפּ! — האָט ער באַגײַסטערט אויסגערופן — ס'איז דאָס העכלעכסטע, וואָס אונדזער צײַט האָט געשאַפן! איך ווייס נישט, ווער ס'האָט אים דערפונדן — לאָמיר זאָגן, אַז טאָמאַס אַלוואַ עדיסאָן in dubio! אָבער מיר איז דער דאָזיקער מאַן ליבער, ווי מאַרקאָני און צעפּעלין און רענטגען און קאָך און קוק און הונדערטער אַנדערע!

דער קינאָ לאָזט אונדז אַרומרײַזן איבער אַלע לענדער, ער איז דער בעסטער היסטאָריקער, אַ פאַנאַטיקער פון אמת, וועלכער ווייסט נישט פון קיין טעותים. און גלײַכצײַטיק איז דער זעלבער קינאָ דער אמתדיקער אַלכעמיקער. ער צעקלאַפּט אויף שטיקלעך דאָס, וואָס דער שכל באַגרײַפט און איז דער איינציקער מכשף,

פֿון דער וועלט. ער מאַכט פֿון דעם הוה אַן עבר און פֿון עבר אַן עתיד, מאַכט די סיבה צום פּועל־יוצא און פֿון פּועל־יוצא אַ סיבה. צי איז דאָס נישט הערלעך? — צי האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ פֿילם, ווען ער לויפֿט אויף צוריק? וואַרט אונטער, איך וועל דערנאָך איבעררעדן מיטן אייגנטימער! לאָמיר־זשע נעמען דעם פּשוטסטן ביישפּיל! איר, לאָטע, למשל, זיצט אייך אַזוי און רייכערט אַ פּאַפּיראָס: דאָסדאָזיקע קליינע זשאַנר־בילד קינאָמאַטאָגראַפֿיר איך אָפּ! איר זעט דאַן אויפֿן פֿילם די לאָטע, וועלכע נעמט אַ שוועבעלע, רייבט עס אָן שאַכטל, צינדט אָן דעם פּאַפּיראָס און וואַרפֿט אַוועק דאָס שוועבעלע. דערנאָך רייכערט זי און קלאַפּט אָפּ דאָס אַש אין אַש־בעכער אַריין: דער פּאַפּיראָס ווערט וואָס אַמאָל קירצער און קירצער. לסוף קוועטשט זי אים אויס און נעמט אַוועק די ליידיקע האַנט. — איצט אָבער, לאָטע, לאָמיר לאָזן לויפֿן דעם פֿילם אויף צוריק. וואָס געשעט דאַן? לאָטע ציט אויס די ליידיקע האַנט צום אַש־בעכער, קוועטשט אים — אויף — נישט אויס — און פֿירט אים צו צום מויל. זי רייכערט, — דאָס הייסט: אַרום און אַרום פֿון דער לופֿט קומען אָנצופֿליען שיינע, רונדע קרייזלעך רויך און לאָטעס רונדן מויל אַריין. פֿון אַש־בעכער פֿליט אַרויס דער אַש, זעצט זיך אַוועק פֿאָרנט אויפֿן פֿייער, און דער פּאַפּיראָס ווערט וואָס אַמאָל לענגער און לענגער. לסוף באַקומט ער זיין אורשפּרינגלעכע גרייס, דאַן פֿליט־צו אַ ברענענדיק שוועבעלע פֿון דער פּאָדלאָגע און לעשט אים אויס. דאָס שוועבעלע רוקט לאָטע צו צום שאַכטל, רייבט אָן — און דער פֿלאַם פֿאַרשווינדט. דערנאָך מאַרשירט דער פּאַפּיראָס אָפּ אין איר ציגאַרנטאַש אַריין און דאָס שוועבעלע אין זיין שאַכטל אַריין און אַלץ איז אויס! — נו, קלוגע לאָטע, צי איז דאָס נישט כּישוף?

זי איז געזעסן שווייגנדיק, אָבער ער האָט עס נישט באַמערקט. ער האָט לאַכנדיק ווייטער געפּלוידערט.

— אָדער, לאָטע, איך עס, למשל, מאַקאַראָן. דער גאַנצער טעלער איז פֿול, כ׳נעם גאָפּל און לעפֿל און עס אויפֿן נעאַפּאָליטאַנישן שטייגער. איך כאַפּ זיי אָן מיטן גאָפּל, דריי זיי שיין

אַרום אין לעפל און לאָז זיי גלעם ווערן צווישן די ציין. ס'בלייבט גאָרנישט איבער, דער טעלער שטייט ליידיק און גלאַט — און איר ווייסט דאָך, אַז כ'האָב זייער ליב מאַקאַראָן.

אַזוי, איצט וועלן מיר איבערדרייען דעם פילם. אָט שטייט דער ליידיקער טעלער און איך נעם צו דעם גאָפּל צום מויל. ער קומט צוריק, פול מיט מאַקאַראָן. איך וויקל זיי אָפּ און לייג אַריין אין לעפל, דעם גאָפּל לאָז איך אַראָפּ אויפן טעלער, דערנאָך לייג איך אים ווידער אַריין אַ ליידיקן אין די ליפּן און טראָג אַרויס אַ נייע פּאָרציע. — נישט עסטעטיש? — אָבער קיין שפּור נישט אפילו! מיין מאַקאַראָן איז אַזוי ריין און באַטעמט, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט צעקייעט און אַראָפּגעשלונגען געוואָרן. און לסוף זיץ איך ווידער פאַר מיין הויכן טעלער מיט מאַקאַראָן — וועלכן כ'האָב דאָך שוין לאַנג אויפגעגעסן.

אָבער דאָס זענען קליינע שפּילערייען, לאָטע, וועלכע מיר קענען זיך מאַכן איטלעכן טאָג! לאָמיר איצט ווערן אַ ביסל אומבאַשיידענער. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ קינעמאַטאָגראַף באַגלייט אייך דאָס גאַנצע לעבן. ער איז ממש קעניגלעך באַצאָלט דורך אייער פאָטער, וועלכער וויל, אַז דאָס לעבן פון זיין איינציקער טאָכטער זאָל בלייבן אויפבאַהאַלטן אין בילד פאַר די שפּעטערדיקע דורות. דערדאָזיקער מענטש געפינט זיך תמיד לעבן אייך! און ווען ער ווערט מיד, פאַרטרעט אים זיינס אַ וויצע-רעזערוו. אַלזאָ: די אַמאָליקע באַראָנעסע קילבעק, דאַמאָלס אָבער — אַ שרעק — פּשוט פרוי ליודמילאַ לעווי באַשענקט איר זיגפרידן מיט דעם דערוואַרטעטן קינד. צוויי דאָקטוירים און איין הייבאַם נעמען עס אָפּ און די פיינע פרוי ליודמילאַ פילט זיך כלל נישט גוט דערביי און שווערט שטילערהייט, אַז דאָס איז זיכער דאָס ערשטע און לעצטע מאָל. אָבער לאָמיר וואַקסט אונטער, ווערט אַ מיידעלע, און אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, אַ פרייליין און אַ יונג ווייבל. דערנאָך אַן עלטערע פרוי און צום סוף אַ גאַנץ אַלטעטשקע, ביז זי שטאַרבט און ווערט באַגראָבן — ניין, ווערט פאַרברענט, נישט אמת? אָך, לאָטע, דאָס וואָלט געווען אַ שיינער און אינטערע-

סאָנטער פילם, און די ליבע קומענדיקע דורות וואָלטן זיך געקענט דערוויסן פֿלערליי פֿיינע זאַכן.

איך אָבער, לאָטע, וואָס כ'האָב בדעה אייך איבערצולעבן מיט צוואַנציק יאָר, וועל נעמען דעם פילם און לאָז לאָטען לעבן אויף צוריק. פון דעם אַש, צוויבער־לאָטע, אַנטשטייט אין פייער אַן אמתער קערפּער, אַ רעכט אַלטער, קרומער, פאַרקוואַרטשטער טאַקע, אָבער דאָך אַ מענטשלעכער קערפּער. און פון דער טויטער ווערט אַ לעבעדיקע, און פון דער גרייזגרויער אַן אַלטע פרוי. פון דער אַלטער פרוי ווערט אַ יונגע, און פון דער יונגער פרוי — אַ מיידל, אַ קינד און אַ וויגקינד. און ווידער שטייען די דריי קלוגע לייט לעבן דער פרוי ליודמילאַס בעט, אָבער זיי נעמען שוין נישט אָפּ קיין לאָטע! דער הער מעדיצינאַלראַט דערלאַנגט צוריק דאָס פּריש־געבאָדענע באָבעלע דער אַקושערקע, און די וואַשט עס אַרום: דאַן ווערט עס שמוציק. און דערנאָך נעמט זי עס ווי־דער — — און לאָטע קריכט ווידער אַריין אין דער מוטערס בויך, פונוואַנען זי איז אַמאָל אַרויסגעקומען.

און לאָטע איז אַוועק, נעלם געוואָרן, ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען!

אָך, צי קען מען דען נאָך בעסער ad oculos דעמאָנ־סטרירן, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז נאָר איין גרויסער שקר?

זי האָט אים אָנגעקוקט, אירע שמאָלע ליפּן האָבן זיך פאַר־צויגן.

— איר זענט אַ ווילער בחור — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך האָט זי זיך שנעל אויפגעהויבן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אַ מחשבה פאַרטרייבן.

— קומט — האָט זי פאַרגעזעצט — לאָמיר גיין.

אָבער ער האָט זי געבעטן:

— אָך, לאָטע, נאָך איין נומער בלויז. איינעם, כ'בעט דיך! יאָ? דערנאָך וועל איך שוין טון אַלץ, וואָס איר וועט וועלן!

זי האָט אָפּגעזיפצט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. זי האָט

אראָפּגענומען איר הוט און אָװעקגעמאַכט די רויטברוינע האָר פון שטערן — זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַז ער זאָל נישט קענען זען איר פּנים און געקוקט אויפן עולם.

די לאַנגע הפסקה האָט זיך געענדיקט, דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן, אויפן װײסן לײװנט האָט געבלישטשעט דער נאָמען פון נאָנטסטן פּילם: שלאַנגען-פאַנג אויף יאַװאַ.

דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט אַ געװעלב אין באַטאַװיע; אַ שיין מיידל פון ליפּלאַ-שבט האָט פאַרגעלייגט אַ װײסן העַר אי״ע סחורות — אויסאַרבעטונגען פון שלאַנגענהויט. דער העַר האָט גרויס חשק אַלץ צו קויפן: ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ פּאָרטמאָנעטקע, אַ בריוו-טיקע, אַ פּאָרטפעל, עטלעכע בייטשן, שטעקנס און אַ פּאָר באַחנטע קליינע לעטשלעך. דאָס איז זיכער געװען אַ זייער פיינער העַר, ער האָט זיך כּלל נישט געפרעגט אויף דער פּרייז פון די איינצלנע זאַכן, האָט זיך נאָר געהייסן די גאַנצע סומע אויפגעבן, אַרויסגעצויגן אַ טשעק-ביכל און איר אויסגעשטעלט אַ טשעק. דערנאָך האָט ער איר אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון זיין האָטעל, העפלעך זיך פאַרנייגט און אַװעקגעגאַנגען.

— איצט, לאָטע, װעלן מיר זען װי די אַלע שיינע זאַכן װערן אויסגעאַרבעט — האָט געשעפּטשעט פראַנק ברוין.

אַ װיילע איז געװען פינסטער, דערנאָך האָט אויפגעלויכטן אַן אַנדער בילד. מאַלאַיער האָבן דורכגעשלייכט אַ װאַלד-לאַנקע פון די דזשונגלעס, גייענדיק צו צװייװייז, האָבן געקלאַפּט מיט גרויסע שטעקנס אין הויכן גראָז, כּדי די שלאַנגען איבערצושרעקן און אַרויסנאַרן. דערנאָך האָבן זיי געפונען איינעם און זיך אַ װאָרף געטון אויף אים װי די קעץ. איינער האָט פּאַרטויבט דעם פּיטאָן מיט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, דער אַנדערער האָט אים פאַרװאָרפן אַ פּעטליע אויפן האַלדז און זי פעסט צוגעצויגן. דערנאָך האָבן זיי פאַרזיכטיק אויפגעהויבן די שפּאָרעװדיקע, צװיי-מעטער לאַנגע חיה און זי אַװעקגעטראָגן צו אַ גרויסן קויש. באַלד האָבן זיי אויך געפונען אַ צװייטן עגלעכן שלאַנג; אַנדערע יונגען האָבן געבראַכט נאָך אַ סך. זיי האָבן געפאַנגען זיבן פּאַרביקע,

הערלעכע פיטאָנען. זיי האָבן אַרומגעבונדן דעם קיש, אָנגעלאָדן אים אויף אַ שטאַרק אייזל און אַוועקגעגאַנגען.

ווידער איז געוואָרן פינסטער אויף אַ רגע. ער האָט דערפילט לאָטעס לייכטן אָטעם נאָענט לעבן זיין אויער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער שוין האָט אויפגעלויכטן אַ ניי בילד.

אַ הויף, רעכטס אַ באַמבוס-ביידל פון די אַרטיקע. אינמיטן הויף אַ גרויס געשטעל, דערויף זענען געהאַנגען אָן באַוועגונג, אָנגעבונדן באַ די האַלדזער, זיבן שלאַנגען; און זייערע ווידלען האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. אָבער זיי האָבן געלעבט, איינער פון זיי — דער צווייטער אין דער ריי לינקס — האָט אויפגעהויבן דעם ווידל, האָט אַרויפגעקלעטערט אויף זיך גופא אינדערהייך, אַריבערגעדרייט זיך און זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ שטאַרקן קניפּ אויבן אַרום געשטעל. נאָכדעם זענען אָנגעקומען אַ פּאָר כאַלאַטשע יונגען, דאָס זענען געווען דיזעלבע, וועלכע האָבן פריער אין וואַלד געכאַפּט דעם ערשטן פּיטאָן. איינער האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ לאַנג מעסער, און ער איז דערמיט צוגעטרעטן צום געשטעל און זיך דערנענטערט צו איינעם פון די שלאַנגען. ער האָט געמאַכט אַ קרייזשניט אַרום דעם האַלדז און אַ צווייטן פון האַלדז ביז אַראָפּ צום שפּיץ פון ווידל. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס מעסער אין מויל אַריין און אַריינגעשטעקט אַלע פינגער אין דער קיילעכדיקער וווּנד, און בשעת צוויי אַנדערע האָבן די חיה אָנגעכאַפּט באַם ווידל, זי אויסגעגלייכט און פעסט צוגעהאַלטן, האָט ער דערווייל אַראָפּגעצויגן מיטן גאַנצן כּוח די שטאַרקע הויט פון שלאַנגס לייב.

ער איז שנעל צוגעטרעטן צום צווייטן שלאַנג און צום דריטן, אין עטלעכע מינוט אַרום זענען שוין די זעקס שלאַנגען געווען אָפּגעשונדן. נאָר דעם לעצטן, וועלכער איז געהאָנגען פאַרוויקלט אין אַ קניפּ אויבן אויפן געשטעל, האָבן זיי דאָרט געלאָזט הענגען.

און איצט ערשט איז אַריין לעבן אין דידאָזיקע זעקס שלאַנגישע לייבער. זיי האָבן אויסגעזען אויפן בילד שניי-ווייס, האָבן געבליטשעט מיט אומפאַרגלייכלעכער ווייסקייט. די ריזי-

קע מוסקולן פון די חיות האָבן געאַרבעט אין דעם פאַמעלעכדיקן גסיסה-געראַנגל. זיי האָבן זיך געקאָרטשעט, געדרייט, און אויסגעזען, ווי די שלאַנקע, געדרייטע מירמלנע זיילן, וואָס מ׳זעט אין מויריטאַנישע פּאַלאַצן.

זעקס נאַקעטע, אָפּגעשונדענע, שניי-ווייסע שלאַנגען-לייבער —

די מאַלאַיער זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט, האָבן גענומען די הויטן און זיי אָנגעהויבן רייניקן. אָבער ער האָט נישט געקוקט אַהין דאָרט אויף דעם, וואָס זיי האָבן געטון, ער האָט נאָר געקוקט אויף די זעקס לעבעדיקע שלאַנגען-לייבער, וועלכע האָבן זיך געוויקלט אין געדרייטע מירמלנע זיילן —

— איינמאָל — בשעת ער איז געווען סעקונדאַנער, איז ער צוגעגאַנגען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן צו דער שטייג מיט די מאַלפּעס. פינף קינדער, יונגלעך און מיידלעך, זענען דאָרט געשטאַנען פאַר די קראַטן און געלאַכט. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און געזען, ווי זיי האָבן אַריינגעוואָרפן צו די מאַלפּעס קליינע זשאַבעלעך. און די מאַלפּעס האָבן געכאַפּט די צאַפּלדיקע זשאַבעלעך און פון זיי לעבעדיקערהייט די הויט אַראָפּגעצויגן. דאָס איז געווען זייער אַמוזאַנט, און די קינדער האָבן דאָן דעריבער אַזוי געלאַכט און געפרייט זיך. דאַן האָט ער אָנגעהויבן שלאָגן מיטן שטעקן די מאַלפּעס אַזוי, אַז זיי האָבן אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט זייער רויב פון די לאַפּעס. ער האָט אַרויסגעשאַרט מיטן שטעקן די צעטרייבערטע זשאַבעס פון דער שטייג און זיי גענומען צעטרעטן אין גרויס רציחה און פּחד מיטן האַרטן קנאַפּל. און דערנאָך איז ער אָנגעפאַלן אויף די קינדער — אָ, ער דערמאַנט זיך גאַנץ גוט, ווי יעדער שטאַרקער פאַטש, וואָס ער האָט אַרום זיך די קינדער דערלאַנגט, האָט אים פאַרשאַפט אַ שטאַרק פאַרגעניגן, און דער טעמפּער דערשטיקנדיקער דריק, וואָס האָט אים אין האַלדז און אין קעל געפּרעסט, איז ביסלעכוויין מיט דידאָזיקע קלעפּ פאַרשוונדן.

— איצט האָט ער ווידער געטראַכט וועגן דעם —

דאָ אָבער האָט ער קיינעם נישט געקענט שלאָגן. דאָס, וואָס ער האָט געזען, איז געווען בלויז אַ בילד, בלויז אַ בילד.

און ס׳איז קיין זאַך נישט געווען, וואָס זאָל אים באַפרייען און לאָזן פרייער אָפּאָטעמען.

און דאָס בילד, אין וועלכן ער האָט זיך איינגעקוקט, איז געווען שיין, וווּנדערבאַר שיין. זעקס פּרעכטיקע, ווייסע, מירמלנע זיילן.

און זיי האָבן געלעבט —

דאָס איז געווען שרעקלעך — שרעקלעך —

און אַזוי שיין —

איר הייסע האַנט האָט זיך געלייגט אויף זיינע, ער האָט געפילט, אַז איר גריבער בליק רוט אויף אים. און דער־דאָזיקער בליק האָט דורכגעדרונגען די פינסטערניש און זיין שאַרבן. איז אַריין אין זיין געהירן און זיך אָנגעטרונקען מיט דעם אַלעם, וואָס זיין נשמה האָט געפילט אין דאָזיקן אויגנבליק —

איר קליין הענטל האָט געגלעט זיינע באַקן, זי האָט לייכט באַרירט זיין אויער, און אירע פינגער זענען אַרומגעפאָרן מיט אומענדלעכער צאַרטקייט אַרום זיין האַלדז. און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אָנגעכאַפּט די אָפענע הויט און זי אַראָפּגעצויגן, ווי ער אַליין וואָלט דאָרטן געהאָנגען אויפן געשטעל, אַ נאַקעטער, ווייסער פּיטאָן־שלאַנג, וועלכער האָט זיך געוויקלט און פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן מירמלנעם זייל.

זיינע ציין האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיינע ליפּן, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן —

* *

*

אין זאַל איז געוואָרן ליכטיק; זיי זענען אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. פאַר דער טיר האָט ער זי אַ פרעג געטון:

— דו ביסט שוין אַמאָל דאָ געווען?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אין דעם, אַלזאָ, איז עס דיר געגאַנגען? — האָט ער געפרעגט. און זי האָט ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי האָבן געשפּאַנט דורך אַ שמאָל געסל צום קאַנאַל־צו.

— דער פילם איז פון פאָטע — האָט זי שטיל געזאָגט — אין דערזעלבער צייט לויפט ער איצט יעדן אָוונט אין טויזנטער שטעט און הונדערטער טויזנטער מענטשן זען אים, קוקן אויף אים — ווי זיי קוקן אויף יעדן אַנדערן. איך אָבער האָב געוווסט — —

זי האָט אָפּגעהאַקט, האָט אַוועקגעקוקט אין אַ זייט, צופּנדיק דאָס זיידענע טיכל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— דעריבער האָב איך דיך געפירט אַהער.

— און — ? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך קורץ צעלאַכט.

— אָ, ס'איז שוין גוט אַזוי. איך בין צופרידן.

ער האָט הויך אַ רוף געטון אין דער נאַכט:

— גאַנדאָלע! גאַנדאָלע!

זיי האָבן זיך אַרייַנגעזעצט, זענען שווייַגנדיק געפאָרן דורך די גאַסן פון ווענעציע. דאָס זומערדיקע, פאַרעיפּושטע וואַסער פון די קאַנאַלן האָט געשטונקען, דיקער שמוץ איז אַרומגעשווומען אומעטום. מיקן און נאַכטפלעדערלעך האָבן אַרומגעשוועבט אין אויסגעהייערע מענגעס און ווי פייגע תכריכים צוגעדעקט די אויבערפלאַך פון וואַסער. הויך פוןביידע זייטן האָבן זיך דערהויבן די פּאַלאַצן, געלויכטן ווי נאַקעטע טויטנשאַרבנס אין טריבן שייַן פון די לאָמפּערנס. פרעכטיקע פּאַסאַדן, וואָס בייטאָג זעען זיי בלומרשט אויס, ווי זיי אָטעמען מיט לעבן. אָבער איצט בליקט אַרויס פון טויזנטער טויטע אויגן זייער שמוציקע פּוסטקייט, איצט שפּירעט אַרויס די צייַן די פאַרעיפּושטע חורבה פון אַמאָליקער פּראַכט, וועלכע דער וואָרעם האָט שוין לאַנג צעפרעסן.

און ער האָט באַזיך געטראַכט, אַז ווענעציע איז איין ריזיקע

נבלה. דער גוף איז שוין לאַנג פאַרפוילט, נאָר די האַרטע ריפּן און ביינער שטאַרצן נאָך הארט אַרויס. דאָ און דאָרטן צעבראָכן, אָפּגעגריזשעט, צעמאַרשט און צעפּרעסן, אָבער דאָך האַלטן זיי זיך. און זיי שווימען אַרום אין דעמדאָזיקן טויטן, ריזיקן גוף, גליטשן זיך קלאַנגלאַז איבער זיינע פאַרפוילטע אָדערן.

אַ געריך פון פוילעניש האָט זיך אויסגעטיילט פון די שטי־קער פון דעמדאָזיקן לייב און אויסגעהויכט זיין פאַרסמטן פיבער אין דער נאַכט אריין. דיקע עכברים האָבן דורכגעשלייכט לענג־אויס די מויערן, זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און זיך אונ־טערגעטויקט צווישן די דרענגלעך פון די גאַנדאָלעס. עקלהאַפטע נבלהשע ראַבעס אַנטלויפן זייטיק איבער די אויסגעבראָכענע טרעפּ, גרויסע שוואַרצע הונדערטפיסיקע קריכן אַרויס פון זייערע לעכער.

לאַנג איז שוין אויסגעפרעסן דער מוח און דאָס האַרץ און די אַמאָליקע אַטעמענדיקע לונגען. ווי מאָדן ווילען נאָך די מענטשן אין דערדאָזיקער פאַרעיפּושטער נבלה, וואָס איר מאָדנ־דיקער לאָקט פונוויטנס אַלץ אהער־צו —

עפּעס אַ גאַנדאָלע איז זיי אַקעגנגעקומען, אַ שוואַרצער, שווימענדיקער אָרון, ווי אַלע אַנדערע. נאָר דער איז געווען אַ געדעקטער, און אונטער דעם שוואַרצן באַלדאַכין איז געזעסן ענג געטוליעט צו זיך עפּעס אַ יונגע פּאָר.

— חתונה־לייט — האָט ער געטראַכט — אַ פּאָרל, ווי טויזנט אַנדערע, וואָס שווימען אַרום יאָר־איין, יאָר־אויס איבער די לאַגונעס.

האָט עס נישט אויסגעזען, ווי די פּרוכפּערונגס־תאווה פון די רמשים וואָלט הייסער געוואָרן אין דערדאָזיקער לופט, וואָס האָט געשוואַנגערט מיט עיפּוש?

אין דער זעלבער רגע האָט ער דערשפּירט איר האַנט. זי איז געווען פייכט און זייער קאַלט, אָבער אָט די קעלט האָט אים דורכגעברענט זיין לייב.

און זי האָט געזאָגט:

— פראַנק ברוין, איך וויל אַ קינד האָבן.

איר שטים האָט געציטערט; זי האָט אַ קוק געטון אויף
אים, און אירע אויגן האָבן געגליט מיט אַ זעלטענעם, גרינלעכן
פייערל.

— פון דיר! — האָט זי צוגעגעבן —

ס ו ף